ברעזיוו איז געווען אַ פּאָוויאַט־שטאָט און צו איר האָבן געהערט בערך 70 דערפֿער און שטעטלעך, צווישן זיי דינאָוו, יאַשניצע, דאָמבראָדז א. א. בעת די וואַלן צום פּוילישן "סיים" איינמאָל אין עטליכע יאָר, איז דאָס לאַנד געטיילט געוואָרן אויף פֿאַרשידענע וואַל־קרייזן און יעדער קרייז האָט אויס־געוויילט אייניקע דעפּוטאַטן. ברעזיוו האָט געהערט צום פּשעמישלער וואַל־קרייז. אַדמיניסטראַטיוו האָט ברעזיוו גע־הערט צו דער לעמבערגער "וואָיעוואָדסטווע".

הגם געציילטע דערפֿער אין ברעזיווער פּאָוויאַט זענען געווען באַזעצט פֿון אוקראַינער, אין דער שטאָט גופֿא און אין דער איבערוויגענדער מערהייט פֿון די ישובים אין דער אומגעבונג, איז די באַפֿעלקערונג געווען, אַ ריין פּוילישע.

צוליב אינערלעכע פּאָליטישע סיבות, האָט די פּוילישע מאַכט צוגעשלאָסן עטליכע פּאָוויאַטן מיט אַ ריין פּוילישער באַפֿעלקערונג צו דער לעמבערגער וואָיעוואָדסטווע, וועלכע האָט געציילט אַ גרויסע צאָל אוקראַינער — און דאָס כּדי צו פֿאַרשטאַרקן דאָרט די פּוילישע השפּעה.

אגב, אויך די עסטרייכישע מאָנאַרכיע, וועלכע האָט גע־הערשט אין גאַליציען איידער פּוילן איז ענטשטאַנען, האָט אויך אויפֿן זעלבן אופֿן געטיילט דעם ראַיאָן און צוליב ענליכע סיבות, ווייל אויך עסטרייך איז געווען פֿאַראינטערעסירט צו הערשן איבער אַ געמישטער באַפֿעלקערונג מיט געגנ־געזעצטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וועלכע נייטראַליזירן איינע די אַנדערע.

דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס און כּמעט ווי נישט באַקאַנט. די צאָל איינוואוינער דערין איז געווען אַ 6—5 טויזנט און דער פּראָצענט יידן דערינטער איז געווען פֿאַר־העלטנמעסיק אַ נידעריקער אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע. ווי געשאַצט האָט די יידישע קהילה אין ברעזיוו געציילט בערך 1300 נפֿשות (ש. בראַונ־שטיין אין זיין בוך (אין פּויליש) "די יידישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן צווישן ביידע וועלט מלחמות" — גיט אָן, דאָס אין יאָר 1931 זענען אין ברעזיוו געווען 1031 נפֿשות).

איינע פֿון די סיבות וואָס ברעזיוו איז נישט געווען באַקאַנט אויסערהאַלב דער נאָענטער סביבה, איז געווען דערפֿאַר, ווייל ס׳איז נישט געווען דאָרט קיין באַן־ליניע.

פֿון ברעזיוו קיין מזרח און דרום פּוילן, איז מען געפֿאָרן דורך דער באַן סטאַציע אין סאַניק, און קיין מערב און צפֿון — פֿון דער סטאַציע אין רימאַנאָוו, ביידע אַ מרחק פֿון 20 ק״מ אונגעפֿער.

יעדן טאָג גאַנץ פֿרי, פֿלעגן אַרויספֿאָרן בעלי עגלות מיט פֿערד און וואָגן און געפֿירט פּאַסאַזשירן צו די ביידע סטאַציעס און פֿאַרנאַכט זענען זיי צוריקגעקומען. פֿון סאַניק פֿלעגן סוחרים אויך באַשטעלן סחורה און די וועגן זענען צוריק־געקומען געלאַדנט מיט פּראַכט.

אין די לעצטע יאָרן פֿאַר די קריג איז אויך געווען אַ מאָטאָריזירטע קאָמוניקאַציע. קיין סאַניק איז אַרויסגעפֿאָרן יעדן טאָג אַהין און צוריק, אַן׳אויטאָבוס און קיין רימאַנאָוו אַ טעקסי. לאַסט, האָט מען ווייטער געפֿירט מיט פֿערד און וואָגן.

אויף דער אַדרעס פֿון די בריוו קיין ברעזיוו האָט מען באַצייכנט: ברעזיוו ביי סאַניק, "קליין פּוילן" — ווי מען האָט גערופֿן גאַליציע.

די שטעטישע ענינים אין מאַגיסטראַט זענען געפֿירט געוואָרן דורך עטליכע פּוילישע איינגעזעסענע איינפֿלוסרייכע משפּחות — "מיעשטשאַנעס" און פֿון צווישן די דאָזיקע מיוחס־דיקע פּוילישע משפּחות איז געוועלט געוואָרן דער בירגער־מייסטער פֿון שטאָט. צום שטאָט־ראַט זענען געוועלט געוואָרן אויך יידן.

די באַלייכטונג אין שטעטל איז געווען דורך פּשוטע נאַפֿט־לאָמפּן. אין פֿאַרמעגליכע הייזער און אין עפֿנטליכע פּלעצער זענען געווען ספּעציעלע נאַפֿט לאָמפּן מיט אַ קייליכ־דיקן קנויט, וועלכע מען האָט גערופֿן "בליץ לאָמפּן".

אין די קלויזן און בית מדרש פֿלעגט מען ביינאַכט צוטיילן די לערנער, ליכט, און זיי זענען געזעסן ביי די ספֿרים האַלטנדיק אַ ברענענדיק ליכט אין דער האַנט.

אין יאָר 1928 איז אַריינגעבראַכט געוואָרן קיין ברעזיוו עלעקטרישער שטראָם, און דאָס איז מן הסתּם געווען איינס פֿון די הויפּט־געשעענישן אין דער געשיכטע פֿון שטעטל.

אין ברעזיוו זענען נישט געווען קיין אינדוסטרי אונטער־נעמונגען און קיין מיליטער קאַסערנען. די שטעטלישע יידן, אויסער די פּראָפֿעסיאָנעלע אינטעליגענץ און כּלי קודש, האָבן זיך מפֿרנס געווען פֿון מסחר, קליין האנדל און מלאכה, צו־שטעלנדיק די באַדערפֿענישן פֿון די פּויערן אין די אַרומיקע דערפֿער.


זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסע דאָרפֿישע באַפֿעל־קערונג, וואָס איר לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָדוקציע האָט פֿיל איבערגעשטיגן די לאָקאַלע באַדערפֿענישן, האָבן אייניקע סוחרים זיך פֿאַרנומען מיט אַוועקשיקן די פּראָדוקטן אויסער דעם שטעטל, הויפּטזעכליך קיין קאַטאָוויץ און פֿון דאָרט

זענען זיי עקספּאָרטירט געוואָרן אין די מערבדיקע אינ־דוסטריעלע לענדער. די פּוילישע אייַנוואוינער זענען געווען מוניציפּאַלע און רעגירונגס באַאַמטע, לערער אין די פאָלקס שולן און גימנאַזיום, האַנטווערקער, אַקאַדעמישע באַרופן און אויך זיך מפרנס געווען פון לאַנדווירטשאַפט.

אין די 30־קער יאָרן מיטן שטייגן פון אַנטעסעמיטיזם און פּראָקלאַמירן אַ בויקאָט אויף יידישע געשעפטן, האָבן די פּאָליאַקן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מסחר, באַקומענדיק שטיצע פון פאַרשידענע אַנשטאַלטן און "פּאַטריאָטישע" קרייזן.

אין די אַרומיקע דערפער זענען געווען אַ קליינע צאָל יידן, איינצלנע משפחות אין אַ דאָרף, און זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט דער קהילה אין שטעטל, וועלכע האָט צוגע־שטעלט זייערע רעליגיעזע באַדערפעניש.

כמעט אין אַלע דערפער זענען געווען מנינים צו די שבת־דיקע און יום־טובדיקע תפילות, וואָס פלעגן פאָרקומען אין הויז פון איינעם פון די מתפללים. פון די דערפער אין וועלכע ס'איז שווער געווען צוזאַמענצושטעלן אַ מנין, פלעגן אַלע מענער אָנהויבנדיק פון בר־מצוה עלטער, קומען פאַר יום־טוב, ספּעציעל פאַר די ימים נוראים, אין שטאָט אַריין, געבליבן




ברעזעווער פּאָוויאַט — אַדמיניסטראַטיווע מאַפּע

דאָרט איבער יום־טוב, כדי צו דאַווענען אין איינעם פון די בתי תפילה.

בעת דער עסט־רייכישער הערשאַפט, איז די יידישע קהילה, ווי מען האָט זי דעמלט גערופן "קולטוס־געמיינדע", געווען אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע מיט אויטאָנאָמישע קאָמפּעטענץ אויפן רעליגיעזן און קולטורעלן געביט. די עסטרייכישע מאָנאַרכיע האָט געגעבן די עטנישע מינדערהייטן אין אירע גרעניצן, פאַרשידענע רעכט אויפן געביט פון רעליגיעזן קולט, אַלס פאַרגיטיקונג פאַר די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַגרעניצונגען.

אויך אין פוילנס צייטן איז די יידישע קהילה געווען אָפיציעל אַנערקענט דורך די מאַכט, אירע רעכט זענען געווען פאַראַנקערט אין די געזעצן פון דער מדינה. דער קהילה־ראַט איז געוועלט געוואָרן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן און די ראַט־מענער האָבן אויסגעוועלט פון צווישן זיך דעם ראש הקהל. אַלע אָנגעהעריקע צום יידישן גלויבן, האָבן אָנגעהערט צו דער קהילה און זענען געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן אירע שטייערן, וועלכע זענען געזעצלעך אויפגעמאָנט געוואָרן, צוגלייך ווי די מוניציפּאַלע שטייערן.

בעת די וואַלן צום קהילה־ראַט אין די צוואַנציקער יאָרן,



מאַפּע פון צענטראַל־גאַליציע

די מאַפּע איז פון נאָך דער צווייטער וועלט קריג. די גרעניץ ביי פּשעמישל איז פון נאָכן אַנעקסירן מזרח גאַליציע (היינט מערב אוקראינע) צו סאָוויעט־רוסלאַנד.

האָט זיך געפירט אַ קאַמף צווישן פאַרשידענע חסידישע גרופּן, וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט אין צוויי הויפּט לאַגערן: ריזשינער חסידים וועלכע מען האָט גערופן "קלויזניקעס", ווייל זיי האָבן געדאַוונט אין די קלויזן סאַדיגורע, טשאָרטקאָוו און באיאַן, און פון דער אַנדערער זייט די חסידים פון די גאַליציעשע רביים ווי דינאוו, סאָנדז, בוקאָווסק א. א. וועלכע האָבן געדאַוונט אין בית מדרש און מען האָט זיי גערופן "בית מדרשניקעס", יעדער צד האָט געהאַט זיין אייגענעם רב.

אין די שפּעטערע יאָרן ווען דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין און די פּאַרטייען טעטיקייט, האָבן זיך אַנטוויקלט, האָבן זיך פאַרמאָסטן ביי די וואַלן, די ציוניסטישע באַוועגונג און די ארטאדאָקסישע פּאַרטיי — אגודת ישראל.

די קהילה טעטיקייט אין שטעטל איז געווען אַ גאַנץ באַגרעניצטע און האָט אַרומגענומען בלויז געוויסע רעליגיעזע באַדערפענישן ווי כשרע שחיטה, רבנות, אויפהאַלטן די מקווה און ס׳בית הקברות. (די טהרה און קבורה פון נפטר זענען אויסגעפירט געוואָרן פרייוויליק דורך דער "חברה קדישה").

די שוחטים האָבן נישט גענומען קיין געלט פון די וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט זייער שחיטה; זייער געהאַלט איז געצאָלט געוואָרן דורך דער קהילה, און די, האָט אויפגעמאָנט כ׳געלט, דורכן פאַרקויפן שחיטה צעטלעך.

די הויפּט־טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און ערציאונג איז געווען אויסער די ראַמען פון דער קהילה און איז געמאַכט געוואָרן דורך די פּאָליטישע באַוועגונגען און וואלאנטאַרע פאַראיינען.

אויך די סאָציאַלע און פילאַנטראָפּישע הילף איז געפירט געוואָרן אויף אַ וואלאנטאַרן אופן. ביי כראָניש קראַנקע, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין שטענדיקער אויפזיכט, פלעגן קומען יעדע נאַכט צוויי בחורים "נעכטיקן". זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קלויז אָדער צווישן שכנים, און פלעגן זיך טוישן לויט דער רייע. די בחורים זענען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביים קראַנקנס בעט, זיך אָפּגעגעבן מיט אים, דערלאַנגט וואָס מען דאַרף, און אַזוי אַרום ערמעגלעכט די מידע משפחה מענטשן, זיך אַביסל אויסרוען.

די מיטלען פון דער גמילות חסדים קאַסע, זענען געווען באַשיידן און אירע מעגליכקייטן באַגרעניצט, פּראָפּאָרציאנעל צו די גרויסע באַדערפענישן. די וואָס האָבן אמיינסטן געטון אויף דעם געביט, זענען געווען יחידים, וועלכע פלעגן באָרגן פון זייער געלט די אָרעמע קליינהענדלער, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין מזומן כדי איינצוקויפן סחורה צום מאַרק־טאָג. זיי האָבן געהאָלפן געדרוקטע סוחרים, וועלכע ס׳איז שווער אָנגעקומען צו באַצאָלן זייערע וועקסלען אין אַ באַשטימטן טערמין און ס׳האָט זיי געדראָט די וועקסלען זאָלן געשיקט ווערן צום "פּראָטעסט".

אָרגאַניזירטע סאָציאַלע הילף איז כמעט נישט געווען אין שטעטל. שטיצע דורך אַן־אינסטיטוציע, ווערט געווענלעך געגעבן נאָך אַ ווענדונג, און די לייטונג באַהאַנדלט צוערשט די ביטע און באַשטעטיקט זי, נאכהער ווערט אַלץ פאַרשריבן א. ז. וו. נאָר דער וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער סטיגמאַ פון אַ צדקה־נעמער קען דערפון גענוסן. דאַגעגן איז געווען אָנגענומען צדקה אין טראַדיציאנעלן זין, פון העלפן נויטבאַדערפטיקע, וועלכע האָבן אויס בושה צו קיינעם זיך נישט געווענדעט. דאָס איז געטון געוואָרן אויף אַ דיסקרעטן אופן מיט טאַקט, מייניסטנס אַנאנים, כדי נישט צו פאַרשעמען.

אַ פאַרשפּרייטער מנהג איז געווען דאָס צוויי יונגעלייט זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די בעלי בתים צוזאַמענעמען געלט אויף צדקה. קיינער האָט נישט געפרעגט אויף וואָספאַרע צוועק דאָס געלט איז באַשטימט און ווער עס וועט דערפון גענוסן. די זאַמלער אַליין האָבן עס נישט געוואוסט, זיי האָבן נאָר געקענט דעם וואָס האָט זיי געשיקט. פאַר די ימים טובים, באַזונדערס פאַר פסח, וואָס די הוצאות אויף צוגרייטן דעם יום טוב — זענען גרויסע, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע זאַמלונגען — "קמחא דפסחא", אָדער "מעות חיטין". אויך האָט מען באַשטייערט בעלי יכולת אויף האָלץ אויף ווינטער פאַר נויטבאַדערפטיקע. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן דיסקרעט, כדי נישט חלילה צו באַליידיקן די וועלכע האָבן דערפון גענאָסן.

כדאי צו דערמאַנען, אַ צדקה אינסטיטוציע פון אַן־אַנדערן סאָרט, וואָס איז געווען איינגעפירט אין פיל שטעטלעך: "אָפּפּארטיק געלט" — אַ סומע געלט וואָס די צדקה־גבאים פלעגן טיילן פאַר די פרעמדע הייזער־גייער, כדי זיי זאָלן מוותר זיין אויף זייערע "רעכט" צוזאַמענצונעמען נדבות.

היות ווי ביי יידן עגזיסטירט אַ כלל פון "כל הפושט יד — נותנים לו" האָבן זיך געמערט די פּראָפעסיאנעלע קבצנים, וועלכע פלעגן קומען מיט אייגענע פערד און וועגן פון ווייטע מקומות, האָבן געוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל, געגאַנגען איבער די הייזער, פארבלאָנדזעט אויך אין גויאישע הייזער, און דאָרט פלעגט מען אויף זיי אָנרייצן די הינט און זיי פאַרטרייבן מיט קללות און זידל־ווערטער, אַריינגעמענדיק אין כלל שוין אַלע "יידן־פּאַראַזיטן" א. ז. וו.

כדי אויסצומיידן בושות, איז איינגעפירט געוואָרן דער סיסטעם פון "אָפּפּארטיק געלט". גבאים האָבן צוזאַמענגענומען יעדע וואָך ביי אַלע איינוואוינער אַ סומע געלט כדי עס צוטיילן צווישן די וואַנדערענדע אָרימעלייט, וועלכע האָבן דערפאַר זיך פאַרפליכטעט, מער נישט צו גיין איבער די הייזער אין שטעטל.

דער דאָזיקער "אָבמאַך" האָט זיך געלוינט אויך פאַר די קבצנים, דען ער האָט זיי איינגעשפּאָרט צייט און מי, דורכצוגיין פון הויז צו הויז, און האָט ערמעגליכט דורכצופאָרן מערע שטעטלעך און אויך דאָרט באַקומען "אָפּפּארטיק געלט".

אויפן געביט פון אַלגעמיינער ערציאונג זענען געווען אין שטעטל צוויי עלעמענטאַר שולן, יעדע פון זיבן קלאַסן, איינע באַזונדעס פאַר יונגלעך און די אַנדערע פאַר מיידלעך. דאָס געזעץ פון "פאַרפליכטענדע עדוקאַציע" איז צוואַר איינגעפירט געוואָרן באַלד נאָך פוילנס אַנטשטיין, אָבער פון אָנפאַנג, האָבן פיל פרומע יידישע עלטערן זיך אַרויסגעדרייט פון שיקן די יונגלעך אין דער אַלגעמיינער שול, מורא האָבנדיק אַז די וועלטלעכע לימודים וועלן ביי זיי צונעמען די גאַנצע צייט און וועט זיי ברענגען צו ביטול תורה.

אין די שפּעטערע יאָרן, האָט די מאַכט שטרענג אויפגעפּאַסט אויף דער אויספירונג פון געזעץ און די לימודים אין שול האָבן אַרומגענומען אַלע תלמידים אין שטעטל.

די מיטל שול, די גימנאַזיום, איז אַנטשטאַנען נאָך אין די עסטרייכישע צייטן. צוליבן מאַנגל פון אַן־אַנטשפּרעכנדן בנין, זענען די קלאַסן געווען צושפּרייט און די לעקציעס האָבן זיך געפירט אין עטליכע בנינים, ווייט איינער פון אַנדערן. מיטן אויפשטעלן די נייע גימנאַזיע געביידע, זענען אַלע קלאַסן אַריבער אַהין. די צאָל יידישע שילער אין גימנאַזיום איז פון אָנפאַנג געווען אַ קליינע, אָבער טראָץ די שוועריקייטן וואָס די לייטונג האָט געלייגט אויף זייער וועג, איז די צאָל תלמידים געוואַקסן סוקצעסיוו, פון יאָר צו יאָר.

די יידישע ערציאונג איז נישט געווען אָרגאַניזירט; די "חדרים" זענען געווען פּריוואַטע און די עלטערן האָבן באַצאָלט דעם "שכר לימוד" די מלמדים. די העברעאישע שול — ווי מען האָט גערופן די העברעאישע לעקציעס פאַר דערוואַקסענע — זענען געגעבן געוואָרן דורך אַ לערער, וועלכער איז געברענגט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און זענען באַצאָלט געוואָרן דורך די שילער זעלבסט. אויך די אָרטאָדאָקסישע מיידל שול "בית יעקב", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער "אגודה", האָט זיך אויסגעהאַלטן פון שכר לימוד פון די עלטערן און שפּענדונגען פון די סימפּאַטיקער.

די יוגנט באַוועגונגען "גורדוניה", "השומר הדתי", "עקיבא" (אַלגעמיינע ציוניסטן), "צעירי אגודת ישראל" א. א., האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. זיי האָבן אָרגאַניזירט לעקציעס און פאָרטראַגן אויף פאַרשידענע טעמאַטן ווי יודאַיקאַ, יידישע געשיכטע, ארץ ישראל, ציוניזם, ליטעראַטור א. ז. וו.

די פאָרלעזונגען זענען געגעבן געוואָרן דורך אָרטיקע און אויסערליכע רעפערענטן. מען האָט אויך אָרגאַניזירט אַמאַטאָרן פאָרשטעלונגען און פון צייט צו צייט זענען געברענגט געוואָרן וואַנדערענדע טעאַטער טרופּן. אין שטעטל זענען אויך געווען צוויי עפנטליכע יידישע ביבליאָטעקן: איינע אין דער ציוניסטישער פאַראיין "בית יהודה" און די אַנדערע אין דעם פאַראיין א. נ. "י. ל. פרץ".

די ביבליאָטעקן האָבן אַנטהאַלטן פיל ביכער פון דער יידישער און העברעאישער קלאַסישער ליטעראַטור. אין די לעצטע יאָרן, האָבן די ביבליאָטעקן אַריינגעברענגט פיל ביכער אין דער פּוילישער שפּראַך, פון די שאַפונגען פון די פּוילישע שרייבער און איבערזעצונגען פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

די ביבליאָטעקן האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוגנט אין שטעטל און אין דער פאַרברייטערונג פון אירע האָריזאָנטן.

✡

די געשיכטע פון ברעזיוו, הייבט זיך אָן אין אָנפאַנג 14־טן יאָרהונדערט אַלס דאָרף. די געגנט אין וועלכער ברעזיוו געפינט זיך, האָט זיך, אין דער צייט פון דער פּויליש־ליטווישער מלוכה, גערופן "טשערוואָנאַ רוש" און האָט געהערט צום געביט וואָס האָט געהייסן "זשעמיאַ סאַנאָצקאַ".

אין יענער צייט האָט דער קעניג "קאַזשימיערזש דער גרויסער", אָנגעהויבן באַזעצן וויסטע שטחים כדי צו באַפעסטיקן די מלוכה גרעניצן. לויט ווי עס איז דעמלט געווען אָנגענומען, זענען נייע דערפער געגרינדעט געוואָרן אויף פאָלגענדן אופן: אַ באַקאַנטע פאַרדינסטפולע פּערזענלעכקייט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אונטערנעמער, און ער האָט פאַר אַן־אַנטשפּרעכנדן לוין, געברענגט פויערן, אָרגאַניזירט דעם ישוב און אים באַזעצט.

כדי דאָס אָרטשאַפט זאָל זיך קענען שנעל אַנטוויקלען, האָט דער קעניג באַפרייט די קאָלאָניסטן פון שטייערן, אָפּצאָלונגען און אַרבעט פאַרן קעניג — במשך 20 יאָר. עס געפינט זיך אַ דאָקומענט פון יאָר 1353 וועגן דער לאָקאַציע פון דאָרף בזשאָזאָוו. אויך די שכנותדיקע דערפער, דאַמראַדז און בליזנע, זענען אַנטשטאַנען אין זעלבן יאָר.

די נאָרוואָס געגרינדעטע דערפער אין דער געגנט, האָבן זיך גענויטיקט אין אַ שטעטל צו קענען דאָרט פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפן די נויטיקע סחורות. היות ווי אין דער אומגעגנט זענען נישט געווען קיין שטעט, האָבן די בישאָפן, צו וועלכע דאָס דאָרף בזשאָזאָוו האָט געהערט, גענומען עס פאַרוואַנדלען אין אַ שטעטל. איבער דער גענויער דאַטע, ווען דאָס דאָרף בזשאָזאָוו איז געוואָרן אַ שטעטל, געפונען זיך נישט קיין שום דאָקומענטן. אין יאָר 1403 ערשיינט נאָך אין די דאָקומענטן, בזשאזאוו אַלס דאָרף, און אין אַן־אָפיציעלן אַקט פון יאָר 1413 געפונען מיר שוין, דאָס דער מיליטער קאָמענדאַנט, זינדראַם, באַשטעטיקט, דאָס ער האָט באַקומען פון פּשעמישלער בישאָף, "אויפן גאַנצן לעבן", דאָס דאָרף פּשישיעדניצע נעבן דעם ש ט ע ט ל בזשאזאוו.

פאַר דעם פּלאַץ אויף אויפצובויען דאָס שטעטל, איז אויסגעוועלט געוואָרן דער מזרחדיקער שטח פון פריערדיקן דאָרף בזשאזאוו, ביי די גרעניצן פון דאָרף הומניסק. מען האָט אויסגעקליבן אַ שטח וואָס איז לייכט צו פאַרטיידיקן — אַ פלאַכער באָדן מיט אַ שיפּוע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צום טייך סטובניצאַ.

כדי צו אַנטוויקלען דעם האַנדל, איז אויסגעוועלט געוואָרן דאָס אָרט אויף אַ פּונקט, וואו עס קרייצן זיך די וועגן: 1) פון לוואָוו דורך פּשעמישל דינאוו, בזשאזאוו, רימאַנאוו — קיין אונגארן. 2) פון סאַנאָק דורך בזשאזאוו לענגאויס דעם טייך סטאבניצא, קיין דאמראדז, און ווייטער קיין זשעשאוו (ריישע) אָדער קראסנא.

עס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן די שטחים, און מען האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן אַ לענגליכן "רינק" און גאַסן, וואָס צווייגן זיך אָן פון אים. ביי דער זייט פון דעם שטעטישן געבוי, זענען נאָך געבליבן אין שטעטל אַלטע דאָרפישע געביידן אין דער צפון־מערבדיקער זייט, פון דער צייט ווען ס'איז נאָך געווען אַ דאָרף.

דאָס געוועזענע דאָרף בזשאזאוו האָט מען אָנגעהויבן רופן "סטאַראַ וויעש", וואָס איז פון אָנפאַנג געווען אַ פאָרשטאָט און דערנאָך געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיק דאָרף מיטן דאָזיקן נאָמען.

דאָס אָרטשאַפֿט א.נ. "בזשאזאוו" ערשיינט אין די דאָקו־מענטן, ווי געזאָגט, אין 14־טן יאָרהונדערט און דווקא אין די דאָקומענטן פון די שפּעטערע יאָרן, געפונט זיך דער נאָמען אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם ווי "ברעסען", בזשעזאוו, און עס געפונט זיך זאגאר אַ שטאָט־סטעמפּל פון יאָר 1775 מיט דער אויפשריפט "SIGILLUM CIVITATIS, BREZOW", ברעזאוו, ממש ווי מען האָט גערופן ס'שטעטל אין יידיש — ברעזיוו.

די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט שוץ־וואַלן און די פאָרשטעט אַרום, זענען גערופן געוואָרן לויט זייער פּאָ־זיציע צו די שוץ־וואַלן, אָדער לויט דעם באָדן־געבוי. די פאַרשטאָט "האראביק" וואָס באַדייטעט "אַ הארב", און אַ בערגל, "פאדוואַל" — באַדייטעט אונטער די וואַלן. דער נאָמען פון דער פאָרשטאט "בארקאווקע" קומט פון דעם לאַטיינישן וואָרט "פארקוס" — חזיר, ווייל דאָרט זענען גע־ווען די חזיר־שטאַלן פון די בישאָפן.

דאָס שטעטל איז געווען אַן־אייגנטום פון די בישאָפן און האָט זיי געדינט אַלס רעזידענץ אין פאַרלויף פון הונ־דערטער יאָרן. נאָך לאַנגע קאַמפן צו ווערן זעלבסטשטענדיק, האָט ס'שטעטל זיך ענטגילטיק באַפרייט פון דער קירכע העגעמאָניע, ערשט אין מיט 18־טן יאָרהונדערט.

✡

דאָס אויביקע היסטאָרישע מאַטעריאַל איז גענומען געוואָרן פון בוך, "זעקס הונדערט יאָר בזשאזאוו" אַרויסגעגעבן אין יאָר 1959 דורך דעם פוילישן קאָמיטעט צו באַצייכענען דאָס געשעעניש. וועגן יידן ווערט כמעט ווי נישט דערציילט אין דערמאַנטן בוך, אויסער די געשעענישן אין דער שואה. די דאָזיקע פראַגמענטן ברענגען מיר אין אַן־אנדער אָרט אין אונדזער בוך.

איבער די טעטיקייט פון יידן אין ברעזיוו במשך די דורות וואָס זיי זענען דאָרט געזעסן, איבער זייער ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון שטעטל — ווערט אין דעם בוך נישט דערמאַנט, אפילו מיט איין וואָרט.

עס ווערט דאָרט ציטירט אַ דאָקומענט פון יאָר 1748, אין וועלכן די גלחים עצהן דעם פּשעמישלער בישאָף נישט צו ערלויבן צו וואוינען אין שטעטל פאַר יידן, כופרים און סכיז־מאַטיקער (אָפּנויגער פון דער קירך), און נישט צו געבן זיי קיין צוטריט צום מסחר, אויסער אין ירידים און יאָר־מאַרקן. (ס'וואונדערט אונדז, דאָס די גלחים האָבן געמיינט, אַז די בישאָפן נויטיקן זיך אין אַזעלכע עצות).

טראָץ דער זעלבסשטענדיקייט פון שטעטל איז די השפּעה פון דער קירך, דערין, געווען אַ דאָמינאַנטע. די קירך איז אויך געווען אַן־אייגנטימערן פון גרויסע שטחים ערד און גיטער אין שטעטל און סביבה. די דאָזיקע ריזיקע פאַרמעגנס זענען געווען אין זייער באַזיץ ביז צום צווייטן וועלט־קריג.

אויף דער נאָענטער וואַלד מיט די הייל־קוואַלן און סאַנאַ־טוריומס פאַר די גלחים, האָבן געהערט צו דער קירכע און אין די דרייסיקער יאָרן האָבן מיר זיך נאָך דאָרט אַנגעשטויסן אויף שילדן, מיט דער אויפשריפט "פאַר יידן איז דער איינ־טריט פאַרבאָטן". פון דעם געזאָגטן קען מען זיך לייכט פאָר־שטעלן אַז אין דער צייט ווען דער קאַטוילישער קלער האָט דאָרט געהערשט, האָבן יידן נישט געהאַט קיין דריסת רגל אין שטעטל.

נאָך דער ערשטער צוטיילונג פון פוילן אין יאָר 1772, איז גאַליציע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון עסט־רייך. אין יאָר 1781, האָט דער קייזער יאָזעף דער צווייטער, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס ערלויבט פּראָטעסטאַנטן און אַנדערע קריסטליכע סעקטן — זיך צו באַזעצן, קויפן הייזער און פאַרמעגנס, ווי אויך איינצוטרעטן אין די "צעכן" (פאַר־שלאָסענע פאַרבאַנדן פון בעלי מלאכות), אין אַלע שטעט און דערפער. אין רעזולטאַט דערפון האָט אויך ברעזיוו אויפ־געהערט צו זיין אַ שטאָט בלויז פון איינוואוינער, אַנגעהעריקע צו אַן־איינהייטליכן גלויבן.

דאָס גענויע יאָר פון דעם אָנפאַנג פון יידישן ישוב אין ברעזיוו איז שווער פעסטצושטעלן, זייענדיק ווייט פון די אַרכיוון און היסטאָרישע אַקטן.

לויט ווי מען איז זיך משער האָבן יידן געלעבט אין די אַרומיקע דערפער, זענען געשטאַנען אין האַנדלס פאַרבינדונג מיטן שטעטל און האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין מאָמענט ווען די זאַך איז זיי ערמעגליכט געוואָרן. עס איז באַקאַנט אַז די פאַמיליע ווילנער, האָט געוואוינט מיט דורות צוריק אין דאָרף יאַטשמיר, און ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז זיי האָבן זיך דאָרט געפונען איידער ס'זענען געווען יידן אין שטעטל.

ס'זענען מן־הסתם געווען יידישע משפחות אויך אין אַנ־דערע דערפער אין דער סביבה אָבער היינט צו טאָג איז נישט מער מעגליך עס אויסצוגעפינען.

ר' אברהמלע רייך שיחי', דער זקן פון שטעטל, געדענקט, דאָס פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג האָט מען אין שטעטל געשאַצט לויט די מצבות, אַז דאָס אַלטע בית הקברות, עגזיס־טירט איבער הונדערט יאָר, ס'הייסט פון יאָר 1800 אונגעפער.

פון דער אַנדערער זייט קען מען מיט זיכערקייט פעסט־שטעלן, אַז יידן האָבן זיך נישט געקענט געפונען אין שטעטל פאַר 1781, דאָס יאָר, ווען ס'איז פאַרעפנטליכט געוואָרן דער אויבן־דערמאַנטער דעקרעט פון קייזער יאזעף דער צווייטער, וואָס ערלויבט, נישט־קאַטוילישע קריסטן זיך צו באַזעצן אין שטעטל. אַזוי ווי דער דעקרעט באַציט זיך נישט צו יידן, וועמענס רעכט זענען זיכער געווען קלענער ווי פון די קריסטן, קען מען אָננעמען, אַז עס האָט נאָך באַשטימט גע־דויערט אייניקע יאָר ביז די יידן האָבן זיך געקענט באַנוצן מיט דעם אויפגעפענטן טירל פון דעם נייעם מצב און אַריינ־געדרינגען אין שטעטל.

בסך הכל קענען מיר אָפּשאַצן, אַז דער יידישער ישוב אין ברעזיוו האָט זיך אָנגעהויבן אין ענדע 18־טן יאָרהונדערט, און פון זיין אַנטשטיין, ביז ער איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין דער שואה, האָט ער עגזיסטירט בערך 150 יאָר.

מענטשן פון שטעטל וועלכע איך האָב געקענט
(אַ בריוו)

מיין קוזין, ר׳ יואל ווילנער שיחי׳, דער זון פון ר׳ ישראל ווילנער ז״ל, איז געבוירן אין יאָר 1898 און איז אַוועק פון ברעזיוו קיין ווין אין יאָר 1915. ס׳איז אים געלונגען צו פאַר־לאָזן ווין, נאָכן אַריינמאַרש פון די נאַציס ימ״ש, איז אָנגעג־קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און וואוינט יעצט אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין דעם דאָזיקן בריוו ענטפערט מיר ר׳ יואל אויף מיינע פראַגן איבער מענטשן פון שטעטל, וועלכע ער געדענקט און דאָביי דערציילט ער אין קורצע ווערטער, איבער זיי. זיין ענפער ווערט געברענגט, ווי ער האָט עס געשריבן, אויסער אייניקע לייכטע אויסבעסערונגען.

א. ל.

☆

...ובכן, וועגן דעם אַלטן בית הקברות:

איך אַליין געדענק נישט ווען מען האָט עס געגוצט, אָבער כ׳בין זיך משער, אַז עס איז נאָך געווען טעטיק ווען איך בין געבוירן געוואָרן. איך ווייס, דאָס אונדזער עלטער־זיידע, ר׳ יהושעלע ז״ל, וועלכער האָט פאַרקויפט בראַנפן אין זיין "פראַפּינאַציע", ליגט אויפן אַלטן "בית עולם". אונדזער זיידע, ר׳ אברהמאַלע ווילנער ז״ל, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן "אברהמאַלע יאַטשמירער" וואָס איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1902, איז שוין באַהאַלטן אויפן נייעם בית הקברות, און "בין זיידע לזיידע" איז אַ דורך בערך 6 יאָר.

ר׳ שמשון שוחט ז״ל איז געווען דער שוחט ביי די "בית מדרש" מענטשן, ס׳הייסט פון סאַנדזער, בעלזער און בוקאָווסקער חסידים. די רוזשינער חסידים, די קלויז מענטשן, האָבן געהאַט אַ צווייטן שוחט — ר׳ יוסף גליקמאַן ז״ל און זיי פלעגן נישט עסן פון ר׳ שמשונס שחיטה, נישט דערפאַר ווייל זיי זענען געווען זיינע געגנער, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ זקן מופלג און מען האָט געזאָגט אַז זיינע הענט ציטערן שוין. פון דער שחיטה פון ר׳ דוד שוחט (לאַמפּין), וואָס איז געווען ר׳ שמשונס ממלא מקום — האָבן אַלע געגעסן. ר׳ דוד איז געווען אַ יונגערמאַן "אַ ברען", און אַן־אויסגעצייכנטער בעל תפילה מיט אַ פיינער שטימע.

ר׳ אהרן פינטשובסקי ז״ל איז געווען אַ מלמד מיט איין שטאַפּל העכער איבער ר׳ יעקב שלמה ז״ל, דער דרדקי מלמד. ר׳ אהרן איז געווען אויף דער זעלבער מדרגה ווי ר׳ משהלע יאַנקאַלעס (פייגנבוים) ז״ל — בייביידע האָט מען געלערנט חומש אין רש״י און פון זיי איז מען אַריבער צום גמרא און תוספות מלמד ר׳ יוסף בירנבוים, וועלכער איז געווען ר׳ אהרנס איידעם און מען האָט אים גערופן אויפן שווערס נאָמען — יוסף אהרנס.

יעצט וועל איך ברענגען אויך עטליכע פרטים איבער נאָך איין חשובן מענש, וואָס דו אברהם האָסט נישט באַוויזן אים צו קענען, ווייל ער איז נפטר געוואָרן אין דעם ערשטן וועלט קריג. די מלחמה האָט געברענגט מיט זיך אַ צומישונג אויף די וועלט און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ "דור הפלגה" — ווען נישט, וואָלט אַזאַ ייד נישט פאַרגעסן געוואָרן.

ס׳איז געווען אין ברעזיוו אַ ייד וועלכן מען האָט גערופן ר׳ ישראל אברהמאַלעס (ווילנער) אָדער ר׳ ישראל יואל הערץ׳ס — אויפן נאָמען פון זיין שווער — דאָס איז געווען מיין פאָטער ז״ל. זיין אהבת התורה איז נישט צום איבער־שרייבן. זיין גאַנץ לעבן איז געווען געווידמעט לימוד התורה און זיין התמדה איז געווען אָהן אַ שיעור. ער איז געזעסן אין טשאַרטקאָווער קלויז און געלערנט יומם ולילה. די עלטערן פון לייטישע בחורים, וועלכע האָבן געוואָלט אַז זייערע זין זאָלן זיין לומדים, האָבן זיי געשיקט צו ר׳ ישראל און איך האָב אויך געלערנט מיט זיי, ש״ס און פוסקים, ביז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ווען דו ל. אברהם וואָלסט מיר געבאָרגט דיין פעדער, וואָלט איך געקענט שילדערן זיינע מעלות און זיין גדלות אין תורה, אָבער וואָס קען מען פאַר־לאַנגען פון אַזאַ פשוטע פעדער, ווי מיינע?

ווען דער רב איז נישט געווען אין דערהיים אָדער ווען ער איז געשלאָפן זיין נאָכמיטאָג שלאָף, איז מען געקומען צו מיין טאַטן מיט אַ "שאלה". מיין טאַטע פלעגט שיקן די וואָס האָבן זיך צו אים געווענדעט, צו ר׳ לייבאַלע יאַטשמירער וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, אָבער אַביסל "לא עלינו", ער זאָל מיר עס מוחל זיין. ר׳ לייבאַלע האָט פאַרטריבן די אַריינקומענדע, מיט זידל ווערטער און ביטערע קללות. ווען מען איז צוריקגעקומען צום טאַטן, האָט ער מסכים געווען צו פסקענען.

דער טאַטע ז״ל איז געפאָרן קיין ווין בלויז אויף עטליכע טעג כדי צו באַזוכן דעם טשאַרטקאָווער רבין זי״ע און אויך כדי זיך צו זען מיט די קינדער וועלכע זענען כמעט אַלע געווען אין ווין. דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי די רוסן זענען צוריק אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטעטל און פיל פליכטלינגע זענען צוריקגעקומען אַהיים. אין ברעזיוו איז דעמלט געווען די טיפוס עפידעמיע ר״ל אין גרעסטן ברען. מיינע שוועסטער האָבן געפּרואווט משפיע זיין אויפן טאַטן ער זאָל בלייבן אין ווין און אָפּלייגן די רייזע אַהיים, אָבער ער האָט נישט מסכים געווען. ער האָט געטענהט, אַז ס׳גאַנצע שטעטל איז פול מיט קראַנקע און ס׳האָט זיך נישט ווער אָפּצוגעבן מיט זיי. אַהיימקומענדיק איז ער אפילו קיין איין נאַכט נישט געשלאָפן אין זיין בעט, נאָר ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז העלפן די קראַנקע. איך דערמאָן זיך דאָס

טראָץ זיין פחד, האָט ער אויך מיך געשיקט נעכטיקן אין די הייזער פון די טיפוס קראַנקע. דען עס איז פשוט נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווייל יעדעס הויז איז געווען פול מיט קראַנקע און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיי דערלאַנגען אַ לעפל וואַסער.

אַזוי האָב איך געטון, ביז כ'בין געפאָרן קיין ווין. אין דריי חדשים שפעטער, האָט זיך דער טאַטע ז"ל אויך אָנגי־שטעקט מיט דער קראַנקהייט און איז נפטר געוואָרן ה' טבת 1915. ער איז געווען דער לעצטער קרבן אין שטעטל און די מגפה האָט אויפגעהערט. יהי זכרו ברוך.

אברהם יקירי! כ'האָב דאָס געפיל, דאָס אויב מען גיט אַרויס אַ ספר זכרון פון שטעטל און מען וועט נישט דערמאָנען דערין ר' ישראל אברהמאַלעס — וועט עפּיס פעלן דערין, און דאָס ספר וועט נישט זיין פאַלקאָם. איך האָף אַז עס וועלן זיך געפינען נאָך מענטשן פון שטעטל, וועלכע האָבן אים געקענט און זיי וועלן קענען וועגן אים דערציילן. אויף דיר, אברהם און אויף דיינע חברים, קען איך זיך נישט פאַר־לאָזן. ס'איז נישט חלילה אייער שולד, נאָר פשוט, איר זענט געבוירן געוואָרן אַביסל צו שפּעט...

היינט צו טאָג קענען מענטשן פון אַמעריקאַ אָדער ישראל, אפילו נישט פאָרן אויף "קבר אבות", צוליב דעם גרויזאַמען חורבן.

(באַמערקונג פון אַדרעסאַט: טראָץ ר' יואלס צווייפלען דערין, ערלויב איך מיר צוצוגעבן אַ פּאָר ווערטער איבער זיין פאָטער ז"ל. איבער זיין בקיאות אין תורה האָב איך פיל געהערט אין מיינע יונגע יאָרן, אין דער היים, און אויך פון פאַרשידענע מענטשן וועלכע האָבן אים געקענט. ער איז געווען דער שטאָלץ פון דער משפחה. ס'האָט מיר דערציילט וועגן אים ר' שימעלע פרנס הי"ד דער זיידע פון ר' משה פרנס ז"ל, וועלכער איז געווען זיינס אַ לאַנגיעריקער שכן: — "דיין פעטער, ר' ישראל ז"ל איז געווען, נישט בלויז אַ גרויסער תלמיד חכם, נאָר אויך זיין גאַנצע אויפפירונג איז געווען ווי פון אַ צדיק גמור. ער האָט מקיים געווען דעם מאַמר "הוה מקדים בשלום כל אדם" — ככתבו וכלשונו, און קיין שום מענטש, מענער פרויען און קינדער איז נישט גע־לונגען אים, דער ערשטער צו באַגריסן". — איינמאָל האָבך געפרואווט — האָט ר' שימעלע דערציילט — אים "אויס־צוכאַפּן" און כ'האָב זיך שטילערהייט אַרונטערגעגנבעט אונטער זיינע פּלייצעס און ווען כ'האָב שוין געהאַלטן ביים עפנען ס'מויל אים צו באַגריסן, האָט ער זיך פלינק אויסגעדרייט און מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל מיך מקדים געווען: "גוט מאָרגן, ר' שמעון!).

אגב, אפשר האָסטו געקענט אין ברעזיוו אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען מענדאַלע אברהם איטשעס (מענדאַלע דיק הי"ד). ער איז געווען אַ "שם דבר" אין שטעטל. זיין פאָטער איז געווען אַ קצב און מענדאַלע פלעגט אים העלפן אין דער יאַטקע. זייענדיק שוין אַ דערוואַקסענער בחור פון 18 יאָר, האָט ער באַשלאָסן זיך צו נעמען לערנען תורה. ער איז געקומען צו מיין פאָטער ז"ל, געלערנט ביי אים מיט גרויס התמדה און געוואָרן אַ גרויסער תלמיד חכם. ער איז געווען מיט 4 יאָר עלטער פון מיר און ער איז געגאַנגען מיט מיר כמעט יעדע נאַכט נעכטיקן ביי קראַנקע.

ר' אליעזר פאַס ז"ל — איך געדענק אים זער גוט. ער האָט געהאַט צוויי זין: יוסקע און יצחק — יצחק האָט גע־שפּילט פידל. דער אַלטער פאַס איז כמעט געווען אַ דאָקטאר אין שטעטל. מען קען זאָגן אַז ער איז געווען אַ "דאָקטאר פאַרן דאָקטאר". מען האָט נישט גערופן קיין דאָקטאר ביז ר' אליעזר האָט נישט אונטערזוכט קודם דעם קראַנקן. ער האָט באַשטימט אויב מען ברויכט אַ דאָקטאר אָדער מען קען זיך באַגנוגן מיט זיינע רעצעפּטן — באַנקעס אויפן הינטן אָדער פיאַווקעס אויף די זוילן. איך בין געווען אַ קרענקלעך קינד און ער פלעגט מאַכן ביי מיר פיל "וויזיטן". נאָך זיינע "רעצעפּטן" האָבך שוין געוואוסט, אַז עס וועט מיר גאָרנישט העלפן און כ'וועל מוזן גיין צוריק אין "חדר" אַריין.

ר' זעליג ווילנער ז"ל — איך איך אַליין האָב אים נישט געקענט, נאָר זיין נאָמען געדענק איך. ער האָט פאַרקויפט שנאַפּס אין זיין "פראַפּינאַציע". ער האָט געהאַט אַ טאָכטער מיטן נאָמען רוניע און מען האָט זי גערופן — "רוניע זעליגס" (רוניע, די פרוי פון גדליה פּילער הי"ד).

ר' יוסף ווילנער ז"ל איז געווען אַ טייערער בכבודי־קער און גלייכצייטיק באַשיידענער מענטש. ער האָט געהאַט צוויי הייזער און דריי טעכטער: חיהטשע ז"ל די ערשטע פרוי פון ר' אברהמאַלע רייך יבדל"א, די צווייטע — טויבע און די דריטע, שפּרינצע — די פרוי פון מענדל לויפער, ר' שלום לויפערס זון הי"ד. זיין ברודער איז געווען ר' דוד מלך "פון די ווילקעס", וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה און פלעגט ברענגען גאַנצע וועגן מיט פּראָדוקטן און זיי צעטיילן צווישן אָרעמעלייט. ער האָט זיך משדך געווען מיטן אַלטשטעטער רב — כ'האָב פאַרגעסן זיין נאָמען — זיינערצייט איז ער געווען באַרימט אַלס גרויסער גאון. (באַ־מערקונג: זיין טאָכטער, בריינטשע פון די ווילקיס, אָדער בריינטשע דוד מלך'ס איז געגאַנגען אין די וועגן פון איר פאָטער און זי פלעגט פאַר יעדן יום טוב דורכפאָרן אין די אָרעמע געסלעך פון שטעטל מיט אַ וואָגן באַלאָדנט מיט קאַרטאָפל און גרינצייג און עס צוטיילט צווישן די נויטבאַ־דערפטיקע). די ברידער, ר' יוסף און ר' דוד מלך, זענען געווען די זין פון ר' קלמן ווילנער פון יאטשמיר און לויט ווי מיר קומט אויס, איז ר' קלמן געווען דער ברודער פון אונדזער עלטער זיידן ר' יהושעלע.

ר' אליעזר כהן ז"ל, דער פאָטער פון ר' ישראל כהן ז"ל (נפטר געוואָרן אין ישראל) איז געווען דער זון פון טויבע און ר' דוד הערשאַלע, וועלכער איז געווען אַ משמש ביים רבין ר' יוסף דער זון פון דעם באַרימטן צדיק ר' הערש פון רימאַנאָוו זי"ע.

יוסף "זייגערמאַכער" — איז ר' יוסף טייג ז"ל. ער האָט געהאַט אַ ווינקל־געשעפט אין ר' שלום לויפערס הויז. זיין פאַמיליע איז נישט פון ברעזיוו און כ'ווייס נישט פון וואַנען ער שטאַמט (אַריבער שפעטער קיין ווין).

ר׳ אפרים שטיגליץ ז״ל איז געווען אַן־אײדעם ביי ר׳ שמואל קינצלער און זיין פרוי לויצע ז״ל, ער האָט געהאַט אַ גרויס שניט געשעפט און ער איז געווען, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, דער גרעסטער עושר אין שטעטל. אויסערדעם איז ער געווען אַ תלמיד חכם און אַנאַנגעזעענער מענטש. ער האָט געהאַט עטלעכע טעכטער און איין זון, ר׳ לייביש שטיגליץ ז״ל.

ר׳ ישראל דים ז״ל איז געווען אַ קוזין פון אונדזער באָבע פייגאַלע ז״ל און איך געדענק ווי ער איז געשטאַנען ביי איר בעט פאַר דער פטירה. ער האָט גערעט צו איר און זי האָט אים געענטפערט ביז דער לעצטער רגע. וואָס זיי האָבן דעמלט גערעט, געדענק איך שוין נישט... ער איז געווען אַ קלוגער ייד און אַ פייערדיקער חסיד. ער פלעגט נאָכזאָגן שאַרפע תורה־ווערטער פון זיין רבין.

ר׳ איטשע בער ווינער ז״ל איז געווען זיינערצייט אַ זיידענער יונגערמאַן און אַ גרויסער תלמיד חכם. די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ. זיין פרוי האָט מען גערופן טויבאַלע. מיין פאָטער ז״ל האָט אים זייער געשעצט. דאָס איז אַלעס וואָס איך ווייס וועגן אים.

ר׳ שמעלקע בראַף ז״ל, געשטאַמט פון שטעטל וויעלאָ־פאָלע. זיין פרוי האָט מען גערופן נחמה. זיינע פיר זין האָבן גוט געקענט: יחיאל, דודל, יעקב און מענדל, וועלכער איז געווען מיין חבר און איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע יאָר יאָר צוריק אין אַנטווערפּן. די טעכטער האָב נישט געקענט. ער האָט געהאַט געלונגענע און גוט דערצויגענע קינדער. תמיד איז געווען ביי זיי פריילעך אַפילו אין די שווערסטע צייטן. ווען מען האָט ביי זיי געזונגען "זמירות", האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי זייער הויז פיל מענטשן און זיך צוגעהערט מיט גרויס הנאה, באַזונדערס זומער ווען די פענצטער זענען געווען אָפן.

איך דערמאָן זיך אַן־אינטערעסאַנטע געשיכטע: דער עלצטער זון יחיאל, וואָלף ענגעל (?) און מיין ברודער קלמן, זענען אַמאָל אַהיימגעקומען אויף אורלויב פון עסטרייכישן מיליטער און זיי האָבן געהאַט אַ פּראָבלעם ווי אַזוי אַריינ־צוקומען אין דער טשאָרטקאָווער קלויז אָהן פּיאות. די בחורים האָבן געקויפט אין פּשעמישל "פּיאות" און זיי צוגעקלעפּט צום פּנים און אַזוי זענען זיי אַריינגעקומען אין קלויז. דו קענסט דיר פאָרשטעלן וואָספאַרע רושם די "פּיאות" האָבן דאָרט געמאַכט...

ר׳ קופּל צוויק ז״ל. זיין פאָטער האָב נישט געקענט און כ׳ווייס נישט פון וואַנען ער איז געקומען קיין ברעזשאָו. איך האָב געקענט זיין ברודער ר׳ ישראל צוויק ז״ל. אין אונדזער פאַמיליע האָט מען אים גערופן "דער פעטער ישראל־טשע". ער איז נפטר געוואָרן מיט 80 יאָר צוריק און זיין ווייב, די מומע לאַהטשע איז געווען אַ שוועסטער פון די באַבע פייגאַלע.

ר׳ קופּל צוויק האָט געהאַט 6 זין און צוויי טעכטער. דער עלצטער זון, נתן, האָט זיך אַראָפּגענומען אַ פינגער כדי נישט צו דינען ביי מיליטער (נפטר געוואָרן אין אמעריקא). די אַנדערע זין: יצחק מענדל (נפטר געוואָרן פאַר דער מלחמה אין לעמבערג), שלמה, משה, קלמן און לייב. איינע פון די טעכטער איז געווען פייגע (חתונה געהאַט מיט מענדל גאָלד־פישער ז״ל, וועלכער איז געשטאָרבן אין מיט די דרייסיקער יאָרן).

ר׳ אנשל שוואַרץ ז״ל האָט געהאַט עטלעכע ברידער, איך געדענק בלויז איינעם פון זיי — ר׳ מענדל שוואַרץ ז״ל, וועלכער האָט געוואוינט ביים בית מדרש. ער איז געווען דער פאָטער פון ר׳ אליעזר שוואַרץ, דער שווער פון ר׳ יהושע ראט ז״ל וועלכן מיר האָבן אַלע גוט געקענט.

ר׳ שמואל פענער ז״ל, דער פאָטער פון ר׳ יוסף פענער הי״ד, איז געווען דער עלצטער ייד אין שטעטל. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 97 יאָר און ביזן לעצטן טאָג האָט ער זיך נישט באַנוצט מיט קיין ברילן און מיט קיין שטעקן.

ר׳ אביש ווייס ז״ל — ר׳ לייביש זיילערס הי״ד שווער, וואָס דו שרייבסט אין נאָמען פון ר׳ אברהמלע רייך שיחי׳ אַז ער האָט געהאַט אַ וויכטיקן מעדאַל פון דער עסטרייכישער רעגירונג און די פאַמיליע זיינע איז געווען שטאָלץ דערויף און ער האָט גערעט מיטן קייזער אַליין בשעת דער האָט באַזוכט יאָסלאָ — איך האָב נישט געהערט דערפון.

דער דייטשער בעקער — אַלע אין שטעטל האָבן אים געקענט מיט דעם נאָמען, ווי אַזוי ער האָט ווירקליך געהייסן, ווייס איך נישט. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז ער האָט טאַקע געהייסן "דער דייטשער בעקער"... ער האָט געבאַקן זעמל וואָס זענען זיך ממש צעגאַנגען אין מויל. די זעמל זענען געווען בלויז פאַר קראַנקע, אַ געזונטער מענטש האָט נישט געקענט געניסן פון זיי, ער האָט בלויז געמעגט קוקן אויף זיי. ער האָט געוואוינט וואו די גרויסע שריפה אין 1906 האָט זיך אָנגעהויבן; דאָס איז מסתמא אַ סימן מובהק פאַר דיר... דו ווייסט וואו נטע ווילנער הי״ד האָט געוואוינט? ביי די טרעפּ צו די "לאַווקעס", דאָרט איז אויך געווען דיין באָבע פייגאַלעס הויז.

און אחרון אחרון חביב מיין זיידע ר׳ יואל הירץ ז״ל. עס וואונדערט מיך וואָס דו ווייסט נישט וועגן אים. ער איז געווען באַקאַנט אַלס פייערדיקער באיאַנער חסיד און זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט אויף "דער גאַנצער וועלט". יעצט וואו קומט עס, אַז דו, מיין ליבער קוזין האָסט נישט געהערט פון אים? און דו ווילסט מיר נאָך דערציילן אַז דו ביסט אַ ברעזשאָווער? ווער וועט עס דיר גלייבן? איך — נישט... למען האמת אויך מיר, זיינע אייניקלעך ווייסן וועגן אים זעהר ווייניק. איך ווייס בלויז, אַז ער האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד. ער איז נפטר געוואָרן נישט אין ברעזשאָו, נאָר אין ספּאַס, מזרח גאַליציען.

דאָס זענען אונגעפער די תשובות אויף דיינע פראַגן. און זאַכן, וואָס כ׳בין נישט געווען הונדערט פראָצענט זיכער, האָט מיר מיטגעהאָלפן מיין שוועסטער שיינדל, שתחי׳.

אויב דו האָסט נאָך שאלות פון דעם סאָרט — פרעג און כ׳וועל דיר גערן ענטפערן, ווי ווייט מעגליך.

אוהבך, יואל

לאס אנדזשעלעס, יאנואר 1983

ד״ר יעקב שעכטער

מיינע זכרונות פון שטעטל

איך זע עס ווי דורך אַ נעפּל... דאָס קליינע שטעטל ברעזיוו, וואו כ׳האָב געוואוינט מיט מיינע עלטערן במשך 20 יאָר. אַ שטעטל פון פינף טויזנט איינוואוינער, אַ פירטל פון זיי — יידן.

ס׳שטעטל איז געווען געבונדן מיט דער אויסערליכער וועלט מיט צוויי שאָסעען, איינער וועלכער האָט געפירט קיין מזרח דורך סאַניק, דער צווייטער קיין צפון אין דער ריכטונג פון פשעמישל.

אין משך פון זעקס טעג אין דער וואָך האָט ס׳לעבן געפלאָסן שטיל און רואיק און ס׳שטעטל האָט געדרימלט — ביז ס׳איז געקומען דער מאַרק־טאָג — מאָנטיג.

פון אַלע זייטן דערפער אין דער אומגעבונג, זענען דאַן געקומען פויערן מיט פולע וועגן מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטן ווי אויך עופות און בהמות, כדי זיי צו פאַרקויפן און פאַרן געלט קויפן ביי די יידישע הענדלער, די נויטיקע סחורות.

ס׳שטעטל האָט דעם טאָג גערוישט, ס׳האָבן זיך געהערט קללות, שיכורים געזאַנג, פון צייט צו צייט זענען אויסגעבראָכן געשלעגן. פאַרנאַכט האָבן זיך די געשעפטן געענדיקט, די פויערן זענען צוריק אַהיים און די יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרדינט אויף דורכצושלעפּן די וואָך, זענען זיי צוריק צו זייער נאָרמאַלן לעבנס שטייגער.

איין איינציקער טאָג איז באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון...

כ׳בין דעמלט געווען אַ קינד פון צוועלף יאָר און דאָס האָט פּאַסירט עטליכע חדשים נאָך דער ענדע פון ערשטן וועלט קריג. כ׳זע דאָס בילד פאַר מיינע אויגן, ווי ס׳וואָלט נעכטן פּאַסירט. באַלד אין דער פרי, האָט מיין פאָטער, וועלכער איז ערשט באַפרייט געוואָרן פון עסטרייכישן מיליטער, צוזאַמענגעבראַכט פאַרשידענע שווערע חפצים און מעבלשטיק, פאַרבאַריקאַדירט די טיר ביים איינגאַנג צו אונדזער הויז, און זיך אַוועקגעשטעלט אונטער איר מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער. דורך די פענצטער האָבן זיך געהערט ווילדע געשרייען. די שיכורע פויערן זענען דאָסמאָל געקומען אָהן פּראָדוקטן. שוין אייניקע טעג ווי זיי האָבן זיך געגרייט צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן און דעם טאָג האָבן זיי באַשטימט עס אויסצופירן.

כ׳האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזעען אַ באַנדע פויערן, שלעפּן אַ מענטש וואָס זיין גאַנצער קאָפּ איז באַגאָסן מיט בלוט. דאָס איז געווען דער איינציקער ייד, וועלכער האָט געדינט ביים קייזער פראַנץ יוזעף אין דער אַרטיקער פּאָליציי.

די פּאָגראָמען האָבן געדויערט ביז אין די שפּעטע נאַכט שעהן, און די מאַכט האָט זיך איבערהויפּט נישט אַריינגעמישט. אַלע יידישע געשעפטן זענען אויסגערויבט געוואָרן. פיל יידן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער צום גליק, זענען נישט געווען קיין קרבנות. די פויערן האָבן זיך גענומען צו די אויפגעריסענע שענקן, זיך אָנגעשיכורט אָהן געלט און ווייזט אויס אַביסל פאַרגעסן אין די יידן. זיי האָבן איבערגעלאָזט ס׳שטעטל, מיטנעמענדיק מיט זיך די אָנגערויבטע סחורות.

✡

די פּאָגראָמען אין ברעזיוו זענען געווען בלויז איין רינגאַלע אין דער קייט פון די טראַגישע געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט אין יענער צייט אין די גאַליצישע שטעטלעך, נאָך דעם אַנטשטיין פון דער פּוילישער מדינה און דער צוזאַמענברוך פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. ס׳איז נישט קיין ספק אַז זיי האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטויס צו דער ערוועקונג פון ציוניסטישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

די ברייטע מאַסן פון פּוילישן יידנטום, האָבן זיך איבערצייגט, אַז די לאָיאַליטעט צו דער רעגירונג, וועלכע האָט זיי פריער מער־ווייניקער געשיצט פון דער אַנטיסעמיטישער ברוטאַליטעט, וועט זיי שוין מער נישט העלפן אין דער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג.

אין רעזולטאַט דערפון, האָט זיך אויך אין ברעזיוו אָנגעהויבן אַן־אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט. שוין אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג, איז אַנטשטאַנען אַ ״השומר הצעיר״ אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ באַדייטענדע נאַציאָנאַלע קולטור טעטיקייט און פלעגט ברענגען שליחים פון די גרויסע שטעט און זאָגאַר פון ארץ ישראל, צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק.

כ׳דערמאָן זיך אַ קאָמישן עפּיזאָד פון יענע צייטן: ס׳איז געקומען אַ שליח פון הייליקן לאַנד, און ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין רעפעראַט אויף אַן־עפנטליכער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט זיינע צוהערער. ער האָט גערעדט בלויז העברעאיש און רוסיש, און זיי האָבן פאַרשטאַנען בלויז יידיש אָדער פּויליש. כ׳בין דעמלט אַלט געווען 14 יאָר און כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַן־אַלטן ייד פון די פרומע קרייזן, וועלכער האָט מיך צוגעגרייט צו דער בר־מצווה. כ׳האָב אים אין איילעניש געברענגט צו דער פאַרזאַמלונג, און ער האָט, ווי עס איז, געפּראָוווט איבערזעצן, דעם העברעאישן רעפעראַט אויף יידיש...

די גרויסע ווענדונג אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ברעזיוו איז געקומען אין יאָר 1923 ווען עס איז געגרינדעט

געוואָרן דער "בית־יהודה" פאַראיין. איר גרינדער איז געווען פּראָפעסאָר פרידל קאַרן, איינער פון די בולטסטע און אונפּאַר־געסלעכע געשטאַלטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון ברעזיווער יידנטום. ער איז געווען פון די איינציק געבליבענע יידישע לערער אין די מיטל־שולן, וועלכע די פּוילישע מאַכט האָט איבערגענומען פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע.

פּראָפ׳ קאַרן איז געווען מיין לערער און דערציער אַלע מיינע יאָרן אין גימנאַזיום ביז צו דער מאַטורע. אַ שטאָלצער ייד און איבערגעגעבענער ציוניסט. נישט בלויז וואָס ער האָט נישט געפּרואווט באַהאַלטן זיינע נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען, נאָר ער האָט זיי זאָגאַר דעמאָנסטרירט ביי יעדער געלעגנהייט, אַנטקעגן זיינע קאָלעגן לערער און אַנטקעגן די שילער.

אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט כבוד און זאָגאַר מיט ליבשאַפט.

ווען דער קלוב פאַר נאַציאָנאַלע קולטור טעטיקייט "בית יהודה", איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1923, האָט פּראָפ׳ קאַרן אַריינגענומען די צוויי יידישע שילער פון מיין קלאַס אין גימנאַזיום, שמואל ראזנער ז"ל און מיך, און אונדז באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט ביים אויפשטעלן דעם קלוב, און דאָס, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין די פּוילישע מלוכה שולן איז געווען פאַרבאָטן פאַר שילער, געזעלשאַפטליכע טעטיקייט אהן דער ערלויבעניש פון דער שול לייטונג.

יידן פון שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער, האָבן זיך באַשטייערט, און מען האָט געדונגען אַ זאַל אין דער הויפּט גאַס נישט ווייט פון דער גימנאַזיע. עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ ביבליאָטעק מיט אַ גרויסע צאָל ביכער פון דער פּוילישער און יידישער ליטעראַטור און ס'איז אויך געווען אַ זאַל פאַר אויפטריטן און געזעלשאַפטליכע צוזאַמענטרעפן. יעדן שבת זענען דאָרט פאָרגעקומען רעפעראַטן און פאָרטראַגן אויף ליטעראַרישע געזעלשאַפטליכע און ציוניסטישע טעמאַטן.

איך געדענק גוט די פייערליכע שטימונג ביים דערעפענען דעם קלוב, ווען דער יידישער אַדוואָקאַט ד"ר שמואל הערציג, האָט געהאַלטן דעם ערשטן פאָרטראַג איבער דעם "דיבוק" פון ש. אַנסקי. הערציג איז געווען אַן־אינטעלעקטועלע פּער־זענלעכקייט, מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און האָט אויך שפּעטער פיל בייגעשטייערט מיט זיין טאַלענט און אינטעליגענץ, צו דער אַנטוויקלונג פון קלוב און בערייכערונג פון דעם קולטור־רעלן לעבן און פון דער ציוניסטישער טעטיקייט פון די ברעזיווער יידן.

אין פאַרלויף פון דער צייט, ווען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געקומען צו שפּאַלטונגען אויף פאַרשידענע פּאַרטייען, האָט דער "בית יהודה" קלוב געדינט אַלס אָרט פאַר זיצונגען און פאַרזאַמלונגען פאַר אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אַלגעמיינע ציוניסטן, "השומר הצעיר", "מזרחי" און די רעוויזיאָניסטישע "מנורה", האָבן זיך אַלע באַנוצט מיט דעם זיצונגס־זאַל פאַר זייער ציוניסטישער טעטיקייט.

די ברעזיווער יידן זענען געווען שטאָלץ מיט זייער קלוב. די אָרטיקע אינטעליגענץ ווי אויך פשוטע פאָלקס־מענטשן, פלעגן פיל קומען אין "בית יהודה" פאַראיין און האָבן געזאָרגט פאַר זיין אַנטוויקלונג. אין די שפּעטערע יאָרן איז די אָנפירונג פון קלוב, אַריבער פון דער גרינדער גענעראַציע, צום יינגן דור, גימנאַזיע שילער און שטעטישע אינטעליגענץ.

די עצם עגזיסטענץ פון דעם קלוב, און די טעטיקייט, וואָס האָט זיך דאָרט געפירט, האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן געזעלשאַפטליכן און קולטורעלן לעבן פון די ברעזעווער יידן ביז צום אויסברוך פון צווייטן וועלט קריג.

נאָך די פּאָגראָמען ביים אַנטשטיין פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וועלכע זענען שוין דערמאָנט גע־וואָרן, האָבן זיך, ווי עס איז, סטאַביליזירט די באַציאונגען צווישן די יידן און דער פּוילישער באַפעלקערונג. ס'איז נישט געווען קיין גרויסע ליבשאַפט, קיין קולטורעלע אָדער געזעל־שאַפטליכע באַציאונגען, עס זענען אפילו געווען צוזאַמענ־שטויסן אויף אַנטיסעמיטישן גרונד, אָבער אין אַלגעמיין איז געהיטן געוואָרן אויף דער אָרדנונג. צווישן ביידע צדדים זענען געווען נאָרמאַלע געשעפטליכע פאַרבונדונגען, און יעדער האָט זיך געלעבט זיין לעבן

כדאי צו דערמאָנען איין געשעעניש, פון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם אָנהויב פון צעשטערן דעם קוים־עקזיסטירענדן גלייכגעוויכט אין די באַציאונגען צווישן יידן און נישט יידן.

אין ברעזיוו, צוגלייך ווי אין פיל אַנדערע שטעט אין גאַליציע, האָט עגזיסטירט אַ פּוילישער קלוב "סאָקאָל", וואָס זיין אויפגאַבע האָט געזאָלט זיין צו זאָרגן פאַר פיזישער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע קלובן האָבן געטראָגן אַן־עקסטרעם פּוילישן שאָוויניסטישן כאַראַקטער. אין דער "סאָקאָל" געביידע אין ברעזיוו איז געווען אַ גרויסער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און קינאָ פאָרשטעלונגען. יעדע וואָך האָט מען געברענגט אַ נייעם פילם, און צווישן די קינאָ באַזוכער זענען געווען אַ גרויסע צאָל יידן, און זיי האָבן אייגענטליך מיט זייער געלט געהאָלפן אויסהאַלטן דאָס קינאָ.

אין זומער 1930 האָט די "בית יהודה" פאַרוואַלטונג באַ־שלאָסן צו ברענגען אין שטעטל איינע פון די יידישע טעאַטער טרופּן אויף אַ פאָרשטעלונג. איך געדענק נישט היינט, וועלכעס טעאַטער עס איז געווען (דער פאַל איז געווען מיט דעם באַקאַנטן שוישפּילער יאָנאַס טורקאָוו און זיין טרופּע — די רעד.). יעדנפאַלס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דינגען צו דעם צוועק דעם "סאָקאָל" זאַל, ווייל מען האָט ערוואַרט אַ גרויסע צאָל צושויער פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די פאַרוואַלטונג פון "סאָקאָל" האָט צוערשט מסכים געווען צו פאַרדינגען דעם זאַל, אָבער אייניקע טעג שפּעטער, אונטערן דרוק פון די אַנטיסעמיטישע קרייזן, האָבן זיי חרטה געהאַט און זיך צוריקגעצויגן פון זייער הסכמה. די זאַך האָט פּאַסירט באַלד פאַרן קומען פון דער טרופּע, און מען האָט שוין נישט געקענט אָפּלייגן די פאָרשטעלונג. מיר זענען געווען גע־צוואונגען צו דינגען אַ באַראַק, וועלכער האָט געדינט די פייערלעשער. מען האָט אויף דער שנעל צוזאַמענגעשטעלט

אַ פּראָוויזאָרישע בינע און די יידישע יוגנטליכע האָבן זיך אָרגאַניזירט און מיט גרויס ענטוזיאַזם און איבערגעבנהייט, געמאַכט אַלע נויטיקע צוגרייטונגען. די טרופּע האָט דורכגעפירט מיט ערפאָלג די פאָרשטעלונג און די גרויסע באַטייליגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ספּאָנטאַנישע דעמאָנסטראַציע פון סאָלידאַריטעט פון אַלע פּאָליטישע שטרעמונגען קעגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן. טראָץ דעם, האָבן מיר זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, און מיר האָבן געפונען פאַר ריכטיק צו רעאַגירן געגן דער אַנטיסעמיטישע בייזוויליקייט און באַשלאָסן צו באַיקאָטירן די קינאָ פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען, ווי געזאָגט, אין "סאקאל" זאַל. אין משך פון עטליכע וואָכן האָט קיין יידישער פוס נישט איבערגעטרעטן דעם קינאָ זאַל און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די "סאקאל" פאַרוואַלטונג איז כמעט געשטאַנען פאַר באַנקראָט.

עס זענען געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרואוון צו אָרגאַניזירן די פּויערן צו אַ געגן בויקאָט פון די יידישע סוחרים, אָבער עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. צום סוף איז די "סאקאל" פאַרוואַלטונג געוועזן געצוואונגען זיך עפנטליך צו אַנטשולדיקן פאַר דעם "בית־יהודה" קלוב, זיך פאַרפּליכטעט אין דער צוקונפט צו היטן אויף אנשטענדיקע באַציאונגען. (עס איז וויכטיק צו באַצייכנען, אַז די זאַך האָט פּאַסירט אין 1930. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשאַרפט און געוואָרן אַן־אַגרעסיווער, — וואָלטן מן הסתם די געשעענישן אָנגענומען אַן־אַנדערע פאָרם).

ענדע 1930 האָט מיין משפחה פאַרלאָזט ברעזיוו און פון דעמלט, ביז צום אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט קריג, האבך דאָרט באַזוכט בלויז צוויי מאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

מיט פּרופ׳ קארן האבך זיך באַגעגנט אין לעמבערג, שוין נאָך דער דייטשער אינוואַזיע קיין פּוילן, בעתן אַנטלויפן קיין מזרח. פּרופ׳ קארן איז אומגעקומען אין דער שואה, צוגלייך ווי רוב ברעזיווער יידן.

מיט די ווייניק געבליבענע פון ברעזיוו האָבך זיך געטראָפן אין ישראל, און, פון זיי האבך זיך דערוואוסט פאַרשידענע איינצלהייטן איבער דער פאַרניכטונג פון אונדזער קליינער אומגליקליכער יידישער קהילה.

מיט אייניקע יאָר צוריק, נאָך פאַרן איבערייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן פּוילן און ישראל — האבך באַקומען אַ בריוו פון אַ קריסטלעכן שול־חבר. ער איז געוואויר געוואָרן, אַז איך לעב אין ישראל, האָט באַקומען מיין אַדרעס און באַנייט די פּערזענליכע פאַרבינדונג צווישן אונדז. פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין קריג האָט ער געהערט צו דער פּוילישער אונטערגרונד באַוועגונג אין ברעזיווער ראַיאָן, וועלכער איז געוועזן טעטיג געגן די נאַציס. אין איינעם פון זיינע בריוו האָט ער בייגעלייגט צוויי בילדער פון ברעזיווער יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. די בילדער זענען אָפּפאָטאָגראַפירט געוואָרן כדי זיי זאָלן דינען אַלס באַווייז וואָס די דייטשע בעסטיעס האָבן אָנגעטאָן די יידן. אויף די בילדער זעט מען טרויעריקע פּנימער און צעבראָכענע אומגליקליכע געשטאַלטן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו שיקן נאָך בילדער, אָבער אינצווישן איז דער קאָנטאַקט איבערגעריסן געוואָרן.

אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט אַ יינגע פרוי, אַ קריסטין פון ברעזיוו, וועלכע לעבט יעצט אין ענגלאַנד. די פרוי איז געקומען אויף אַ וויזיט קיין ישראל צו איינעם פון מיינע באַקאַנטע, און זי האָט מיר דערציילט, אַז די שטאָט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און איז זאָגאַר געוואָרן אַן־אינדוסטריעלער צענטער אין דער אומגעבונג.

וועגן ברעזיווער יידן האָט זי איבערהויפּט נישט געוואוסט. זיי זענען אויסגעמעקט געוואָרן פון זכרון פון די שטאָטישע איינוואוינער, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

חנה פעלדמאַן (קרייטשטיין), לאָס אַנדזשעלעס

זכרונות

אַ טייל פון מיין לעבן האָב איך פאַרברענגט אין ברעזיוו, פּוילן, וואו כ׳בין געבוירן געוואָרן און געענדיקט זיבן קלאַסן אין דער אַלגעמיינער מיידל־שול.

די לימודים אין דער עלעמענטאַר שול זענען געווען פאַר־פליכטענד פאַר אַלע, אָבער פאַר די יידישע קינדער, זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט באַזונדערע שוועריקייטן.

מיר זענען געווען געצוואונגען צו זיצן אויף די לעצטע בענק פון הינטן און מען האָט אונדז פאַרבאָטן צו רעדן צווישן זיך אין אונדזער שפּראַך — יידיש.

וועגן דער באַציאונג צו אונדז מצד די פּוילישע לערער, וויל איך דערציילן בלויז איין פאַל וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר: צוויי פּוילישע מיידלעך פון מיין קלאַס האָבן זיך צע־קריגט און געשטערט די לעקציע. זייער אויפפירונג האָט אויפגערעגט די לערערין און זי האָט באַפוילן מיר, זיך צו זעצן צווישן די צוויי צעקריגטע מיידלעך. דאָס אַריינזעצן אַ יידיש מיידל צווישן די צוויי קריגערנס, האָט געזאָלט זיין פאַר זיי אַ שווערע שטראָף.

פאַרשטייט זיך אַז די קאַטשקעס, האָבן זיך נוקם געווען אין מיר, אויסדרייענדיק דעם רוקן צו מיר אויף אַ באַליידי־גענדן אופן, און האָבן זיך דערווייטערט פון מיר, גלייך ווי כ׳וואָלט קראַנק געווען אויף אַן־אַנשטעקענדער קראַנקהייט.

איך האָב זיך געבעטן ביי די לערערן, זי זאָל מיר ערלויבן צוריק צו גיין אויף מיין אָרט. איר ענפער איז געווען: דיין אָרט איז אין פּאַלעסטינא, דאָרט וועסטו זיך קענען אויסוועלן דיין זיץ־פּלאַץ. דאָ מוזטו אויספירן מיין באַפעל!

די זידל־ווערטער — "יידן קיין פּאַלעסטינא", בינך גע־וואוינט געווען צו הערן פון מיין פריעסטער יוגנט, איידער כ׳האָב אָנגעהויבן גיין אין שול. דאָך צו אַזאַ גראָבער באַציאונג פון אַ לערערן אַן־אינטעליגענטע פרוי, אַן־ערציערן — צו קליינע נאַאיווע קינדער — דאָס האָב איך נישט ערוואַרט. כ׳בין געבליבן געפּלעפּט. אירע ווערטער זענען מיר אַריין ווי אַ דאָרן אין האַרץ און איבערגעלאָזט אַ טיפע וואונד אין מיין נשמה.

כ׳פלעג ליב האָבן צו לייענען "פּאַן טאַדעאוש", דאָס באַ־רימטע ווערק פון דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער און גרויסן הומאַניסט — אַדאַם מיצקיעוויטש. כ׳בין געווען באַגייסטערט פון דער שיינער געשטאַלט פון דעם ייד יאַנקל, וואָס מיצ־קיעוויטש שילדערט אים אַלס ליבהאָבער פון מוזיק, ערליכער מענטש און געטרייער פּוילישער פּאַטריאָט.

די לערערין האָט אונדז "אויפגעקלערט", אַז די ליבשאַפט פון דעם פּוילישן דיכטער צו דעם דאָזיקן ייד, דאַרף אונדז נישט וואונדערן, ווייל אין יענע צייטן האָבן אַלע יידן זיך אויפגעפירט געהעריק, געקליידעט זיך אין די, פאַר זיי פּאַ־סענדע מלבושים — ווי אַ קאַפּאָטע און יאַרמולקע און זיך נישט געשטופּט אין די ערטער, וואו זיי זענען נישט גע־וואונטשן.

שוין איינמאָל אַ טיפּזיניקע אינטערפּרעטאַציע פון אַ ליטעראַרישע שאַפונג דורך אַ פּוילישער לערערן!

איך קען זיך נישט באַפרייען פון געדאַנק, אַז די נאַציס וואָלט זיך נישט איינגעגעבן אויסצופירן זייער פאַרניכטונגס־אַקציע מיט אַזויפיל ערפאָלג, ווען נישט די אַקטיווע הילף פון אונדזערע פּוילישע שכנים, וועלכע האָבן נאָר געוואַרט אויף אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון די יידן.

חיה שמאל־שמואלביץ (זעליג)

מיין עליה קיין ארץ ישראל

דער דראַנג און ווילן צו פאַרלאָזן פוילן, איז אַנטשטאַנען ביי מיר נאָך ווען כ׳בין געווען אַ קליין קינד, און דאָס אַלס רעזולטאַט פון אַ טראומא וואָס כ׳בין דורכגעגאַנגען: דער פאָגראָם וואָס האָבן אויסגעפירט פוילישע כוליגאַנעס און רויבער באַנדעס, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פון די פאַרשטעט סטאַראַ־וויעש הארביק און באַרקאָווקע.

מיר זענען בנס ניצול געוואָרן דורך אונדזער שכן סקאַרבעק און זיין פרוי, אַנשטענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אונדז אויסבאַהאַלטן אין זייער הויז און במשך עטליכע טעג האָבן מיר געלעבט בלויז מיט ברויט און וואַסער.

די יאָרן ווען כ׳האָב געלערנט אין דער מלוכהשער מיידלשול, געדענק איך גוט. בעת די קריסטלעכע רעליגיע לעקציעס, האָבן די יידישע שילערנס געדאַרפט אַרויסגיין אין קאָרידאָר ביז דער גלח האָט געענדיקט די לעקציע.

דער דאָזיקער גלח, האָט ווייזט אויס געהאַט פינצטערע מחשבות מיך אַראָפּצופירן פון יידישן גלויבן, דען אַנדערש איז נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט געפאָדערט, אַז איך, די איינציקע צווישן די יידישע שילערנס, זאָל בלייבן אין קלאַס בעת זיינע רעליגיע לעקציעס. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי מיר דעם באַשלוס צו פאַרלאָזן פוילן ווי נאָר עס וועט מיר מעגלעך זיין.

ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך איבערצוצייגן מיינע עלטערן, זיי זאָלן מסכים זיין, דאָס איך זאָל פאַרלאָזן די היים יונגערהייט און פאָרן אַליין קיין ארץ־ישראל, וואו מיר האָבן אפילו נישט געהאַט קיין שום קרוב. צו מיין מזל האָט דער סאַדיגורער רבי פון פשעמישל געגעבן זיין ברכה צו מיין נסיעה און דאָס האָט משפיע געווען אויף מיינע עלטערן זיי זאָלן מסכים זיין.

מיין עליה קיין ארץ ישראל האָבך געפלאַנט און צוגעגרייט בסוד, כדי צו פאַרמיידן פון פאַרשידענע ״עצות געבער״ משפיע צו זיין אויף מיינע עלטערן חרטה צו האָבן אויף זייער הסכמה.

כ׳האָב עולה געווען מיט אַ סערטיפיקאַט, וואָס עס האָט באַקומען אונדזערס אַ שטעטישער, פייבל ראט ז״ל, אַלס זיין ״פרוי״, נאָך אַ פיקטיווער חתונה וואָס מיר האָבן דורכגעפירט.

כדאי צו דערמאַנען די געזעגנונגס־ווערטער פון דעם דעמלטדיקן ברעזיווער בירגערמייסטער, ביעלאַווסקי, וועלכער איז אגב געווען גוט באַקאַנט מיט מיין פאַמיליע. ווען כ׳בין געקומען צו אים ערלעדיקן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן צום אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט, האָט ער מיך מיט גרויס ״פריינטשאַפט״ געפרעגט: וואוּאַהין פאָרסט דו? קיין פּאַלעסטינא? — האָב אַ גוטע רייזע, ס׳וועט זיין איין יידישקע ווייניקער אין ברעזיוו...

די דאָזיקע ווערטער, קלינגען נאָך היינט אין מיינע אויערן, ווי כ׳וואָלט זיי ערשט יעצט געהערט.

אברהם לעוויטע

אַ שפּאַציר איבערן שטעטל פון די קינדער יאָרן

(זכרונות פון אַ חדר־יונגל)

דאָס גאַנצע שטעטל האָבך קיינמאָל נישט אַרומגענומען מיט איין בליק. כ'האָב עס נישט געזעען נישט פון דער הויך פון פויגל־פלי און אוודאי נישט פון אַן־עראָפּלאַן. דאָס העכסטע אָרט פון וועלכן כ'האָב דערויף געקוקט, איז געווען פון בוידעם — אַ הויך פון עטליכע טרעפּלעך פון דער האָלצערנער לייטער. דורכן צעבראָכענעם שינדלען דאַך, פאַרפוילט פון די ווינטערדיקע שנייען און זומערדיקע רעגנס, האָט מען נאָר געקענט זעען אַ קליין געסל, נישט מער.

אין מיין דמיון שטעל איך מיר פאָר דאָס שטעטל, ווי אַ ריזיקן שילדקרעט מיט צוויי העלדזער — זיין גרויסער בויך איז דער "רינק" — דער האַנדל און וואוין־צענטער פון די יידן, און די געסלעך־פיס זענען געשטרעקט אין די זייטן. איין האַלדז — דאָס איז דער וועג צו דעם אַלט־אייזן לאַגער פון וואלקער, פריער — יאַנטשע דרוקאַרניק. וואלקערס הויז איז געבויט אין טאָל, דער וועג פאַרשטעלט עס און בלויז דעם דאַך זעט מען אַרויס פון וועג און ס'זעט אויס ווי אָט־אָט האַלט עס ביים איינפאַלן. דאָס הויז געפונט זיך גראַד אויס דעם וועג, איידער ער פאַרקערוועט זיך לינקס צו דער ריכטונג פון סטאַראָסטע און די פּאָסט.

דער צווייטער האַלדז איז דער "בית מדרש באַרג". לינקס די הויכע שטיינערוואַנט וואָס שטיצט אונטער דעם עק פון אברהם פּאָריצס הויף, לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ האַלב־ראָד און פירט צו דעם האָלץ לאַגער פון מלך הערצלעך ביי דער בריק, צום ווידאַטש און צום קריסטליכן "צמענטער".

דער שטאַרק־שיפּער באַרג־אַראָפּ און דער שארפער פאַר־דריי, זענען אַ גרויסע קאָמוניקאַציע שטערונג. צום מזל פון שטעטל האָט מען דעמלט כמעט נישט געזעען דאָרט קיין אויטאָס. די פויערישע וועגן און די ראָווערן־פאָרער, אַז זיי זענען באַרג אַראָפּ אַריין אין שוואונג, איידער זיי האָבן באַוויזן זיך אויסצודרייען, האָבן זיי זיך פראַנטאַל אָנגעשטויסן אין דער בית מדרש וואַנט און אַזוי ווי די פענצטער זענען געווען נידריקע, האָבן זיי דורך די צובראָכענע שויבן זיך געפונען אויף אַ "וויזיט" אין דעם רבס דירה, צו דער ערשטוי־נונג פוןביידע צדדים — דער גאַסט און דער גאַסט־געבער.

דאָס בית מדרש איז געווען אַ ריזיקער אַלטער האָל־צערנער בנין. דער פאָדערשטער טייל איז געווען באַוואוינט און ס'איז דאָרט אויך געווען אַ שפּייז־געשעפט פון באַראַנ־קער, שפּעטער קנעבלבאַרט. דאָס בית מדרש מיט דער ווייבער שול, זענען געווען אין דער הינטערשטער זייט.

אין בית מדרש איז געווען אַ גרויסע צאָל מתפללים, מנינים האָבן געדאַוונט איינס נאָכן אַנדערן פון זון־אויפגאַנג ביז פאַרמיטאָג. דאָרט זענען נישט פאָרגעקומען קיין פּאָלי־טישע פאַרזאַמלונגען, בלויז פּראָפעסיאָנעלע וואַנדערענדע "בעלי דרשער" מוסר־זאָגער פלעגן האַלטן זייערע דרשות צווישן מנחה ומעריב. די דרשות זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט אגדות חז"ל, משלים, חסידישע מעשיות אָנרירנדיק פילבאַרע פונקטן ווי יום המיתה, שטיין פאַרן בית דין של מעלה, גיהנום וכדומה.

"עמך"־יידן, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון די רירענדע דרשות, זיך צוגעהערט מיט שפּאַנונג, פילנדיק דערביי אַ הנאהדיקן ציפּ ווי אַ שטייגער ביי אַ שלונג בראנפן אָדער ביים קלאַפּן זיך מיט די אָנגעהיצטע בעזעמלעך אויף דער שוויץ־באַנק, להבדיל. ווען דער "בעל דרשער" האָט געענ־דיקט די דרשה מיטן "ובא לציון גואל, ונאמר אמן", האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נאָך "מעריב" ביי דער טיר, צוויי בעלי בתים, איינער אַ קאַסירער מיט אַ יאַרמולקע צו האַלטן ס'געלט און דער אַנדערער האָט מיט אַ מאָנענדער האַנט פאַרהאַלטן די מתפללים ביים אַרויסגאַנג, און גענומען ביי יעדן עטליכע גראשן פאַר דעם נצרכדיקן "בעל דרשער". די נדבה איז געגעבן געוואָרן לויט דעם רושם וואָס די דרשה האָט איבערגעלאָזט אויף די צוהערער. קמצנים האָבן זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פון די נדבות און האָבן זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ווייט ווינקל, זיך געמאַכט תמעוואַטע — זיי קוקן כלומערשט אַריין אין אַ ספר, געוואַרט דער עולם זאָל זיך צעגיין און די זאַמלער ביי די טיר וועלן ענדיקן זייער אַרבעט. עטליכע יונגע בחורים, וועלכע די זאַך האָט זיי פאַרדראָסן, פלעגן אויפזוכן אַזעלכע "קליענטן" און צוגיין פאָדערן זייער באַשטייערונג. פאַרשטייט זיך, אַז קיין געלט האָבן זיי נישט באַקומען — מען קען נישט אַרויסנעמען קיין מטבע פון אַ פאַרמאַכטער האַנט, אָבער זיי האָבן בלויז זיך נוקם געווען אין די קמצנים און זיי אויסגעשטעלט אויף לייטיש געלעכטער.

מאַנכעסמאָל נאָך מעריב, האָבן וואַנדערענדע מוכר ספרים־ניקעס אויסגעשפּרייט זייער סחורה אויף די טישן. די סחורה איז געווען: סידורים און מחזורים, וואָס זייער נאָמען אויף דעם שער־בלאַט און רוקן, זענען געווען אויסגעדרוקט מיט גאָלדענע אויסגעליישטע אותיות, ווי אויך חסידישע ספרים, מעשה־ביכלעך פון יונה קרעפּל — בעאַרבעטע דערציילונגען פאַרקירצט פון פּאָפּולערע ראָמאַנען, פאַרטייטשט און פאַר־בעסערט; טרוים־ביכלעך וואָס האָבן פּותר געווען אַלע חלומות, בריוושטעלער א.ז.וו.

נאָכן בית מדרש ציט זיך די גאַס אין אַ גלייכער ליניע

אין דער ריכטונג צו דעם באָד. רעכטס זענען די הייזער געבויט אויף דעם באַרג און דער שטח רופט זיך טאַקע "אויפן באַרג" און הייבט זיך אָן פון מענדל שערעס הויז אין ווינקל קעגנאיבער דעם בית מדרש. עטליכע קליינע און פארקרומטע האָלץ־הייזלעך זענען צושפרייט אויפן באַרג ווי אַלטע צובראָכענע חפצים אויף אַ פאַרלאָזטן פלאַץ, און זייער אויסזעען איז נעבעכדיק אפילו לויט די באַגריפן פון שטעטל אין יענער צייט. זיי שטייען פּראָוויזאָריש ווי אַוועקגעשטעלט אויף אַ דערווייל (ווייזט אויס אַז אויך די יידישע ציגל־הייזער טראָץ זייער סטאַבילן געבוי, האָבן אויך לענגער נישט אָפּגעהאַלטן ווי די חורבות).

דאָס באַקאַנטע "הויז" אין דעם דאָזיקן געסל, איז געווען "חנה רייזאַלעס הויז" און דאָס, טראָצדעם, וואָס דאָס "הויז" עקזיסטירט איבערהויפּט נישט און חנה רייזאַלע אַליין, איז אויך שוין מיט לאַנגע יאָרן צוריק אַוועק פון שטעטל. טראָץ דעם נישט זיין פון דעם הויז, דינט עס אַלס סימן און מען פלעגט זאָגן למשל, אַז "יענער" וואוינט ביי חנה רייזאַלעס הויז און מענטשן פלעגן אפילו דורכגיין "נעבן אים". די פּאָפּולאַריטעט פון וועלכער דאָס הויז האָט גענאָסן, האָט זיך גענומען פון דער שריפה וואָס איז אין אים אויסגעבראָכן אין אַ געוויסער נאַכט און האָט אויפגעציטערט ס'גאַנצע שטעטל: "ס'ברענט ביי חנה רייזאלען!"

אין די קליינע שטעטלעך וועלכע זענען געווען באַוואוינט אין שטאַרקער ענגשאַפט, פלעגן יעדע עטליכע יאָר אויסברעכן שריפות און האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן אַלע אַלטע האָלץ געביידעס. די איינוואוינער האָבן אין געציילטע מינוטן, פאַרלוירן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און זענען געבליבן נאַקעט און באָרוועס. ווען אַזאַ שריפה איז אויסגעבראָכן, זענען די איינוואוינער געווען פאַרנומען, אין דער גרויסער פּאַניק, מיט אַרויסראַטעווען די קליינע קינדער, מיט וועלכע ס'הויז איז געווען פיל, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט אַרויסצונעמען די שטוב־חפצים. נאָר בר־מזלים וואָס האָבן זיך געפונען ווייט פון פייער צענטער איז געלונגען אַרויסצוכאַפּן פון די ברענענדע הייזער אַביסל בעט געוואַנט און עטליכע מלבושים.

פאַר דער ערשטער וועלט־קריג איז אויך אין אונדזער שטעטל אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און האָט פאַרברענט די געדיכט געבויטע הייזלעך. די איינוואוינער זענען אַנטלאָפן אין גרויס בהלה און האָבן מפקיר געווען ס'ביסל אָרעמקייט. אויף די ליידיקע פּלעצער האָט מען נאָכדעם אויפגעבויט נייע הייזער, טייל פון ציגל, און אויך די האָלץ הייזלעך זענען שוין געשטעלט געוואָרן, ווייט איינס פון אַנדערן. ס'אויסזעען פון שטעטל דאָט זיך געענדערט.

די שריפות האָבן איבערגעלאָזט זייער איינדרוק אין דער געשיכטע פון די שטעטלעך און די זקנים פלעגן דערציילן פיל מעשיות איבער זיי; זיי זענען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון די איינוואוינער אַזוי ווי נאַטור קאַטאַסטראָפעס און קאַטאַקליזמען פון די אור־אַלטע תקופות פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך לעגענדעס און פאָלקס מעשיות, וואָס זענען אַריבער פון דור צו דור.

די שריפות זענען אויך געווען קאַלענדארישע באַצייכנונגען אין די שטעטלעך און די מענטשן האָבן געציילט לויט זיי די יאָרן און אויסגערעכנט די דאַטן ווי אַ שטייגער: דער איז געבוירן געוואָרן אַ יאָר נאָך דער שריפה און יענער האָט חתונה געהאַט געגנוי אַ חודש נאָך איר.

חנה רייזאַלעס שריפה איז, ווייזט אויס, געווען אַ מין פּריוואַט שריפהלע, וואָס מען האָט גערופן בלויז אויף איר נאָמען ווייל עס איז געלונגען ס'פייער שנעל צו פאַרלעשן און די אַרומיקע הייזלעך זענען נישט געשעדיקט געוואָרן, דאַגעגן חנה רייזאַלעס הייזל איז אינגאַנצן אַוועק מיטן רויך, און וואָס ס'איז געבליבן דערפון איז בלויז דער זכרון.

די ניצול געוואָרענע שכנותדיקע הייזלעך זענען געווען כמעט די איינציקע אין שטעטל, וואָס זענען נאָך געווען געבויט אויפן אַלטן סטיל.

קעגנאיבער דעם "אויפן באַרג" און דעם "גייסט" פון חנה חנה רייזאַלעס "הויז", הייבט זיך אָן די שורה הייזלעך מיט דער "טשאַרטקאָווער קלויז", אַנ־איינטים בית תפילה אין אַנ־אַלט קליין האלצערן וואוין־הויז. אין דער זעלבער שורה, אַביסל ווייטער געפינט זיך די "חברה לינה" קלויז אָדער ווי איר אָפיציעלער נאָמען איז געווען: חברת לינת הצדק.

אין די גאַליצישע שטעטלעך האָבן עגזיסטירט בתי תפילה פון בעלי־מלאכות און פאָלקס־מענטשן א. נ. "יד חרוצים" אָדער "שניידער שול". די "חברה לינה קלויז" האָט אויך געהערט צו דעם סאָרט, דען דאָס איז געווען די איינציקע קלויז וואָס האָט זיך באַלד נאָכן דאַווענען אויסגעליידיקט און די מתפללים זענען אַהיימגעגאַנגען יעדער צו זיין באַשעפטיקונג, נישט ווי אין די אַנדערע קלויזן וואו בעלי בתים און בחורים זענען געזעסן נאָכן דאַווענען ביי גמרות אָדער סתם אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

אין דער "חברה לינה קלויז" האָט אַ "גאַליברודניק" ס'הייסט אַ ייד אָן אַ באָרד, אויך געקענט צוגיין צום עמוד אָדער עולה זיין צו דער תורה אָן שום פּראָבלעמען.

באַזונדערס איז כדאי צו דערמאַנען די מאָלערייען אויף די ווענט אין דער דאָזיקער קלויז. לויט ווי מען פלעגט דערציילן אין חדר — און ס'גיבט נישט קיין מער גלויבנסווירדיקע קוועלע ווי ס'חדר — איז אַמאָל געקומען אין שטעטל אַ מאָלער אַ גרויסער קינסטלער און נישט קיין קלענערער שיכור, און זופנדיק בראַנפן פון פלעשל האָט ער געמאָלן די אַלע שטוינענדע בילדער.

דאָס טעמאַ פון די מאלערייען זענען געווען די חיות וואָס ווערן דערמאַנט אין חומש און דינען אַלס סימבאלן און עמבלעמען פון די שבטים, אַלץ געמאלן אין רייכע פאַרבן באַגלייט מיט פּאַסיקע פּסוקים. אין דערמיט פון סופיט, אַרום דעם בליץ לאָמפּ, האָט דער קינסטלער געמאָלן אַן איינגעוויקלטן לוויתן וועלכער האַלט זיין עק אין מויל. דער מאָטיוו איז גענומען פון דער ווירקליכקייט. ווי באַוואוסט, שטייט די וועלט אויף אַ ריזיקן לוויתן וועלכער האַלט זיין עק אין מויל; ווי לאַנג דער לוויתן ליגט זיך אַזוי רואיק — עקזיסטירט די וועלט. מיר האָבן שטענדיק מורא געהאַט אַז אַמאָל וועט דעם לוויתן נמאס ווערן די זאַך, ער וועט זיך

וועלן אויסגלייכן דעם רוקן אָדער אַ קראַץ טאָן, און דאַן וועט הס ושלום קומען דער חורבן פון דער וועלט. ווער האָט זיך געקענט רעכטן דערויף, אַז די סכנה פאַר וועלכער מיר האָבן זיך אַזוי געשראָקן וועט טרעפן אונדז, און דער חורבן פון אונדזער וועלט וועט אַזוי שנעל קומען...

דער גבאי פון דער "חברה לינה קלויז" וואָס איז געווען איר איבערגעגעבן מיט לייב און זעל, איז געווען ר' יהושע יוסט, אַנ־"עמך" ייד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט נגינה. ער פלעגט ערלויבן וואַנדערענדע חזנים צו דאַווענען דאָרט אַ "מעריב". זיי פלעגן אויפטרעטן באַגלייט דורך אַ קליין יונגל מיט אַ סאָפּראַן שטימע, וואָס האָט געזונגען סאָלאָ און אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי קהל. די "שטיקלעך" וואָס די חזנים האָבן געזונגען זענען נאָכדעם געוואָרן "שלאַגערן" און מען פלעגט זיי הערן אונטערברומען אין די בתי תפילה אַ לאַנגע צייט.


אַלע בתי תפילה זענען אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך די מתפללים פון זייערע נדרים ביי די עליות אין שבתים און יום טובים. פון דעם געלט וואָס איז איינגעפלאָסן פון פאַר־קויפן דורך אַ ליציטאַציע, די כיבודים אין שמחת תורה ווי "חתן תורה" און "חתן בראשית" און נאָך עטליכע וויכטיקע כיבודים ווי אַ שטייגער ס'עפענען דעם ארון קודש און אַרויסנעמען די ספרי תורה, און מפטירים — אין אַלע שבתים ביז צום נעכסטן שמחת תורה — פון דעם געלט האָט מען געקויפט האָלץ אויף צו באַהייצן אין ווינטער.

דער איינגעהייצטער אויוון וואָס איז געהאַלטן געוואָרן וואַרם אַ גאַנצן טאָג אין די בתי־תפילה, האָט געהאַט אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט אין דעם שווערן ווינטער. קליינע סוחרים, וואָס זייערע געוועלבלעך זענען נישט געווען איבער־געפילט מיט קונים, אויסגעפרווירענע שטעלעכלעך־באַזיצער און סתם אָרימע מענטשן וואָס זייער דירה איז נישט געווען געהייצט — אַלע האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אַריינצוגיין אַביסל אין קלויז אָדער בית מדרש, זיך אָנצע־וואַרעמען די ביינער. זייענדיק אין קלויז האָבן זיי שוין אַריינגעקוקט אין אַ ספר אָדער געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים וואָס העלפט, ווי באַקאַנט צו אַלץ, צו פּרנסה, געזונט און וואָס מען נויטיקט זיך. אויב, צוליב דער וואַרימקייט, האָבן זיי געכאַפּט אַ קליינעם דרימל ביים ספר — איז דאָס זיכער זיי נישט גערעכנט געוואָרן, חלילה, פאַר אַ זינד.

דאָס, וואָס דער מאַן איז געזעסן אין דער וואַרעמער קלויז בשעת זיין ווייב איז געפרווירן געוואָרן אין דרויסן אין קאַלטן אָפענעם געוועלב — דאָס האָט זיך ערקלערט דער־מיט, אַז ביידע, אי דער מאַן אי דאָס ווייב, האָבן געזעען אין תהילים זאָגן, דעם ביישטייער פון מאַן צו דעם פּרנסה־עול און עס איז געווען זיין חלק אין קאַמף פאַר דער עקזיס־טענץ, נאָר מיט אַנדערע מיטלען.

פיל זענען געווען די, וועלכע האָבן גענאָסן פון דער באַהייצונג אין די בתי מדרשים, דאָס האָט מען געקענט לייכט פעסטשטעלן לויט די גרויסע צאָל יידן וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין דער גאַס מיט אַ ווייסען רוקן פון דעם קאַלך וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אויוון, אָנלענענדיק זיך אויף אים. דער ווייסער פלעק אויפן רוקן איז געווען באַזונדערס בולט אויף זייערע שוואַרצע מלבושים און האָט זיך אָנגעזעען פון ווייטן.

מיט צוויי הויפּט אינסטיטוציעס האָט זיך די קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרנומען און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי: ס'בית הקברות און להבדיל, ס'באָד. ס'בית הקברות אָדער "ס'הייליקע אָרט" האָט מען גערופן דעם נייען "בית עולם", דען דער אַלטער בית הקברות אין וואַלד, איז שוין צענדליקער יאָרן נישט געווען אין באַנוץ און ווייניקע זענען געגאַנגען אַהין זוכן אַן־אַלט קבר. דאָס טעטיקע בית הקברות איז געווען נענטער צו דער שטאָט און דער וועג דערצו איז דורכגעגאַנגען ביים נייעם פּאַרק.



דער בית־עלמין אין ברעזיוו

טראָץ זיין געפונען זיך אויסער דער שטאָט און ווייט פונים ישוב, איז דער בית־הקברות געווען אַ טייל פון די געשילדערטע ערטער און אַלע תושבים פון שטעטל זענען געווען געבונדן מיט אים. יעדע משפחה האָט דאָרט געהאַט פאַרשטעער. טייל זענען אָנגעקומען אַהין אין טיפן עלטער, אַרויסרופנדיק קנאה, אַנדערע זענען געבראַכט געוואָרן יונגערהייט און זייער פּלוצלינגער טויט האָט זיינערצייט אויפגעטרייסלט ס'שטעטל. דאָס בית הקברות האָט זיך נאָך געגרייט אויפצונעמען פיל דורות פון נפטרים, עס האָט גע־וואַרט אויף זייער קומען, אָבער עס האָט שוין נישט מער זוכה געווען דערצו.

די צווייטע אינסטיטוציע מיט וועלכע די קהילה האָט זיך פאַרנומען איז געווען ס'באָד מיט דער שוויץ און מקווה אָדער "ס'בעדל" ווי מען האָט עס גערופן אין שטעטל, וועלכעס געפינט זיך נאָך דער "חברה לינה קלויז" און מען גייט אַראָפּ דערצו מיט טרעפּ.

וועגן דער וויכטיקער אויפגאַבע פון דער מקווה אויפן געביט פון "טהרת המשפחה" האָבן מיר נאָך דעמלט אין די חדר־יאָרן, נישט געוואוסט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז די מקווה דינט אויך פאַר פרויען. מיר האָבן בלויז געוואוסט איר וויכטיקייט פאַר מענער, ווייל חסידים האָבן מקפיד געווען זיך טובל צו זיין דאָרט עטליכע מאָל אין

דער וואָך. דאָס חסידות אונטערן איינפלוס פון דער קבלה, האָט געשטעלט די מקווה אין צענטער פון רעליגיעזן קולט. צוליב שפּאָרהייטס טעמים האָט מען ווינטער געוואַרעמט די מקווה נאָר ערב שבת. טראָץ דעם פלעגן אַלטע חסידים זיך טובל זיין ווינטער אין דעם אייז־קאַלטן וואַסער. לויטן דין, פלייש, מוז כשר געמאַכט ווערן ביז דריי טאָג נאָך דער שחיטה, אויב עס ווערט נישט געווייקט ביז דריי טאָג, ווערט עס "עובר" און מען טאָר עס נישט נוצן. דער חסידישער דרש זאָגט, אַז דאָס פלייש — דער גוף טאָר נישט בלייבן דריי טעג אָהן וואַסער, אָהן אַ מקווה, ווייל ער וועט חלילה "עובר" ווערן.

אין די דעמאָלסדיקע באַדינגונגען ווען עס זענען נישט געווען קיין וואַנעס און קיין טושן אין די הייזער און קיין וואַסער־לייטונג און קיין קאַנאַליזאַציע און מענטשן האָבן זיך געוואַשן אין וואַש שיסלען — האָט דאָס באָד ערפילט גאָר אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין היטן די ריינקייט און היגיענע, אָהן דרש, לויטן פשוטן "פשט".

דאָס אַלטע מרחץ איז אין די לעצטע יאָרן רעמאָנטירט געוואָרן, מען האָט עס פאַרגרעסערט און איינגעפירט דערין מאָדערנערע איינריכטונגען. ערב שבת און יום טוב האָט מען, פאַר עטליכע גראָשן, זיך געקענט באַנוצן מיט ביידע מקוות, די קאַלטע און די וואַרעמע, ווי אויך מיט די טושן און מיט דער שוויץ. די וואַנעס זענען געשטאַנען אין אַ באַזונדער צימער און פאַר באַנוצן זיך מיט זיי, האָט מען געמוזט באַצאָלן באַזונדער.

אין דעם בנין פון מרחץ, ריקווערטס, געפונט זיך דאָס שעכט־הויז פאַר עופות. צווישן דעם שעכט־הויז און דעם טייכל קעגנאיבער, געפונט זיך אַ ליידיקער פאַרלאָזענער פלאַץ, פיל מיט דערנער און "בריעכץ", וועלכע זענען תמיד באַדעקט מיט פעדערן פון עופות און פון דער ווייטנס זעט עס אויס ווי ס'וואָלטן דאָרט געוואַקסן פעדערן.

אין דעם טונקלען איינגאַנג צום שעכט־הויז האָט זיך אַנטפּלעקט אַ משונהדיק בילד: דער שוחט, וועלכער איז אָנגענומען אין שטעטל אַלס בכבודיקער איידעלער ייד און רעכנט זיך אַלס דעם רבס שטעל־פאַרטרעטער, שטייט אין אַ פאַרפעדערטע יאַרמולקע אַרומגעוויקלט מיט אַ פאַרטוך פון אַ גראָבן זאַק באַדעקט מיט בלוט, און האַלט אַ מעסער צווישן די ציין! דער מערקווירדיקער "זיווג" פון אַ ייד, אַ בכבודיקער ייד, מיט אַ פאַרבלוטיקט מעסער — איז שווער געווען צו באַנעמען.

☆

געוויינליך, ביים נאָמען פון וויכטיקע שטעט אויף דער וועלט, באַצייכנט מען דעם טייך ביי וועלכע זיי ליגן. ווען מיר וואָלטן זיך אַזוי געפירט לגבי אונדזער שטעטל, וואָלטן מיר עס געדאַרפט רופן: ברעזיוו, אַם בעדל־וואַסער. ס'"בעדל־וואַסער" איז אייגנטליך נישט קיין טייך עס איז אַ קליין וואַסערל וואָס די ברייט דערפון דערמאַנט מער אַן־אויסגעגראָבענעם ראוו ביים ראַנד פון וועג, צום אפּפלוס פון די רעגן וואַסערן. צוליב זיין שכנות מיטן באָד, אָדער ווי מען רופט עס מיטן ליבלינגס נאָמען "בעדל" — רופט זיך דאָס טייכל "בעדל וואַסער".

דאָס טייכל גייט דורך צווישן די פעלדער פון דער "בארקאווקע", און פאַר די גויים וואָס וואוינען דערנעבן, נוצט עס אַלס מקווה, להבדיל, און די גויעטעס פון דער בארקאווקע וואַשן דאָרט זייערע וועש.

דער ברעג ווי יידישע קינדער באָדן זיך איז דער טייל לעבן שעכט־הויז. אין די געציילטע זומער טעג, — אויסער די "ספירה טעג", "דריי וואָכן" און "ניין טעג" — וועלכע דער "שלחן ערוך" האָט מתיר געווען זיך צו באָדן, האָבן די קינדער זיך געפּליסקעט מיט גרויס הנאה אין בעדל וואַסער, נאַקעטע ווי אדם און חוה איידער זיי האָבן געוואוסט זיך צו שעמען. זיי האָבן געפּרוּאווט שוואומען לענג אויס דעם טייכל, אָבער זיי האָבן מקפיד געווען נישט אַריבערצושרייטן דאָס "טעריטאָריאַלע וואַסער" פון די יידן. די טיפקייט פונים "בעדל וואַסער" פלעגן די קינדער באַצייכענען: אַז מען שטעלט זיך אויפן קאָפּ, דערגרייכט ס'וואַסער ביז צו די אויערן.

פון דעם אלעם געזאָגטן, קען מען פאַרשטיין, אַז ס'בעדל וואַסער איז נישט חלילה געווען קיין מסוכנדיקער טייך, עס האָט זיך קיינמאָל נישט צעשטורעמט, זיינע כוואַליעס האָבן נישט פאַרשלעפּט די באָדנדיקע און ס'האָט זיך דאָרט קיינמאָל קיינער נישט דערטרונקען.

אין הערבסט און ווינטער, פלעגט ס'וואַסער אַריבערגיין איבער די ברעגעס אָבער דעמלט, צוליב די קעלט, האָט זיך קיינער דאָרט נישט געבאָדן. קיין גרויסע שאָדנס האָט די "פאַרפלייצונג" נישט געמאַכט. העכסטנס האָט דאָס וואַסער אַריבערגעפירט אַביסל פעדערן פון שעכט־הויז ביז צו דער בארקאווקע.

דאָס בעדל־וואַסער האָט געהאַט וויכטיקע רעליגיעזע אויפגאַבן — עס האָט בייגעשטייערט צו יעדן יום טוב: די ווערבעס וואָס האָבן געוואַקסן ביי זיין ברעג האָבן צוגעשטעלט "הושענות" צו "הושענא רבא", ערבות צו די לולבים און סכך צו די סוכות, גרינס אויף שבועות, שטעקנס צו די פענער און "אינטערצינדערס" אויף שמחת תורה, און די דיקע צווייגן האָבן געדינט אויף פאָרמען צו גיסן די בלייערנע דריידלעך אויף חנוכה. פאַר פסח האָט מען דאָרט געכשרט געשיר און געטובלט נייע כלים איידער מען האָט זיי גענוצט. תשעה באב האָט מען פון דאָרט געבערענגט "בערשטלעך" צו וואַרפן ביי די "קינות". ראש השנה אָדער "שלש עשרה מידות" זענען אַלע יידן פון קליין ביז גרויס, געגאַנגען צום בעדל וואַסער צו "תשליך", און דאָס קליינע וואַסערל האָט אויפגענומען אַלע זייערע עבירות — וואָס זענען ווייזט אויס נישט געווען פיל, — אַ פאַקט אַז ס'טייכל איז פון זיי נישט איבערגעגאַנגען און ס'וואַסער איז נישט פאַרשמוצט געוואָרן, נאָר געבליבן לויטער, ווי פריער.

אזוי ווי ס'בעדל־וואַסער איז געווען די גרעניץ פון דער יידישער טעריטאָריע און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך אַנגעהויבן די פעלדער פון די גויים פון דער "בארקאווקע", און כדי נישט צוריקצוגיין מיטן זעלבן וועג מיט וועלכן מיר זענען געקומען, וועלן מיר צוריק צום רינק דורך די גאַס

פון דער סאַדיגורער קלויז אַזוי אַרום וועלן מיר בלייבן אין
דער יידישער געגנט.

נאָכדעם ווי מען גייט פאַרביי דוד בעזימס ציגל־הויז און
נאָך עטליכע קליינע אַלטע הילצערנע הייזלעך מיט שינדל־
דעכער און באַבקערס הויז מיטן בלעכערנעם דאַך ווי עס
פּאַסט פאַר אַ בלעכער — שטייט מען פאַר אַ קליינעם פּלאַץ
מיט אַן־אָפענעם ברונעם, וועלכער שטעלט צו וואַסער פאַר
די אַרומיקע איינוואוינער. די ווענט פון דעם ברונעם זענען
פון גרויסע בעטאָן־רערן און די אויבערשטע רער שטייט אויף
דער אויבערפלאַך ווי אַ קאַריטע און איבער איר אַ קליין
דעכל. דאָס דעכל שפּאַרט זיך אָן אויף צוויי האָלץ סלופּעס
איינגעגראָבענע אין דער ערד. אַ שטאַנג, איינגעפעסטיקט מיט
האָקעס ליגט האָריזאָנטאַל צווישן ביידע סלופּעס און אויף
דער שטאַנג איז אַרומגעוויקלט אַן־אייזערנע קייט מיט אַ
צוגעבונדענעם עמער צו שעפּן ס׳וואַסער. די שטענדיק נאַסע
קייט איז באַדעקט מיט זשאַווער, און די גרעסערע חדר־
יונגלעך פאַרן זיך מיט איר תמיד, און אַז דער זשאַווער גייט
אַריבער אויף זייערע הענט באַרימען זיי זיך פאַר די דרדקי
קינדער, אַז זיי האָבן "אויסגעאַרבעטע הענט" — כדי אַרויס־
צורופן ביי זיי דרך ארץ.

דער עמער וואָס הענגט אויף אַ גרויסן טשוואָק, רינט
שטענדיק, און די פאַרזשאַווערטע וואַסער־טראָפּנס, וואָס טריפן
פון אים, פאַרפרירן אין ווינטער און ווערן ברוינע אייז "צעפּ".
דער טיפער ברונעם איז טונקל אינווייניק און די קינדער
ווייסן צו דערציילן אַז עפּעס אַ "נישט גוטס" וואָס געפונט
זיך דאָרט אונטן אויפן דנאָ, פּרואווט אַריינשלעפּן יעדן וואָס
קוקט אַריין אינווייניק.

אַז מען קען נישט בייקומען די נייגעריקייט, און אָנהאַלטנ־
דיק זיך ביי דער רער בויגט מען זיך אַריין כדי אַריינצוקוקן
אינווייניק — זעט מען באמת אַ שאָטנדיק געשטאַלט וואָס
באַוועגט זיך ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַריינשלעפּן אינוויניק.
מען ציט זיך גלייך צוריק, איידער ס׳וועט זיין צו שפּעט.
אַ מזל, וואָס דאָס געשפּענסט איז אַ וואַסער־חיה און גייט
נישט אַרויס פונעם ברונעם.

אַנטקעגן דעם ברונעם געפונט זיך די סאַדיגורער קלויז —
אַ גרויסער בנין מיט געמאָלענע ווענט און ביים איינגאַנג אַ,
פון האָלץ אויסגעשניצטע מזוזה, אין פאָרם פון אַ פיש — אַ
קינסטלערישע אַרבעט פון משה־יאַנקל מיט די "גאָלדענע
הענט".

די סאַדיגורער קלויז, צוליב איר גרויסן פאַרנעם און אויך
צוליב דעם מער ליבעראַלן צוגאַנג פון אירע מתפללים —
דינט אויך אַלס זאַל פאַר פּאָליטישע אויפטריטן. פאַר וואַלן,
ווערן דאָרט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס דורך אָרטיקע אָדער
דורך די פאַרטייען באַשטעלטע רעדנער. אויך קומען דאָרט
פאָר פאָלקס־פאַרזאַמלונגען בעת ספּעציעלע געשעענישן און
מען איז דאָרט מספּיד ציוניסטישע מנהיגים, נפטרים.

בייטאָג, זיצן אין דער סאַדיגורער קלויז, בחורים, און
לערנען גמרא און תוספות. פאַר די מתמידים צווישן זיי האָט
מען פאָרגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט — זיי וועלן ווערן
רבנים. די מיטלמעסיקע האָבן זיך באַגנוגנט מיט קענען אַ
"בלאַט גמרא" פאַר "אייגן געברויך", און די בחורים, וואָס
זייער קאָפּ איז נישט געווען ביים לערנען, זיצן אויך ביי די
גמראס ביז זיי גייען אַרויס פון די עלטערנס רשות און גייען
אַריבער אין די פאַראייניגען, לערנען אַ מלאכה, אָדער פאַרלאָזן
ס׳שטעטל, צו זוכן אַ "תכלית". די מעסיקע צווישן די מתפללים
באַציען זיך אויך צו די לעצטע מיט טאָלעראַנץ, אַרויסגייענדיק
פון שטאַנד־פּונקט אַז צוליב דעם מקרב זיין די בחורים וועלן
זיי נאָך האָבן אַ פאַרבינדונג מיט דער קלויז און נישט אַרויס־
גיין אינגאַנצן ל"תרבות רעה". די קנאים דאַגעגן, קריצן מיט
די ציין אויף די דאָזיקע בחורים און טענהן אַז זייער בלייבן
אין קלויז, ברענגט דערצו, דאָס זיי זענען משפּיע אויך אויף
די אַנדערע און "מאַכן זיי קאַליע". דער אייביקער וויכוח
צווישן "בית הלל" און "בית שמאי", אַ וויכוח, וואָס ציט זיך
פון דאַן ביז היינט צו טאָג.

נעבן דער סאַדיגורער קלויז געפונט זיך דאָס הויז פון
אַלטן רב — וואַנט ביי וואַנט. דאָרט איז אויך די "בית דין"
שטוב, וואָס אויסער די "דין תורה"ס וואָס ווערן דאָרט געפירט,
דינט זי אויך אַלס אויפנאַמס־צימער פאַר געסט און בעלי
בתים פאַרזאַמלען זיך דאָרט מוצאי שבת און אין אַ יומא
דפגרא, הערן אַ דבר תורה, שיחת חולין און טרונקען אַ
גלעזל טיי. ביידע הייזער, דעם רבס הויז און די קלויז, זענען
געבונדן צווישן זיך און זענען געגנזייטיק משפּיע איינס
אויפן אַנדערן.

אין דער פרי, איז די באַוועגונג אין דעם דאָזיקן געסל אַ
לעבהאַפטע. יידן גייען אַרויס פון דער קלויז מיט טלית און
תפילין אונטערן אָרעם, שפּרייזן זיך בנחת, טייל פּאַרווייז,
שמועסן צווישן זיך, טייל אַליין, פאַרזונקען אין זייערע מחש־
בות; זיי קרייזלען די פּיאות און פלעכטן אַריין אין זיי
דאָס קדושה געפיל, וואָס איז זיי געבליבן אין די פינגער־
שפּיצן נאָכן קושן די מזוזה ביים אַרויסגיין פון בית התפילה.
קינדער פון פאַרשידענעם עלטער איילן זיך אין די "חדרים"
אַרום, רוישנדיק און טומלענדיק, ווי דער שטייגער פון קינדער.

אַן־אויסנאַם אין דער סביבה איז דער "טאַנץ מייסטער",
וועלכער לערנט די מאָדערנע יוגנט טאַנצן. היות ווי אין
"חדר" איז אַזאַ פּראָפעסיע ווי אַ "טאַנץ מייסטער", נישט
באַקאַנט, דען די חסידים, וואָס טאַנצן "שמחת תורה" אין
קלויז, רעכענען זיך נישט צווישן זיינע תלמידים — האָבן
מיר געמיינט, אַז דער נאָמען נעמט זיך פון זיין גאַנג מיט
טענצלדיקע שריט.

דער "טאַנץ מייסטער", אויסעלעגאַנטירט, מיט דעם בונטן
קראַוואַט, שפּאַציר־שטאַק, ווייסע הענטשקעס און קאָמבינירטע
לאַק־שיך איז אַ מין "יוצא־דופן" אין דעם אָרעמען געסל און
ער זעט אויס ווי אַ געמאָלן געשטאַלט וואָס איז אַרויס פון
די אָפּגעריסענע זשורנאַלן ביים מאָדע שניידער — יוסף אשר.
אַ פרעמדער, וואָס האָט אים דאָרט געזעען, האָט אים אָנגע־
נומען מן־הסתם פאַר אַן־אַמעריקאַנער, וואָס איז געקומען
אַהין זוכן זיינע אָרימע קרובים.

ביי דער קלויז שטייט אַן־אַלט הייזל האַלב איינגעזונקען
אין דער ערד, מיט קליינע שמאָלע פענצטערלעך. צוליב דעם
וואָס מען גייט שטענדיק ביי דעם הויז, האָט דער "אַרכיטעקט"

געפלאַנט ס׳הויז אַזוי, אַז די פענצטערלעך זענען ממש אויף דער ערד און דער דורכגייער קען נישט אַריינקוקן אין שטוב, סיידן ליגנדיקערהייט.

אין דעם הויז האָט אַמאָל געוואוינט אַ שוסטער מיטן נאָמען מעכל "מאנדרוש". דעם צונאמען "מאנדרוש" האָט מען אים געגעבן צוליב זיינע "שטיקלעך" און מעשה ליצנות וואָס ער פלעגט טרייבן. נאָכדעם ווען מיכל איז אַוועק קיין אויס־לאַנד, האָט מען אים פאַרגעסן צוזאַמען מיט זיינע שטיקלעך.

נעבן דעם דאָזיקן הייזל אויף אַ לאַנגן האָלצערנעם שטאַנג, זענען אַרויסגעהאַנגען, ווי באַלאנען, אָנגעבלאָזענע קישקאַלעך, וואָס דער "קישקאַלע מאכער" האָט אַרויסגעהאנגען צו טרו־קענען אויף דער זון, און דער ווינט און די אַדורכגייענדע חדר־יונגלעך, וויגן זיי אַהין און צוריק.

נאָך איין צעבראָכן הייזל וועלן מיר דערמאַנען. דאָס הייזל איז געשטאַנען אין עס געסל, ביים אַרויסגאַנג צום רינק — דאָרט האָט געוואוינט די "בייגל־מאַכערן". אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם געסל פלעגן מיר הערן דעם אויסדרוק "בוי־פעליק", ס׳הייסט אַ סכנה צו וואוינען דאָרט — און מען האָט עס געזאָגט מיט אַ זיפץ, אַ שטייגער ווי מען פלעגט זאָגן אויף אַן־אונטערערנערט קינד — ס׳איז נעבעך "אונקרייטיג".

יעצט קומען מיר צום רינק — דער גרויסער פּלאַץ אין צענטער פון שטעטל וואָס אַלע גאַסן פירן אהינצו. אויב מיר וועלן דורכפירן אין דער פארשטעלונג צוויי דיאַגאנאַלע ליניעס פון איין עק רינק צום צווייטן — וועט איין פונקט זיך אָנהויבן פון די פלאַכע לענגליכע קאַסטנס מיט שויבן ביי דער טיר פון גלעזער וויעלאפאלסקי ביז צו די זעלבע קאַסטנס מיט זעגעכץ, וואָס דינען צו פּאַקן אייער, ביים הויז פון יאסל פּענער. די צווייטע ליניע הויבט זיך אָן ביים נידריקן הויז פון קאָפּל צוויק, וועלכעס שפּאַרט זיך אָן אויף דעם גרויסן געמויערטן הויז פון זיילערן פון וועלכן ער נעמט קוראַזש ווי איינער זאָגט "הויב נאָר נישט אָן מיט מיר — זע ווער עס שטייט אונטער מיר! די ליניע ענדיקט זיך מיט די אויסגעבראכענע טרעפּ נעבן אייזיק פילער, וועלכע זענען ווינטער באַדעקט מיט אייז פון די פאַרפרוירענע וואַסערן וואָס פליסן דאָרט ווי אין אַ קאַנאַל, און ס׳איז אַ סכנה זיך מיט די טרעפּ צו באַנוצן.

דער רינק פּלאַץ איז דורכגעשניטן אויף צוויי טיילן דורך דעם הויפּט וועג וואָס ציט זיך לענגאויס דעם שטעטל; דער מערב טייל איז אַ לענגליכער פּירקאַנטיקער שטח און דער גרעסערער טייל דער מזרחדיקער, האָט דעם פאָרם פון אַ דרייעק. אין צענטער פון רינק שטייט דאָס ראטהויז — אַ גרויסע שטעטישע געביידע אין וועלכע עס געפונען זיך אַמטן און פארדינגענע געשעפטן. ס׳הויז דינט אויך אַלס דירות־הויז פאַר אייניקע מיוחסדיקע משפחות, דערינטער אויך יידן. אין מיטן ראָטהויז געפונט זיך אַ גרויסער פּיר־קאַנטיקער טורם פון וועלכן ס׳לאָזט זיך אַראָפּ אַ לאַנגער קאַבל וואָס זיין עק איז אַריינגעזעצט אין אַן־אייזערנע רער אַריינגעשטעקט אין דער ערד. די אויפגאַבע פון דעם קאַבל איז צו היטן די געגנט אַרום פון דונערן און בליצן וואָס טרעפן אָפט אין שטעטל און ציטערן אויף, די שויבן און די



דאָס ראטהויז

קינדערישע הערצלעך. דער נאָמען פון דעם וואונדערליכן אַפּאַראַט, איז — בליץ־אבלייטער, און וועגן אים ווערט אין חדר דערציילט, נסים ונפלאות. דער צווייטער קאַבל, וואָס דינט דעם זעלבן צוועק, געפונט זיך אין דער נישט־יידישער געגנט אויפן בנין פון "סאקאל".

פאַרשטייט זיך, אַז יידן פּאַרלאָזן זיך נישט אויף אַ סתם שטיקל דראָט, און זיי האָבן אַ מער עפעקטיוו שוץ־מיטל קעגן בליצן און דונערן — די ברכות "עושה מעשה בראשית" און "שכוחו וגבורתו מלא עולם", ברכות, וואָס אַפילו די קינדער זאָגן מיט גרויס כוונה.

אין דריי זייטן פון דעם טורם זענען איינגעבויט דריי גרויסע זייגערס, וואָס זייערע רוימישע ציפערן צוטומלען אַביסל די קינדער און צעמישן זייערע צייט אויסרעכענונגען, אַזוי אַז זיי פאַרהאַלטן זיך אויפן וועג און פאַרשפּעטיקן אין חדר אַריין, און ווערן צוליב דעם שטרענג באַשטראָפט.

די רעפּרעזענטאַטיווע זייט פון רינק — דער פראנט, איז די דרום זייט — קעגנאיבער לערנערס שענק. אין דער דאָזיקער זייט געפונט זיך אַ גרויסער באַלקאָן וועלכער געהער צו איינע פון די דירות. אין די פּוילישע נאַציאָנאַלע פייער־טעג ווי דער זעלבסטשטענדיקייטס יום־טוב — אין 11 נאָ־

וועמבער און דעם 3־טן מאַי — דעם טאָג פון דער קאָנסטיטוציע, שטייט דער באַלקאָן אין צענטער פון די פייערונגען — מען דעקארירט אים מיט נאַציאָנאַלע פענער און מען באַדעקט אים מיט אַ גרויסן דיוואַן, און אויף אים הענגט דער מלוכה עמבלעם — אַ ווייסער אָדלער אויף אַ רויטן באַדן. דער באַלקאָן דינט אַלס בינע פאַר די הויכע מלוכה בעאַמטער אין זיי האַלטן דאָרט פייערדיקע פּאַטריאָטישע רעדעס פאַר דעם פאַרזאַמלטן המון. צוליב דעם קאַלטן וועטער אין די דאָזיקע טעג גייען אַלע אָנגעטוין אין וואַרעמע מלבושים און טראָגן היטלען אויף די קעפּ. ווען מען נעמט זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן, נעמען אַלע אַראָפּ די היטלען, אויסער אייניקע בית־מדרש בחורים, וועלכע הייבן אָן אַנטלויפן אין די דערנעבנדיקע הייזער, כדי נישט צו בלייבן חלילה בגילוי ראש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פאַרדריסט די פּאָלאַקן דערנעבן, וועלכע זענען אַזוי אויך נישט קיין איבעריקע אוהבי ישראל — און די בחורים כאַפּן אַריין גוטע קלעפּ.

אין אַ "אודפּוסט" — דאָס איז אַ קריסטליכער יומא דפּגרא, זאַמלען זיך אָן אין רינק פול עולי רגל וועלכע קומען צו דער פאַרהייליקטער קירך אין סטאַראַ־וויעש, און אין שטעטל הערשט אַ געמישטע שטימונג פון אַ יריד און אַ קאַרנאַוואַל צוזאַמען. די יונגע חברה דרייען זיך אַרום אין רינק שפּילן אויף האַרמאָניקעס, טרונקען לייכטע געטרענק און ענדיקן אויס אין די געוועלבן אַלע פאַרדאַרטע קיכלעך וואָס זענען געבליבן פון פאַראַיאָרן. אין רינק שטעלן אויף זייערע סטראַגאַנעס, וואַנדערענדע מציאות־פאַרקויפער, וועלכע ווערן גערופן דורך די גויים "טאַני זשיד" — אַ ייד וואָס פאַרקויפט ביליק. זייער סחורה איז — ביליקע גאַלאַנטעריע, באַלאָנען, פייפערלעך, קעמאַלעך און צווייפלהאַפטע זיסוואַרג זיי וויקלען איין פירקאַנטיקע שטיקלעך פּאַפּיר אין פאָרם פון אַ ליקע — וואָס רופט זיך "שטראַמוץ", לייגן אַריין אַביסל צוקערלעך און דאַביי שיטן זיי מיט גראַמען און "חכמות" וואָס מאַכן אַ גרויסן רושם אויף די צוהערער. די צונג אַרבעט פיל געשיקטער ווי די הענט, און דער שטראַמוץ איז אָנגעפילט מיט אַ סך גראַמען און ווייניק צוקערלעך.

אין דער דאָזיקער זייט פון רינק געפונט זיך אויך דער גרויסער ברונעם, וואָס בלויז נאָך צוויי פון דעם סאָרט, זענען פאַראַן אין שטעטל: איינע נעבן דער גמינע און די צווייטע ביים געריכט. דער ברונעם איז צוגעדעקט מיט אַ בעטאָן פּלאַטע און אויף איר שטייט די פּאָמפּע. דאָס גרויסע אייזערנע ראָד באַוועגט מען מיט אַ הענטל וואָס איז צוגעשרויפט צום ראָד. נאָך אייניקע מאָל דרייען דאָס ראָד, גייט עס אַריין אין שוואונג, מען הענגט זיך אָן אויפן הענטל און מען דרייט זיך צוזאַמען מיטן ראָד ביז עס בלייבט שטיין. דער שפּיל גייט אָן אַזוי לאַנג ביז די וואַסער גויהס קומען אָן מיט די עמערס און קאַרמיסל און פאַרטרייבן ס'קליינוואַרג: "דאָ כיידעראָ!" — אין חדר אַריין.

די פּאָמפּע און אַלע אירע טיילן, זענען צוגעשרויפט צו דער בעטאָן פּלאַטע און זי זעט אויס אין אונדזערע אויגן ביים שעכן ס'וואַסער ווי אַ קליין שדל איינגעשמירט אין סמאָלע הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ די אָרימס די גאַנצע צייט. ס'וואַסער קומט אַרויס פון דער ברונעם דורך דער גרויסער אייזערנער רער מיט אַ דינעם אויסגעשטרעקטן אָרים, אויף וועלכן מען הענגט אויף דעם עמער. ווינטער הילט מען איין די רער מיט אַ צודעק פון געפלאָכטענעם שטרוי כדי זי צו שיצן פון פראָסט.

ביים וואַסער ברענגען זענען באַשעפטיקט עטליכע אָרימע גויהטעס, און יעדע האָט זיך איר ראַיאָן. אַמאָל איז געווען אַ ייד אַ וואַסער טרעגער אַ שטומער. זיין נאָמען האָבן מיר נישט געוואוסט ווייל ער האָט אים נישט געקענט אַרויסרעדן און ער האָט אויך נישט געקענט אים אויפשרייבן — האָבן מיר אים גערופן "דער שטומער". נאָך זיין טויט איז די פּראָפעסיע פון וואַסער טראָגן אַריבער צו די פויערטעס. זיי פלעגן די עמערס וואַסער אַריינגיסן אין הילצערנע פעסער, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג אין דער דירה. פון דאָרט האָט מען ס'וואַסער אַריינגעבערענגט אין אַ ספּעציעלע כלי, וואָס איז געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ קוואָרט אין שטוב ביי דער קיך, און מען האָט גענוצט דערפון צום קאָכן, טרונקען און וואַשן זיך. ווינטער, פאַרפרירט די אויבערשטע שיכטע פונים וואַסער אין פאַס און מען דאַרף אויפהאַקן ס'אייז כדי צו שעפּן דערפון.

דער פּלאַץ צווישן ראָטהויז און די געשעפטן אַרום, איז אויסברוקירט מיט קליינע פירקאַנטיקע שפּיציקע שטיינער. די וועגן מיט די אייזן געקאָוועטע רעדער, קריצן דורכפּאָרנדיק. די פּאָדקאָוועס פון די פערד קלאַפּן אויף די שפּיציקע שטיינער, און ווינטער, ווען אַלץ איז באַדעקט מיט אייז, גליטשן זיך אויס די פערד און די פּאָדקאָוועס שפּריצן מיט פונקען; די חדר קינדער קוקן דערויף מיט אויפגעריסענע אויגן.

פון דער שענק פון אהרן לערנער שטעלט מען זומער אַרויס קליינע טישן און בענקלעך ווי אין אַ קאַפּע הויז און דאָרט זיצן שטעטישע גויים און זופּן בנחת "אקאטשימער" ביר, פון דיקע גלעזער מיט הענטלעך — "האַלבעס" (אַ האַלבע ליטער). אַנ־אַלטער גראַמאָפאָן מיט אַ ריזיקער טובע, שפּילט גרילצענדיק, און הערט זיך פון איין עק שטעטל צום אַנדערן.

די טרונקער, רעדן צווישן זיך אויפן הויכן קול און לאַכן מיט אַ הילכיק געלעכטער, וואָס ביי יידן איז מען נישט געוואוינט צו הערן. יידן, אויך ווען זיי לאַכן, איז עס מיט אַ האַלב מויל. אפילו שמחת תורה און פּורים ווען ס'איז אַ מצווה זיך משמח צו זיין הערט זיך אויך כמעט נישט קיין געלעכטער, עס ווערט באַלד דערשטיקט און פאַרזונקען אין דער געדיכטער באָרד.

נאָכדעם ווי די אַרומזיצענדע לערן אויס די "האַלבעס", לעקן זיי אָפּ פון די וואָנסעס דעם ווייסן ביר־שוים, ציען אויס ביידע וואָנסעס־עקן, רעכטס און לינקס און באַשטעלן אַ נייע רונדע.

אין דער שענק אינעווייניק, זיצן אין ענגשאַפט די אמתע טרינקערס, וואָס דער שמועס צווישן זיי איז אַ שיטערער

און דער עיקר איז ביי זיי ס׳טרונקען, און וואָס נענטער צום ביר־קוואַל, פאַרלירט מען וויניקער צייט ביז צום דער־לאַנגען. דער שענקער, ווי אַ פייערלעשער, טוט אַלץ צו לעשן דעם שטענדיקן ״דורשט״, וועלכן מען קען קיינמאָל נישט זעטיקן.

נעבן לערנערן, געפונט זיך אַ צווייטע שענק — פון אברהמלע קאָרנפעלד. אברהמלע, אַ בכבודיקער ייד מיט אַ הדרת פנים, פיל יאָרן אַן־אלמן, זויבער געקליידעט מיט אַ גאָלדענער קייט אויף דעם דיקן בויך, רעדט שטיל, מיט אַ הייזעריק קול. ער גייט תמיד פּאַמעלעך, בנחת, טריט ביי טריט, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב זיך נישט וואָס צו איילן, מען וועט סיי ווי סיי גאָרנישט מאַכן אהן מיר. אברהמלע און אַ שענק — זענען צוויי קאנטראַסטן. די שענק איז באמת ענליך צום אייגנטימער: שטיל און רואיק. אין פאַרגלייך מיט דער שענק פון לערנערן, וועלכע קאָכט און רוישט שטענדיק, איז אברהמלעס שענק ווי אַן־אויסגעלאַ־שענער קראַטער — עס איז אַ קאַפע־הויז וואו מידע מענטשן קומען זיך אַביסל אָפּרוען, טרונקען אַ גלעזל טיי בחברותא און פרישן אויף זכרונות.

צווישן די יידישע געשעפטן זענען פאַראַן אויך אייניקע וועלכע געהערן צו נישט־יידן, ווי אַ דעליקאַטעסן געשעפט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו און עס האָט זיך גערופן ״קאנסום״, ווי אויך עטליכע חזיר־יאַטקעס, מיט קעלערס, וואָס זייערע פענצטערלעך גייען אַרויס צום טראטואר און זיי זענען צוגעדעקט מיט אייזערנע שטאַכייטן.

אין די קעלערס ווערט געקאָכט, געפּרעגלט און גערויכערט ס׳חזיר פלייש און ס׳טראָגט זיך פון דאָרט אַ ריח פון טריפה און עקל. דורכגייענדע חדר יונגלעך פאַרטרייבן פון זיך דעם ריח, ווי מען פאַרטרייבט אַ זלידנע פליג. אַביסל ווייטער געפונט זיך אַ הויז וואָס דינט ווי אַ ״פּאסאַזש״ צו דער גאס פון דער ביאַנער קלויז, וועלכע פירט אויך צו דער ״אלעיארניע״, אַ גוֹאישע אָרימע געגנט, וואָז אירע שקצים צייכנען זיך אויס מיט וואַרפן שטיינער אויף יידישע קינדער פון זייער שכנות.

די געשעפטן רייע, ענדיקט זיך מיט דעם דעליקאַטעסן געשעפט פון ״מאַשע״, אַ ווינקל געשעפט אין קלמן וואלף ריידס הויז מיט אַ שויפענצטער אָנגעפילט מיט מעדני מלכים וואָס רייצן אַביסל די דורכגייענדע קינדער. אייגנטלעך זענען די חדר יונגלעך נישט אַזעלכע מפונקים און זענען זיך גרייט צו באַגנוגן מיט אַ ״שטאַלוואַרג״ (טופי) אדער אַ ״קאַוואוקע״ (אַ קליינער פירעק פון געפילטע שאקאלאד מיטן טעם פון קאַווע), און איינמאָל אין יאָר — מיט ״חמשה עשר״ אויבסט.

אין דער מערב זייט פון רינק געפונען זיך בלויז צוויי געשעפטן: אין איין זייט דאָס קאנפעקציע געשעפט פון פּאַס און אין דער צווייטער זייט דאָס געשעפט פון גלעזער וויעלאַ־פּאלסקי אין הויז פון דעם ארגאניסטער — דער אַלטער סקארבעק.

סקאַרבעק איז אַ גוֹאישער חזן און זינגט ביי די קריסטליכע לוויות. ער רעט גוט יידיש און היות ווי די לוויות זענען פאַר אים אַ גוטע פרנסה, דערציילט ער די יידישע שכנים זיין באַגער:

היום אחת (איין לוויה)
מחר שתיים
ומחרתיים כפליים...

אין חדר, אַז די יונגלעך געפונען אַ פּגר פון אַ קאַץ, לייגן זיי אים אַרויף מיט שטעקאַלעך אויף אַ ברעט און זינגען דאביי סקארבעקס ניגונים, פאַרלעצנדיק אַזוי אַרום זיין אויטאָרן רעכט. דאָס קלאָג ליד גייט אַזוי:

האסטו געפרעסן טשיפּקיס מיט באבעס
ביסטו געוואָרן פאַרדארבן,
ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין באַנקעס
און דו ביסט געשטאָרבן...

(ווערטער: **חדר יונגלעך**; ניגון: **סקארבעק**)

נעבן סקארבעקס הויז, שוין אויסערן רינק איז פאַראַן אַ גרו״סער לײדיקער שטח וואָס אין מאַרק־טאָג פאַרקויפן דאָרט די פויערטעס עופות, פּוטער, אייער און פעלן פון קיניגלעך — דעם שטח רופט מען ״פּלאַץ״. דער ״פלאַץ״ געפונט זיך צווישן דעם פון רויטע ציגל געבויטן הויז פון בעקער גדליה פילער און דעם הויז פון זיין ברודער, מענדל.

מענדל פילער האָט אַ ״סאדאַ־וואַסער פאבריק״, ווי מען רופט עס אין שטעטל. דער נאָמען ״פילער״ פּאַסט אים זער גוט, ווייל ער פ י ל ט אָן פלעשער מיט סאדא־וואַסער וואָס ער פּראָדוצירט. שוין פון דערווייטנס הערט מען דעם רעש פון מאטאר באַגלייט מיט קלאַפּן פון די ליידיקע פלעשער און ס׳קלינגען פון די פארצעלאַן קארקעס אויף זיי. ווי אַ רעפריין חזרט זיך איבער ס׳קול פון דער אנגעפילטער פלאַש בעת מען רייסט זי אַוועק פון דער רער: צ־ס־ס־ס־ס־ס.

אין דער דאָזיקער פּאַבריק האָבן מיר ס׳ערשטע מאָל געזען ווי אַ מאַשין אַרבעט, מיר האָבן געלערנט די באַדיי־טונג פון וואָרט ״פּאַבריק״ און באַקומען אַ באַגריף איבער אינדוסטרי בכלל.

די פּראָדוקציע פון דער ״סאדאַ וואַסער פאבריק״, ווי מען זעט עס פון איר נאָמען איז סיפאָנען סאדע־וואַסער און קליינע פלעשלעך מיט געפאַרבטע זיסע געטראַנקען וואָס מען רופט ״קראַכלען״, מן הסתם צוליב דעם קראַך וואָס הערט זיך ביים עפנען זיי.

פון דעם פלאַץ גייען אַראָפּ טרעפּ צו די ״לאַווקעס״, אַ שטח וואָס הייבט זיך אָן מיט יידישע הייזלעך און ענדיקט זיך מיט פעלדער ביי די ״רענדזינעס״ און פירט קיין סטאַראַ־וויעש, וועלכעס איז דער הויפּט ליפעראַנט פון מילך פאַר די יידישע הייזער.

דער נאָמען אין פויליש ״לאַווקעס״ איז נישט קלאָר, דען אין דער סביבה איז נישטאָ קיין שום בענק.

די מיינסטן געשעפטן פון שטעטל געפונען זיך אין דער מזרח זייט פון רינק אַנטקעגן דעם הויפּט וועג. זיי הייבן זיך אָן פון פענערס הויז, לענגאויס דעם רינק און ציען זיך ווייטער ביז צו מאַרינס הויז אויסער דעם רינק. דער ליידיקער פלאַץ פאַר די געשעפטן, דינט אַלס פאַרקינג־פּלאַץ פאַר די פויערישע וועגן, וואָס קומען פון דער אומגעבונג.

די הייזער זענען אַלע באַהאַפטן איינס צום אַנדערן. אין פראַנט זענען געבויט די געוועלבן — אַלע גרוי און האַלב טונקל, בלויז איין געשעפט וואָס זעט זיך אָן בולט מיט זיינע פאַרבן, דאָס איז אַ געשעפט פון טאַבאַק און ציגאַרעטן — די "טראַפיק". טאַבאַק ווי אויך "וואָדקאַ", זענען אַ מלוכהשער מאָנאָפּאָל, און די ערלויבעניש זיי צו פאַרקויפן, באַקומען נאָר מיוחסים און קריגס־אינוואַלידן. דער איינגאַנג אין געשעפט איז געפאַרבט מיט שיפע פאַסן, רויט און ווייס, די פּוילישע נאַציאָנאַלע פאַרבן, כדי צו באַצייכענען אַז דאָס געשעפט פאַרקויפט אַ מלוכה פּראָדוקט (די שענקען, הגם זיי פאַרקויפן אויך אַ מלוכה פּראָדוקט — בראנפן, זענען נישט געפאַרבט, מן הסתם ווייל זיי זענען נישט גענוג בכבודיק).

אויך קינדער, וואָס זייער פאָטער האָט נישט גערויכערט פלעגן קומען אין דער "טראַפיק", געשיקט דורך דערוואַקסענע — גאַנץ פרעמדע — וועלכע האָבן תמיד געהאַט רעכט אויסצונוצן קינדער אין זייער שליחות. דער איינקויף איז נישט געווען קיין גרויסער: אַן־איינצלנער סיגאַרעט, טיילמאָל האָט מען געקויפט צוויי סיגאַרעטן איינעם אַ ביליקן אַ "דראַמקע", און דער צווייטער פון אַ בעסערן סאָרט ווי "ספּאַרט" אָדער "עגיפּטישע" און מען האָט זיי אויסגעמישט צוזאַמען און איינגעוויקלט אין "ביבולקע" פּאַפּיר.

נאָך דעם איינדרוקספולן פראַנט פון דער "טראַפיק", איז דאָס אויסזעען פון דעם אינערליכן טייל גאַנץ נעבעכדיק — אַ קליין טישל און עטליכע האַלב־ליידיקע פּאָליצעס.

דער מסחר און דער קאַמף פאַר פּרנסה, פירן זיך אין דעם פראָנט־טייל פון די הייזער, ביי די געשעפטן. אין הינטער־טייל זענען די דירות און נאָך זיי, די הויפן וועלכע זענען געשלאָסן צוזאַמען און בילדן איין גרויס הויף. פון צייט צו צייט פּרוּווט איינער פון די בעלי בתים אויפשטעלן אַ פּאַרקן, כדי אָפּצוטיילן די גרעניצן פון זיין אייגנטום, אָבער ער איבערצייגט זיך גלייך, אַז דאָס איז אַ ברכה לבטלה. די קינדער ברעכן באַלד אויס די דרענגלעך פון דעם פּאַרקן, וועלכע וואַלגערן זיך במשך עטליכע טעג אין הויף, ביז עמיצער נעמט זיי צו און באַנוצט זיך מיט זיי צו הייצן דעם אויוון.

אין פראָנט ביי די געשעפטן, דרייען זיך די מענער אין שוואַרצע איבערציערס און אין סאַמעטענע קאַפּעלושן, זומער, און אין פוטער־היטלעך — אין ווינטער. זיי שטייען אין געשעפט אָדער גייען זוכן אַ גמילת חסד צו באַצאָלן אַ וועקסל.

די פרויען זענען געקליידעט, אין ווינטער, אין קורצע אויסגענייטע שאָף־פּעלצעלעך און שייטלעך אויף די קעפּ, איינגעהילט אין וואָלענע גרויסע פּלעטן. זיי איילן זיך תמיד, שטענדיק באַשעפטיקט. אין די הויפן דאַגעגן, לענגאויס די זעלבע געשעפטן, גייען זיך די מענער געלאַסן קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן ווי בעלי בתים, דער טלית קטן אויפן העמד, וואָס שבת איז ער נאָך געווען ווייס, ווערט אין משך פון דער וואָך גרוי און וואַרט געדולדיק ביז פרייטיג מען זאָל אים טוישן אין באָד.

די פרויען טראָגן טיכלעך אויף די קעפּ, אָנגעטון אין אַלטע קליידער און שטעק שיך. איינע גייט אַריין צו אַ שכנטע באָרגן אַן־איי, אַ גלאָז מעל אָדער אַ ציינדל קנאָבל צום געקעכטס וואָס שטייט אויפן פייער, דאַביי הערט מען אַביסל רכילות ס"זאָל נישט אויסגערעדט זיין".

אויך די קריגערייען אין הויף זענען איבער שטוב ענינים — איבער אַ הינדל וואָס איז אַריין אין שטוב דורך דער אָפענער טיר און אָנגעמאַכט אַ שאָדן, אַ קינד וואָס האָט געוואָרפן אַ שטיין און צובראָכן אַ שויב, אָדער מען האָט אָפּגעשפּריצט אַ דורכגייער ביים אויסגיסן אַ פּאַמעשאַף א. ז. וו. אין דרויסן זענען די סכסוכים איבער געשעפט־זאַכן, ווי צונעמען אַ קונה א. א.

פּאַראַלעל צום שטח פון די הויפן, וואָס געפונט זיך אויף אַ באַרג, לענגאויס די הייזער רייע, נאָר אויף אַ נידריקערער פלעכע, צופיסענס דעם באַרג — ציט זיך דער "אונטערן באַרג". דאָס איז אַ פּאַס אין דער ברייט פון עטליכע צענדליק מעטער באַדעקט מיט אויסגעטרוקנט און אויסגעטרעטן גראָז, וועלכער דינט אַלס שפּיל־פּלאַץ פאַר אַלע שטעטלישע קינדער אָנהויבנדיק פון די דרדקי קינדער ביים "באַריסלאַווער" (מלמד) ביז צו די יונגלעך פון די גרעסערע חדרים און שולע. דאָרט שפּילט מען "קיטשקע פּילעזדרי" און אין "באַהעלטעניש". אין דער מיט אונטערן באַרג שטייט אַן־אַלטער "פייקע בוים" וואָס אונטער אים זענען פאַרשפּרייט פיל "חזיר ניס". דער שטאַם זיינער איז אַ ברייטער און די צווייגן זענען אויסגעשפּרייט אין אַלע זייטן; די אונטערשטע צווייגן זענען תמיד צובראָכן צוליבן קלעטערן פון די קינדער אויף זיי. דער "פייקע בוים" באַטייליקט זיך אין אַלע שפּילערייען און ביי אים "שלאָפט מען" ביז מען ענדיקט ציילן מיט פאַרמאַכטע אויגן ביז הונדערט. די קיילעכדיקע פאָרם ערמעגליכט צו כאַפּן אַ קוק אין דער זייט און זען ווי די חברה גייען זיך "באַהאַלטן".

פאַר די עלטערע מענטשן איז דאָס אַראָפּקלעטערן אונטערן באַרג, שווערלעך, און ס'טרעפט אַז אַ טאַטע איז זיך מטריח אַהין צו זוכן זיין "תכשיט" איז אַ סימן, אַז דער האָט זיך שווער פאַרזינדיקט. דער געזוכטער ווערט געוואָרנט אין דער צייט דורך זיינע חברים: "דער טאַטע גייט!" וואוסנדיק, וואָס ס'וואַרט אים, אַנטלויפט דער "פאַרברעכער" ווי אַ האָז און לאָזט איבער דעם נאָכלויפער צעמישט, זיין געוועט, דער שטעקן — הענגט אים אַראָפּ מאַכטלאָז פון דער האַנט ווי אַ צעבראָכענע צווייג, און די קונדיסים אַרום שפּעטן פון אים און קוועלן פון זיין מפּלה.

אַ טייל פון אונטערן באַרג דינט דער יוגנט פון דער סביבה אַלס פּריוואַטער פּאַרק. אין שאָטן פון די ביימער זיצן די מיידלעך פון די שכנותדיקע הייזער. נאָכדעם ווי זיי האָבן געענדיקט זייער הויז־אַרבעט און אָפּגעוואַשן ס'געשיר, זיצן זיי אויף אַן־אויסגעשפּרייטער דעק און קוקן אַריין אין אַ בוך, אָדער זיי ליגן אין שלאָף־ראָק און "ברענען" זיך אויף דער זון, מיט פאַרמאַכטע אויגן. פון צייט צו צייט קומט אַ יונגל, זעצט זיך צו. טיילמאָל פירן זיך דאָרט פלירטן, אין די באַגרעניצטע ראַמען פון אַן־אָפענעם שטח.



ר׳ קלמן וולף רייך׳ס הויז

די הייזער ציִען זיך פון רינק ווייטער. אין דער רעכטער זייט די צוויי גרויסע ווינקל־הייזער פון קלמן וואלף רייך און שלום לויפער — צוויי גרויסע געמויערטע הייזער, וואָס אין זיי געפונען זיך כמעט אַ העלפט פון די צאָל געשעפטן אין שטעטל. אַנטקעגן, אין דער לינקער זייט אַרויסגייענדיק פון רינק, שטייען האָלץ הייזער מיט טונקלע געוועלבן אונטער די ״פּאַטשיענעס״ (״פּאָד טשיעניעם״ — אונטערן שאָטן) וועלכע שיצן פון רעגן און שניי. די דעכער פאַרמיידן פון די געוועלבן ליכט און זון און גיבן זיי אַן־אָנגעכמורעט אויסזעהן. די אָרימע האָלץ הייזלעך שטייען זיך באַשיידן, אריינגערוקט טיף אין דער רייע, ווי דער שטייגער פון אָרעמעלייט און זיי לאָזן די גבירים, ס׳הייסט די ציגל־הייזער מיט די אַרויסגערוקטע בייכער, זיי זאָלן זיי פאַרטרעטן.

ס׳ערשטע ציגל־הויז אויסער די ראַמען פון רינק איז זיילערס הויז, וואו עס געפונט זיך דאָס גאַלאַנטעריע און שפּילצייג געשעפט פון חיים לייב דילער. דאָרט שטעלט מען זיך אויף דער געמויערטער שוועל, מען האַלט זיך אין די אייזערנע ראַם פון שוי־פענצטער, אָנקלעבנדיק זיך צו דער שויב און מען שלונגט מיט די אויגן דאָס אויסגעשפּרייטע שפּילצייג. נישט קיין בראכוואַרג, נישט קיין אַלטע אַוועקגעוואָרפענע חפצים, נאָר עכטע שפּילצייג — געהיבלעוועט, געגלאַנצט, געשליפן, געפאַרבט, געפארמט דורך פאַכמענישע הענט, באַשטימטע פאַר קינדער בר־מזלים און זיי שפּילן זיך מיט זיי ווען ס׳פאַרגלוסט זיך זיי.

די סחורה ווערט אויסגעלייגט אויף גלאָז־פּאָליצעס, אין אָפענע קאַרטאָן־פּודאַלעך דורך חיים־לייבס זון, מאיר, אַ נידריקער בחור מיט קרומע אויגן און אַ צעפלאַטשטער נאָז, וואָס זעט אויס ווי אַ יאַפּאַנער. די קינדער שטייען אַזוי צוגעשמיד צום אָרט און צווישן זיי און דעם שפּילצייג טיילט בלויז אָפּ די שויב און די ליידיקע קעשענעס פון זייערע עלטערן, און מען פאַנטאַזירט, וואָס אַ שטייגער, מען וואָלט געמאַכט ווען למשל די אַלע שפּילצייג וואָלטן בדרך נס אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט...

די צווייטע ״קאַמיעניצע״ (שטיין־הויז), עטליכע האָלץ הייזער ווייטער — איז קינצלערס הויז, וואו אויפן ערשטן שטאָק געפונט זיך דאָס גרויסע שניט געשעפט פון חיים יעקב כץ.

די דריטע ״קאַמ־ניעצע״, מיט וועלכער עס ענדיקן זיך די יידישע הייזלעך איז דאָס הויז פון קריסט, מאַרין, איינער פון די אָנגעזעענסטע בירגער אין שטעטל. אין דעם הויז האָט מאַרין זיין גרויס געשעפט פון שרייב־געצייג און שול ביכער. באשר שרייב־געצייג — דאָס קען מען באַקומען אין יידישע געשעפטן מיט עטלעכע גראָשן ביליגער ווי ביי מאַרין, מיט שול ביכער איז ער צוואַר דער איינציקער אין שטעטל וואָס פאַרקויפט זיי, אָבער שול־ביכער, ווי מלבושים גייען איבער פון גרויס צו קליין און מען קויפט זיי נאָר גענוצטע.

נאָך מאַ־ינס געשעפט געפונט זיך די אַפּטייק, די איינציקע אין שטעטל, און זי איז ווערט מען זאָל איר ווידמענען עטליכע שורות.

אייגנטלעך איז עס אַ געוועגליך געשעפט, מען קומט אַריין, מען בעט דאָס אַרטיקל וואָס מען דאַרף, מען באַצאָלט און מען גייט אַוועק. נאָר ווער ס׳איז נאָך נישט געוועזן אין דער אַפּטייק קען אפשר אַזוי מיינען.

קודם כל הענגט דאָרט אַ וואונדערבאַרע שילד פון גלאָז מיט גאָלדענע אותיות אויף שוואַרצן באדן. די אותיות זענען דערווייטערט איינס פון אַנדערן, יעדעס אות האַלט דיסטאַנס. דאָס דורכגייענדע קינד נעמט זיי אַלע אַרום מיט זיין בליק און שליסט זיי צוזאַמען צו איין וואָרט: אַ־פּא־טע־קאַ. אויך די טיר ביים איינגאַנג איז אַ גלעזערנע און דער קלינג פון גלעקל ביים עפענען, ציטערט ממש אויף ס׳האַרץ. אויסער דעם איז די אַפּטייק ס׳איינציקע געשעפט ווי אַ קינד מיט

פיאות, נעמט אַראָפּ ס׳היטל ווען ער קומט אַריין, און בלייבט שטיין איו הוילן קאָפּ. דער ריח אין דער אַפּטייק איז פון זויבערקייט און רפואות. די פאַרקויפער זענען אָנגעטון אין ווייסע מענטל ווי ״קיטלען״ אין יום־כיפור, להבדיל. אויף יעדן סלאַי איז אויפגעקלעבט אַ צעטל מ׳ט אַן־אויפשריפט וואָספאַרע רפואות ס׳איז דאָרט דאָ. די גאָלדענע וואָג איז אויך אַ ספּעציעלע און מען זעט נישט אַזעלכע אין קיין שום אַנדער געשעפט. צוליב די אַלע זאַכן, פאַרגלאַצט זיך אַביסל דער אַריינקומענדער און פאַרגעסט נאָך וואָס מען האָט אים געשיקט. ווען מען פרעגט אים וואָס ער פאַרלאַנגט ווערט ער אַביסל מבולבל און געדענקט נישט ווי מען זאָגט אויף פויליש ״כ׳בעט מ׳ר צו געבן״... א.ז.וו., כאָטש ער האָט זיך עס איינגעחזרט אויפן גאַנצן וועג און איידער ער איז אַרויס פון שטוב איז ער מיט דערפאָלג דורכגעגאַנגען דעם עגזאַמען בעת מען האָט אים פאַרהערט...


מען דערציילט וועגן אַזאַ סאָרט קליענט, וואָס איז אַמאָל אַריינגעקומען אין דער אַפּטייק און דער קלונג פון גלעקל מיט די שאַרפע ריחות פון די רפואות האָבן אים צעמישט דעם סדר פון די ווערטער, וואָס ער האָט זיך איינגעחזרט אויפן וועג און ער האָט זיך געווענדעט צום אַפּטייקער: ״דזיען דאָברי, פּאַניע יאַכע מאַשטש״ (גוט מאָרגן, הער יאַכע זאַלב)...

נאָכדעם ווי מען דרייט זיך ווי עס איז אַרויס פון דעם פּלאָנטער און אין דער אַפּטייק גרייט מען צו די באַשטעלטע מעדיקאַמענטן, מוז מען אויך דאַביי קאָנטראָלירן אַ געוויסן ענין, וואָס מען האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט עס צו טאָן. ווי מען דערציילט אין ״חדר״, איז דער אַפּטייקער אַ משומד, און אַ ראיה דערצו, אַז אויף זיין נאַקן איז אויסגעקריצט מיט אַ צעגליט אייזן, אַ צלם.

כדי דאָס פעסטצושטעלן, מוז, פאַרשטייט זיך, דער אַפּטייקער זיך אויסדרייען מיטן רוקן און דאָס קען מען נישט פון אים בעטן, נאָר מען מוז וואַרטן אויף אַ פּאַסענדע געלעגנהייט. די געלעגנהייט קומט באַלד אונטער, ווען דער אַפּטייקער גייט אַריין אין אונטערשטן צימער און מען קען זעען אויף זיין נאַקן אַ פאַרהיילטע וואונד מיט טיפע שניטן אין דער לענג און ברייט. יעצט קען מען שוין די זאַך דערציילן אין ״חדר״ ״כ׳האָב אַליין געזעען״, און אויב מען וועט נישט גלייבן איז דאָ אַן־עצה: מען שווערט ביי די ציצית.

☆

אַנטקעגן מאַרינס געשעפט, געפונט זיך די ״גמינע״ — דער מאַגיסטראַט און אויף דעם בנין איבער דער איינגאַנגס טיר, אונטערן גרויסן זייגער, געפונט זיך דער שטאָט הערב: אַ קאָפּ פון אַ קריסטליכן הייליקן שוועבט איבער אַ בוים און אונטן דריי ווערטער: ליבשאַפט, געדולד, מענטשליכקייט, דריי גוטע מידות, אין וועלכע די יידישע איינוואוינער פון שטעטל האָבן זיך אַזוי שטאַרק געגוויטיקט בעת זייער שרעקליכע נויט, און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי זיי האָבן געפונען אַ ברעקל פון זיי ביי די שטאָט פאַרזאָרגער און ביי די בירגער...



לינקס — די געמיינדע

כ׳ווייס נישט וואָספאַרע סאָציאַלע הילף דער שטאָט ראַט האָט צוגעטיילט די איינוואוינער, יעדנפאַלס אויב אפילו ס׳איז געוועזן אַזאַ זאַך — האָבן יידן דערפון נישט גענאָסן. יידן האָבן זיך געמוזט באַגנוגן מיט די אָרעמע מיטלען פון דער קהילה און די טראַדיציאָנעלע יידישע זעלבסט הילף.

דאַגעגן זענען יידן געוועזן די איינציקע וועלכע האָבן גענאָסן פון די שטעטישע געזונטהייטס טעטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדרוקט דערין, דאָס פון צייט צו צייט איז אַרויס אַ שטאָטישע קאָמיסיע צו קאָנטראָלירן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד אין די יידישע געסלעך און הויפן.

באַלד האָט מען אַרויסגעלאָזט אַן־אַלאַרם: ״אַ קאָמיסיע גייט!״ און גלייך האָבן אַלע זיך גענומען ענערגיש קערן ביי די הייזער און געוועלבן, אַוועקגערוימט ס׳מיסט און אַלע פּסולת אַרום. מען קען נישט גרינגשעצן אויך די דאָזיקע טעטיקייט, דען אין דעמלסטיקע באַדינגונגען, ווען נישט די מורא פאַר שטראָף, ווער ווייסט ווי עס וואָלט אויסגעזען...

ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט די ״קאָמיסיע״ אויך באַשטימט וועלכע הייזער זענען ״בויפעליק״, ס׳הייסט אַ סכנה צו וואוינען אין זיי, און די איינוואוינער מוזן זיי פאַרלאָזן. מען האָט אויך געפונען סוחרים וואָס זייערע געוויכטן און מאָסן זענען שוין לאַנג נישט געצייכנט געוואָרן, הענדלער וואָס דער טערמין פון זייער האַנדלס ערלויבעניש איז אויסגעגאַנגען א.ז.וו., אין רעזולטאַט דערפון האָבן זיי אַרויפּגעלייגט געלט שטראָפן, וואָס די אָרעמע באַשטראָפטע זענען נישט געווען ביכולת צו באַצאָלן. די קהילה אָדער סתם יידן בעלי־השפעה אין די מאַסגעבענדע קרייזן, האָבן זיך באַמיט די שטראָף צו אנולירן.

די חדר־יונגלעך האָבן געקענט דעם מאַגיסטראַט אין זכות פון די אויפזעער מיט די בלאָע מונדורן אויסגענייט אין די עקן מיט שטרייפן ווייס און רויט: די פּאָליציייניקעס (אַ פּאָליציסט האָט מען גערופן: זשאַנדאַר).

איינער פון זיי איז געווען שובאַ, אַ נידריגער קייליכדיקער גוי מיט גרויסע ווייסע וואָנסעס, וואָס האָבן אים צוגעגעבן הדרת פנים ווי אַ ווייסע באָרד אַ יידן. שובאַ האָט געדינט אין דער געמיינדע פיל יאָרן, נאָך פון קייזער פראַנץ יאָזעפס צייטן, און ער האָט זיך געפילט אַלס בעל־הבית פון שטעטל. ער פלעגט אַרומגיין איבער די גאַסן ווי אַ גוט־באַזיצער גייט איבער זיינע גיטער און קאָנטראָלירט אויב אַלץ וואָס ווערט געטון, איז לויט זיינע אָנווייזונגען. ער ענטפערט אויף די באַגריסונגען מיט גרויס צוריקגעהאַלטנקייט, היט אויף דיסטאַנס, ווי עס פּאַסט פאַר זיין הויכן שטאַנד.

פון צייט צו צייט, גייט דער פּאָליצייניק אַרויס מיט אַ גרויסע ליקע און האַנט, אַ פּויק אָנגעהאַנגען אויפן אַקסל, קלאַפּט אויס אייניקע מאָל מיט די פּייקלעך ביז עס פאַרזאַמלען זיך אַלע חדר־יונגלעך און אַ פּאָר ליידיגייער און רופט אויס דורך דער ליקע ווי דורך אַ מעגאַפאָן: פּאָדאַיע שיען, דאָ וויאַדאָמאָשטשי" — מען איז מודיע א.ז.וו.

אַלע באַשלוסן, באַפעלן און וויכטיקע מעלדונגען פון די מוניציפּאַלע באַהערדן ווערן געברענגט פאַר דער באַפעלקערונג דורך שובאַס פאַרמיטלונג, ער גיט זיי צו, פון זיין אויטאָריטעט און ערשט דאַן, גייען זיי אַריין אין קראַפט. ער לייענט זיי פייערליך פאָר, מיט אַ שטרענגן טאָן, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער באַפעלער און באַשליסער און ענדיקט די מעלדונג מיט: "דער וואָס וועט עובר זיין אויף דעם געזאָגטן, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן!" — ס'הייסט ער וועט האָבן צו טון מיט מיר!

געדרוקטע מודעות זענען נאָך נישט געווען אָנגענומען, צוליב דער קליינער צאָל איינוואוינער וואָס האָבן געקענט לייענען.

געענדיקט אויף איין פּלאַץ, גייט דער פּאָליציי אַריבער אויף אַ צווייטן און זיינע טרייע באַגלייטער, די "חדר" יונגלעך, רינגלען אים אַרום און הערן יעדעסמאָל פון דאָסניי זיין מעלדונג, וועלכע זיי פאַרשטייען ממילא נישט — אין וואָס זיי זענען אינטערעסירט איז — די פּויק און ליקע. אַזעלכע "אינסטרומענטן" געפונען זיך נישט ביים שמש אין קלויז. דער קלאַפּט בלויז מיט דער פויסט אין טיש, רופט אויס "מ־איז מכריז און מודיע" און ברענגט אַ פאַראָרדנונג פון רב אָדער גבאי און דאָס איז אַלץ.

די קינדער באַגלייטן אַזוי דעם "פּאָליציי" פון געסל צו געסל ביז זיי קומען צו צו דער "אַלעיאַרניע", וואו עס וואוינען שקצים פאַר וועלכע מען מוז זיך היטן. דאָרט "טוישט זיך די וואַך" און די באַגלייטונג פון "פּאָליציי" גייט איבער פון די "חדר" יונגלעך צו די באָרוועסע שקצימלעך, וועלכע שלעפּן זיך אים נאָך אין אַלע גויאישע געסלעך.

די "חדר" קינדער איילן זיך שנעל אַהיים און דערציילן די גרויסע סענסאַציע: "מען האָט געפּויקט". — וואָס האָט מען געפּויקט? — מען האָט געפּויקט פּאָדאַיע שיען", מען האָט געפּויקט אַז מען איז מודיע — דאָס איז אַלעס וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען...

יעדנפאַלס, דער איינדרוק פון דעם גרויסן געשעעניש איז געבליבן ביי די קינדער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי עס האָט פּאַסירט און האָט זיך איבערגעחזרט אין די שפּילן אין חדר און אין דער היים.

נישט איין בלעכערנער טאָפּ איז געפאַלן אַ קרבן און מען האָט אים געברענגט מיט גרויס כבוד צו חיים בלעכער ער זאָל פאַרלייטן די לעכער אין אים, נאָכדעם ווי ער האָט נעבעך אויסגעפירט אַ ראָל וועלכע איז געווען איבער זיינע כוחות — די ראָל פון דעם פּאָליצייס פּויק.

צווישן דער "גמינע" און דעם קליינעם הייזל פון ד"ר ליץ, געפונט זיך אַ געסל מיט עטליכע קליינע הילצערנע הייזלעך. אין איינעם פון זיי איז אַמאָל געווען דער "פּרץ" פאַראיין, איידער ער איז אַריבער אין רינק. דערנעבן שטייט ס'הויז פון די מאַכניאָווסקען. די פרוי מאַכניאָווסקי, אַן־אַלמנה פון פון אַ רעגירונגס־בעאַמטער פירט אין איר וואוינונג אַ היימישן רעסטאָראַן פאַר שטאַבילע געסט, דערינטער אויך יידן. צווישן אירע געסט געפונען זיך דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, קאַוואַלירן, אַלמנים אָדער געגטע, וועלכע פירן נישט קיין הויז ווירטשאַפט. די באַדינונג איז דאָרט זעהר עלעגאַנט, ווי ס'פּאַסט פאַר הויכגעשעצטע געסט. די עופות צו אירע מאָלציטן האָבן צוגעשטעלט די מאכניאָווסקין, אירע יידישע שכנים. אַלע טריפה געוואָרענע עופות, ביי וועלכע מען האָט געפונען אַ פאַרזשאַווערטן טשוואַק אין כּופּיק, אָדער האָבן געהאַט וואונדן אויף די קישקעס און אַנדערע מחלות, לא עלינו — האָט מען איר פאַרקויפט. בעתן כשר מאַכן ס'עוף, אַז מען האָט געפונען אַ "שאלה" האָט מען איינגעפּאַקט אין אַ פּאַפּיר די צעבראָכענע פּולקע, דעם פּופּיק אָדער די לעבער מיט וואונדן, און געשיקט אַ קינד צום רב פרעגן אַ "שאלה". דער רב פלעגט על פי רוב אַ קוק טאָן אוף דער "שאלה" און גלייך געזאָגט וואָס מען דאַרף מאַכן דערמיט. בעת אַ ספק, ווייל ס'איז אַ שאָד יידיש געלט, פלעגט ער אַרומטאַפּן מיט די פינגער די שאלה און געזוכט אַ מעגליכקייט זי צו כשרן, צום סוף האָט ער אַוועקגערוקט ס'פּאַפּיר מיט אַן־עקל און געפּסקנט: זאָג דער מאַמין זי זאָל עס פאַרקויפן אַ גוי. קיינמאָל האָט ער נישט געזאָגט "טריפה".

דער גוי, וואָס דער רב האָט געפּסקנט אים צו פאַרקויפן די הון, איז געווען די מאַכניאָווסקין, וועלכע פלעגט קויפן די סחורה פאַר גראָשנס און געמאַכט דערפון מטעמים פאַר אירע בכבודיקע געסט. נישט קיין וואונדער וואָס די פּשוטע יידן אין שטעטל האָבן זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צו די אינטעליגענטן, וועלכע "פּאַסמאַקעווען" זיך פון פּסולת, וואָס ווען די מאַכניאָווסקין וואָלט עס נישט געקויפט, וואָלט מען עס אַריינגעוואָרפן אין מיסט אָדער געגעבן פאַר די קעץ.

איינמאָל האָט ווער אַרויסגערופן אַ שאלה פון דער הלכה: היות ווי צווישן די געסט וואָס עסן ביי דער מאַכניאָווסקינס טיש געפונען זיך אויך יידן, ברענגט מען זיי צו עסן טריפהס און מען איז עובר אויפן "לפני עוור לא תתן מכשול". די למדנים האָבן זיך געפּילפּולט אין דעם ענין — יעדנפאַלס דער מסחר איז ווייטער געגאַנגען.

נאָך דעם "מהדרין" רעסטאָראַן, נעבן אלי הערש ווייס בעקעריי זענען פאַראַן טרעפּ וואָס פירן צו דער "אַלעיאַרניע".

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳לוינט זיך נישט מיט זיי צו באַנוצן, אויב מען קען אין איין מינוט זיך אַראָפּגליטשן אויף דעם ״פאַרענטש״ פון אייזערנע רערן און אין דער אייננעשפאַרטער צייט מאַכן דעם וועג נאָך עטלעכע מאָל. ביי אַזאַ גליטשן זיך, דאַרף מען אויפפּאַסן, בעת מען קומט צו דער ״ענד־סטאַציע״ מען זאָל נישט גלייך אַריינפליען און דעם דערנעבנדיקן ראוו. כדי צו פאַרמיידן דאָס אַראָפּפאַלן, דאַרף מען אָנהויבן ברעמזען פאַרן סוף, דורך דרוקן מיט די הענט די אייזערנע רער און נאָכדעם מיט איינמאָל אַראָפּשפּרונגען. ביי יעדן ״טור״ שטויסט מען זיך אָן עטליכע מאָל אין בולטע צושלוסן פון די רערן און מען באַקומט אַגוטן קניפּ. די דאָזיקע צושלוסן זענען דער שונא נומער איינס פון די הויזן, און צעריסענע הויזן ברענגען תמיד צו סכסוכים מיט דער מאַמען.

למען האמת דאַרף מען באַצייכנען, דאָס נישט די אָרגינעלע הויזן ווערן צוריסן ביים גליטשן זיך, נאָר די לאַטעס אויף זיי, און די לאַטעס אַליין, זענען שוין אויך ס׳פערדע אָדער פינפטע דור... פון דעסטוועגן, די מאַמע תמיד מיט אירן: האָסט שוין ווידער צוריסן די הויזן?! און באמת, נישט גענוג, אַז מען וואַקסט ״ווי אויף הייוון״ און די מלבושים וואָס זענען באַלד געניים געוואָרן ״אויף צום אויסוואַקסן״ — ווערן קלענער און ענגער, די נעט פּלאַצן און ס׳בלייבט נישט מער וואָס ״אַרויסצולאָזן״, פעלט נאָך דער מאַמען אַרבעט, צו זיצן גאַנצע נעכט און לייגן לאַטעס, וועלכע האַלטן ווייניקער ווי ס׳געדויערט דאָס צונייען זיי. מען דאַרף אים באַשטעלן בלעכערנע הויזן ביי חיים בלעכער, אפשר וועלן זיי אויסהאַלטן אַ פּאָר טאָג — פאַרלייגט די מאַמע אירע הענט, אַ פאַרצווייפלטע.

נאָך דער גמינע און דער אַפּטייק, ענדיקט זיך ס׳שטעטל פאַר אַ חדר יינגל. דערנאָך הייבט זיך אָן דער נישט יידישער טייל פון שטעטל. אויב ער גייט ווייטער מיטן טראָטואַר, לויערן אויף אים שקצים און ער איז איינזאַם און שוצלאָז און קען מער נישט רעכנען אויף הילף פון די געשעפטן און וואוין־הייזער פון יידן.

ווען ער טרעט אַריבער די נישט אָנגעצייכנטע, אָבער גאַנץ קלאָרע גרעניץ, באַזירט ער זיינע פאַרטיידיגונגספּלענער, אויף איינצלנע יידישע הייזער, ווייט איינס פון אַנדערן, און זיי דינען אים אַלס שוץ בשעת דער סכנה, דורכלויפנדיק שנעל איבער דעם מסוכנדיקן שטח צווישן זיי.

אין דעם דאָזיקן טייל פון שטעטל, געפונען זיך אַלע רעגירונגס אינסטיטוציעס, צו וועלכע אויך יידן דאַרפן אָנקומען, ווי דער באַצירקס אַמט, געריכט, פּאָליציי, די פּאָסט, מלוכה־באַנק, וואו די יידישע סוחרים באַצאָלן זייערע וועקסלען, און דער גרויסער בנין מיט דעם ספּעציעלן פאָרשטעלונגען זאַל — דער ״סאקאל״.

אין ״סאקאל״ האָט מען געקענט זעען ביים אַריינגאַנג אַן־עלעקטרישע בירנע, בעת אין שטעטל איז נאָך נישט געווען קיין עלעקטריע און מען האָט זיך באַנוצט מיט נאַפטלאָמפּן. דאָרט זענען אויך פאָרגעקומען אייניקע מאָל אין דער וואָך קינאָ־פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען געווען אַ גרויסע אַטראַקציע אין שטעטל און נאָר די מאָדערנע יוגנט האָט געקענט דערפון געניסן.



ברעזיוו — אַלגעמיינע אויסזיכט

פאַר די בית מדרש בחורים און חדר־יונגלעך איז דאָס קינאָ געווען "טריפה" און פאַר די נייגעריקע צווישן זיי איז שווער געווען ביי־צושטיין דעם נסיון. איינער פון די בית מדרש בחורים האָט זיך איינגעשטעלט און געשלעפּט אַ לייטער פון בוידעם, ביז צום "סאַקאַל", אים אָוועקגעשטעלט ביי אַן־אונטערשטן פענצטער, כדי צו זעען דאָס גרויסע וואונדער. דער בחור איז נעבעך צוריק אַ שטאַרק אַנטויש־טער, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פענצטער זענען געווען פאַרשטעלט.

אין דעם ראַיאָן געפונט זיך אַ פלאַכער שטח מיט שאָטן־ביימער און בענק אונטער זיי — "דער קליינער פּאַרק". אין עק פּאַרק איז אַ ברייטער טראַטואַר צווישן צוויי שאָסעען, איינער אַן־אינערליכער, וועלכער רינגלט אַרום דעם פּאַרק און דער צווייטער איז אויף אַ נידריקער פלעכע — דאָס איז דער הויפּט וועג לענגאויס דעם שטעטל, וועלכער לאָזט זיך אַראָפּ פון דער סטאַראָסטע געביידע דורך דער פארשטאָט "האראביק". דאָס איז דער קייזער־וועג, וואָס פאַרבונדעט ס'שטעטל מיט דער גרויסער וועלט און צעטיילט זיך ווייטער, קיין סאָניק און קיין רימאַנאָוו — צו די באַן סטאַציעס.

אַנטקעגן דעם טראַטואַר, ביי דער מיידל־שולע געפונט זיך אַ מאָנומענט פון די פירסטין יאַדוויגאַ, די העלדין פון גרונוואַלד, אַרומגעצוימט מיט אַ בלומען גערטנדל.

זומער, שבת נאָכמיטאָג, קומען יידן אין דעם "קליינעם שפּאַציר גאָרטן" צו שעפּן פרישע לופט. יוגנט קומט נישט אין דעם פּאַרק. זיי גייען אין נייעם פּאַרק, וועלכער איז פיל גרעסער און ווייטער, אין די "פּאַנסקיע קזשאַקיס", אויף "ביאַלעס פעלדער" אָדער צום וואַלד וואָס געפונט זיך אַ שעה און אַ האַלב, גאַנג פון שטעטל. דער וועג צום וואַלד גייט דורך צווישן ברייטע פעלדער, שורות ביימער, און קליינע שיין־געבויטע הייזלעך מיט בלומען גערטנער און איז אַן־אנגענעמער שפּאַציר פאַר זיך. טיילמאָל באַגגוגנט מען זיך מיט אַ האַלבן וועג — ביז צו די "קאַפּליצע" — (אַ קירכע אין מיניאַטור).

פאַר די אַלטע יידענעס איז דער קליינער פּאַרק צו ווייט און אויך צו מאָדערן כדי צו געניסן פון אים. זיי בלייבן בעסער זיצן ביים הויז, אויף דער "פּריזבע", ס'קומען זיך צונויף עטליכע שכנות צוזאַמען און דערציילן איינער דער אנדערער זייערע צרות, וועלכע זענען על פי רוב אַזוי ענליך צווישן זיך, אַז זיי אַליין איז דערנאָך שווער צו אונטער־שיידן, צווישן דעם וואָס זיי האָבן דערציילט ביז צו דעם וואָס זיי האָבן געהערט.

פאַר חסידישע יידן איז דער פּאַרק נישט באַקוועם. ס'"שטריימל" מיטן פּאַרק און זיין סביבה — פּאַסן זיך נישט. פאַר "לומדים" איז דער שבת בכלל צו קורץ און געוועגט נישט צו ענדיקן זייער לערן־פּלאַן, אַזוי אַז ס'בלייבט זיי נישט קיין איבריקע צייט פאַר "דברים בטלים", ווי שפּאַצירן.

די וועלכע שפּאַצירן דאָרט, זענען יונגע פאַר־פעלקער מיט קליינע קינדער, און מענטשן אין מיטעלן עלטער — "עמך", בעלי מלאכות, וואָס נאָכן זאָגן "פּרקי אבות" ווען זיי שטייען אויף פון שבתדיקן מיטאָג שלאָף, ביז צו "מנחה ומעריב", בלייבט זיי געגוג פרייע צייט אויף אַ שבתדיקן שפּאַציר.

דאָס איינציקע יידישע געשעפט אין דער דאָזיקער סביבה איז די "דראָגעריע" פון מענדזי טרענטשער. דאָס געשעפט איז האַלב אַפּטייק און האַלב פּערפומעריע. מען פאַרקויפט דאָרט רפואות און זאַלבן, וועלכע מען באַקומט אָהן אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטער, ווי אויך ארטאָפּעדישע מכשירים. דאָס אַלץ קויפן הויפּטזעכליך יידן. די קאָסמעטישע אַרטיקלען ווערן געקויפט דורך די רעגירונגס־בעאַמטע, וואָס וואוינען דער־נעבן. אין שויפענצטער צווישן סלאָיקעס מיט פּיאַווקעס, כאַקענס און בראַך־בענדלעך, זענען אויך אַריינגעשטעקט פלעשער טייערן ווײַן — "טאָקאַי" און "מאַלאַגאַ", אָבער זיי קומען אָן צו שפּעט אויף דער געוואונטשענער אַדרעס. דער ווײַן, וועלכער רופט זיך "מעדיצינאַל", ווערט געקויפט פאַר שווער־קראַנקע און מען גיט אים פאַר זיי מיט קליינע לעפּאַ־לעך עטליכע מאָל אין טאָג; די פּאַציענטן אָבער, האָבן נישט מער קיין הנאה פון דעם דעליקאַטעס, און זיי פילן אין אים בלויז דעם ביטערן טעם פון אַ רפואה.

ביים פּאַרק געפונען זיך ביידע מלוכהשע עלעמענטאַר שולן, געבויטע פון רויטע ציגל, מיט דעכער פון שוואַרצע קאַפּליעס — איינע פאַר יונגלעך, די צווייטע פאַר מיידלעך. דאָרט טרעפן זיך יידישע קינדער ס'ערשטע מאָל מיט נישט יידישע קינדער פון זייער עלטער, און אויסער אייניקע פּרוואון פון חברשאַפט, ברענגט דער צוזאַמענטרעף בלויז צוזאַמענ־שטויסן בעת די פּאַוזעס און רשעותדיקע באַציאונג מצד לערער שונאי ישראל.

נאָך דער "סאַקאַל" געביידע געפונט זיך דער נייער בנין פון דער גימנאַזיע. ס'לערנען דאָרט ווייניק יידישע שילער. אָבער זייער צאָל וואַקסט כסדר.

דער פּאָסט אַמט איז אַ קליינע הילצערנע געביידע ביים "סטאַראָסטע". אַהין קומען יידן גאַנץ אָפט — קויפן פּאָסט־מאַרקן, שיקן אַ דעפּעשע (טעלעגראַם), אַרויסנעמען אַ פּעקל סחורה, וואָס מען האָט דרינגענד באַשטעלט, אָדער אַ פּעקל געניצטע, קליידער פון אַמעריקאַנער קרובים.

טיילמאָל, אין ספּעציעלע פאַלן, קומט מען צו אַ טעלעפאָן געשפּרעך, וואָס איז פאַראויס באַשטעלט געוואָרן. היות ווי ביידע צדדים האָבן נישט קיין טעלעפאָן אין הויז, באַשטעלט איינער דעם אַנדערן אויף דער פּאָסט דורך אַן־"אַוויזאָ" (אַרויסרוף) אין אַ באַשטימטער צייט. די שפּרעכענדע פון ביידע זייטן פון דער ליניע, גייען אַריין, שטאַרק געשפּאַנטע אין אַ קליינע אויסגעבעטע איזאָלירטע צעלע אין די פּאָסט־אַמטן אין זייערע וואוין ערטער, און דער "אָפּערייטער" פאַר־בונדט זיי. אין דעם טונקלען פאַרשלאָסענעם חדר מיוחד צעמישן זיך די רעדענדע און דאָס געשפּרעך באַשטייט פון שרייען "האַלאָ האַלאָ" און ביז זיי באַוויזן צו איבערגעבן זייערע נעמען איינער דעם אַנדערן, פאַרהאַקט זיך דער אַפּאַ־ראַט און ס'געשפּרעך ווערט איבערגעריסן. מען באַמיט זיך מיט אַלע כוחות פאַרטצוזעצן ס'געשפּרעך, אָבער אומזיסט. צום סוף גייט מען אַרויס פון דאָרט פאַרצווייפלט, הייזעריק,

מיט געוויש אין די אויערן און מיט פיל כעס אויף דער לאַ־יוצלחדיקער טעכניק.

ביים אייַנגאַנג אין דער פּאָסט, שטייט אַ שטענדער מיט אַ טינט־פלעשל, אַ פעדער און לעש־פּאַפּיר. אייניקע בר־מזלים וועלכע האָבן באַקומען אַ פּול־פעדער, אַ מתּנה פון אויסלאַנד, קומען ספּעציעל אויף דער פּאָסט אָנפילן זייער פעדער מיט טינט.

פאַרנאַכט, ווען די אַמטן זענען געשלאָסן זעט מען כמעט נישט קיין יידן אין דער סביבה.

נאָך דער אַפּטייק, אויף דער גרעניץ צווישן דעם יידישן און נישט־יידישן שטאָט־טייל, געפינט זיך דער בנין פון דער קאַטוילישער קירכע, וועלכע הערשט אויף ביידע טיילן צוזאַמען.

די קירכע און אַלץ וואָס זי רעפּרעזענטירט, וואַרפט איר שווערן שאָטן אויף דעם יידישן שטעטל און זי איז איר אַנטיפּאָד. איר אונטערגעשטראָכענע שנאה איז משפּיע אויף דער לאַגע פון די יידן און לאָזט זיך פילן אין טאָג־טעגליכן לעבן. ווען עס הערן זיך די גלאָקן־קלאַנגען זונטיק און אין חגאות, פילן די יידן אין זיי אַ דראָענדן טאָן קעגן זיך, בויגן זיך איין, און באַמיען זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן.

די קירכע איז געבויט אין צענטער פון אַ גרויסן אָפּגעזונדערטן שטח מיט אַ געפלעגטן גאָרטן. די געביידע מיט איר ריזיקן פאַרנעם מיט די טורעמס און גלאָקן און דער שטח אַרום, זענען אַרומגעצוימט מיט אַ נידריקער שטיין מויער און אויף דער מויער אַן־אייזערנער הויכער פּלויט מיט שפּיציקע שטעכייטן. דער פּלויט וואָס הייבט זיך אָן פון נאָך דער אַפּטייק ציט זיך ביז אַנטקעגן הערשאַלע ראַץ׳ס הויז, דאָרט פאַרקערעוועט ער זיך אין אַ ברייטן בויגן צוזאַמען מיטן טראָטואַר צו דער קווער גאַס און ענדיקט זיך פאַרן געריכט. דער פּאַרקן שטייט צווישן דעם יידישן קינד און דער קירכע און איז פאַר אים אַ מויער פון פרעמדקייט און פּחד.

אין דעם אייזערנעם פּאַרקן האָבן די קינדער געוויזן אויף אַ פאַרבויגענעם שטאַכעט און האָבן דערציילט מיט שטאָלץ און הנאה אַז דאָס איז פּאַטאַלעס אַ שטיקל אַרבעט.

פּאַטאַלעס גבורה פלעגן די קינדער דערמאַנען אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט ס׳שטעטל און זיינע שפּאָרן זענען פאַרלוירן געגאַנגען ערגיץ וואו אין דרום אַמעריקאַ.

מיר האָבן געוואוסט אַז די קירכע זינקט איין, יעדן טאָג, מיט אַ שפּילקע קעפּל, אָבער ווי אַזוי קען מען דאָס פעסטשטעלן? דורך דעם פּלויט פון דערווייטנס, קען מען נישט אונטערשיידן קיין שום סימן דערפון, אַזאַ לאַנגזאַם זינקען, אפילו די זאַך איז אמת, האָט נישט בעצם קיין גרויסע בעדייטונג. דאָס האָבן מיר פאַרשטאַנען אין חדר. אפילו מען וועט דערלעבן און צוקומען צו דעם עלטער פון דעם ״אַלטן הערש מיילעך״ איז אַ גרויסער ספק צו מען וועט זעהן די קירכע איינגעזונקען, העכסטנס וועט פאַר די אַריינקומענדע זיין שווער צו עפענען די אייזערנע טירן (דער ״אַלטער הערש מיילעך״ איז געווען אַ סימבאָל פון אריכת ימים. כדי צו אילוסטרירן זיין זקנה האָבן די קינדער דערציילט אַז עס שיט זיך שוין פון אים וואָרעם־מעל ווי פון אַלט, דורך ווערם צוגעסן, האָלץ...).

די אַלטע יידן פון פריערדיקן דור האָבן געהאַט אַ לאַנגן ״חשבון״ מיט דער קירכע און ווען זיי זענען דאָרט פאַרביי־געגאַנגען האָבן זיי געמורמלט ״שקץ תשקצנו״...

ווען מיר זענען געוואָרן דערוואַקסן, און די האָריזאָנטן האָבן זיך, כלומרשט, אויסגעברייטערט, האָבן מיר זיך אָפּגעגרעניצט פון זייער באַציאונג צו אַ געבעט־הויז, וואָס איז פאַרהייליקט ביי מענטשן, אָבער ווי אין פיל אַנדערע פאַלן, ווען יונגע מענטשן באַציען זיך מיט ביטול צו די אויפפאַסונגען פון זקנים און ערשט ווען זיי אַליין ווערן עלטער, איבערציגן זיי זיך, אַז די זקנים׳ס איינשטעלונג איז געווען באַזירט אויף לעבנס־ערפאַרונג און מען קען זי נישט גרינגשעצן. אַזוי אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער מיינונג וועגן דער קירכע, האָבן מיר זיך איבערצייגט ווי גערעכט זיי זענען געווען.

דער נאָמען פון דער קירכע האָט אַרויסגערופן ביי יידן נישט בלויז אומבאַוואוסטזיניקע פּחדים און אַסאָציאַציעס פון שרעקליכע געשעענישן: ווי קרייץ־צוגן, שחיטות, אינקוויזיציעס, עלילות־דם — אַלע גרויל טאַטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אין דער געגנוואַרט: אַלע צרות אויף יידן: פּאַגראָמען, באָיקאָטן, רעכט־באַגרעניצונגען, רויב פון יידיש פאַרמעגן — אַלץ איז געקומען פון דער קירכע.

נישט מענטשן־ליבע, נאָר שנאה און רשעות זענען פון דאָרט אַרויס. פינצטערע גלחים — כוליגאַנעס אין גייסטליכע קליידער, האָבן זיך באַנוצט מיט איר ״הייליקע״ בימה צו אַ ווילדער העצע פון דעם צוריקגעשטאַנענעם המון. אַ פינצטערע שנאה צו יידן האָט אין זיי געקאָכט און זיי האָבן זיך נישט באַרואיקט ביז זיי האָבן דערלעבט, אַז זייער חלום פון ״פוילן אהן יידן״, איז אויף אַזאַ גרויליכן אופן פאַרווירקליכט געוואָרן.

מיט זייערע, דורך דורותדיקע רדיפות פאַרשאַרפטע חושים, האָבן די יידן פאָרגעפילט אַז די צרות, וואָס די קירכע האָט זיי פאַרשאַפט האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט און זי וועט זיך נישט באַרואיקן ביז עס וועט קומען די פאַלשטענדיקע יידישע פאַרניכטונג.

די קירכע איז שולדיק דערין וואָס אַזויפיל פּאָלאַקן האָבן איבערגעגעבן אין די תּליונים׳ס הענט זייערע יידישע שכנים מיט וועלכע זיי האָבן געוואוינט טיר ביי טיר דורות לאַנג, און טייל האָבן אַליין געטאָן דעם טייוולס אַרבעט פרייוויליק, מיט סאַדיסטישער הנאה.

די ווייניקע און אייַנצלנע צווישן די גויים מיט מענטשליכן געפיל, וועלכע האָבן געפּרואווט העלפן די אומגליקליכע — זיי האָבן אַליין זיך געמוזט שטאַרק אויסהיטן פון זייערע גלויבנס־גענאָסן, אַנדערש וואָלט זייער גורל נישט געווען בעסער ווי די יידנס.

די קירכע איז געווען דער קוואַל פון דעם דאָזיקן רשעות, זי האָט זיי דערצויגן דערצו.

אברהם לעוויטע

דאס שטעטל, נאך די ענדע פון עסטרייכישן רעזשים און אנהויב פון פוילנס זעלבסשטענדיקייט

געבוירענע אין די ענדע פון ערשטן וועלטס־קריג קענען נישט געדענקען די צייט פון עסטערייכישן רעזשים אין גאַליציע, פשוט ווייל דער רעזשים איז צוזאַמענגעפאַלן ווען זיי זענען נאָך געווען זויגלינגע. טראָץ דעם, פילט אַ יעדער פון זיי ווי ער וואָלט געקענט די עפּאָכע פערזענליך.

משל למה הדבר דומה? ווי אַ קינד וואָס איז געבוירן אין אַ פּאַטריאַרכאַליש הויז ביי יונגע עלטערן וואָס זענען אַליין געווען קעסט קינדער ביי אַ טאַטן, אַ גביר און אַ תקיף, אַן־אַנערקענטע אויטאָריטעט, וועלכער האָט געפירט זיינע עסקים מיט אַ זיכערע האַנט און אַלץ איז נאָר דורך אים באַשטימט געוואָרן. ווען דאָס קינד איז אַלט געווען עטליכע מאָנאַטן, איז דער זיידע פלוצים געשטאָרבן, זייענדיק נאָך מיט פולן לעבנס־כוח און די בני־בית וועלכע זענען געווען מיט אַלעם פון אים אָפּהענגיק — זענען געבליבן פאַריתומט.

יאָרנלאַנג נאָך זיין טויט, האָט נאָך דער שאָטן פון פאַרערטן זיידן, געשוועבט איבערן הויז. זיין איינדרוק איז געבליבן אומעטום. אַלע שטוב־זאַכן זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט זכרונות פון דעם פאַרשטאָרבענעם, און די שטריכן פון זיין פערזענליכקייט זענען געווען איינגיקריצט ווי אין אַ פאָרם, אין דער סביבה וואו ער האָט געלעבט און געווירקט. דאָס קינד, וואָס האָט שטענדיק געהערט איבער די טעטיקייט פון גרויסן זיידן, האָט אין זיין פאַנטאַזיע זיך אויסגעמאָלדן די געשטאַלט פון דעם פאַרערטן מאַן לויט דעם ליידיקן חלל וואָס איז נאָך אים געבליבן און לויט די שפּורן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

אַזוי האָט זיך אויך געשאַפן דער אימאַזש פון דער עסטרייכישע תקופה אין אונדזער באַוואוסטזיין לויט די פאַרשידענע מעשיות, וואָס מיר האָבן געהערט איבער איר ביי יעדער געלעגנהייט, און לויט די איינדרוקן וואָס זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, אויפן לעבן אין פוילן וואָס איז אַנטשטאַנען אויף אירע חורבות.

☆

אין די אויגן פון די יידן אין קיר״הס מלוכה (קי״רה — קיסר ירום הודו) — דאָס מיינט קייזער פראַנץ יוזעף, עסטרייכישער קעניג — האָבן די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגעזעען ווי יאָרן פון רו, שלום, סטאַביליטעט און זיכערקייט און אַזוי זענען זיי גערופן געוואָרן דורכן פאָלק: ״פרידנס צייט״.

די עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנארכיע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט באַזונדערס מיט אהבת ישראל, און אין די הערשענדע קרייזן און אריסטאָקראַטיע אין ווין און בודאַפּעסט האָט זאגאַר געהערשט אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם. די יידישע אינטעליגענץ האָט דאָרט געליטן פון פאַרשידענע באַגרעניצונגען און דיסקרימינאַציע און דער וועג צו ווירטשאַפטליכער, קולטורעלער און געזעלשאַפטליכער פאַרטשריט איז געווען פאַר זיי גאָר באַשווערט (ס׳איז כדאי צו באַמערקן, דאָס טראָץ דעם געזאָגטן, האָבן זיך די מאַכט אָרגאַנען נישט באַנוצט מיטן אַנטיסעמיטיזם אַלס מיטל צו אינערליכע פּאָליטישע צילן).

די יידן אין גאַליציע, וועלכע זענען געווען קאָנצענטרירט אין שטעטלעך אַרומגערינגלט פון פוילישע און אוקראַאינישע פיינדליכע באַפעלקערונג, זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע מפונקים, און דער ״קולטורעלער״ אַנטיסעמיטיזם פון די הויכע בעאַמטע האָט זיי נישט צופיל געשטערט. זיי האָבן קיינמאָל נישט געפּרואווט אַריינדרינגען אין די טעניס קלובן און פאַרוויילונגס־ערטער פון דער הויכער געזעלשאַפט און האָבן דעריבער נישט געפילט, אַז די פּלעצער זענען פאַר זיי פאַרשלאָסן. איבערהויפּט, אין פאַרגלייך מיט ״פאַניע״, דעם מזרחדיקן שכן און די ברוטאַלע שנאת־ישראל וואָס האָט דאָרט געהערשט, האָט עסטרייך ווירקליך אויסגעזען ווי אַ ״מלכות של חסד״.

צווישן פאָלק זענען אַרומגעגאַנגען תמימותדיקע לעגענדעס איבער קייזער פראַנץ יוזעפס ״אהבת ישראל״, און אין די קליינע שטעטלעך, וואָס ווייטער זיי זענען געווען פון דער רעזידענץ, ווין, האָבן די לעגענדעס זיך צובלאָזן און די גוזמות זענען געוואַקסן.

די יידן אין דער עסטרייכישער אימפּעריע האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר דער דייטשער שפּראַך וועלכע איז ביי זיי אָנגענומען געווען אַלס ״קולטורעלע״ שפּראַך, אין געגנזאַץ צו די סלאַווישע שפּראַכן וואָס די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט צווישן זיך גערעט און זענען דעריבער פאַררעכנט געוואָרן ווי שפּראַכן פון פויערן און פּראָסטן פאָלק.

צוליב די שפּראַך נאָענטקייט צווישן יידיש און דייטש, איז פאַר די יידן געווען לייכטער זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער אַדמיניסטראַציע און רעגירונגס פארשטעהער ווי פאַר די פּאָלאַקן און אוקראַאינער, און דאָס האָט צוגעגעבן די יידן, אַ געוויסן געפיל פון צוגעהעריקייט צו דער מדינה.

אין גאַליציע, וואָס איז געווען אַ אַן־אַנעקסירטער שטח, באַוואוינט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע האָבן געזען אין עסטרייך אַן־אָקופּאַנט און געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט זיך צו באַפרייען פון אים — זענען די

יידן פאַרעכנט געוואָרן ווי אַ לאָיאַלער עלעמענט, וואָס איז טריי דער מאַכט. אַלס עטנישע גרופּע, האָבן די יידן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע פאָדערונגען, זיי האָבן נישט פאַרלאַנגט קיין נאַציאָנאַלע רעכט, קיין אויטאָנאָמיע, און זיי האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס די מאַכט האָט זיי געגעבן פיזישע שוץ (אַנדערע האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין שוץ).

דער רעזשים איז געווען אַנ־אויטאָריטאַטיווער. מהומות און אונרוען זענען אונטערדריקט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער האַנט און דאָס איז געווען צום גונסטן פון די יידן, דען יידן האָבן קיינמאָל נישט געפּראַוועט קיין כוליגאַנישע שטיק. נאָר תמיד געווען קרבנות פון זיי. אַ פּאָליציאַנט איז געווען אַנ־אויטאָריטעט און אַנטקעגן דעם פאָלק האָט ער רעפּרעזענטירט די מאַכט און דאָס געזעץ. ער איז געווען דער ריכטער וואָס האָט אַרויפגעלייגט די שטראָף און זי אויך אויסגעפירט. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך פאַר אַלעמען, אַז אַ שיכור אָדער סתם אַ כוליגאַן, האָבן באַקומען פון אים אויפן אָרט די שטראָף אין פאָרם פון עטליכע גוטע פּעטש, — און אויב דאָס איז נישט געווען פאַר זיי גענוג איבערצייגנד — האָט ער זיי פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג אין תפיסה, ביז זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט און באַרואיקט.

ערנסטערע פאַלן, זענען געבערענגט געוואָרן פאַרן געריכט און דאָרט שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. דער ריכטער האָט נישט געפרעגט די מיינונג פון פּסיכאָלאָגן און סאָציאַלע טוער, און נישט איינגעהאַנדלט קיין מעשיות איבער שווערע קינדהייט, שולד פון דער געזעלשאַפט א.ז.וו.

די זאָרג פאַר ערציאונג און קולטורעלע באַדערפעניש אין די באַהערשטע געביטן, האָט נישט צופיל באַשעפטיקט די הערשענדע קרייזן. ס׳גאַנצע קולטור לעבן, קונסט און וויסנשאַפט האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער רעזידענץ, אָבער די גאַליציאַנער יידן האָט נישט אויסגעפעלט די קעניגליכע אפּערע און קונסט טעאַטער. זיי האָבן באַפרידיקט זייערע קולטור־באַדערפענישן מיטן לערנען אַ בלאַט גמרא, פאָרן צו רביים און חסידים פאַרברענגען. זיי זענען געווען צופרידן דערמיט, וואָס דער רעזשים האָט זיי געגעבן רעליגיע פרייהייט, זיך נישט אַריינגעמישט אין זייערע אינערליכע ענינים און זיי ערמעגליכט צו פירן די קהלה ענינים, לויט זייער ווילן. די קהלה ענינים זענען געפירט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער האַנט דורך די פאַרשטעהער און אויספירער פון די חסידישע רביים, וועלכע זענען געווען די פאַקטישע הערשער אין די יידישע שטעטלעך און כמעט אַלץ איז באַשטימט געוואָרן לויט זייערע אָנווייזונגען.

ס׳איז באַקאַנט די מעשה וועגן אַ ייד פון אַ פאַרוואָרפן גאַליציש שטעטל, וואָס איז געקומען קיין ווין אהן דאָקומענטן און איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די פּאָליציי. מען האָט געברענגט אַ דאָלמעטשער און אויף דער פראַגע פון אויספאָרשער פון וואַנען ער איז, האָט דער ייד אָנגערופן דעם נאָמען פון איינס פון די תרפ״ט גאַליציע שטעטלעך וואָס קיינער אויסער די דאָרטיקע איינוואוינער האָבן דערפון נישט געהערט, און עס האָט זיך נישט געפונען אויף קיין שום מאַפּע, יעדנספאַלס נישט אונטער דעם נאָמען ווי דער ייד האָט עס אין יידיש אָנגערופן.

מען האָט געזוכט אין אַלע ביכער און אַזאַ אָרט האָט מען נישט געקענט געפונען אין גאַנצן קייזערליכן אינווענטאַר. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ חשד אַז דאָס אָרט געפינט זיך אויסערהאַלב די גרעניצן פון דער מאָנאַרכיע. ווען מען האָט געפרעגט דעם ייד, ווען מען געהערט אייגנטליך, זיין שטעטל, האָט ער געענטפערט אונטערזינגענדיק זיך מיטן גמרא ניגון: ביז ערשט נישט לאַנג האָט דאָס שטעטל אינגאַנצן "געהערט" צו "טשאָרטקוב", נאָכדעם ווי לעצטנס האָבן זיך שוין אַריינגעכאַפּט דאָרט עטליכע "בעלזער שקצים" און אויפגעשטעלט אַ באַזונדערן מנין, איז דער מצב שוין נישט אינגאַנצן קלאָר ("בעלז" און "טשאָרטקוב" — צוויי קאָנקורירענדע חסידישע הייף)...

די מאַכט האָט זיך נישט באַזונדערס אינטערעסירט מיט די לאָקאַלע באַדערפעניש. די אינוועסטיציעס און ווירטשאַפטליכע אַנטוויקלונג זענען געמאַכט געוואָרן אין מוטערלאַנד און נישט אין די אונזיכערע געביטן וואָס זענען געווען באַזעצט דורך זונטרייע עלעמענטן. דער לעבנס סטאַנדאַרט איז געווען אַ נידריקער, די באַדינגונגען — פּרימיטיווע, אָבער אָרדנונג און זיכערקייט האָבן געהערשט אין גאַנצן קעניגרייך און דאָס איז געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע.

ס׳לעבן איז געפלאָסן רואיק און געמיטלעך, אהן אויפטרייסלונגען. יעדע סביבה האָט געלעבט איר אייגן לעבן און מענטשן האָבן גאַנץ ווייניק געוואוסט וואָס עס טוט זיך אייניקע קילאָמעטער פון זיי. די צייטונגען פון ווין זענען געקומען אַ פּאָר טעג נאָכן ערשיינען און האָבן גאָרנישט פאַרשפּעטיקט. זיי זענען געלייענט געוואָרן דורך עטליכע פּראָמינענטן און די ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, זענען אַ דורך עטליכע "הענט" ביז זיי זענען אָנגעקומען צום פּשוטן פאָלק. אויף דעם לאַנגן וועג וואָס זיי זענען אַ דורך, האָבן די "נייעסן" דורכגעמאַכט פאַרשידינע קאָסמעטישע ענדערונגען לויט די מיינונגען, פּירושים און אויפפאַסונגען פון די פאָרשטייער. די נעמען פון די פּערזאָנען און אָרטשאַפטן זיינען פאַרגרייזט געוואָרן, מען האָט פאַרטוישט די יוצרות, און פאַרמישט די צדדים, ביז עס איז נישט געבליבן אין זיי קיין שום דמיון צו דער ווירקליכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט קיינעם נישט געשטערט, דער עיקר מען האָט "געוואוסט" וואָס עס טוט זיך. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אויף דער ברייטער וועלט איז פאַר די מענטשן געווען נישט מער ווי אַ פּיקאַנטע מעשה אָדער סתם אַ קוריאָז, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום השפעה אויף זייער לעבן אין קיר״הס מלוכה.

די צייטונגס שפּאַלטן זענען אין זייער גרעסטן טייל געווען אָנגעשטאָפּט מיט איינצלהייטן פון דעם קייזערס הויף. זיי האָבן געשילדערט אַלע אויפנאַמען, פאַרוויילונגסאָוונטן און יאַגד פאַרטיס, וועלכע די קייזערלעכע פאַמיליע און סוויטע האָבן איינגעאָרדנט מיט גענויע פּרטים איבער די קאָסטיומען און קליידונג פון די אַריסטאָקראַטישע טייל־

נעמער. גאַלאַ פאָרשטעלונגען, פרעמיערעס, קאָנצערטן זענען פאָרגעקומען אונטערן שוץ פון עמיצן פון דעם קייזערליכן הויף, און דאָס לעבן פון דער הויכער געזעלשאַפט איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ גלאַנציקן שטערן־סיסטעם, וואָס אין צענטער געפונט זיך דער קייזערליכער הויף, און די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע, אָפיצירן, דיפלאָמאַטן און הויכע בעאַמטע דרייען זיך אַרום אים.

פאַרשטייט זיך אַז די צייטונגען האָבן בלויז געשילדערט דעם פראַכט פון פראַנט־טייל פון דער מלוכה, די פאַסאַדע, און זיי האָבן נישט דערציילט וואָס עס טוט זיך אין הינטערהויף, די אינטריגעס און סקאַנדאַלן אין וועלכע די מיוחסים זענען געווען פאַרמישט. דאָס האָט געדינט אַלס טעמא פאַר רכילות, וואָס מען האָט דערציילט פון מויל צו אויער און ווייניק דערפון איז אָנגעקומען אין דער ווייטער פראָווינץ. די ידיעות פון קייזערליכן הויף, זענען אָנגעקומען צו די שטעטלדיקע יידן, דורכגעזיפטע, און אַלעס מינדערווערטיגע איז אַוועקגעפאַלן. יידן האָבן געזען דאָס מלכות דורך זייער פריזמאַ — "מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע", דאָס מלכות אויף דער ערד, איז ענלעך צום מלכות אין הימל, און וואָס עס טוט זיך אין הימל — אויף דעם זענען זיי געווען "מומחים", דאָס בילד פון מלכות וואָס יידן האָבן זיך פאָרגעשטעלט — איז געווען — אַ קייזער זיצט אויפן כסא מלוכה — אַרומגערינגלט מיט האַרן און ראַט געבער. וואָס זענען פארטון נאָר מיט מלוכה ענינים און משפטן ס'פאָלק אַ גערעכטן משפט. דער קעניגליכער פראַכט האָט תמיד צעשפילט די פאַנטאַזיע פון פאָלק און באַפרוכטערט דעם פאָלקלאָר און די פאָלקס שאפונג. אָן שום צוזאַמענהאַנג וואָספאַרער רושם "ס'מלכות" האָט געמאַכט אויף די יידן אַלס ממשלה, האָט עס זיי יעדנפאַלס שטאַרק געפאַסט אַלס משל, אָנהויבנדיק פון די אגדות חז"ל איבער מלכים און בני מלכים ביז צו די משלים פון דובנער מגיד און חסידישע מעשיות. אין זייער באַגריפן־וועלט פון דרש, חסידות און מוסר, האָבן תמיד ארומגעשוועבט בלאנדזענדיקע נמשלים און האָבן נאָר געוואַרט מען זאָל זיי מזווג זיין מיט אַ פאַסענדן משל, און וואָס קען זיין מער פאַסענד, ווי אַ „משל מיט אַ מלך בשר ודם"?...

✡

דער אויסברוך פון ערשטן וועלטס־קריג, איז אַרויפגעפאַלן אויף די יידן אין גאַליציען, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, און זיי זענען געבליבן געפלעפט און מלא פחד. ביז דאַן איז צוואר עפיס דערגאַנגען צו זיי וועגן דעם סכסוך איבער "באשניע" און "הערצ־גאווינע" (צוויי סערבישע פראָווינצן, וואָס זענען ערָאבערט געוואָרן דורך עסטערייך פון טערקיי, און זי האָט זיי אַנעקסירט אין 1908 — און דאָס האָט פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן עסטערייך און סערביע). יידן האָבן געהאַט צוטרוי צום קיסר און אים געגלויבט, דאָס אויב ער טענהט אַז די פראָווינצן געהערן אים, איז ער מסתמא גערעכט. נאָכדעם ווי עס איז אין סערביע ערמאָרדעט געוואָרן דער גרויספירשט פראַנץ פערדינאַנד, איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז די מערדער דאַרפן באַשטראָפט ווערן, אָבער לויט זייער אויפאַסונג און כאַראַקטער, איז די קריגס ערקלערונג געווען צו אַן־איבערגעטריבענע שטראָף און זיי האָבן געזען דערין, שרעקליכע סכנות.

אין דער דערשלאָגענער אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט אין די יידישע ישובים, האָבן די מאַכט אָרגאַנען ארויפגעלייגט אויף די פלייצעס פון די תמימותדיקע רבנים און דיינים, אַן־אויפגאַבע וואָס איז געווען צו גרויס לויט זייער כּאָס — צו דרשענען פאַר קהל, דערציילן וועגן דעם מאָרד פון יורש עצר, און אויפוועקן ביי זיי די פאַטריאָטישע געפעלן. די מספידים האָבן נעבעך געטון אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, און זייערע דרשות, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין די בתי־מדרשים אין דער אָנוועזנהייט פון דער "באַהערדע" האָבן ענטהאַלטן אַביסל דברי תורה, מאמרי חז"ל וועגן געהארכזאַמקייט און טריישאַפט צו דער מלוכה און די פליכט צו בעטן פאַר איר הצלחה. ס'איז אַ גרויסער ספק צו די צוהערער האָבן זיך איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט פון דער מלחמה און בלוט פאַרגיסונג.

כאָטש די יידן אַלס בירגער, זענען אין אַלגעמיין געווען, ווי געזאָגט, געטריי די רעגירונג, און אויסגעפירט אירע פאַראָרדענונגען — אָבער אויפן געביט פון קריג האָבן זיי בשום אופן נישט מסכים געווען מיט איר. זיי האָבן איינגעזעהן די גאַנצע זינלאָזיקייט פון דער אַוואַנטורע און האָבן פאָרגעפילט די צרות וואָס די מלחמה וועט מיט זיך ברענגען. אין געגנזאַץ צו די וואָס האָבן די קריג אַזוי לייכטזיניק פאַראורזאַכט, האָבן זיי זיך אויך משער געווען וואָס וועלן זיין אירע רעזולטאַטן.

שווער געפּרואווט פון צרות, און בעלי נסיון האָט זיי ס'הארץ פאָרגעזאָגט, אַז, ווי תמיד, וועלן יידן זיין די הויפּט קרבנות. זיי האָבן זיך נישט פאַרשיכורט פון די שאאלן פון די קאמפס־טרומפייטן און פון די אויסגעהוילטע פאַטריאָטישע לאָזונגען, און זענען נישט גרייט געווען מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר דעם פאַלשן פרעסטיזש פון דער מאָנאַרכיע.

פיל יונגעלייט, באַזונדערס, פאַרהייראַטע און פאָטערס פון קינדער, מיליטער פליכטיקע, האָבן טראָץ דער געפאַר פון שווערע שטראָף, אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די צרה. טייל האָבן זיך זעלבסט געמאַכט פעלערן, כדי נישט גענומען צו ווערן אויפן פראָנט. ס'זענען אַנטשטאַנען פראָפעסיאָנעלע פעלער־מאַכער, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין מאַכן פאַרשידענע נישט מסוכנדיקע פעלערן ווי אַ שטייגער אַ ברוך, צוברעכן אַן־איבר, שעדיקן ס'געהער — אבי ניצול צו ווערן פון גיין אויפן פראָנט.

אַנדערע האָבן פאַרלאָזט זייער וואוין־אָרט כדי אויסצומיידן די מאָביליזאַציע און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין ווייטע מקומות, וואו מען האָט זיי נישט געקענט. אַ ספּעציעלער מקום־מקלט איז געווען די רעזידענץ ווין, וואו זיי האָבן ממש זיך באַהאַלטן אונטערן קייזערס מאַנטל. דאָרט אין דער ענג באַזעצטער שטאָט, איבערגעפולט מיט פליטים, איז די פּאָליציי געווען ווייניקער עפעקטיוו ווי אין די קליינע אָרטשאַפטן, אין וועלכע איינער דעם אַנדערן האָט גוט געקענט.

אין שטעטל האָבן זיך אויך געפונען פיל יינגע לייט, וואָס טראָץ זייער טויגליכן געזונט צושטאַנד זענען זיי נישט געווען איבריג באַגייסטערט צו גיין אויפן פראָנט, און האָבן נישט געהאַט קיין אמביציעס צו זיין העלדן פון דער אימפעריע. ווי נאָר די מאָביליזאַציע האָט אָנגעפאַנגען, זענען זיי פאַרשוואונדן פון הויז און זיך פאַרשטעקט וואו נאָר זיי האָבן געקענט. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אַביסל פאַרשטעלט, צוגרימירט ס׳פּנים, און האָבן רעזיקירט מיט נאַכטבאַזוכן אין זייערע היימען. צומאָרגנס איידער ס׳איז געוואָרן ליכטיק, זענען זיי נעלם געוואָרן. די רעזולטאַטן פון אָט די ״פאַמיליע וויזיטן״, האָבן זיך אָנגעזען אייניקע מאָנאַטן שפּעטער אויף זייערע דיק געוואָרענע פרויען. היות ווי די דאָזיקע פרויען זענען געווען באַקאַנט מיט זייער צניעות און מען האָט זיי נישט געקענט חושד זיין אין לייכטזיניקע אויפירונג — האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן זיי נאָכשפּיאָנירן, האָפנדיק צו כאַפּן די דעזערטערן אויף דער ״הייסער מינוט״.

די מאַכט האָט גוט געקענט די באַציאונג פון די יידן צום מיליטער־דינסט און צום קריג. אַזוי, למשל, האָט מען דערציילט, אַז דער קייזער פראַנץ יוזעף איז אַמאָל געקומען אין שפּיטאָל באַזוכן די קריגס פאַרוואונדעטע, און איז צוגעגאַנגען צו די בעטן, וואו ס׳זענען געלעגן סאָלדאַטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, געפרעגט ביי זיי, ווי זיי פילן זיך און זיך אינטערעסירט איבער די אומשטענדן ביי וועלכע זיי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן א.ז.וו. ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ייד. נאָכדעם, ווי ער האָט דעם פאַרוואונדעטן סאָלדאַט געפרעגט ווי ער הייסט און פון וואַנען ער קומט, האָט ער גלייך באַפוילן אים צו געבן אַן־אויסצייכנונג. אויף דער פראַגע פון פאַרחידושטן אַדיוטאַנט פאַרוואָס פון אַלע פאַרוואונדעטע קומט עס דווקא דעם ייד אַן־אויסצייכנונג, האָט דער קייזער גיענטפערט: אַלע זעלנער דינען ביי מיליטער, ווייל זיי מוזן און האָבן קיין אַנדערע ברירה, דאַגעגן דער ייד, איז אַ ״פרייוויליקער״ ער האָט זיך געלאָזט מאָביליזירן פון זיין פרייען ווילן, דען ווען ער וואָלט נישט געוואָלט דינען וואָלט ער מסתמא שוין געפונען אַ וועג ווי אַזוי זיך דערפון רויסצודרייען...

ווי אין יעדן וויץ, שטעקט אויך דאָ פיל איבערטרייבונג. דער אמת איז, אַז קיינער פון די אַלע פעלקער אין דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע האָט נישט קיין חשק געהאַט זיך צו באַטייליקן אין דער זינלאָזער מלחמה, אָבער פאַר אַ גוי איז געווען שווערער זיך אַרויסצודרייען פון מיליטער דינסט ווי פאַר אַ ייד. אַ פּאָלאַק אָדער אוקראַאינער, צום ביישפּיל, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אין דער סביבה, האָבן זיינע שכנים און באַקאַנטע אים גלייך אויסגעגעבן. די יידן, דאַגעגן זענען געווען מער סאָלידאַריש צווישן זיך, געשיקטער, און האָבנדיק פאַמיליע און באַקאַנטשאַפט אין אַלע געביטן פון דער מדינה איז זיי דאָס אויסבאַהאַלטן מער געלונגען.

טראָץ דעם געזאָגטן, האָבן צענדליקער טויזנטער יידן פון גאַליציע געדינט אין מיליטער, געקעמפט, פאַרוואונדעט געוואָרן און געפאַלן אויפן פראָנט. ווייל פונקט ווי די אַנדערע, האָבן זיי אויך קיין ברירה נישט געהאַט.

הגם, ווי געזאָגט, קיינער איז נישט געווען צופיל באַגייסטערט פון קריג, האָבן יידן דאָך געהאָפט, אַז זייער קייזער וועט צום סוף זיגן און אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. צו דער האָפנונג האָט צוגעגעבן דער פאַקט, אַז ביים עסטרייכישן קייזערס זייט, שטייט דייטשלאַנד, וועלכער איז אַ ריזיקער מיליטערישער און טעכנישער כוח.

שוין דער אָנפאַנג פון קריג האָט מיט זיך געברענגט שווערע אַנטוישונגען. גלייך ווי די קאמפן זענען אויסגעבראָכן האָט זיך אַרויסגעוויזן די שוואַכקייט פון דער עסטרייכישער אַרמיי. דאָס מיליטער איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, פיינדליכע איינער צום אַנדערן, די פאַרבינדונג צווישן זיי איז געווען אַן־אויפגעצוואונגענע און קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין שום מאָטיוואַציע צו קעמפן. די קאמאַנדאַטור איז געווען אַן־עסטערייכישע און איז באַשטאַנען פון אויסגעפּאַשעטע אָנגעבלאָזענע אָפּיצירן; מיוחסים און פּראָטעקציאָנס־קינדער, וואָס זייער גאַנצע ערפאַרונג איז געווען פון דעפילאַדעס און קייזערליכע געבורטס־טעג. ביי די ערשטע פאַרמעסטונגען זענען די עסטערייכישע טרופּן צעקלאַפּט געוואָרן דורך די קאזאַקן רעגימענטן וועלכע האָבן מיט אימפּעט דורכגעבראָכן דעם פראָנט, אַריינגעדרונגען מיט שטורם אין די גאַליצישע שטעטלעך און אנגעמאַכט אין זיי אַ חורבן. בעתן פאַרמאַרש פון די רוסן איז געלונגען אַ טייל פון די יידישע באַפעלקערונג צו אַנטלויפן, ווי מען האָט עס גערופן ״פליכטן״, קיין ווין קיין בעהמען און מעהרען (טשעכאסלאוואקיי) אונגאַרן, און דאָרט האָבן זיי געלעבט אַלס פליטים. די געבליבענע האָבן שווער געליטן פון דעם אכזריותדיקן אקופּאַנט.

נאָכדעם ווי די דייטשע אַרמע האָט איבערגענומען דעם פראָנט און געמאַכט אַ געגנ־אנגריף, זענען צוואַר די רוסן צוריקגעשטויסן געוואָרן און די לאַגע אויפן מזרח פראָנט האָט זיך געענדערט, אָבער דער נידערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס פאַרשלעפּן זיך פונעם קריג האָט אָפּגעשוואַכט כ׳לאַנד און דאָס מענטשן מאַטעריאַל האָט זיך אויסגעשעפּט. מען האָט אָנגעהויבן מאָביליזירן עלטערע יאָרגאַנג און אַלע שטעטלישע בטלנים האָבן איינגערוקט. אויך קאַליקעס האָט מען נישט דורכגעלאָזט. ס׳איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז מיט אַזעלכע ״קעמפער״ וועט די אימפעריע נישט געהאָלפן ווערן.

די אַלגעמיינע מאָביליזאציע און די ריזיקע קריגס־אויסגאַבן האָבן צוטרייסלט די ווירטשאַפט פון לאַנד און ס׳האָט געהערשט אַ שטאַרקער מאַנגל אין לעבנס־מיטל און אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. אנשטאַט נאַטירליכע פּראָדוקטן, זענען ערשינען אויפן מאַרק פאַרשידענע ערזאַצן.

דאָס ברויט, וואָס איז געווען די הויפּט שפּייז פון דער בפעלקערונג איז געטיילט געוואָרן אין קליינע ראַציעס און איז באַשטאַנען פון קוקורידז־מעל, ארבסטן און פאַרשידענע פסולת. קלייען וואָס ווערן גענוצט אונטערצושיטן אונטערן ברויט, כדי ס׳זאָל זיך נישט צוקלעבן צו דער לאָפּאַטע בעתן

אַריינשיבן עס אין אויוון — די קלייען, האָט מען אַריינגעטון אין ברויט און אַנשטאַט זיי האָט מען באַנוצט זעגעכץ פון האָלץ. דאָס קלעפיקע נישט דערבאַקענע טייג, וואָס האָט זיך גערופן "ברויט", איז נישט געווען צום עסן און האָט נישט געזעטיקט די הונגעריקע באַפעלקערונג. די יסודות פון רעזשים און די עגזיסטירענדע אָרדנונג האָבן זיך אָנגעהויבן צוצעברעקלען. טראָץ דעם האָט קיינער נישט גערעכנט, אַז עס קומט אַ טאָטאַלער צוזאַמענברוך. ס'איז נאָך געווען אַ האָפענונג אַז די קעמפענדע צדדים וועלן, ווי עס איז, אַדורכקומען צווישן זיך.

דער מערב פראָנט, וואָס איז געווען אַנטשידענט, איז געווען ווייט, און עסטערייך האָט זיך אין די קאַמפן דאָרט, כמעט נישט באַטייליקט. ווייניק פון דעם וואָס האָט דאָרט פּאַסירט איז דערגאַנגען צו די יידן אין שטעטל, וועלכע האָבן זיך געשפּייזט מיט שמועות אין צובראָכענע ידיעות, וואָס סאָלדאַטן האָבן געבערענגט פון פראָנט־אָפּשניט וואו זיי האָבן געקעמפט, און גאָר ווייניקע האָבן געוואוסט איבער דער לאַגע — פון אויבערפלעכלעכן לייענען די טענדענציעזע פּרעסע, וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרהוילן די שווערע לאַגע.

יעדנפאַלס דאָס צעפאַלן זיך פון דער עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע האָט אַלעמען דערשיטערט. דאָס אַראָפּרייסן דורך די פּוילישע יוגנטלעכע די ראַנגען און די קנעפּ מיטן צווייקעפּיקן אָדלער פון די פּאָליציי און סאָלדאַטן — האָט אויסגעזען ווי אַ וועלט־חורבן. אַנשטאַט עסטערייך איז אַנטשטאַנען אַ זעלבסטשטענדיק פּוילן.

די ערשטע שריט פון פּוילישן רעזשים זענען געווען פּאָגראָמען אויף יידן. די טרויעריק־באַרימטע רעגימענטן פון גענעראַל האַלער — די "האַלערטשיקיס" האָבן געריסן יידישע בערד און אַרויסגעוואָרפן יידן פון פאָרנדע צוגן. די גלחים און אַנדערע פּוילישע מנהיגים האָבן געהעצט דעם צוהיצטן המון קעגן די שוצלאָזע יידן. די יידן אין שטעטל האָבן אויך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט גרינטלעך קענען צו לערנען זייערע פּוילישע שכנים מיט וועלכע זיי האָבן זיך טאָגטעגליך צוזאַמענגעטראָפן און פריינדליך בעגרוסט. איבער נאַכט זענען די "פריינטליכע" שכנים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות, וועלכע האָבן מיט אייזנס און העק אויפגעבראָכן און אויסגערויבט די קראמען, אין וועלכע זיי האָבן ערשט נעכטן איינגעקויפט זייערע פּראָדוקטן און געשלאָגן מיט רציחה, ווער עס האָט געפּרוווט שיצן זיין פאַרמעגן. מיט צובראָכענע הערצער האָט די יידן צוגעקוקט ווי זייערע געשעפטן, זייער גאַנץ האַב און גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן און זאַגאַר, דורות, ווערט אויסגערויבט און צושלעפּט אין מיטן העלן טאָג און קיין הילף איז נישט געווען. דאָס "רויבן" איז געוואָרן איינגעקריצט אין זייער נשמה אלס טראומאַ אויפן גאַנצן לעבן.

אין דעם צושטאַנד, איז נישט קיין וואונדער, וואָס יידן אין די קליינע גאַליצישע שטעטלעך האָבן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן דערמאַנט מיט נאָסטאַלגיע די "פרידנס צייט" פון עסטערייך, ווי טעג פון "איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו", פאַרגעסנדיק, ווי דער שטייגער, דאָס נעגאַטיווע פון דעמאָלט. ווער עס האָט אויסגעהערט זייערע מעשיות, וואָס האָבן אַנטהאַלטן, פאַרשטייט זיך נישט ווייניק גוזמות — מעשיות וועגן דעם "רעטראַאַקטיוון" גליק, איז אים שווער געווען פעסטצושטעלן, אויב זיי האָבן דאַן זיך ווירקליך געפילט גליקליך, אָדער צוליב דער געגנווערטיקע שווערע לאַגע שאַפן זיי זיך אילוזיעס אויף "רעווערס" וועגן דעם וואָס איז אמאָל געווען.

יעדנפאַלס ווייל די פאַרלאַנגען און אַספּיראַציעס זענען געווען גאָר באַשיידענע און אַ "פּאַסנע שטיקל ברויט נאָר מיט רו" איז געווען ביי יידן אַן־אָנגענומענער כלל, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן אַז דאָס ראַזאווע שוואַרצע ברויט איינגעבראָקט אין גריץ אָדער "פּאַמאַלע" (פלוימען יוך) מיט וועלכן זיי האָבן זיך באַגנוגנט, דאָס ברויט האָט זיי גוט געשמעקט און זייער בענקשאַפט צו די רואיקע עסטערייכישע צייטן, איז געווען אַן־אויפריכטיקע.

עס איז גאַנץ נאַטירליך געווען, אַז דער פּשוטער תמימותדיקער ייד, וואָס האָט זיך נישט אָריענטירט אין פּאָליטיק און אין די פּאָליטישע קאָנסטעלאַציעס וואָס האָבן זיך געשאַפן נאָך דעם קריג, זענען געווען ווייט פון זיינע השגות, אַזאַ ייד האָט געזען אין פּוילן, בעת עס איז אַנטשטאַנען, אַ הערשאַפט פון אָנגעלאָפענע באַנדעס וואָס וועט נישט קענען לאַנג עגזיסטירן. (אַן־ענליכער מצב האָט געהערשט אין די מזרח געביטן. אויך דאָרט האָבן די פּשוטע יידן אַזוי אָפּגעשאַצט די לאַגע אַז די ווילדע אוקראַאינישע הארדעס וועלן נישט מסוגל זיין צו פירן אַ מדינה — און דאָרט האָבן די יידן אויך רעכט געהאַט). די גרויסע בטלנים האָבן זאגאר געהאָפט אַז דאָס גוטע און ערפאַרענע קייזערטום וועט צוריקקומען און ווי אַמאָל צוריקשטעלן די גוטע ארדנונג וואָס איז צושטערט געוואָרן. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהיטן די אַלטע עסטערייכישע באַנקנאָטן וואָס זענען מיט איינמאָל געוואָרן ווערטלאָזע שטיקלעך פּאַפּיר, און זיי האָבן געגלויבט אַז די וועלן צוריק ווערן אַ גאַנגבאַרע וואַלוטע.

אין פאַרלויף; פון דער צייט האָט זיך דער רעזשים אין פּוילן סטאַביליזירט, און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אָרדנונג. דער עסטערייכישער "פּאַטריאָטיזם" איז געבליבן בלויז ביי די אונהיילבאַרע עקשנים, וואָס צוגלייך מיט די איבערגעבליבענע פון די "האבסבורגער" דינאַסטיע, האָבן זיי נישט געקענט פאַרגעסן זייער "קעניגליכע" פאַרגאַנגענהייט און האָבן נישט מסכים געווען צו אַנערקענען די נייע מדינה.

☆

די פּוילישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון קליינע פּויערן. די שטאָט איינוואוינער זענען געווען בעאַמטע, אָפיצירן און אַרבייטער אין אַ אינדוסטרי וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן שטעלן אירע ערשטע טריט. די קאַסע, פון דער נאָר וואָס, אַנטשטאַנענער מדינה, איז געווען ליידיק אין דער גאַנצער לאַסט פון ביישטייערן די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן מסחר, וועלכער איז איינגעשטאַנען הויפּטזעכליך אין יידישע הענט.

בעת די פֿאַראָרימטע יידישע סוחרים האָבן געמאַכט די גרעסטע אנשטרענגונגען, כדי ווידער אויפֿצובויען זייערע אויסגערויבטע געשעפֿטן, האָבן די מאַכט אָרגאַנען אַרויפֿגעלייגט אויף זיי דראַקאָנישע שטייערן, נישט ערמעגליכנדיק זיי זיך צוריקצושטעלן אויף די פֿיס (די באַקאַנטע תקופֿה פֿון פֿינאַנץ מיניסטער גראַבסקי).

די עקאָנאָמישע טיפֿע נויט און דער גרעניצלאָזער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געהערשט פֿון תמיד אָן אין פּוילן, האָבן נישט איבערגעלאָזט פֿיל האָפֿענונג פֿאַר די יידן און פֿיל משפּחות האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן צו עמיגרירן וואו נאָר מעגליך און וואָס שנעלער פֿאַרלאָזן ס׳לאַנד.

די וואָס זענען געווען צו אַלט אויף אַליין צו עמיגרירן, האָבן געזוכט מעגליכקייטן פֿאַר זייערע אונטערוואַקסענדע קינדער, פֿאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין שום אויסזיכט און צוקונפֿט אין פֿאַראָרימטן שטעטל. נישט מיט קיין לייכט האַרץ, האָבן די עלטערן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די קינדער פֿאַרלאָזן די היים. דער אָנגענומענער באַגריף פֿון "יידיש נחת", איז געווען, דאָס קינדער, איידעמס און שנירן, בלייבן אין דער נאָענט פֿון די עלטערן. אויך האָט די עלטערן אָפּגעשראָקן די סכנה, אַז דאָס דערווייטערן זיך פֿון דער היים און דאָס אָפּרייסן זיך פֿון די וואָרצלען, וועט אויך דערווייטערן די קינדער פֿון דעם אנגענומענעם טראַדיציאָנעלן לעבנס שטייגער. נישט איינמאָל האָבן די באַזאָרגטע עלטערן געפּרואווט "באַשווערן" די פֿאַרלאָזענדע קינדער, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די הויפּט מצוות ווי שבת, תפֿילין לייגן, כשרות א.ז.וו.

איינצלנע, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַמיליע אין די גרויסע שטעט אין מערב־אייראָפּא, האָבן געפּרואווט איינוואַנדערן אַהין מיט דער הילף פֿון די קרובים.

אין די דאָזיקע מערב לענדער איז דער לעבנס סטאַנדאַרט געווען פֿיל העכער ווי אין דעם פֿאַראָרימטן פּוילן, און פֿאַרהעלטנמעסיק איז אויך געווען לייכט זיך דאָרט איינצואָרדענען. די אייראָפּעאישע לענדער זענען אָבער נישט געווען פֿאַראינטערעסירט אין עמיגראַנטן, בערופֿסלאָזע און אָן מיטלען, און דערצו נאָך — יידן. די איינרייזע פּאַפּירן זענען געגעבן געוואָרן אויף אַ באַגרעניצטער צייט און נאָר אויף אַ באַשטימטן צוועק, ווי באַזוך ביי קרובים, קוראַציע, אָדער צוליב אַן־אינטערנאַציאָנאַל געשעעניש ווי אַ קאָנגרעס, אויסשטעלונג א.ז.וו. ווען דער באַשטימטער טערמין איז אַדורך און די אויפֿענטהאַלטס ערלויבעניש איז אויסגעגאַנגען, האָט די אָרטיקע פּאָליציי שטרענג דערמאַנט די אַריינגעקומענע, אַז די "הכנסת אורחים" האָט זיך געענדיקט, און האָט זיי געוויזן די טיר. מיטן פֿאַרלענגערן די אויפֿענטהאַלטס צייט, איז געווען גרויסע שוועריקייטן און מען האָט געמוזט זיך באַנוצן מיט פֿאַרשידענע תחבולות און פּראָטעקציע כדי זיך איינצומעלדן און קענען ווייטער בלייבן אויף אַ לעגאַלן אופֿן.

אויסער די דערמאָנטע שוועריקייטן, און נאכהער ס׳באַהערשן די אָרטיקע שפּראַך און געפֿונען באַשעפֿטיקונג און פּרנסה — פּראָבלעמען פֿון יעדן וואָס קומט אין אַניי לאַנד אָהן מיטלען, איז כדאי צו דערמאַנען, אַז דאָס פֿון אַ קליין שטעטל, וואו ס׳איז נישט געווען קיין עלעקטעריע, קיין וואַסערלייטונג און מען האָט דאָרט קיין אויטאָ נישט געזען — האָט דאָס אַריבערגיין אין אַ גרויסע מאָדערנע אייראָפּעאישע שטאָט, אַרויסגערופֿן פֿאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס אפשר היינט אין אונדזערע אויגן, זעהען זיי אויס, אַביסל קאָמיש, אָבער זיינערצייט האָבן זיי מסתמא פֿאַראורזאַכט גענוג קאָפּווייטאָג פֿאַר די געקומענע.

היטן שבת, למשל, אין אַ קליין פּויליש שטעטל — איז געווען זעהר פּשוט. די שבת ליכט האָבן געברענט פֿרייטיג צו־נאַכטס ביז זיי האָבן אָנגעהויבן צאַנקען דאַן איז געקומען די צייט צו גיין שלאָפֿן. דעם אויוון האָט איינגעהייצט אַ שבת־גוי פֿאַר אַ שטיקל חלה. געלט האָט מען נישט געברויכט אין שבת (אין מיטן דער וואָך ווען מען האָט זיך דווקא דערין שטאַרק גענויטיקט, איז עס אויך נישט געווען). נאָכדעם ווי מען האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ במשך זעקס וואָכן־טעג, איז דער שבתדיקער טשאָלענט געווען צוגעגרייט און מען האָט נאָר געברויכט אַרויסרוקן אים פֿון אויוון.

נישט אַזוי איינפֿאַך האָט אויסגעזען דאָס אָפּהיטן שבת אין דעם פֿרעמדן לאַנד. עס האָט געטראָפֿן צום ביישפּיל, אַז אַ ניי געקומענער איז אַריינגעקומען פֿרייטיג צונאַכטס אין אַ פֿרעמד הויז מיט פֿיל איינוואוינער, נישט אָנגעצונדן די ליכט און געטאַפּט אין קאָרידאָר אין דער פֿינצטער און פּלוצים זיך אָנגעשטויסן אויף די טרעפּ אין איינעם פֿון די לאָקאַטאָרן וואָס איז אַרויס פֿון שטוב אָנגיצונדן די ליכט, און געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער דערזעענדיק פֿאַר זיך אַ פֿרעמדן פֿאַרדעכטיקן מאַן, וואָס שטאַמלט און ווייסט נישט ווי אַזוי צו זאָגן וואָס ער וויל, ווייל ער קען נישט די שפּראַך...

די וועלכע האָבן אין יענע יאָרן פֿאַרלאָזט ס׳שטעטל האָבן געהאַט צו דערציילן פֿיל מעשיות דאַוועגן. אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט, האָט יעדער פֿון זיי געלעזט זיינע פּראָבלעמען לויט זיינע מעגליכקייטן און צופּאַסונגס־פֿעאיקייט. אָבער, ווי געזאָגט, נישט פֿיל האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אייראָפּא, די מיינסטן האָבן זיך געווענדעט צו אַנדערע קאָנטינענטן.

טייל יונגע לייט, אַביסל גענייגטע צו אַוואַנטוריזם, האָבן געפּרואווט זייער מזל אין דרום אמעריקא. דאָרט זענען זיי געגאַנגען פֿון הויז צו הויז מיט וואַליזעס אין די הענט און אנגעבאָטן פֿאַרשידענע ביליגע סחורות — זיי האָבן, ווי מען האָט עס גערופֿן: "געפּעדלט". די סחורה האָבן זיי גענומען אויף קרעדיט ביי יידישע סוחרים וואָס זענען שוין געווען איינגעאָרדנט אויפֿן אָרט.

דאָס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער אָנפֿאַנג אין יענע לענדער. נאָר ווייניקע האָבן מצליח געווען און האָבן נאכהער אויסגעטוישט די וואַליזן אויף געשעפֿטן. אַנדערע זענען צוריק קיין פּוילן אָדער זיך אַריבערגעכאַפּט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָדער קאַנאַדע.

☆

דער קריג האָט געברענגט מיט זיך נישט נאָר דעם צוזאַמענפֿאַל פֿון דעם מאנאַרכיסטישן רעזשים, וואָס האָט

עגזיסטירט אין משך פון אַ לאַנגע צייט, נאָר ער האָט אויך אויפגעטרייסלט אַלע קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע יסודות, וועלכע האָבן זיך באַזירט אויף דעם דאָזיקן רעזשים, און זייער סטרוקטור איז געווען געבויט לויט זיין סיסטעם. עס איז געקומען אַן־איבערגאַנג פון נאָמינאַציעס ״פון אויוון״ פון פּראָמינענטן — צו אַן־אויסגעוועלטער פאָרשטעערשאַפט. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער דעמאָקראַטיזאַציע פון געזעלשאַפטליכן לעבן.

עס זענען ערשינען עסקנים און געזעלשאַפטליכע טוער פון אַן־אנדערן סאָרט, וועלכע האָבן אַריינגעבערענגט אַ נייעם סטיל אין עפנטליכן לעבן. אַנשטאָט פּאַטעטישע דרשות און דראָאונגען מיט גיהנום האָט זיי אין זייערע אויפטריטן, זיך געווענדעט צום פאַרשטאַנד און געפּרואווט איבערצייגן און משפּיע זיין.

די פריערדיקע געזעלשאַפטליכע טעטיקייט האָט זיך געפירט לויט דער אָנגענומענער אויפפאַסונג פון צוויי וועלטן וואָס זענען געבונדן איינער מיטן אַנדערן: ״עולם הזה״ — ס׳טאָג טעגליכע לעבן מיט זיין שווערע נויט, וואָס די גבאים און שתדלנים האָבן מיט זייערע באַגרעניצטע מעגליכקייטן געפּרואווט פאַרלייכטערן. און ״עולם הבא״ — די גייסטיקע וועלט, וואָס רוב מחשבה און מי זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין איר. אויף דעם געביט האָבן געווירקט און באַשטימט די ״בנים און רביים.

יעצט איז צוגעקומען די פּאָליטישע זייט — דער קאַמף צו ענדערן די סאָציאַלע באַדינגונגען און פּרואוון פאַרגרינגערן די נויט פון פּרט, דורכן לעזן דאָס אַלגעמיינע פּראָבלעם.

עס זענען געווען דאָן די ערשטע טריט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטעטל. צוערשט איז איר טעטיקייט געווען באַגרעניצט צוליב מאַנגל אין מיטלען, נאַאיוו — ווייל זי איז געווען ערפאַרונגסלאָז. נאכהער האָט זיך די באַוועגונג אַנטוויקלט ביז זי איז געוואָרן די דאָמינאַנטעסטע. אַביסל שפּעטער האָבן זיך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג געשאַפן פאַרשידענע חלוצים שטרעמונגען, וואָס זייער הויפּט טעטיקייט איז געווען דאָס אַרויסשיקן די יוגנט אויף ״הכשרות״ און נאכהער עליה און ״בניית הארץ״.

ארץ ישראל איז געווען זעהר אַ באַקאַנטער באַגריף אין שטעטל. אויסער דער באַציאונג צו ״ירושלים של מעלה״ פון חומש און ״צאנה וראינה״, פון תפילות און תחינות, איז אויך געווען אַ פּראַקטישע פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל דורך דער צדקה פּושקע מיטן פּשוטן הענג־שלעסל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט אויף אייביק און איז געוואָרן אַ טייל פון איר; בעת מען האָט געקאַלעכט די שטוב איז די פּושקע צוזאַמען מיט איר געקאַלכט געוואָרן.

יעדן פרייטיג פאַר ליכט בענטשן האָט די מאַמע אַריינגעלייגט אַ מטבע אין דער צדקה פּושקע און דאָס איז געווען די לעצטע וואָכיקע טאַט וואָס זי האָט געמאַכט איידער דער שבת איז געקומען. די גבאים פון כולל אין שבתדיקע מלבושים זענען געקומען יעדן חודש אויסלערן די פּושקע. די מטבעות וואָס זיי האָבן פון דאָרט אַרויסגענומען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, כדי זיי צו ציילן, זענען געווען אויס־געלאָשענע, אָן גלאַנץ, נישט געריינצט און נישט געלאַקט — ווי ״שיימעס״. אויף די פינגער פון די גבאים האָט מען נישט געזען קיין שפּור פון געלט־גייציקייט וואָס מען מערקט געוועגליך ביים ציילן מסחר־געלט — גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געציילט קיין מטבעות נאָר ״ערבות״ צו די הושענות. דאָס אַריינלייגן די גראשינס אין די לייוונט זעקאַלעך, ס׳צו־גרייטן די קבלות איז געטון געוואָרן ״בדחילו ורחימו״ אהן וואָכעדיקע דיבורים, מיט אַ פרומען זיפץ ווי ביים טוען אַ מצווה ווי אַ שטייגער ״אתרוג בענטשן״ וכדומה. אין די פאַרנעפּלטע יראת־שמיים אויגן, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס גאַנצע גאַרן צו ציון און צו ביאת המשיח.

נאָכדעם ווי די גבאים האָבן געענדיקט, האָבן זיי זיך געזעגנט מיט ברכות און וואונטשן, און פאַר ראש השנה האָבן זיי אויך איבערגעלאָזט אַ לוח פון ארץ ישראל מיט בילדער פון כותל מערבי, מערת המכפלה קבר רחל. אין די איינפּיר בלעטלעך פון דעם לוח האָבן די כולל־לייט, זיך געווענדעט מיט לאקענדע אַנטראַגן ממש, צו די פּאָטענציאַלע שפּענדער און זיי פאָרגעשלאָגן אַ פאַרזיכערונגס פּאָליסע נאָך ״הונדערט און צוואַנציק״. פאַר אַ געוויסער סומע געלט, האָבן זיי צוגעזאָגט צו זאָרגן פאַר די באַדערפענישן פון נדבן נאָך זיין פּטירה ווי זאָגן ״קדיש״ וכדו׳. פאַר גרויסע שפּענדער האָבן זיי מוסיף געווען מזכיר צו זיין זיי אויף די קברים פון די צדיקים און אויף די ״מקומות הקדושים״ און לערנען משניות אין דער יאָרצייט, פון דער פּטירה ביז ביאת המשיח.

אין דער אנגענומענער אמונה פון די יידן אין שטעטל, די איינגעוואָרצלטע במשך דורות, איז דער סדר פון דער ״גאולה שלמה״ געווען קלאָר און באשטימט: צוערשט ״ביאת המשיח״ נאכהער ״תחיית המתים״ און צום סוף ״גיין״ קיין ארץ ישראל.

פאַרשטייט זיך אַז אין דער אויפפאַסונג, האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט די יונגע חלוצים, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין ״פּאַראייניגן״ און געפאָרן אויף ״הכשרות״ — יונגלעך און מיידלעך צוזאַמען. זייער גאַנצע אויפירונג איז געווען אַ בונט געגן די אָנגענומענע באַגריפן, און טיילמאָל אויך געגן די עלטערן, און צווישן זיי און די חסידישע קרייזן פון אַלטן דור, איז שווער געווען צו פאַרבונדן.

דאָס לערנען העברעאיש פון וועלטליכע ביכער דורך פרייע לערערס, אין הוילן קאָפּ — האָט דער אַלטער דור אָנגענומען ווי אַ חילול פון ״לשון קודש״. די ספרדישע הברה וואָס איז זיי געווען אומבאַקאַנט, האָט געקלונגען אין זייערע אויערן ווי אַ פאַרדרייט און פאַרגרייזט לשון קודש, דאָס לשון פון תפילה און תורה. אויך די שטרעבונג פון די יונגע בחורים און מיידלעך, עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און בויען ס׳לאַנד, אויך די אָט, פּאָזיטיווע כוונה, איז אויפגענומען געוואָרן ווי דחיקת הקץ.

די מענטשן פון אַלטן דור האָבן נישט געקענט מסכים זיין מיט דעם געדאַנק אַז דער ענין פון גאולה זאָל איינשטיין אין די הענט פון אונערפאַרענע אַמאַטאָרן — אָרימע אָפּגעריסענע חלוצים, דען צו דעם צוועק האָבן זיי געהאַט רביים,

וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף דעם געביט פון ברענגען משיחן און עוסק געווען דערין במשך דורות.

היות ווי די טעטיקייט פון די חלוצים אין די בתי מדרשים איז געשטערט געוואָרן און מען האָט זיי דאָרט נישט געגעבן קיין דריסת רגל, האָבן זיי געטאָן אַלץ אַרויסצונעמען פון דאָרט די יוגנט און זי אָרגאַניזירן אין זייערע ראַמען — אין די ציוניסטישע פאַראיינען.

אין די פאַראיינען האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטע קולטור־רעלע טעטיקייט פון פאַרלעזונגען, רעפעראַטן, עברית לעקציעס א.ז.וו. זייער צוציאונגס־קראַפט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אויסער דעם וואָס זיי זענען געווען אַ נייע זאַך, האָבן זיי געהאַט נאָך אַ פאַרטייל, דאָס עס זענען דאָרט געווען יונגלעך און מיידלעך צוזאַמען און אויף דעם געביט האָט דאָס בית המדרש אַוודאי נישט געקענט מיט זיי קאָנקורירן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ געמישטע געזעלשאַפט פון בחורים און מיידלעך איז אין יענע יאָרן געווען זעהר אַ געוואַגטע זאַך און האָט אַרויסגערופן פיל זאָרג אין די פרומע הייזער, און די ערשטע ציוניסטן האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מיט דער סביבה.

די שטרייטן האָבן זיך געפירט נישט נאָר צווישן אָרטאָדאָקסן און ציוניסטן, נאָר די ציוניסטן זעלבסט, ווי באַקאַנט, האָבן זיך געטיילט אויף פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּעס, וועלכע האָבן באַקעמפט איינע די אַנדערע.

דערווייל זענען די אַלע דיסקוסיעס און שטרייטן געווען בלויז טעאָרעטישע און די עלייה מעגליכקייטן זענען געווען אַזוי באַגרעניצט, אַז זיי האָבן נישט געקענט דינען אַלס פּראַקטישע לעזונג פון דער דרינגענדער נויטווענדיקייט צו עמיגרירן פון פּוילן.

די הויפּט באַמיאונגען דאַן זענען געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג פון אַמעריקא, פון וועלכער מען האָט בלויז געקענט ניו־יורק, אָדער "נעוו־יאָרק" ווי אַלע האָבן עס געלייענט אויף די קאָנווערטן וואָס זענען פון דאָרט געקומען.

אויסער די גרויסע אויסגאַבן וואָס זענען געווען פאַרבונדן דערמיט, איז נישט לייכט געווען אָנצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די "אַפידעוויטס" זענען צוגעטיילט געוואָרן לויט אַ געוויסע "קוואָטע" פאַר יעדן לאַנד און וואָס דאָס לאַנד איז געווען אָרימער און די צאָל פאַראינטערעסירטע צו עמיגרירן איז געווען גרעסער — האָט מען לענגער געברויכט וואַרטן צו באַקומען איינרייזע פּאַפּירן.

אומעטום האָט מען גערעדט וועגן דער "קוואָטע" און מענטשן האָבן געמאַכט די גרעסטע אנשטרענגונגען זיך דורכצורייסן, אָבער אהן ערפאָלג. אונדז קינדער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די שמועסן דאַוועגן צווישן די דערוואַקסינע — האָט די "קוואטע" אויסגעוויזן ווי אַ "רשע מרושע" וואָס מענטשן אין נויט, שטרעקן אויס די הענט ער זאָל זיי ראַטעווען און ער שטויסט זיי אָפּ מיט רשעות און לאָזט זיי טרענקען אין זייערע צרות.

צווישן די עמיגראַציע קאַנדידאַטן, האָט מען דערציילט מעשיות ווי מענטשן וואָס האָבן זיך געגרייט פאָרן קיין אמעריקא זענען גערופן געוואַרן אין קאָנסולאט און מען האָט זיי דאָרט געפרעגט פאַרשידענע אויבערחכמדיקע שאלות און רעטענישן. פון די מעשיות האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אַמעריקא איז אַ לאַנד פון בלויז חכמים, וואָס היטן זיך, נישט אַריינצולאָזן אין זייער לאַנד, חלילה, קיין פּשוטע און נישט־איבערגעשפּיצטע מענטשן.

ווער עס האָט געהאַט אין אַמעריקא קרובים, איינגעבירגערטע איז געווען גליקלעך. די קרובים האָבן געקענט אַראָפּנעמען זייער משפחה און זיי שיקן "שיפס קאַרטן".

אַ רייזע פון אַ משפחה קיין אַמעריקא איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין שטעטל און מען האָט דאַוועגן גערעדט נאָך פיל חדשים נאָכדעם ווי די רייזע איז צושטאַנד געקומען. די פאָרענדע האָבן אַליין געדונגען אַ גאַנצן וואָגן מיט אַ בעל עגלה — אַ "ספּיישל", און אויפגעלאָדנט פּעקלעך, רענצלעך, קאַסטנס און דער עיקר קישנס און איבערבעטן. אַלע שכנות האָבן זיך געווישט די אויגן מיטן פאַרטוך און די מענער האָבן זיך געזעגנט מיט ברכות און וואונטשן ווי ערב יום כיפור.

אויך די וואָס זייערע קרובים אין אמעריקא, האָבן זיי נישט געקענט שיקן קיין שיפס־קאַרטן, האָט מען אויך געהאַלטן פאַר בר־מזלים און מען האָט זיי מקנא געווען, צוליב דעם וואָס זיי פלעגן צומאָל באַקומען פון דאָרט עטליכע דאלער, און מען האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן "אַ פיס אין טשאלנט". (פיל מאָל איז עס נעבעך געווען דער גאַנצער טשאלנט).

שבת, אויב דער בריוו טרעגער האָט געברענגט אַ בריוו פון אמעריקא, האָט מען געהייסן איינעם פון די קינדער נעמען דעם בריוו און אים גלייך אַריינלייגן אין קרעדענץ און מען האָט אים נישט אָנגערירט ביז מוצאי שבת, טאָמער געפונט זיך אין אים געלט און דער בריוו איז "מוקצה".

נאָך אַ גרויסע שטיצע פון די קרובים אין אַמעריקא זענען געווען פּעקלעך פון גענוצטע מלבושים, וואָס זענען געווען ספּעציעל אַ גרויסע הילף פאַר משפחות מיט פיל קינדער.

אַ גרויסע סענסאציע אין שטעטל איז געווען, ווען עס איז געקומען אויף אַ באַזוך אַ זון אָדער פעטער פון אמעריקא. פאַר דער משפחה איז עס געווען אַ גרויסער יום טוב און אַלע קרובים האָבן זיך באַטייליקט אין דער שמחה. שכנים האָבן געשיקט קוגלען און זענען פאַרבעטן געוואָרן צום "קידוש" וואָס מען האָט געמאַכט לכבוד דעם גאַסט. לויט די דעמלטדיקע באַגריפן, איז דער גאַסט געווען אַ בעל יכולת, אויב ער האָט זיך געקענט לייסטן אַזאַ קאָסטבאַרע נסיעה. ער האָט מיט זיך מיטגעברענגט שיינע מתנות פאַר דער גאַנצער משפחה. שבת, האָט דער שטאָלצער גאַסטגעבער געברענגט מיט זיך דעם גאַסט אין שול אַריין, אַלע מתפללים האָבן אים מקבל פנים געווען מיט אַ ברייטן "שלום עליכם" און "ברוך הבא", אַרומגערינגלט אים אין אַ רעדל און געשלונגען יעדעס וואָרט פון אים.

טראָץ דעם וואָס דער גאַסט איז געווען אַ "גילוח" — ס'הייסט אהן אַ באָרד און קורץ גיקליידעט — האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ בכבודיקער עליה. נאָכן ענדיקן די ברכה "נותן התורה", האָט דער גאַסט באַשטעלט אַ "מי

שברך״ פאַר די קרובים. ווען דער גבאי האָט זיך צוגעבויגן צום גאַסט און געפרעגט ״בעבור שנדר?״, ס׳הייסט וויפל? איז געוואָרן שטיל אין בית מדרש און אַלע האָבן אויפגעשפיצט די אויערן, נייגריקע, צו הערן וויפל דאלער ער איז מנדר. אויך אין דער ווייבערישער שול האָט מין פאַרוקט די פארהענגליך און עס איז געווען אַ גרויסע שפאַנונג ווי ביי אַ גרויסן געוועט: וויפל וועט ער געבן? צומאָל האָט דער ״מי שברך״ מאכער דער חזן אויך אָפּגעלעקט אַ ביינדל...

אין די קינדערס אויגן האָט דער אמעריקאַנער אויסגעזען ווי ״עוג מלך הבשן״ — הויך מיט אַ גרויסן בויך אַרומגענומען מיט אַ גאָלדענע קייט, גאָלדענע רינגען אויף די פינגער מיט אַ שטרוי הוט און אַ פאַרביקן קראַוואַט, דעם קאָפּ געהאַלטן הויך און שטאָלץ, נישט ווי אַ שטעטלדיקער און די גאַנצע ערשיינונג זיינע איז געווען אַן־איינדרוקספולע. גערעט האָט ער צוואַר ווי אַלע מענטשן, ס׳הייסט אַ פשוטן יידיש, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַריינגעמישט עפּיס משונהדיקע אונפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס אפילו זקנים האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, ווי אַ שטייגער ״יעס״, ״שור״, ״פליעס״, ״טענקיו״, ״נעווער״, ״ביזנעס״, ״אולרייט״. די ווערטער האָבן אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג און עס האָט געבלאָזן פון זיי אַ מין פרעמדקייט פון ווייטע מקומות וואָס קיינער פון די בעלי עגלות איז אַהין נאָך נישט אָנגעקומען מיט זיינע פערד, מקומות וואָס געפינען זיך אפשר מעבר לימים, ביי די הרי חושך און סמבטיון.

☆

נאָך אַ קליין טירל צו פאַרלאָזן פוילן האָט זיך געעפנט אויף אַ קורצער צייט און בלויז פאַר יונגע מיידלעך: קאַנאַדע. געהייסן האָט עס אַז מען נויטיקט זיך דאָרט אין דינסטמיידלעך און אַלס אַזעלכע זענען זיי אַהין געפאָרן. דאָרט אויפן פלאַץ האָבן די אָנגעקומענע מיידלעך געאַרבעט אַלס נייטאָרינס אין די גרויסע ״שאפּן״ וואָס האָבן זיך דאָרט צו יענער צייט געעפנט און האָבן פראָדוצירט פאַרטיקע קליידער.

אין שטעטל האָט מען ביז דאַן נאָך נישט געהערט וועגן קאַנאַדע, און מען האָט נישט געוואוסט וואו עס געפינט זיך. מען האָט בלויז געוואוסט, אַז עס איז מעבר לים, דען מען נויטיקט זיך אין אַ ״שיפס קאַרט״ אַהינצופאָרן און עס איז נישט ווייט פון ״נעוו־יאָרק״.

די עצם זאַך, וואָס די איינרייזע ערלויביניש איז געגעבן געוואָרן בלויז פאַר יונגע מיידלעך — איז געווען גאַנץ פאַרדעכטיק. אין דער לופט האָבן נאָך געשוועבט די פאַרשידענע מעשיות וועגן פרויען האַנדל אין דרום אמעריקא; וועגן תמימותדיקע אומגליקליכע מיידלעך, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון פרויען־הענדלער א.ז.וו.

פיל מוט האָט זיך פאַרלאַנגט סיי פון די מיידלעך און סיי פון זייערע עלטערן, כדי זיך צו דעצידירן אויף אַזאַ געוואַגטן שריט.

ס׳איז כדאי צו דערמאַנען צום גוטן, די ערשטע וואָס האָט געוואַגט און זיך איינגעשטעלט, דאַן — אַ מיידל פון 17 יאָר: מיין קוזינע לאה העניג ז״ל, (נפטר געוואָרן אין לאס אנדזעלעס) די טאָכטער פון שרה גיטל און יום־טוב העניג ז״ל. מיט איר מוט און עקשנות האָט זי דורכגעקעמפט איר פאַרלאַנג און ס׳איז איר געלונגען איבערצוצייגן אירע עלטערן ביז זיי האָבן מסכים געווען צו איר שריט.

די שפּאַנונג ביי דער משפחה אַרום די רייזע איז מיר פאַרבליבן טיף אין זכרון.

די דאָזיקע גורלדיקע רייזע, האָט געבאַנט דעם וועג פאַר פיל מיידלעך — פון דער פאמיליע און אַנדערע — און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט נאָך איר, און אויסגענוצט דעם קורצן שעת הכושר, ביז קאַנאַדע האָט פאַרהאַקט דעם טויער פאַר די פילע וואָס האָבן געהאָפט נאָכצוקומען.



וואָכן־טעג שבתות און ימים טובים

אברהם לעוויטע / דער מארק טאג

דער וועכנטלעכער מאַרק־טאָג אין שטעטל — איז מאָנטיג. אַזוי ווי דער "רינק" איז דאָס האַרץ פון שטעטל און זיין געאָגראַפישער צענטער, אַזוי געפינט זיך דער מאַרק טאָג אין צענטער פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. פון דעם מאַרק טאָג ציט דאָס שטעטל אַרויס זיין פרנסה אויף אַ גאַנצע וואָך. אַלע וואָכן טעג דינען אַלס צוגרייטונג צו דעם וויכטיקן טאָג. די מאַסע צייט וואָס שטייט אַ גאַנצע וואָך צו דיספּאָזיציע פאַר די מענטשן, פאַרשוואונדעט מיטאַמאָל. דאָס לעבן גייט אַריין אין אַ שנעלן טעמפּאָ, אַלע איילן זיך. מען שטייט אויף גאַנץ פרי, מען וועקט אויך אויף די קינדער פון קליין ביז גרויס — מען דאַרף ענדיקן די שטוב אַרבעט איידער מען גייט אַרויס אין מאַרק.

אין די בתי תפילה הייבט מען אָן דאַווענען מיטן זון אויפגאַנג און מען ענדיקט פריער ווי תמיד, טראָץ דעם וואָס מאָנטיק זאָגט מען גאַנץ "תחנון" און "קריאת התורה".

ווער עס לייד נעבעך אַמיינסטן פון דעם געאיילעניש איז ווי תמיד, רבינו תם, וואָס זיינע תפילין זענען נישט קיין חיוב, און מען לייגט זיי בלויז אויף יוצא צו זיין. מען גיט ווי "אַ מעסט אָן" דעם "של יד" און "של ראש" באַלד וויקלט מען זיי צוריק איין, מען לאָזט אַראָפּ דעם אויפגישאַרצטן אַרבל פון העמד נישט באַווייזנדיק אים אפילו צוצעקנעפּלען, מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם וויקלט מען איין דעם גאַרטעל גייענדיק, מען קושט די מזוזה און מען לויפט אַהיים.

אויך אין שטוב ווערט אַלץ געמאַכט אין איילעניש און אַלץ פאַלט פון די הענט. די צוגרייטונגען זענען ווי צו אַ לאַנגע רייזע. די קולות פון מאַרק רופן און יאָגן די געבליבענע אין הויז, און זיי הערן זיך ווי אַ פייף פון אַ בייטש פון אַן־אונגידולדיקען בעל עגלה, וואָס זיצט אויפן, פון שטרוי אויסגעבעטן געזעס, און טרייבט אונטער זיינע פּאַסאַזשירן זיי זאָלן זיך צואיילן — מען דאַרף שוין פאָרן!

יונגע מאַמעס, וועלכע האָבן נישט וואו איבערצולאָזן זייער פיצל קינד — נעמען אַ שמאַטקאַלע טוען אַריין דערין אַביסל צוקער פאַרבונדן מיט אַ פאָדעם און לייגן עס אַריין דעם קינד אין מויל, מיט דער האָפענונג, אַז זייענדיק פאַרנומען מיטן נאָגן דעם צוקער, וועט עס פאַרגעסן דערווייל צו וויינען. ווען עס ווערט אַביסל לייַדיקער אין געוועלב לויפט די פאַרזאָרגטע מוטער אַהיים, טוישט דעם קינד די ווינדאַלעך קושט אים אויס עטליכע מאָל און איילט זיך צוריק אין געוועלב.

ביי בעל הבתישע משפחות, וואָס זייערע קינדער זענען אין פאַרשידענעם עלטער איז דאָ אַ ראָלן־פאַרטיילונג וואָס גייט געוועגליך לויט "עולמות": די פרוי וועלכע איז פטור פון מצוות ערלעדיקט די "עולם הזה" ענינים — זי זאָרגט פאַרן געשעפט, פירט די הויז־ווירטשאַפט, פאַרזאָרגט די קינדער, קאָכט, באַקט, רייניקט, וואַשט די וועש און נאָך אַזעלכע קליינינקייטן. דער מאַן, דאגעגן, ער באַשעפטיקט זיך מיט "עולם הבא" — דאַווענען און לערנען תורה. אין איינוועגס פראַפיטירט ס׳ווייב דאַביי, ווייל ער לערנט אויך משניות, איז עולה צו דער תורה און דאַוונט פאַרן עמוד ווען זי האָט יאָרצייט נאָך אירע עלטערן, און דאָס גיט איר צו פיל שטאָלץ. יעדנפאַלס די אַלע באַשעפטיקונגען באַפרייען דעם מאַן פון פאַרנעמען זיך צופיל מיטן געשעפט, ווי עס שטייט געשריבן: "כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול דרך ארץ".

די אויפגאַבע פון מאַן אין געשעפט איז הויפּטזעכלעך אַ רעפּרעזענטאַטיווע: די פירמע און די שילד זענען אויף זיין נאָמען, ער שרייבט אונטער די וועקסלען און ער גייט אויך זוכן אַ גמילת חסד ווען עס קומט די צייט צו באַצאָלן זיי.

אין מאַרק־טאָג איז אויך דער ראש המשפחה מאָביליזירט. צוריקקומענדיק פון דאַווענען, מעלדעט אים די טאָכטער ווי אַ קאָרפּאָראַל דעם קאָמענדאַנט, ווי עס האַלט אין שטוב, וואו יעדער געפינט זיך און וואָס ער מאַכט. זי ענדיקט דעם ראַפּאָרט: ס׳עסן איז אויפן טיש. דער לעצטער פּונקט איז נישט ווי געוועגליך. אנשטאָט אַ צוגעגרייטן טיש בעדעקט מיט אַ, ביז אין דער העלפט איינגעלייגטן טישטוך מיט ברויט און פּוטער, אַ מעסער און זאַלצמעסטל — געפונט ער אויפן טיש אַן־אייער־קיכל און אַ צוגעדעקט טעפּל קאַווע מיט צוקאָריע. אין מאַרק־טאָג איז נישטאָ קיין צייט זיך צו וואַשן צו ברויט און צו בענטשן. מען מאַכט אַ "בורא מיני מזונות", מען שלונגט אַראָפּ די קאַלטע קאַווע און מען לאָזט זיך מיט שנעלע טריט אין געשעפט, אויפפּאַסנדיק נישט צו לויפן, וואָס ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ בכבודיקן בעל הבית.

ס׳גאַנצע הויז־געזונט איז אָרגאַניזירט. די פרוי האָט פאַרטיילט די אויפגאַבן, איידער זי איז אַרויס אין געשעפט. יעדעס קינד ווייסט זיין אָרט און מאַכט וואָס מען באַפעלט אים. דאָס קליינוואַרג שיקט מען אין חדר אַריין מיט אַ פאַרגרעסערטע עסן־פּאָרציע, אַלס אַנטשעדיקונג פאַר דעם שנעל אַריינגעכאַפּטן פרישטיק. די פאַראַנטוואָרטליכקייט, אַז אַלץ זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן איז אויף דער עלצטער טאָכטער. זי בלייבט די לעצטע אין שטוב, קאָנטראָלירט אויב

אַלץ איז אין אָרדנונג, פאַרשליסט ס'הויז און גייט אויך אין געשעפט אַריין.

אין געוועלב האָט שוין די פרוי אַלץ צוגעגרייט; זי האָט אַראָפּגענומען די שאַכטלען פון די פּאָליצעס, אַרויסגענומען די סחורה און זי אויסגעשפּרייט אויף די פאַרלענגערטע טישן און אויף קאַסטענס, כדי צוצוציען די קונים און כדי דער צוגאַנג צו דער סחורה זאָל זיין לייכט. די אַלע צוגרייטונגען מוזן געמאַכט ווערן גאַנץ פרי, ווען די קונים זענען נאָך פאַרנומען מיט זייערע ענינים. דער מאַן וואָס האָט אקארשט געענדיקט דאָס דאַווענען, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אַלס קאַסירער ביים געלט שופלאַד, גרייט צו ציילן דעם פדיון און קאָנטראָלירן דעם חשבון.

דער רינק פּלאַץ פולט זיך דערווייל אָן. פון אַלע זייטן שטעלעכלעך און פויערן וועגן. אַ רעש און טומל ארום. קולות פון די מענטשן מישן זיך אויס מיט דעם הירזשען פון פערד, מעקען פון די קי און מיטן קרייען פון די הענער.

אַ גרויסער טייל פונעם פּלאַץ איז פאַרנומען דורך הילצערנע געשטעלן בעהאַנגענע מיט אַרבייטס־שיך, וואָס ווערן פאַרקויפט דורך די פּויערישע שוסטערס פון די פארשטעט ”בורקאוועקע” און ”יאַקלעס”.

נעבן די געשעפטן קומען צו אימפּראוויזירטע שטעלעכלעך פון ארימע הענדלערענס, וועלכע פארקויפן גאַלאַנטעריע, שפּילצייג און ביליגע לייוונט. אין ווינטער זיצן די הענדלערינס אין דרויסן טראָץ דעם שניי און שטאַרקן פראָסט און זיי טראָגן אויף זיך אַלע אַלטע מלבושים פון דער גאַנצער משפחה. דעם הויפען קליידער דעקן זיי צו מיט אַ ”פלעיד” — אַ טונקלע געשטרייפטע וואָלענע קאָץ, אויסגעענדיקט מיט קורצע טראַלדזען. די ”פלעיד” ליגט אויפן אַקסל ווי אַ טלית. דער דיקער שאַל אויפן שייטל איז צוגעבונדן אונטער דער גאמבע און ער פאַרדעקט די אויערן און דעם רוב פנים. די שיך זענען פיל גרעסער פון דער פוסמאָס, כדי מען זאָל קענען אַריין אין זיי מיט עטלעכע פּאָר וואָלענע זאָקן. אויף די שיך טוען זיי אַרויף ריזיקע געלע קוישן געפלאָכטענע פון שטרוי, וועלכע פענטען זייערע פיס. די לאַנגע אימגעלומפּערטע פיס קוישן זעהן אויס אויפן שניי ווי שיפלעך איינגעזונקענע אין זאַמד וואָס וועלן שוין מער נישט קענען אַרויס פון דאָרט. אויף די הענט אַלטע וואָלענע הענטשקעס מיט אָפּגישווירענע עקן, כדי די פינגער שפּיצן זאָלן בלייבן פריי און זיך קענען באַוועגן געשיקט. וואַרטנדיק אויף די קונים וואַרימען זיי די פאַרפרוירענע הענט איבער די אייזערנע טעפּ מיט גליענדע קוילן — ”פייער טעפּ”, וואָס שטייען דערנעבן.

די ערשטע קונים הייבן זיך אָן צו באַווייזן אין די געשעפטן. דאָס אויסשפּרייטן די סחורה איבערן גאַנצן געשעפט פאַרלאַנגט גלייכצייטיק אַוועקצושטעלן גענוג שומרים צו היטן אויף די פויערן וועלכע קומען קויפן. שטענדיק געפונען זיך צווישן זיי אַזעלכע וואָס שלעפּן פון אונטער די הענט וואָס עס לאָזט זיך. די קלענערע קינדער וואָס זענען נישט באַשעפטיקט אַלס פאַרקויפער זענען אָנגעשטעלט אַלס אויפפּאַסער אַכטונג צו געבן אויף די ”לקחנער”. די גנבים וואָס מען מוז זיי היטן, טיילן זיך אויף צוויי טיילן: אַזעלכע וואָס קומען נאָר כדי צו גנבענען, און אַזעלכע וואָס נוצן בלויז אויס די געלעגנהייט וואָס קומט זיי אונטער.

דער ערשטער סאָרט באַשטייט פון דלפונים, טיילמאָל פרויען, וועלכע קומען מיט גרויסע קוישן אָנגעפולט מיט שמאַטעס, כדי אַריינצושטופן אַלץ וואָס קומט אונטער די הענט. אַזאַ ”קליענט” שטופּט זיך אַריין אין דעם פול געפּאַקטן געשעפט, מישט זיך אויס צווישן די קונים — טאַפּט יעדעס שטיקל סחורה, פרעגט אויף פרייזן, גייט פון איין אַרטיקל צום אַנדערן, זוכנדיק אַ שוואַכן פונקט.

אַזאַ סאָרט ”קונה” ווערט באַלד גענומען אין די הענט פון דער סוחרטע — זי נעמט אַרויס פון זיין האַנט די סחורה, ענטפערט אים קורץ און שאַרף און בעמיט זיך וואָס שנעלער אים צו בעזייטיקן פון געשעפט. אויב ער מאַכט זיך נישט פאַרשטייענדיק, און ספּעציעל אויב מען האָט צו טון מיט אַ פרוי, פאַר וועלכער מען האָט נישט קיין מורא — שיקט מען זי באַלד צו ”אַלדע רוחות” און מיטן פינגער ווייזט מען איר גענוי די ריכטונג וואו זיך צו ווענדן. זי בעקומט נאָך צו אַ גוטע עצה: דאָס אַזאַ קונה ווי זי זאָל בעסער גיין קויפן ”שאַרי מאשטש” — אַ מין שמירעכץ געגן כינים...

אַביסל קאָמפּליצירטער זעט אויס די זאַך אַז מען האָט צו טון מיט אַ בכבודיקן פויער. ער קומט אַריין מיט דער בייטש אונטערן אָרעם ווי אַ בעל הבית — קוקט זיך אַרום וואָס צו קויפן, ס'איז אים אָבער שווער איינצוהאַלטן דעם ”יצר הרע” זעענדיק אַרום זיך אַזויפיל נוצלעכע זאַכן. די ערפאַרענע סוחרטע באַמערקט עס, און באַלד ווערט אויסגערופן אַן ”אַליאַרם”: ”נו, רואה, דער ערל איז אַ לקוחער מיט די עיניים”! עס ווערט פּראָקלאַמירט ”אויסנאַמס־צושטאַנד”, אַלע ”וואַך פאסטנס” פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט. אַלע קוקן דעם פאַרדעכטיקן אין די הענט און ער פילט אַז ער געפונט זיך אונטער קאָנטראָל און קען מער נישט אויספירן זיין באַגער.

טראָץ די פאָרזיכטיקייטס־מיטלען, טרעפט אַז אין דעם גרויסן געפילדער פאַרגעסט מען אים אויף אַ ווײַלע, דעמלט געלונגט עס דעם ”לקוחער מיט די עיניים” צוצולקחנען עפּיס פון דעם מיט סחורה באַלאַדנטן טיש, און דאָס דווקא מיט די ”ידיים”. מערסטייל באַמערקט מען עס נאָך אין דער צייט, ווען דער פויער פּרואווט זיך צוצושאַרן לאַנגזאַם צו דער טיר, באַמיענדיק זיך, דאָס דער ריקצוג זאָל נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט; ער מורמלט אונטער דער נאָז, אַז ער וועט שפּעטער צוקומען מיטן ווייב — און רופט באַלד אַרויס אויפמערקזאַמקייט דערמיט, אַז זיין ארבעל איז אַביסל ”אָנגעשוואָלן” אָדער ס'שטאַרט עפּיס אַרויס פון אונטערן מאַנטל. דעמלט קען מען נאָך עפּיס מאַכן, און נישט מיט כוח.

מען פאַרהאַלט אים פאַר דער טיר און מען פרעגט אים בתמימות: נו וואָס איז מיט דעם בגד? דו נעמסט עס אָדער נישט? דער גוי זעט אַז זיין חרפה איז אויפגעדעקט געוואָרן — און פּרואווט אַרויס בכבוד — ”אַ יאָ”... באַצאָלט שנעל וויפל מען פאַרלאַנגט און טראָגט זיך אָפּ אַ צוטומלטער.

מאַנכעסמאָל קערט מען צוריק דעם "פּאַציענט" פון דער טיר מיט אַ פאָרשלאָג: "איין מאָמענט, אַנטשולדיק — מיר וועלן דיר שיין איינפּאַקן די סחורה" — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה שטעקט מען אַריין די האַנט אין זיין בוזעם, מען נעמט אַרויס די סחורה פון באַהעלטעניש, מען פּאַקט זי איין ווי ס'געהער צו זיין און מען דערלאַנגט אים דעם חשבון.

אויב דער פּויער געפינט זיך שוין אויף דער צווייטער זייט טיר פון געשעפט, איז די זאַך שוין אַ פאַרלוירענע. מען פּרובירט אים נאָך נאָכצולויפן אָבער די אויסזיכטן אַרויסצונעמען די סחורה פון זיינע הענט — זענען קנאַפּע. דאָ שפּילט מען שוין אין אָפענע קאָרטן: דער סוחר פאַרלאַנגט צוריק די גנבה און דער גוי שפּילט די ראָלע פון אַ באַפּאַלענעם נעבעך: אַ ייד טשעפּעט זיך צו אים, און טראַכט אויף אים אויס אַ בילבול. די אַרומיקע גויים שטעלן זיך גלייך אויף זיין זייט און די לאַגע איז אַ מסוכנדיקע. נאָר געציילטע מוטיקע יידן גייען אין אַזעלכע פאַלן ביזן סוף און זענען נישט מוותר.

☆

אום אַכט אַזייגער הייבט זיך אָן דער מאַרק. ווער עס האָט נישט קיין געשעפט אָדער אַ שטעל — איילט זיך אויפן מאַרק פּלאַץ — טייל בלויז צו קויפן פאַר אייגענע באַדערפעניש, אַנדערע קויפן כדי נאָכדעם די סחורה צוריק צו פאַרקויפן און פאַרדינען דאַביי עטליכע גראָשן.

בטלנים, סתם אָרעמע־לייט, ווייבער פון בעלי מלאכות און פון כלי קודש וואָס באַשעפטיקן זיך נישט מיט מסחר, און יעדער וואָס האָט נאָר פרייע צייט — אַלעס גייט אויפן מאַרק פּלאַץ.

די האָפענונג צו פאַרדינען עטליכע פּרוטות אַז פאַר זיי מיינסטנס — בלויז אַ שאָטן וואָס מען לויפט אים נאָך אַ גאַנצער וואָך אָן איבעריגער הצלחה. אין מאַרק טאָג זעט די אויסזיכט אויס צו זיין אַ דערגרייכבאַרע. אַלע גייען מיט ענערגישע טריט, פול מיט האָפענונג, ווי עס וואָלט געווען זייער גורלדיקער טאָג: אפשר וועט ג־ט באַשערן עפּעס אַ "כשרע מציאה". הגם די "מציאה", אפילו זי קומט שוין אונטער, איז ווערט גראָשנס, טראָץ דעם זענען אַלע פול שפּאַנונג ווי זיי וואָלטן געשטאַנען פאַרן גרויסן געווינס.

"ס'גאַיעס" קומען אָן משפּחהווייז, און שטראָמען אין שטעטל אַריין פון ביידע זייטן "שטראָז". דער פּויער לאָזט אַראָפּ פון וואָגן דאָס ווייב, מיט די קינדער וואָס וואַרטן צו קויפן אַ ניי מלבוש אָדער אַ פּאָר שיך, און אַליין לאָזט ער זיך אויף די "טאַרגאָוויצע" — ווי מען פאַרקויפט בהמות. ס'ווייב בלייבט אויפן "פּלאַץ", וואָס געפינט זיך נעבן גדליה פּילערס הויז ביי די טרעפּ צו די "לאַווקעס". דאָרט פאַרקויפט זי די לייכטע פּראָדוקטן, און דער פּדיון געהערט אויסשליסלעך איר. די פּראָדוקטן באַשטייען פון אַ האַלבע ליטער פּוטער אין אַ קליין טעפּל צוגעדעקט מיט אַ ווייס טיכל. די פּוטער האָט אַ גרויסן "טשופּ" וואָס שטאַרצט אַרויס פון טעפּל און איז אויסגעקאַרבט מיט אַ הילצערנעם לעפל.

לויט דער הויך און גרויס פון דעם בולטן פּוטער־חלק, ווערט געשאַצט די פּרייז פון די פּוטער, וועלכע רופט זיך "מאַרקס־פּוטער", נישט אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס. וועלכער איז אויפן פּלאַץ גאַנץ ווייניק באַקאַנט — נאָר מען מיינט דערמיט — פּוטער פון מאַרק. די פּוטער ווערט געקויפט דורך "קלים" אָדער בלויז פאַר יונגע קינדער. "מהדרין" האָבן אַזאַ פּוטער נישט גענוצט.

אונטערן אָרעם האָט די פּויערטע געהאַלטן אַ הון אָדער אַ גאַנז, און דערנעבן איז געשטאַנען אַ געפלאָכטענער קויש מיט אַ "שאָק" (60) אייער. די אַלע פּראָדוקטן זענען געקויפט געוואָרן בעיקר דורך פרויען "אויפקויפערינס", וועלכע האָבן זיך דאַמיט בעשעפטיקט, און זיי האָבן די סחורה שפּעטער פאַרקויפט די בעל הביתטעס וועלכע זענען געווען פאַרנומען אין זייערע געשעפטן, און האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו קויפן "מציאות" אויפן מאַרק.

צווישן די "אויפקויפערינס" און די פּויערטעס פירט זיך אַ העפטיקער מסחר. מען טאַפּט אַרום דאָס הינדל און מען צעבלאָזט די פעדערן אויפן הינטערטייל פון עוף צו זען די הויט אויב עס איז גענוג פעט. מען דינגט זיך איבערן פּרייז זוכנדיק אַלע פעלערן און חסרונות אויף די פּראָדוקטן: די פּוטער איז ווייס ווי קאַלעך, די אייער זענען קליין ווי פון טויבן, די הון איז אויסגעדאַרט — ווער ווייסט ווי לאַנג זי האָט נעבעך קיין קערנדל נישט געזען — אָט אָט "גייט זי אַ גאַנג". ווען די פּויערטע לאָזט נישט אַראָפּ פון פּרייז — לאָזט מען זי איבער גלייכגילטיק — ווער דאַרף אַזאַ נישטיקע סחורה! דאַביי וואונקט מען צו דער צווייטער אויפקויפערקע און מען וואָרנט זי מיט אַ שאַרפן ב"לא" — זי זאָל איר נישט אויסקויפן די סחורה.

די פּויערטע פאַרלירט ס'געדולד. זי האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיטן מאַן, וואָס איז אַוועק מיטן וואָגן אויף דער "טאַרגאָוויצע". זי ווייסט נישט אויב ער האָט שוין פאַרקויפט זיין סחורה און איז נישט רואיק וועגן דעם געלט וואָס ער דאַרף באַקומען. זי לאָזט אַראָפּ דעם פּרייז און ווערט שנעל פּטור פון דער סחורה.

נאָכמיטאָג ווען דער מאַרק ענדיקט זיך, דרייט זיך איבער ס'רעדל: די אויפקויפערקע וואָס האָט זיך אין דער פרי באַקלאָגט ביי דער פּויערטע אַז די הון איז אויסגעדאַרט און מלא חסרונות, יעצט ווען זי גייט זי פאַרקויפן רעכנט זי אויס פאַר די קויפערן די מעלות פון דעם עוף: וויפל שמאַלץ, קיין עין הרע, עס האָט. דער צווייטער צד נעמט נישט אָן די לויב פון דער סחורה, און די אַלע פּערלדיקע אויסדרוקן מיט וועלכע די פאַרקויפערן האָט זיך באַנוצט מיט עטליכע שעה צוריק קעגן דער פּויערטע באַקומט זי יעצט צוריק "פאַרטייטשט און פאַרבעסערט", נאָך מיט אַ צולאָג — פון דער בעל הביתטע, די קויפערן.

נאָך אַ סאָרט סחורה ווערט פערקויפט אויפן פּלאַץ: דאָס זענען די פעלן פון "קיניגלעך" "קראָליקי" אין פּויליש. די קיניגלעך ווערן געהאַלטן דורך די פּויערן אין שטאַל און זיי עסן די "שיריים" וואָס פאַלן אַרונטער פון די קי. אַזוי ווי זייער פליישׁ איז נישט כשר, נוצן עס די פּויערן פאַר

זיך. די פעלן פון די „קיניגלעך“, נאָכדעם ווי מען טרוקנט זיי אויס, ווערן זיי געברענגט אויפן מאַרק און בחורים, וועלכע האָבן נישט קיין אַנדערע באַשעפטיקונג, קויפן זיי איין, און פאַרדינען דאַביי עטליכע גראָשן. ווען דער מאַרק ענדיקט זיך ברענגען די יונגלעך די קיניגלעך פעלן צו עטליכע סוחרים וועלכע זאַמלען זיי אויף און שיקן זיי אויף „עקספּאָרט“.

איינער פון די קיניגל סוחרים אין שטעטל איז לייביש האַראַוויץ — אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, אַ טעטיקער עסקן אין דער מזרחי. מענדל בירנבוים זיין פּאַרטיי־חבר רופט אים מיט ליצנות „מלך מלכי המלכים“ — דער קיניג איבער אַלע קיניגלעך...

איינער פון די שטעטישע משוגעים דורכגייענדיק דורכן מאַרק פּלאַץ איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אימפּעט, און האָט אויך געקויפט אַ קיניגל פאַר די גראָשנס וואָס ער האָט צונויפגעשנאָרעט. צומאָרגנס האָט ער דערציילט אין קלויז וועגן דער געלונגענער טראַנזאַקציע וואָס ער האָט דורכגעפירט. — ווען איך וואָלט געהאַט געלט איינצושטעקן אין מסחר — וואָלט איך געקענט פאַרדינען אויף פּרנסה בכבוד. אָט נעכטן — מאַכט ער אַ חשבון — האָב איך געקויפט אַ קיניגל פאַר 80 גראָשן און כ׳האָב עס פאַרקויפט פאַר 60 גראָשן — אינגאַנצן היזק געהאַט 20 גראָשן, נישט מער! איר ווייסט וואָס עס טוט זיך היינט אין מסחר? מענטשן פאַרלירן טויזנטער!...

חיים לייזער שערץ, האָט זיך זיין פּריוואַטע „גמילות חסדים“ קאַסע. זונטיק ביינאַכט פאַרן מאַרק, גייט ער אַ דורך מיט זיין רשימה איבער אַ 20 הייזער, וואו עס וואוינען אָרימע הענדלער און באָרגט יעדן פון זיי, ביז מיטוואָך, אַ קליינע סומע געלט, ער זאָל האָבן מיט וואָס איינצוקויפן סחורה. אויב דער הענדלער ברענגט אים צוריק ס׳געלט ביז מיטוואָך, באַנייט אים חיים לייזער די הלוואה זונטיק. אויב דער לווה איז געדרוקט און קען נישט צוריק צאָלן דעם חוב, מאַכט חיים לייזער פון דעם „גמילת חסד“ אַ „כשרה הלוואה“ (אָהן פּראָצענט) און וואַרט ביז די לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן. ער קומט קיינמאָל נישט מאָנען ס׳געלט. ער האָט דעם פולסטן צוטרוי צו זיינע בעלי חוב, אַז זיי וועלן טון אַלצדינג כדי אים צוריקצוגעבן דעם חוב.

בשעת די פויערטע איז פאַרנומען מיטן פאַרקויפן איר סחורה, טרייבט דער מאַן אונטער דאָס פערד און פאָרט מיטן וואָגן אויף דער „טאַרגאָוויצע“. דער וואָגן איז אַן־אָפענער, בלויז פון ביידע זייטן אין דער לענג ליגן לייטערס צו פירן ס׳היי פון פעלד. אין מאַרק־טאָג לייגט ער אַריין צווישן די לייטערס אַ „פּולקאַשיק“ געפלאָכטן פון דינע ריטלעך כדי די איינגעקויפטע זאַכן זאָלן נישט אַרויספאַלן פון וואָגן. ער פירט מיט זיך אין אַ זאַק געבונדן יונגע חזירימלעך וואָס צאַפּלען ווי די פיש אין דער נעץ און די קוויטשערייען הערן זיך אויפן גאַנצן וועג, אַן־אַלט געשטאָכט חזיר אָדער אַ יונג קעלבל.

אַן־אַלטע קו וואָס איר צייט איז געקומען צו שעכטן אָדער אַ יונג לאשיקל — די ווערן צוגיבונדן מיט אַ שטריק צום וואָגן פון הינטן. דאָס תמימותדיקע פערד, פרייט זיך מסתמא, אַז ער וועט זיי נישט דאַרפן שלעפן, אָבער ס׳געדויערט נישט לאַנג און ער איבערצייגט זיך אַז ער האָט געמאַכט אַ פאַלשן חשבון. די „פּאַסאַזשירן“ פון הונטן זענען איבערהויפּט נישט מסכים צו גיין אין שפּאַן אין דער ריכטונג, וואו דער בעל־הבית איז אינטערעסירט. זיי נעמען זיך שלעפן דעם וואָגן אויף צוריק. דער פויער פּרוּאווט קומען צוהילף דעם פערד און דרייט זיך אויס צו די „בונטאַוווטשיקעס“ און איז זיי מכבד מיט אַ פּאָר שמיץ פון דער בייטש. די ווערן אָבער נישט נתפעל דערפון, און אַנשטאַט זיך צו בערואיקן און זיך אויפירן ווי ס׳געהער צו זיין, צעבריקעווען זיי זיך נאָך מער און אָט אָט צוטראָגן זיי דעם וואָגן. ווער עס לייד פון דעם אַלעמען איז דאָס בידנע פערד. דער פויער לאָזט אויס זיין כעס אויף אים — שמייסט אים אויפן רוקן — „וויאָ וויאָ“ ביז עס געלונגט דעם פערד מיט די לעצטע כוחות גובר צו זיין די ווידער־שפּעניקע און לאָזן דעם וואָגן אין גאַנג.

די „טאַרגאָוויצע“ געפינט זיך אויסערן שטעטל, נעבן דעם נייעם פּאַרק, אויפן וועג צום וואַלד. דאָרט פירט זיך דער מסחר בלויז צווישן מענער. די חזירים ווערן געקויפט דורך די גויאישע קצבים — די „חזרניקעס“ און נישט האָבנדיק קיין יידישע קאָנקורענטן נעמען זיי די סחורה ביים פויער בחצי־חנם — מיט זיי דינגט מען זיך נישט.

אָבער דער הויפּט מסחר, פירט זיך צווישן די פויערן און די יידישע פערד־סוחרים און קצבים. דאָ דינגט מען זיך נישט איבער גראָשנס נאָר איבער צענדליקער זלאָטעס, און יעדער צד האַלט זיך פעסט ביים פּרייז וואָס ער האָט אָנגעבאָטן. דער פאַרקויפער „הייבט אָן הויך“ מיט אַן־איבערגעטריבענעם פּרייז כדי ער זאָל האָבן פון וואָס אַראָפּצולאָזן און דער קונה שלאָגט פאָר אַ לעכערלעכע סומע אַלס „קאָנטראַ“. ביידע צדדים זענען באַלד איין אַז דאָס איז נישט קיין סוחרישער צוגאַנג, ווערן זיי אַביסל רעאַליסטישער מען דערלייגט און מען לאָזט אַראָפּ — ביז מען קומט צו תקיעת כף. דער קונה האַלט מיט זיין לינקער האַנט דעם פאַרקויפערס רעכטע האַנט און מיט זיין רעכטער האַנט גיט ער אַ קנאַק: צוויי הונדערט און פופציק! אַלס ענפער טוישט מען די פּאָזיציעס און דער פאַרקויפער רופט אויס מיט אַ מעכטיקן זעץ: דריי הונדערט! די קלעפּ ווערן שטאַרקער און ווייטאָגליכער. די הענט ווערן רויט ווי די בורקעס. די טראַנזאַקציע האַלט שוין ביים שלוס. דער שוואַכער צד, ווען ס׳איז שווער אויסצוהאַלטן די קלעפּ, גיט זיך אונטער און איז מקריב ס׳מיטלסטע צענערל, אַבי צו באַפרייען די האַנט פון די יסורים.

☆

די פויערטע וואָס האָט אינצווישן צייט געענדיקט אירע געשעפטן, שטייט שוין ביים מאַן נאָכן ענדיקן דעם פאַרקויף. זי וואַגט זיך נישט אַריינצומישן אין זיינע געשעפטן, זי גיט אים נאָר צו פילן אַז זי איז דאָ. זי ווייסט ווי מסוכן ס׳איז איבערצולאָזן דאָס געלט ביי אים. די שענק לאַקט און ציט...

זיי פאָרן צוזאַמען צוריק אין שטעטל איינצוקויפן. ס׳איז שוין מיטאָג צייט און די „טאַרגאָוויצע“ און דער מאַרק־

פלאַץ לײדיקן זיך ביסלעכװײז אויס, און די געשעפטן פּילן זיך אָן, מיט משפּחות פּויערן, װאָס קומען אײנקויפן. מלבושים, שיך, לײװונט — דאָס אַלץ װערט געקויפט פאַר דעם געלט װאָס דער מאַן האָט אָפּגעלײזט אויף דער טאַרגאַװיצע. איר פּדיון, האַלט די פּויערטע פאַרװיקלט אין אַ טיכל, אויף אַ באַהאַלטן אָרט און היט אים װי אַן־אוצר. זי איז פאַראינטערעסירט צו קויפן װאָס מער, װאָוסנדיק, אַז דאָס געלט װאָס זי װעט אַרויסציען פון דעם מאַנס הענט — איז כולו ריוח, װײל דעם רעשט װעט ער ברענגען אין שענק אַרײן און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי ס׳װעט עפּיס בלײבן דערפון. דער מאַן װערט פלוצים שפּאַרזאַם — ס׳איז אים אָנגענעם צו קומען אין שענק מיט קנאַקנדיקע באַנקנאָטן און נישט װי אַ שנאָרער, װאָס האָט נישט צו ״פונדעװען״ פאַר די חברים.

נאָכן אײנקויפן כאַפּט מען אַרײן אויף דער גיך — אַ מאָלצײט. די פּויערטע נעמט אַרויס איר קויבער פון פּולקושיק און דערין אַ לאַבן ברויט װי אַ ראָד פון װאָגן, מען שנײד גראָבע שטיקער מיט אַ ״קניפּיקל״. פון דער ״חזורניע״ ברענגט ״קיעלבאס״ — אַ ביליק מאכל, זעט אויס װי װאורשט, װאָס איז אײגנטליך אַ קישקע אָנגעפּילט מיט רעטשינע גריפּן געװירצט און געפּרעגלט מיט שיריים פון פלײש און חזיר פעטס.

דעם ״קיעלבאַס״ נעמען די פּויערן אַרײן אין דער רעכטער זײט פון מויל און די אונטערשטע קינבאַק, איז װײזט אויס, באַזונדערס להוט נאָך דעם מאכל װײל זי קרומט זיך אַזש אויס אין דער זײט פּרואװנדיק אויסכאַפּן דעם ״מעדן״ פאַר די אויבערשטע.

דער געזונטער אַפּעטיט שעפּט אַרײן דעם ״קיעלבאס״ אין מויל אַרײן װי אין אַ מאָל־מאַשין און ער װערט שנעל נעלם. פון בענטשן זענען זײ פּטור װײל זײ זענען עשיוס קינדער. די פּויערטע קלויבט זיך אַהײם כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דער װירטשאַפט: מעלקן די קי, פּיטערן די חזירים. זי פּרואװט אײנרעדן דעם מאַן ער זאָל צוריקפאָרן אַהײם צוזאַמען מיט איר. זי דערמאַנט אים װיפל אַרבעט עס װאַרט אויף זײ אין דער װירטשאַפט, זי זאָגט אים צו צוצוגרײטן אַ ״סעודת מלכים״ — אָבער זי װײסט אַז אירע װערטער זענען אַרויסגעװאָרפן אויפן װינט — און װערט צום סוף אַנטשװיגן.

ענדלעך נעמען זיך צוזאַמען עטליכע שכנותדיקע משפּחות פון דאָרף, מען זעצט אַװעק די װײבער און די קינדער אין אײן װאָגן, מען גיט איבער די לײצן אײנעם פון די גרעסערע יונגלעך און ער פירט די גאַנצע כאַליאַסטרע אַהײם.

סוף סוף זענען זײ פּטור געװאָרן פון די װײבער װאָס האָבן זײ נאָכגעקוקט יעדן שריט. מען שטעלט אַװעק די װעגן אין רינק, מען שפּאַנט אויס די פערד און מען בינד זײ צו בײם האַלדז מיט אַ קײט צום װאָגן, מען לײגט אַװעק פאַר זײ אַביסל הײ און מען לאָזט זײ װאַרטן אויף די ״בעלי בתים״, װאָס אײלן זיך אין שענק אַרײן דורכצושװענקען אַביסל דעם גאָרגל.

די שענק איז אנגעפּראפּט. אַלע טישן און בענקלעך זענען פאַרנומען. די לופט איז געשטאַקט דעמפּיק און אָנגערײכערט מיט ציגאַרעטן רויך. עס טרעפן זיך צוזאַמען שכנים און חברים. מען עפנט מיט אַ מעכטיקן קלאַפּ אויף דער האַנטפלאַך, אַ פלעשל װאָדקאַ, מען קערט איבער מיט אײן פלינקן מאַך מיט דער האַנט ס׳גלעזל און מען פאַרבײסט מיט הערינג און בײגל. נאָכדעם באַשטעלט מען ״אקאטשימער״, װײס אָדער שװאַרץ, ביר. דער שמועס איז איבערן מאַרק טאָג — װאָס מען האָט פאַרקויפט און װיפל האָט מען באַקומען. די שטימונג איז אַ הײטערע. אײנער דערצײלט װי עס איז אים געלונגען אָפּצונאַרן דעם ייד, פאַרקויפנדיק אים שלעכטע סחורה פאַר אַ גוטער פּרײז. אַלע צוהערער קװעלן אַזש װי דער כיטרער ייד איז אַרײנגעפאַלן.

דער שענקער פּילט אָן ״האַלבעס״ פון ניקעלנע קראַנען, װאָס זענען אינסטאַלירט אין אַ מין קרעדענס. דאָס ביר קומט ארויף פון אַ הילצערן פאַס, װאָס שטײט אין קעלער צו היטן אויף די קילקײט. די סערװירער מיט טאַצן אָנגעשטעלט מיט פולע האַלבעס שוימיק ביר, שטופּן זיך קוים דורך צװישן די אַרומשטײענדע, װעלכע װאַרטן געשפּאַנטע אויף דעם פרײ װערן פון אַן־ארט, נאָכדעם װי די װאָס זיצן בײם טיש, װעלן זיך אָנהויבן אַרונטערקײקלען שיכורע אונטער אים, און מען װעט זײ אַרויסװאַרפן פון שענק.

צװײ שכנים, צעקריגטע, װאָס האָבן זיך שוין נישט אײנמאָל צוזאַמענגעשטויסן, און יעצט הערשט צװישן זײ אַ צװײפלהאַפטער װאָפנשטילשטאַנד רופן אײנער דעם צװײטן ״נא ליטגופּ״, ס׳הײסט מאַכן אַ ״לחיים״ אויף זיך איבערצובעטן, און פאַרפעסטיקן ד׳עם שלום. די זאַך זעט באַלד אויס שטאַרק מסופּק און דערמאַנט מער אַ דועל װאו אַ פּרואװו אויסצוגלײכן דעם סכסוך.

יעדער פון די צדדים איז שטאַרק מקפּיד אויף דעם כבוד פון דעם פּאַרטנער און היט גלײכצײטיק זײנע שריט. דער חשד קוקט אַפיר פון אונטער דעם ״צוטרוי״, װאָס מען װײזט זיך געגנזײטיק אַרויס. זײ קוקן זיך ארום אינװײניק. מען מאַכט פאַר זײ פּלאַץ בײ אַ טיש. נאָך דעם װי יעדער פון זײ עקשנט זיך אײן צו באַשטעלן דער ערשטער — מאַכט מען אַ פּשרה און מען באַשטעלט צװײ פלעשלעך אויף אײן מאָל. מען קלאַפּט מיט גלעזלעך און מען װאונטשט זיך, מיט פרײנדליכע קלעפּ אויף די פּלײצעס. ס׳װערט אַזש גוט אויף דער נשמה. די הערצער עפנען זיך — באמת, צו װאָס טויג דאָס קריגן זיך? די געװעזענע שונאים װערן אויף אײנמאָל גאָר שטאַרקע ידידים, אָט־אָט קושט מען זיך פון די פּיסקלעך — ממש אַן־אידיליע. מען באַשטעלט נאָך ״װאָדקא״ — מען טרונקט, אײנער זיצט נאָנט צום אַנדערן. דער שנאַפּס הײבט אַז װירקן.

דער דערפאַרענער שענקער באַמערקט באַלד סימנים װאָס זאָגן נישט אָן קײן גוטס. זײן געניט אויג זעט שוין די בליצן אויפן האָריזאָנט און זײן אויער דערכאַפּט דעם אָפּקלאַנג פון די זיך דערנענטערענדע דונערן. ער פּילט אָן די ״האַלבעס״, דערלאַנגט, נעמט געלט אָבער זײנע אויגן זענען געװענדעט צו דעם שטילן װינקל, װאָס קען אין אײן מינוט װערן אין אַ שלאַכט־פעלד. ער נעמט אָן פאַרשידענע פאַרמײדונגס־מיטלען. צוערשט לײגט ער אַרויף אַן־״עמבאַרגאָ״ אויף

וואָדקאַ וואָס אין דער גליִענדער אַטמאָספערע, ווערט זי שנעל פאַרוואַנדלט אין ברען־שטאָף: ער איז כלומערשט פאַרנומען און האָט נישט קיין צייט צו ליפערן די באַשטעלונגען. ער פאָלגט נאָך, וואָס ביי דעם טיש טוט זיך, און גרייט זיך צו, צו די באַפאַרשטייענדע געשעהנישן.

דאָס טרונקען הייבט זיך תמיד אָן מיט נאָנטקייט אָבער שנעל שווענקט עס אָפּ די דינע שיכט פון פריינטשאַפט, זאַפט איין, און לאָזט זיך אַראָפּ ביז צו די טיפענישן פון ווילדקייט, וועקט אויף די יצרים פון לוישענדע שנאה — די חיה שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס. פלוצים הערט מען אַ ווילד געשריי: "פאַרוואָס האָסטו דעמלט געזאָגט אַז"... דער צווייטער צד ענטפערט אין זעלבן טאָן — די גאַנצע פריינטשאַפט ווערט נעלם אין איין מינוט. מען הערט אַ זעץ מיט דער "האַלבע" אין טיש, בענקלעך רוקן זיך און מאַכן פריי דעם שטח. געביילטע פויסטן הויבן זיך, און פון אַלע טישן אַרום דרייען זיך אויס די קעפּ צו זעהן, וואָס עס גייט יעצט פאָרקומען (פון דאַנען האָט דער רבי אין "חדר" גענומען דעם פירוש אויף די פינטאַלעך פונים וואָרט "וישקהו" אין דער תורה — ער האָט גוט געוואוסט וואָספאַרע ווערט עס האָט עשיוס קוש...).

דער שענקער שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, שטעלט זיך אַוועק צווישן די זיך אַמפּערענדע צדדים און צושייד צווישן זיי. ער באַפרייט אַ לאַץ פון אַ מלבוש אויס די הענט פון דעם געגנער, באַנוצט זיך מיט זיין גאַנצער ערפאַרונג, דיפּלאָמאַטישן טאַלענט און מאָראַלישן אויטאָריטעט אַלס שנאַפּס צושטעלער, כדי אָפּצוקילן די צעהיצטע געמיטער. ער קאַרגט נישט קיין שבחים פאַרביידע צדדים. ער דערמאַנט זיי, אַז זיי זענען בכבודיקע בעלי בתים און זיי דאַרפן זיך אויפירן אויף אַנטשפּרעכענדן אופן, זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך כלפּי זייערע משפחות — ער טוט דאָס פייער צו פאַרלעשן איידער עס צופלאַקערט זיך און ברעכט אויס אין אַ העלישן פלאַם.

פון צווישן די שטרייטענדע, קלויבט ער אויס דעם, וואָס אין זיינע אויגן איז נאָך דאָ אַ פונק פון ישוב הדעת, און פּרואווט מיט פאַרשידענע תחבולות אים אַרויסצובאַקומען אויסער דער שענק, אויפפאַסענדיק גלייכצייטיק אויף זיין כבוד, עס זאָל נישט אויסזעהן, אַז ער האָט פאַרשפּילט און אַנטלויפט פון דער פאַרמעסטונג. ער פירט אים מיט גרויס דרך ארץ צו דער טיר ווי אַ חתן צו דער חופה. דערווייל טריומפירט דער געגנער און באַטראַכט עס אַלס זיין נצחון און שיקט עטליכע שטעך־ווערטלעך אין דער ריכטונג פון "דעם פחדן וואָס אַנטלויפט ווי אַ מויז און האָט נישט גענוג מוט זיך צו פאַרמעסטן ווי אַ מאַן! דער באַטראָפענער פּרואווט זיך אַרויסרייסן פון דעם שענקערס הענט כדי צו רעאַגירן. דער אָבער האַלט אים שוין פעסט איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס, רוימט אים איין אין אויער, אַז עס שטייט אים נישט אָן אַלס בכבודיקער בעל בית זיך צו פאַרנעמען מיט אַ שיכורן לאָבוז און אַזוי רעדנדיק גיט ער אים אַ שטופּ אַרויס אין דרויסן און פאַרשליסט אונטער זיך די טיר מיט אַ פאַרלייכטערט האַרץ.

טיילמאָל שפּילט זיך אָפּ די אויבנדערמאַנטע סצענע, אין אַ פאַרשטעלט ווינקל, וואָס ביז דער שענקער באַמערקט וואָס עס טוט זיך — איז שוין צו שפּעט, דער ענין איז שוין אַרויס פון זיין שליטה. דאָס געשלעג איז אין פולן ברען און דער שענקער, נישט בלויז וואָס ער קען נישט מער צושיידן צווישן די קעמפנדע, נאָר ער מוז אַליין פאָרזיכטיק זיין ער זאָל נישט אַריינגעכאַפּט ווערן צווישן די צעיושעטע שלעגער און זיך פאַרפּלאָנטערן אין אַ צרה. יעדער צד באַקומט פאַרשטערקערונג פון פריינט און חברים און אין לויף פון אייניקע מינוט ליגן שוין אויף דער ערד עטליכע צעממיתטע, און די שענק זעט אויס ווי נאָך אַ חורבן.

ווען די פּאָליציי קומט אָן געפינט זי שוין די שכורים מיט צעהאַקטע קעפּ, צובלוטיקטע פּרצופים און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אויפן "פּראָנט" איז צובראָכן און צושמעטערט.

אין דרויסן הייבן אָן, די זיך לאַנגווייַלענדע פערד, צו פאַרלירן ס׳געדולד. אַ זלידנע פליג טשעפּעט זיך אַזוי לאַנג צו איינעם פון זיי, ביז זי ברענגט אים אַרויס פון די כלים, און ער נעמט זיך צובריקעווען. דערמיט דינט ער אַלס שלעכטער ביישפּיל פאַר די אַנדערע דערנעבנשטייענדע פערד, וועלכע זענען נאָך פאַרנומען מיט קייען די לעצטע שטיקלעך היי, וואָס זיי האָבן קוים אויפגעזאַמלט פון דער ווייטנס מיט דער אַרויסשטאַרצענדער צונג. איין פערד שלעפּט מיט דער קייט אויפן האַלדז דעם וואָגן, צו וועלכן ער איז צוגעבונדן, און פאַרטשעפּעט זיך אַזוי אַרום אין דעם וואָגן וואָס שטייט דערנעבן. די וועגן שטויסן זיך צוזאַמען און פאַרפּלאָנטערן זיך איינער אין אַנדערן. מען הערט דאָס ברעכן זיך פון אַ דישעל און אַ ראָד פאַלט אַראָפּ פון דער אַקס.

צום גליק געפינט זיך תמיד צווישן די וועגן איינער פון די טרונקערס וואָס איז אַרויס אַ ווייל פון שענק כדי אויסצולערן ס׳געטרונקענע ביר און מאַכן פּלאַץ פאַרן פרישן. מיט נישט פאַרקנעפּלטע הויזן גייט ער אַריין צווישן די צעטומלטע פערד און שטעלט צוריק די אָרדנונג.

☆

אין להבדיל, אין די קלויזן און אין בית מדרש האָט מען שוין אָנגעצונדן די ליכט אין די מעשענע הענגל־לייכטער און די בליץ־לאָמפּן זענען באַלויכטן. אויפן עמוד אַנטקעגן דעם "שויתי" שטייען צוויי ברענענדע ליכט און אַלץ איז גרייט צו "מנחה ומעריב".

זומער צאַנקט דער מאַרק און לעשט זיך אויס פּאַמעלעך ווי דער זון־אונטערגאַנג. דער שטויב לאָזט זיך אַראָפּ. די לופט לייטערט זיך אויס. הענדלער צונעמען די שטעלעכלעך, די מענטשן צעגייען זיך. די וועגן וואָס לאָזן זיך אַרויס פון שטעטל, נעמען מיט זיך, דעם רעש און געפילדער פון גאַנצן טאָג. מען הערט בלויז דאָס דרייען זיך פון די פיר רעדער און יעדן פאָרענדן וואָגן וואָס גיסט זיך צוזאַמען ווי אין אַ כאָר. ביים אַראָפּלאָזן זיך פון בית מדרש באַרג צעטיילן זיך די קולות: דריי רעדער הערט מען זיך דרייען אין איין טעמפּאָ, און אַן־אונטערשטע ראָד, וואָס איז צוגעבונדן מיט אַ קייט צום וואָגן אים איינצוהאַלטן ער זאָל

זיך נישט אַראָפּקייקלען באַרג־אַראָפּ — שלעפּט זיך ווי אַ הילצערנער פּוס און סקריפּיט אויף די שפּיציקע שטיינער, „סאלא".

פּאַמעלעך דערווייטערן זיך די אַלע קולות און זונקען אין די פעלדער פון די „רענדזינעס", דער אויסגעליידיקטער רינק, שטילט זיך איין.

אין די געוועלבן זענען די פרויען פאַרנומען מיט צוזאַמענלייגן די צעשפּרייטע סחורה און די מענער טון אָן די איבערציערס און גייען אין די בתי תפילה.

אין דרויסן ביים איינגאַנג זאַמלען זיך צענויף רעדלעך און מען כאַפּט נאָך אַ קורצן שמועס ביז מען הערט ס'קלאַפּן אין „שולחן" — דער חזן הייבט אָן מנחה.

אין די קורצע ווינטער טעג, פאַלט צו דער אָוונט אויף איין מאָל, און דעקט צו ס'שטעטל ווי מיט אַ ברעזענט. דער מאַרק ענדיקט זיך שנעל. די קליינע הייזלעך איינגעהילט אין שניי, וואָס זענען געוועזן פאַרלאָזט במשך דעם גאַנצן טאָג — וועקן זיך אויף. פון די ווייסע קוימענס שלענגלט זיך אַ רויך. די פלעמלעך פון די נאַפּט־לעמפּלעך בלינצלען אין די שויבן פון די דאָפּל־פענצטער אויסגעמאלטע מיט פראָסט־בלומען, אַזוי ווי די ברענענדע ציגאַרעטן אין די מיילער פון די פויערן מיט די אייז באַדעקטע וואָנסעס.

דער פראָסט שטאַרקט זיך און ציפּט די אויערן שפּיצן. די פויערן גרייטן צו די אויסגעליידיקטע וועגן צום אַהיימפאָרן. מיט די געקאָוועטע שטיוול, שווערע מענטל און מיט שניי באַדעקטע פוטער היטלען זעהן זיי אויס ווי אויסגעשטאַפּטע און באַוועגן זיך שווער. די וועגן רוקן זיך פּאַמעלעך און די פערד זינקען אין טיפן שניי, וואָס דער פראָסט האָט אים נאָך שטאַרקער פאַרווייסט און צעפונקלט. די שליטנס גליטשען זיך לייכט און שטיל איבער דעם ווייכן שניי. די אויסגעפרוירענע פערד, וואָס גראָבן אויס מיט די פיס טיפע לעכער אין שניי וואַרטנדיק אונגע־

דולדיק זיך אַביסל צו באַוועגן — לאָזן זיך גאַלאָפּ און מען דאַרף אויף זיי נישט אויפהייבן קיין בייטש. ווייסע פּאַרע־וואַלקנדלעך קנוילן פון זייערע צאַפּלענדיקע מיילער. זיי לאָזן געשווינד דאָס שטעטל אונטער זיך, בלויז דער קלאַנג פון די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער הילכט נאָך אָפּ אַ לענגערע ווייל אין די אויסגעלערטע געסלעך.

די סוחרים האָבן שוין נישט קיין צייט צו טוישן זייערע בגדים און זיי איילן זיך גלייך פון די געשעפטן אין די בתי מדרשים, מיט די אַרבייטס קליידער כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן „קדושה" און „ברכו". די פאַרמעליקטע „קורטקעס" פאַרדעקטע מיט פעטס־פלעקן, נעמט מען אַרום מיט דעם זיידענעם גאַרטל, וועלכער פילט זיך אַביסל פרעמד אויף די פראָסטע בגדים.

די שול ווערט אָנגעפּולט מיט שאַרפע ריחות פון מאַרק און פון די סחורות, וואָס מען האָט פאַרקויפט איבערן טאָג, פון רויע פעלן, לעדער, פאַרבן, שמירעכץ און פון שאַרפע געווירצן.

די קרעמער וואָס זענען מיט עטלעכע מינוט צוריק געוועזן פאַרזונקען מיטן גאַנצן קאָפּ אין מסחר, שטעלן זיך יעצט „שמונה־עשרה", לאָזן זיך אַריין אין דאַווענען און שאָקלען זיך מיט גרויס כוונה, באַמיענדיק זיך צו פאַרטרייבן פון די פאַרמאַכטע אויגן — די בילדער פון מאַרק און אָפּרייסן די געדאַנקען פון אים.

די פאַרפרוירענע הענט מישן שווערלעך די בלעטער פון „סידור", אָבער דער צוהיצטער אויוון און די וואַרעמקייט פון דאַווענען טייען זיי צוביסלעך אויף. דאָס שטראָמען פון בלוט שטעכט לייכט אין די פינגער שפּיצן. מען קלאַפּט מיט דער פויסט אין ברוסט: „סלח לנו אבינו כי חטאנו", די קלעפּ זענען ענערגישע דען זיי דאַרפן דורכדרינגען דעם דיקן פעלץ און דערגרייכן ביזן האַרץ...

אברהם לעוויטע / די ימים נוראים

חודש אלול דינט אַלס אַריינפיר צו די ימים נוראים וועלכע קומען נאָך אים. אין חודש אלול, ווי באַוואוסט, ציטערן אפילו די פיש אין וואַסער פאַרן זיך דערנענטערנדיקן יום הדין. נאָך מער ווי די פיש, גיבן זיך די יידן אין שטעטל אָפּ אַ דין וחשבון, אַז זיי שטייען פאַר אַן־אַנטשיידענדן משפט וואו עס וועט באַשטימט ווערן זייער גורל. טראָץ זייער זיין באַשעפטיקט מיט די טאָג־טעגליכע ענינים, פאַרגעסט קיינער נישט דעם דראָענדן פסק דין, וואָס שטייט פאַר און מען פאַרנעמט זיך מיט תפילות און תהילים זאָגן כדי דעם פסק צו מילדערן.

הגם, צוליב די "קלימאַטישע" ענדערונגען וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, פילט זיך שוין נישט מער דער ציטער פון אַמאָל, פונדעסטוועגן איז זיך לייכט צו דערמאַנען אין דער שטימונג פון יענער צייט, אַ שטימונג פון פאַרזאָרגטקייט און דערדריקונג, נישט ווי אין די אַנדערע טעג אין יאָר, וועלכע זענען אויך נישט געוועזן חלילה קיין טעג פון הוללות און קאַרנאַוואלן.

אין חודש אלול גייט מען אויפן "הייליקן אָרט" — צום בית הקברות — אויף קבר אבות. ביים קבר זאָגן די מענער עטליכע קאַפּיטלעך תהילים און תפילות פון "מעבר יבוק". די ווייבער בויגן זיך איבער די קברים און כאַפּן אַן־אינטימען שמועס מיט זייערע מוטערס, דערציילן זיי אַלע שטוב־ענינים און רעדן זיך אַראָפּ פון האַרץ וועגן אַלץ וואָס דרוקט זיי. ביים דערציילן זייערע צרות, ברעכן זיי אויס אין געוויין און בעטן ביי די מוטער זי זאָל זיין אַ "מליץ יושר" און לויפן זיך באַמיען פאַר זיי וואו מען דאַרף, און עס געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע ביז זיי באַרואיקן זיך.

נאָך דעם דאָזיקן פאַמיליען באַזוך, נעמען זיך צוזאַמען אייניקע שכינות כדי אַהיימצוגיין צײַנאַנד. ביים אַרויסגיין פון בית הקברות שטויסן זיי זיך אָן אין עטליכע שמשים און קלויז בחורים, וועלכע שטייען דאָרט מיט צדקה־פּושקעס אין די הענט. די ווייבער, וועלכע זענען נאָך אונטערן איינ־דרוק פון דער רירענדער באַגעגעניש מיט די עלטערן פאַר־געסן זיך אַביסל, און אויף אַ מאָמענט, זעט ס׳געלט אויפן בית הקברות אויס אין זייערע אויגן ווי ווערטלאָז און זיי צוטיילן עס צווישן די אַלע וואָס שלעפּן זיי ביי די פּאָלעס.

די קינדער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געענדיקט אַ "סעמעס־טער" אין חדר, האָבן געהאָפּט אויף אַביסל וואַקאַנס, הנאה צו האָבן פון די שיינע טעג פון אָנפאַנג הערבסט, ווען אַלע ביימער זענען פול מיט אויבסט, אָבער ווי אויף צו להכעיס, פאַרשטאַרקט מען דווקא די אויפזוכט איבער זיי און מען פּאַסט אויף, זיי זאָלן נישט פאַרפעלן קיין דאַוונען און מען איז מחמיר מיט זיי מיטן אָפּהיטן די מצוות — ס׳איז נישט קיין קלייניקייט — ס׳איז יעצט חודש אלול!

גאַנץ פרי, כאַפּט מען אַ ציטער — אַ שוידערניש גייט דורך איבער קערפּער — צו צוליב די מורא פאַרן יום הדין, אָדער צוליב דעם האַרבסט־וועטער ווען די דינע קאָלדרע וואַרעמט שוין נישט גענוג — שטייט מען אויף פריער, מען טרונקט אַ גלאָז וואַרעמס און מען גייט אין קלויז אַריין. מען פאַרגרעסערט די דאָזע תהילים, מען איז מוסיף "מעמ־דות" און "תפילות לפני התפילה", ביז דער חזן הייבט אָן די "ברכות".

די צוזאַמענשטעלער פון די "סידורי תפילה", וועלכע האָבן געוואוסט גענוי די באַדערפעניש אין חודש אלול, האָבן אַריינגעשטעלט אין די "סידורים" פאַרשידענע זאָגעכצער — פאַרן דאַוונען, אינדערמיטן, און נאָכן דאַוונען — אַלץ וויכטיקע תפילות, וואָס יעדע פון זיי וועט ביישטייערן צו תשובה און רחמים און קיין איינע פון די תפילות קען מען נישט דורכלאָזן.

אַלע באַמיען זיך צו דאַוונען מיט "מנין" און צו ערשיי־נען פאַרן רבונו של עולם אָרגאַניזירט אין גרופּעס. די תפילות ציען זיך לענגער ווי געוועגליך. מען זאָגט זיי מיט גרויס כוונה און זיי זענען דורכגענומען מיט טיפע קרעכצן וועלכע קומען פון אַן־אונאויסשעפּליכן קוואַל.

יעדן טאָג נאָך "שחרית" בלאָזט מען שופר און מען דערמאַנט זיך אין די ראש השנהדיקע תקיעות וואָס שטייען שוין אָט־אָט ביי דער טיר.

דער שופר האָט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין ראש השנה. און ער ווערט געהאַלטן פאַרשלאָסן אין דער שאַנק אונטער די ספרי תורה און מען היט אים שטרענג אָפּ ער זאָל נישט געשעדיקט ווערן, ווייל דער קלענצטער שפּאַלט קען אים פּסלען צו די תקיעות.

נאָך שחרית, ווען די מתפללים פאַרלאָזן די שיל, עפענען די קלויז בחורים מיט אַ נאָכגעמאַכטן שליסל, דעם שאַנק, נעמען אַרויס דעם שופר, נאָך וועלכן זיי גאַרן אזוי שטאַרק, און לערנען זיך בלאָזן אויף אים. טייל פון די בחורים זענען ממש ווירטואוזן אין דער תקיעות־קונסט און שטעלן אין שאָטן די ספּעציאַליזירטע בעלי תוקע, וואָס האָבן אַ חזקה דערויף.

אין ראש השנה בשעת די תקיעות, שטייען די בחורים געשפּאַנט און וואַרטן דער בעל תוקע זאָל זיך פאַרהאַקן ביים בלאָזן און דער צוטומלטער גבאי זאָל איבערגעבן דעם שופר אין די הענט פון איינעם פון זיי. אין דעם מאָמענט ווען דער בר־מזל נעמט דעם שופר אין דער האַנט, לאָזן זיינע אַנ־טוישטע חברים אַראָפּ די אויסגעשטרעקטע הענט רעזיג־נירטע, און גייען צוריק אויף זייער פּלאַץ, וואוסנדיק, אַז זיי האָבן מער נישט קיין שום אויסזיכט דעם שופר צו באַקומען.

טיילמאָל בעת די איבונגען, קומט אַריין אונוואַרטעט דער גבאי, הערנדיק אינדרויסן די תקיעות. ער קאָנפיסקירט באַלד דעם שופר, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן אויף אַן־אונגע־זעצליכן אופן, בייזערט זיך אָפּ אויף די "שקצים", וואָס צוליב זיי, קען נאָך חלילה קהל בלייבן ראש השנה אָן אַ שופר.

דער כעס פון דעם גבאי איז אַ געמאַכטער; ער געדענקט זיך אַליין, צווישן די "שקצים" און ער ווייסט גוט, אַז די

דאָזיקע איבונגען זענען אַן־אַקאַדעמיע, וואָס גיט אַרויס אַ דור פון פּאָטענציאַלע בעלי תוקע׳ס.

כדאי דאָ צו דערמאַנען אַ זער ערנסטן פאַל מיט אַ שופר, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם זיינערצייט אין שטעטל.

אַ יידישע טעאַטער־טרופּע איז געקומען קיין ברעזיוו שפּילן דעם "דיבוק". דאָס קומען פון דער טרופּע איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע און אַרויסגערופן פאַרשידענע עמאָציעס פון געגנגעזעצטע ריכטונגען. פאַר די פאָרטגעשריטענע קרייזן, וועלכע זענען געווען הויפּטזעכלעך ציוניסטן, איז עס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג און אַ טאָג פון נאַציאָנאַלע שטאָלץ. ביי די חסידים, וואָס טעאַטער, ווערט ביי זיי באַטראַכט אַלץ מעשי ליצנות און אַפּיקורסות, וואָס זענען מבזה די תורה און מאַכן צו שפּאָט די טראַדיציאָנעלע מנהגים — זיי האָבן געזעען אין דעם ברענגען דאָס טעאַטער — ממש אַ פּראָוואָקאַציע. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געדונגען די "רעמיזע" פון די פייערלעשער, זי אויסגעלערט פון די כלים, צונויפגעשטעלט אַ בינע, אימפּראָוויזירט בענק פון ברעטער א.ז.וו. ווען די שוישפּילער האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער פאָרשטעלונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס פעלט זיי אַ שופר. דער רעזשיסער איז געווען פאַרצווייפלט. אין שטעטל קען מען נישט אַריינגיין אין אַ געשעפט און קויפן אַ שופר.

אַ יונגער בחור פון דער ציוניסטישער יוגנט מיטן נאָמען יואל טייך, האָט אויף זיך גענומען צו באַזאָרגן אַ שופר. ער האָט געדאַוונט אין דער באַיאַנער קלויז און זיך דאָרט גוט אויסגעקענט. ער האָט צוגעפּאַסט אַ שליסל צו דער שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט דעם שופר און אים געבראַכט צו דער פאָרשטעלונג.

צומאָרגנס איז מען דערפון געוואויר געוואָרן אין קלויז. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן־אומגעהויערער סקאַנדאַל. דער בחור האָט נישט געוואַגט איבערצוטרעטן די שוועל פון קלויז מורא האָבנדיק מען זאָל אים נישט "לינטשן".

במשך אַ לאַנגער צייט האָבן געשטורעמט די געמיטער אין דער באַיאַנער קלויז און זיך נישט געקענט באַרויקן פון דער "שאַנד־טאַט". דער שופר איז "טריפה" געוואָרן און מען איז געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה, וואָס מיט אים צו מאַכן. דעם פּסק פון רב געדענק איך נישט, מן הסתם איז דער רב אַליין אויך געווען אין פאַרלעגנהייט און ס׳איז אים זיכער שווער געווען צו געפינען אַזאַ פּרעצעדענס אין "שלחן ערוך"... די אָפּקלאַנגען פון דעם געשעעניש געפינען זיך מסתמא אויך אין די "שאלות תשובות" ספרים פון די רבנים אין דער אומגעבונג, וועלכע זענען צו יענער צייט ערשינען...

☆

אַ וואָך פאַר ראש השנה מערן זיך די תפילות און די פאַר זיי באַשטימטע צייט — אין דער פרי און פאַרנאַכט — גענוגט נישט מער. מען גיט צו אַ ספּעציעלע הוספה — "סליחות", — וועלכע הייבן זיך אָן מוצאי שבת אין דער וואָך פאַר ראש השנה. אין בית מדרש און אין דער "חברה לינה" קלויז שטייט מען אויף צו סליחות אום 4 אַ זייגער פאַרטאָג. אין די קלויזן ווערן די "סליחות" געזאָגט צוועלף ביינאַכט. ביי די "סליחות" צינד מען אָן די בליצלאמפּן און די הענגל־לייכטער אין אַלע בתי תפילה און די ציטערדיקע פאַרזאַמלטע, וועלכע זענען ערשט אַרויס פון וואַרעמען בעט און איבערגעריסן דעם שלאָף — זענען שטאַרק גערירט פון דעם אַזוי ערנסטן מאָמענט, פאַר וועלכן מען האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט.

ביי "סליחות" זאָגן באַטייליקן זיך אויך פרויען. ביים איינגאַנג צו די "עזרת נשים", שטעלן די קלויז־בחורים אַוועק אַ טיש, פאַרשפּאַרן די טיר און ערשט נאָכדעם ווי די פרויען שפּענדן עטליכע גראָשן, רוקט מען אַוועק דעם טיש און מען ערמעגליכט זיי אַריינצוגיין. דער צוועק אויף וועלכן די בחורים זאַמלען ס׳געלט — איז "תיקון ספרים". די ספרים אין די בתי מדרשים, טראָץ דעם וואָס זיי זענען געבונדן אין דיקער שטאַרקער לייוונט, רייבן זיי זיך אויס פון פיל נוצן, און פון צייט צו צייט מוז מען זיי נאָכאַמאָל איבערבונדן. דער "תיקון ספרים", גבאי, וועלכער איז אויסגעוועלט געוואָרן חול־המועד סוכות בעת די גבאים וואַלן, מאָביליזירט די בחורים, וואָס לערנען אין די ספרים און שיקט זיי זאַמלען ס׳געלט

צווישן די פרויען וועלכע ווערן פאַרהאַלטן ביים איינגאַנג און קלאַפּן מיט די ציין פאַר קעלט, זענען פאַראַן אייניקע וועלכע זענען נישט צו גוט געשטימט, אפשר צוליב דעם וואָס מען האָט זיי אויפגעוועקט אין מיטן בעסטן שלאָף, אָדער צוליב די טאָג־טעגליכע צרות — די פרויען רעגן זיך אויף, ס׳פאַרדריסט זיי די חוצפה פון די יונגע שנעקעס, וואָס וואַגן זיי צו פאַרשטעלן דעם וועג און מיט איין מאַך, שטופּן זיי אַוועק דעם טיש צוזאַמען מיט די איבעראַשטע יונגלעך, עפענען ברייט די טיר פאַר אַלע אָנגעזאַמלטע שכינות און קוקן אויף די יונגלעך מיט שפּאָט. די צעטומלטע יונגלעך רוקן זיך שנעל אָפּ און שטעלן זיך אַוועק אין דער זייט, ווי אָפּגעשמיסענע.

ביי די סליחות שטעלט זיך אַוועק פאַרן עמוד דער בעל מוסף פון די ימים נוראים אָדער אַן־אַנדערער וויכטיקער בעל תפילה און מען פילט שוין אין די תפילות די שטימונג פון יום הדין. נאָכן אָפּזאָגן די סליחות, קערן זיך אַ גרויסער טייל פון די מתפללים, אַהיים, נאָך צו כאַפּן אַ דרימל. בלויז עטליכע זקנים וואָס עס וואַרט זיי אַ טאָג פון גאָרנישט טוען, מיט דרימלען איינגעוועבט מיט פּסוקי תהילים און מעמדות — זיי בלייבן שוין אין בית מדרש און זעצן פאָר די עבודות הבורא ביז צו "שחרית".

ראש השנה ערשיינט גאַנץ קהל אין בית המדרש און שטעלט זיך אַוועק פאַרן "שופט כל הארץ". אַלעמען איז קלאָר, אַז אין דעם דאָזיקן משפּט זענען נישט פאַראַן קיין "חכמות" און אַרויסדרייעכצער אַלץ איז פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל דורך די באַשולדיקטע זעלבסט, מיט זייער אייגענער האַנטשריפט, דען יעדע נאַכט בעתן שלאָף, גייט די נשמה אַרויף אין הימל און אַלע זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען איבערן טאָג, ווערן דורך איר אַליין איינגעשריבן אין ספר זכרון און באַשטעטיקט מיט איר חתימה (ווייזט אויס, אַז די נשמות,

נישט ווי די גופים, קענען אַלע שרייבן און ס'זענען נישטאָ צווישן זיי קיין אַנאַלפאַבעטן). דערפאַר האָט נישט קיין זין צו לייקענען — און די איינציקע אויסזיכט איז זיך מודה צו זיין און בעטן רחמים. דער פסק־דין וועט אַרויסגעגעבן ווערן אין דעם טאָג פון "טערמין" — יום כיפור. דער "פּאַרטיי־טיקער" איז דער "שליח ציבור" דער חזן, וועלכער פאַרטרעט גאַנץ קהל. ער הייבט אָן די תפילות און קהל זאָגט אים נאָך. אויסער אייניקע הויפּט־אייגנשאַפטן וועלכע ווערן אויסגע־רעכנט אין דער תפילה "הנני העני ממעש", אייגנשאַפטן וואָס דער חזן דאַרף באַזיצן, ער זאָל קענען אויספירן זיין אויפגאַבע, ווי אַ שטייגער: אַ בכבודיק אויסזעען אַ שיינע באָרד, זיין אנגענומען ביי מענטשן — איז באַזונדערס וויכטיק פאַר קהל, אַז דער חזן זאָל אויך זיין אַ "בעל בכי", ווייל ס'געוויין פון חזן ברענגט מיט זיך אַ געוויין פון גאַנץ קהל. ס'איז נישט שווער צו געפינען אַ בעל תפילה מיט אַ געוויין־אייגנשאַפט — ס'איז גענוג ער זאָל זיך דערמאַנען אין זיין פרנסה מצב — וועט ער שוין אויספירן די זאַך אויפן בעסטן אופן.

אַלס קוריוז איז כדאי צו דערמאַנען איין אויסנאַם. אין איינעם פון די בתי תפילה איז געווען אַ חזן מיט אַ לאַנג־יאָריקע חזקה אויף "מוסף". נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט פאַרן עמוד אַלע פיוטים ווי ס'געהער זיך, געזונגען וואו מען דאַרף — ווען ער איז צוגעקומען ביי דער הויכער "שמונה עשרה" צו "עלינו לשבח" און זיך אויסגעשפּרייט אויפן דיוואַן ביי "כורעים ומשתחווים" פלעגט ער אויסברעכן אין אַ... געלעכטער, און גאַנץ קהל איז געבליבן ממש געפּלעפט. וואָס עס האָט אייגנטלעך אַרויסגערופן ביי דעם בעל תפילה דאָס געלעכטער, האָט קיינער נישט געוואוסט. אפשר ס'פאַלן אויף אויף דער קני, אָדער, ווי לצים האָבן דערציילט אין זיין נאָמען, אַז בעתן פאַלן האָט ער זיך דערמאנט אין אַ גויה וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אין אַ מאַרק טאָג אונטער זיין פענצטער מיט אַ פולן קויש אייער — יעדנפאַלס, טראָץ דעם, וואָס ס'איז אים זיכער געווען קלאָר ווי אַזוי קהל באַציט זיך צו זיין אויפירונג, האָט ער ווייזט אויס, זיך נישט געקענט באַהערשן און איינהאַלטן ס'געלעכטער. יעדעס יאָר האָבן אַלע געהאָפט אַז די צרה איז בלויז אַנ־איינמאָליקע, אָבער די זאַך האָט זיך איבערגעחזרט פון יאָר צו יאָר. די רעאַקציע פון קהל איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע. די יראי שמים צווישן די מתפללים, זענען אויפגעשפּרונגען פאַר כעס, געקלאַפט אין די מחזורים און געשריגן מיט אַלע כוחות: נו אה אה! (אין מיטן דאַווענען ווען מען טאָר נישט אויס־רעדן איז דער "נו אה אה" דער איינציקער אויסדרוק פון כעס און פּראָטעסט).

די יונגעלייט האָבן זיך אַמוזירט הערנדיק ס'געלעכטער פון דעם שטרענגען בייזן ייד, וואָס אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר זעט מען נישט קיין שמייכל אויף זיין פנים, און ס'קומט אים דווקא אויס זיך נאַריש צו מאַכן אין מיטן מוסף פון די ימים נוראים. יעדנפאַלס האָט זיך "געקאָכט" אין קלויז אַ גאַנצן יום טוב און דאָס איז געווען ס'געשפּרעך פון טאָג אין שטעטל. די גבאים האָבן זיך באַראַטן וואָס צו מאַכן מיט דעם בעל תפילה, אַלע זענען געווען בדעה, אַז מען דאַרף דעם "בעל שמחה" באַזייטיקן פון זיין פּאָסטן אַלס שליח ציבור — אָבער ביז צו די נעכסטע ימים נוראים איז די זאַך פאַרגעסן געוואָרן.

פאַרשטייט זיך אַז דער "לאַכעדיקער חזן" איז געווען אַנ־אויסנאַם צווישן די בעלי־תפילה, וועלכע זענען אַלע געווען "יראי־שמים" און האָבן זיך באַציגן צו זייער אויפגאַבע ווי צו אַ וויכטיקע שליחות, זיי זענען געווען, ווי מען האָט זיי גערופן "שליחי ציבור" און זייער תפילה איז געווען אַ "תפילה זכה" וואָס זיי האָבן אויסגעפירט מיט געפיל און כוונה — און אפילו די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען פירוש המילים זענען אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט זייער דאַווענען און מיט דער ערנסטער שטימונג וואָס האָט געהערשט אין בית התפילה.

ד'ער צווייטער וויכטיקער "פּאָסטן" נאָכן בעל תפילה — איז געווען דער בעל תוקע, וואָס צוגלייך מיטן חזן, טראָגט ער אויך אַ ווייסן קיטל אונטערן טלית און גייט אויך אין מקווה פאַר די תקיעות.

נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָך דער ברכה "לשמוע קול שופר", ווען ס'איז געוואָרן שטיל אין שול, דער בעל מקריא האָט אָנגעהויבן פאָרלייענען די "נאָטן" תקיעה, תרועה דער בעל תוקע האָט גענומען דעם שופר צום מויל און געפּרואווט אַרויסציען פון אים די אַנטשפּרעכנדע תקיעה, האָט דער שופר זיך פאַרהאַקט און זיך גענומען היקען, קרעכצן, גראַגערן, סקריפּען, קראַצן, גרילצן, אָבער קיין תקי־עות האָט ער נישט אַרויסגעברענגט.

די השפעה פון די "זוהר" מאמרים, וואָס דער בעל תוקע האָט אַריינגעקוקט אין זיי פאַר די תקיעות און די מעשיות וועגן די מלאכים וואָס ווערן פון די תקיעות באַשאַפן, דער שטן וואָס טוט אַלץ מכשיל צו זיין — דאָס האָט געברענגט דערצו, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און איז נישט אומשטאַנד געווען אַרויסצוציען פון שופר קיין פּיפּס. דער צוטומלטער בעל תוקע איז רויט געוואָרן פון גרויס אנשטרענ־גונג, די אָדערן אויפן האַלדז זענען ביי אים געוואָרן אָנגע־דראָלן, שווייס טראָפּנס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין פּנים און זענען אַריינגערונען טיף אין דער באָרד. ער האָט זיך געפּרואווט מתגבר צו זיין אויף די מכשולים און געבלאָזן אין שופר אַריין מיט אַלע כוחות, אָבער זיינע אַנשטרענגונגען האָבן געווירקט פונקט פאַרקערט — דער שופר האָט זיך אינגאַנצן פאַרשטאָפּט און אַנשוויגן געוואָרן.

קהל איז געווען געשפּאַנט, אַלע האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן — דער שופר וואָס האָט געזאָלט אויפברעכן אַ פענצטער אין הימל פאַר די תפילות איז פאַרשטאָפּט און אָנמעכטיק — דאָס איז נישט קיין גוטער סימן. דער שטן איז מקטרג און שטערט מקבל זיין די תפילות. אַלע ווערן אונרואיק. דער בעל תוקע איז אַריין אין פּאַניק — ער איז איינער אַליין אויף דער אַרענע — ער קעמפט נישט מיטן שופר — זיין געגנער איז דער שטן אַליין. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו אים און וואַרטן מיט שרעק ווי אַזוי די פאַרמעסטונג וועט זיך ענדיקן. דער פחד האָט אים אינגאַנצן

כאַראַליזירט. צעמישט האָט ער גענומען קלאַפּן מיטן שופר אין טיש — כדי אים אויסצורייניקן — ס׳האָט אָבער גאָר־נישט געהאָלפן. דער שטן וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינ־ווייניק האָט זיך נישט גערירט. קהל איז אַריין אין היסטעריע. דער גבאי האָט באַשלאָסן זיך אַריינמישן. ער האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַ סימן ״נו אַה!״ צו איינעם פון די יונגעלייט וואָס האָבן שוין געוואוסט מען זאָל זיך ווענדן צו זייער הילף. דער יונגערמאַן קומט בליץ־שנעל איידער דער בעל תוקע וועט זיך אויפמונטערן. ער נעמט דעם שופר מיט אַ זיכערער האַנט. דער פאַרשטעקטער שטן וואָס איז אינגאַנצן נאַס פון דעם שפּייעכץ פון בעל תוקע איז אַליין שוין אויך אָפּגעשוואַכט און אויסגעמאַטערט, ער גיט זיך אונטער און טראָגט זיך אָפּ. דער אויסגעליידיקטער שופר בלאָזט ווי אַ טרומפּייט. קהל איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. מען איז מוחל דעם יונגן בעל תוקע וואָס ער איז נישט געוועזן אין מקווה און נישט געלערנט קיין ״זוהר״ — דער עיקר — ס׳איז אויפגיבראַכן געוואָרן דער וועג פאַר די תפילות, און דער שטן איז באַזיגט געוואָרן. דער שטאָלצער יונגערמאַן איז דער העלד פון טאָג.

אין ראש השנה, נישט ווי אין אַנדערע ימים טובים, איז מען זיך נוהג, נישט צו שלאָפן בייטאָג כדי נישט צו פאַר־שלאָפן ס׳מזל. באַלד נאָך דער יומטובדיקער סעודה, וואָס ענדיקט זיך שפּעט, צוליב די פילע תפילות, גייען די מענער צוריק אין שול, ווער צו זאָגן תהילים און ווער אַריינצוקוקן אין אַ ספר.

איינער פון די דאָרפס־יידן אין דער סביבה איז זיך נוהג אָנצושיכורן ראש השנה, כדי זיך אַרויסצודרייען פון יום הדין און ער איז מסביר די סיבה דערצו: ס׳איז אַ כלל אין גיריכט: ״פּיאַנעגו ניע סאָנדזאַן״ — אַ שיכור ווערט נישט געמישפּט, ער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים...

נישט ווי אין שבת, לייענען נישט די ווייבער אין ״צאינה וראינה״ נאָר אין זייערע ספּעציעלע מחזורים וואָס ביים טעקסט איז אויך געדרוקט ״עברי־טייטש״. די מחזורים זענען פון פערלאַג ״שמחה פריינד״ פּשעמישל אָדער מחזור ״רעדל־היים״ א.א. די שער־בלעטער רעכנען אויס די ״מעלות״ פון זייערע מחזורים און די גרייכן ביז אין די הונדערטער. צווישן די מעלות — וואונדערליכע דערציילונגען אין יידיש: ״אַ מעשה נורא, וואָס האָט וואָר פּאַסירט״, און ״דערפון קען מען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל ווי מען דאַרף גלייבן אין ג־ט און זיך פאַרלאָזן אויף זיינע חסדים״ א.ז.וו.

די לעזערינס האָבן גרויס רחמנות אויף דעם ״ג־טס פאַרכ־טיקן מאַן״, און זענען שטאַרק גערירט פון די ליידן וואָס ער גייט נעביך דורך, און אַזוי ווי זיי זענען געניגט צו וויינען, פאַרגיסן זיי פיל טרערן אויף זיין ביטערן גורל.

כאָטש די ״מעשה נורא״ ענדיקט זיך בדרך כלל צום גוטן, אָבער די ווייבער, וועלכע ס׳לייענען קומט זיי אָן שווערליך און האָבן אויך נישט קיין איבריקע צייט, בלייבן תמיד שטעקן אין מיטן די ביטערע צרות וואָס קומען אויף דעם צדיק און גרייכן קיינמאָל נישט ביזן ״העפּי ענד״, ווען דער העלד פון דער ״מעשה נורא״ ווערט סוף סוף מיט ג־טס הילף, אויסגעלייזט פון די יסורים און קערט זיך צוריק אַ גליקליכער צו זיין הויזגעזינט.

צום מזל פון די ווייבער, מוזן זיי צוגרייטן די יום־טוב־דיקע סעודה איידער די מענער קומען צוריק פון שול. דאָס ציין־ראַד פון די הויז־פליכטן און די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַרן מאַן און קינדער, שלעפּט זיי שנעל מיט זיך, און די דראַמאַטישע דערציילונג, וואָס זיי האָבן ערשט געלייענט, וועפּט באַלד אויס פון זייער זכרון. די דאָזיקע באַשעפטי־קונגען אין וועלכע זיי זענען פאַרזונקען, לאָזן נישט איבער קיין פריי אָרט פאַר ליטעראַטור.

☆

אין די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור — די עשרת ימי תשובה ווערט געגעבן דער לעצטער שאַנס אויס־צובעסערן דעם שלעכטן וועג אויף וועלכן מען האָט פאַר־בלאָנדזעט און יעדער באַמיט זיך אויסצונוצן די צייט פון רחמים און מחילה. אויב ווער פון די קינדער פאַרגעסט דערין אַ ווילע, קען מען זיך פאַרלאָזן אויף די עלטערן, אַז זיי וועלן חלילה נישט דערלאָזן צו פאַרפאַסן אַזאַ איינ־מאָליקע געלעגנהייט.

ערב יום כיפור דערגרייכט די שפּאַנונג צום העכסטן פּונקט. אַ טאָג פריער הייבט זיך אָן ס״כפרה שלאָגן״: יעדער איינער באַקומט אַ ווייס עוף — די פרויען — הינער, און די מענער — הענער; פאַר די קינדער וואָס די צאָל פון זייערע עבירות איז אַ קליינע, גרייט מען צו קליינע הענד־לעך. אויף די עופות לייגט מען אַרויף אַזעלכע זינד און עבירות, וואָס זייער הינערישער קאָפּ איז גאָרנישט אומשטאַנד תופס צו זיין. נאָך דעם ווי מען זאָגט דעם קאַפּיטל ״בני אדם״ און מען דרייט די כפרה אַרום דעם קאָפּ: ״דער האָן זאָל גיין צום טויט און איך צו אַ לאַנג לעבן״ — זענען די פאַרמישפּטע פאַר נישט זייערע זינד, גרייט צו דער שחיטה.

היות ווי די צאָל כפרות איז ווי די צאָל נפשות אין שטעטל, איינשליסלעך די נאָך נישט געבוירענע (אַ שוואַנ־גערענדע פרוי נעמט צוויי כפרות) — אַרבעטן די שוחטים איבערשטונדן און אין די נאַכט פון ערב יום־כיפור קומען זיי צו די בכבודיקע בעלי בתים אין הויף שעכטן די כפרות. זיי ווערן, פאַרשטייט זיך, שיין באַלוינט פאַר דער טירחה און פאַרן כבוד וואָס זיי טיילן צו די גאַסט געבער. מיט דער הסכמה פון בעל הבית, ברענגען אויך די שכנים אַרום, זייערע עופות צום שעכטן.

די כפרות וועלכע מען האָט צוזאַמענגעלייגט אויף איין הויפן, האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן הויף, שפּרינגענדיק מיט די געפּענטעטע פיס, און יעדעס עוף באַזונדער, וואַרט אין זיין ווינקל אויפן שוחט, שלום מאַכנדיק מיט זיין גורל.

דער שוחט אין זיינע שוואַרצע מלבושים מיטן לאַמטערן אין האַנט צווישן די אויסגעשפּרייטע אונטערטעניקע עופות אַרום, דערמאַנט אַ בילד, וואָס איז צוואָר עקסטרעם אַנדערש. אָבער אויך פון לעבן אין שטעטל: דער גלח מיט דעם לאַמטערן ווען ער גייט זאָגן ״ווידוי״ מיט אַ גוסס און זיין

שמש קלינגט מיטן גלאָק פאַר אים. אַלע קריסטן, וואָס געפונען זיך דעמלט אין דער גאַס, פאַלן אויף די קניען מיט גרויס פרומקייט ווי ביי "כורעים" להבדיל און דערמאַנען זיך אויף אַ מאָמענט אין טויט און יענער וועלט, ווי יידן.

די איינציקע וואָס מאַכן זיך נישט וואוסנדיק פון דעם משונהדיקן פאָרל און בלייבן שטיין אויף די פיס, זענען די יידן, וואָס דער גאַנצער שפּיל געהער זיך נישט אָן מיט זיי. וואָס ס'האַנדלט זיך וועגן טויט, דאַרפן זיי נישט מען זאָל זיי דערמאנען, זיי פאַרגעסן קיינמאָל נישט אין אים, און אין דעם "עולם הבא" און גויאישן גן־עדן האָבן זיי נישט קיין אינטערעס. אויסערדעם די מאכלים, וועלכע מען דערלאַנגט דאָרט, זענען ממילא טריפה און זענען נישט לויט זייער געשמאַק...

דאָס פלייש פון די כפרות נוצט מען צו די ערב יום כיפורדיקע סעודות, צום "פאַרפאַסטן" און אויך מוצאי יום כיפור נאָכן תענית, ווי אויך אין יום כיפור, פאַר די קליינע קינדער, וועלכע זענען נאָך פטור פון פאַסטן. אין יום כיפור פאַרשליסט מען די הייזער און אַלע גייען אין שול צוזאַמען מיט די קינדער. די עלטערן ברענגען מיט זיך, קאַלט כפרה־פלייש מיט חלה, געפּאַקט און צוגעגרייט, מען זאָל עס קענען גלייך געבן דעם קליינוואַרג און נישט דאַרפן מיט זיי אהיימגיין צו געבן עסן.

ערב יום כיפור ביי שחרית אָרגאַניזירן זיך "קוואַרטעטן" צו מאַכן געגנזייטיק "התרת נדרים". דריי פון די פיר, וועלכע טוישן זיך כסדר, בילדן אַ בית דין, און דער פירטער ווענדעט זיך צו זיי: "שמעו נא רבותי דיינים ומומחים" א.ז.וו. און בעט פון די "דיינים" זיי זאָלן אים מתיר זיין די נדרים און שבועות — אַ פריוואַטע "כל נדרי" אין קליינעם פאָרמאַט לויט אַ געריכטלעכע פּראָצעדור.

נאָך שחרית, טרונקט מען אין אַלע בתי תפילה, בראַנפן, מען פאַרבייסט מיט לעקעך און מען וואונטשט זיך אַ חתימה טובה. צו מנחה, וואָס ווערט געדאַוונט פאַר דער "סעודה המפסקת", גייט מען פריער ווי געווענליך און מען טוט אָן די יום־טובדיקע מלבושים. הגם עס איז נאָך אין מיטן טאָג פילט מען שוין אין דער לופט דעם יום כיפור. ביי "שמונה עשרה", כאָטש ס'איז אַ וואָכעדיקע מנחה, איז מען זיך מתוודה און מען זאָגט "על חטא", טאָמער וועט מען זיך ביי דער "סעודה המפסקת" חלילה אָנשיכורן אָדער זיך איבערעסן און מען וועט נישט באַוויזן זיך מתוודה צו זיין.

אויפן טיש אין שול שטייען "קערות" אויף צדקה און אינווייניק, צעטלען וואָס באַצייכנען דעם צוועק פאַר וועלכן מען שפּענדעט. אין צענטער געפונט זיך אַ "קערה" מיט אַ צעטל "צדקה גדולה". קיינער ווייסט נישט ווער ס'האָט נאָמינירט די צענטראַלע קערה, און ווער ס'האָט באַשטימט, אַז די צדקה וואָס זי פאַרלאַנגט איז ווירקליך אַ "צדקה גדולה". ערב יום כיפור פאָרשט מען נישט אַזאַ זאַך, נאָר מען לייגט אַריין אין דער הויפּט "קערה" צוערשט אַ גרויסע מטבע און ערשט נאָכדעם לייגט מען אַריין מטבעות אין די איבערעקע קערות פון נאַטירליכער גרויס.

נישט ווייט פון "שלחן" איז אויסגעשפּרייט אַ זאַק און אויף אים לייגן זיך אַוועק אין דער רייע, מתפללים יראי שמיים און איינער פון די גבאים שטייט מיט אַ קורצער "בייטש" אין דער האַנט און ציילט אַריין יעדן פון די "קליענטן" "פערציק וויניקער איינס" "מלקות". די פּאָרציע איז אַן־איינהייטליכע. די "מלקות" ציילט מען דורך זאָגן 3 מאָל "והוא רחום" וועלכער אַנטהאַלט 13 ווערטער. די זיפצן וואָס הערן זיך קומען אַרויס דווקא פון מויל פון "שלעגער" און מיט זיין אויסזעען, רופט ער אַרויס מער רחמנות ווי דער "געשלאָגענער" אוןביידע צוזאַמען האַלטן זיך קוים איין פון וויינען און דערשטיקן די טרערן.

אויב איינער פון די אנטיילנעמער וואָלט נאָר אָנגעהויבן וויינען — וואָלט אויסגעבראָכן אַ שוידערליכער געיאָמער, אַז ס'גאַנצע בית מדרש וואָלט אויפגעציטערט.

נאָך מנחה איילט מען זיך צו דער "סעודה מפסקת", וואָס באַשטייט פון גרויסע פּאָרציעס "כפרה" פלייש מען פאַרטרינקט מיט ווייס ביר, וואָס לעשט דעם דורשט און מען ענדיקט מיט דריי שלוק וואַסער, וואָס איז אַ סגולה צו אַ לייכטן תענית.

די מאַמע טוט אָן ווייסע קליידער באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ ווייס זיידן טיכל און צינד ליכט מיט פאַרוויינטע אויגן. מען צינד אויך נשמה ליכט פאַר אַלע נפטרים אין דער משפּחה. דער טאַטע בענטשט די קינדער, יעדעס באַזונדער, ער לייגט אַרויף די הענט אויף זייערע, מיט הכנעה אַראָפּגעבויגענע קעפּ, און פון זיינע אויגן רינען אויך טרערן. דערנאָך דרוקן זיך אַלע די הענט און וואונטשן "בעט דיר אויס אַ גוט יאָר" און אַ "חתימה טובה". די גאַנצע משפּחה געזעגנט זיך פאַרן גיין אין שול אַריין, ווי פאַרן אַרויסלאָזן זיך אין אַ סכנות־נפשותדיקן וועג, וואָס מען איז נישט זיכער צי מען וועט נאָך אַמאָל צוריקקומען פון אים.

ביז יעצט האָבן אַלע זיך געהאַלטן צוזאַמען אַלס געמיינזאַמע משפּחה און איינער האָט געהאָלפן דעם אַנדערן. יעצט צעשייד מען זיך, יעדער גייט זיך זיין וועג איינזאַם און ער וועט אַליין מוזן קעמפן פאַר זיין גורל. אין דעם אַנטשיידענעם קאַמף פאַר זיין לעבן — וועט יעדער זיין אָפּהענגיק בלויז פון זיינע אייגענע כוחות — קיינער וועט אים נישט קענען קומען צוהילף.

אברהם לעוויטע / פּ ס ח

ענדע חודש אדר, אָדער מערץ לויט דעם אַלגעמיינעם לוח, דער חודש וואָס מען רופֿט אין יידיש „משוגענער מערץ", צוליב דעם כסדר זיך בייטענדן וועטער — דערנענטערט זיך שוין, דער אויף אַלעמען זיך צוגעגעסענער ווינטער — צום סוף.

דער שניי און דער רעגן גייען צוזאַמענגעפּאָרט און די ערד ווערט אַ גראָ טייג, האַלב פּאַרפּרוירן און באַשיט מיט קלײנע אייז־ברעקלעך ווי קאך־זאַלץ. אויף די שווערע שיך טוט מען אַרויף גומי־קאַלאָשן קעגן דער קעלט און נעץ. ווען די זון שיינט אויף, צוגייט שנעל דער שניי און די זון צוזאַמען מיט די שטאַרקע ווינטן טרוקענען אויס די בלאָטע און די וואַסער ריטשקאַלעך פֿאַרשוואונדן. דער פֿרילינג דערנענטערט זיך. אין די הייזער נעמט מען שוין אַראָפּ די דאָפּלטפענצטער, דאָס אייז אַרום זיי, צוגייט, און מען קען שוין עפֿענען אַן־איבער־ליפּט און אַביסל אויסלופֿטערן ס׳הויז.

שבת פֿאַר ראש חודש ניסן, הערן זיך שוין אין די בתי תפֿילה — די „פֿרילינג אָנזאָגער" די פּיוטים איבער דער גאולה און אויפֿלעבונג פֿון דער נאַטור אין „פּרשת החודש". אין די יידישע געסלעך פֿילט זיך שוין דער ריח פֿון פֿרישע מצות, וועלכע מען הייבט אָן באַקן ענדע חודש אדר און ס׳באַקן דויערט ביז אַ וואָך פֿאַר פּסח.

די אויסגאַבן פֿון צוגרייטן דעם פּסח זענען באַזונדערס גרויסע און זענען אַ שווערע לאַסט אויף אַ גרויסן טייל משפּחות. פּסח איז דער איינציקער יום טוב, וואָס דער „שולחן ערוך" שטעלט פֿאַר אים צוזאַמען אַ גענויע „שפּייז־קאַרט" מיט אַלע נויטיקע פּראָדוקטן, וואָס מען דאַרף צוגרייטן צום יום־טובדיקן טיש.

נאָכדעם ווי מען ווייסט שוין די אַלע נויטיקע פּרטים, בלייבט נאָך איבער איין פּרט צו ערלעדיקן: צו באַזאָרגן ס׳געלט כּדי צו קענען איינקויפֿן די אַלע טייערע פּראָדוקטן.

פֿאַר די נויט־באַדערפֿיקע, וועלכע באַקומען שטיצע, ווערט געשאַפֿן אַ ספּעציעלער פֿאָנד — „מעות חיטין" אָדער קמחא דפּסחא. די אָרעמע משפּחות — און אַזעלכע זענען דאָ פֿילע — וועלכע נעמען נישט קיין צדקה — מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען און זוכן פֿאַרשידענע מעגליכקייטן, צו פֿאַרגרעסערן די נישט־גענוגענדע הכנסות, כּדי צו קענען צוגרייטן דעם יום־טוב.

איינע פֿון אַזעלכע הכנסה־קוואַלן פֿאַר פּסח, איז — מצות באַקן.

די יידישע בעקערייען אין שטעטל, באַקן ברויט ביז ערב פּסח און זיי קומען נישט אין בעטראַכט צו באַקן די מצות. עס געפֿונען זיך עטליכע משפּחות, וואָס טראָגן זייערע קליינע דירות און די ענגשאַפֿט וואָס הערשט אין זיי — נעמען זיי אויף זיך די דאָזיקע אויפֿגאַבע.

כמעט אין יעדן הויז געפֿונט זיך אַ גרויסער באַק־אויוון איינגעבויט איבער דער אייזערנער קיך ווי מען באַקט אַ גאַנץ יאָר ס׳ברויט און די חלות, און מען שטעלט אין אים ס׳טשאָלנט אויף שבת. אַ דורכשניטלעכע דירה פֿון אַזאַ משפּחה באַשטייט פֿון אַ גרויסער שטוב (מיטן אויוון) וואָס דינט אַלס קיך, עס צימער, סאַלאָן און שלאָף צימער פֿון די עלטערן. פֿאַר די קינדער איז דאָ אַ קליין צימערל וואָס מען רופֿט אַלקער. צוויי שטובן מיט אַ קוך רעכנט זיך שוין פֿאַר אַ לוקסוס־וואוינונג.

פֿאַרן באַקן די מצות, לערט מען אויס די גרויסע שטוב פֿון אַלע שטוב־זאַכן און מען מאַכט פּלאַץ פֿאַר דעם קנעטטיש, וואָס באַשטייט פֿון האָלצערנע געשטעלן וואָס אויף זיי ליגן צוויי דיקע ברעטער. די ברעטער באַרגט מען אויס ביי אַ סטאָליער. מען גרייט צו וואַלגער־העלצער אַ קיילעכדיקע האָלצערנע לאָפּאַטע אַריינצורוקן די מצות און אַ לענגליכע לאָפּאַטע, זיי אַרויסצונעמען. די מצות ווערן אַריינגערוקט אין אויוון איינציגווייז און ווערן אַרויסגענומען געבאַקענהייט 4—3 אויף אַמאָל. די האָלצערנע כּלים קויפֿט מען ביי די פֿויערן, וואָס מאַכן זיי אין זייער פֿרייע צייט.

די אייגנטימער פֿון אַזאַ אימפּראָוויזירטע בעקעריי, זענען „אונטערנעמערס", וועלכע דינגען די נויטיקע אַרבייטער צו זייער ווערק־שטעל און באַמיען זיך גלייכצייטיק צו באַזעצן די פּאָסטנס, ווי ווייט מעגלעך דורך זייערע משפּחה מיטגלידער. די הויפּט פּאָסטנס זענען: דער „שיבער", וועלכער שטייט ביים אויוון, די קנעטערן וואָס גרייט צו ס׳טייג — די „מיירע" (פֿון פּויליש מיאַראַ — מאָס), דער „רעדלער", וועלכער גייט דורך מיטן רעדל איבער די מצות, לעכערט זיי, זיי זאָלן זיך נישט בלאָזן אין אויוון, און דערלאַנגט זיי אויך אין אויוון אַריין.

אַ טוץ מיידלעך וועלגערן אויס די מצות, און צוויי קינדער שטייען ביי דער קנעטערן אין ביידע זייטן פֿון דער טייג שיסל — דער „איינשיטער", וואָס שיט אַריין ס׳מעל, און דער „איינגיסער" וואָס גיסט אַריין ס׳וואַסער.

אַלע מצות אויף פּסח ווערן געמאַכט מיט די הענט. ס׳טרעפֿט זיך אַז ווער באַקומט אַ פּעקל פֿון אַמעריקא און דערין געפֿונט זיך אַ שאַכטל מאַשין־מצות „מאַנישעוויץ". אַלע באַוואונדערן די ווייסקייט פֿון די מצות, די קוואַדראַט פֿאָרם, די גלייכע שורות לעכאַלעך. צום סוף, נאָך דער גאַנצער באַוואונדערונג און קאָנטראָלירן דעם זיגל „כּשר לפּסח", מיטן גאַנצן באַריכותדיקן הכשר אויף דער פּאַקונג, אונטערגישריבן דורכן „הרה"ג — אבדק"ק" און די רעקאָמענדאַציע „יאכלו ענוים וישבעו" — לייגט מען די מצות אַוועק צווישן די חמצדיקע כּלים און מען לאָזט זיי אויף נאָך פּסח.

צוויי סאָרטן מצות ווערן געבאַקן: „שמורה מצה" און „פּראָסטע מצה". דעם ווייץ צו „שמורה" מצות קויפֿט מען ביי אָפּגעהיטענע דאָרפֿס־יידן, יודעי ספֿר, וואָס מען האָט צו זיי צוטרוי און מען פֿאַרלאָזט זיך אויף זיי אין כּשרות עניינים. דאָס אָפּהיטן דעם ווייץ הייבט זיך אָן פֿון שניידן און דרעשן. נאָכדעם ווי מען טרוקנט אויס דעם ווייץ אויף

אַ גערייניקט פּלאַץ, ווערט ער צומאָלן אויף אַ "זשאַרנע" (האַנד־מיל) אונטער שטרענגער אויפזיכט, ער זאָל נישט קומען אין באַרירונג מיט חמץ. דאָס טונקלע גראָבע מעל, שיט מען אַריין אין ווייסע לייווענטענע זעקלעך און ס'ווערט פאַרקויפט פאַר מדקדקים. לויט דעם צוטרוי צום פאַרקויפער, ווערט באַשטימט דער פּרייז פון שמורה מעל. די "שמורה" מצה איז באַשטימט פאַרן ראש המשפחה און די גרויסע זין — די תורה לערנערס.

ווייבער און קינדער עסן פּראָסטע מצה. ס'זענען פאַראַן ווייבער "פעמעניסטינס" וואָס זענען נישט גרייט איבער־צולאָזן אַלע מצוות פאַר די מענער און זיי קעמפן פאַר גלייכהייט אין "עולם הבא" ענינים. די דאָזיקע ווייבער לייענען "צאנה וראינה" און קענען אַביסל דינים. זייער קאַמף ענדיקט זיך מיט ערפאָלג און זיי ווערן אויך איינ־געשלאָסן צווישן די שמורה עסערס.

נישט בלויז ס"רוי־מאַטעריאַל" — ס'מעל, איז טייער, נאָר אויך ס'באַקן פון די שמורה קאָסט פיל מער ווי דאָס באַקן פון די פּראָסטע מצות.

ס'צוגרייטן דאָס מצות־באַקן, הויבט זיך אָן אַזוי: יעדן פאַרנאַכט, פאַר זון אונטערגאַנג, ברענגט די גוישע וואַסער־טרעגערן, וואַסער פון דער ברונע, באַגלייט דורך אַ קינד וואָס גיט אַכטונג מען זאָל נישט אַריינוואַרפן חלילה קיין חמץ אין די עמערס.

ס'וואַסער ווערט דורכגעזיגן דורך ווייסע לייוונט אויס־געשפּרייטע אויף דעם הילצערנעם פאַס, וואָס ווערט דערנאָך פאַרדעקט מיט אַ ווייס טישטוך און דערויף אַ דעקל. דאָס וואַסער ווערט גערופן "מים שלנו" — גענעכטיקט וואַסער, ווייל ס'שטייט איבער נאַכט. ס'מעל צום באַקן ברענגט יעדער קליענט מיט זיך. דער אויוון ווערט אויסגעכשרט יעדן טאָג פונדאָסניי כדי צו פאַרניכטן אַלע חמץ־באַקטעריעס אין אים.

איידער מען הויבט אָן דאָס באַקן קומט אַ סטאָליער און היבלעוועט די ברעטער אויף וועלכע מען וועלגערט די מצות און נעמט אַראָפּ פון זיי די אויבערשטע שיכט האָלץ. די אַרבייטער קומען זיך צוזאַמען און דער גאַנצער "אַנסאַמבל" וואַרט אויף דעם קליענט, וועלכער האָט געדונגען דעם "ערשטן אויוון" — וואָס איז די מיוחסדיקסטע מצות.

די "רעכט פון ערשטן אויוון", געהערט צום רב, שוחט אָדער אַן־אַנדערער מיוחס, און די, ענדיקן געוויינליך ס'דאַ־ווענען שפּעט, טוען אָן צוויי פּאָר תפילין, און זייערע גרויסע סידורים זענען אָנגעשטאָפּט מיט תפילות פאַרן דאַווענען און צוגאַבן אויף נאָכן דאַווענען. טראָץ דעם, וואָס צו דער מצווה פון מצות באַקן, איילן זיי זיך צו — דאָך פאַרשפּעטיקן זיי תמיד און די "מאַנשאַפט" פאַרלירט ס'געדולד וואַרטנדיק אויף זיי.

עטליכע טעג פאַר דעם מצות־באַקן, לערנט דער למדן נאָכאַמאָל דורך די פּסח און מצות דינים, און פרישט אויף זיינע ידיעות איבער די באַוואָרענישן און איסורים, וואָס האָבן אַביסל אויסגעוועפּט פון זכרון אין לויף פון יאָר ווען ער האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט זיי.

אויסגעשטאַטעט מיט די אויפגעפרישטע חששות, קומט אַריין דער בכבודיקער "רעב" — אין דער באַק־שטוב אָנגעטון אין די יום־טובדיקע מלבושים און אַרומגערינגלט מיט זיינע הויז מענטשן. אַלעמענס אויגן זענען צו אים געווענדעט. ער קושט פרום די מזוזה און באַגריסט מיט אַ קאָפּ־שאָקל די אַנוועזנדע.

ס'זעקאַלע מעל האַלט ער ווי אַ נישט איינסעקורירטן אוצר, און זוכט אַרום אַ זיכערן פּלאַץ ווי עס אַוועקצולייגן.

זיין "סוויטע" צעשפּרייט זיך אַרום און פאַרנעמט פּאָ־זיציעס אין אַלע סטראַטעגישע ערטער, כדי זיי זאָלן קענען הערשן איבער אַלץ, און אויפפּאַסן אויף יעדע באַוועגונג — דען די חמץ סכנה לויערט אין יעדן ווינקל. דער סיגנאַל ווערט געגעבן און מען לאָזט די פּראָדוקציע מאַשין אין גאַנג. מען הויבט אָן די ערשטע "מיירע". דאָס טייג איז אויס־גערעכנט אַזוי, אַז די צאָל מצות זאָל שטימען מיט דער צאָל וועלגערינס, און פּאַסן לויט דער אויפנאַמס־קראַפט פון אויוון. ס'דאַרפן נישט בלייבן קיין איבעריגע טייגלעך.

יעדעס איינס פון די קינדער, וואָס שטייען פוןביידע זייטן פון דער קנעטערן שיט אַריין פון דעם מאַטעריאַל אויף וועלכן ער איז באַשטימט, און גיט צו דערפון צוביסלעך, און כסדר לויטן פאַרלאַנג פון דער קנעטערן. די קינדער האָבן אַביסל פרייע צייט ביי יעדע "מיירע", פון אויסקנעטן ביזן אַרויסנעמען זי אויפן אַרבעטס־טיש, און די נשמה גייט זיי נעבעך אויס אַביסל זיך דורכרעדן צווישן זיך; אָבער די קנעטערן פּאַסט שטרענג אויף, ס'זאָל זיין אַ פולשטענדיקע סעפּעראַציע צווישן זיי, ס'זאָל נישט זיין קיין שום פאַר־בינדונג צווישן די ביידע, וועלכע רעפּרעזענטירן עלעמענטן. וואָס טאָרן זיך נישט צוזאַמענטרעפן.

דאָס געשפּרעך צווישן דעם פאַרמעליגטן קינד פון דער רעכטער זייט פון דער קנעט־שיסל, מיט זיין פאַרנעצטן חבר פון דער לינקער זייט, קען נאָך באַפרייען אַ געוויסע מאָס פון דעם מאַטעריאַל מיט וועלכן זיי פאַרנעמען זיך און די באַרירונג צווישן די דאָזיקע שטאָפן קען חלילה אַרויסרופן אַ מסוכנהדיקע רעאַקציע — חמץ !...

דאָס טייג ווערט פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פון בעקן ווי אַ קינד פון דער באָד־וואַנע. אויפן אַרבעטס־טיש ווערט עס צוטיילט צווישן די וועלגערינס, אויף טייגלעך, און מען הויבט אָן אויסצואַרבעטן דערפון מצות.

דער "ערשטער אויוון" גייט אַרום צווישן די אַרבייטאָרערס און איילט זיי צו — "לשם מצות מצווה" "לשם מצות מצווה", ס'הייסט אַז די שנעלקייט איז נויטיק צוליב כשרות און ס'זאָל זיך נישט שאַפן דער איינדרוק, אַז ער יאָגט זיי אונטער חלילה, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. די מיידלעך איבערייסן די געלעכטערייען, כדי נישט צו פאַרשווערכן די יראת שמים אַטמאָספערע און גייען אַריבער צו שעפּשענ־דיקער רכילות, וועלכע זיי ענדיקן מיט אַ הויך קול ווי אַ רעפריין: "לשם מצות מצווה!"

די מיידלעך אַרבעטן אויס די מצות, הויבן זיי אויף אַ קעגן די ליכט צו זעען אויב זיי זענען שוין געננג דין. דער רעדלער גייט דורך יעדע מצה מיטן רעדל שפּרייט זי אויס

אויף די האַנט און לויפֿט מיט איר צום אויוון שרייענדיק: ″אַ מצה אין אויוון!″

דער ″שיבער″ זיצט אַנטקעגן דעם ברענענדן אויוון, די פֿלאַמען שפּיגלען זיך אָן אין זיין צעהיצט פּנים און ריטש־קאַלעך שווייס רינען אַריין אין דער באָרד און פּאות. די האַלב געבאַקענע מצות דרייט ער איבער און די געבאַקענע נעמט ער אַרויס מיט דער לאָפּאַטע און לייגט זיי גלייך אין דעם געפֿלאָכטענעם קויש, וואָס איז אויסגעבעט מיט אַ ווייס טישטוך. די אַרבעט ביים טיש איז אין פֿולן ברען. אַ טייגל וואָס בלייבט איבער ווערט גענומען דורך איינעם פֿון די אויפֿזעער און ער קלאַפּט דערויף מיט אַ וואַלגערהאָלץ ווי אויפֿן הינטן פֿון אַ קינד, עס זאָל נישט איינשלאָפֿן חלילה און ″חלומען″ וועגן זויער ווערן. דאָס געדויערט ביז איינע פֿון די אַרבעטאָרערנס ענדיקט אויסוואַלגערן איר מצה און איז גרייט צונעמען אַ צווייטע.

ווען מען ענדיקט די ″רונדע″, קראַצט מען אָפּ מיט שטיקלעך גלאָז דאָס צוגעקלעפּטע טייג פֿון וואַלגער־האָלץ און פֿון טיש. די נעכסטע ″מיירע″ גייט אַרויף אויף דער פּראָדוקציע־ליניע.

די מצות ווערן געברענגט אין קליענטס הויז דורך אַ ספּעציעלן שליח באַגלייט דורך אַ שומר פֿון דער משפּחה — ס׳זאָל חלילה נישט טרעפֿן עפּיס אַ מכשול אויפֿן וועג.

ס׳מעל פֿון נעכסטן קונה גייט אַרויף אויף דער ליניע. ס׳כשרות פֿון די נעכסטע אויוונס, ווערט באַשטימט לויט זייער נאָענטקייט צום פֿירענדן ″ערשטן אויוון″, און זייער חשיבות גייט אַראָפּ שטופּנווייז ביז צו די מיטאָג שעהן, ווען מען הערט אויף באַקן שמורה, און מען הויבט אָן די פּראָסטע מצות. אַלע כללים און דינים ווערן געהיטן ביי די פּראָסטע מצות ווי פֿריער, אָבער מיט ווייניקער שטרענגקייט. ביי דער אַרבעט איז נישטאָ קיין מיטאָג פּאַוזע, ווייל ווי אין אַ ″הוטע″, קען מען נישט אויסלעשן דעם אויוון. יעדעסמאָל גייען אַרויס, צוויי דריי אַרבייטער, עסן, און ווען זיי קומען צוריק, גייען אַרויס אַנדערע. ס׳באַקן ציט זיך ביז נאַכט. מקפּידים באַקן נישט ביינאַכט, טאָמער וועט זיך חלילה אַריינכאַפּן אַ חמץ ברעקל און אין דער טונקל און ס׳וועט נישט געלונגען אים צו אַנטדעקן.

נאָכדעם ווי די קאָמערציאַנעלע בעקעריי ענדיקט זיך קומט די רייע פֿון די אָרימע משפּחות מיט פֿיל קינדער, וועלכע זענען נישט בכוח צו באַצאָלן דעם פֿולן פּרייז פֿון מצות באַקן. זיי אָרגאַניזירן זיך עטליכע משפּחות צוזאַמען און ″בעהעלפֿן″ זיך איינער דעם אַנדערן. זיי דינגען דעם אויוון און דעם גאַנצן פּראָדוקציע אַפּאַראַט און ברענגען מיט זיך די אַרבעטס־קראַפֿט. די יוגנטליכע פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכן עס געהערן ווער פֿון די קינדער, קומען העלפֿן פֿרייוויליק זייערע חברים. מען זינגט ביי דער אַרבעט און די שטימונג איז אַ געהויבענע. ס׳באַקן גייט שנעל און עפֿעקטיוו אָן דעם יאָגן פֿון די משגיחים, און די דאָזיקע מצות זענען מן הסתם די כשרסטע פֿון אַלע.

ס׳איז פֿאַראַן נאָך אַ סאָרט שמורה מצה אַ מין ″סופֿער שמורה″; דאָס זענען די מצות וואָס ווערן געבאַקן ערב פּסח און ווערן גערופֿן ″לא לנו מצות″. די דאָזיקע מצות באַקט מען אין די רבישע הויפֿן פֿאַר דעם רבין און פֿאַר מיוחסדיקע חסידים, וועלכע זענען גרייט צו באַצאָלן פֿאַר זיי יעדן פּרייז. אַז סתם אַ חסיד איז זוכה צו באַקומען אַזאַ מצה, באַהאַלט ער זי צום אפֿיקומן פֿון דער ערשטער סדר נאַכט כדי מזכה צו זיין ס׳גאַנצע בני בית.

די מצות ווערן גערופֿן ″לא לנו″, צוליב דעם ווייל זיי האָבן נישט גענעכטיקט קיין איין נאַכט, דען זיי זענען געבאַקן געוואָרן ערב יום־טוב ממש. אַ צווייטע סיבה פֿון דעם נאָמען, איז ווייל די חסידים זינגען ביים באַקן די מצות ″הלל″ וואָס איינס פֿון זיינע קאַפּיטלען איז ″לא לנו″ (כי לשמך תן כבוד).

מיט באַקן די דאָזיקע מצות פֿאַרנעמען זיך בלויז מענער, חסידים וואָס זיצן שטענדיק אין רבינס הויף און ווערן גערופֿן ″יושבים″. אויך דער רבי באַטייליקט זיך פּערזענליך ביים באַקן די מצות, און באַהויכט זיי מיט זיין גייסט.

דער נאָמען „לא לנו״ האָט נאָך אַ באַדייטונג, אַ שפּאַטישע. אַ לא־יוצלח און שלימזל רופֿט מען ″לא לנו″ (ווי ″לא עלינו″). היות ווי דאָס איבערטרייבן ביי די דאָזיקע מצות און ס׳באַרימען זיך מיט זיי, גייט שוין אַריבער די מאָס, אפֿילו לויט די מדקדקים במצוות, שפּעטן זיי פֿון דעם ייחוס פֿון די מצות און פֿון די בטלנים וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט זיי, אינאיינעם.

☆

שוין פֿון חודש אדר אָן, ווערן די קינדער געוואָרנט נישט צו עסן אין בעט און נישט אַרומגיין איבער דער שטוב מיט ברויט, כדי נישט צוצושפּרייטן די ברעקלעך — ווייל אָט־אָט איז פּסח. די הויפּט אַרבעט פֿון ריייניקן ס׳הויז הייבט זיך ,ערשט אָן, אונגעפֿער אַ וואָך פֿאַר פּסח און ווערט אינטענזיווער פֿון טאָג צו טאָג מיטן דערנענטערן זיך פֿון יום טוב. יעדעס מעבל־שטיק, יעדער געגנשטאַנד ווערט אָוועקגערוקט פֿון פּלאַץ און ס׳ווערט ריין געמאַכט אַרום און אונטער אים. יעדעס געריייניקט אָרט ווערט פּראָקלאַמירט אַלס פּסחדיק און דער צוגאַנג צו אים איז בלויז אין דינסט און לויט אַ ספּעציעלער ערלויבעניש פֿון דער מאַמען. דער פּסח דערנענטערט זיך פֿון שעה צו שעה און גייט פֿאַרוואַרטס אין די פֿיס־טריט פֿון בעזים, שמאַטע און פֿלעדערוויש, וועלכע אָקופּירן פֿאַר אים דעם שטח פֿון חמץ הענט. דער פּסח פֿאַרפֿעסטיקט זיך איין, אַרויסשטופּנדיק דעם געגנער — דעם חמץ, צו דער ריכטונג פֿון דער טיר, ביז ער באַזייטיקט אים אינגאַנצן פֿון הויז.

☆

אַ באַזונדערע איבערלעבונג איז פֿאַר די קינדער דאָס אויסלופֿטערן די ספֿרים פֿאַר פּסח. די אַרבעט ווערט געמאַכט דורך זיי מיט גרויס התלהבות. אַלע ספֿרי־קודש גמרות, משניות, חומשים, חסידישע ספֿרים, סידורים און מחזורים — אַלע ווערן אַרויסגענומען אין הויף און מען שפּרייט זיי אויס אויף בענק, קאַסטנס און ברעטער. בלויז די ″הגדות של פּסח″ קלאַפּט דער טאַטע אויס פֿון שטויב מיט דער האַנט, ווישט זיי אָפּ מיט אַ שמאַטקאַלע און לייגט זיי אַריין אין

פסחדיקן ראַיאָן. די אַנדערע ספרים בלייבן אין דרויסן ביז ביינאַכט.

די ספרים זענען אַביסל פאַרשיכורט פון דער שאַרפער לופט און פון דעם העלן ליכט וואָס פאַלט אויף זיי. די קינדער שטייען מיט אָפענע מיילער, באַצויבערטע און זייערע אויגן פאָלגן נאָך דאָס לויפן פון די בלעטער, וואָס יאָגן זיך פאַראויס, קערן זיך צוריק, און בלייבן אויפן זעלבן אָרט. אַ פלוצלינגער ווינט באַפאַלט ווילד אויף איינמאָל די בלעטער און פרואווט זיי אויסרייסן, נאָכדעם באַרואיקט ער זיך, הייבט אָן בלעטערן אין די ספרים, פאַמעלעך, אַהין און צוריק, גלייך ער וואָלט פאַרגלייכט די פאַרשידענע שטעלן, בלייבט שטיין און פאַרטיפט זיך אין זיי ווי איינער פון די לומדים אין בית מדרש.

... און דאָס פאַרחלומטע קינד, זעט פאַר זיך:

אַלטע פאַרגעלטע בלעטער מיט אויסגעריבענע עקן, פאַרשוואַרצטע פון די פינגער וואָס האָבן זיי דורכגעמישט; בלעטער אָנגעזאַפּט מיט טרערן און פאַרטריפט מיט חלב פון ליכט; בלעטער פון סידורים, מחזורים און סליחות, אָנגעזעטיקטע מיט תפילות און תחנונים — האָבן זיך באַפרייט פון דרוק פון צעפאַלענעם באַנד, און הייטערע זיך אויפגעהויבן מיט דעם לייכטן פרילינגס ווינט, געניסנדיק מיט הנאה פון דער אונדערוואַרטעטער פרייהייט, וואָס איז זיי אונטערגעקומען.

זיי האָבן זיך גענומען שוועבן אַרום דעם הויף, זיך גידרייט אין אַ קאַראַהאָד און נאָכדעם אָנגענומען מוט, אַריבערגעפלויגן איבער די נידריקע דעכלעך און מיט שוואונג זיך אַרויסגעלאָזט אין דער ברייטער וועלט. דאָרט האָבן זיי געפלאַטערט צוטומלטע, געקרייזט אָן אַ ציל, נישט געפונענדיק פאַר זיך קיין אָרט... נאָכדעם ווי זיי האָבן דערזען, אַז זיי זענען ווייט פאַרפלויגן, האָבן זיי געוואָלט זיך צוריקקערן. זיי האָבן געזוכט צווישן די הייזער און נישט געפונען מער דעם וועג אויף צוריק.

צום סוף זענען זיי אַראָפּגעפאַלן אויף פלויטן, פאַרפלאָנטערט זיך צווישן דערנער און קזשאַקעס אָדער אַריינגעפאַלן אין וואַסער־קאַלוזשעס אין דער גאַס.

טייל פון די בלעטער זענען אויפגעהויבן געוואָרן דורך יראת שמימדיקע דורכגייער, וועלכע האָבן נאָכן אויסקושן זיי אַריינגעטראָגן אין בית מדרש און אַריינגעלייגט אין ווינקל פון די הייליקע ״שיימות״. אַנדערע זענען פאַרקראָכן אין אַ פיינטליכער סביבה, פאַרבלאָנדזשעט אין פרעמדע הייף און גערטנער און דאָרט שטעקן געבליבן. זייער אויפהאַלטן זיך דאָרט איז געווען אַ קורצע. מיט אייזערנע כלים זענען זיי ווילד צעריסן געוואָרן און זענען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיט צאָרן ביז זיי זענען פאַרשוואונדן פון אויג...

☆

שבת פאַר פסח — ״שבת הגדול״, לויט דער טראַדיציע פון די לצים, ״פאָרן״ אַלע ״פאַרכעס״ קיין מצרים. די הויט קראַנקהייט וואָס מען רופט אויפן פאָלקס־לשון — ״פאַרך״ איז געווען פאַרשפּרייט אין די פריערדיקע דורות ביז זי איז באַקעמפט געוואָרן דורכן פאַרבעסערן די סאַניטאַרע באַדינגונגען און מער פאַרשטענדעניש פאַר היגיענע. די קראַנקהייט האָט איבערגעלאָזט ווייסע פלעקן אויף פיל קעפּ וואָס האָבן זיך אָנגעזעען פון דערווייטנס און אויסגעזעען ווי אַן־אָפּגעברענט פעלד. די באַזיצער פון די דאָזיקע פלעקן, וואָס זייער צונאָמען איז געווען, ווי דער נאָמען פון דער קראַנקהייט, האָבן באַזונדערס געליטן אין שבת הגדול, ווען זיי זענען גערופן געוואָרן צום ״אַפּעל״ זיך ״צוצוגרייטן״ באַלד אין דער פרי צו דער רייזע קיין מצרים. דער שייכות פון דער קראַנקהייט מיט מצרים איז מסתמא די מכה פון ״שחין״.

טראָץ דעם וואָס דער ציל פון דער ״רייזע״ איז געווען דאָס אור־אַלטע מצרים, איז דאָס לאקאמאציע מיטל מיט וועלכן די ״פאַרכעס״ האָבן געזאָלט זיך באַנוצן — געווען אַ מאָדערנער עקספּרעס צוג, וואָס די לצים האָבן געשטעלט צו זייער פאַרפיגונג און דער צוג האָט זיי געזאָלט אויפזאַמלען פון אַלע מקומות וואו זיי האָבן זיך געפונען. ווייזט אויס אַז די נסיעה איז געווען ממש ״פיקוח נפש״, אַ פאַקט אַז זי איז ״דוחה״ שבת (הגדול)...

אויף די מודעות־טאָוולען זענען אויפגעקלעבט געוואָרן פלאַקאַטן מיט גענויע אָנווייזונגען, וואו די רייזענדע דאַרפן זיך צושטעלן — אויפן ״חרטומים פלאַץ — ווינקל פוטיפרע״. אָנקומענדיק קיין מצרים דאַרפן זיי זיך מעלדן אין פיתום ורעמסס, חושך מצרים גאַס, אַלעע פון די זיך קראַצענדע א. ז. וו.

מען האָט פאַרפאַסט לידער און גראַמען לכבוד די וויכטיקע רייזע. מען האָט געלאָזט אָפּדרוקן ספּעציעל מאַטעריאַל אין יידיש און פויליש, ווי אָנווייזונגען איינלאַדונגען, באַן־בילעטן און פראָספּעקטן, לויטן נוסח פון טוריזם־אַמט א.ז.וו.

מיטן קלענער ווערן פון דער צאָל קליענטן, וואָס האָבן זיך ״גענויטיקט״ אין דעם סאָרט ״טוריזם״, האָט די לצנישע טעטיקייט פאַרלוירן איר אַקטואַליטעט און האָט זיך ווייזט אויס געפונען אַנדערע טעטיקייטס געביטן, אַזוי, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט זי זיך מער נישט אָנגעזעען. צומאָל האָט ווער דערמאַנט די זאַך אַלס קוריאָז אָדער אַן־אויסגעדראַשענעם וויץ, וואָס זיין טעם האָט שוין לאַנג אויסגעוועפּט.

☆

פאַר יום טוב, מיטן אָנקומען פון פרילינגס־וועטער, קריכן ענדליך די קינדער אַרויס, פון די שווערע אָפּגעטראָגענע ווינטער מלבושים מיט די זוימען אָנגעזאַפּטע מיט פאַרטרוקנטע בלאָטע. מען באַמיט זיך, אַז יעדעס קינד זאָל באַנייען אַ מלבוש לכבוד יום טוב. מען קויפט נישט קיין גרייטע מלבושים נאָר מען באַשטעלט זיי לויט דער מאָס ביי איינעם פון די שניידערס.

בעת דעם מאָס־נעמען, פירט זיך אַ שווערער וויכוח צווישן דעם קינד און דער מאַמען איבער אַן־אונטערשטער קעשענע אין די הויזן אָדער אַ בוזים קעשענע אין רעקל.

— צו וואָס דאַרפסטו אַזויפיל קעשענעס? וואָס וועסטו דאָרט אַריינלייגן? שטיינער? גלאָז? פאַרזשאַווערטע טשוועקעס?

— איך דאַרף זיי אויף פאַרשידענע זאַכן — פאַרטייטיקט זיך ס׳קינד מיט קנאַפּ ערפאָלג, פּרואוונדיק פאַרשטאַרקן זיינע

שטאַמלדיקע אַרגומענטן מיט וויינען. צום סוף ווערט זיין בקשה אָפּגעלייגט ביז איבעראַיאָר אם ירצה השם, — ווערסטו שוין דעמלט זיין גרויס, און נישט אָנשטאָפּן די טאַשן מיט אַלע גראַטעס וואָס דו געפינסט.

מען נעמט זיך אויס מיטן שניידער ער זאָל ברענגען ס'גרייטע מלבוש נאָנט פאַר יום־טוב און ער, וואָס נויטיקט זיך אין דעם מלאכה־געלט כדי צוצוגרייטן דעם יום־טוב, ברענגט עס פריער ווי מען האָט זיך אויסגענומען און פאַרשאַפּט דער מאַמען קאָפּ־דרייעניש ווייל זי מוז זיך אַמפּערן מיטן קינד, ער זאָל נישט אָנטון ס'נייע מלבוש פאַר יום טוב.

☆

אין די לעצטע טעג פאַר יום טוב באַמיט מען זיך צו ענדיקן דעם "סטאָק" פון חמץ און די מאָלצייטן באַשטייען הויפּטזעכליך פון טייג־געקעכץ. אייגנטליך עסן אַלע "אויפן חשבון" פון שבת־גוי, וועלכער איז דער אייגנטימער פון גאַנצן חמץ אין שטעטל, וועלכן ער האָט איינגעקויפט בחצי־חינם ביים רב, לויט דעם קאָנטראַקט וואָס זיי האָבן צווישן זיך געמאַכט כדת וכדין. דער שטח אין הויז וואו מען מעג זיך באַוועגן, ווערט אַלץ קלענער און קלענער און מען באַוועגט זיך ווי אין אַ מינען־פעלד: די גאַנצע צייט ווערט מען געוואָרנט: פאַרזיכטיק! גיי נישט דאָ! פּאַס אויף!

די בענקלעך זענען שוין אָפּגעשייערט און מען טאָר זיך נישט אַוועקזעצן אויף זיי מיט חמצדיקע הויזן. מען זיצט אויף אַ קעסטל, אַן איבערגעקערטן עמער, אָדער מען עסט שטייענדיק אַרום אַ וואַש־שיסל, אַראָפּבויגנדיק זיך די ברעקלעך זאָלן זיך נישט צעשפּרייטן.

די באַוועגונג אין גאַס איז אַ לעבהאַפטע, אַלע זענען פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צום יום־טוב. יידן פון די שכנותדיקע דערפער קומען אין שטעטל וועגן פסח ענינים, ווי פאַרקויפן ס'חמץ, קויפן כלים און טובלען זיי, שעכטן עופות, פרעגן שאלות אין דיני פסח א.ז.וו.

איינער פון זיי, ר' הערשל, פאָרט דורך אין מאַרק מיט פערד און וואָגן, די בייטש אין דער האַנט — ער איז אין אַ גוטער שטימונג: ער פירט אַ קעלבל צום שעכט־הויז לכבוד יום־טוב. אייניקע יונגע לייט רינגלען אים אַרום: שלום עליכם ר' הערשל, וואָס פירט איר אין דעם "פולקושיק"?

— איך ברענג יעצט מיט מיר אַ קרבן פסחל — ענטפערט ער מיט אַ וויץ און האָט הנאה פון זיין שאַרפזיניקע תשובה. ווי נאַר די חברה האָבן געהערט ווי ער זאָגט אַרויס ס'וואָרט אַ "קרבן פסחל", האָבן זיי אים באַלד געפירט צום רב. דער רב, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט פון די עדות וואָס ר' הערשל האָט געזאָגט, האָט געפסקנט: דאָס קעלבל איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ קרבן און מען טאָר דערפון נישט קיין הנאה האָבן ביז ס'בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן; דערווייל ביז דעמלט, דאַרף מען עס באַגראָבן אין דער ערד (אפשר וועט עס אויפשטיין צו תחיית המתים).

ס'איז זיך לייכט פאַרצושטעלן דאָס געפיל פון ר' הערשל נעבעך, וואָס זיין קעלבל איז געוואָרן אַ קרבן פון דעם וואָרט וואָס ער האָט זיך אונבאַרעכנט אַרויסגעכאַפּט.

ביים רב האָט מען אים דערווייל פאַרשאַפט אַ הלוואה, און ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו דער יאַטקע כדי צו קויפן אַ שטיקל פלייש אויף יום־טוב.

קומענדיק אַהיים האָט זיך הערשל צוזאַמענגעבראָכן פון גרויס עגמת נפש. ער האָט איבערגעלאָזט דעם איינגעשפּאַנטן וואָגן מיטן פערד אין הויף, אַריינגעקומען אין שטוב אָן צו קושן די מזוזה, אַוועקגעוואָרפן די בייטש מיט דעם הויפל פלייש אויפן טיש. אַוועקגעלייגט זיך אין מאַנטל מיט די שטיוול אויפן בעט, און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

ס'ווייב האָט קודם כל זיך צוגעשלאָסן צו זיין געוויין און זיך גענומען כליפּען און רייסן די האָר פון קאָפּ: געוואַלט: שמע ישראל! רויבער זענען באַפאַלן מיין הערשלען! עטליכע מינוט שפּעטער האָט זי גענומען אים חקרענען: וואו איז ס'קעלבל? וואָספאַרעביינער פאַרן הונט האָסטו געברענגט? הערשל האָט נישט געעפנט ס'מויל און ס'ווייב האָט געהאַלטן אין איין יאָמערן: הערשל, וואָס האָט פּאַסירט? ביסט חלילה שטום געוואָרן? וואו איז ס'קעלבל?

הערשל האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און אַדורכגעזיפצן צווישן די ציין, פּאַמעלעך יעדעס וואָרט: "שווייג שוין שטיל, אויב דו רעדסט נאָך איין וואָרט, זאָג איך באַלד אויף דיר אויך אַ "קרבן פסחל!"...

☆

צוויי טעג פאַר פסח נעמט מען אַראָפּ פון בוידעם ס'פּסחדיקע געשיר. די קינדער זוכן צווישן די כלים יעדער זיין כוסהלע פון פאַראַיאָר און דערפרייט זיך מיט אים ווי מיט אַן־אַלטן חבר. די גלעזערנע און פּאָרצעלייענע כלים פון פּסח, וואָס ווערן נאָר גינוצט במשך אַכט טעג אין יאָר — האַלטן זיך יאָרן־לאַנג און גייען אַריבער בירושה פון דור צו דור. זייער באַזונדערע פאָרם און די געמאָלענע מוסטערן אויף זיי רופן אַרויס באַוואונדערונג יעדעס מאָל פונדאָסניי.

צווישן דעם געשיר וואָס באַצייכנט ספּעציעל דעם פסח איז די פאַן מיט די קיילעכדיקע פאָרמען אין איר, פאַר די כרעמזלעך. אויף קאָכן האַרטע אייער איז פאַראַן אַ ספּעציעלער טאָפּ מיט אַ צוגעבונדן בענדל צום הענטל, אויף אַ סימן, אייער זענען לכל הדעות "כשר לפסח", אָבער זייער שאָל איז פּראָבלעמאַטיש, ווייל מען קען קיינמאָל נישט וויסן אויב זיי זענען נישט געקומען אין באַרירונג מיט חמץ. צוליב דעם איז דער אייער־טאָפּ אַ באַשעפעניש פאַר זיך, נישט חמצדיק און נישט פּסחדיק און מען נוצט אים בלויז צו דעם צוועק צו וועלכן ער איז באַשטימט.

אַ טאָג פאַר ערב יום טוב כשרט מען אויס די אייזערנע פּלאַטעס אויף די קיך, אויסגליענדיק זיי אין פייער. דער געמויערטער ראַנד פון דער קיך באַדעקט מען מיט צוגעפּאַסטע בלעך פּאַסן. די אויסגעשייערטע טישן ווערן באַדעקט מיט דיקט, וואָס מען ברענגט פון שניט־געשעפטן, אָדער מיט ברעטלעך פון צענומענע קעסטלעך. מען פּאַסט ספּעציעל אויף, זיך צו נוצן מיט קעסטלעך, אין וועלכע ס'זענען געוועזן געפּאַקט בלויז נייטראַלע פּראָדוקטן, אָן אַ חשש חמץ. די ברעטלעך און דיקטן, וואָס ווערן געהיטן פון יאָר צו יאָר, דינען אַלס איזאָלאַציע צווישן דעם חמצדיקן טיש און דאָס

אויסגעשפּרייטע טישטוך מיט די פסחדיקע כלים און די מצות, דערויף.

בדיקת חמץ אין דער נאַכט פאַר ערב פסח איז אַן־אינטעסאַנט שפּיל פאַר די קינדער: קודם צעשפּרייט מען אין הויז צען ברעקלעך ברויט און די קינדער גייען אין אַ קאַראַוואַן נאָכן טאַטן, וועלכער האַלט אין איין האַנט אַ פלעדערוויש און אין דער צווייטער אַ הילצערנעם לעפל, איין קינד האַלט אַ ליכט אין דער האַנט און אַלע צוזאַמען לענקען אים אין דער ריכטונג פון חמץ. דער טאַטע ווערט מבולבל פון צופיל וועג־ווייזערס און ס׳קליינוואַרג האָט הנאה ביז ער געפונט די אַלע חמץ־ברעקלעך. די ברויט שטיקלעך, וואָס רעפּרעזענטירן דעם גאַנצן חמץ ווערן פאַרפּאַקט אין אַ טיכל צוזאַמען מיטן פלעדערוויש און האָלץ־לעפל און מען לייגט זיי אַרויף אויפן לאָמפּ וואָס הענגט אַראָפּ פון באַלקן ביז צומאָרגנס ערב פסח, ווען עס קומט די צייט דעם לעצטן חמץ צו פאַרברענען.

ערב פסח גאַנץ פרי ענדיקט מען די לעצטע חמץ מאָלצייט, מען נעמט אַראָפּ פון לאָמפּ דעם חמץ פון נעכטן און צוזאַמען מיט אַלע שיריים פון ברויט, פאַרברענט מען אַלץ אין הויף. דאָס ברויט, וואָס אַ גאַנץ יאָר באַציט מען זיך דערצו כמעט ווי צו אַ הייליקייט און מען טאָר נישט טרעטן אויף אַ ברעקל דערפון, ווערט מיט איינמאָל אונווירדיק און פאַרמיאוסט, מען טאָר עס נישט אָנרירן און אפילו זיך נישט געפינען אין שכנות דערמיט. נישט נאָר דאָס, נאָר גאַנץ יום־טוב דערמאַנט מען נישט דעם נאָמען דערפון, ווי עס וואָלט געווען אַ גראָב וואָרט. אַ לאַבן ברויט, רופט מען אין פסח: "אַ חמצל".

די צייט צווישן דעם חמצדיקן פרישטיק און דער יום־טוב ביינאַכטיקער סעודה און "סדר" איז אַ נייטראַלע זאָנע אין וועלכער מען טאָר שוין נישט עסן קיין חמץ, און מצה איז נאָך אויך נישט ערלויבט און מען געפונט זיך אין דער לאַגע פון אַן־אָרעמען פויער, וואָס האָט שוין געענדיקט די אַלטע תבואה און דאָס נייע גערעטעניש איז נאָך נישט רייף. דער מיטאָג איז אַ שטאַרק מאָגערער: מען כאַפּט אַריין עטליכע קאַרטאָפל מיט גריוון פון פסחדיקן שמאַלץ און מען פאַרטרינקט מיט באָרשט.

☆

די "סדרים" זענען צוויי — אין די ערשטע צוויי טעג יום טוב, ווי מען איז זיך נוהג אין גלות. דער צווייטער "סדר" איז שענער ווי דער ערשטער, ווייל ער ווערט געפּראַוועט אין אַ יום־טובדיקער אַטמאָספערע, נאָך 24 שעה יום־טוב ווי מען איז שוין אויסגערוט פון צוגרייטן דעם פסח און ס׳הערשט אין אים אַ געפיל פון דערהויבונג — מען גייט אַריבער מקודש לקודש.

נישט ווי אין אַנדערע ימים טובים, ווען דער יום־טוב ווערט געבערענגט פון דרויסן — פון שיל אַהיים (און סוכות — אין דער סוכה) — פסח קאָנצענטרירט זיך דער יום־טוב אין דער היים, און דער "סדר", וואָס איז דער הויפּט־פונקט, ווערט געפייערט ביים פאַמיליען טיש און די גאַנצע משפחה נעמט אָנטייל אין אים.

דער מנהג, ווי מען פירט זיך היינט, דאָס איינציקע משפחות נעמען זיך צוזאַמען צו פּראַוועז דעם סדר בשותפות — איז נישט געווען אָנגענומען אַמאָל ווען די משפחות זענען נאָך געווען גאַנצע — יעדע פאַמיליע האָט איינגעאָרדנט דעם "סדר" פאַר זיך און יעדער ראש־משפחה האָט "געקיניגט" אין זיין טעריטאָריע אַלס אַליינהערשער.

די, פון בני בית, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער דער היים, אין דער ווייט, האָבן געמאַכט די גרעסטע אנשטרענגונגען צוריקצוקומען אַהיים אויף פסח צום "סדר". נאָר די פלעצער פון די קינדער וואָס געפונען זיך "מעבר לים", בלייבן ליידיק. די מאַמע כאַפּט יעדעסמאָל אַ בליק צום ליידיקן בענקל, ווישט זיך די אויגן און האַלט איין ס׳געוויין, נישט צו זינדיקן חלילה און פאַרשטערן דעם יום טוב.

ביי „שפוך חמתך" ווען מען עפנט די טיר — קלאַפּט ביי איר ס׳האַרץ — אפשר וועט דער פעלענדער זון אָדער טאָכטער אַריינקומען צוזאַמען מיט אליהו הנביא.

דעם יום־טובדיקן טיש אָרדנט מען איין צוויי מאָל. ס׳ערשטע מאָל גרייט מען אים צו, צו דער צערעמאָניע מיט אַלע צודאַטן וואָס געהערן צום "סדר", און ערשט נאָכן ענדיקן דעם הויפּט־טייל פון דער הגדה, סערווירט מען דעם טיש ס׳צווייטע מאָל צו דער יום־טובדיקע סעודה.

די "קערה" שטייט אין מיטן טיש און אַלע באַשטאַנדטיילן זענען אויסגעשטעלט ווי מוסטערן אין שוי־פענצטער. יעדער טייל איז אַ סימבאָל און אילוסטרירט די דערציילונג פון יציאת מצרים און די באַפרייאונג פון שקלאַפעריי. די אור־אַלטע ערציילונג בלייבט תמיד פריש ווי ביי אַלטע לייט, וואָס געשעענישן, וועלכע האָבן פאַסירט אין זייער פריסטער יוגנט בלייבן אין זייער זכרון מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און קלאָרקייט — קיין פרט גייט נישט פאַרלוירן.

ביי דער "קערה" ליגן ביידע סאָרטן מצות — שמורה פאַר די דערוואַקסענע און פשוטע פאַר די קינדער. ראָזשענקעס ווייַן פאַר ארבע כוסות ווערט צוגעגרייט פאַר די קינדער און ווייבער, זיי זאָלן זיך נישט אָנשיכורן.

מיט דעם מרור, כאָטש ער האָט שוין גוט אויסגעברענט די אויגן ביים צורייבן אים — איז מען נישט יוצא ביז ער ברענט נישט גוט אויס דעם גומען און מאָגן.

דער טאַטע זיצט אויף זיין בכבודיקן שטול, וועלכער איז גוט אויסגעבעט מיט קישנס, ווי עס פאַסט פאַר אַ "מלך". די גאַנצע סוויטע — ס"קעניגליכע" הויז־געזינט זיצן אַרום דעם טיש, און וואַרטן אויף זיין באַפעל.

דער "סדר" ווערט געפירט לויט די באַקאַנטע סימנים אין דער הגדה "קדש, רחץ", וועלכע ווייזן, ווי שילדן, די ריכטונג, מען זאָל נישט פאַרבלאָנדזעט ווערן.

אין "חדר" זענען די סמנים פאַרברייטערט געוואָרן: "קדש" — ווען דער טאַטע קומט אַהיים פסח ביינאַכט פון דער שיל, דאַרף ער זיך צואיילן און "קידוש" מאַכן, איידער די קליינע קינדערלעך ווערן אַנשלאָפן, א.ז.וו. ביז "נרצה" — "מען עסט און מען טרינקט און מען לאָזט וואויל גיין"...

דער ראש המשפחה פירט דעם קאַראַוואַן מוטיק און ענערגיש — ער שטעלט צוזאַמען די קערה גיסט אָן דעם

ווײַן אויף ״ארבע כוסות״ פאַרן גאַנצן בני־בית און טיילט די פאַרפליכטענדע קרייטעכצער ווי מרור, כרפס, חרוסת — זיין טיילן איז אָנגענומען ביי אַלע און קיינער מאַכט נישט קיין רעקלאַמאַציעס, אויסער ביים טיילן דעם מרור צובונטעוועט זיך פלוצים די מאַמע און פאָדערט דורכאויס מען זאָל ערגענצן איר פּאָרציע ביז ״אַ כזית״. זי ווייסט צוואַר נישט וויפל עס איז ״אַ כזית״ אָבער לויט איר אָפּשאַצונג איז עס אָנגעפער ווי אַנ־אַרבוז...

פון דעם מרור פאַרהיסט זי זיך און פאַרקייכט זיך, די טרערן שטיקן איר אין האַלדז, אָבער זי איז נישט מוותר — זי מוז מקיים זיין ״מצוות מרור״ כדת וכדין.

דער טאַטע לייענט די הגדה אויפן הויכן קול און ס׳גאַנצע בני־בית זאָגן נאָך אים. די פיר ״קשיות״ פרעגט דער יונגסטער זון אויף לשון קודש איבערגעטייטשט אויף יידיש, אָבער די איינלייטונג און קאמענטאַרן זענען בלויז יידיש. ס׳קינד הייבט אָן: ״טאַטע כ׳וועל דיך פרעגן פיר קשיות, די ערשטע קשיה״ — א.ז.וו. און ענדיקט: יעצט ענטפער מיר אַ תירוץ, און ווייזט אויס אונטערן איינדרוק פון רעוואלטירענדן גייסט פון דער הגדה פון איין זייט, און דער השפעה פון דעם ווײַן פון דער אַנדערער זייט, ענדיקט דער זון אויף אַ משונהדיקן אופן: אויב דו, וועסט מיר נישט פאַרענפערן וועל איך מיר אַליין פאַרענפערן...

דאָס זאָגן די ״הגדה״ איז נישט קיין פּראָבלעם ביי יודעי ספר, וואָס לשון קודש איז זיי נישט פרעמד, אָבער פאַר די, וועלכע זענען אַרויס פון ״חדר״ נישט צוקומענדיק אפילו צו זאָגן ״עברי״ ווי ס׳געהער צו זיין און פאַרשטייען נישט פירוש המילים — פאַר זיי איז די ״הגדה״ אַ גרויס אָפּקומעניש...

ס׳פאַרגרייזן און פאַרדרייען די ווערטער אין דער ״הגדה״ דורך ״עמי הארצים״, זענען ממש אַנ־אוצר אין יידישן פאָלקלאָר. לצים זענען מחבר פאַרשידענע אויסדרוקן און פאַרגרייזונגען און דערציילן זיי אין נאָמען פון באַקאַנטע עמי הארצים, וועלכע האָבן זיי בכלל נישט געזאָגט, אָבער די ״פירמע״ פון דעם ״עם הארץ״ גיט צו די ווערטלעך מער חן און פּיקאַנטעריע.

☆

חול המועד איז אַ האַלבער יום־טוב און אויך די וואָס אַרבעטן, באַמיען זיך צו ענדיקן די אַרבעט ביז האַלבן טאָג. נאָכמיטאָג, טוען אַלע אָן די יומטובדיקע מלבושים. אויך די בעל הביתטעס טוען נאָר די נויטווענדיקסטע אַרבעט. מען איז זיך נוהג צו שרייבן חול המועד בלויז קאַרטלעך און נישט קיין בריוו, כדי מקצר זיין ס׳שרייבן. די שורות שרייבט מען אין דער שיף, לשם שינוי, נישט ווי אינדערוואָכן.

די חול המועד טעג זענען פאַסענד אויף צוזאַמענטרעפן וועלכע ווערן איינגעאָרדנט דורך די שדכנים. בחורים, אויסגעפוצט אין זייערע בעסטע מלבושים, מיט אַ קליין רענצל אין האַנט פאָרן אויף ״בעשוי״ — באַגעגנען אַ געשדכנט מיידל — די חברה רופן עס, פאָרן ״אויפן יריד״.

זיי באַמיען זיך צו האַלטן די זאַך בסוד, גייען אַרויס דורך זייטיקע געסלעך צום בעל עגלה וואָס וואַרט אויף אַנ־אָפּגעשמועסטן פּלאַץ. טיילמאָל אַז דער קאַנדידאַט איז געצוואונגען אַדורכצוגיין אין געסל פאַר די אויגן פון די נייגעריקע שכינות טוט ער זיך אָן אין אַרבעטס־קליידער און די רעפּרעזענטאַנץ מלבושים בעהאַלט ער אין רענצל, און ערשט ביים וואָגן, טוישט ער זיי. אַנדערע פּרוּוון מאַסקירן די רייזע, אָנטוענדיק, אַנ־אַלטן אויבערמאַנטל אויף די שבתדיקע קליידער.

מיינסטנס בחורים, וועלכע קומען אָן צו שדכנים, זענען בית־מדרש בחורים, שומרי מצוות, וואָס ראַזירן זיך נישט, נאָר נעמען אַראָפּ די באָרד מיט טעכנישע און כעמישע מיטלען. חול המועד איז די זאַך פאַרבאָטן.

די האַלב באַוואַקסענע באָרד און דער אַלטער אויסגעריבענער אויבערמאַנטל ביי די אויסגעגלאנצטע שיך מיט דעם קראַוואַט און נייעם הוט — די גאַנצע פּורים קליידונג גיט צו נאָך מער לעכערליכקייט דעם גאַנצן גראטעסק בילד, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין די אויגן פון דעם זייטיקן צושויער און ברענגט אין פאַרלעגנהייט דעם אַזוי אויך צעמישטן, חתן־קאַנדידאַט.

דאָס היטן בסוד ס׳פאָרן אויף ״בעשוי״ איז אַ גרויס פּראָבלעם פאַר אַלע בחורים — יונגע און אַלטע. די יונגע אָנפענגער שעמען זיך פאַר די חברים און האָבן מורא זיי זאָלן נישט זיין צו שפּאָט אין זייערע אויגן אויב דער שידוך וועט נישט צושטאַנד קומען און זיי וועלן זיין געצוואונגען צוריקצוקערן אין זייער געזעלשאַפט.

די אַלטע קאַוואַלירן, וועלכע פאָרן יאָרן־לאַנג אויף ״בעשוי״ און וואַנדערן פון אָרט צו אָרט לויט די אָנווייזונגען פון די שדכנים — די גנבענען זיך אַרויס בסודי סודות פון שטעטל, כדי זייער שאַנד זאָל זיך נישט אַנטפּלעקן אין פאַל ווען זיי וועלן ווידער דורכפאַלן. יעדער דורכפאַל פאַרקלענערט זייערע שאַנסן. אויף זיי ווערט אויך געזאָגט, אַז זיי ״מעגן שוין הערן שפּילן״ — דאָס איז אַ צווײדייטיקער אויסדרוק, וואָס מיינט די, וועלכע זענען שוין אַריבער די דרייסיק. אַנ־אָבל, רחמנא לצלן, וואָס איז נאָך די ״שלושים״ מעג שוין הערן שפּילן, און דער בחור וואָס איז שוין אַריבער די ״שלושים״ — דרייסיק יאָר, מעג ער שוין הערן שפּילן... אויף זיין חתונה...

די וואָס דערנענטערן זיך צו די פירציק — זעלטענע פאַלן, אָבער אויך אַזעלכע גיבט עס — די ווערן שוין אויסגעמעקט פון די שדכנים ביכאַלעך און מען זאָגט אויף זיי, אַז ״זיי וועלן שוין שטאַרבן אין לייבצודעקל״ — ס׳הייסט אָהן אַ טלית. דער טלית איז דער קען צייכן פון אַ בעל־משפחה און אָהן אים קען מען נישט זיין קיין גלייכבאַרעכטיקער מיטגליד אין דער בעל בתישער געזעלשאַפט. דער טלית איז אַ פאַרבאַדינג צו פאַרשידענע כיבודים, ווי אַ וויכטיקע ״עליה״ צו דער תורה, דאַווענען פאַר ״עמוד״, זיצן אויבנאָן ביי אַ שמחה של מצווה אָדער חסידישע צוזאַמענטרעפן א.ד.גל.

נישט ווי די בעלי־משפחות, וואָס מיט די יאָרן ווערט זייער פּאָזיציע מער בכבודיק און רופן אַרויס דרך ארץ מיט די גראָע האָר אין דער באָרד — ביי די בחורים איז עס

פונקט פאַרקערט. מיט דער עלטער, ווערן זיי מער גרינגעשעצט און מיט דער צייט דערווייטערן זיי זיך פון די בעלי־בתים פון זייער עלטער, און געפונען זיך צוזאַמען מיט די קינדער פון די, מיט וועלכע זיי האָבן יונגערהייט געלערנט.

ביי איין סאָרט שמחה פאַרנעמען די אַלטע בחורים אַ בכבודיקן פלאַץ — דאָס איז ביי אַ ״פאַרשפיל״ — שבת פאַר אַ חתונה. די שמחה אין שבת הייבט זיך אָן מיטן ״אויפרוף״ — דער חתן איז ״עולה״ צו דער תורה און ווען דער חזן רופט אויס מיט אַ קלינגענדיק קול ״יעמוד החתן״ הייבט זיך אָן ס״באַוואַרפן״ — פון דער ווייבערישער שול וואַרפט מען אין דער ריכטונג פון חתן ניס און צוקערלעך, צו דער פרייד פון די קינדער וועלכע קנוילן זיך צונויף אויף דער פאָדלאָגע צו כאַפּן דאָס צעטרעטענע זיסוואַרג.

נאָכמיטאָג אָרדענט דער חתן איין ביי זיך אין הויז אַן אויפנאַמע — וואָס רופט זיך ״פארשפיל״, דאָס איז אַ געזעגענונגס־פעסט פאַר זיינע חברים, די בחורים. על פי רוב פאַרלאָזט דער חתן אויך ס׳שטעטל און גייט אַריבער אין וואוין־אָרט פון דער כלה, דאָרט הייבט ער אָן בויען זיין פאַמיליען נעסט און קלעבט זי צו, צו די פון די כלהס עלטערן.

ביי אַ ״פארשפיל״ באַקומען די אַלטע קאַוואַלירן זייער סאַטיספאַקציע פאַר דער גרינגשעצונג ביי אַנדערע געלעגנהייטן — ביי אַ ״פארשפיל״ זענען זיי די ״הויפּט מחותנים״ און ״ערן געסט״. זיי האָבן זיך שוין באַטייליקט אָנצעליגע מאָל ביי אַזעלכע שמחהס, האָבן שוין באַגלייט פיל חתנים און זענען באַקאַנט מיט די אַלע צערעמאָניעס און קענען אַלע ניגונים וואָס ווערן דאַביי געזונגען. דאָ זענען זיי די ״וועטעראַנען״, און זייער סטאַזש גיט זיי צו מער אָנזעען.

☆

אַ לעבהאַפטע באַוועגונג פון רייזענדע בחורים פון אַנ־אַנדערן סאָרט קומט אויך פאָר אין חול המועד. די זענען נישט קיין ״קאַנדידאַטן״, נאָר חתנים ממש, וואָס האָבן שוין דערגרייכט צום געשטרעבטן ציל און זיי פאָרן אויף די ״צווייטע טעג״ (יום טוב) צו דער כלה. זיי גייען מיט פאַריסענע קעפּ, שטאָלצע, אָנגעטון אין חתן מלבושים, פריילעך געשטימט, און זיי געזעגנען זיך פריינדלעך פון אַלע דורכגייער.

☆

פסח איז אַ יום טוב וואָס צייכנט זיך באַזונדערס אויס אין חומרות און איסורים, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט און צוגעקלעבט צו אים אין לויף פון דורות. אויסער די, דורכן ״שלחן ערוך״ באַשטימטע איסורים, וואָס זייער ציל איז צו פאַרמיידן מען זאָל חס ושלום נישט נכשל ווערן מיט אַ ״משהו״ חמץ — האָט יעדער איינער נאָך צוגעגעבן פאַרשידענע אייגענע גזירות און סייגים, לויט זיין פאַרשטאַנד, ווי די ״הגדה״ זאָגט: כל המרבה, הרי זה משובח.

אַזוי ווי יעדער האָט געהאַט זיין אייגענעם איסורים־קאָדעקס און אים שטרענג אָפּגעהיטן גלייך ווי די פאַרפליכטעטע דינים — איז געווען אָנגענומען אַז פסח ״מישט מען זיך נישט״ — מען האָט נישט געגעסן איינער ביים אַנדערן און נישט געבאָרגט קיין כלים — אויך נישט ביי חברים קרובים און שכנים.

פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע אָפּגעזונדערקייט האָט געהאַט אין זיך עלעמענטן פון גאווה, פון גרויסן זיך, און פּרואוו איבערליציטירן איינער דעם אנדערן מיט חששות און איסורים, אָבער עס איז אויך געווען דערין אַ פּרינציפּ נישט צו מאַכן קיין אונטערשיד צווישן מחמירים און מקילים, און כדי קיינעם נישט מבייש צו זיין, האָט מען באַשטימט איין כלל פאַר אַלעמען גלייך.

צווישן די אָנגענומענע איסורים איז אויך געווען דאָס נישט נוצן קיין געבראָקטע מצה צוליבן חשש, טאָמער געפינט זיך דערין חלילה אַ שטויבאַלע מעל און ביים בראָקן קען זיך מאַכן דערפון טייג און חמץ ווערן א.ז.וו. ״געבראָקטס״ האָבן געגעסן בלויז קינדער אין ספּעציעלע כלים. זקנים, וואָס זייערע ציין זענען געוואָרן אויסגעריבן פון עסן צענדליקער יאָרן מצות, האָבן זיך געפּייניקט אַ גאַנצן יום טוב, און זייערע אויסגעהוילטע קינבאַקן האָבן זיך געראַנגלט מיט דער פאַרדאַרטער מצה און בשום אופן נישט מסכים זי איינצוטונקען אין מילך אָדער טיי.

צוליב דעם נישט עסן קיין ״געבראָקטס״, האָט מען גאַנצע זיבן טעג פסח נישט געגעסן קיין ״קניידלעך״ ביז ״אחרון של פסח״, וואָס איז דער אַכטער טאָג, אַ צוגעגעבענער אין גלות. אין דעם טאָג האָט מען שוין אַראָפּגענומען אַביסל פון די חומרות פון אָרגינעלן פסח. אחרון של פסח האָבן שוין אַלע זיך דעלעקטירט מיט די ״קניידליך״, וואָס גאַנץ פסח האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיי.

ס׳איז כדאי צו באַצייכענען, דאָס טראָץ די אַלע אויבנדערמאָנטע איסורים — און אפשר דווקא צוליב זיי — איז פסח געווען דער שענסטער און איינדרוקספולסטער פון אַלע ימים טובים און די אַלע באַשרענקונגען האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און אונטערגעשטראָכן זיין אייגנאַרטיקייט.

אונדזערע אַנטיסעמיטישע שכנים אין ברעזיוו

די וואָרצלען פון דעם יידן־האַס אין פוילן האָבן געצויגן זייער יניקה הויפּטזעכליך פוןווירטשאַפטליכע און רעליגיעזע קוועלן.

די ווירטשאַפטליכע סיבה איז געקומען פון קנאה מצד די פּוילישע שטעטישע איינוואוינער, די א.ג. "מיעשטשאַנעס" וועלכע האָבן נישט פאַרגונען די יידן פאַר זייער איניציאַטיוו, פלייסיקייט און זייער צופּאַסונג פעאיקייט, וואָס טראָץ די שווערע באַגרעניצונגען און דיסקרימינאַציעס קעגן זיי האָבן זיי פיל געווירקט און בייגעשטייערט צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון פוילן.

דער צווייטער קוואַל פון יידן־האַס איז געווען דער פּוילישער קלער — די גלחים, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט דעם אַנטיסעמיטישן גיפט און געהעצט קעגן די יידן, אויסנוצנדיק דעם קירכע־פּאָדיום וואָס איז געשטאַנען צו זייער פאַרפירונג. זייער השפּעה איז געווען באַזונדערס גרויס אויף דעם פּראָסטן פאָלק און אויף דער דאָרפישער באַפעלקערונג — די פּרימיטיווע פויערן, וואָס זענען געווען דער רוב פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

אין דעם זין איז אונדזער שטעטל נישט געווען קיין אויסנאַם פון אַנדערע שטעטלעך אין לאַנד.

איינע פון מיינע ערשטע זכרונות פון די קינדער־יאָרן, איז דער פּאָגראָם אין ברעזיוו, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1918, ווען פוילן האָט צוריקבאַקומען איר זעלבסטשטענדיקייט. דערשראָקענע יידן זענען אַרומגעלאָפן זיך באַהאַלטן ביי פריינדליכע פּאָלאַקן און ווייניקע האָבן געעפנט זייערע טירן פאַר די הילפלאָזע. אונזער משפּחה האָט אויסבאַהאַלטן אַ פּוילישער פריינט, אַן־אנשטענדיקער מענטש, מיטן נאָמען פּאָדגורסקי.

איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון באַהעלטעניש און בין געלאָפן אין רינק, דאָרט האבך זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און געזען ווי די כוליגאַנעס האָבן אויפגעבראָכן יידישע געשעפטן, אַרויסגעשלעפּט סחורות און זיי אויפגעלאָדנט אויף זייערע וועגענער. געבליבענע סחורה, וואָס זיי האָבן מער נישט געקענט נעמען מיט זיך האָבן זיי פאַרניכטעט, כדי דער ייד זאָל נישט קענען מער געניסן דערפון.

אונדזער געשעפט איז נאָך געווען ביז דאַן, גאַנץ. מיין מוטער הי״ד איז געלאָפן מיך זוכן און האָט מיך געפונען שטיין ביי אונדזער געשעפט. אין דעם מאָמענט איז פאַרבייגעגאַנגען אונדזערס אַ באַקאַנטער — אַ פּוילישער אינזשיניער און מיין מוטער האָט מיט תחנונים אים געבעטן ער זאָל אָפּראַטעווען אונדזער פאַרמעגן און דערקלערן די פּאָגראָמטשיקעס, אַז דאָס געשעפט געהער צו אים, אָבער ער האָט אָפּגעוואָרפן די מאַמעס בקשה.

יעדע אַנטי יידישע געשעעניש אין לאַנד — און אַזעלכע געשעענישן האָבן אין יענער צייט נישט געפעלט — האָט געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אויך ביי אונדז אין שטעטל און אַרויסגערופן אַ דערדרוקענדע שטימונג ביי די יידן, וועלכע האָבן דערפילט די זיך דערנענטערענדע געפאַר.

דאָס פּוילישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל ראַיאַ, האָט דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אין לעמבערג און דערמאָרדעט דאָרט פיל יידן, מיט דעם "מאָטיוו", דאָס זיי האָבן געגאָסן פון די פענצטער הייס וואַסער אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטן...

דער פלאָצקער רב איז בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אים גיטראָפן אינם בית מדרש אָנגעטון אין טלית און תפילין — צוליב דעם ווייל ער סיגנאַליזירט מיט זיי צו דער באָלשעוויסטישער ארמע...

הגם די דאָזיקע אָנזיניקע רשעותדיקע מעשיות זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך ציניש העצער, האָט אָבער דער פּרימיטיווער המון געגלויבט אין זיי. די שמועות האָבן זיך שנעל צעטראָגן און אָנגעקומען ביז צו אונדז אין שטעטל און אויך אין אונדזערע בתי תפילה זענען אַריינגעקומען פּוילישע "פּרייוויליקע" מיט ביקסן אויף די אַקסלען און געזוכט שפּיאָנען...

נאָכן טויט פון פּוילישן מנהיג, מאַרשאַל פּילסודסקי, האָט דער ווירטשאַפטליכער קאַמף קעגן די יידן, אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער, מען האָט אויסגערופן אַ בויקאָט אויף די יידישע געשעפטן, און פּיקעטן פון פּוילישע סטודענטן און אונטערוועלטס־לייט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי זיי, כדי נישט אַריינצולאָזן קיין קריסטליכע קונים.

ווי געזאָגט, איז די שנאה צו יידן געווען איינגעוואָרצלט נישט בלויז ביים פּשוטן פאָלק, נאָר אויך אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, איז זי געווען נישט ווייניקער ברוטאַל. ס׳געדענקט זיך נאָך דער פאַל פון פאַרקויפן פיש אויס "אידעאָלאָגישע" און "פּאַטריאָטישע גרונדן, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט אין שטעטל פאַר די קריסטליכע חגאות — אַ באַקאַנטער רעזערוו אָפיציר. דער פאַרשוין האָט אַליין זיך פאַרנומען מיט דער גרויסער "מצווה", וואָס איר גאַנצע כוונה איז געווען צו באַטרעפן אייניקע אָרעמע יידן, וואָס דאָס איז געווען זייער איינציקע פּרנסה. די פיש זענען עולה לגדולה געוואָרן און זייערע פאַרקויפער האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן "אקאַדעמישע פיש", ווייל זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן דורך נאָך אַזעלכע אַקאַדעמיקער־כוליגאַנעס ווי ער.

מען קען אויך נישט פאַרגעסן די טעטיקייט פון סענאַטאָר ביאַלי און זיינע בנים צו באַזייטיקן די יידן פון שטעטל.

ברעזיוו האָט זיך אויך געקענט יחוסן מיט אַזאַ "צאַצקע", ווי דער דירעקטאָר פון גימנאַזיום מראַזאָווסקי וואָס פלעגט דערגיין די יאָרן די יידישע שילער מיט זיינע גראָבע זידל ווערטער ווי פון אַ שיכורן אונטערוועלטניק. איך וועל דערמאַנען בלויז איין פאַל פון אַ סאַך, כדי צו געבן אַ באַגריף איבער זיין אויפירונג.

איינמאָל האָט ער באַפוילן דער שילערן פינקל (שרה) טייך הי"ד, דאָס זי זאָל שטיין אונטער דער טיר און נישט אַריינקומען אין קלאַס. ווען דאָס מיידל האָט אים געפרעגט: "הער דירעקטאָר, פאַרוואָס?" האָט ער איר געענטפערט: ווייל דו ביסט אַ פאַרשיווע יידישקע!

אין יאָר 1938 האָט מין פאַרשפרייט אין ברעזיוו אַ בלבול אויף דעם איינציקן יידישן לערער — דער איידעלער פּרופ' פרידל, קארן, דאָס ער האָט באַליידיקט די קריסטליכע רעליגיע. אין דער פּאָליציי איז שוין געווען אפילו צוגעגרייט אַן־אַרעסט באַפעל פאַר פּרופ' קארן. צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָבן דערפון געוואוסט בלויז יחידי סגולה. אַ דאַנק די ענערגישע אינטערווענץ ביי די אַנטשפּרעכענדע רעגירונגס אינסטאַנצן דורך דעם איבעראַל געאַכטעטן געוועזענעם ראש הקהל — ד"ר שמואל זעלנפריינד זכרונו לברכה, איז געלונגען די פיינפולע און אונזיניקע באַשולדיקונג צו באַזייטיקן. לויט די צירקולירענדע קלאַנגען, איז דער מחבר פון דעם נידערטרעכטיקן בלבול, געווען מראַזאָווסקי אַליין.

כ'וועל נישט אויסרעכענען דאָ די אַלע פּאָגראָמטשיקעס און אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אין שטעטל, זיי זענען זיכער נישט ווערט דעם כבוד מען זאָל זיי דערמאַנען — אויף אַזעלכע איז ביי יידן אָנגענומען צו זאָגן: ימח שמם!

די יידישע שילער אין דער עלעמענטאַר שולע האָבן נאָך מער געליטן ווי אין גימנאַזיום. די תלמידים אין גימנאַזיום זענען געקומען פון דער עליטע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג און אין דער פאָלקס שולע האָבן געלערנט אַלע שטעטישע קינדער, צווישן זיי פון דער נידריקסטער שיכט. לויט ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין די פּוילישע שולן אין יענער צייט, האָט אַ שילער וועלכער האָט באַקומען אַ נאָטע "נישט גענוגנד" אין איינים פון די וויכטיקע געגנשטאַנדן — איז ער איבער געבליבן אין דער זעלבער קלאַס אויף נאָך אַ יאָר. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אין משך פון עטליכע יאָר ביז די דורכגעפאַלענע זענען געגאַנגען לערנען אַ פאַך און זענען אַריבער איז אַ נאַכט־שול פאַר האַנטווערקער. צווישן די שילער פון די פּרימיטיווע שיכטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָבן נישט געפעלט אַזעלכע "גאונים" וואָס זענען געזעסן עטליכע יאָר אין דער ערשטער און צווייטער קלאַס און זענען שוין געווען דערוואַקסענע "שקצים" און האָבן אָפּגעטון געברענטע צרות די יידישע תלמידים וועלכע זענען נאָך געווען קינדער פון זעקס־זיבן יאָר.

נאָך דערצו וואָס די פּוילישע שילער זענען געקומען אין שול באַלאָדנט מיט יידן־האַס, וואָס זיי האָבן געברענגט פון דער היים, זענען זיי נאָך געהעצט געוואָרן קעגן די יידן דורך אַ גרויסן טייל פון די לערער און אַ יעדער יידישער שילער וואָס האָט עס דורכגעמאַכט קען פיל דערציילן פון זיינע איבערלעבונגען אין דער מלוכהשער שולע. די יידישע קינדער זענען געזעצט געוואָרן אין די לעצטע בענק און אויף די לעקציעס האָבן זיי זיך געמוזט צוהערן צו די שפּאָטישע רשעותדיקע באַמערקונגען פון די אַנטיסעמיטישע "ערציער".

☆

איך וויל דאָ נאָך דערמאַנען צוויי געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט אין די ענדע דרייסיקער יאָרן, וועלכע האָבן געקענט פאַראורזאַכן גרויסע צרות פאַר די יידן אין שטעטל און צום גליק איז געלונגען זיי אויסצומיידן.

איינער פון די יונגע אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס האָט אויף מיר געדראָט דאָס ער וועט אַראָפּברענגען אין שטעטל אויף אַ רעפּעראַט דעם טרויעריק באַרימטן אַנטיסעמיטישן אויסוואורף, וועלכער האָט מיטגעאַרביט מיט די נאַציס — דעם גלח טשעצ'יאַק, וואָס בלויז זיין נאָמען האָט אַרויסגערופן אַ פחד ביי די יידן. איך האָב זיך גלייך פאַרשטענדיקט מיט צוויי יידישע טעטיקע עסקנים אין שטעטל — ד"ר שמואל הערציק און מענדל טרינטשער — הי"ד.ביידע זענען געווען גוט באַפריינדעט מיטן דירעקטאָר פון דער מלוכה באַנק און פירער פון דער נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי אין ברעזיוו — גלח ביעלאַווסקי. דער גלח איז נישט געווען קיין גרויסער "אוהב ישראל" און האָט, ווי געזאָגט, געהערט צו דער ענדעקישער פּאַרטיי, אָבער ער איז געווען אַן־אַנשטענדיקער מענטש און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין זאָרגן דערפאַר דאָס דער אַנטיסעמיטישער העצער זאָל נישט אויפטרעטן עפנטליך אין ברעזיוו. ער האָט געהאַלטן וואָרט און ווען די יונגע רשעים האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם העצער — האָט ביעלאַווסקי אים נישט דערלויבט אויפצוטרעטן אין דעם "סאקאל" זאַל. ער האָט באַגרינדעט זיין געגנערשאַפט דערמיט דאָס דער אויפטריט פון אַזאַ עקסטרעמען אַנטיסעמיט קען דערפירן צו אַ פּאָגראָם. אויסער דעם — האָט ער צוגעגעבן — איז דער אַנטיסעמיטישער באַוואוסטזיין אין שטעטל, גענוג שטאַרק און ס'איז נישט נויטיק קיין אימפּאָרט פון דרויסן... דערמיט איז ער אָן ספק גערעכט געווען...

דאָס צווייטע געשעעניש, אין וועלכן איך האָב געהאַט אַ געוויסע ראָלע דערין — איז צוואַר געווען אַ פּערזענליכע געשיכטע, אָבער אויך דער פאַל, האָט געקענט ברענגען מיט זיך שווערע קאָנסעקווענצן פאַר דער גאַנצער יידישער געמיינשאַפט.

אין איינעם אַ פרייטיג, צוריקקומענדיק פון מיין וועכנטליכער רייזע, האָבן געוואַרט ביי מיר אין שטוב ר' יעקב יואל וואָלקער מיט זיין פרוי און האָבן, מיט טרערן אין די אויגן, מיר דערציילט, דאָס זייער עלטסטער זון וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלט־אייזן — חיים יצחק, איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט געקויפט אַ געגנשטאַנד, וואָס איז אַרויסגעגנבעט געוואָרן פון דער קירכע.

דאָס פּאָרפֿאָלק האָט מיר פֿאַרזיכערט אין דער אומשולדיקייט פֿון זייער זון, אונטערשטרייכנדיק: אמת, דער גנב, אַ יונגער פּאָלאַק, האָט אָנגעבאָטן פֿאַר זייער זון ער זאָל קויפֿן די גניבה, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט דערפֿון, חושד זייענדיק, אַז די זאַך האָט אַ שייכות מיט דער קירכע די עלטערן האָבן מיך געבעטן כ׳זאָל אינטערווענירן אין דער פּאָליציי מען זאָל דעם זון באַפֿרייען.

אין דער זעלבער צייט איז אַרייַנגעקומען צו מיר דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט ד״ר הערמאַן פּעט און דערציילט וועגן שושקערייען צווישן די פּאָלאַקן, אַז די יידן האַנדלען מיט הייליקע חפֿצים געגנבֿעטע פֿון דער קירכע. ווייזט אויס אַז אַ געהיימע האַנט האָט שוין געמישט אין דעם ענין און געהאָפּט אויסצונוצן דעם בלבול כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן.

מיט אַ שווער האַרץ בין איך ערשינען אין דער פּאָליציי קאָמאַנדאַטור און גענומען אויפֿקלערן די אומשולד פֿון דעם אַרעסטירטן בחור. צו מיין מזל און צום מזל פֿון דעם באַשולדיקטן, איז מיר צוהילף געקומען אַן־אנשטענדיקער באַקאַנטער פּאָליציאַנט מיטן נאָמען אורבאַנסקי, וועלכער האָט באַקומען די אויפֿגאַבע דורכצופֿירן אַ גרונדליכע אויספֿאָרשונג, כדי פֿעסטצושטעלן דעם אמת.

דער פּאָליציאַנט האָט גענומען דעם גנב אויף אַ שטרענגן פֿאַרהער און יענער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און מודה געווען, אַז ער האָט דעם ייד איבערהויפּט גאָרנישט פֿאַרקויפֿט, און דעם געגנבֿעטן אַרטיקל האָט ער באַהאַלטן, אָנווייזנדיק ס׳אָרט וואו די גניבה געפֿינט זיך. חיים יצחק איז גלייך באַפֿרייט געוואָרן און איז נאָך אָנגעקומען אין בית מדרש צו ״קבלת שבת״.

פֿון די אויבן דערציילטע פֿאַלן, קען מען זיך לייכט שאַפֿן אַ בילד, ווי די זיכערהייט פֿון די יידן אין יענער צייט, איז געווען אָפּהענגיק פֿון נסים, און יעדער בלבול אָדער סתם אַ שמועה, אפֿילו די לעכערליכסטע, האָט אין איין מאָמענט געשטעלט אין געפֿאַר אַ גאַנצע קהילה.

וועגן באַקאַנטע פֿאַלן פֿון מיטאַרבעט פֿון אַ טייל פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג מיט די דייטשע רוצחים בעת דער אָקופּאַציע, און פֿון רציחות פֿון אומגליקליכע געראודפֿטע יידן דורך ברעזיווער פּאָלאַקן, האָבך שוין דערציילט אין דעם קאַפּיטל וועגן מיין באַזוך אין ברעזיוו נאָכן קריג. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך געבראַנגט די פֿאַלן פֿון מענטשליכער אויפֿירונג מצד די פּוילישע איינוואוינער, פֿאַלן וואָס זענען ליידער געווען זער זעלטענע.

צו אונדזער אומגליק זענען נישט געבליבן קיין יידן, וועלכע זאָלן קענען אָפּגעבן פֿאַרלעסליכע עדות איבער דער אויפֿירונג פֿון די ברעזיווער פּאָליאַקן בעת דער פֿאַרניכטונגס־אַקציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין שטעטל און אויך וועגן דער צייט נאָך דער אַקציע ווען איינצלנע יידן האָבן זיך געפּרואווט אויסבאַהאַלטן פֿאַר די מערדער און געזוכט הילף ביי זייערע שכנים. אָבער, ווי געזאָגט, פֿון די געבראַנגטע פֿאַלן אויף אַן־אַנדער אָרט און די אויבנדיקע שילדערונגען — קענען מיר באַקומען אַ גאַנץ קלאָר בילד און מען נויטיקט זיך נישט מער אין קיין פּירושים.

אברהם לעוויטע

די יוגענט באַוועגונגען אין ברעזיוו

איינע פון די וויכטיקסטע טעמאַטן, וועלכע מיר האָבן געזאָלט ווידמענען פיל פּלאַץ אין אונדזער יזכור בוך און לײַדער איז אונדז נישט געלונגען עס אויסצופירן — איז די נישט־דערציילטע געשיכטע איבער די יוגנט באַוועגונגען אין שטעטל.

אין אייניקע קאַפּיטלען וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַנדערע ענינים, ווערן די דאָזיקע באַוועגונגען דערמאַנט דרך אגב, און וואָס ער פעלט אונדז, איז אַן־אומפּאַסענדע שילדערונגען איבער דער געבענטשטער טעטיקייט פון די באַוועגונגען, ווי זיי האָבן עס זיך פאַרדינט.

די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, וועלכע האָבן עגזיסטירט אין שטעטל במשך פאַרשידענע תקופות, זענען געווען: "השומר הצעיר", "גורדוניה", בית"ר", "עקיבא", "השומר הדתי". אויסער זיי, זענען געווען אויך אָרטאָדאָקסישע יוגנט־באַוועגונגען: "צעירי אגודת ישראל און "פרחי אגודת ישראל".

די "פאַראיינען" און "לאָקאַלן" פון די באַוועגונגען, האָבן געדינט אַלס היים, פאַר דער יידישער יוגנט אין שטעטל און זענען געווען פאַר איר, דאָס וואָס די בתי תפילה און "שטיבלעך" זענען געווען פאַרן פריערדיקן דור, באַזונדערס ווען מען נעמט אין אַכט, דאָס אין די מלוכה־שולן האָט געהערשט אַ שווערע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע און אויך די גאַס איז געווען פיינדלעך און אַגרעסיוו געגן די יידן.

אויסער זייער קולטורעלער טעטיקייט און לערנען עברית — דאָס, וואָס ווי געזאָגט, האָבן מיר שוין דערמאַנט אויף פאַרשידענע שטעלן אין אַנדערע פרקים, זענען די "פאַראיינען" פון די יוגנט אָרגאַניזאַציעס געווען אַ פּלאַץ, וואו עס עס האָבן פאַרברענגט און זיך באַגעגנט יוגנטליכע פון פאַרשידענע קלאַסן און שיכטן, און עס האָט זיך געשאַפן צווישן זיי אַ געזעלשאַפטליכער קאָנטאַקט.

עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ געגנזייטיקע השפעה צווישן די, וועלכע זענען געקומען פון חסידישע הייזער — בית־מדרש און ישיבה בחורים, און די גימנאַזיום שילער, וועמענס קולטורעלער באַזיס איז געווען אַ וועלטליכער.

מיר האָבן נישט באַשריבן די דערציאונגס־טעטיקייט פון די חלוצישע באַוועגונגען צו "הכשרה" פון זייערע חברים און דאָס עולה זיין קיין ארץ ישראל פון עטליכע צענדליק יוגנטליכע, יונגלעך און מיידלעך, פון די בעסטע פון דער שטעטישע יוגנט, וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון גיהנום און האָבן בייגעשטייערט צום אויפבויען ס׳לאַנד.

די ווייניקע סערטיפיקאַטן, וואָס די בריטישע מאַנדאַט רעגירונג האָט צוגעטיילט מיט אירע רשעותדיקע באַגרעניצונגען, זענען געווען ווי אַ טראָפּן אין ים, פאַר די צענדליקער טויזנטער וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי. די איינצלנע גליקליכע, וועלכע האָבן זיי באַקומען, האָבן געווינען ס׳גרעסטע געווינס — זיי האָבן געווינען ס׳לעבן.

איך געדענק די עליה קיין ארץ ישראל פון יפה איינציגער ז"ל. דאָס איז געווען קורץ פאַרן קריגס אויסברוך. די שטימונג ביי די יידן אין פוילן איז געווען אַ דערדריקענדע.

ביים אויטאָבוס וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם קליינעם פּאַרק, האָבן זיך צענויפגעזאַמלט פריינט, פאַמיליע און חברים פון דער "גורדוניה" און סתם דורכגייער יידן, וועלכע האָבן זיך צוגעשלאָסן צו די, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגנען.

אַלע זענען געווען שטאַרק גערירט. טרערן זענען געשטאַנען אין פיל אויגן. אַ געפיל פון פרייד געמישט מיט קנאה האָט געהערשט ביי די געבליבענע. כ׳וועל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט ווען דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן צו רירן — אַ ספּאָנטאַן געזאַנג פון "התקוה" איז אויסגעבראָכן אויף איינמאָל. דורכגייענדע פּאָלאַקן זענען שטיין געבליבן אויפן פּלאַץ, און די צינישע אויסדרוקן אויף זייערע פנימער זענען פאַרשוואונדן אין אָנבליק פון דעם רעספּעקטפולן מאָמענט.

מיר זענען צוריק אַהיים גרופּנווייז, אויפגעברויזט פון דער שטורמישער איבערלעבעניש. די מעכטיקייט און קראַפט וואָס ארץ ישראל האָט אויסגעשטראַלט אויף אונדז פון דער ווייטנס, האָבן אויסגעגלייכט אונדזערע רוקנס אויף אַ קליינע ווײַלע.

ס׳וואָלט זיך געניטיקט צו דערציילן איבער דער רעטונגס־עליה און איבער די חלוצישע באַוועגונג וועלכע האָבן זיך דורכגעפירט און ערצויגן דערצו.

באַזונדערס וואָלטן מיר געדאַרפט ווידמענען אַן־אָפּשאַצונג איבער דעם ציוניסטישן קלוב "בית יהודה" וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די ציוניסטישע טעטיקייט אין שטעטל פון אָנפאַנג אָן; אין זיינע ראַמען האָבן געווירקט די יוגנט אָרגאַניזאַציעס און האָבן אויסגענוצט די לאָקאַלן וואָס די פאַרוואַלטונג האָט געשטעלט צו זייער דיספּאָזיציע.

לײַדער איז אונדז נישט געלונגען אָנצוזאַמלען קיין מאַטעריאַל דאַוועגן (אויסער איין באַשרייבונג איבער דער "גורדוניה" פון מ. בנק) און מיר זענען געצוואונגען זיך צו באַגנוגן מיט בילדער, וועלכע מיר האָבן אויפגעזאַמלט ביי אונדזערע שטעטישע, און דאָס אויך אין אַ באַגרעניצטע צאָל.

אויסער די ווייניקע ניצול געוואָרענע, וועלכע געפונען זיך אויף די בילדער — דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער יוגנט, וועלכע מיר זעען דאָרט — זענען אומגעקומען בעת דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק.

משה באנק (פיינגאלד)

ציוניסטישע־חלוצישע יוגנט אָרגאַניזאַציע ״גורדוניה״ אין ברעזיוו

קליין איז געווען אונדזער שטעטל און זיך נישט אָנגעזען אויף דער אַלגעמיינער און יידישער מאַפּע. אין יידישן פאָלקלאָר רופט מען אַזאַ שטעטל ״גרויס ווי טל ומטר״ ד. ה. ווי די ווערטער ״טל ומטר״ זענען אבגעדרוקט אין סידור אין קלאַמערן מיט קליינע אותיות. כדי צו פאַרשטאַרקן דעם פאַרגלייך, האָט מען צוגעגעבן — ״ווי אין אַ קליין סידורל״.

אויפן געביט פון נאַטור און לאַנדשאַפט האָט זיך אונדזער שטעטל נישט געהאַט וואָס צו שעמען אין פאַרגלייך מיט פיל אַנדערע שטעטלעך, מער באַקאַנטע דערפון.

ליגנדיק נאָענט צו די קאַרפּאַטן איז עס געווען אַרומגערינגלט מיט סאָסנע־וועלדער און מיט מילדע בערג, און טייכלעך האָבן געשטראָמט דורך די ברייטע פרוכטבאַרע פעלדער.

די יידן אין שטעטל זענען געווען פרומע, צום גרעסטן טייל חסידים פון דער ריזשינער דינאַסטיע און די אַנדערע — חסידים פון די סאַנדזער רביים און זייער אָבצווייגונגען. נישט פיל ״משכילים״ און אָנהענגער פון פאַרגעשריטענע אידעען זענען געווען צווישן זיי. אינטעליגענץ, ווי אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים א. א. האָט מען געקענט אויף די פינגער ציילן.

דאָס איז געווען דער צושטאַנד אין די 20־ער יאָרן, ווען ציוניסטישע און חלוצישע אידעען האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין שטעטל דורך דער פאַרמיטלונג פון צייטונגען, בראָשורן, רעדנער און אַגיטאַטאָרן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישע טעטיקייט.

די יוגנט איז פאַקטיש געווען נאַציאָנאַל געשטימט. דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָבן די יידישע מוטערס איינגעפלאַנצט ביי זייערע קינדער אין זייער פריעסטער יוגנט ווען זיי האָבן זיי געלערנט ״מודה אני״ און ״קריאת שמע״ און אין זיי אַריינגעברענגט דעם גלויבן און טראַדיציע און די עמאציאָנעלע און היסטאָרישע פאַרבינדונג מיט דעם יידישן פאָלק. דערנאָך האָט ס׳קינד געלערנט אין חדר, חומש און נ״ך און זיך דערוואוסט אַז זיין פאָלק האָט אַ רייכע געשיכטע און עס האָט אַמאָל געלעבט אַלס פריי פאָלק אין זיין אייגן לאַנד און אויף זיין אייגענעם באָדן.

אַרום זיך אין שולע, אויף דער גאַס, האָט מען נאָר געהערט פון די פוילישע שכנים: ״זשידעס — קיין פּאַלעסטינע״. כמעט יעדעס יידישע קינד האָט געקענט די יידישע מאַרטיראָלאָגיע, דעם פיין און לייד פון אונדזער פאָלק און געהערט פון די צענדליקער טויזנטער יידן וואָס זענען אומגעקומען אויף ״קידוש השם״ און אין די שפּעטערע יאָרן — פון פּאָגראָמען און פאַרשידענע שיקאַנעס.

אַ גרויסער טייל פון אָט דער יוגנט זענען געווען רייף אויפצונעמען די ציוניסטיש־חלוצישע אידעען, וואָס האָבן פון זיי פאַרלאַנגט זיך פאַרצובערייטן צו עליה קיין ארץ ישראל, בעראַרבעטן דאָרט די ערד און העלפן שאַפן אַ נייע יידישע געזעלשאַפט, אָהן די נעגאַטיווע מידות וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אונדז אין גלות.

די ערשטע ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע אין שטעטל איז געווען ״השומר הצעיר״, וועלכע איז ענטשטאַנען אין 1924 און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אויפגעלעזן אין רעזולטאַט פון דעם קריזיס וואָס האָט געהערשט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג צו יענער צייט. אייניקע יאָר האָט נישט עגזיסטירט קיין שום ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע אין שטעטל. אין 1928 איז ענטשטאַנען די ערשטע קבוצה פון ״גורדוניה״ אויפן נאָמען פון דער מוסטער־פערזענליכקייט א. ד. גורדון, וועלכער האָט געפּרעדיקט פאַר ״דת העבודה״, און זיין לאָזונג איז געווען ״מיט דער אידעע פון אַרבעט זענען מיר געשלאָגן געוואָרן און מיט דער אידעע פון אַרבעט וועלן מיר געהיילט ווערן״.

די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ״גורדוניה״ זענען געווען: מרדכי מענער מרדכי שערץ הערש ווענדלינגער, הערש מלך שפינדלער, דרעזא קרענצלער הי״ד און יבל״א: מינה שערץ ווערלאַ שערץ, אסתר לוי, סונקה שפינדלער, שלמה ווייס און דער מחבר פון דער דאָזיקער רשימה. עס זענען וואַרשיינלעך געווען נאָך אַנדערע אָבער נאָך אַזאַ לאַנגע צייט איז זיי שווער צו געדענקען. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אסתר און יוסף איינציגער, משה גרין, יוסקה ווייס, שאול רייך חייקע פּייט. פון די אומגעקומענע: די שוועסטערן רעכאַ און אַדעלאַ רייך, אַנדאַ און דולאַ דילער, מאניע פידערער, שיינדל צוקערמאַן,ביילע צימעט, גענקע לאַכמאַן, לאה פינקאַס, שרה אברהם, אסתר רעסלער, סונקה ווילנער הי״ד און אַנדערע.

דער סניף איז געווען פיל מיט הייטערקייט און לעבן און עס האָט זיך אין אים געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. די גרופּן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן לויטן עלטער און עס זענען דאָרט פאָרגעקומען ״שיחות״ און פאָרלעזונגען איבער ציוניזם און די פאַרשידענע שטרעמונגען און אים, אידעאָ־

לאַגיע פון ״גורדוניה״ יידישע געשיכטע, די לאַגע פון די יידן אויף דער וועלט, העברעאישע ליטעראַטור און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט פאַרווירקליכן די ציוניסטישע אידעע און ארץ ישראל.

צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט מען געשטרעבט אויך צו פאַרטיפן די אַלגעמיינע בילדונג פון די חברים. נאָך דער טאָג־טעגליכער ערציערישע און קולטורעלע טעטיקייט האָט זיך געהערט אין דער גאַנצער געגנט אַרום דעם סניף, דאָס זינגען און ״האראַ״ טאַנצן פון דער יוגנט. זומער האָט זיך געפירט אַ גרויסער טייל פון דער טעטיקייט אין דער נאַטור — אין די וועלדלעך און פעלדער אַרום דעם שטעטל.

אונדזער סניף האָט זיך באַטייליקט אין אַלע קרייז טעטיקייטן און צוזאַמענקונפטן פון די ״גורדוניה״ סניפים אַרום. חברים האָבן זיך באַטייליקט אין זומער־קאָלאָניעס און די עלטערע מיטגלידער זענען אַרויסגעפאָרן אויף ״הכשרה״, צו זייער קינפטיקער עליה קיין ארץ ישראל.

די פילזייטיקע טעטיקייט פון אונדזער סניף האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטעטל און פיל יוגנטליכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ״גורדוניה״. עס זענען געווען משפחות וואָס אַלע קינדער האָבן אָנגעהערט צו אונדזער אָרגאַניזאַציע און די עלטערן זענען געווען צופרידן דאָס זייערע קינדער ווערן ערצויגן צו ״אהבת העם והארץ״ און ווערן נישט באַאיינפלוסט פון די לינקע שטרעמונגען וועלכע דערווייטערן די יוגנט פון יידישן פאָלק און פאַרפרעמדן זיי פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

צום באַדויערן זענען פיל יוגנטליכע אין די ארומיקע שטעטלעך אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון די לינקע אַגיטאַטאָרן, האָבן זיך מקריב געווען אויף פרעמדע מזבחות און זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן יידישן פאָלק.

אויך עלטערע, וועלכע האָבן זיך איבערגענומען מיט די אידעען פון דער ״גורדוניה״, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ״התאחדות״ פאַרטיי און האָבן אנטיילגענומען אין פאַרשידענע טעטיקייטן פאַר ״קרן קיימת״ העברעאישע קורסן, א. ז. וו.

כדאי צו באַצייכנען אַז עס זענען געווען חברישע באַציאונגען צווישן ״גורדוניה״ און דער ״השומר הדתי״ באַוועגונג, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דוד רובינפלד ז״ל (געשטאָרבן אין די 30־גער יאָרן). מיר האָבן אָנגעהאַלטן געמיינזאַמע ״פגישות״ און צוזאַמענגעאַרבעט אין פאַרשידענע ציוניסטישע ענינים. עס איז נישט געווען קיין ״קאָנקורענץ״ צווישן דיביידע באַוועגונגען, ווייל די קרייזן פון וועלכע דער ״השומר הדתי״ האָט גענומען זיינע חברים זענען געווען אָרטאָדאָקסישע. אגב אין זייערע אויגן איז אויך דער ״השומר הדתי״ געווען ״אפיקורסים״.

די ״גורדוניה״ איז געווען די דאָמינאַנטעסטע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין שטעטל און האָט אַריינגעבריינגט אינהאַלט אין לעבן פון די חברים און זיי געגעבן אַ האָפנונג פאַר אַ פולער און שענער לעבן אין ארץ ישראל אין דער צוקונפט.

מיט דעם אָנשליסן זיך פון די יידישע שילער פון דער גימנאַזיע, האָט די ״גורדוניה״ באַקומען אַנ־ערנסטע פאַרשטערקערונג. אין דער גרופּע וואָס האָט זיך צוגעשלאָסן זענען געווען: פינקל טייך, יהושע שוועבער, יוסעק לויפער הי״ד, יפה איינציגער און שמואל פידערער ז״ל און יבל״א מאיר באַנק (פינגולד), מושעק זעלנפּרוינד (עמית), משה שוועבער, טוצ׳י פּייט א. א.

אין יאָר 1935 האָט זוכה געווען יוסעק איינציגער, עולה צו זיין דער ערשטער פון די ״גורדוניה״ חברים. נאָך אים האָבן עולה געווען: משה באנק, משה גרין, מינה שערץ, אסתר איינציגער, מושעק זעלנפּרוינד, ווי אויך שמואל פידערער און יפה איינציגער ז״ל.

די מערהייט פון די חלוצים וועלכע האָבן געשטרעבט מיט אַלע כוחות עולה צו זיין, האָבן ליידער נישט זוכה געווען צו פאַרווירקליכן זייער חלום צוליב די באַגרעניצונגען אויף דער עליה, מצד די בריטישע מאַנדאַט רעגירונג.

עס האָט צוואַר צו יענער צייט שוין עגזיסטירט אַנ־אונלעגאַלע עליה, אָבער וואַרשיינליך, זענען אינערהאַלב דעם סניף אין ברעזיוו, נישט געווען די אָרגאַניזאַטאָרישע כוחות און איניציאַטאָרן וואָס זאָלן קענען נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע.

איך האָב פון ארץ ישראל אָפגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן סניף פון ברעזיוו און זיך קאָרעספּאָנדירט מיט אייניקע חברים ביז צום קריגס־אויסברוך. מיט דער אינוואַזיע פון די דייטשע הארדעס קיין פוילן איז זיך אַלץ צופאַלן און די חברים האָבן זיך פאַרשפּרייט אויף אַלע זייטן. אין אויגוסט 1942 איז געקומען דער ביטערער סוף פון די יידן אין שטעטל, בלויז איינצלנע איז געלונגען זיך צו רעטן.

נ. ב.:

די פאָלגענדע חברים פון דער ״גורדוניה״ האָבן זיך גערעטעט פון דער שואה, און זענען געקומען קיין ישראל: שלמה ווייס, מאיר באַנק, אסתר לוי, מאיר ווייס, ישראל פאַרשטענדיק, שאול רייך און שמעון מאַן. אין אַנדערע לענדער געפינען זיך: משה שוועבער, יוסקע ווייס, וועלא שערץ, טוצ׳י פּייט, סונקה שפּינדלער און חייקה פּייט.

ג ע ש ע ט א ל ט ן

חיים באנק (פיינגאלד) / **דער ברעזיווער רב — הרב ר׳ שלום גאבל זצ״ל**



הרב ר׳ שלום גאבל זצ״ל איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ בקי אין ש״ס און אין פוסקים, ער איז אויך געווען באַהאַוונט אין וועלט ענינים, גאָר שארפזיניק, מיט אַ שנעלע תפיסה ווי אויך געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. מען האָט געקענט אויף אים זאָגן תורה וחכמה במקום אחד.

הרב גאבל ז״ל פלעגט אויפנעמען יעדן אַריינקומענדן, בסבר פנים יפות, און אין מוצאי שבת אָדער אַ יומא דפגרא, פלעגן זיך ביי אים אין דער בית־דין שטוב צונויפקומען אַ היבשע צאָל בעלי בתים און גוטע פריינט און פאַרברענגען ביי אַ גלעזל טיי ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט שיחות חולין און סתם מהנהדיקע שמועסן מענינא דיומא.

ער איז געווען אַ נוח לבריות, אָבער ביים אַרויסטראָגן אַ פסק דין אין געשעפטס ענינים האָט ער קיינעם נישט נושא פנים געווען. גויים, וועלכע האָבן געהאַט געלט־סכסוכים מיט יידן פלעגן פארציען צו משפטן זיך ביי רב אנשטאַט אין געריכט. איינער פון די רייכסטע גויים אין שטעטל, סטאַשעק ביעלאַווסקי, וועלכע האָט געפירט בריית־פאַר־צווייגטע עסקים, און געהאַט אויך קאָמפּליצירטע געשעפט־סכסוכים מיט יידן, פלעגט רופן דעם געגנערישן צד צו אַ

דין; תורה צום רב — ווי ער פלעגט זאָגן "כּאַדזשמי דאַ שולימאַ" — "לאָמיר גיין צו שלומין" — ס'הייסט, צום רב.

הרב גאבל ז"ל איז געווען אַ געניטער פסיכאָלאָג און ער האָט מיט זיין שאַרף אויג באַלד דערקענט ווער פון די צדדים טענהט אמת און ווער עס באַנוצט זיך מיט "דרייעכ־צער". ער האָט זיך אויסגעקענט אויף די פאַרשידענע אַדוואָ־קאַטישע "טריקס" און פלעגט זיך טיילמאָל באַנוצן דערמיט.

עס איז געווען אַ פאַל ווען אַ יידישער קאָנפעקציע סוחר האָט "פאַרגעסן" רעשט צוגעבן אַ קריסטלעכן קונה וואָס האָט אים באַצאָלט פאַר אַ מלבוש מיט אַ הונדערטער באַנקנאָט. דער קונה האָט זיך צוריקגעקערט אין געשעפט און פאַר־לאַנגט פונעם סוחר דעם רעשט וואָס איז אים געקומען, אָבער דער סוחר האָט געטענהט, אַז ער האָט אים דעם רעשט געגעבן. דער קונה איז אַרויס אַן־אויפגעקאָכטער און זיך גענומען לויפן צו דער פּאָליציי. אַ צווייטער קריסט האָט אים אָבער געעצהט אָנשטאָט דעם, דאָס ער זאָל דעם ייד רופן צום רב, און אַזוי אַרום אויסמיידן די לאַנגע געריכט־ליכע פּראָצעדור. ווען דער רב האָט אויסגעהערט די טענות פון די צדדים האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צו דעם ייד אויף דעם סוחרישן זשאַרגאָן: "בלאַ" — זאָלסט גאַרנישט "נתנין". ווען דער ייד האָט געענטפערט: "אַ קדחת וועל איך צוריקגעבן" — האָט דער רב גלייך אַ שטרענגן זאָג געטאָן צו דעם שווינדלער: "לייג שוין אַרויף דאָס געלט אויפן טיש!" דער ייד האָט אַ צוטומלטער גענומען דרייען מיט די צונג און געפּרוּווט אויסמיידן די חרפה וואָס ער האָט אויף זיך געבראַכט. עס האָט אָבער גאַרנישט געהאָלפן. דער קונה האָט אויפן אָרט באַקומען אויסגעצאָלט דעם רעשט וואָס האָט אים געהערט.

עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ קריסטליכן בעל־מלאכה, וואָס האָט געהאַט אַ סיכסוך מיט אַ יידישן סוחר און ער האָט דעם סוחר גערופן צום רב. דער פסק דין פון רב איז געווען לטובת דעם קריסט. דער יידישער סוחר האָט נישט מסכים געווען צום פסק און דער בעל מלאכה איז געווען געצוואונגען דעם ייד אָנצוקלאָגן אין געריכט. ווען דער ריכטער האָט געהערט אַז דער סיכסוך איז שוין געברענגט געוואָרן פאַרן רב, האָט ער באַלד געשיקט דעם געריכט־סעקרעטאַר צו הרב גאַבל ז"ל באַפוילן דעם סעקרעטאַר אויפ־צונעמען אַלע פרטים און נאָכהער האָט ער ווערטליך באַ־שטעטיקט דעם רבס פסק דין.

עס דערציילט זיין אייניקל ר' איטשע גאבל פון חולון, דאָס אַלס קינד האָט ער באַמערקט אַז דער זיידע באַמיט זיך "פאַרצודאַווינען" צוערשט אין דער היים איידער ער גייט אין קלויז און שטענדיק ביים מנין ענדיקט ער די שטילע "שמונה עשרה" פריער ווי פיל אַנדערע בעלי בתים. ער האָט געפרעגט דעם זיידן פאַרוואָס ער איילט זיך אַזוי מיטן דאווענען — דער חזן וואַרט דאָך תמיד סיי ווי סיי ביז דער רב ענדיקט די שמונה עשרה. מיין קינד — האָט אים דער זיידע געענטפערט — יידן דאַרפן פרנסה און מען טאָר זיי נישט אויפהאַלטן קיין איבריגע מינוט.

הרב גאַבל זצ"ל וואָס האָט איבערגענומען דאָס רבנות פון זיין פאָטער ר' איסר גאבל ז"ל וועלכער איז געקומען אין שטעטל פון — ליובאשאוו (לובאַטשוב) איז געזעסן אויפן כסא רבנות אין ברעזיוו 54 יאָר. נאָך זיין פטירה האָט זיין אייניקל הרב ר' שמעון גאבל שליט"א (צפת) איבער־גענומען דאָס רבנות אין שטעטל און איז געווען רב ביז צו דער דייטשער אָקופּאַציע.

חיים באנק (פיינגאלד) / **מיין זיידע ר' בעריש גרינבוים ז"ל**

איך געדענק אַלס חדר יינגל, פלעגן מיר קינדער זיך באַרימען מיט אונדזערע זיידעס און יעדעס קינד האָט געהאַט עפּעס באַזונדערס וועגן זיין זיידן צו דערציילן. איינער האָט זיך באַרימט וואָספאַרע שיינע מתנות ער באַקומט פון זיין זיידן, אַ צווייטער האָט דערציילט פון זיין זיידנס חכמה. אַנדערע האָבן זיך געגרויסט מיט די גבורות פון זייערע זיידעס א.ז.וו.

אין תוך גענומען זענען אַלע זיידעס געווען ענליך, ווייל אַלע האָבן געטראָגן דעם זעלבן חסידישן טראַכט, געהאַט גרויע אָדער ווייסע בערד און פיאות, געהוסט און געניסט, געשנאַצט די נאָז אין אַ גרויסער פאַטשיילע און געליטן אויף די זעלבע מיחושן וואָס אַלע זיידעס האָבן געליטן... אין דער הינזיכט איז מיין זיידע נישט געווען קיין אויסנאַם. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען אַן־אייגנשאַפט, וואָס מיין זיידע האָט ליב געהאַט "אויפטוען", און איינע פון זיינע אויפטוען איז געווען אַ קעסאַלע וואָס האָט אָנגעוואָרימט די מקווה. דאָס קעסאַלע האָט עגזיסטירט אין מרחץ ביז צו דער שואה. צוליב די דאָזיקע "ערפינדונג" האָט דער זיידע באַקומען אַ צונאָמען "ר' בעריש מיטן קעסאַלע". נאָך אַ צונאָמען האָט מיין זיידע געהאַט: "ר' בעריש מיטן געפּיל". זיין דעוויז איז געווען, אַז וואָס דער מענטש טוט, סיי בענינים שבין אדם למקום און סיין בין אדם לחברו דאַרף אַלץ געטון ווערן מיט געפּיל...

דער זיידע האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות פון זיין פאַרגאַנגענהייט ווי ער פלעגט פאָרן מיטן בעל עגלה קיין אונגאַרן ברענגען סחורה און אויפן וועג, דורכפאָרנדיק וועלדער זענען אים באַפאַלן וועלף, דאַן האָט מען אויף דער שנעל אָנגעצונדן אַ פייער און די וועלף זענען אַנטלאָפן. אויך פלעגט ער דערציילן מעשיות וועגן רבנים און רביים. צווישן אַנדערע האָט ער דערציילט ווי אַזוי דער בעל שם

טוב האָט משפיע געווען אויף דעם לעגענדאַרן באַנדיט דאָבאָש, ער זאָל נישט טאָן קיין שלעכטס די יידן. מיט יאָרן שפּעטער, זייענדיק אין אַ זומער־קעמפּ איז מיר אויס־געקומען צו מאַכן אַן־אויספלוג צום באַרג "דאבאשאַנקא" וואָס ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם דערמאַנטן באַנדיט. דער באַרג געפונט זיך אין דרום־מזרח גאַליציען, ביי דער רומענישער גרעניץ.

אגב, מיין זיידע איז געווען אַ קרוב פון רבין ר' הערש מלך פון דינאוו, וועלכן מען רופט אויך אויפן נאָמען פון זיין ספר "בני יששכר". דאָס ספר האָט זיך געפונען ביי אים אין שטוב און ער פלעגט אָפט אין אים מעיין זיין. אַ צווייט ספר, וואָס ער פלעגט שטענדיק האָבן אונטער דער האַנט איז געווען דער "דברי חיים" פון זיין באַליבטן רבין, ר' חיים צאַנדזער.

מיין זיידע ר' בעריש איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און נאָך אַלס יונגערמאַן האָט מען אים געוואָלט אויפנעמען אַלס רב אין דינאוו, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט פון כסא־רבנות, נישט וועלנדיק זיין אָפּהענגיק פון קהל און זיינע וזסדים.

אויסער ש"ס און פוסקים איז דער זיידע געווען אַ בקי אין "זוהר" און אַנדערע קבלה ספרים אין וועלכע ער פלעגט שטענדיק עוסק זיין. ער פלעגט אויך מאַכן פאַרשידענע גימטריאות און אויסרעכנונגען פון וועלכע עס פלעגט אַרוסקומען פאַרשידענע וואָרט שפּילן.

אין די צוואַנציקער יאָרן בשעת די וואַלן צום פּוילישן פּאַרלאַמענט (סיים) איז געפירט געוואָרן פון געוויסע קרייזן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגן די ציוניסטישע קאַנדידאַטן און איינער פון די מאָטיוון איז געווען, אַז עס זענען נישט נויטווענדיק קיין יידישע פאָרשטעהער און מען קען זיך אָן זיי באַגיין. מיין זיידע איז געגאַנגען צו ד"ר זעלנפרוינד, דעם פירער פון די ברעזיווער ציוניסטן, און "אויפגעוויזן" אַז יידן מוזן זיין אין "סיים" דען אויב מען נעמט אַרויס פון וואָרט "סיים" די "יידן" בלייבט — סם"...

ד"ר זעלנפרוינד האָט זיך באַנוצט מיט דעם וואָרטשפּיל בעת זיינע אויפטריטן לטובת די ציוניסטישע קאַנדידאַטן. אויך די ציוניסטישע טאָג צייטונג "היינט" האָט געברענגט דעם וואָרט־שפּיל אַלס קוריאָז.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, דאָס טראָץ דעם וואָס דער זיידע איז געווען אַן־איבערגעגעבינער צאַנזער חסיד און אַ פאַרערער פון מונקאַטשער רבין — ביידע שאַרפע געגנער פון ציוניזם, איז ער אַליין געווען אַ טרייער ציוניסט אויף זיין שטייגער, און געהאַט אַ וואַרם געפיל פאַר דער אויפבוי־אַרביט פון די חלוצים אין ארץ ישראל און פלעגט פירן וויכוחים אויף דעם געביט מיט די געגנער פון ציוניזם אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

☆

איינע פון די אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען פון די קינדער יאָרן וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, איז געווען דאָס בויען די סוכה. מוצאי יום כיפור נאָכן מקדש זיין די לבנה, ווי נאָר ער האָט עפּעס טועם געווען נאָכן תענית, האָט זיך דער זיידע גלייך גענומען צו דער עבודות הקודש, מקיים צו זיין די מצווה פון אַריינקלאַפּן אַ פלאָקן צו דער סוכה, זאָגנדיק דאַביי "לשם מצוות סוכת שלום" ווי בעתן באַקן שמירה מצות פלעגט מען זאָגן "לשם מצות מצווה".

די ריכטיקע בוי־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעם נעכסטן טאָג און דאָס מיטן גאַנצן קלאַפּער געצייג און טאַרע־ראַם, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין זיידן. ער איז געשטאַנען ווי אַ גרויסער בוי־מייסטער און אַרויס־געגעבן אונדז אייניקלעך זיינע באַפעלן. איך בין געווען דער עלצטער פון די יונגלעך. האָב איך באַקומען דעם ערשטן באַפעל: חיים ברענג די "לאססעס" — דאָס האָט געזאָלט הייסן די ווענטלעך, און גיב מיר שנעל אונטער די זעג, דעם האַמער און דעם "פּוילישן מעטער" (פאַרוואָס "פּוילישן מעטער" און וואָס איז "לאַססעס" — ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג). משה! דו ברענג די טשוועקעס און די וואַסער־וואָג און צוזאַמען מיט מאיר לייבן, לייג צונויף דעם סכך. עטקע־רייזל (אונדזער עלטערע שוועסטער) פאַרגעס נישט אויסצופוצן די סוכה. אין דער "בוי־ארבייט" האָבן זיך אויך באַטייליקט די קינדער פון אונדזער שכן ר' יאנקאַלע רייך ז"ל.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אין ברעזיוו באַוויזן דער ערשטער ראַדיאָ. מיין זיידע איז פון דער ערפינדונג נישט נתפעל געוואָרן. ער האָט מיך צוגערופן און מיר אויפ־געמישט אין דער גמרא וואו עס ווערט דערציילט וועגן אַן־"אַפּאַראַט" וואָס מען הערט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן און ער ווערט אָנגערופן "ראַדיא"... ליידער געדענק איך שוין נישט אין וועלכע גמרא ער האָט דאָס געפונען. (די שטעלע אין דער גמרא, איז, יומא כ'—כ"א. "ת"ר: שלוש קולות הולכין מסוף העולם ועד סופו, ואלה הן: גלגל חמה וכו' ויש אומרים אף "רידייא"...).

ווי דערמאַנט האָבן קינדער זיך באַרימט מיט די גבורות פון די זיידעס. מיין זיידנס גבורה האָט מען געקענט זען ווי ער פלעגט אין מרחץ אַרויפגיין אויף דעם העכסטן טרעפּל פון דער שוויצבאָד און פון די הייסע בריענדע פאַרע אַראָפּ־שרייען צו שמואל זיינוול דעם בעדער: גיס אויף די שטיינער נאָך אַ קענדל וואַסער, ס'איז דאָך אַ קעלט. אויף דעם האָט שמואל זיינוול צוריקגעענפערט: ס'ווייזט אויס אַז ס'איז אין גיהנום אַ פראָסט...

צום סוף ווילך דערמאַנען מיין זיידנס בעל עגלה, אַ פאַלאַק מיטן נאָמין מאַניאַבסקי וואָס האָט זיך יונגוויז גע־שטעלט צום דינסט פון זיידן און איז מיט אים "אויסגעפּאָרן אַ וועלט", ווי דער זיידע פלעגט זאָגן. זיי זענען אָנגעקומען ביז אין די אַרומיקע לענדער אין דעם עסטערייכישן קייזער־טום ווי בעמען (טשעכיע) און אונגאַרן פון וואַנען ער פלעגט ברענגען וויין, קאַלאָניאַל סחורות און אפילו געמיזן.

דער דאָזיקער מאַניאַווסקי, פלעגט צושטעלן דעם זיידן פאַרשידענע פּראָדוקטן, ווי אויך לעבעדיקע עופות און אויך באַזאָרגט ס'הויז מיט האָלץ אויף ווינטער און געליפערט סכך אויף סוכות און ערבות אויף "הושענות". מיין שוועסטער

עטקע הי״ד און איך האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: ״קייזער קעניגליכער האף ליפעראַנט״.

אַ פּאָר חדשים פאַר זיין פטירה, ווען ער איז געלעבן שווער קראַנק, האָט דער זיידע געפרעגט אויב מען קען אים ברענגען אַ דאָקטער פון בערלין. ווען כ׳האָב אים דערמאנט אַז ער פלעגט רופן די דייטשן: ״אַ פאָלק פון רויבער און רוצחים״ (אין די צוואַנציקער יאָרן!) האָט ער מיר געענטפערט אַז דאָס איז ריכטיק, און דערצו זענען זיי שרעקליכע שונאי ישראל, אָבער זיי פאַרמאָגן לײדער די גרעסטע געלערנטע אין דאָקטוירים. אַלץ וואָס זיי מאַכן איז ״פּערפעקט״.

איבער די דייטשע פּערפעקציע האָבן מיר זיך איבער־צייגט אין די יאָרן 1939—45.

דער זיידע איז נפטר געוואָרן אין 1929 אין עלטער פון 83 יאָר.

דער טיפּ זיידע פון אַמאָל איז היינט שוין אַ זעלטנהייט.

מאקס ווילנער ז״ל

געב. 18 דעצ. 1895 אין בזשאָזאָוו, גאַליציע, ביי חסידישע עלטערן. פאָטער — אַ בעל־תפילה.

געלערנט אין חדר גמרא מיט תוספות, געווען אַ משורר ביים פאָטער און אויך ביים שטאָט־חזן. אין דער היים גע־לערנט ביי אַ לערער יידיש, דייטש און פויליש. אין 1908 איז וו. געפאָרן צו זיין פאָטער קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער 6 חדשים געלערנט אין פּאָבליק־סקול און דערנאָך געאַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ. זיינער אַ קוזין, וואָס פלעגט הויבן דעם פאָרהאַנג אין אַ וואָדעוויל־טעאַטער, פלעגט אים אָפט מיטנעמען הינטער די קוליסן און אַזוי אַרום האָט וו. אין 1910 באַקומען די געלעגנהייט צו שפּילן די ״ראָל״ פון אַ פּאָליציאַנט. פון דאַמאָלט אָן שפּילט וו. מיט ״ליבהאָבער״ איבער דער פּראָווינץ.

אין 1917 רעקאָמענדירט אים זיגמונט וויינטרויב צו בעסי טאָמאַשעווסקי אַלס ליבהאָבער־ראָליסט און אין 1918 הויבט ער אָן שפּילן אַלס בוף־קאָמיקער. 7—1922 שפּילט וו. אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

וו. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

(לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער)

☆

מאקס ווילנער ז״ל איז געווען אַ באַקאַנטער אקטיאר אין אַמעריקא, און פלעגט אופטרעטן אין מוזיקאַלישע קאָ־מעדיעס און סצענעס פון אַ לייכטן זשאַנער.

ער איז געקומען קיין אמעריקא מיט זיין פאָטער יהושע יוסט הי״ד, אלס קליין יינגל. די משפחה יוסט, איז געווען מוזיקאַליש און טאַלענטירט אין שפּילן, און אויך זיין ברודער יאסקע יוסט הי״ד פלעגט זיך אויסצייכענען אין דראַמאַטישע ראָלן ביי אַמאַטאָרן אויפטריטן אין שטעטל. באַזונדערס ליגט מיר אין זכרון זיין אויסגעצייכנט שפּילן אַלס ד נ י א ל אין ״על נהרות בבל״.

מאַקס פאָטער, יהושע יוסט, האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן דאָס ״טריפהנע״ אַמעריקאַ און איז צוריק געפאָרן קיין ברעזיוו, איבערלאָזנדיק דעם יונגן מאַקס ביי אַ פעטער מיטן פאַמיליען נאָמען ווילנער. מאַקס האָט דעם נאָמין אֲדאפּטירט און אויפגעגעבן דעם נאָמען יוסט.

מאַקס ווילנער פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכן די מיטינגען פון די ברעזיווער לאַנדסמאַנשאַפט, אויפטרעטן דאָרט מיט פאַרשידענע פּאָפּולערע לידער, נאָכגעמאַכט און געשפּילט ברעזיווער טיפּן אָדער סתם דערציילט וויצן און געמאַכט פרייליך דעם עולם.

מאַקס איז געשטאָרבן אין יאָר 1956 אין ניו־יורק און איז באַערדיקט געוואָרן אויפן בית הקברות ״הר חברון״.

אַלע זיינע נאָנטע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים בשעת דער ליקווידאַציע פון ברעזיווער יודנטום.

חיים באנק

מאַקס ווילנערס באַזוך אין ברעזיוו אין ענדע פון די צוואַנציקער יאָרן, געדענקען מסתמא פיל שטעטישע, און ער איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון אַלס רירענדע איבערלעבונג פון די ווייטע קינדער יאָרן.

מאַקס האָט געבראַכט דעם פאָטער יהושע יוסט ז״ל אַ מתנה — אַ נייעם מאָדערנעם פּאַטעפאָן מיט פּליטן. דער פּאַטעפאָן האָט ארויס גערופן אַ געוואַלדיקע סענסאַציע אין שטעטל, וואָס האָט ביז דאַן געקענט בלויז דעם גרילצנדיקן גראַמאַפאָן מיט דער גרויסער טובע פון אהרן לערנערס שענק און אַ קאַטאַרינקע פון ציגיינער, וועלכע פלעגן אַרומגיין פאַרקויפן מזל צעטלען פאַר אַ פּאָר גראָשן.

צווישן די פּלאַטן זענען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן אַנטהאַלטן פּערזן און גראַמען וואָס מאַקס אַליין האָט מחבר געווען און אין זיי אַביסל געשפּעט פון די חסידים. די ״שאַפּונגען״, האָט דער פאָטער געלאָזט הערן בלויז אין אַ באַגרעניצטן קרייז. מיינסטן פּלאַטן זענען געווען פון באַ־רימטע חזנים, וואָס זייערע נעמען זענען צוואַר געווען באַ־קאַנט אין שטעטל, אָבער קיינער האָט נישט זוכה געווען זיי צו הערן, ווי אַ שטייגער: יאָסעלע ראָזענבלאַט, קוואַרטין, קאָסאָוויצקי א. א.

ווען יהושע יוסט האָט איינגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן און די שטימע פון דעם לעגענדאַרן יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט אָפּ־געהילכט אין געסל, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט קינד און קייט פון דער גאַנצער סביבה און אַלע זענען געשטאַמען פאַרגאַפּט פון דעם גרויסן וואונדער.

אויף אונדז קינדער האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. מיר זענען געשטאַנען אונטערן פענצטער, און פול מיט התפּע־לות, געשלונגען די קלאַנגען וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער זינגענדיקער וואַליזע, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פון אָרט.

בכבודיקע בעלי בתים, זענען אַריינגעבעטן געוואָרן אין שטוב אינווייניק, מ׳האָט זיי דערלאַנגט בענקלעך, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן ביי אַלע שכנים. די זיצפּלעצער זענען באַשטימט געוואָרן לויט דער חשיבות און שטאַנד פון דעם אַריינגעקומענעם, וועלכער איז אויפגערופן געוואָרן מיטן נאָמען ווי ביי אַן־עליה צו דער תורה, נאָר אַנשטאָט ״יעמוד ר׳—״ איז געווען: ״זיצט ר׳—״.

יהושע יוסט, האָט זיך געפילט ווי אַ מחותן, וואָס גיט אויס דעם בן־יחיד, און טראָץ דעם וואָס ער אַליין האָט שוין געהערט צענדליקער מאָל דעם אינהאַלט פון די פּלאַטן, איז ער יעדעסמאָל פונדאָסניי, געשטאַנען ביים פּאַטעפאָן אַ פאַר־כישופטער, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, געבויגן אין דער זייט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אונטער זיך אַזוי אַז די באָרד מיט נאָז זענען געווען אין איין ליניע — האָריזאָנטאַל, מיטגע־זונגען מיט יאָסעלע ראָזענבלאַט מיט גרויס דביקות: אוי רבונו, רבונו, רבונו רבונו, רבונו של עולם, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. אַלע אַרומיקע, גערירט פון די מוזיקאַלישע איבערלעבונגען, האָבן זיך צוגעהערט צו דעם אַנסאַמבל יאָסעלע — יהושע יוסט, ווי זיי בענטשן צוזאַמען טל: ״טל תן, אוי תן טל״... פאַרגעסן עולם ומלואו, און גע־שוועבט אין עולם הנגינה. ביז — דער קריץ פון דער נאָדל ווען די פּליטע האָט זיך געענדיקט, האָט זיי אויפגעוועקט ווי פון אַ זיסן חלום. מען האָט זיך דערמאָנט אַז עס איז היינט אַ פּראָסטער וואכנטאָג און אַלע האָבן זיך גענומען איילן צו דער טיר. דאָס פּובליקום האָט זיך געטוישט, נייע צוהערער זענען אַריינגעקומען און דער חזנות־פעסטיוואַל פון יהושע יוסט האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט.

אברהם לעוויטע

אברהם לעוויטע / יעקאלע ז״ל

יעקאַלען האָבן מיר אַלע געקענט אַלס שמש אין דער סאַדיגורער קלויז און יעדן פרייטיק, ערב יום־טוב און אין יאָרצייטן פון צדיקים, איז ער אַרומגעגאַנגען אין די הייזער פון די מתפּללים און צוזאַמענגענומען ליכט פאַר דער קלויז, אָנצוצינדן פאַרן עמוד ביים דאַווענען און אין די הענגלייכטער.

אַנידריקער, איינגעשרומפּן, מיט אַ שיטערער גרויער באָרד, וואָס איז צוריק שוואַרץ געוואָרן פון טאַבאַק שמעקן, תמיד געוואָרטשעט מיט כעס געגן אַלץ און אַלעמען, ביז ער האָט זיך באַרואיקט פון איין מעשה ליצנות, וואָס די לצים צווישן זיינע בעלי־בתים האָבן אים אָנגעטאָן, האָבן זיי אים שוין אונטערגערוקט נייע קונדיסישע שטיקלעך.

געגאַנגען אָנגעטון אין אַ לאַנגען שוואַרצן אויסגערי־בענעם איבערציער, אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל וואָס האָט געזאָלט הייסן, אַז ער איז אין דינסט און פּילט אויס אַ וויכטיקע מיסיע.

ער האָט געהאַט בלויז איין אויג און דאָסזעלבע אויך זיין ווייב. כדי דער קאָמפּלעט זאָל זיין גאַנץ, האָט מען דער־ציילט אַז זייער קאַץ האָט אויך בלויז איין אויג. כ׳ווייס נישט אויב די מעשה מיט דער קאַץ איז ריכטיק, מעגלעך אַז קיינער האָט נישט געפּרואווט די זאַך נאָכצופאָרשן, כדי די מעשה זאָל נישט פאַרלירן פון איר פּיקאַנטעריע. יעדנ־פאַלס קען מען זיך באַציען דערצו ווי צו אַן־אמתער געשיכטע, לכל הפּחות אין דעם זין, אַז אַזוי האָט מען דערציילט.

אין פריערדיקן דור, איז יעקאַלע געווען אַ ווייבערישער מלמד און אַ מומחה צו לערנען ״עברי״. די יונגע מיידלעך פון דעמלט, וועלכע זענען שוין געווען מוטערס אין אונדזערע

צייטן, האָט ער געלערנט דאַווענען, לייענען אין יידיש די „צאינה וראינה" און „קו הישר". אַזוי ווי די ווייבער אין דער עזרת־נשים, דאַווענען נישט פאַרן עמוד, זענען זיינע לעקציעס געווען גענוג פאַר זיי. דערצו האָט ער אויך געפירט „קורסן" פאַר שרייבן יידיש. ער האָט געלערנט זיינע שילערינס שרייבן אַ „גריסל", וואָס די ווייבער פלעגן צושרייבן צו די בריוו פון די מענער. אויף וויפל דער מאַן איז געווען מער תלמיד־חכם, האָט זיין בריוו אַנטהאַלטן מער ווערטער און זאַצן אין לשון־קודש און פאַרן ווייב איז געבליבן בלויז אַ באַשיידן אָרט צוצוגעבן אַ גריס אין יידיש.

אין די לעצטע יאָרן איז יעקאַלע געווען בלויז אַ שמש, און זיין אַרבעט האָט אַרומגענומען עטליכע געביטן. ער איז געגאַנגען פאַרבעטן אויף חתונות. געדרוקטע איינלאַדונגען וואָס ווערן געשיקט דורך דער פּאָסט, זענען געווען אָנגענומען בלויז לגבי פאַרבעטענע אויסער דער שטאָט. אין שטאָט גופא, איז דער שמש געגאַנגען מיט אַ רשימה פון הויז צו הויז, פאַרבעטן די געסט צו דער חופה און צו דער סעודה נאָך דער חופה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער כלהס הויז און איז געוואָרן צוגעגרייט מיט דער מיטהילף פון די שכנים און משפחה. (חשובע געסט זענען פאַרבעטן געוואָרן דורכן מחותן אַליין אָדער ווער פון הויז געזונט).

יעקאַלע איז אויך געווען דער שמש פון דער „חברה קדישא" און געברענגט זייער „געצייג": דעם „אָרן" די „מיטה" און כלי טהרה צום נפטרס הויז.

ביי אַ לוויה איז יעקאַלע געגאַנגען אין זיין צעריסענעם איבערציער, ביידע פּאָלעס אַריינגעשטעקט אין גאַרטל, דער אויבערשטער טייל פון זיין קערפּער געשטרעקט פאַראויס ווי אַ „ריש", אַן־אייזערנער פּושקע אין זיין האַנט און געשריגן מיט אַ הייזעריק קול: „צדקה תציל ממות!"

ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די ווייבער, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די לוויה, האָבן זיי זיך צונויפגעקנוילט פאַר שרעק, ווי אַ טשאַטע פייגל ווען אַ שפּאַרבער לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיי.

יעקאַלע איז אויך געווען דער פּערזענליכער שמש פון רב, ער האָט אים באַגלייט צו „סידור־קדושין", צו אַ שמחת מצווה און אַנדערע ענליכע געשעענישן. ער איז אויך געווען דער „שליח בית־דין", וואָס האָט צונויפגערופן די צעקריגטע צדדים צו אַ „דין תורה". ווען אַ שווערער בעל דין, האָט געפּרואווט מיט פאַרשידענע תירוצים, זיך אַרויסצודרייען פון צו קומען צו דער דין תורה, איז יעקאַלע געגאַנגען מיט זיין שטעקן ברענגען דעם ווידערשפּעניקן. ווען יענער איז געקומען, האָט דער רב, פאַרשטייט זיך, די זאַך פאַרעכנט פאַר זיין דערגרייכונג — אַז דער בעל דין איז געקומען, ווייל ער האָט נישט געקענט מעיז פנים זיין דעם „מרא דאתרא". דאָס איז געווען אַ טעות פון רבס זייט. נישט דעם רבס אויטאָריטעט, אויף וועלכע יעקאַלע האָט זיך פאַרופן, און נישט דער שטעקן האָבן אָפּגעשראָקן דעם בעל־דין. די סיבה וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַרן רב איז געווען ווייל יעקאַלע האָט אים גערופן.

יעקאַלעס כוח איז באַשטאַנען פון טויט וואָס ער האָט סימבאָליזירט. קוקענדיק אויף דעם פאַרעקשנטן בעל דין מיט זיין איינציג פאַרזשומערט אויג, האָט יענער דערזעען פאַר זיך דעם שליח פון מלאך המות וואָס אָט אָט גייט ער ברענגען זיינע „אינסטרומענטן" — די כלי טהרה, און נעמט זיך מטפל זיין מיט אים, ווייל ער פירט נישט אויס דעם רבס באַפעל.

יעקאַלע איז גלייכצייטיק געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויף די חופה שטאַנגען צוגלייך ווי להבדיל אויף די כלים פון דער „חברה קדישא". אגב, אין דער אָנגענומענער אויפפאַסונג פון דעמאָלט, זענען די צוויי זאַכן געווען ווי אַזוי ס'איז, פאַרבונדן צווישן זיך און ס'איז נישט געווען קיין סתירה צווישן זיי. (כדאי צו דערמאַנען דעם חסידישן דרש אין צוזאַמענהאַנג דערמיט: „ותקח את הצעיף ותתכס — זי האָט גענומען דעם שלייער און זיך פאַרדעקט" — אַ רמז אויף דער חופה, זאָגט רש"י דערויף... כמו ו ת ק ב ר ותשבר...).

אַזוי למשל, ווען די כלה איז געזעסן אין די חופה־קליידער אויף דער שטול באַצירט מיט גרינס און בלומען, האָט דער בדחן זי דערווייל „אַמוזירט" און פאַר איר געשילדערט אין שאַרפע טעכניקאָלאָר פאַרבן — דעם טאָג פון איר טויט, וואָס ווער ווייסט אויב ער שטייט נישט אונטער איר רוקן, און איר דערמאַנט, אַז אויך דאַן, וועט זי זיין אָנגעטון אין ווייסע קליידער. די דרשה, אין גראַמען מיט דעם אַנטשפּרעכענדן ניגון, האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז דאָס אָרעמע מיידל איז אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין, און דאָס האָט זיך גערעכנט אַלס גרויסע הצלחה ביים בדחן.

יעדנפאַלס יעקאַלעס צוויי געגנגעזעצטע אויפגאַבן, זיין שפּילן איינע פון די הויפּט־ראָלן, סיי ביי חתונות און סיי ביי לוויות, האָבן באַזונדערס געפּאַסט צו זיין פיזיאָגנאָמיע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין שיקלדיק אויג, וואָס האָט געצאַפּלט ווי אַ צאַנקענדיק ליכט, און אַ צווייטס אַן־אויסגעלאָשנס וואָס האָט אויסגעזעען ווי אַ צוגעדעקטער גרוב, אַ ליידיק אויסגערויבט קבר.

לצים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט האָבן אַ לייכטן טויט, ווייל ער וועט נישט דאַרפן צומאַכן מער ווי איין אויג.

שווער צו וויסן אויב דאָס איז געווען אַזוי ריכטיק, אָבער היות ווי ער איז נפטר געוואָרן ווען ס'שטעטל האָט נאָך געלעבט זיין נאָרמאַל לעבן, קען מען אָננעמען, אַז ער האָט געהאַט אַ גרינגערן טויט ווי פיל פון זיינע בעלי בתים, וועלכע האָבן זיך אונטערהאַלטן אויף זיין חשבון, בעלי בתים, וועלכע ער האָט ס'גאַנצע לעבן טריי געדינט, אין פרייד און אין טרויער.

אברהם לעוויטע / ר׳ זלמן שיינבאַך (זלמאַלע) ז״ל

אין דער טאָג־טעגליכער שפּראַך רופט מען מיטן צונאָמען ״בטלן״ אַ ליידיק־גייער, וואָס פאַרבראַכט די צייט מיט גאָר־נישט, און זיינע טעג גייען דורך אָן צו טוען עפּעס ווערט־פולעס.

אַמאָל, אַז מענטשן האָבן אויף עמיצן געזאָגט ״בטלן״, האָבן זיי געמיינט דערמיט, אַז ער איז מ ב ט ל אַלע הבלים פון ״עולם־הזה״, כדי עוסק צו זיין טאָג און נאַכט, אין עפּעס וויכטיקערס — אין עבודת הבורא.

צווישן די שטעטלשע בטלנים אין צווייטן זין, איז זלמן שיינבאַך אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל — זלמאַלע, געווען דער באַקאַנטסטער. זלמאַלע האָט דעם רוב צייט פאַרברענגט אין בית־מדרש, און דאָס קליינע ״שטעטלעכל״, וואָס זיין ווייב האָט אויפגעשטעלט יעדן טאָג פון־דאָסניי אויף דער ״פּאַטשינע״ ביי זייער דירה, האָט זיי מפרנס געווען. דאָס איז געווען די ראַלע־פּאַרטיילונג צווישן זיי.

איינמאָל אין דער וואָך — מאַרק־טאָג — איז ער געווען באַשעפטיקט ביים ווייב אַלס שומר; ווען ס׳ווייב איז געווען פאַרנומען מיט די קונים, איז זלמאַלעס אויפגאַבע געווען, צו היטן מען זאָל נישט גנבענען.

שווער צו זאָגן, אַז דער אנבליק פון זלמאַלען האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די גנבים. ס׳לייגט זיך גיכער אויפן שכל אַז ס׳בידנע שטעלעכל האָט זיי נישט באַזונדערס אנגעלאָקט, און זיי האָבן, מסתמא, געזוכט רענטאַבילערע פעלצער פאַר זייער טעטיקייט.

זלמאַלע, נישט ווי עס איז געווען אָנגענומען אין זיינע קרייזן, האָט זיינערצייט געטריי געדינט דעם קייזער, און האָט זיך נישט געפּרוּווט אַרויסדרייען פון מיליטער־דינסט. ער האָט געהאַלטן, דאָס אָפּנאַרן די מלוכה, פאַר אַ גרויסע עבירה דען עס שטייט געשריבן ״דינא דמלכותא — דינא״. צוליב דעם דאָזיקן צוגאַנג האָט ער געהאַט אַ סכסוך מיט יאָרן שפּעטער, אין פּוילענס צייטן, מיט זיין אייגענעם זון, וועלכער האָט פאַרן שטעלן זיך צו דער מיליטער קאָמיסיע, גענומען זיך ״פּלאָגן״, צוזאַמען מיט זיינע חברים, געפאַסט און נישט געשלאָפן ביינאַכט, כדי מען זאָל זיי נישט ״אַסענטירן״ צו מיליטער.

זלמאַלע איז געווען שטאַרק דאַגעגן דעם פּסולן מנהג; ער אַליין האָט, ווי געזאָגט, געענדיקט געזעצמעסיק זיין מיליטער דינסט, און זיך נישט געפּרוּווט אַרויסדרייען דערפון.

אַהיימקומענדיק פונעם עסטרייכישן מיליטער נאָך דעם קריג, איז זלמאַלע צוריק צו זיין באַשעפטיקונג — תורה ועבודת הבורא. בלויז איין וועג האָבן זיינע פיס געקענט, און זיי האָבן אים געפירט אַהין פון זיך זעלבסט — דאָס איז דער וועג צום בית־מדרש.

באַלד ביים גיין אין בית־מדרש, האָט זלמאַלע מסיח־דעת געווען פון אַלע ״דברים בטלים״ אַרום, און מכוון געווען זיינע מחשבות צו תפילה טוען, שוין פון דעם מאָמענט ווען ער איז אַרויס פון שטוב.

מען האָט דערציילט פון אים אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט גלייך נאָכן פאַלן פון דעם עסטרייכישן רעזשים, ווען די פּאָליאַקן פון שטעטל האָבן אויסגענוצט די הפקר־צייט, און גענומען ראַבעווען יידיש האָב און גוטס.

די גאַס איז געווען שוואַרץ פון אנגעלאָפענע, צעיושעטע כוליגאַנעס, וואָס זענען אַרויס פון די פאָרשטעט און די אַרומיקע דערפער, און אָנגעפאַלן אויף די יידישע געוועלבער ווי הארדעס וועלף, דערפילענדיק דעם ריח פון רויב.

ווילדע געשרייען, קלעפּ פון העק און אייזערנע שטאַנגען, אויפברעכענדיקע טירן און געבראַזג פון שויבן האָבן געקלונגען אין גאַנצן שטעטל, און אָפּגעהילכט אין די הערצער פון די דערשראָקענע, שוצלאָזע יידן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אונטער פאַרהאַקטע טויערן, פאַר פּחד פון די צעווילדעוועטע פּאָגראָמטשיקעס.

זלמאַלע האָט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך. די פאַרשטעקטע יידן האָבן געזעהן דורך די שפּאַרעס פון זייער באַהעלטעניש — ווי זלמאַלע גייט זיך, בנחת. די בעקישע אַרומגערינגלט מיטן גאַרטל, דער תפילין־זאַק אונטערן אָרים, די יאַרמולקע קוקט אַרויס פון אונטערן פאַרוקטן קאַפּעלוש. פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, וויגט ער דעם קאָפּ אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט געפירט אַ וויכוח מיט זיך אַליין, טענהדיק פאַר ביידע צדדים. פּלוצים האָט ער זיך צושמייכלט: ווייסט איס ער האָט געלעזט די מחלוקת מיט זיך זעלבסט, און ס׳איז אים געלונגען שלום צו מאַכן צווישן די געגנגעזעצטע מיינונגען, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט אין זיין מוח. ער האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיינע שריט, און קרייזלנדיק די פּיאות, זיך געגאַנגען זיין וועג לענגאויס דעם טרוטואַר, נישט זעענדיק אַרום זיך.

די רויבער האָבן נאָכגעקוקט פאַרוואונדערט אויף דעם קליינעם, משונהדיקן ייד, וואָס שפּרייזט זיך אַזוי געמיטלעך, נישט פילנדיק וואָס עס פּאַסירט, גלייך ווי דער גאַנצער ענין גייט אים איבערהויפּט נישט אָן. זעענדיק אַז ער האָט נישט בדעה זיי צו שטערן, זענען זיי צוריק צו זייער ״אַרבעט״, און אים נישט געטשעפּעט. הגם דער ייד איז זיי נישט געווען באַקאַנט, האָבן זיי געוואוסט אויף זיכער, אַז ביי אים וועלן זיי נישט געפינען וואָס זיי זוכן. זלמאַלעס אינוועסטיציעס זענען געווען אין אַנדערע סאָרט ווערטזאַכן. ער האָט נישט געקענט קיין צורת מטבע, נישט קיין עסטרייכישע און נישט קיין פּוילישע, ער האָט נישט געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך געביטן, און ער האָט זיך איבערהויפּט נישט באַנוצט מיט זיי. אין זיינע קעשענעס האָט ער געהאַלטן בלויז נוצליכע זאַכן, ווי אַ שטייגער ״אשר יצר״ פּאַפּיר (דען אין די קלאָזעטן אין הויף איז נישט געווען קיין טואַלעט פּאַפּיר), אַ שטיקל שפּאַגאַט — טאָמער וועלן אים אַראָפּפאַלן די הויזן, און צומאָל אויך אַ האַלב קלעצעלע

צוקער, אויב ער וועט, חס וחלילה, פילן האַרץ קלעמעניש — זאָל ער קענען אַריינגיין צום ערשטן בעסטן שכן פון בית־מדרש, און בעטן דאָרט אַביסל זידנדיק וואַסער. כדי אים נישט צו דאַרפן אויסנוצן, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ שטיקל צוקער.

✡

פיל מעשיות זענען אַרומגעגאַנגען אין שטעטל איבער זלמאַלען, איך וויל נאָר דערציילן איין מעשה וואָס כ׳האָב אַליין געהערט פון זיין מויל.

אַ געוויסן שבת זענען די מתפללים אין בית־מדרש, און זלמאַלע צווישן זיי, פאַרבעטן געוואָרן אויף קידוש צו אברהמאַלע קורנפלד. אברהמאַלעס וואוינונג איז געווען רייך מעבלירט; די קאַנאַפּע און שטולן זענען געווען באַצויגן מיט פּלוש, בילדער און גובלענען זענען געהאַנגען אויף די ווענט, טעפּיכער אויסגעשפּרייט אויף דער בריק און שפּיצן־פאָרהאַנגען אויף די פענצטער. זלמאַלע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ פּראַכט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן — האָט ער דערציילט — ס׳איז נישט קיין דירה, ס׳איז אַ קעניג־ליכער פּאַלאַץ. פּלוצים, ווען איך בין אריין אין גרויסן צימער, קומט מיר אַנטקעגן — איר וועט נישט טרעפן ווער — מיין טאַטע, זכרונו לברכה, בכבודו ובעצמו! איך בין אין ערשטן מאָמענט געוואָרן אַביסל איבעראַשט. האָט זיך דען שוין אָנגעפאַנגען „תחית המתים״? אָבער דאָך האָב איך זיך נישט צומישט, און גלייך אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים: „שלום עליכם, טאַטע!״ און ערשט נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט מיר צוריקדערלאַנגט די האַנט, האָב איך באַ־מערקט אַז איך שטיי פאַר אַ גרויסן שפּיגל...

ס׳האָט דערציילט איינער פון די וועלכע פלעגן אים באָרגן פון צייט צו צייט אַ גמילות־חסד: זלמאַלע קומט אַמאָל אַריין צו אים אין געשעפט, שטעלט זיך אַוועק אין ווינקל, כדי נישט צו שטערן די קונים, און שטייט זיך אַזוי פאַרטראַכטערהייט, וואַרטנדיק ביז מען וועט האָבן צייט פאַר אים, און אויסהערן זיין בקשה.

— ברוך הבא ר׳ זלמן, — איר זייט, מסתמא, געקומען נאָך אַ הלוואה. וויפל ברויכט איר? זעכציק זלאָטעס, ווי תמיד? פרעגט דער אייגנטימער.

— אַ יישר כוח אייך — ענטפערט אים זלמאַלע — כ׳בין טאַקע געקומען וועגן אַ „גמילות־חסד״, אָבער דאָסמאָל וועל איך זיך באַגנוגן בלויז מיט צוואַנציק זלאָטעס.

— וואָס האָט פּאַסירט? זייט איר זיך נישט טועה? צוואַנציק זלאָטעס וועלן דאָך נישט קלעקן אויף איינצו־קויפן סחורה!

— אמת, עס איז נישט גענוג — אַזוי זלמאַלע — אָבער וואו שטייט עס געשריבן אַז נאָר איין ייד דאַרף מקיים צו זיין די מצווה פון גמילות חסדים? איך קען מיך דאָך ווענדן צו נאָך צוויי יידן, און לייען ביי יעדן פון זיי צוואַנציק זלאָטעס, און זיי, אויך מזכה זיין מיט אַ גרויסער מצווה...

זלמאַלע איז געווען אַ יודע ספר, אָבער זיין הויפּט ספּעצ־יאַליטעט איז געווען תהילים זאָגן.

זלמאַלעס תהילים זאָגן איז געווען פאַר הנאה וועגן. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסע בקשות צום רבונו של עולם, און איז תמיד געווען אַ שמח בחלקו. ער פלעגט אַרומגיין איבערן בית־המדרש, געהאַלטן מיט איין האַנט ס׳תהילימל פאַרן פּנים, און זיינע לעפצן האָבן געשעפּטשעט, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

שווער געווען צו אונטערשיידן אויב ער לייענט אַרויס פון תהילימל, אָדער ער רעדט אַריין דערין ווי אין אַ מיקראָ־פאָן, מיט וועלכן ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט וועמען אַ נישט געזעענעם, און רעדט מיט אים אַן־אינטים געשפּרעך, פון האַרץ צו האַרץ. צו די געהויבענע און רירענדע תהילים פּסוקים האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן ניגון, און האָט אים אונטערגעברומט מיט געפיל — ס׳געזיכט האָט ביי אים גע־שטראַלט, און ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט געווען אַ שותף צו דוד המלך אין זיין שאַפונג.

די פרייע האַנט האָט ער אויפגעהויבן אַביסל אין דער הויך, געדרייט די פינגער אַהין און צוריק, צום טאַקט פון זיין ניגון. לויט ווי ער האָט מסביר געווען, איז אויף יעדן פינגער זיינעם, געשטאַנען אַ מלאך, און ער, זלמאַלע, האָט די אַלע מלאכים באַטייליקט אין זיין נגינה.

מען קען נישט וויסן אויב זלמאַלע האָט ווירקליך געזעהן די מלאכים, אָדער ער האָט זיי נאָר געפילט אין זיינע פינגער־שפּיצן, יעדנפאַלס, האָט ער עס זיינע פאַרחידושטע צוהערער געגעבן צו פאַרשטיין „על פי שכל״: היות ווי פון יעדער מצווה, וואָס אַ ייד טוט, ווערט באַשאַפן אַ מלאך, און די מלאכים וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון דער מצווה פון זיין תהילים זאָגן, איז דער תהילים זייער יסוד — איז זעלבסט־פאַרשטענדליך אַז זיי באַטייליקן זיך צוזאמען מיט אים, אין זינגען, און האָבן הנאה, כּונקט ווי ער, פון די מתיקות־דיקע פּיוטים.

זלמאַלע האָט נישט געהערט צו קיין שום חסידים גרופּע אין שטעטל. ער האָט געהאַט אַ זעלבסטשטענדיקן צוגאַנג, און איז זיך געגאַנגען מיט זיין וועג; ער איז געווען אַן־אויסגעשפּראָכענער „נאָן־קאָנפאָרמיסט״.

זלמאַלע איז געווען אַן־איבערגעגעבענער ציוניסט, פון די געציילטע צווישן די גאָר פרומע. נישט איינמאָל האָט ער זיך באַטייליקט אין ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, און פלעגט קומען כ׳ תמוז צו דער אזכרה פון ב. ז. הרצל — אַ זעהר געוואַגטע זאַך לגבי אַזאַ ייד ווי ער.

ער האָט זיך, צוואָר, נישט באַטייליקט אין דער קולטור־רעלער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און נישט אָנטיילגענומען אין די טאַנץ־אָוונטן, וואָס זענען דורך איר איינגעאָרדנט געוואָרן, אָבער ביי וואַלן צום פּוילישן פּאַרלאַמענט (סיים), אָדער צו די קהילה וואַלן, איז זלמאַלע געווען אויף דער ווילער ליסטע פון די ציוניסטן אַלס טרייער אָנהענגער, און איז דורך זיי געפירט געוואָרן צו דער קלפּי.

אין געגנזאַץ צו די קנאים, וועלכע האָבן געזעהן אין ציוניזם אַ באַוועגונג פון אַזעלכע וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון תורה און מצוות, און ווילן נישט וואַרטן געדול־

דיק אויף ביאת המשיח, האָט זלמאַלע געטענהט: „משיח צדקנו איז נישט יעקאַלע שמש, און ער איז נישט מחויב צו גיין איבער די הייזער, און קלאַפּן אין די טירן: „זייט אַזוי גוט, ר׳ משה, טוט מיר אַ טובה און קומט מיט מיר קיין ארץ ישראל!״, מען קען אים איינשפּאָרן די דאָזיקע אַרבעט, און ער וועט, אַוודאי, צופרידן זיין צו געפינען אַלע יידן צוזאַמען אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל, און דאָרט וואַרטן אויף אים, ער זאָל קומען און ברענגען מיט זיך די גאולה שלמה״.

אויף דעם געביט זענען פאָרגעקומען פיל וויכוחים אין בית־מדרש. ווי דער שטייגער, האָבן זיך די געמיטער צוהיצט, און יעדער צד האָט זיך געשטיצט אויף באַקאַנטע פסוקים און מאמרי חז״ל, וואָס האָבן געפּאַסט צו זיינע מיינונגען.

„אם ה׳ לא יבנה בית, שווא עמלו בוניו בו״ — אויב ג־ט וועט נישט בויען זיין הויז — אומזיסט וועלן זיך באַמיען די בויער — האָבן געשריגן די עקסטרעמע קעגנער פון ציוניזם, און זיך פאַרופן אויף באַרימטע רבנים און צדיקים, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם ציוניזם, און אים פאָרגעזאָגט אַ שווערן דורכפאַל.

— „אַביסל הפקר יונגען וועלכע זענען געפאָרן קיין ארץ ישראל, וועלן אויפבויען אַ וויסט און חרוב געוואָרן לאַנד? — האָבן זיי געפרעגט.

זלמאַלע האָט זיך נישט באַטייליקט אין וויכוח; ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען מיטן תהילימל אין דער האַנט, ווי זיין שטייגער, און זיך צוגעזונגען זיין ניגון. ער האָט געוואַרט אויף אַ הפסקה אין די קריגערייען, און נאכהער איז ער צוגעגאַנגען צו די, זיך אמפּערענדע צדדים, און פון תהילימל אָנגעהויבן לייענען מיט זיין ניגון:

ישם מדבר לאגם מים,
וארץ ציה למוצאי מים,
ויושב שם רעבים,
ויכוננו עיר מושב,
ויזרעו שדות, ויטעו כרמים,
ויעשו פרי תבואה,
ויברכם וירבו מאד,
ובהמתם לא ימעיט...
יראו ישרים וישמחו,
מי חכם וישמור אלה
ויתבוננו חסדי ד׳...

ער מאַכט אַ מדבר פאַר אַ טייך וואַסער,
און פאַרטרוקנט לאַנד פאַר וואַסער אויסגאַנגען,
און באַזעצט דאָרט הונגעריקע,
וואָס וועלן אויפשטעלן אַ שטאָט, אַ באַזעצטע,
פאַרזייען פעלדער, פאַרפלאַנצן וויינגערטנער,
וואָס וועלן געבן זייער פרוכט.
ער וועט זיי בענטשן און זיי וועלן זיך זעהר מעהרן,
און זייער פי, וועלן נישט פעהלן...
רעכטפארכטיקע וועלן זעהן און זיך פרייען,
ווער עס איז קלוג וועט דאָס געדענקען
און פאַרשטיין ג־טס חסדים...

חיים באנק / **ר׳ יוסף גליקמן און זיין פאמיליע**

ר׳ יוסף גליקמאַן, אָדער ווי מיר האָבן אים געקענט מיטן נאָמען ר׳ יאשע שוחט, איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און פאַרעכנט געוואָרן אין שטעטל אַלס דער צווייטער, נאָכן רב מיט זיינע ידיעות אין תורה.

ר׳ יאשע איז געווען אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע פּער־זענלעכקייט. תמיד באַשיידן, געלאַסן, זיך באַצויגן מיט כבוד צו יעדן מענטש און געפירט זיך לויטן כלל: „טוב תורה עם דרך ארץ״. ער האָט נישט געפּרעדיקט קיין מוסר און נישט געזוכט קיין עבירות ביי אַנדערע, ווי מאַנכע אין זיינע קרייזן האָבן עס געטון. זיין דרך איז געווען צו דינען מיט זיין אייגענע התנהגות אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. זיין הויפּט זאָרג איז געווען, אַז זיין אייגענער וויינגאָרטן זאָל אַרויס־געבן גוטע פירות, און דאָס האָט ער טאַקע דערגרייכט: זיין שטוב איז געווען אַ מוסטער פון יידישן לעבנס־שטייגער, צניעות און לומדות.

איך געדענק זיין גאַנג, וואָס איז תמיד געווען מיט שנעלע טריט, כדי נישט צו פאַרשווענדן די צייט, וועלכע ר׳ יאשע האָט געוואוסט אויסצונוצן אויף חשובע ענינים.

אַלס שוחט, איז ער געווען אויסגעשטאַטעט מיט חלפים פון פאַרשידענעם גרויס און כ׳פלעג אַלס קינד נאָכפאָלגן מיט גרויס נייגער, ווי ר׳ יאשע, נאָכן שאַרפן די חלפים, איז דורכגעגאַנגען מיטן נאגל איבערן שאַרף פון חלף, פּרואוונ־דיק צו ער איז כשר כדין.

זיין ווייב, פריידאַלע ע״ה, איז געווען אַ פּערזענליכקייט אין איר אייגענעם זכות. אירע מעלות און גוטע מידות זענען געווען באַקאַנט פאַר אַלע. תמיד גרייט צו העלפן נויטבאַ־דערפטיקע און אויך שטענדיק געוואוסט וואו די הילף איז נויטיק.

זי האָט זיך פאַרשטאַנען אין פאָלקס רפואות און יונגע און אונערפאַרענע מאַמעס זענען געקומען זיך מיט איר צו בעראַטן און זיך באַנוצט מיט איר רייכע ערפאַרונג. ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן אין שטוב, איז די פאַרזאָרגטע מאַמע באַלד געלאָפן רופן פריידאלען און איר עצה איז תמיד געווען נוצלעך און פאַראַנטוואָרטלעך. זי האָט גוט

געוואוסט צו אונטערשיידן צווישן אַ פֿאַרבײגײענד זיך נישט גוט פֿילן, פֿון אַ קינד ביז אַן־ערנסטן פֿאַל, ווען מען מוז גלייך רופֿן אַ דאָקטער.

אונדזער משפּחה איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ נאָנטער פֿריינטשאַפֿט מיט די גליקמאַן פֿאַמיליע. מיין טאַטע ע״ה האָט געזעהן אין ר׳ יאשען דעם אמתדיקן טיפּ פֿון אַן־ערלעכן רעליגיעזן ייד.

פּורים האָבן אונדזערע משפּחות געשיקט, איינער דעם אַנדערן, ״משלוח מנות״, און פֿון ר׳ יאשען און זיין פֿאַמיליע פֿלעגן מיר באַקומען אַ ״געפֿילטע מילך״, וואָס איך טעם געדענק איך נאָך ביז היינט...

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, דאָס ווען מיין טאַטע ע״ה איז קראַנק געווען אַ לענגערע צייט, איז ר׳ יצחק שליט״א, זיין יונגסטער זון נישט אָפּגעטרעטן פֿון טאַטנס בעט העלפֿנדיק מיט אַלע מעגליכקייטן דעם קראַנקן.

אין די 30־ער יאָרן איז ר׳ יאשע נפֿטר געוואָרן, און די אלמנה, פֿריידאַלע איז געבליבן אין איר הויז צוזאַמען מיט איר טאָכטער עטל און איר מאַן בן־ציון.

איך געדענק די חתונה פֿון ריבטשען, די עלצטע טאָכטער. אַזאַ היימישע יידישע שמחה לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן, בפֿרט דאָס ״מצווה טענצל״, ווען ר׳ יאשע, דער אבי הכלה האָט דערלאַנגט זיין טאָכטער די פֿאַטשיילע און זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם טראַדיציאָנעלן טאַנץ, מיט התלהבות און שמחה. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט צו ר׳ יאשען, וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט פֿאַר אַזאַ מומחהדיקן טענצער...

ליידער האָט דער ביטערער חורבן געטראָפֿן אויך די טייערע משפּחה. אין ברעזיוו זענען אומגעקומען זייער טאָכטער עטל מיט איר מאַן בן־ציון בלייבערג, וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם שווערס שטעל אַלס שוחט. דער זון הענעך־חנוך מיט זיין ווייב צפּורה, קלמן וואָלף ריידס טאָכטער. הענעך האָט געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע און שפּעטער פֿאַרגעזעצט זיין שטודיום אין וואַרשע, וואו ער האָט געוואוינט ביז דער מלחמה.

ער פֿלעגט פֿאַרעפֿנטליכן פֿילאָזאָפֿישע מאמרים אין דער מזרחי צייטונג — ״פֿאָלקס־שטימע״, וועלכע איז ערשינען אין וואַרשע.

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, איז הענעך מיט זיין פֿרוי אַנטלאָפֿן אין דער סאָוויעטישער זאָנע, און נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער צוריק קיין ברעזיוו, וואו ער איז אומגעקומען.

די אַנדערע קינדער מיט זייערע פֿאַמיליעס זענען אומגעקומען אין זייערע וואוין־ערטער. דער איינציק פֿאַרבליבענער פֿון דער פֿאַמיליע, איז ר׳ איטשאַלע, דער חולונער רב, ער זאָל מאריך ימים ושנים זיין.

בעת מיין באַזוך אין ברעזיוו אין יאָר 1979, האָב איך גערעט מיט אַ באַקאַנטער פּוילישער פֿרוי, און זי האָט מיר דערציילט, אַז פֿריידאַלע איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלכן טויט און זי איז נישט געפֿאַלן פֿון די טמאדיקע הענט פֿון די דייטשע בעסטיעס.

פעלא איינציגער / מיין באבע חנה, די פרוי פון מיין זיידן יוסף פענער ז״ל

פֿון פּויליש: **חיים באַנק**

איך זע זי נאָך ווי היינט די אַרבעטזאַמע און שטענדיק פֿאַרהאָרעוועטע באבע מיינע מיט איר פֿאַרזאָרגט פּנים, זאָרגנדיק פֿאַר אַלץ און אַלעמען.

איר פּשוטע קליידונג איז באַשטאַנען פֿון אַן־אַלט לאַנג קלייד אַרומגענומען מיט אַ פֿאַרטוך, און אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל — די טיפּישע קליידונג פֿון אונדזערע באָבעס.

פֿון דער פֿרי ביז אויף דער נאַכט האָט זי כמעט נישט געוואוסט פֿון קיין אָפּרו, די גאַנצע צייט אויף די פֿיס. אַ שטענדיקער טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים נאָכן פֿאַרלירן איר באַליבטן זון — מיין פֿאָטער בערל ז״ל. דעם דאָזיקן טרויער האָט זי תמיד געטראָגן אין האַרצן ביז דעם לעצטן לעבנס טאָג. ס׳איז שווער געווען זי איבערצייגן אָנצוטוען אַ ניי מלבוש, טראָץ די באַמיאונגען פֿון אירע טעכטער, מינא און בלומע. קיינמאָל האָט מען נישט געהערט פֿון איר קיין הויכן לאַך, און זאָגאַר ביי פֿאַמיליען

שמחות האָט איר פּנים געהאַט אַ פֿאַרטראַכטן און פֿאַרשטיינערטן אויסדרוק. איך בין איבערצייגט דאָס זי האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן איר באַליבטן פֿאַרשטאָרבענעם זון און געווייטאָגט דערויף וואָס ער קען זיך נישט באַטייליקן אין דער שמחה. זי האָט זעלטן גערעדט וועגן מיין פֿאָטער און איך געדענק אַלעס וואָס זי האָט וועגן אים דערציילט.

כ׳וועל זיך באַמיען צו ערגענצן די באַשרייבונג פֿון מיין באבע חנה, אויב מ׳קען בכלל שילדערן איר אייגנאַרטיקע פּערזאָן. אַ שטילע און פֿאַרשלאָסענע אין זיך, פֿלעגט זי קוקן אויף מיין ברודער בעני מיט אַ טרויעריקן בליק פֿול צערטליכקייט און אומבאַגרעניצטער געטריישאַפֿט. בעני איז געבוירן נאָכן טאַטנס טויט און ער טראָגט זיין נאָמען.

די באבע איז געווען אַ גוטע נשמה. פֿאַר זיך זעלבסט האָט זי כמעט גאָרנישט געברויכט. זי איז אויפֿגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער און קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין זי איז געגאַנגען און וויפֿל קראַנקע זי

האָט באַזוכט. זי האָט ביי זיי איינגעהייצט דעם אויוון, גע־וואַשן זיי, באַצויגן ריין די בעטן — דאָס איבערצוג האָט זי געברענגט פון איר הויז און אָפּגעקאָכט אַ וואַרימע מאָלצייט. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט שוין געטאָגט. זי האָט אַראָפּ־גענומען פונעם קאָפּ דאָס וואַרעמע טיכל און דעם שאַל וואָס זענען געווען נאָס פון רעגן אָדער שניי. אינצווישן האָט די דינסט איינגעהייצט דעם קאַכל־אויוון און זי האָט אויפ־געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. דער אַראָמאַט פון פריש פאַרבריטע קאַווע האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויז. צוביסלעך זענען זיך צוזאַמענגעקומען דורכגעווייקטע וואַסער טרעגער, אַ שמש און סתם אַן־אַרעמער געפרוירענער ייד וואָס איז געגאַנגען צום דאווענען קלאַפּנדיק מיט די הענט — זיי אַביסל אָנצו־וואַרעמען. מיין באבע האָט זיי אָנגעגאָסן גרויסע טעפּלעך געצוקערטע קאַווע מיט מילך, און צודערלאַנגט אַ שטיקל פּוטער־קוכן אָדער אַן־אייער קיכל — ווייל קיין ברויט האָט מען נישט געטאָרט עסן פאַרן דאַווענען. ווען מיר קינדער זענען אויפגעשטאַנען צו גיין אין שול, האָבן שוין די לעצטע אורחים פאַרלאָזט, זאַטע, ס׳הויז.

דערוואַקסענערהייט, האָב איך פיל געטראַכט דאַוועגן פאַרוואָס די באבע האָט אַזוי ווייניק גערעט וועגן מיין פאָטער, און געטרויערט וועגן אים, שווייגענדיקערהייט, ווי זי וואָלט אַ נדר געטאָן צו לעבן מיטן שמערץ אין האַרצן און אים מיטנעמען מיט זיך ווי אַ סוד אין קבר אַריין. ווי ווייניק האָבן מיר וועגן טאַטן געוואוסט. ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט זי אונדז דערציילט דאָס אונדזער פאָטער איז נישט געווען קיין מפונק, פון עסן האָט ער נישט גע־מאַכט קיין ווזן, קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט און שטענדיק באַדאַנקט נאָכן מאָלצייט. ער איז געווען אַ גוטער מענטש, אַן־ערליכער, אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער מאַמין. ביי זיין לוויה האָט אנטיילגענומען ס׳גאַנצע שטעטל. כ׳פלעג אָפט הערן אַז דער רבונו של עולם האָט פריצייטיג אַוועקגענומען זיין ריינע נשמה כדי זי זאָל נישט פאַרדארבן ווערן אויף דעם עולם השקר.

פון פשוטע מענטשן, פויערן, בעלי עגלות און גויים אפילו, האָב איך פילמאָל געהערט שבחים איבער מיין פאָטער.

בשעת מיין באבע איז קראַנק געוואָרן אויף אַן־אומהייל־באַרער קראַנקייט פון וועלכער זי איז נישט מער אויפגע־שטאַנען, האָב איך פיל געוויינט אין אַ ווינקל. ס׳איז מיר שווער געווען צוצוזען ווי איר קערפּער ווערט פאַרטרוקנט און איינגעשרומפּן פון טאָג צו טאָג. דער געדאַנק, דאָס זי וועט אונדז אין גיכן פאַרלאָזן איז געווען שווער צו פאַר־טראָגן פאַר אַ דרייצן יעריק מיידל, ווי איך בין דאַן געווען. צוליב דעם דערנענטערדיקן אומגליק האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונדז קינדער. איך און מיין ברודער בעני, האָבן זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען און מיט שרעק זיך צוגעקוקט וואָס עס גייט פאָר.

ס׳האָבן געוויינט די אָרימע קראַנקע אַז זייער פאַרזאָר־גערין איז אַוועק פון דער וועלט. וועגן אירע מעשים טובים, גוטהערציקייט און אָנבאַגרעניצטע מסירת נפש האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט נאָך איר פטירה.

מיין ברודער בעני און איך, דערשראָקענע און טרויעריקע, האָבן צום צווייטן מאָל איבערגעלעבט דאָס געפיל פון פאַר־יתומט ווערן.

איצט האָבן מיר שוין געהאַט צוויי קברים אויפן בית הקברות.

זאָלן זיי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.

מאַגיסטער אריה (לושעק) זעלנפרוינד ז״ל

מיר וועלן דאָ דערמאָנען איינעם פון די באַגאַבטע זין פונעם שטעטל, לושעק זעלנפרוינד ז״ל, וועלכער איז טראַגיש



אומגעקומען, נאָך פאַר דער שואה, וועלכע האָט גורם געווען דערצו, אַז מיר האָבן שוין פאַרגעסן פערזענליכע אומגליקן, וואָס האָבן פּאַסירט בעפאַר.

אַן־עילוי — וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן און מען האָט אים פאָרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט אַלס קינפטיקער ציוניסטישער פירער.

בעת זיין שטודירן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט איז ער געווען טעטיק אין די ציוניסטישע אַקאַדעמישע קרייזן און דערמיט פאָרטגעזעצט די טראַדיציע פון זיין זיידן ר׳ שלמה זעלנפרוינד ז״ל פון רימאַנאָוו, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צום 1־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און פון זיין פאָטער, ד״ר שמואל זעלנפרוינד ז״ל, דער מנהיג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטעטל.

געבוירן אין אַ פאַרמעגליך הויז און קיינמאָל נישט געליטן קיין נויט, האָט ער נישט געפּרעדיקט ציוניזם פאַר אַנדערע, נאָר אַליין אים פאַרווירקליכט מיט זיין לעבן און טויט.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די שטודיען אַלס יוריסט, האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און געאַרבעט אין דער "שמן" פאַבריק אין חיפה אַלס פשוטער אַרבייטער.

צען מאָנאַטן נאָך זיין עליה, אין יולי 1935, איז ער אומגעקומען ביי אַן־אַרבעטס־פאַרפאַל אין עלטער פון 24 יאָר.

ווער עס האָט זיך געפונען אין שטעטל, בעת די ביטערע בשורה איז אַהין אָנגעקומען, וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שווערע אויפטרייסלונג וואָס די ידיעה האָט דאָרט אַרויס־גערופן.

דער טרויער האָט אַרומגענומען די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג אין ברעזיוו, און מענטשן פון ווייטע קרייזן, פאָלקס מענטשן, וואָס האָבן אים זאגאר נישט געקענט, האָבן ביטער געוויינט אויף דעם שווערן אומגליק און האָבן אין אים געזען אַ קרבן אויפן מזבח פון אהבת ציון.

מיר ברענגען דאָ ווייטער צוויי אויטענטישע נעקראָלאָגן פון שטעטל פון יענער צייט. איינע פון די אָפּשאַצונגען איבער זיין פערזענליכקייט, וואָס איז ערשינען אין דער ציוניס־טישער פרעסע אין פוילן, בעת דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, ווי אויך אַ שפּעטערע ידיעה איבער דער עפענונג פון אַ ביבליאָטעק אין לאַדזש צו זיין אָנדענק.

דאָס מאַטעריאַל האָבן מיר באַקומען פון זיין פרוי בעלאַ ליפשיץ תבל"א (פון דער היים: גרינבוים) חיפה.

א. ל.

מ. ליבערמאַן / **לעאַ זעלענפרוינד**

— שטריכן —

ער איז נישט געשטאָרבן.

ער איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזער סביבה, ווי אַ יונגער דעמב נאָך אַ שטאַרקן שטורם.

אַט שטייט ער פאַר אונזערע אויגן:

הויך, ברייט, יונג, ענערגישע באַוועגונגען און אַ מוטיקער בליק. ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון לעבן און קאַמפּס־לוסט.

ער האָט אַרום זיך חברים געזאַמלט, מיט זיך מיטגעריסן, צו אַרבעט גערופן.

איז דען אַ וואונדער, אַז אומעטום, וווּ ער האָט געאַרבעט האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען און איז געוואָרן דער אנערקענטער פירנדער חבר.

מיר האָבן אַלעמאָל געפילט: ער איז צווישן אונז דער ערשטער.

אין שווערע מינוטן האָבן פיל פון אונדז מיט בענקשאַפט נאָכגעזאָגט:

אַך, ווען ער וואָלט דאָ יעצט זיין מיט אונז... און ווען פירנדע חברים פון דער פּאַרטיי האָבן אונדז פּאַרוואורפן גע־מאַכט, פלעגן זיי זאָגן: ווען זעלנפרוינד וואָלט געווען — וואָלט אַנדערש געווען...

די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט צוויי עלעמענטן, קעגנזעצלעכע אין זייער מהות און שעפערישע אין זייער פאַראייניקונג.

ער האָט פאַרמאָגט די התלהבות און תמימות פון אַ קינד און די דערפאַרונג און ישוב־הדעת פון אַן אַלטן.

דאָס האָט זיין אַרבעט געגעבן דעם צייכן פון שלמות.

דאָס האָט אים, דעם באַשיידענעם, געשטעלט אין דער שפּיץ

מיר, זיינע יונגע חברים, פלעגן באַוואונדערן מיט וויפל באַגייסטערונג ער פלעגט פּאַנאַנדערוויקלען זיינע פּלענער. און דרך־ארץ צו זיך האָט ער שטענדיק דערוועקט. ערנסט און פאַרזיכטיק ווי אַ מענטש, וואָס האָט הינטער זיך צענטלי־קער יאָרן פון געזעלשאַפטלעכן סטאַזש.

שווער איז דער מצב פון אַן אקאדעמיקער, וועלכער האָט אויף זיין פאַן אויפגעשריבן פערזענלעכע הגשמה און חלוציות.

"סאַלאָן־סאָציאַליסטן, פראַזן־דרעשער" — טראַכטן אָפּט וועגן אונז אַרבעטער. ער האָט די וואַנט פון אומצוטרוי דורכ־געבראָכן.

נישט קיין צייט־פּאַרטרייב, נישט קאַריערע־מאַכעריי, נאָר אַן אינערלעכע נשמה־באַדערפעניש אין זיין געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט געווען.

איך דערמאָן זיך:

1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציע 1933. ער רעדט אויפן טעאַ־טער־פּלאַץ צו די פוילישע אַרבעטער, מיט וועלכע מיר מאַר־שירן צום ערשטן מאָל.

עס איז פאַר אים געווען אַ היסטאָרישע שעה. ער איז דאַן אין דער פּאַרטיי ערשט נתגלה געוואָרן.

"ווער איז ער?" — האָבן אומבאַקאַנטע געפרעגט. מען האָט דערפילט: עס וואַקסט אַ כוח, אַ יונגער מענטש מיט גרויסע מעגלעכקייטן. עס וואַקסט אַ רעפּרעזענטאַנט.

אַ פעיקער יוריסט, מיט אַלע מעגלעכקייטן צו מאַכן שנעל אַ קאַריערע — האָט ער דאָך עס נישט אויסגענוצט.

"איך פאָר קיין א"י" — איז געווען זיין באַשלוס. מיר, זיינע חברים, האָבן אים געוואָלט פאַרהאַלטן דאָ, פאַר דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. ער איז אָבער געבליבן קאָנ־סעקווענט: סאָצ.־ציוניזם הייסט הגשמה, הייסט מקיים זיין די תרי"ג מצוות פון דת־העבודה.

און ער איז געפאָרן קיין א"י.

אַלס אַרבעטער, אויפן פּאָסטן פון הגשמה, איז ער געפאַלן.

לאדזש שטעלט א דענקמאל
דעם חבר זעלנפרוינד

מיט בערך דריטהאַלבן יאָר צוריק איז פון א״י אָנגע־קומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טראַגישן טויט פון ח׳ לאַשעק זעלענפרוינד, וואָס איז געוואָרן געטראָפן ביי דער אַרבעט אין שמן חיפה פון אַן עלעקטרישן שטראָם. די ידיעה האָט באַזונדערס דערשיטערט דעם לאַגער פון אַרב.־א״י אין לאָדזש, ווו ה׳ לאַשעק איז געווען טעטיק אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים פאַר זיין עולה זיין קיין א״י. מיט זיין גאַנצער יוגנט־ענערגיע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג הויפט־זעכלעך אין פועלי־ציון (צ.ס.) און ״פרייהייט״.

אַ גרופע פון זעלענפרוינדס פריינט אין לאָדזש האָט, נאָכן אָנקומען פון דער טרויעריקער ידיעה, באַשלאָסן צו פאַראייביקן לאַשעקס אָנדענק דורך אויפשטעלן אַ ווערק אויף זיין נאָמען. פון פאַרשידענע פלענער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער פּלאַן, פון אַ ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען.

פרייטיק דעם 8־טן ד.ח. איז אין די פרעכטיקע זאַלן פון ״וויזאָ״ פאַרגעקומען די פייערלעכע דערעפנונג פון דער ביבליאָטעק, צו וועלכער עס זענען געקומען עטלעכע הונדערט חברים און געסט, צווישן זיי דער פאָטער פון לאַשעקן, ד״ר שמואל זעלנפרוינד מיט זיין טאָכטער — וועלכע זענען ספעציעל געקומען פון בזשאָזאָוו (גאַליציען) און די עלטערן פון זיין טרייער חברה — ה׳ גרינבוים און פרוי.

אין טיפן שטילשווייגן — וואָס ווערט איבערגעריסן דורך קוים איינגעהאַלטענע געוויינען פון אַלע אָנוועזנדע, ווערן אויסגעהערט די רירנדע ווערטער פון ד״ר זעלנפרוינד.

״אַלס לאַשעקס טאַטע, וואָלט בעסער געווען ווען איך וואָלט דאָ נישט געווען... איך בין דאָ געקומען אַלס חבר פון לאַשעקן, וועלכן איך האָב נישט באַגלייט צו זיין אייביקער רו, כדי אים אָפּצוגעבן כבוד״.

ד״ר זעלנפרוינד דערפילנדיק דעם גרויסן צער וואָס האָט באַהערשט די פאַרזאַמלטע, פאַרענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

״חברים! פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך... שטאַרקט זיך! ווי טיף לאַשעקס טויט האָט מיך נישט דערשלאָגן, בין איך אָבער נישט שוואַך געוואָרן... לאַשעקס טויט האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן און איך האָב געשיקט אַ צווייטן זון קיין א״י אויף זיין אָרט...״

ביי די לעצטע ווערטער איז דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם אויפגעשטאַנען פון די ערטער און מיט אויגן פול מיט טרערן געווירדיקט דעם אָנדענק פון אונזער יינגן אומפאַר־געסלעכן חבר.

צוויי נעקראָלאָגן פון ברעזיוו, ערשינען אין ״היינט״ נאָכן טויט פון לאשעק ז״ל

מיר טרויערן און באַוויינען צוזאַמען מיט ח׳ דר. ש. זעלענפרויד און משפחה דעם טויט פון

ח׳ לאשעק

ליגע פועלי־ציון, העובד, התאחדות און גורדוניה

בזשאָזאָוו.


מיר דריקן אויס אונזער מיטגעפיל דעם ח׳ דר. ש. זעלענפרוינד און משפחה צוליבן טויט פון

ח׳ לאשעק

דר. צבי פעט, משה איינציגער

שואה און חורבן

קבר האחים
של יהודי ברזיב (בז׳וזוב)
אנשים נשים וטף הי״ד
שנרצחו בידי הצוררים ימ״ש
כ״ז באב תש״ב 10.8.1942



ברידער קבר פון די ברעזיווער יידן, מענער פרויען און קינדער הי״ד, וועלכע זענען בעסטיאַליש ערמאָרדעט געוואָרן דורך די ווילדע רוצחים ימ״ש, כ״ז אב תש״ב (10.8.42).

דאָקומענט פוילן

פּראָטאָקאָל פון דעם עדותשאַפט פון ישראל דב ווייץ, ביליץ (ביעלסקא) ביי קאַטאָוויץ

פּראָטאָקאָל פון דעם עדותשאַפט פון ישראל דב ווייץ, ביליץ (ביעלסקא) ביי קאַטאָוויץ געקומען קיין ישראל אין 25.5.1944.

ישראל ווייץ איז געבוירן אין שטעטל באבאוו, מערב גאַליציע און האָט געוואוינט אין קריג ביז צו דער דעפּאָרטאַציע, אין יאַשניצע. צוזאַמען מיט אַלע יוגנטליכע פון ברעזיוו, יאשניצע און די שכנותדיקע דערפער, איז ער געווען אין די לאַגערן פּלאַשאָוו און פּראָקאָטשים. נאָך דעם אַלעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון נאַציישן גיהנום און ער איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1944, בעת די מלחמה איז נאָך געווען אין פולן ברען.

אין דער דאָזיקער צייט זענען שוין די שטעט פון פוילן, ליטע און די אַנדערע אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּא, געווען אויסגעליידיקט פון יידן, אויסער אונגאַרן, וואו די טייוולאָנישע מאָרד־פּלענער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג זענען נאָך געווען אין סטאַדיום פון צוגרייטונג

ווייקס צייגנשאַפט איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער צייט ווען די ידיעות איבער דער מאַסן־פאַרניכטונג פון די יידן אין אָקופּירטן אייראָפּא, זענען פאַרעכנט געוואָרן אַלס שמועות, וועלכע זענען נאָך נישט אָפּיציעל באַשטעטיקט געוואָרן, און פאַר פיל מענטשן אויף דער פרייער וועלט, דערינטער אויך יידן, איז שווער געווען עס צו באַנעמען.

זיין עדות אַנטהאַלט פיל איינצלהייטן, וואָס זענען נאָך געווען פריש אין זיין זכרון, איינצלהייטן, וועלכע מיר האָבן שוין טיילווייז פאַרגעסן, ווען מיר באַמיען זיך צו רעקאָנסטרואירן די אַלע געשעענישן פון דער שוידערליכער תקופה.

ווייקס שילדערונגען באַציען זיך אויך צו די יידן פון דער אומגעבונג פון ברעזיוו, ווי יאַשעניצע און און די אַרומיקע דערפער, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דעם זעלבן יסורים־וועג ווי די ברעזעווער יידן און איין גורל האָט זיי געטראָפן.

דאָס אויסרעכענען די נעמען פון די פאַרשאָלטענע מערדער, וואָס שטערט געוויס דעם היינטיקן לייענער (אגב זייער רשימה איז פיל פאַרקירצט געוואָרן) איז מן־הסתם געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, ווייל די אויפצייכנער האָבן אָנגענומען, אַז דאָס פאַרעפנטליכן די נעמען וועט העלפן קומען אויף די רוצחימס שפּורן.

ווייזט אויס אַז דעמלט האָבן מענטשן בתמימות נאָך געגלויבט, אַז די דייטשע פאַרברעכער וועלן באַשטראָפט ווערן.

דאָס עדות־זאָגן איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער בראָשור. די ״דאָקומענטן איבער די יידן אונטער דער נאַציישער הערשאַפט״, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך הרב ד״ר גוטמאַן, געדרוקט אין תל־אביב אין אָנפאַנג 1945, אין דער דייטשער שפּראַך. דאָס מאַטעריאַל איז איבערגעזעצט פון דייטש און ווערט געברענגט ווי עס איז געשריבן געוואָרן, בלויז מיט קליינע פאַרקירצונגען.

א. ל.

דעקלאַראַציע אונטער א שבועה — נאָטירט אין תל־אביב, דעם 21—22 יוני 1944

אין די נאַכט שעהן צווישן דעם 3־טן און 4־טן אוגוסט 1942, בין איך אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ, פון מיין דעמלטדיקן וואוין־אָרט — יאַשניצע, קראָסנער קרייז. כ׳בין אַלט געווען 23 יאָר. כ׳האָב פאַרלאָזט מיינע טייערע עלטערן — מיין פאָטער יוחנן וואָלף ווייץ, מיין מוטער מירל חיה פון דער היים — געלערנטער, די טאָכטער פון רב פון זאַטאר און יאַשניצע —ביידע אין עלטער פון 50 יאָר, מיין שוועסטער נחמה, איר מאַן שלמה גאָלדשטיין (וועלכער איז שפּעטער געווען מיט מיר אין פּראקאטשים און נאָכדעם געשיקט געוואָרן אַלס קיכער אין ס.ס. לאַגע אין קראקא גראדזעצקי 77 און אין אפּריל 43 איז ער אריבערגעפירט געוואָרן אין יעראזאלימסקי לאַגער), מיין יונגערע שוועסטער מנוחה מינדל וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

אַלע יונגע מענער אין עלטער צווישן 15 און 35 יאָר, וועמענס געזונט צושטאַנד איז געווען אַ צופרידנשטעלנדער — האָבן געזאָלט געשיקט ווערן אין אַן־אַרבעטס־לאַגער.

דער באַגריף פאַרניכטונגס־לאַגער איז אונדז נאָך נישט געווען באַקאַנט, און מיר האָבן אויך נישט געוואוסט, אַז די געבליבענע וועלן אַרויסגעטריבן ווערן. פאַרקערט, מען האָט אונדז געזאָגט, דאָס אונדזער צושטעלן זיך צו דער אַרבעט וועט ערמעגליכן אונדזערע משפחות צו בלייבן אין דער היים און נאָך זעקס וואָכן וועלן מיר זיך צוריקערן צו

אונדזערע פאַמיליעס. מען האָט אונדז געראַטן נישט מיטצונעמען מיט זיך צופיל זאַכן, ווייל מיר וועלן זיך אויפהאַלטן אין די באַראַקן פון דער "ווערמאַכט", וועלכע זענען גוט אויסגעשטאַטעט. ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן, ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן אָדער אַנטלויפן, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

מיר האָבן זיך צוגעשטעלט לויטן באַפעל, איינס אַ זייגער ביינאַכט, אין דער גאַס ביים יודנראַט אין יאַשניצע, דאָרט האָט מען אונדז געציילט — מיר זענען געווען 162 מאַן. מיר זענען געפירט געוואָרן דורכן יודנראַט 16 ק"מ ביז ברעזיוו, אַהין זענען מיר אָנגעקומען אַרום 4.30 אין דער פרי. און מיר זענען גלייך אַריינגעפירט געוואָרן אין הויף פון דער דייטשער שוץ־פּאָליציי.

די ברעזיווער יוגנטליכע זענען שוין גרייט געווען צום מאַרש. אַ שעה שפּעטער זענען אָנגעקומען מיט אויטאָס די געסטאַפּאָ קאָמענדאַנטן פון קראָסנא און יאַסלאָ. דער געסטאַפּאָ קאָמענדאַנט פון קראָסנא, איז שמערצלער, זיינע געהילפן: בעקער און לודוויג פאָן דאַוויו. ראַשוויץ איז דער כיטרער טרויעריק באַרימטער קאָמענדאַנט פון יאַסלאָ, זיינע געהילפן: מאַטעאוס און ראַמאַנס.

ראַמאַנס איז באַשטימט צו רויבן ס'יידישע פאַרמעגן. מיט זיי האָט זיך געפונען אַ ציווילער בעאַמטער פון אַרבייטסאַמט אין יאַסלאָ (יאַשניצע געהערט צו ברעזיוו, ברעזיוו איז קראָסנער קרייז און קראָסנא איז אונטערלעגן יאַסלאָ). די געסטאַפּאָ קאָנטראָלירט די נעמען אויף דער ליסטע. יעדער ווערט אויסגעפאָרשט איבער זיין אַרבעטס־פעאיקייט און אויב די אויגן זענען ביי אים אין אָרדענונג. יאַשניצע איז אַ קליין ארטשאַפט מיט פיל יידן, ווייל מיט זעקס וואָכן צוריק זענען דאָרט קאָנצענטרירט געוואָרן אַלע יידן פון די דערפער און דער אומגעגנט. זיי זענען אָנגעקומען אָהן שום מיטלען. עס זענען נישט געווען קיין ערטער וואו זיי איינצוקוואַטירן, און די לעבנס מיטלען זענען געוואָרן באַגרעניצט ביז צו אַ מינימום. פריער פלעגן די דאָזיקע יידן צושטעלן פּראָוויאַנט פאַרן שטעטל און יעצט איז דער קוואַל פאָלשטענדיק פאַרשטאָפּט געוואָרן. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — אונטערנערונג און אָפּגעשוואַכטקייט און צוליב דעם איז געווען די שטרענגע קאָנטראָל פון דער געסטאַפּאָ. די שוואַכע און אינוואַלידן זענען צוריקגעשיקט געוואָרן אַהיים און דאָס זעלבע מיט די בעלי מלאכות, וועלכע האָבן געאַרבעט איבער 3 יאָר אין זייער פאַך.

דאָס צוריקשיקן די בעלי־מלאכות איז געווען אַ ראַפּינירטער "טריק" מצד די מנוולים, כדי נישט אַרויסצורופן דעם קלענסטן פאַרדאַכט איבער זייערע ריכטיקע כוונות. ווען מיר וואָלטן געוואוסט בלויז אַ טייל פון דער סכנה וואָס האָט די געבליבענע געדראָט, וואָלטן מיר זיך נישט איבערגעגעבן אין זייערע הענט אָהן ווידערשטאַנד.

נאָך דער קאָנטראָל בלייבן מיר 306 פערזאָן צוזאַמען מיט די ברעזעווער יונגעלייט. יעצט האָבן זיי אָנגעהויבן אונדז צו שיקאַנירן. מיר האָבן געמוזט שטופּן 3 שווערע לאַסט־מאַשינען אויף אַ מרחק פון 300 מעטער. די אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין שום אַנדערן צוועק נאָר אונדז צו פּייניקן און צוברעכן אונדזער מוט. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ געבילעריי: אויסשטעלן זיך! לאָס! מיט בייטשן־שמיץ, שטופּן אונדז די געסטאַפּאָ הינט, שנעל אַרויף אויף די לאַסט־מאַשינען. די יידן זענען נישט צום איבערשרייבן. דער יודנראַט אין ברעזיוו באַקומט אַ באַפעל צוצוטיילן יעדן פון אונדז אַ ברויט. די יודנראַט מיטגלידער וואַרפן ס'ברויט אין די אויטאָס — אַלע ווילן כאַפּן. די שטופּעריי איז אַ שרעקליכע. דאָס איז אַ געניאַלער אויפטו פון די נאַצישע מוחות. כדי צו כאַפּן אַ ברויט וועט זיך מאַכן אַ מהומה, איינער וועט שטופּן דעם אַנדערן, צוטרעטן, א.ז.וו.

מיט איינמאָל אַ באַפעל: אָפּשטעלן די ברויט־ליפערונג — "זיי ווילן נישט מער". פאַקטיש ליגן מיר איינער אויפן אַנדערן אויסגעהונגערט און וואַרטן אומזיסט צו קענען כאַפּן אַ שטיקל ברויט.

די אויטאָס הויבן אָן פאָרן שנעל. באַרג אַראָפּ ווערט אונדזער לאַגע קאַטאַסטראָפאַל ממש. קומענדיק צום באַשלוס אַז זיי האָבן מער נישט וואָס צו פאַרלירן, נוצן פיר ברעזיווער יוגנטליכע אויס די געלעגנהייט צו אַ געוואַגט אַנטלויפן. געפונענדיק זיך אויסערהאַלב דעם שטח, וואָס די באַנדיטן קענען זיי זעהן, שפּרינגען די בחורים אַראָפּ פון די אויטאָס און באַהאַלטן זיך אין אַ ראָוו ביים וועג. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן אַז די בחורים זענען צוריק קיין ברעזיוו און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אין משך פון עטליכע טעג ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע און דאַן זענען זיי צוזאַמען מיט די אַנדערע יונגע מענטשן אַוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער.

די אויטאָס האָבן אונדז צוגעפירט ביז צו דער באַנסטאַציע פון דעם קוראָרט איוואָניטש. אויף זייטיקע רעלסן האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט צוויי פאַרשלאָסענע פּי־וואַגאָנען מיט קליינע פענצטערלעך אין דער הויך. מיר זענען געווען 302 מאַן, 151 אין יעדן וואַגאָן. קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט די 4 פעלנדע. אַ הייסער זומער טאָג, די זון איז אין פולן ברען. מיר ליגן ממש איינער אויפן אַנדערן. ס'איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער. אַ שרעקליכער דורשט פּייניקט אונדז. איך בין איינער פון די ווייניקע, וואָס רעדן דייטש און מען קלויבט מיך אויס אַלס פאָרשטייער, איך זאָל זיך ווענדן צום געסטאַפּאָ־שעף ראַשוויץ און אים בעטן מען זאָל אונדז געבן וואַסער און מען זאָל נישט פאַרשליסן די טירן. מיר שלאָגן פאָר דאָס מיר וועלן אויסוועלן צווישן זיך 10 מאַן, וועלכע וועלן האַלטן אָרדנונג און זאָרגן דערפאַר, אַז קיינער זאָל נישט פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. ממילא האָט קיינער נישט געקלערט וועגן אַנטלויפן. אין דער גאַנצער געגנט געפונען זיך נישט קיין יידן און ס'איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט זיך צו רעטן.

איך ווענדע זיך צו ראַשוויצן מיט אונדזערע בקשות. זיין ציניש ענטפער וועגן עפענען די וואַגאָנען, איז געווען: געוויס גלייב איך אייך, אַז איר האָט נישט בדעה צו אַנטלויפן, אָבער עס קען גאָט באַהיט, ווער פון אייך אַראָפּפאַלן פון וואַגאָן און ווער וועט זיין פאַראַנטוואָרטליך דער־

פאַר?... וואָס אַמבאַלאַנגט וואַסער וועגדעט ער זיך צו אַ פאָליציאַנט ער זאָל דערפאַר זאָרגן. דער באַגלייט מיך צו אַ פויער דערנעבן, וועלכער באָרגט מיר צוויי עמערס און איך פיל זיי אָן מיט וואַסער און גיב יעדן וואַגאָן אַנעמער. דער עמער ווערט בליץ שנעל אויסגעלערט און אונטער וואַך גיי איך אַהין און צוריק מיט די עמערס ביז אַלע האָבן געטרונקען. נאָכדעם ווי כ׳האָב צוריקגעגעבן די עמערס בעט איך פון ראַשוויצן, ער זאָל מיר ערלויבן צו קויפן די עמערס, כדי צו נעמען וואַסער אויפן וועג. ער נעמט זיך שרייען: דער מסחר פון די יידן מיט די פוילישע פויערן, געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט! גענוג געפלאַפלט ייד! פאָרווערטס! און ער פאַרשליסט אַליין דעם וואַגאָן און פאַרזיגלט אים.

צוויי שעה שטייען מיר אויף דער סטאַציע, ביז מען שליסט אָן די וואַגאָנען צו אַ לאַסט־צוג. די געסטאַפּאָ הערשער טראָגן זיך אָפּ און פאָליציי נעמט איבער די וואַך איבער די וואַגאָנען. אין די ערשטע שעהן פון דעם אויגוסט פרימאָרגן, האָט זיך נאָך נישט געפילט די שרעקליכע היץ אין אונדזער תפיסה, אָבער מיטאָג־צייט ווערט אונדזער לאַגע אונערטרעגליך.

אויף די סטאַציעס, וועלכע מיר פאָרן פאַרביי בעטן מיר זיך מיט תחנונים: וואַסער! וואַסער! אָבער אומזיסט. אין וואַגאָן שאַפן זיך צוויי לאַגערן: איין טייל פאַרלאַנגט דורכאויס אויפצוברעכן די טיר מיט כוח און אַרויסשפרינגען. די אַנדערע וואָרענען, אַז דאָס באַדייט אַ זיכערער טויט. זיי טענהן, אַז מען דאַרף וואַרטן און זעהן וואָס ס׳וועט פאַסירן אין לאַגער. צום לעצטן וועג איז נאָך צייט. די דאָזיקע גרופּע, צו וועלכע אויך איך געהער, איז די מערהייט און וואָרנט, נישט צו צעשפּליטערן די כוחות. מיר קענען נישט וויסן, וואָס עס פּאַסירט מיט אונדזערע ברידער אין צווייטן וואַגאָן.

נאָכמיטאָג ווערט די לאַגע נאָך שווערער. פיל חלשן און ס׳איז נישטאָ קיין הילף. נישטאָ וואו צו מאַכן די באַדערפעניש. די לופט איז פאַרפעסטעט. די צאָל פאַרחלשטע שטייגט די גאַנצע צייט. מיר זענען צונויפגעפרעסט ווי די הערינג ליגנדיק איינער אויפן אַנדערן. מען פרואווט אויפהויבן די פאַרחלשטע, צו די פענצטערלעך זיי זאָלן קענען אָטעמען. נעבן מיר ליגט אַ בחור, משה פיינגאָלד (געמיינט זיין ברודער, מאיר), דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער יוגנט אין ברעזיוו. ער איז פאַרשמאַכט און איך קען אים נישט העלפן. היות ווי מיר אַלע האָבן זיך אויסגעטון צוליב דער שרעקליכער היץ, נעם איך אַ העמד און האַלט עס ביים פענצטערל דער ווינט זאָל עס אָפקילן און פרואוו אים דערמיט אַביסל אויפרישן. ער דערמונטערט זיך אַביסל און זאָגט: פאַרוואָס פייניקסטו מיך און לאָזט מיך נישט שטאַרבן?

אין די דאָזיקע שרעקליכע באַדינגונגען, פאָרן מיר אַ גאַנצן טאָג ביז 8 אָוונט ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער סטאַציע קראקע־פּלאַשאוו. דאָרט קומט אַ באַפעל, זיך גרייטן אויסצושטייגן. מיר טוען זיך אָן, אָבער עס שטייט אונדז נאָך פאַר צו ליידן די שווערע שטיקענדע לופט נאָך 3 שעה און די גרויזאַמסטע, ווייל דער צוג שטייט. זייער ציל איז אונדז צו פייניקן און אויך פאַרמיידן פון די מענטשן אַרום אונדז צו זעהן. די פאָליציי־וואַך ווערט פאַרשטאַרקט מיט הילף פון די ס.ס. און מיר באַקומען אַ באַפעל אַרויסצונעמען די טויטע און האַלב־טויטע און זיי אַוועקלייגן ביי די רעלסן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער איז נישט געשטאָרבן, נאָר 15 מאַן געפונען זיך אָהן באַוועגונג פאַרחלשטע אין אַ שווערן צושטאַנד 30 מאַן פון אונדז דאַרפן זיך שטעלן און יעדע פּאָר, מוז טראָגן איין פאַרחלשטן אין לאַגער אַריין. ס׳איז שוין האַלבע נאַכט, מען ברענגט אונדז קיין פּראקאַטשים, אַ דאָרף ביי פּלאַשאוו.

די גאַנצע צייט הערן מיר שיסן, כדי אונדז אָפּצושרעקן און פאַרמיידן ס׳אַנטלויפן.

מען ברענגט אונדז ביז צו די באַראַקן אין לאַגער און מען גיט אונדז איבער אין די וועכטערס הענט. מיר ווערן אַריינגעדרוקט אין אַ נישט אויסגעענדיקטן באַראַק, דער דאַך איז אָפן. מיט אַ טאָג פריער איז געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן און די פּאָדלאָגע איז פול וואַסער. נאָך דעם שרעקליכן וועג מוזן מיר זיך אויסלייגן אויף דער נאַסער ערד. מיר בעטן זיך אַ שלוק וואַסער, מיר באַקומען אַן־אָפּזאָג: יידן טאָרן נישט אַרויסגיין אין מיטן דער נאַכט!

זעקס אין דער פרי וועקט מען אונדז אויף פון אַ בליי‏ערנעם שלאָף. אויפן אָרט וואו מיר געפינען זיך איז טעטיק די פירמע "יאָזעף קלוג" — האָך אונד טיפבאַו — רעגנסבורג. זייער הויפט אַרבעט איז, בויען שאָסייען און פאַרלייגן באַןליניען. די אַרבייטס־לייטער קומען אונדז נעמען צו דער אַרבעט. אויפן לערן מאָגן מאַרשירן מיר ביז ביעזשאַנאָוו — אַ מרחק פון 14 קילאָמעטער, און אונטער דער אויפזיכט פון באַוואָפנטע וועכטער הייבן מיר אָן אַרבעטן.

אין דער מיטאָג־פּויזע, וואָס דויערט אַ האַלבע שעה, באַקומען מיר אַ שיטערע געמיזע־זופּ און דערמיט אַרבעטן מיר ביז 7 אָוונט, נאָכדעם מאַרשירן מיר צוריק אונטער וואַך צו אונדזערע באַראַקן.

דעם 6־טן אויגוסט קומען די אויפזעער פון נאָך צוויי פירמעס — "סטואַג" און "אמבי שרעדער" און אויך זיי קלויבן זיך אויס אַרבייטער. אין דער פירמע סטואַג האָבן מיר זיך געטראָפן מיט רימאַנאָווער יידן, וועלכע זענען געבערענגט געוואָרן מיט דריי טעג פריער. דאָרט איז דער רעזשים געוועזן נאָך אַ שווערערער, ווייל דער לאַגער־פירער איז געוועזן אַ פּשוטער סאַדיסט.

דער אַרבעטס־טאָג הייבט זיך אָן 3 אַזייגער אין דער פרי מיט אַ געשריי: "אויפשטיין!" נאָך 5 מינוט מוזן מיר זיך שטעלן. מען באַקומט וואַרם וואַסער וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אונדזערע חברים, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען אַ שעה פריער. 3.30 מוזן מיר שוין זיין גרייט אַרויסצומאַרשירן.

די לאַגער־וועכטער אויף ראָווערן באַגלייטן אונדז און מיר קומען אָן צו דער אַרבעטס־שטעלע, נאָך 5 אַזייגער. די אַרבעט דויערט ביז 7 אָוונט., מיט אַ פּאוזע פון 30 מינוט צו עסן די זופּ. נאָך אַזאַ אַרבעטס־טאָג, מוזן מיר, הונגעריקע

און אויסגעמאַטערטע, צוריקגיין 14 ק״מ און אַרום 9.15 זענען מיר צוריק אין בלאָק. יעדער באַקומט 200 גר׳ ברויט און 50 גר׳ מאַרמעלאַד. אַ האַלבע פּאָרציע עסן מיר גלייך אויף ליגנדיק אויף די ברעטער, און די אַנדערע העלפט באַהאַלטן מיר אויף פרישטיק.

ביינאַכט טאָרן מיר נישט פאַרלאָזן דעם באַראַק און טאָרן נישט גיין אין קלאָזעט. צומאָרגנס האָבן מיר געזעהן ביים באַראַק, צוויי פון אונדזערע מענטשן, ליגן דערשאָסענע, ווייל זיי זענען אַרויסגעגאַנגען ביינאַכט טוען זייערע באַדער־פענישן.

דער וועכטער קלערט אונדז אויף: ״די צוויי האָבן געוואָלט אַנטלויפן, דעריבער זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. ווער עס וויל אַרויסגיין ביינאַכט מוז זיך אויסטון אינגאַנצן נאַקעט״. דאָס דערוויסן מיר זיך ערשט איצט נאָכדעם ווי צוויי פון אונדזערע האָבן באַצאָלט מיטן לעבן.

די אָפּגעשוואַכטע פון וועג זענען דערווייל צו זיך געקומען און זענען שוין אַרויס צו דער אַרבעט. בלויז 4 פון זיי גע־פינען זיך נאָך אין אַ שווערן צושטאַנד אָהן מעדיצינישע הילף. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז די וואָס זענען אַ לענ־גערע צייט קראַנק ווערן אַרויסגעפירט צום טויט.

איך גיי דעריבער צום לאַגער־פירער, קלאַפּ אין דער טיר און גיי אַריין אַ געבויגענער אין זיין צימער. ער כאַפּט מיך אָפּ ביים קאָלנער, גיט מיר מיט דער פויסט אין פּנים און וואַרפט מיך אַרויס, זאָגנדיק דערביי: אויב אַ ייד וויל מיט מיר רעדן, איז נאָר פון דרויסן 3 טריט פון מיין פענצטער! איך טו ווי ער האָט מיר באַפוילן, שטיי און בעט ביי אים ער זאָל מיר, מיט נאָך צוויי חברים, ערלויבן ברענגען די קראַנקע אין יידישן שפּיטאָל פון געטאָ קראַקע (צו יענער צייט האָט נאָך עקזיסטירט דאָס געטאָ אין קראַקע־פּאָדגורזש. עס איז ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן אין מערץ 1943).

ער ערלויבט עס מיר, מיטן באַדינג, אַז די שפּעזן זאָלן מיר באַצאָלן. ער שיקט מיט מיר אַ וועכטער צו אַ פויער אין דער סביבה און איך דינג אים מיט אַ פערד און וואָגן צו פירן די קראַנקע. איך באַקום אַ פּאַסיר־שיין פון לאַגער־פירער: ״עס ווערט ערלויבט די יידן ישראל ווייץ, נטע בעלזער און דוד נאַדלשטעכער צו פאָרן אין יידישן געטאָ מיט די קראַנקע: משה שטראָספעלד, חיים בוקסבוים, מרדכי זולטיג און סאַלקע ליפּינער. די ערלויבעניש איז גילטיק פון 3 ביז 6 אין 9.8 42. מיר נעמען די קראַנקע אין שפּיטאָל. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן אַלע טראַגיש געענדיקט. חיים בוקסבוים איז אַראָפּ פון זינען, מרדכי זולטיג איז נאָך 10 טעג געשטאָרבן, און די אַנדערע צוויי זענען צוריקגעשיקט געוואָרן אין לאַגער, דאָרט זענען זיי באַלד אומגעקומען.

מיר, די 3 באַגלייטער, זענען פאַרבליבן אומלעגאַל אין געטאָ, דאָרט האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט מאיר ראַט, וועלכער האָט פאַר אונדז אַרויסגעקריגן ערלויבענישן אויף 3 טאָג צו פאָרן מיט דער באַן ביז יאַשניצע כדי דאָרט צו קויפן מאַטעריאַל פאַר די באַרשטן־ווערק פון דער ״ווערמאַכט״. אַביסל געלט פאַר דער רייזע, האָבן מיר באַקומען פון אונ־דזערע קרובים, וועלכע האָבן זיך נאָך דאָ געפונען אין געטאָ. די רעשט סומע, האָבן מיר ערגענצט דורכן פאַרקויפן אונדזערע מענטל.

אַ דאַנק די ערלויבענישן האָבן די פּוילישע פּאָליציי געעפנט פאַר אונדז די געטאָ טויערן און מיר זענען געגאַנגען צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט זענען מיר עטליכע מאָל קאָנ־טראָלירט געוואָרן דורך די ס.ס. וואַך. מיר האָבן געקויפט בילעטן, זענען אַרויף אויף דער באַן און אַרויס אין וועג.

פאַר דער סטאַציע פון באכניע, אַ 50 ק״מ פון קראַקע, האָט אַ פּוילישע פויערטע פון יאַשניצע דערקענט דוד נאַדל־שטעכער און אים געפרעגט וואוהין ער פאָרט. דוד האָט איר געענטפערט: אַהיים קיין יאַשניצע. דערויף האָט זי אים געזאָגט: דיין פאָרן איז אומזיסט, דען ביינאַכט האָט מען דעפּאָרטירט אַלע יידן פון יאַשניצע און יעדער ייד וואָס וועט זיך געפינען דאָרט, וועט גלייך דערשאָסן ווערן.

מיר איבעררייסן אונדזער נסיעה, גייען אַראָפּ אין באכניע, כדי זיך טעלעפאָניש צו פאַרשטענדיקן מיט יאַשניצע, אויב די זאַך איז ריכטיק. מען פאַרבינדעט אונדז צוואַר מיט דער פּאָסט אָבער דער בעאַמטער זאָגט אונדז, אַז עס איז נישט ערלויבט צו רעדן איבער די געשעענישן אין יאַשניצע, ספּעציעל נישט, מיט יידן.

דאָס אומגליק איז קלאָר. מיר בלייבן צוויי טעג אין באכניע, וואו עס געפינט זיך נאָך אַ יידישע קהילה. קיין יאַשניצע האָבן מיר מער נישט, נאָך וואָס צו פאָרן און צוריק אין געטאָ איז מער נישט מעגליך. אין באכניע טאָרן מיר אויך נישט בלייבן, ווייל מיר האָבן נישט קיין אויפנהאַלטס־שיין. מיר כאַפּן זיך, אַז אַלץ איז פאַרלוירן און מיר זענען אויס־געשטעלט אויף אַ טויט־געפאַר.

דוד נאַדלשטעכער, וועלכער איז איבערצייגט, אַז זיין פאַמיליע באַהאַלט זיך ביי אַ קריסט, באַשליסט פאָרטצוזעצן די רייזע מיט זיין פּאַסיר־שיין ביז דער סטאַציע איוואַניטש. איך האָב אים געגעבן מיין לעצט געלט, און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. בעלזער און איך באַהאַלטן זיך אויס אין באכניע אין משך פון עטליכע טעג און וואַרטן צו באַקומען אַ ידיעה פון דוד נאַדלשטעכער.

נאָך 4 טעג האָבן מיר באַקומען פון דודן אַ גענויען בריוו פון אַ קריסטליכער אַדרעס, אַז ער געפינט זיך ביי דעם פויער מיט וועלכן ער האָט אָפּגעמאַכט דאַוועגן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק.

ווי נאָר זיין פרוי האָט זיך דערוואוסט וועגן דער בעפאָר־שטייענדע ליקווידאַציע האָט זי זיך איינגעשטעלט און איז מיט די קינדער — אַ 3־יעריק מיידאַלע און אַ צווילינג פון 9 חדשים — אַנטלאָפן אין מיטן דער נאַכט צו דעם פויער. די מוטער און שוויגער זענען נישט געוועזן אומשטאַנד צו מאַכן דעם שווערן וועג אין די שרעקליכע אומשטענדן און זענען פאַרבליבן אויפן אָרט.

ער איז אָנגעקומען צום פויער דירעקט פון דער באַן. ער ראַט אונדז נישט צו קומען. די געפאַר איז גרויס און ביים פויער איז נישטאָ קיין אָרט פאַר מער.

נאָכדעם בעשרייבט ער אונדז, מיט אַלע פּרטים די פאַר־

ניכטונג פון די יאַשניצער יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביינאַכט צווישן דעם 10־טן און 11־טן אויגוסט 1942, כ״ח אב תש״ב און האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג צומאָרגנס.

ביינאַכט זענען אונערוואַרטעט ערשינען די געסטאַפּאָ מערדער פון קראסנא און יאַסלא מיט דעם שוין דערמאַנטן אויסווארף ראַשוויץ, באַגלייט מיט אַ מאַסע ס.ס. לייט און פּאָליציי און האָבן געברענגט מיט זיך אַ גרויסע צאָל לאַסט־אויטאָס. דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די באַוואָפנטע רוצחים. די אָפיצירן זענען אַריין אין בנין פון יודנראַט און פאַרלאַנגט, אַז אַלע יידישע איינוואוינער פון שטעטל זאָלן זיך גלייך שטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ.

מען האָט נישט ערלויבט צו שטעלן קיין פראַגן נאָר גלייך אויספירן דעם באַפעל. נאָך אַ קורצע ווייל, האָבן זיך געשטעלט אויפן אָרט אַלע יידן, פון אַלטע לייט ביז זויגלינגע. אַלע נעמען זענען קאָנטראָלירט געוואָרן לויט אַ ליסטע.

כדי אָפּצונאַרן די אומגליקליכע און פאַרמאַסקירן זייער טייוולאָנישן פּלאַן און כדי צו פאַרלייכטערן פאַר זיך דעם רויב פון דעם יידישן פאַרמעגן, האָט דער טייוול ״ברייטהערציק״ מודיע געוועזן: יעדער פאַמיליע ווערט ערלויבט צו שיקן איין פאָרשטעער, וועלכער זאָל אין משך פון אַ שעה איינפּאַקן און ברענגען פון הויז 10 ק״ג חפצים פער קאָפּ, איינשליסלעך קליידער און עסנוואַרג.

ווען דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט און ס׳האָט אָנגעהובן טאָגן, האָט די געסטאַפּאָ באַפוילן זיך צו שטעלן אויף די קניען יעדער ביי זיין פּעקל, מיט די הענט אונטערן רוקן ביז עס וועט געמאַכט ווערן אַ רעוויזיע אין אַלע יידישע הייזער און אויך ביי די גוישע שכנים צו זעהן אויב ס׳האָט זיך נישט ווער באַהאַלטן. ווער ס׳וועט אויפהויבן דעם קאָפּ וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

דאָס האָט געדויערט ביז מיטאָג און עס זענען שוין געוועזן ביז דעמלט עטליכע קרבנות. נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע.

ערשטע ריי: מוטער מיט זויגלינגע און קליינע קינדער וועלכע קענען נאָך נישט גיין.

צווייטע ריי: קינדער ביז 14 יאָר.

דריטע ריי: אַלטע לייט.

פירטע ריי: מענער און פרויען אין מיטעלן עלטער און די בעלי מלאכהס וועלכע זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון ברעזיוו.

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. די מוטערס מיט די פּיצלעך קינדער, זענען אויסגעטרעטן און זענען באַלד אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן בית הקברות. דאָרט איז שוין געוועזן אָנגעגרייט אַ גרויסער גרוב, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך פּוילישע צוואַנגס־אַרבייטער פון קראסנא. די קעפּלעך פון די עופהלעך זענען דורך די בעסטיאַלישע רוצחים צעשמעטערט געוואָרן אויף די ביימער און זיי האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין גרוב פאַר די מוטערס אויגן.

די צווייטע רייע מיט די גרעסערע קינדער זענען מיט מכות רצח אַריינגעטריבן געוואָרן אין גרוב און זענען ערמאָרדעט געוואָרן מיט מאַשין געווער. די פרויען זענען געצוואונגען געוועזן זיך אויסצוטון און אַזוי זענען זיי געטריבן געוואָרן אין קבר.

די אַלטע זענען געצוואונגען געוואָרן זיך צו שטעלן ביים ראַנד פון גרוב און די בעסטיעס האָבן געשאָסן אין זייערע קניען, נאָכדעם זענען זיי אַריינגעפאַלן אין גרוב לעבעדיקערהייט, און צוגעדעקט געוואָרן מיט ערד.

נאָך דעם זעלבן טאָג דעם 10.8.42 איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויפן זעלבן אופן די אַקציע אין ברעזיוו. אין די מיטאָג־שעהן האָט מען געזעהן אין יאַשניצע דורכפאָרן לאַסט־אויטאָס אָנגעלאָדנט מיט יידן, מענער און פרויען אין מיטעלן עלטער, פון ברעזיוו. אין דער זעלבער צייט האָבן די יאַשעניצער יידן נאָך נישט געוואוסט וואוהין מען פירט די אומגליקליכע און וואָס עס פּאַסירט מיט די וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט אויפן אָרט — די מוטערס מיט די קינדער און די זקנים.

(באַמערקונג פון י. ווייץ: כדי צו שילדערן די שרעקליכע געשעענישן איז נישטאָ אין דער מענטשליכער שפּראַך קיין פּאַסענדע ווערטער. ווען נישט דאָס וואָס איך האָב שפּעטער אין נאָוועמבער 1942, זיך צוגעזעען אין באכניע צו די זעלבע געשעענישן וואָלט איך, אויך נישט געקענט גלויבן, אַז אַזעלכע גרויל־טאַטן קענען פּאַסירן; פּונקט אַזוי ווי ביז היינט זענען דאָ פיל מענטשן וועלכע האָבן עס נישט איבערגעלעבט און זיי קענען נישט גלויבן אַז עס איז מעגלעך געוועזן).

די מענער און פרויען וועלכע זענען אויפגעלאָדנט אויף די לאַסט־מאַשינען, זענען אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע אין קראסנא, דאָרט צונויפגעפּרעסטע אין וואַגאָנען, האָבן זיי געוואַרט צוויי טעג, אָהן עסן און אָהן וואַסער ביז עס האָבן זיך געענדיקט די אַקציעס אויך אין קראסנא, רימאַנאָוו, דוקלע און קאַרטשין. נאָכדעם זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער, בעלזשעץ.

אַ באַזונדערע ״בעהאַנדלונג״ האָט באַקומען אין יאַשעניצע, דער הויפּט פון ״יודנראט״ — דוד יהושע זיכערמאַן, זיין פרוי און זייער פינף יעריק מיידאַלע (זיין זון משה, 23 יאָר אַלט — איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס לאַגער).

די באַנדיטן ראַשוויץ, מאטעאוס און ראמענס זענען געוועזן ״בני־בית״ ביי זיכערמאַנען, און פלעגן זיך ביי אים גוט אָנפרעסן און אָנזויפן. ראַשוויץ האָט זיך ספּעציעל פאָרגעשטעלט אַלס ״גוטער פריינד״.

בשעת דער ליקווידאַציע האָט ער איבערגעלאָזט זיכערמאַנען און זיין משפחה אין הויז. נאָכדעם ווי ער האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע רוצחים געענדיקט דעם מאַסן מאָרד, איז ראשוויץ געקומען צו זיכערמאַנען אַהיים, האָט אַלע אַרויסגערופן אין הויף, באַפוילן זיי זאָלן זיך אויסטון נאַקעט און זיי דערשאָסן.

איצט איז פאַר אונדז געוועזן קלאָר, אַז מיר קענען נישט בלייבן מער אין באכניע. מיר באַשליסן צוריקצוגיין אין איינעם פון די לאַגערן ביי קראקע. אונדזער קרוב, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַרבעטס־קליידער, דעם ווייסן באַנד מיטן מגן־דוד האָבן

מיר אַריינגעשטעקט אין טאַש כדי זיך צו באַנוצן מיט אים בעתן אַריינגיין אין לאַגער. מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן ביז קראָקע־פּראָקאָטשים און זיך אויסבאַהאַלטן נישט ווייט פון דער אַרבעטס־שטעלע פון דער פירמע "אמבי שרעדער" פון ביעזשאַנאָוו.

פאַרנאַכט ווען די אַרבייט האָט זיך געענדיקט און די צוואַנגס־אַרבייטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין די רייען, צוריקצוגיין אין לאַגער, האָבן מיר אָנגעטאָן די אָרעם־בענדער זיך צוגעשלאָסן צו דער גרופּע און מאַרשירט מיט זיי צוזאַמען, נישט אַרויסרופנדיק אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די וועכטער. דער לאַגער־פירער האָט אונדז נישט געקענט ווייל מיר האָבן פריער געאַרבעט ביי אַ צווייטער פירמע. מיר האָבן דערציילט אונדזערע חברים, וואָס עס האָט מיט אונדז פּאַסירט און די אַלע ידיעות וואָס מיר האָבן באַקומען פון דוד נאַדעלשטעכער. מען קען זיך פאָרשטעלן דעם ביטערן איינדרוק וואָס די "בשורות" האָבן געמאַכט אויף זיי. נאָר דער געדאַנק וועגן נקמה האָט געגעבן כוח צו לעבן אין די דאָזיקע שרעקליכע באַדינגונגען.

כדי אָנגענומען צו ווערן אין לאַגער, האָבן מיר זיך געשטעלט פאַרן לאַגער־פירער און אים געמאָלדן אַז מיר געהערן צו די יונגע בעלי מלאכהס, וועלכע מען האָט צוריקגעשיקט פון ברעזיוו קיין יאַשעניצע, און נאָך דער "אויסזידלונג", האָט דער געסטאַפּאָ שעף אויבערשטורמפירער ראַשוויץ, אונדז באַפוילן זיך צו שטעלן אין ביעזשאַנאָוו ביי דער פירמע "אמבי שרעדער", וואו אונדזערע חברים געפינען זיך. אַלס "באַווייז" נעם איך אַרויס מיין צייגניש אַלס טעקסטיל טעכניקער און וועבער. ער פילט זיך גאָר געהויבן פון דעם כבוד מיט וועלכן דער גרויסער קאָמענדאַנט באַציט זיך צו אים, און זאָגט מיר: אייגענטלעך נויטיק איך מיך נישט מער אין קיין יידן צו דער אַרבעט, אָבער מיר וועלן שוין עפּעס מאַכן — דו בלייבסט ביי מיר און דער אַנדערער גייט אַריבער צו דער פירמע "שטואג".

די אַרבייטער וועלכע האָבן געאַרבעט אין ביעזשאַנאוו האָט מען איינקוואַטירט אין דעם לאַגער אין פּראָקאָטשים און די פּראָקאָטשימער אַרבייטער האָט מען געפירט קיין ביעזשאַנאוו — כדי צו פייניקן די מענטשן מיט אַ מאַרש פון 14 ק"מ צוויי מאָל אַ טאָג. די זעלבע זאַך איז געווען מיט די וועלכע האָבן געאַרבייט אין פּלאַשאוו.

פיל פון די געברענגטע זענען אומגעקומען; טייל פון קראַנקהייטן (טיפוס), אַנדערע פון די הענט פון די אוקראַאינישע שומרים אונטער דער אָנפירונג פון ס.ס. אויבערשטורמפירער האַנס מילער, וועלכער האָט זיך געפונען אין פּלאַשאָווער לאַגער און אונטער וועלכן אויך אונדזערע לאַגערן זענען געווען אונטערלעגן. גאַנץ אָפט פלעגט מילער ערשיינען אין לאַגער און דורכגעפירט אַ "קאָנטראָל". עס איז נישט געווען קיין קאָנטראָל אָהן קרבנות.

צוליב נישט־דערנערונג און אַלגעמיינע שוואַכקייט, זענען פיל געבליבן ליגן אויף די פּריטשן און נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. מילער האָט פאַראָרדנט, דאָס ווער עס וועט פעלן 3 טאָג פון דער אַרבעט, וועט דערשאָסן ווערן.

אין יעדן לאַגער האָבן זיך צוואַר געפונען איין יידישער דאָקטאָר און צוויי סאַניטאַרן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט העלפן ווייל ס'זענען איבערהויפּט נישט געווען קיין מעדיקאַמענטן. אין לאַגער איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט זיך צו וואַשן, און ס'איז אויך נישט געווען קיין קראַן מיט טרונק וואַסער. איינמאָל אין דער וואָך, זונטיק נאָכמיטאָג, האָט מען אונדז געפירט אין געטאָ אַריין, דאָרט האָבן מיר זיך געוואַשן און מען האָט אונדז געמאַכט אַ דיזענפעקציע. דערנאָך האָבן מיר באַקומען אַן־אָפיציעלע באַשטעטיקונג אַז מיר זענען ריין.

איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז כ'וועל ממילא נישט אויסהאַלטן אין לאַגער און האָב געפּרואווט ס'צווייטע מאָל צו אַנטלויפן. זונטיק נאָכן וואַשן זיך, בין איך נישט צוריק אין לאַגער און געבליבן אין געטאָ. אין משך פון די 12 טעג וואָס איך האָב זיך דאָרט געפונען, זענען ליקווידירט געוואָרן אַלע יידישע קהילות אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס זענען געוואָרן "יודענריין" לויט דער נאַצישער טערמינאָלאָגיע. דערווייל זענען נאָך געבליבן די איינגעשרומפּענע געטאָס אין קראָקע, באָכניע, טאַרנע, ריישע און פּשעמישל.

אין געטאָ באָכניע איז פאָרגעקומען אַן־אַקציע דעם 28־טן אויגוסט און בלויז אַ קליינע צאָל אַרבייטס פעאיקע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן. די געבליבענע האָבן באַקומען ספּעציעלע באַשטעטיקונגען פון דער געסטאַפּאָ, אַז זיי זענען נאָך דערווייל נוצלעך. די באַשטעטיקונגען האָבן געטראָגן דעם זיגל פון דעם קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי — דיסטריקט קראַקאוו.

ווי כ'האָב שוין דערמאַנט בין איך מער נישט צוריק אין לאַגער. כ'האָב באַלד איינגעזעהן, אַז איך קען זיך נישט אַרומדרייען אָהן דאָקומענטן. דורך די שליחים פון לאַגער, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אין געטאָ צו ערלעדיקן פאַרשידענע ענינים — בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מיינע חברים. איינער פון זיי, יצחק גראָסמאַן פון יאַשעניצע, האָט אַרויסבאַקומען פאַר מיר די נויטיקע באַשטעטיקונג. ער האָט זיך געווענדעט צום לאַגער־פירער מיט אַ פאָרשלאַג, דאָס ער וויל צוריקפאָרן קיין באָכניע כדי צו ברענגען פון דאָרט פאַר זיך און פאַר די אַנדערע, אַרבייטס־קליידער און וועש און דאָס וועט פאַרבעסערן די סאַניטאַרע באַדינגונגען. דער לאַגער־פירער האָט מסכים געווען און אָליין אויסגעפילט די ערלויבעניש, וועלכע איז אויסגעשטעלט געוואָרן, לויט גראָסמאַנס בקשה, אויפן נאָמען: ישראל ווייץ.

אין 4־טן סעפּטעמבער בין איך אָנגעקומען קיין באָכניע. דאָרט האָב איך זיך געווענדעט צום יודענראַט מיט אַ בקשה מען זאָל מיך צושליסן צו אַ וועלכע עס איז אַרבייטס גרופּע, כדי איך זאָל זיך קענען דאָרט אויפהאַלטן. זיי וואַרפן אָפּ מיין בקשה, ווייל זיי דאַרפן קודם "לעגאַליזירן" די יידן וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בעת דער אַקציע.

אייניקע טעג געפין איך זיך דאָרט אומלעגאַל און אָהן שום אויסזיכטן. צום סוף געלונגט מיר דאָך צו באַקומען אַלס פאַך־אַרבייטער, דעם געוואונטשטן דאָקומענט מיט דעם סטעמפּל פון דער געסטאַפּאָ. נאָך דעם זעלבן טאָג ווער איך

געשיקט מיט נאָך 15 מאַן צו דער פירמע ״וואלטער״. דער אַרבייטס־פּלאַץ געפינט זיך 12 ק״מ ווייט, אין אַן־אַמוניציע מאַגאַזין. דאָרט אַרבעטן 280 יידן, אַלע פּאַקן די אַמוניציע אין קאַסטנס און לאָדענען זיי אויף, אין וואַגאָנען. מיר פאַרנעמען זיך דערווייל מיט אויפשטעלן אַ פּלויט פון בעטאָן אַרום אַ ריזיקן פּלאַץ.

אין אַ געוויסן טאָג, קומט אָן דער געסטאַפּאָ־שעף שומבורג, און פאַרלאַנגט אַ ליסטע פון בעלי מלאכהס וואָס זאָלן אַרבעטן ביי אים, אין Z.F.H. — ״צענטראַל שטעלע פאַר האַנדלס עקספּעדיציע״. איך ווער צוגעטיילט צו דער גרופּע אַלס וועבער. מען פירט מיך אַריבער קיין באכניע און ביז צום בויען אַ וועבעריי, אַרבעט איך דערווייל ביים אויפשטעלן אַ פּלויט אַרום דעם געטאָ. אַ וואָך שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקליכע מאָרד אַקציע אין באכניע. ביינאַכט איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך ס.ס., שוצפּאָליציי, זשאַנדארמעריע און זאָנדערדינסט (מערדער גרופּן האָבן נישט געפעלט), קיינער איז נישט אַרויס צו דער אַרבעט. ס׳זענען אָנגעקומען די הויפּט־רוצחים: שעף פון קראקאווער דיסטריקט ד״ר שער, פּאָליציי קאָמענדאַנט אויבערשטורמבאַנפירער ד״ר שערנער, וויצע קאָמענדאַנט גרוסקופּ א.א. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן דער אויבענדערמאנטער שומבורג פון באכניע און דער אָרטיקער פּאָליציי שעף ליפּמן. צו ערשט איז אַרעסטירט געוואָרן דער יודנראַט.

די וואָס האָבן געאַרבעט אין דער האַנדלס־עקספּעדיציע־שטעלע און אין די וואַרשטאַטן צו פאַריכטן וואַגאָנען, זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו זייערע אַרבייטס־שטעלן. אין דער צייט ווען מען האָט זיי געפירט אונטער פּאָליציי־וואַך זענען די מערדער אַריינגעדרונגען אין געטאָ. דער בלוט־שפּיל וואָס מיר האָבן שוין געקענט פון יאַשעניצע און אַנדערע שטעטלעך חזערט זיך איבער. פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון זוויגלינגע ביז גרייזגרויע. 76 אַרעסטאַנטן פון ווייסניף תפיסה, (זייער זינד: קויפן ברויט אָהן קאַרטן אָדער פאַרגעסן אָנצוטון דעם אָרעם־באַנד) ווערן דערשאָסן אין מיטן דער גאַס. די קראַנקע וועלכע האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל — ווערן דערמאָרדעט אין די בעטן, און דערנאָך האָבן זיי געשאָסן אַלע קראַנקע שוועסטער. די הויפּט מערדער זענען געווען די דייטשע פּאָליציי אין באכניע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דער געביידע פון דער ״האַנדלס עקספּעדיציע״ זענען שוין דערגאַנגען צו אונדזערע אויערן. אָפּקלאַנגען פון דער שיסעריי אין געטאָ, די בלוטיקע אַקציע האָט געדויערט פון מיטאָג צייט ביז צומאָרגנס פאַרנאַכט. דאַן זענען אָנגעקומען ד דייטשע פּאָליציי און אונדז אַריבערגעפירט אין געטאָ צו באַגראָבן די דערמאָרדעטע. מיר האָבן געפונען אויפגעבראָכענע און אויסגערויבטע הייזער פול מיט בלוט און מענטשלעכע איברים. אויף צומאָרגנס פירט מען מיך אַריבער מיט אַ גרופּע אַרבייטער, אַריינצוברענגען אָרדנונג אין שפּיטאָל, אַוועקצונעמען די טויטע, אָפּוואַשן די ווענט, בריקן, טירן און די בעטן, וואָס זענען באַדעקט מיט בלוט. די איבערגעבליבענע יידן ווערן אַריינגעפירט אין אַ לאַגער וועלכער רופט זיך אָפּיציעל: ״צוואַנגס־אַרב־יטס־לאַגער פאַר יידן, דיסטריקט קראקאוו, אָפּטיילונג באכניע״.

נאָך דער נאָוועמבער אַקציע באַקומען אַלע געבליבענע יידן אַ ווייס שטיקל לייוונט פון 7 × 7 ס״מ מיט דעם בוכשטאַב R וואָס באַדייטעט געווער־פּראָדוקציע ווי אויך אַ לויפנדען נומער מיט אַ סטעמפּל פון דער זיכערהייטס פּאָליציי אין קראקע. דאָס האָט מען געמוזט טראָגן אויף דער ברוסט. די זעלבע פאַראָרדנונגען ווערן איינגעפירט אין די לאַגערן קראקע־יעראזאלימסקה, טארנאוו, ריישע און פשעמישל.

אין די לאַגערן ביי קראקע האָבן אונדזערע חברים געליטן פון אַ שרעקליכן הונגער — מיר האָבן אויסגעפועלט אַנערלויבעניש צו נעמען פון דעם ריזיקן מעל־לאַגער וואָס איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אין די בעקערייען פון די ערמאָרדעטע יידן און עס איז אונדז געלונגען צו שיקן עטלעכע הונדערט ברויט־לאַבנס אַ וואָך קיין פּלאַשאוו, וואו עס געפינען זיך אויך אונדזערע שטעטישע. עס געלונגט אונדז אויך צו שיקן אַהין אַביסל קליידער און מעדיקאַמענטן. נאָך אַ קורצער צייט ווערן די זענדונגען פאַרבאָטן. אויך די פּאָסט צו אונדז ווערט אָפּגעשטעלט, און מיר זענען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון דער וועלט.

שלמה גרייבער, וועמענס פרוי און קינדער זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער אַקציע, געלונגט עס צו אַנטלויפן, און ער געפינט זיך יעצט אויף אַ זיכער אָרט. איך קען נישט איבערגעבן קיין פּרטים דאַוועגן (דאָס עדותשאַפט איז געגעבן געוואָרן אין יאָר 1944 — די רעד.).

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די 25,000 יידן אין קראקאווער געטאָ איז פאָרגעקומען אין מערץ 1943 און איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די זעלבע בעסטיאַלישע רוצחים. אומגעפער 7000 אַרבייטס פעאיקע מענער און פרויען ווערן אַריבערגעפירט אין דעם לאַגער אויף דער יעראזאלימסקא גאַס. די מצבות פון דעם בית הקברות, וואָס געפינט זיך דאָרט, ווערן אַוועקגענומען, און אויף זייער אָרט ווערן אויפגעשטעלט באַראַקן.

דער ס.ס. שטורמפירער געט, ווערט באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון לאַגער. איך האָב דעם אויסוואורף געקענט נאָך פון פריער. ער איז מיר איינגעקריצט אין זכרון ווי אַ טיראַן פון ערגסטן סאָרט. ער איז די פאַרקערפּערונג פון דעם נאַצישן טיפּ — אַ שיינע פאַרפּאַקונג וועלכע באַהאַלט אונטער זיך אַ שמוציקע סאַדיסטישע בעסטיע. טאָג טעגלעך מאָרדעט ער אַליין מיט זיינע הענט, יידישע אַרבייטער. דאָס פאַרשאַפט אים ס׳גרעסטע פאַרגעניגן. כדי צו באַגראָבן די קרבנות אויף אַ שנעלן אויפן, געלונגט עס אים צו באַקומען אַ ״באַגער״. ער שטעלט צוזאַמען אַן־אַרקעסטער פון יידן, וועלכע מוזן שפּילן נאָך יעדן מאָרד־אַקט.

☆

נאָך דער ליקווידאַציע פון קראקאווער געטאָ, ווערט מיין פאַרצווייגטע משפּחה איינגעשרומפּן און עס בלייבן פון איר נאָר מיין טאַטנס שוועסטער נחמה מיט אירע דריי טעכטער. איר מאַן יצחק איז דערמאָרדעט געוואָרן מיט אַ חודש צוריק

און זי מיט די טעכטער, זענען אַריבער אין לאַגער אויף דער יעראַזאַלימסקאַ.

איר עלצטע טאָכטער אסתר ווייץ און איר חברטע זאַלץ,ביידע 19 יאָר אַלט, קענען מער נישט אַריבערטראָגן די שרעקליכע באַדינגונגען אין לאַגער און מאַכן אַ פּרואוו צו אַנטלויפן. מען האָט זיי געכאַפּט און גלייך פאַראורטיילט צו הענגען. אַלע אַרבייטער מוזן זיך שטעלן אַרום דער תליה. די מוטער און די צוויי שוועסטערן זענען געצוואונגען צו שטיין דאַבּיי. געט אַליין האָט דורכגעפירט דעם מאָרד. מיט שטאָלץ, וואָס האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג, זענען די צוויי מיידלעך געגאַנגען צום עשאַפאָט. געט האָט אָנגעטון דעם שטריק אויף זייער האַלדז. ווען אסתר ווייץ איז אויפ־געהאַנגען געוואָרן דורך דעם אוקראַינער, איז דעם שיינעם און אַנטוויקלטן מיידל געלונגען זיך צו באַפרייען פון שטריק און זי איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. די ליידן פון דער מוטער און שוועסטער וואָס האָבן זיך געמוזט צו דעם צוקוקן, זענען געווען אומבאַשרייבלעך. דער דייטשער ״העלד״ איז גאַנץ צעווילדעוועט געוואָרן — ער האָט גענומען טרעטן זי מיט די פיס, שלאָגן מיט דער בייטש — ביז איר גאַנצער קערפּער איז געוואָרן שוואַרץ. זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין קרעכץ. דערנאָך האָט ער מיט זיין פאַרשאַלטענער האַנט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און זי דערשאָסן. איר חברטע, זאַלץ איז געוואָרן אויפגעהאַנגען, און דער ״באַגער״ האָט אַריינגעשטופּט ביידע קערפּער אין אַ גרוב ביים באַראַק. די ליידן פון די געבליבענע האָבן ווייטער געדויערט. דער אַר־קעסטער האָט באַקומען אַ באַפעל צו שפּילן.

דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון אַן־עד ראיה — אליעזר פרענקל, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דאָרט און אָנגעקומען קיין באַכניע. ער האָט אונדז אויך געבערענגט ידיעות פון די 302 מענטשן פון ברעזיווו און יאשעניצע, וועלכע זענען געבערענגט געוואָרן אין אָנפאַנג אויגוסט 1942. ביז אַפּריל 1943 זענען 96 אויסגעשטאָרבן פון קראַנקהייטן (טיפוס) און 67 זענען דערשאָסן געוואָרן.

אין אַפּריל זענען די לאַגערן פון פלאשאוו, פּראָקאָטשים, ביעזשאַנאָוו און אויך די אַרבייטער פון אמוניציע לאַגער, געבערענגט געוואָרן אין די באַראַקן פון יערוזאַלימסקאַ — בסך הכל זענען דאָרט געווען 13,000 יידן. אין די לעצטע ידיעה וואָס איז אָנגעקומען קיין בודאַפּעסט אין אָקטאָבער 1943, ווערט אָנגעגעבן אַז די צאָל געבליבענע איז 6,000.

ערב פסח דעם 7־טן אַפּריל 1944 ווערט אָוועקגענומען פון די לעצטע יידן אַלע ווערט־זאַכן און מען לאָזט זיי איבער בלויז איין אַנצוג, צוויי העמדער, צוויי פּאָר זאָקן און איין פּאָר שיך. אויף דעם אויבערמלבוש איז אויסגעמאָלן אַ גרוי־סער געלער קוואַדראַט, וואָס גייט נישט אַרויס אין וואַשן, כדי צו מאַכן אונמעגלעך דאָס אַנטלויפן.

געט איז נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט קאָמענדאַנט פון אַלע 5 לאַגערן אין דיסטריקט (יעראַזאַלימסקה, טאַרנע, ריישע, באכניע און פשעמישל). זיין נידערטרעכטיקייט און בלוט־דורשטקייט האָבן נישט קיין גרענעץ. צוליב זיינע פאַרשי־דענע המצאות ווי צו פייניקן יידן, האָט ער אַוואַנסירט אין זיין ״פאַך״.

☆

מיר זענען געוואויר געוואָרן אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ טאָטאַלע ליקווידאַציע. 3 חברים און איך, באַשליסן ווידער צו אַנטלויפן. די 3 זענען די ברידער דוד און וואלף האכ־בערגער פון בוקאווע און לייב גראסמאַן פון קראָקע.

לויטן פּלאַן, זאָלן מיר פאָרן מיט אַ לאַסט־אויטאָ פון דער פירמע ״אסט־ענערגיע״, ביז צו דער סלאָוואַקישער גרע־נעץ צו ברענגען פון דאָרטן טעלעפאָן סלופּעס.

נאָכן מאַכן די געהעריקע צוגרייטונגען, אַנטלויפן מיר דעם 21.8.43 מיטאָג־צייט. מיט די דאָקומענטן וואָס טראָגן דעם עמבלעם פון דער פירמע און מיט דעם בולטן בוכ־שטאַב R גייען מיר אַ דורך די קאָנטראָל. מיט אונדז פאָרט אַ רוטענער פון שניאַטניצע און פאַר 2000 זלאָטעס פאַר יעדן פערזאָן, זאָל ער אונדז אַריבערפירן די סלאָוואַקישע גרענעץ.

אויפן וועג, 90 ק״מ פון דער גרענעץ ווערט דער אויטאָ קאַליע און בלייבט שטיין. מיר לויפן שנעל אין וואַלד זיך באַהאַלטן. דער שאָפער רופט עטליכע דייטשע אַרבייטער זיי זאָלן אים העלפן פאַרעכטן. היות ווי די זאַך האָט פאַר־נומען פיל צייט, האָבן מיר שוין מוותר געווען אויף דעם אויטאָ. דערווייל האָבן אונדז אין וואַלד אַנטדעקט עטליכע פוילישע יונגלעך און מיר האָבן מורא געהאַט זיי זאָלן אונדז נישט אויסגעבן אַלס פאַרטיזאַנער.

מיר טוישן אונדזער באַהעלטעניש און מיר וואַרטן ביז די נאַכט וועט צופאַלן. מיר דערנענטערן זיך צו דער סלאָוואַ־קישער גרענעץ אין די מזרחדיקע בעסקידן בערג. די נאַכט נוצן מיר אויס פּאַראַויסצוקומען, און בייטאָג פאַרשטעקן מיר זיך אין הייזלן. אַזוי געדויערט אונדזער אַנטלויפן נאָך 3 טעג, און אין דער נאַכט צווישן 23 און 24 אויגוסט קומען מיר אָן צו דער גרעניץ אין סניאַטניצע־איזבי. דאָ האָט אונדז אַנטדעקט אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן מיט רעפלעקטאָרן. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אין פייכטן גראָז און געלעגן אין שרעקליכער שפּאַנונג. 4 סאָלדאַטן מיט געלאָדנט געווער זענען אַדורכגעגאַנגען אַ 15 מעטער פון אונדז און אונדז נישט געפונען. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט זענען מיר שנעל אַדורך די גרענעץ.

דער רוטענער וואָס האָט אונדז געפירט, גיט אונדז איבער צו זיין שותף אויף דער צווייטער זייט און דער, יאָגט אונדז, נאָך אין דער זעלבער נאַכט איבער 30 ק״מ ביז באַרדיאוואַ־באַרטפעלד. דאָ פאַרהאַלטן מיר זיך 3 טעג. פריער האָבן אין דער שטאָט געוואוינט עטליכע טויזנט יידן, יעצט געפינען זיך דאָרט קוים 30 משפחות.

איך האַלט זיך אויף אין הויז פון איין אַלטן מאַן מיטן נאָמען פּנחס לאַנדערער, וועלכער איז דער איינציק געבלי־בענער פון זיין גאַנצע פאַמיליע. דאָס אויפנעמען אונדז דורך דורך די באַרטפעלדער יידן און אומעטום אין סלאָוואַקיי איז געווען אויסערגעוויינלעך האַרציק און מיט פיל ליבשאַפט. די הונדערטער אַנטלאָפענע פון פוילן וועלכע זענען געקומען נאָך אונדז האָבן אויך זוכה געווען צו אַזאַ האַרציקן הכנסת־

אורחים. נאָך 3 טעג האָבן יידן פון פרעשאוו געשיקט אַ טעקסי מיט אַ גויאישן שאָפער ער זאָל אונדז אַהינברענגען. דער קבלת פנים אין פרעשאוו איז געווען אַ רירנדער. מען בעזאָרגט אונדז מיט וואַרעמע קליידער און אין דער זעלבער נאַכט האָבן 3 סלאָוואַקן אונדז אַריבערגעפירט (פאַר אַ גוטן פרייז) קיין קאַשוי, אונגאַרן. אויף דער אונגאַרישער זייט ביי דער בריק שיסן אויף אונדז די גרענעץ־וואַך און קומען צו אונדז מיט הינט. מיר גיבן זיך איבער אין זייערע הענט. מיר בעטן זיך ביי זיי אונדז צו באַפרייען, און אַזוי ווי זיי נעמען אונדז אָן אַלס קריסטן זענען זיי מסכים דערויף. מיר קומען אַריין אין שטאָט און נאָך 3 טעג פאָרן מיר מיט דער באַן אַריין טיפער קיין אונגאַרן. מיינע דריי חברים באַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז זיי זענען קריסטן. אָבער מיין נאָמען סטעפאַן רודניק און די פרטים, וואָס איך גיב אָן, זענען נישט גענוג איבערצייגענד. די דעטעקטיוון געפינען אויס, אַז איך בין אַ ייד און ווילן מיך אַרעסטירן. איך פרוביר צו אַנטלויפן אָבער מען האָט מיך גלייך געכאַפּט. אַ געשלאָסענער אין קייטן פירט מען מיך אין אַ קאָנצענטראַציע־פונקט, וואָס געפינט זיך אין אַ שול־הויף. נאָך דער אונטערזוכונג וואָס האָט פעסטגעשטעלט אַז איך בין אַ ייד, ווער איך אַריבער־געפירט אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער מאַגדאַלונה. נאָך 10 טעג זיין דאָרט, געלונגט מיר ענדליך צו אַנטלויפן.

זייענדיק נע־ונד אין אונגאַרן האָב איך באַקומען הילף פון דעם באַבאָווער רב, ר׳ שלמה האַלבערשטאַם, וועלכן ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן מיט אַ טייל פון זיין פאַמיליע קיין בודאַפעשט. ר׳ שלמה איז אַ זון פון דעם באַקאַנטן באַבאָווער רב ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם, וועמען די געסטאַפּאָ מיט די אוקראַינישע געהילפן האָבן אַוועקגעפירט פון לעמ־בערג נאָך אין 41־טן יאָר צוזאַמען מיט זיין זון משה אהרן און 3 איידעמס: יחזקאל האלבערשטאם, משה סטעמפּל און שלמה רובין. אין הויז פון ר׳ בן־ציון רובין האָב איך פאַר־ברענגט מיין יוגנט און געלערנט אין זיין ישיבה "עץ חיים", אין באַבאָוו.

נאָך מיין אַנטלויפן פון מאַגדאַלונה־לאַגער, בין איך גע־ווען אייניקע חדשים אין פאַרשידענע יידישע הייזער. איך האָב מיך באַמיט צו ענדערן ווי ווייט מעגלעך מיין אויסער־לעך אויסזעהן. כ׳האָב מיר געלאָזט וואַקסן אַ וואָנסע און אָנגעטאָן ברילן.

כ׳האָב געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען זיך צו לעגאַליזירן אין אונגאַרן. איך האָב זיך צוגעשטעלט צום פרעמדן קאָנט־ראָל־אַמט. אָנגעטאָן אין ווינטער־קליידער, האָב איך דעק־לאַרירט, דאָס איך בין אקאַרשט אָנגעקומען פון פוילן; איך בין אַ קריסט און מיין נאָמען איז מיעשטשיטשעל וויטאַלד. מיין אידענטיטעט באַקומט אַן־אָפיציעלע באַשטעטיקונג און איך באַקום צוגעטיילט אַ וואוינונג אין גראַסוואַרדיין, אַהין בין איך אָנגעקומען דעם 15.3.44.

דאָס אַריינמאַרשירן פון די דייטשן קיין אונגאַרן האָט געבראַכט מיט זיך אַלע באַקאַנטע צרות: יידן האָבן געמוזט טראָגן אַ געלע לאַטע, אַלע זייערע געשעפטן און פאַרמעגנס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן. כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז די אונגאַרישע געהיים פּאָליציי זוכט מיך אַלס פוילישער ייד, כדי מיך איבערצוגעבן די דייטשן. ס׳איז מיר געלונגען זיך צו פאַרבינדן מיט מרדכי שפּיצער וועלכער האָט צוגעגרייט אַ פּלאַן צו אַנטלויפן קיין רומעניען.

שביעי של פסח דעם 14.4.44 אַנטלויפן מיר, מרדכי שפּי־צער, צוויי טעכטער פון באַבאָווער רב, גיטל און רויזע און איך. מיט דער הילף פון אַ קריסטלעכן וועג־פירער, גייען מיר אַדורך די גרעניץ און נאָך 5 טעג קומען מיר אָן אין דער שטאָט אַראַד אין רומעניע.

מיר מאַכן אַ הסכם מיט דעם וועג פירער ער זאָל ברענגען נאָך יידן פון גראַסוואַרדיין. אין אייניקע טעג שפּעטער קומט ער מיט נאָך 8 פּערזאָן: נחמה שטעמפּל מיט אירע צוויי קינדער, אַשכנזי און זיין פרוי, אליעזר רובין, שלמה קעניגסבערג און טענענבוים.

מרדכי שפּיצער זעצט פאָר זיין הילפס־אַרבייט און מיט דער הילף פון אייניקע קריסטלעכע וועג־פירער, איז אים געלונגען — פאַר אַ הויכן אָפּצאָל, פאַרשטייט זיך — צו ראַטעווען ביי 70 פּערזאָן.

אויף מיין וואַנדער־וועג, מאַטערניש און ליידן, קומען צו ענדע און עס געלונגט מיר צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ ישראל.

אשכנזי, זיין פרוי און איך קומען קיין קאָנסטאַנץ און מיט דער שיף "מאריצא" קומען מיר קיין טערקיי און פון דאָרט זענען מיר אָנגעקומען מיט דער באַן דעם 25־טן מאַי קיין חיפה.



חיים באנק

זעקס וואכן אין דייטשער געפאנגענשאפט

איך וויל דאָ באַשרייבן מיינע איבערלעבונגען אַלס אונטעראָפיצער פון דער פוילישער אַרמיי אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. צוערשט אייניקע ווערטער וועגן די געשעענישן אין פוילן פאַר דעם אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט קריג.

באַלד נאָכן טויט פון מארשאל פילסודסקי האָבן די דעמאָלסדיקע מושלים פון פוילן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו חנדלען מיט די היטלעריסטישע מערדער באַנדע אין בערלין וועלכע האָט רעגירט אין דייטשלאַנד פון דעם יאָר 1933. די פּאָלאַקן האָבן שטאַרק מקנא געווען די היטלעריסטן מיט זייערע נירנבערגער געזעצן קעגן די יידן, און האָבן אָנגעהויבן נאָכצוטון דעם ביישפּיל פון די נאַציס, גענומען רודפן די יידן לויט אַלע טיפּישע ראַסיסטישע מוסטערן.

די נאַציס, וועלכע האָבן געשטיצט אַלע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען אומעטום, וואו זיי זענען דערשינען, האָבן הנאה געהאַט פון זייערע פּוילישע תלמידים און זיי אַרויסגעוויזן אַ פריינדליך פּנים.

נאָכן פאַרנעמען טשעכאָסלאָוואקיי האָט היטלער ימ״ש מיט אַמאָל געביטן דעם טאָן לגבי פּוילן און איז אַרויס מיט דער פאָדערונג אים צוריקצוגעבן די פרייַשטאָט דאַנציג און דעם באַלטישן קאָרידאָר, ווי אויך געוויסע געביטן אין מערב און דרום פּוילן, וועלכע זענען צוגעטיילט געוואָרן צו פּוילן, לויטן ווערסאַלער טראַקטאַט. פּוילן האָט נישט מסכים געווען צו די דאָזיקע פאָדערונגען און זיך פאַרלאָזט אויף די הילף פון ענגלאַנד און פראנקרייך, וואָס איז איר צוגעזאָגט געוואָרן אין פאַל פון אַ דייטשן אָנגריף. דאָס פּלוצלונגדיקע שליסן דעם היטלער־סטאַלין אָפּמאַך, איז געווען דער סיגנאַל צום נאַציישן אָנגריף אויף פּוילן.

אין דער דאָזיקער וואָך, זונטיק בין איך געקומען פון פּשעמישל, וואו כ׳האָב דאמלט געוואוינט, קיין ברעזיוו, זיך צו באראטן מיט מיין מוטער און מיין ברודער מאיר וועגן אונדזער געשעפט אין פאַל פון אַ קריגס אויסברוך. אין דעם זעלבן טאָג האָט מען מיר צוגעשיקט די מאָביליזאַציע־קאַרט און די געמיינדע האָט צוגעשטעלט, מיר און נאָך דריי מאָבילִיזירטע פּאָלאַקן, טראַנספּאָרט־מיטלען, ד.ה. אַ פערד און וועגעלע קיין סאָניק צו דעם צווייטן ״פּאָדהאלאנער פולק״, צו וועלכן מיר האָבן געהערט.

מיר האָבן זיך געשטעלט אין ״הויז פון פּוילישן זעלנער״, וואו עס האָט אַמטירט אַ מיליטערישע קאָמיסיע, וועלכע האָט אונטערזוכט דעם געזונט צושטאַנד פון די מאָביליזירטע. ווען דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט מיך געפרעגט צי איך בין געזונט, האָב איך אים געענטפערט, אַז צו שלאָגן די דייטשן בין איך געזונט ווי אַ פערד. איך בין געווען גענוג נאַאיוו צו גלויבן אין דעם ווידערשטאַנדס כוח פון פּוילן, יעדנפאַלס ביז די צוגעזאָגטע הילף פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן, וועט אָנקומען.

אין מיטן דער נאַכט האָט מען אונדז אויסגעטיילט די מונדורן און דאָס געווער פאַר אינפאַנטערי. קיין אַמוניציע האָט מען אונדז דערווייל נישט געגעבן. מיר האָבן באַקומען אַ פּלאַץ צום שלאָפן, און צומאָרגנס, מאָנטיג אין דער פרי, נאָכן ערשטן מיליטערישן פרישטיק, האָט מען אונדז פאַרזאַמלט אין דעם גרויסן זאַל פון דעם זעלנער היים און דער גענעראַל פון אונדזער דיוויזיע — ספּיעכאָוויטש, האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ קורצע רעדע מיט דעם אויספיר, אַז יעצט האָבן די דיפּלאָמאַטן אויפגעהערט רעדן און עס וועלן אָנהויבן רעדן די קאַנאָנען. נאָכהער האָט מען אַרויסגערופן מיך אַלס איינציקן יידישן אונטעראָפיצער, צוזאַמען מיט נאָך צוויי יידישע סאָלדאַטן — אָפּצוגעבן די שבועה פאַר אַלע יידישע סאָלדאַטן. די איינשווערונג האָט דורכגעפירט דער סאניקער רב, הרב טוביה האראוויץ הי״ד. צומאָרגנס, דינסטיק אין די נאַכט־שעהן, האָט מען אונדז אויפגעלאדנט אויף אַ לאַסט צוג, נישט וויסנדיק אין וועלכע ריכטונג מיר פאָרן.

נאָכן פאַרלאָזן סאָניק האָבן מיר זיך אָריענטירט דאָס מיר פאָרן צו דרום מערב פּוילן. קיין פּשעמישל זענען מיר אָנגעקומען אַרום 7 אַזייגער אין דער פרי. איך האָב געבעטן מיר צו דערלויבן פון באַנהויף טעלעפאָנירן צו מיין פרוי, מיט וועלכער כ׳האָב זיך נישט געהאַט אפילו געזעגנט. כ׳האָב די דערלויבעניש באַקומען. אונדזער טעלעפאָניש געזעגנען זיך, איז געווען אַ דראַמאַטישע.

מיר זענען געפאָרן ווייטער, דורכפאָרנדיק באַקאַנטע שטעט און שטעטלעך ווי פּשעוואָרסק, לאַנצוט, ריישע, טאָרנע, באכניע, קראקע ביז מיר זענען אָנגעקומען דאָנערשטיק פאַרנאַכט קיין זאַטאר. אַרום 4 אַזייגער אין דער פרי האָבן מיר געהערט דעם גערויש פון עראָפּלאַנען. מאַנכע פּוילישע אָפיצירן האָבן אַ זאָג געגעבן: דאָס זענען אונדזערע! איך, אַלס אָבסערוואַטאָר פון דער קאמפּאַניע, האָב געהאַט אַ לארנעטע און קענענדיק די אָפּצייכנונגען פון די אייראָפּעאישע לענדער האָב איך גלייך באַמערקט, אַז דאָס זענען דייטשע עראָפּלאַנען. כ׳האָב כהרף עין אַ געשריי געגעבן: ״שיץ זיך״ און די באָמבעס האָבן אָנגעהויבן פאַלן. גלייכצייטיק זענען מיר אָנגעגריפן געוואָרן מיט מאַשין געווער. מיר האָבן נישט געליטן קיין גרויסע פאַרלוסטן, מיר האָבן געהאַט בלויז אייניקע פאַרוואונדעטע. נאָכן פאַרשוואונדן פון די פיינטליכע עראָפּלאַנען, האָט מען אונדז אויסגעטיילט אַמוניציע און אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די לופט פאַרטיידיקונג

— באַקומענדיק בלויז 3 שווערע מאַשין־געווער. אייניקע מינוט נאָכן אָרגאַניזירן די כלומרשטע פאַרטיידיקונג, איז געקומען אַ באַפעל, אַלץ צו ליקווידירן און שנעל אָפּמאַרשירן אין דער ריכטונג פון אושוויענטשים (דאָס שפּעטער טרויעריקבאַרימטע אוישוויץ). אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אַרטילעריע איינהייטן וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די פראָנט ליניעס אונטערן העפטיקן פייער פון די דייטשע טאַנקן און עראָפּלאַנען, אבערלאָזנדיק זייערע קאַנאָנען. אויך מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל דירעקט פון דעם שטאַב, פונעם שלעזישן פראָנט, זיך צוריקצוציען. עס האָבן שוין דאַן צירקולירט קלאַנגען, אַז דער הויפּט קאָמענדאַנט פון דעם שלעזישן פראָנט איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. כ׳ווייס נישט אויב די ידיעה איז געווען אַ ריכטיקע אין דעם מאָמענט, אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און גענעראַל מאַנד איז געפאַנגען געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן אים געלאָזט לעבן וויסנדיק, אַז ער איז אַ ייד (אַ משומד). מאַנד איז געשטאָרבן לאַנג נאָכן קריג, מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אונדזער פולק איז געוואָרן צוטיילט, איין גרופּע האָט פאַרנומען די פאַרטיידיקונגס פּאָזיציע אויפן וועג קאַלוואַריע—וואַדאוויץ, די צווייטע גרופּע, צו וועלכע עס האָט געהערט אויך מיין קאָמפּאַניע, האָט מארשירט אויפן וועג צו קראקע צוקומענדיק ביז וויעליטשקא, וועלכע איז געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט. מיר זענען אָנגעקומען צום טייך דונאַיעץ און אין דער גרעסטער שנעלקייט זיך אַריבערגעכאַפּט אויפן צווייטן ברעג, און נאָך לאַנגע אויסמאַטערנדע מאַרשן, זענען מיר ענדליך צוגעקומען ביז ראַדאמישל. דאָ האָבן די פּוילישע סאָלדאַטן אַרויסגעוויזן זייער ״העלדישקייט״ און אויפגעבראָכן אייניקע יידישע געשעפטן און אָנגעהויבן ראַבירן די סחורות. איך בין געווען אונמעכטיק קעגנצווירקן, ווייל די אָפיצירן זענען זיך צולאָפן, און די פּאָר געבליבענע רעזערוו־אָפיצירלעך האָבן מורא געהאַט עפּעס צו טאָן. איך האָב זיך דעצידירט אויף אַ שריט פון ״רויבעריי״ און צוזאַמען מיט נאָך עטליכע סאָלדאַטן האָבן מיר אויפגעבראָכן אַ פּויליש וואורשט־געשעפט און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פון דאָרט פאַרשידענע פּראָדוקטן. דער אייגנטימער האָט זיך אָנגעהויבן צלמען און שווערן, אַז ער איז אַ פרומער קאַטאָליק און נישט קיין ייד, אָבער זיינע תחנונים האָבן אים נישט געהאָלפן ווייל די סאָלדאַטן זענען פּשוט געווען הונגעריק. דאָס איז געווען מיינס אַ שטיקל נקמה.

צו לאַנג האָבן מיר נישט געקענט פאַרבלייבן אין ראַדאמישל, ווייל די דייטשן זענען שוין געווען אונטער אונדז, און מיר האָבן פאַרלאָזט ס׳שטעטל איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן.

די דייטשן האָבן נישט געקעמפט ביינאַכט, זיי האָבן בלויז געווענדעט זייער אַרטילעריע פייער אויסער דער שטאָט און מיר האָבן מאַרשירטביים שיין פון ברענענדיקע פונקטן. מיר זענען צוגעקומען צו אַ דאָרף נעבן קאָלביעשאוו, און דאָרט האָבן מיר אַריינגעכאַפּט דעם לעצטן דייטשן אָנגריף, און מיר זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

מאַרשירנדיק אין קאָלבישאוו אַלס געפאַנגענער, האָב איך באַמערקט אַ חסידיש בחורל זיצט אויף אַ בענקל ביי אַ הייזקע. איך האָב זיך געוואונדערט ווי אַ יידיש יונגל וואַגט צו זיצן אין פראָנט פון הויז ביי אַזעלכע אומשטענדן. מיינע מיטמאַרשירענדע חברים האָבן מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס יונגל איז טויט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ דייטשער אָפיציר אַן־אינוואַליד מיט איין האַנט (וועלכע איז אויך געווען איבעריק) האָט אים דערשאָסן, ווי אויך אַנדערע יידן, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג. ער האָט אויך אַרויסגעשלעפּט אייניקע חשובע יידן מיט דעם ראש הקהל פון קאָלבישאוו און זיי גענומען אַלס גייזלער. זיי האָבן געמוזט מאַרשירן מיט אונדז אונטער אַ שווערע וואַך ביז ריישע. דאָרט האָט מען אונדז אריינגעפירט אין אַ שולהויף און מיר האָבן באַקומען פון דער דייטשער מיליטער קוך אַביסל זופּ. אויך פּוילישע נאַנעס האָבן געברענגט קעסלען מיט עסן פאַר די פּוילישע געפאַנגענע.

די גייזלער פון קאָלבאשאוו האָבן נישט געוואָלט טועם זיין פון דעם טריפהנען עסן, און זיי האָבן פּשוט געהונגערט. איך האָט נאָך פאַרמאָגט עטליכע זלאָטעס און כ׳האָב געבעטן אַ נאַנע זי זאָל מיר ברענגען שאָקאָלאַד פון שטאָט. זי האָט מיין בקשה דערפילט און מיט דער דאָזיקער שאָקאָלאַד האָבן זיך די יידישע גייזלער דערנערט. פון דער נאַנע האָב איך באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן די שרעקליכע צרות וואָס די דייטשן האָבן אָנגעטון די ריישער יידן.

אַ טאָג שפּעטער האָט מען אונדז אויפגעלאַדנט אויף לאַסט־מאַשינען און אונדז געפירט דורך דעמביץ קיין טארנע. דאָרט האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אייניקע מינוט אויף דער וואלאווע גאַס ביי דעם האָטעל ״סיטי״ וואָס האָט געהערט צו דעם ייד מאיר ווייס. איך האָב געבעטן איינעם פון די אַרומשטייענדע איבערצוגעבן אַ גרוס מיין פעטער, וואָס האָט געוואוינט אין טארנע. צופעליק האָט זיך דאָרט געפונען אונדזערס אַ שטעטישער, אשר אַדלער, און ער האָט נאָך באַוויזן אַרויפצווואַרפן אויפן אויטאָ עטלעכע עפּל פאַר מיר, אָבער רעדן מיט אים האָב איך שוין נישט געקענט. דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן און מען האָט אונדז געברענגט צו אַ בנין פון גימנאַזיום, וואו עס האָט אַמטירט די געסטאַפּאָ. דאָרט האָט מען אַראָפּגענומען די גייזלער און מיר זענען ווייטער געפאָרן, אָפּשטעלנדיק זיך יעדע פּאָר מינוט. מיר האָבן געפרעגט דורכגייענדע, וואָס מען הערט, און אויף איין אָרט האָבן מיר באַקומען אַזאַ תשובה: אונדז טוען זיי גאָרנישט, בלויז די יידן האָבן זיך דערוואַרט צו דעם וואָס עס איז זיי שוין לאַנג געקומען. מיט אומהיימליכע געפילן און שרעק פאַר אונדזער צוקונפט זענען מיר ווייטער געפאָרן. דער וועג איז געווען שווער, און די היץ אונערטרעגלעך — ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָביעזשין לעבן קראקע. איך האָב דאָרט באַגעגנט אייניקע ברעזיווער פּאָלאַקן, דערינטער דעם זון פון דעם קראַנקען־קאַסע דירעקטאָר. איך האָב אים דערמאַנט דאָס ערשט מיט עטליכע וואָכן צוריק, האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע יינגע לאַבוזעס, פּיקעטירט יידישע

געשעפטן אין ברעזיוו, נישט אַרייַנלאָזנדיק קיין קריסטליכע קונים.

עס זענען מיט אונדז אויך מיטגעגאַנגען מאָביליזירטע סאָלדאַטן אין ציוויל קליידונג, וועלכע די פוילישע מיליטערישע אָרגאַנען האָבן שוין נישט באַוויזן צו מונדורירן. אַ יונגער רעזערוו־אָפיציר פון גראַבאָווניצע האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, וועגן אַ ציוויל געקליידעטן מאַן אָהן דאָקומענטן וואָס איז פאַרדעכטיקט אַלס "שפיאָן" און ער ווייזט אויס צו זיין אַ ייד. איך בין צוגעגאַנגען אַהין צוזאַמען מיט דעם אָפיציר און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ייד פון קאלאמיי, מיטן נאָמען הערצל. דער נאָמען האָט ביי מיר אַרויסגערופן פאַרשטענדלעכע געפילן. איך האָב דעם אָפיציר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז לעכערליך צו באַשולדיקן אַ ייד אין שפיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד. מיין אויפקלערונג איז אָנגענומען געוואָרן און דער ייד איז מיט אונדז שפעטער געווען אין געפאַנגענעם־לאַגער, אין קאביעזשין.

אונדעזר לאַגע איז נישט געווען קיין גלענצענדע. פון אַלע זייטן אין לאַגער זענען געווען אָנגעשטעלט מאַשינגעווער. געצילט קעגן די אָנקומענדיקע געפאַנגענע.

עס איז געקומען אַ באַפעל אָפצוטיילן די געפאַנגענע לויט זייער נאַציאָנאַליטעט: פאָלקסדייטשן אַרויסטרעטן. אוקראַאינער באַזונדער. פאָלאַקן באַזונדער. יידן זענען געווען די לעצטע. עס איז צוגעקומען אַ דייטשער אונטעראָפיציר און געפרעגט אויב עס געפינט זיך צווישן די יידן אַנ־אונטעראָפיציר. איך האָב געוואַגט און זיך געמאָלדן. דער באַפעל איז געווען איבערצוציילן די יידישע געפאַנגענע. עס זענען געווען 253 און מיר זענען איינקוואַטירט געוואָרן אין באַראַק 23, דאָרט האָבן זיך געפונען אייניקע צימערן און די בריקן זענען געווען אויסגעבעט מיט שטרוי. איך האָב צוטיילט די מענטשן אין גרופּעס. אַנ־אָפיציר איז אַרייַנגעקומען און געפרעגט ווער עס רעדט גוט דייטש. עס האָט זיך געמאָלדן אַ הויכער שיינער בחור פון ביליץ מיטן נאָמען אייזנבערג. און נאָכן פאַרהערן אים, איז ער גלייך באַשטימט געוואָרן אַלס דאלמעטשער.

אייניקע טעג שפעטער איז אין אונדזער באַראַק אַריינגעקומען אַ דייטשער אונטעראָפיציר און פאַרלאַנגט 20 מאַן אָפצורייניקן די באַן־סטאַציע אין קראקע. מיך האָט ער באַשטימט אַלס פאַראַנטוואָרטליכן פון דער גרופּע. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע, און ער האָט אונדז אויך ערלויבט מיטצונעמען די שפייז פראָדוקטן וואָס מיר האָבן געפונען אין די וואַגאָנען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַנ־אנשטענדיקן מענטש און נאָך דער אַרבעט האָט ער אונדז צוגעפירט צו דער דייטשער מיליטערישער קוך, וואו מיר האָבן באַקומען גוט אָפצועסן. מיר האָבן געמוזט דאָרט אויסהערן גיפטיקע אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען פון די דאָרט שטייענדע סאָלדאַטן. מיר זענען צוריק געקומען אין לאַגער מיט פיל עסן און מיר האָבן געקענט העלפן עטלעכע שטרענג־רעליגיעזע יידן וואָס האָבן נישט געוואָלט עסן קיין טריפות. דעם נעכסטן טאָג האָבן די פוילישע געפאַנגענע זיך שוין דערוואוסט פון אונדזער "מזל" אויפן באַנהויף און זיי האָבן זיך געמאָלדן צום דייטשן אונטער אָפיציר און אים פאָרגעשלאָגן צו מאַכן די אַרבעט בעסער ווי די יידן, אָבער דער דייטש האָט נישט מסכים געווען און ערקלערט, אַז אויך אין די נעכסטע טעג וועלן די זעלבע אַרבייטער פארטזעצן. אייניקע טעג שפעטער האָט זיך געביטן די דייטשע מאַנשאַפט און מיט דעם האָבן זיך אויסגעלאָזט אונדזערע "יום טוב" טעג.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז דאָס זענען געווען די ערשטע אָקופּאַציע טעג און מיר האָבן זיך נאָך געטראָפן אויך מיט מענטשליכער אויפירונג פון אייניצלנע דייטשן און נישט איינמאָל האָט די שנאה צו יידן מצד אוקראַאינער און פון גרעסטן טייל פאָלאַקן אונדז מער וויי געטאָן, ווי די פון די דייטשן.

איך געדענק אַ פאַקט דאָס אַנ־אוקראַאינישער געפאַנגענער האָט זיך געווענדעט צו אַ דייטשן אָפיציר מיט פאַרשידענע בילבולים אויף די יידן. דער אָפיציר האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, און האָט גערופן דעם דאָלמעטשער אייזנבערג. דער האָט אויסגעהערט דעם אוקראַאינער און איבערגעגעבן דעם אָפיציר אַלעס פונקט פאַרקערט און האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דער אוקראַאינער זאָגט אַז די דייטשע ממשלה וועט נישט לאַנג דויערן, ווייל ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן שוין ערקלערט קריג די דייטשן...

דער אָפיציר איז געוואָרן אויפגערעגט און געשלאָגן דעם אוקראַאינער מכות רצח. דאָס איז געווען אַ גוטע לעקציע פאַר די אַנדערע פיינטליכע געפאַנגענע צו האַלטן זייערע מיילער געשלאָסן.

עס זענען אויך געווען יידישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעגעבן אַלס יידן, און געלעבט צוזאַמען מיט די גויים אין זייערע באַראַקן; פון זיי האָבן מיר באַקומען אינפאָרמאַציע וואָס עס טראַכטן וועגן אונדז די נעכטיקע "וואַפן קאמעראַדן".

אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַלע געפאַנגענע פויערן צו באַפרייען, ווייל די דייטשן האָבן געדאַרפן אַראָפּצונעמען ס׳גערעטעניש פון די פעלדער. צווישן די באַפרייטע איז אויך געווען אַ יאַשעניצער ייד, פנחס רעק.

מיט אייניקע טעג שפעטער זענען צו אונדז אָנגעקומען ידיעות, אַז מען קלויבט זיך אונדז אַריבערצופירן קיין דייטשלאַנד. כדי נישט פאַרשיקט צו ווערן אין לאַנד פון דעם אשמדאי, איז מיט פאַרשידענע פארטלען אונדז געלונגען איינציקווייז זיך אַרויסדרייען פון לאַגער, און מיר האָבן זיך אָפגעשמועסט צו טרעפן 10 אַזייגער אין אָוונט אויפן קראָקאָווער באַנהויף. איך בין אַוועק מיט די פעלדער און דערזען פאַר זיך אַ הייזקע. כ׳האָב אָנגעקלאַפט אין דער טיר. עס האָט מיר געעפנט אַ מיטל־יעריקער פאָלאַק און מיך געפרעגט צי איך בין הונגעריק. צו אַלעם ערשטן האָב איך אים ערקלערט דאָס איך בין אַ ייד. דער מאַן האָט מיר געענטפערט, אַז ער מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן בפרט אַז איך טראָג דעם אוניפאָרם פון דער פוילישער

אַרמיי. ער האָט מיר געגעבן צו עסן און טרינקען און זיין שוועגערן האָט מיך באַגלייט צום טראַמוויי, ווייל אין געזעל־שאַפט פון אַ פרוי, האָט זיך גערעכנט, איז זיכערער. (שפּע־טער זייענדיק אין דער סאָוויעטישע זאָנע האָב איך אים געשיקט אייניקע פּאַקעטן אַלס דאַנקבארקייט). מיטן טראַמוויי בין איך געפאָרן קיין פאדגוזש צו באַזוכן מיין קרוב שמואל כץ, וועלכער איז אַמאָל געווען דער סעקרעטאַר פון דעם באַקאַנטן ציוניסטישן מנהיג ד״ר י. טאָן ז״ל. אין טראַמוויי זענען אויפגעשטיגן אייניקע דייטשע אָפיציערן, פאַר וועלכע, איך אַלס באַזיגטער סאָלדאַט, האָב געמוזט סאַלוטירן. זיי האָבן העפליך צוריק געענטפערט. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן נישט געוואוסט אַז איך בין אַ ייד. מער האָט מיך קיינער נישט געטשעפּעט. איך בין אָנגעקומען צו מיין קרוב אָוונט־צייט. אויפן וועג האָב איך נאָך געזען פאַרמאַכטע יידישע געשעפטן מיט דער אויפשריפט ״יידישעס געשעפט״, איינגעראַמט אין אַ מגן דוד.

די שמחה פון מיין פאַמיליע מיך צו זען אַ באַפרייטן איז געווען אַ גרויסע, דען זיי האָבן זיך דערויף נישט גערעכנט. פון זיי האָב איך געהערט איבער דער שוין דאמאָלסדיקער טרויעריקע לאַגע פון די קראָקאווער יידן. אויך האָב איך זיך פון זיי דערוואוסט אַז מיין וואוין־שטאָט, פּשעמישל, איז צעטיילט און איין טייל איז אין די רוסישע הענט. נישט וועלנדיק פאַרלירן קיין צייט, האָב איך זיך מיט זיי שנעל געזעגנט, און זיך געלאָזט צו דער באַן סטאַציע. דאָרט האָב איך געטראָפן מיינע חברים און צוזאַמען זענען מיר איינ־געשטיגן אין אַ צוג קיין טאַרנע.

אין טאַרנע וואַרטנדיק אויף אַ צוג כדי ווייטער צו פאָרן מיין וועג, האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן פּאָלאַק פון ברעזיוו און אים געבעטן אָפּצוגעבן אַ גרוס מיין מוטער און איר איבערגעבן, דאָס איך פאָר אַהיים צו מיין פרוי און קינד, קיין פּשעמישל. ער האָט מיר צוגעזאָגט עס צו טון, און ער האָט געהאַלטן וואָרט און אָנגעגעבן מיין מוטער דעם גרוס און דאָס איז געווען די ערשטע ידיעה וואָס זי האָט פון מיר באַקומען.

אין דער באַן פאַר ריישע זענען אַריינגעקומען ס.ס.־לייט און געהייסן זיך ווייזן די פּאַסירשיינען. אַזוי ווי דער צוג איז געווען איבערפילט, האָבן זיי באַפוילן צו האַלטן די דער־לויבענישן אין דער הויך און זיך דערמיט באַגנוגנט. נאָכדעם ווי זיי זענען אַוועק, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט.

אָנקומענדיק קיין ריישע, האָבן מיר שוין געזען דאָס יידישע אומגליק. צאַרטע יידישע מיידלעך האָבן געמוזט וואַשן די בריקן אויף דער סטאַציע און פוצן די שטיוול פון די דייטשע סאָלדאַטן. די ידיעות איבער די ליידן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ריישע — זענען געווען שוידער־האַפטע.

מיר זענען געפאָרן ביז יאַראָסלאַוו, דאָרט האָט מען אונדז איינקוואַטירט, אייניקע הונדערט געוועזענע פּוילישע סאָל־דאַטן אין אַ באַמבאַרדירטן האָטעל. ווי נאָר מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן אויסגעשפּרייטן שטרוי, איז אַריינגע־קומען אַ געסטאַפּאָ פּאָליציי, אויסגעפּרעסן ווי אַ חזיר, און אַ געשריי געטאָן: זענען דאָ צווישן אייך יידן? קיינער האָט נישט געענטפערט. ״פּאַסט נאָר אויף, עס זאָלן דאָ נישט זיין קיין יידן״ — און איז אַוועק.

אין דער פרי האָבן מיר מאַרשירט צום טייך סאַן, וואו עס זענען שוין געווען פאַרזאַמלט פיל סאָלדאַטן ביי אַ פּראָוויזאָרישע בריק. מיר האָבן געוואַרט די געסטאַפּאָ זאָל אונדז דערלויבן דורכצוגיין די בריק. זיי האָבן אונטער־האַנדלט מיט די רוסן. נאָכדעם האָבן זיי באַפוילן צו האַלטן די דאָקומענטן אין האַנט און מיר זענען ענדליך אַריבער אויף דער צווייטער זייט. דאָרט האָבן מיר געזאָגט ״ברוך שפּטרני״.

צו אונדזער גליק האָבן מיר באַלד געפונען אַ יידישן בעל־עגלה וואָס האָט געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן קיין פּשעמישל. געפאָרן זענען מיר מיט אַנ־אומוועג, ווייל די בריק קיין פּשעמישל איז געווען באַמבאַרדירט. מיר האָבן זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט. ענדלעך בין איך אָנגעקומען צו דער וואוינונג פון מיינע שוויגער־עלטערן. מיט זיי האָט געוואוינט אין קריגס־צייט מיין פריינד פון ברעזיוו, אליעזר פּאַס, און ער, דערהערנדיק מיין שטימע פון דרויסן, האָט באַלד אָנגעזאָגט די בשורה מיינע שוויגער עלטערן און מיין פרוי. דעם דראַ־מאַטישן קבלת פנים און די שמחה, קען מען זיך פאַרשטעלן. סוף סוף בין איך צוריקגעקומען אַ היים.

✡

דאָ ענדיקט זיך ס׳ערשטע קאַפּיטל פון מיין באַגעגנען זיך מיט די דייטשן, ווען עס איז מיר נאָך בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין אַ פּוילישער סאָלדאַט, און כ׳האָב זיך נאָך נישט געטראָפן אַלס ייד אויג אויף אויג מיט די בעסטיאַלישע מערדער. זיי זענען ערשינען שפּעטער, אין דעם נעכסטן קאַפּיטל פון מיין לעבן אין קריגס צייט, וועלכעס איז, ווי באַקאַנט, געווען טראַגישער און שרעקליכער ווי דאָס ביז אַהער געשילדערט.

ליאו (אליעזר) פאס

מיינע זכרונות

עס קומט אַ צייט אין לעבן ווען דער מענטש פילט פאַר נויטיק זיך אָוועקזעצן און אויפשרייבן זיינע זכרונות. אין מיין פאַל איז יעצט די צייט און כ׳וועל עס פּרואוון טון לויט מיינע מעגליכקייטן.

איך בין געבוירן אין ברעזיוו אין יאָר 19[illegible]. מיין עלטערער ברודער, יואל איז געבוירן אין יאָר 1908. מיין פאָטער, יצחק איז געווען אַ סוחר. מיין פאָטער איז געווען אַ מוזיקער און געשפּילט וויאָלין. שטענדיק האָט ער געהאַט אַ גוטן הומאָר. מיין פאָטער האָט זיינערצייט געדינט אין דער פּויליי־שער אַרמיי.

אַלס גבאי פון ״ביקור חולים״ האָט ער פיל געטון פאַר קראַנקע, ער פלעגט צונויפנעמען געלט ביי עשירים ווי אויך ביי אַמעריקאַנער לאַנדסלייט און פלעגט עס צוטיילן צווישן אָרעמע.

אין אַ געוויסן זין קען מען זאָגן, אַז מיין פאָטער האָט געהאַט מזל, דאָס ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט, הגם אונדז, האָט זיין פריצייטיקער טויט, פאַרשאַפט פיל צער.

מיין מוטער גיזאַ קאַרזשעניק, איז געווען אַן־אויסגע־צייכנטע בעל הביתטע און אויך אַ פעאיקע געשעפטס־פירערן. יעדעסמאָל ווען זי האָט זיך דערוואוסט איבער אַ קראַנקן אין שטעטל, איז זי באַלד געקומען מיט עסן און אַלע סאָרט הילף.

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט ברעזיוו, האָבן זיי גלייך קאָנפיסקירט אונדזער געשעפט צוזאַמען מיט פיל אַנדערע יידישע געשעפטן.

די יידן זענען געצוואונגען געוואָרן צו מאַכן פאַרשידענע שווערע און דערנידערענדע אַרבעטן, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעפונען כדי זיי צו פייניקן.

אַלע ווערט־זאַכן זענען אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז און אויך פוטער־קליידער, געשיר און מעבל.

די דייטשן האָבן געפאָדערט דאָס די יידישע יוגנטליכע זאָלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט און זיי האָבן צוגעזאָגט דעם יודנראַט דאָס דערפאַר וועלן די משפחות געלאָזט ווערן צורו. די יונגע זענען אַוועקגענומען צו דער אַרבעט און זייערע משפחות זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ צוגעגרייטן גרוב אין ברעזעווער וואַלד.

בעת די דייטשן האָבן צונויפגענומען די יידן פאַר דער אַקציע, האָט מיין שוועגערן באַהאַלטן איר קינד אונטערן מאַנטל. ס׳קינד האָט זיך אַרויסגעגליטשט און איז דורך דער געסטאַפּאָ דערשאָסן געוואָרן, די מוטער האָט אויפן אָרט באַקומען אַ האַרץ אַטאַק און אַוועקגעפאַלן.

מיין פאָטער יוסף, איז געווען אַ מיטגליד פון יודנראַט, אָבער ער האָט נישט געקענט העלפן. ער איז געווען פון די לעצטע יידן וואָס זענען ערמאָרדעט געוואָרן אין שטעטל.

מיין מוטער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּוילישער פאַמיליע. אין אַ געוויסער נאַכט איז זי געגאַנגען אַרויס־נעמען אַ חפץ פון איר הויז און איז באַמערקט געוואָרן דורך אַ פּוילישן אויסוואורף, וועלכער האָט גלייך דאַוועגן געמאָלדן דער געסטאַפּאָ. זי איז באַלד דערשאָסן געוואָרן.

אַכט טעג פאַר דעם אויסמאָרדן די ברעזיווער יידן, האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט 300 יידישע יוגנטליכע פון ברעזיוו און יאַשעניצע (איך האָב זיך אויך געפונען צווישן זיי) אויפגעלאָדנט זיי אויף לאַסט אויטאָס און זיי אַוועקגעפירט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין פּלאַשאוו, דאָרט האָבן זיי גע־דאַרפט אויפבויען אַ באַן־ליניע.

אין פּלאַשאוו זענען מיר איינקוואַרטירט געוואָרן אין פּרימיטיווע באַראַקן, געמוזט גיין זייער אַ ווייטן וועג צו דער אַרבייטס־שטעלע אין רעגן און היץ. דאָס עסן וואָס מען האָט אונדז צוגעטיילט איז בעשטאַנען פון הונגער־פּאַרציעס. שפּעט ביינאַכט נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג האָבן מיר זיך געמוזט שטעלן צום אַפּעל אין דרויסן אונטער אַ שווערער וואַך, צו קאָנטראָלירן אויב ס׳איז ווער נישט אַנטלאָפן. ווער ס׳איז נישט פעאיק געווען מער צו דער שווערער אַרבעט, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

איינמאָל ווען כ׳האָב געשלעפּט אויפן רוקן אַ שווערן געגנשטאַנד, האָב איך זיך אויסגעגליטשט און צובראָכן דעם לינקן אַקסל. נאָך איינקע טעג בלייבן אין באַראַק אָהן מעדיצינישע הילף, בין איך געצוואונגען געוואָרן צוריק־צוגיין צו דער אַרבעט.

עטליכע מאָל האָבן די לאַגער וועכטער, אָהן שום סיבה, מיך אַזוי צושלאָגן, דאָס מיין גאַנצער קערפּער איז געוואָרן שוואַרץ און בלאָ פון די קלעפּ און כ׳האָב נישט געקענט זיצן.

פון פּלאַשאוו בין איך אַוועקגעפירט געוואָרן קיין סקאַר־זשיסק, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע אַמוניציע פאַבריקן. איך האָב דאָרט געאַרבעט אין דרויסןביים שניידן בוימער און שלעפּן ס׳האָלץ. מיין קערפּער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

אין לעצטן לאַגער — אין בוכנוואַלד, איז מיר געלונגען זיך צו פאַרשרייבן אַלס פאַלאַק אונטערן נאָמען יוזעק מאַ־טערנאַק. אויך אין מיין געענדערטער אידענטיטעט האָב איך געאַרבעט שווער אין דרויסן אין דער קעלט אָהן וואַרעמע מלבושים, כ׳האָב מיר אַרומגעוויקלט די פיס מיט צייטונגס־פּאַפּיר כדי זיי זאָלן נישט געפרוירן ווערן.

אין אַ געוויסן טאָג, בשעת כ׳האָב געאַרבעט אין דרויסן איז אָנגעקומען אַ לאַסט־מאַשין מיט אַ טראַנספּאָרט יידן. כ׳האָב באַמערקט צווישן זיי צוויי בחורים וועלכע האָבן אויסגעזען שטאַרק אָפּגעשוואַכט. איך בין צוגעגאַנגען צום שומר און אים פאָרגעשלאָגן דאָס איך וועל זיך פאַרנעמען מיט די צוויי קראַנקע ביז זיי וועלן געזונט ווערן און קענען אַרבעטן. די בחורים האָב איך געראַטן זיי זאָלן זיך פאַרשרייבן מיט פוילישע נעמען (דאָס איז געווען אין די לעצטע וואָכן פון דער קריג ווען ס׳האָט שוין געהערשט אַ גרויסע אומאָרדנונג אין די לאַגערן).

די בחורים זענען געבליבן מיט מיר ביז מיר זענען באַפרייט געוואָרן אין פאַן־כענוואַלד דורך דער 8־טער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין 11־טן אַפּריל 1945.

איינער פון די בחורים געפינט זיך היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — זיין נאָמען איז העגרי ביסלער. דער צווייטער האָט עולה געווען קיין ישראל און איך האָב פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט אים.

העגרי ביסלער האָט מיך איינגעלאַדט צו זיין חתונה און ווען ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פאַמיליע, אַז ער האָט מיר צו פאַרדאַנקען דאָס ער איז געבליבן לעבן — האָבן זיך אַלע צעוויינט. מיר זענען אין קאנטאַקט ביזן היינטיקן טאָג.

פון די געברענגטע קיין פלאַשאוו פון אונדזער שטעטל, וועלכע זענען לעבן געבליבן — געפינען זיך פינף אין אַמעריקא, איינער אין בעלגיע, איינער אין אויסטראַליע, איינער אין ניו־זעלאַנד און עטליכע אין ישראל — בס״ה 20 פערזאָן בערך —־ דאָס איז געבליבן פון אונדז!

ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ווער פון אונדז וועט איבערלעבן די מלחמה, אָבער דאָס נס האָט פאַסירט. איך דאַנק ג־ט, וואָס כ׳בין געבליבן לעבן און בעט ווייטער אויף גליקליכע לאַנגע יאָרן, און קענען געניסן פון זיי.

פון ענגליש : פעלאַ ראַוועט

ישעיה (סול) פילער, אוקלאנד

זכרונות פון א ייד אין גלות

מיינע זכרונות פון גלות, הויבן זיך אָן אין שטעטל ברעזיוו וואו איך בין געבוירן און ערצויגן געוואָרן. דאָס איז אַ קאַפּיטל פון שווערע איבערלעבונגען, און אין דעם זין בין איך באַשטימט נישט קיין אויסנאַם, אויסער דעם פאַקט, דאָס איך געהער צו די ווייניקע, וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות ניצול צו ווערן פון די רוצחישע הענט פון די דייטשע בעסטיעס.

מיינע עלטערן, גדליה און רוניע פילער, האָבן געהאַט אַן־אייגענע בעקעריי, וועלכע איז, לויט די דעמלטדיקע באַדינגונגען, געווען אַ פראַספּערירענדע. אונדזער הויז איז געווען אַ טראַדיציאָנעל יידישס, און כ׳האָב זיך אויך באַטראַכט אַלס טרייער פוילישער בירגער.

איך געדענק מיך אַלס 3־יעריק קינד, כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען אין ״חדר״. דאָס זענען געווען אַנגענעמע זאָרגלאָזע טעג, כ׳בין געווען פאַרנומען מיט שפּילן זיך מיט די אַנדערע קינדער, וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען געלערנט 6 טעג אַ וואָך, פון דער פרי ביז אָוונט, און נישט איינמאָל בין איך איינגעשלאָפן פון מידקייט.

אונדזער מלמד האָט מען גערופן ״דער באַריסלאַווער״. ער איז געווען אַ קינדערלאָזער און אויסער זיין פרוי, האָט געוואוינט מיט זיי אויך זיין אַלטע מוטער, ברכה.

שפּעטער האָב איך געלערנט ביי אונדזער שכן ר׳ דוד שעכטער ז״ל, וועלכער האָט מיך אויך צוגעגרייט צו דער בר־מצווה

אַלט ווערנדיק זיבן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין דער פאָלקס־שול אין ברעזיוו, דאָרט האָב איך געלערנט ביז איינס אַ זייגער מיטאָג און פון דאָרט בין איך גלייך געגאַנגען אין ״חדר״ און דאָרט פאָרטגעזעצט ביז אָוונט.

אין דער אַלגעמיינער שול האָט מען געלערנט זעקס טעג אין דער וואָך — פון מאָנטיג ביז שבת, אָבער אַלס יידן, האָבן מיר נאָר געלערנט 5 טעג אַ וואָך, ווייל שבת זענען מיר נישט געגאַנגען אין שול.

אין דער אַלגעמיינער שול האָבן מיר באַלד דערפילט דעם אונטערשיד צווישן ייד און נישט־ייד. די פוילישע קינדער, ווי אויך טייל לערער האָבן זיך באַציגן צו אונדז מיט פיינטשאַפט און ס׳פלעגט שטענדיק קומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן יידישע און נישט־יידישע קינדער און מיר זענען תמיד געווען די געליטענע.

שוין אַלס קינד האָב איך געהאָלפן מיינע עלטערן אין דער בעקעריי, און כ׳האָב געמוזט אויפשטיין גאַנץ פרי און צעטיילן דאָס געבעקס צווישן די געשעפטן אין שטעטל און אין די פאָרשטעט. מיין מוטער פלעגט, נישט איינמאָל, מיך אָפּוואַרטן מיט מיינע שול־ביכער, גענומען פון מיר ס׳געבליבענע געבעקס מיטן איינקאַסירטן געלט, און איך בין געלאָפן

מיט אַלע כוחות אין שול כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן די לעקציעס.

זומערצייט איז די דאָזיקע אַרבעט געווען צו דערליידן, אָבער ווינטער, אין די פרעסט, בין איך אַרויס פון דער שטוב, ווען ס׳איז נאָך געווען טונקל און כ׳פלעג קומען אין שול מיט געפרוירענע הענט און פיס.

מיינסטנס פאַרנומען זענען מיר אַלע געווען מאָנטיק, מאַרק־טאָג — דאָס איז געווען דער שווערסטער טאָג אין דער וואָך. אָוונט זענען געקומען די מעל־סוחרים זיך אָפּ־רעכענען און אויפמאָנען דאָס געלט פאַר זייער סחורה. אין די אַנדערע טעג, האָבן מיינע עלטערן געבאָרגט ״גמילות חסד״ אַנדערע געדריקטע סוחרים. איינער האָט געהאָלפן דעם אַנדערן.

מיין משפחה איז באַשטאַנען פון זיבן נפשות. מיינע עלטערן, און פינף זין: מיין עלטסטער ברודער, זעליג פראפּער פון דער ערשטער הייראַט פון מיין מוטער (איר ערשטער מאַן איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־קריג). זעליג האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין רוסלאַנד און איז געשטאָרבן אין 1965 אין לאָס־אַנדזשעלעס. איך בין געווען דער צווייטער זון, מיין ברודער טאָטשע (אומגעקומען אויפן סיביר), מיין יונגערער ברודער בען, וועלכער איז צוזאַמען מיט מיר ניצול געוואָרן און לעבט יעצט אין סידני, אויסטראַליע. מיר האָבן אויך געהאַט אַ ברודער לייב, וועלכער איז געשטאָרבן יונגערהייט.

איך האָב אָנגעהערט צו דער ציוניסטישער רעליגיעזער יוגנט באַוועגונג ״השומר הדתי״, פון וועלכע ס׳זענען מיר פאַרבליבן פיל אַנגענעמע זכרונות, פון פאַרברענגען צוזאַמען און אויספלוגן אין די אַרומיקע שטעטלעך. שפּעטער בין איך אַריבער אין דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, אויך פון דאָרט זענען מיר פאַרבליבן אנגענעמע ערינערונגען.

אויסער אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך אין שטעטל געפירט אַ קולטור טעטיקייט אויך אין די פאַראיינען ״בית יהודה״ און ״י. ל. פרץ״. עס האָט אויך עגזיסטירט אַ יידישער ספּאָרט־קלוב צ. ק. ס. מיט אַ גוטער פוטבאָל מאַנשאַפט צו וועלכער איך האָב אָנגעהערט.

עס זענען פאָרגעקומען טאַנץ־אָוונטן. מיר האָבן פאַר־מאָגט אַ גוטן אָרקעסטער מיטן באַגאבטן וויאלעניסט, מרדכי לאַנער אין דער שפּיץ. צווישן אַנדערע האָבן זיך אין אים באַטייליקט מיינע קרובים יאָסקע יוסט און שמואל פראפּער, ווי אויך מיין אומגעקומענער ברודער טאטשע, וועלכער האָט געשפּילט סאַקסעפאָן. דער לעצטער טאַנץ־אָוונט איז פאָר־געקומען ממש פאַר דער קריג אונטער דער לאָזונג ״לאָמיר טאַנצן, איידער מיר גייען קעמפן״.

נאָכן קריגס־אויסברוך, אין סעפּטעמבער 1939 זענען פיל פון מיינע פריינט און חברים אַנטלאָפן קיין מזרח גאַליציען און זענען דאָרט פאַרבליבן ביז נאָך דער רוסישער אָקופּאַציע. איך בין פאַרבליבן אין דער היים צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און ברודער. נאָך עטלעכע טעג האָבן אַריינמאַרשירט קיין ברעזיוו די דייטשע הארדעס. זיי האָבן זיך באַלד גענומען שיקאַנירן די יידן, געכאַפּט זיי צו פאַרשידענע צוואַנגס־אַרבעטן, וואָס זייער איינציקער ציל איז געווען צו פאַר־פייניקן די יידן און זיי דערנידעריקן.

זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ יודנראַט מיט משה קנעבלבאַרט אין שפּיץ, וועלכער האָט געמוזט זיי צושטעלן אַרבעטס־כוחות. אַלע יידישע געשעפטן זענען רעקווירירט געוואָרן. מיר האָבן געהאַט מזל, ווייל אונדזער בעקעריי האָט געזאָלט צושטעלן ברויט פאַר די דייטשן. אויך זענען מיר אַנערקענט געוואָרן אַלס אָפיציעלע יידישע בעקעריי וואו יידן האָבן געקענט קויפן דורכשניטליך איין ברויט אַ וואָך פאַר אַ פאַמיליע.

ס׳זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַראָרדנונגען פאַר יידן, צו טראָגן ווייסע אָרעמבענדער מיט אַ בלויען מגן דוד אויף דער רעכטער האַנט און עס זענען איינגעפירט געוואָרן באַ־גרעניצונגען אויף דער באַוועגונג פון יידן.

אָנפאַנג 1940 בין איך געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך יידישע בחורים, קיין דינאוו, כדי אויסצוגראָבן די קער־פּער פון 165 יידן, וועלכע זענען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים בעת זייער אַריינמאַרש אין שטעטל. די קערפּערס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ מאַסן־קבר אויפן דינאווער בית הקברות.

זומער 1942, איז געקומען אַ באַפעל דאָס אַלע יידישע מענער, וועלכע זענען געבוירן אין די יאָרן 1928—1907, מוזן זיך שטעלן דעם 2־טן אויגוסט גאַנץ פרי אויפן זאַמל־פּלאַץ ביים קליינעם פאַרק. פון דאָרט זענען מיר טראַנספּאָרטירט געוואָרן מיט לאַסט־אויטאָס צו דער באַן און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין פלאשאוו, ביי קראקע. די בעלי מלאכהס און פאַכמענער האָבן זיי ״ערלויבט״ צו בלייבן אין שטעטל. די דאָזיקע פאַכמענער זענען ערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די רעשט געבליבענע, אַ וואָך נאָך אונדזער פאַרלאָזן.

מיין ברודער בען און איך, זענען געווען צווישן די וועלכע זענען גענומען געוואָרן קיין פלאַשאוו, וואו מיר זענען געצוואונגען געוואָרן צו אַרבעטן שווער ביים בויען אַ באַן־ליניע אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

פיל פון אונדז, און אויך מיר, זענען אַנטלאָפן אין קראַ־קאָווער געטאָ. דאָרט זענען מיר געשלאָפן אין שמוציקע קעלערן און געליטן הונגער און נויט. שפּעטער האָב איך באַקומען דאָרט אַרבעט אין אַ בעקעריי און אונדזער לאַגע האָט זיך פאַרלייכטערט.

אין מערץ 1943 איז ליקווידירט געוואָרן דאָס קראקאווער געטאָ און מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן אין טויטן־לאַגער, אוישוויץ־בירקנעאו, פון דאָרט זענען מיר אוועקגעפירט גע־וואָרן קיין יאַווישאָוועץ, וואו מיר האָבן געמאַכט שקלאַפן־אַרבעט אין די קוילן־גראָבנס.

בעת דער דערנענטערונג פון דער רוסישער אַרמיי, זענען מיר עוואַקואירט געוואָרן פון יאַווישאָוויץ דעם 18־טן יאַנואר 1945. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער טויטן־מאַרש קיין טערעזיענשטאַט. אויפן וועג זענען דערשאָסן געוואָרן אַלע פאַרמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע, וועלכע האָבן נישט געקענט מיטמאַכן דעם שווערן וועג.

די לעצטע וואָכן אין טערעזיענשטאַט זענען געווען די

שרעקליכסטע פון דער גאַנצער צייט. מענטשן זענען געפאַלן טאָג־טעגלעך פון הונגער, קעלט און פון די קוילן פון די מערדער.

מיר זענען באַפרייט געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי. נאָך דער באַפרייאונג זענען מיר אַריבער אין אַ פליטים־לאַגער אין לאַנדסבערג ביי מינכען. אין לאַנדסבערג האָבן זיך געפונען בערך 4000 יידן — ניצול געוואָרענע פון לאַגער, פּאַרטיזאַנער, אויסבאַהאַלטענע אין בונקערס און צוריקגע־קומענע פון רוסלאַנד.

צווישן די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד האָט זיך געפונען אויך מיין ברודער זעליג, וועלכער איז פון אָנפאַנג פאַר־שיקט געוואָרן אויפן סיביר און שפּעטער האָט ער געקעמפט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע יידן אין דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד.

טראָץ דעם וואָס די אַלע יידן האָבן געקעמפט פאַר פּוילן אין די ראַמען פון פּוילישן מיליטער, זענען זיי אַוועק פון פּוילן מיט דער גרעסטער שנעלקייט, זעענדיק ווי אַזוי די פּאָלאַקן באַציען זיך צו די געבליבענע יידן.

אין דעם פליטים־לאַגער לאַנדסבערג זענען מיר פאַרבליבן 4 יאָר. טייל פון די פליטים איז געלונגען אויף אַן־אומלעגאַלן אופן עולה צו זיין במשך דער צייט קיין ישראל. אַנדערע זענען דורך די ענגלענדער געכאַפּט געוואָרן און זענען פאַר־שיקט געוואָרן אין אַ לאַגער אין קפריסין.

אין לויף פון דער צייט האָבן די מענטשן זיך צעשפּרייט אין פיל לענדער. מיין ברודער, בען איז אַוועק קיין סידני אויסטראַליע. איך האָב אויסגעוואַנדערט קיין אוקלאַנד, ניו־זעלאַנד, וואו איך געפין זיך ביז היינט צו טאָג צוזאַמען מיט מיין פרוי רות און צוויי טעכטער דבורה און אסתר.

פון צייט צו צייט פאָרן מיר אויף אַ באַזוך קיין ישראל, וואו מיר באַגעגענען זיך מיט לאַנדסלייט, פריינט און חברים פון די לאַגערן.

פון ענגליש: פּעלאַ ראַוועט

פּעלאַ איינציגער

דאס אריבערשווערצן דעם טייך "סאן"

דער טייך "סאַן" איז געווען די גרעניץ צווישן ביידע טיילן פון אָקופּירטן גאַליציע. אונדזער ציל איז געווען אַריבערצוגיין צום מזרחדיקן ברעג, וואָס איז געווען באַזעצט דורך די רוסן.

דאָס אַריבערגיין דעם טייך איז געווען שווער און פיל מיט שטרויכלונגען. מען האָט געמוזט קודם כל אויסמיידן די דייטשע פּאַטראָלן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַלע דערפלעך אויפן וועג. די געפאַר האָט געלויערט אויף יעדן שריט און טריט. צו מזל האָט אונדזער וועג־ווייזער אינ־סטינקטיוו ווי אַ חיה געפילט ווי אויסצומיידן די סכנה. מיין שוואָגער איציק האָט מיך אונטערגעטריבן, כדי אָנצוקומען צום טייך איידער ס'הייבט אָן טאָגן. מיר האָבן זיך געמוזט פאַרשטעקן אין די ברעגן־קוסטעס און וואַרטן אויף אַ גינסטיקן מאָמענט זיך אַריבערצוכאַפּן אויפן צווייטן ברעג און נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער רוסישער וואַך. אונדזער וועגווייזער האָט אינצווישן זיך באַמיט אויסצוגעפינען אַ פּאַסענד אָרט ווי מען קען דורכשווימען. אויף זיין סיגנאַל האָבן מיר זיך געלאָזט דורכשפּרייזן ס'וואַסער.

ס'איז געווען שוין שפּעט אין האַרבסט־צייט. דאָס וואַסער איז געווען אייז־קאַלט און ס'האָט מיר געגרייכט ביז צו די אָרעמס. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט אָפּקלאַנגען פון שיסערייען. אַ שרעק האָט מיך באַפאַלן — כ'האָב גע־פילט אַז דער שטראָם שלעפּט מיך מיט, און צום אומגליק האָב איך נישט געקענט שווימען. שטילערהייט האָב איך געשעפּטשעט צו איציקן, אַז כ'קען ווייטער נישט פאָרטזעצן, ספּעלט מיר אויס אָטעם און כ'האָב מורא אַז כ'וועל דער־טרונקען ווערן. ביידע מענער האָבן מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיט כוח, מיד, אַ האַלב טויטע, אַריבערגעשלעפּט צום ברעג. ווייזט אויס אַז דער שומר ישראל האָט איבער אונדז געוואַכט. פאַרזיכטיק און שטילערהייט האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביי די קוסטעס. ס'וואַסער האָט פון אונדז גערינען און מיר האָבן געציטערט פאַר קעלט. איצט איז אונדז אויסגעקומען דורכצוגיין אַן־אָפּן פעלד ביז צום נאָענטסטן דאָרף כדי אויסמיידן די רוסישע וואַך. מיט דורכ־געווייקטע נאַסע מלבושים האָבן מיר זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבערן פעלד. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן גאַנץ אומער־וואַרטעט אויף אַ רוסישן פּאַטראָל, וועלכער האָט אונדז גלייך, אָפּגעפירט אויף דער פּאָליציי. צו אונדזער גליק האָט מען אונדז דאָרט באַלד באַפרייט און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ פריידיקע איבערלעבעניש און איך האָב געלאַכט און גע־וויינט דורכאַנאַנדער.

מיין מאַן, מאַניעק איז געווען זייער אַנטוישט דאָס די עלטערן ווי אויך אַנדערע משפּחה מיטגלידער זענען נישט געקומען. שפּעטער האָבן מיר נישט איינמאָל גערעדט דערי־בער, אַז זיי וואָלטן נישט געווען אימשטאַנד אויסצוהאַלטן די צרות און זיין נע ונד.

בײַ אַ יידישע פאַמיליע אין דאָרף האָב איך אַראָפּגעוואָרפן מײַנע נאַסע מלבושים און אין אַ באַקוועם וואַרם בעט, בין איך אײַנגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף.

צומאָרגנס האָבן מיר פאַרלאָזט ס׳דאָרף ווײַל עס איז געווען געפערליך צו בלײַבן בײַ דער גרעניץ. מיר האָבן זיך געוואָלט אַרײַנקריגן פאַר יעדן פרײַז קיין לעמבערג, ווי ווײַט מעגליך מיטן צוג, און אויב עס וועט נישט גיין — זאגאר צופוס און מיט "טרעמפּן". אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף טויטע קערפּערס, וואָס זענען נאָך נישט געבערענגט געוואָרן צו קבורה. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פולווער. מיר האָבן אויך אָנגעטראָפן אויף פרישע געגראָבענע קברים, מיט אויף דער שנעל אַרויפגישטעלטע קרײַצן. כ׳האָב געוויינט בײַ יעדן אײַנזאַמען קבר ביז עס האָבן מיר שוין אויסגעפעלט טרערן. דאָס זענען געווען מײַנע ערשטע קריגס איבערלעבונגען, אָבער די אמתדיק שווערע צײַטן זענען נאָך געשטאַנען פאַר מיר.

די שטאָט לעמבערג איז געווען פיל אָנגעפּאַקט מיט פּליטים. יעדער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין וואָס ער האָט נאָר געקענט, בכדי זיך צו דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך. מאניעק — מײַן מאַן, האָט זיך פאַרשריבן אויפן פּאָליטעכניקום, באַקומען אַ סטיפּענדיע און זיך אויסגעצייכנט אַלס פעאיקער שילער. איך האָב געאַרבעט אַלס קאַסירערן אין אַ רעסטאראַן פאַר פּאָסט אַרבייטער. די צום מיטאָג באַקומענע וואַורשט, האָב איך נישט געגעסן ווײַל כ׳האָב נישט געוואָלט עסן קיין טריפות.

אין לעמבערג האָבן מיר געלעבט אַזוי פון איין טאָג צום אַנדערן, אָן ספּעציעלע דאגות און אָן באַשווערענדע פאַמיליע פאַרפליכטונגען — זאַטע און מיט אַ קליין פּעקל אויף די פּלייצעס. מיר האָבן זיך געפילט גוט אין דער געזעלשאַפט פון די זאָרגלאָזע סטודענטן. מאניעק איז געווען צופרידן פון זײַן שטודיום און אַזוי אַז די קורצע צײַט וואָס מיר האָבן דאַן פאַרבראַכט האָט געהאַט איר רייץ.

פון דער דאָזיקער תקופה, ווויל איך דערמאנען מײַן אַמאָליקע שכנה פון ברעזיוו — עטקע פײַנגאָלד־אַלצטער הי״ד, איך דערמאַן זי מיט ליבשאַפט. ווען כ׳בין געלעגן מיט הויכן פיבער אויף אַ שווערע גריפּע, האָט עטקע מיר געבראַכט אין אַ טאָרבע, שטיקלעך האָלץ אײַנצוהייצן דעם אויוון און אַ טערמאָס הייסע טיי. באַהייצונג מאַטעריאַל האָט זיך געוואויגן מיט גאָלד אין דעם שווערן ווינטער פון יאָר 1939. די פויערן האָבן פאַרקויפט אַ וואָגן האָלץ פאַר אַ פוטערמאַנטל, שיך אָדער שטאָף אויף קליידער. ס׳געלט האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט. אַלץ האָט אויסגעפעלט. מ׳האָט נאָר געזאָרגט צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאָס מינימאַלסטע וואָס אַ מענטש ברויכט. מער האָט מען נישט פאַרלאַנגט.

כדאי צו דערמאַנען אַן־אמתע ליכטיקע געשטאַלט אין די צײַטן פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע — דאָס איז געווען פּראָפעסאָר בארטעל ז״ל (אַמאָליקער פרעמיער אין פוילן), אַן־אמתער הומאַניסט. ער האָט געהאָלפן ווי ווײַט מעגליך די סטודענטן, באַרואיקט די היץ־קעפּ און גערופן זיך באַמיען דורכצוקומען די שווערע צײַט. ליידער האָבן אים די דײַטשע רוצחים געשאָסן, ווען זיי זענען אַרײַן קיין לעמבערג. ערע זײַן אנדענקונג.

שנעל האָט זיך פאַר אונדז געענדיקט די פאַרהעלטניסמעסיג זאָרגלאָזע צײַט. מען האָט אויסגעגראָבן אין די ארכיוון פון דער פּאָליטעכניק — ווי עס איז אָנגענומען בײַ די רוסן אַלעמען נאָכצושפּיאָנירן — אַז מאניעקס עלטערער ברודער, וועלכער האָט זײַנערצײַט געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום — איז אַ "ציוניסט־פאַשיסט" און ג־ט ווייסט וואָס נאָך. די חברים פון מײַן מאַן האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל שנעל, ווי מעגליך, פאַרשוואונדן. מאניעק האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן. ער איז געווען זייער צופרידן פון לערנען, און ער האָט אייגנטלעך שטענדיק געשטרעבט צו זײַן אַן־אינזשינער. מען האָט אים גערופן צו דער נ.ק.וו.ד. און בנס איז אים געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן.

ער האָט זיך מיטגענומען אַביסל זאַכן און אַוועק קיין טישמיעניצע — אַ שטעטל אין אָסט־גאַליציען. מיט באַדויערן און ווייטאג האָט ער פאַרלאָזט לעמבערג, אויף שטענדיק.

אין טישמיעניצע האָט מאניעק געהאַט עטליכע פרײַנט און באַקאַנטע. דאָרט האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אַלס בוכהאַלטער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שוסטערס. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע פרײַנט מיט אַ פאָרגעפיל דאָס עס איז אַ שיידונג אויף אייביק. מיר זענען פאַרשוואונדן פון לעמבערג בסודי־סודות און צוליב זיכערהייטס־טעמים האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט קיינעם אונדזער נייעם אדרעס.

אין דער זעלבער צײַט איז מײַן ברודער בעני געווען בײַ די מאַמען אין דאָרף פאלאַנאַ פון וואַנען די רוסן האָבן אים אַרויסגעפירט אין אַ לאַגער אין סיביר. דער שרעקליכער קלימאַט, דער גרויסער הונגער, און שווערע אַרבעט, האָבן זײַן לעבן פאַרקירצט, און ער איז דאָרט געשטאָרבן.

מײַן שוואָגער יצחק, אַ יונגער לייכטזיניקער בחור, לייכט גענויגט צו פאַרשידענע באַאײַנפלוסונגען, איז, טראָץ דעם געגנשטעלן זיך פון מײַן מאַן — אייניקע מאָל אַריבער די גרעניץ ביז מען האָט אים געכאַפּט, און ער האָט פאַרענדיקט זײַן יונג לעבן אין אַ רוסישער תפיסה. אייביקע רו, אייך מײַנע ליבע.

איך דענק פיל וועגן מײַן ברודער בעני און זײַן אײַנזאַמען קבר אין די פרעמדע פארפרוירענע סיבירישע ערד, און אין זײַנע לעצטע שווערע מינוטן צווישן בעסטיאַלישע פאַרברעכערס. איך גלויב און טרייסט מיך אַליין, אַז אונדזער באבע, וועלכע האָט אים ביים לעבן אַזוי ליב געהאַט, איז געווען מיט אים אין דעם ווײַטן סיביר, און האָט מיט זיך מיטגענומען זײַן געפּייניקטע נשמה.

פון פויליש : **חיים באַנק**

גטע ווייס

ברעזיוו

מיינע זכרונות פון אונדזער היים־שטעטל ברעזיוו זענען פון די פריע קינדער־יאָרן. ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1939 בין איך געווען אַ קינד.

צוליב די טראַגישע געשעענישן האָב איך ווי אַלע יידישע קינדער דעמלט, געמוזט אויף איינמאָל דערוואַקסן ווערן און אפילו אַלט ווערן. פיל זכרונות זענען מיר געבליבן פון ברעזיוו — טרויעריקע און אַנגענעמע אויסגעמישט, שווער אַריינצוברענגען אָרדנונג אין זיי. אין צענטער פון מיינע זכרונות פון שטעטל, שטאַרצט אַרויס ווי אַ טורם די געביידע פון אַלטן בית מדרש און פיל איבערלעבונגען זענען פאַרבונדן מיט אים.

פאַרוואָס דווקא ס׳בית מדרש? אַ סך סיבות זענען דאָ דערצו, ערשטנס האָבן מיר געוואוינט אַ מרחק פון אייניקע הייזער פון בית המדרש, אין דער גאַס וואָס האָט זיך גערופן ״אוליצה פיאַסטאָוואַ״, און ווען מיר זענען געגאַנגען אין חדר אָדער אין דער פאָלקס־שול, צי סתם אין שטאָט אַריין, זענען מיר דאָרט פאַרבייגעגאַנגען. לויט מיין קינדערשער אויפאַסונג, איז דאָס בית־המדרש געווען דער הייליקסטער פלאַץ אויף דער וועלט, און ביים דורכגיין נעבן אים, האָב איך שטענדיק געפילט אַ פרומען ציטער. נאָך אַ סיבה: דאָס בית מדרש איז געשטאַנען אויף אַ וויכטיקן שיידוועג: פון בית מדרש גלייך אַנטקעגן, איז מען אַרויפגעגאַנגען אין רינק און אין אַלע אַנדערע גאַסן און געסלעך, וואו ס׳האָבן זיך געפונען אַלע אינסטיטוציעס און געשעפטן און אַלע אַנדערע וויכטיקע פלעצער וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. אַרויסגייענדיק אין דער לינקער זייט צו מזרח איז מען געגאַנגען אין מקווה, אין שעכט־הויז פון עופות, און אויף דער בארקאווקע. פאַרנעמענדיק זיך אויף רעכטס האָט דער וועג געפירט צו די ״רעדזינעס״, נאָכדעם קיין יאַשעניצע — און ווייטער אין דער ברייטער וועלט אַריין.

ווען מען איז אַרויסגעפאָרן פון שטעטל אין דער דערמאַנטער ריכטונג פון די ״רעדזינעס״ און מען האָט אין דער שטאַרקן גאַלאָפ אויף אַ מאָמענט זיך פאַרלוירן און פאַרגעסן שנעל צו פאַרנעמען לינקס איז מען גלייך אַריין אין דער וואַנט פון בית המדרש.

איין אַזאַ פאַל איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון און איבערגעלאָזט אויף מ״ר דעמלט אַ געוואַלדיקן רושם: אַ יינגל מיטן נאָמען יהושע שוועבער, וועלכער איז געפאָרן אויף אַ ראָווער באַרג־אַראָפ, איז מיט אימפעט אַריין אין דער בית מדרש וואַנט, זיך שטאַרק צעקלאַפט און געבליבן ליגן אַ באַוואוסטלאָזער.

ווי דערשיטערט בין איך דאַן געוואָרן פון דעם פאַל, וואָס אין מיינע קינדערשע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ שרעקלעך אומגליק, וואָס קען בכלל אין לעבן פאַסירן. חדשים לאַנג בין איך געווען אונטערן איינדרוק פון דעם געשעעניש און כ׳האָב זיך נישט געקענט דערפון באַפרייען.

דער גורל האָט געפירט דערצו, אַז מיינע קינדער יאָרן זענען אויף איינמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן. אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע זענען גרויזאַמע אומגליקס־פאַלן געוואָרן אַ טעגליכע ערשיינונג און די מענטשן האָבן געלעבט שטענדיק אין שאָטן פון דעם, יעדע מינוט, ערוואַרטענדן טויט. פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ האָט פאַרמעקט אין מיר דעם באַשיידענעם פאַל מיטן יינגל.

די פערזענליכע אומגליקס פאַלן האָבן אָנגעהאַלטן ביז ס׳איז געקומען דאָס שרעקליכע אַלגעמיינע אומגליק פון דעם אומקום פון גאַנצן שטעטל יידן — אנשים נשים וטף.

אלי ווייס

דאָס אנטלויפן

באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1־טן סעפּ־טעמבער 1939, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן די ריזיקע דייטשע נצחונות און דאָס שנעלע צופאַלן זיך פון דעם פּוילישן מיליטער און זיין אַנטלויפן מיט גרויס בהלה.

צווישן די יידן אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק, און ווער עס האָט נאָר געקענט האָט זיך גענומען לויפן קיין מזרח און צו דער רומענישער גרעניץ. פּאַמיליעס האָבן זיך צושייד, עלטערע מענטשן, פרויען און קינדער זענען באַין ברירה געבליבן אין דער היים און די בחורים און יונגעלייט האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און מיט רוקזעק אויף זייערע פּלייצעס האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. "אוטשעקניערעס" — "אַנטלאָפענע", האָט מען גערופן די מענטשן־מאַסע וואָס האָט פאַרפּלייצט די פּוילישע וועגן און דערשראָקענע געלאָפן, נישט ווייסנדיק וואוהין.

צוזאַמען מיט אַ גרופּע ברעזיווער יוגנטלעכע, האָב איך זיך אויך אַרויסגעלאָזט אין וועג, קיין "מזרח". אויפן וועג האָבן מיר געהערט, אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די פּוילישע גרעניץ און פאַרנעמט די מזרח גאַליצישע געביטן. מיט די לעצטע כוחות זענען מיר געלאָפן פאַראויס, האָפענדיק, אַז עס וועט אונדז געלונגען אויסצומיידן דאָס אַריינפאַלן אין דייטשע הענט.

דאָביי וויל איך איבערגעבן אַן־עפּיזאָד, איינעם פון די פילע וואָס איך האָב בייגעוואוינט. אויפן וועג, דורכגייענדיק דורך אַ דאָרף האָבן מיר געפונען אַ פּוילישע פּרימיטיווע ברונע — און אַלע דורכגייער, פאַרטרוקנטע און פאַר־שמאַכטע פון וועג האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, יעדער אין זיין רייע, אַרויפגעצויגן מיט דער קייט דעם עמער וואַסער, אַריינגעשטעקט ס׳פּנים און מיט דורשט זיך אָנגעטרונקען.

באַלד איז צוגעקומען אַ גרופּע פּוילישע זעלנער, אָפּגע־ריסענע פון זייערע איינהייטן, וועלכע האָבן געוואָנדערט ציללאָז ווי מיר, און אויך זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דעם ברונעם צו לעשן דעם דאָרשט. נאָכן טרינקען, האָבן זיי זיך אַרומגיקוקט אין אַלע זייטן, גענומען די ביקסן מיט די באַגנעטן אויף זיי, און מיט אַ זאַפטיקע פּוילישע קללה, זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם ברונעם. באַלד האָבן זיי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך זייערע מיליטערישע מונדורן, אַרויפגעצויגן אויף זיך פאַרשידענע שמאַטעס וואָס זיי האָבן אויפגעזאַמלט אויפן וועג, און זיך אָנגעשלאָסן צו די אַנטלאָפענע...

אונדז, די גרופּע ברעזיווער, איז געלונגען צוצוקומען ביז דער שטאָט דראָהאָביטש, און גלייך נאָך אונדזער אָנקו־מען איז די שטאָט פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן.

די דייטשע מיליטערישע מאַכט האָט באַלד פאַרעפנטליכט אַ באַפעל, דאָס אַלע "אַנטלאָפענע" אָהן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט (!) זאָלן גלייך צוריק אין זייערע היימען.

קיין קאָמוניקאַציע איז נישט געווען האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג — צופוס.

זייענדיק די גאַנצע צייט אין שפּאַנונג און לויפנדיק פאַרמאַטערטע איבער דערפער און שטעטלעך, כדי וואָס שנעלער צו אַנטלויפן פון שונא, האָבן מיר נאָך נישט באַנור־מען די ביטערע לאַגע אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען און די בעפאַרשטייענדע צרות, וואָס וואַרטן אונדז נאָך, אין דער נאָענטסטער צוקונפט. דער וועג אויף צוריק איז געווען פיל מיט סכנות, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אנונג איבער די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען איבער די עטליכע טעג, זייט מיר זענען אַרויס פון דער היים.

פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אויף אונדזער וואַנדער וועג, וויל איך בלויז דערציילן צוויי שווערע איבערלעבונגען, ווי מיר האָבן ממש געזעהן דעם טויט פאַר די אויגן און מיר זענען אַרויס פון זיי בשלום מיט גרויסע נסים.

אויפן וועג קיין אוסטעריק זענען פלוצים אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד אַ באַנדע אוקראַאינישע פּויערן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט צו רויבן פון די אַנטלאָפענע זייערע רוקזעק, שיך, געלט און זייגערלעך. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט קאַלט געווער — קאָסעס, זיכלין, ווידלעס און אייזערנע שטאַנגען און זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו די מענטשן וואָס האָבן גערוט אויפן פעלד. צו אונדזער מזל זענען מיר געווען טיפער אין שטח און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די וועלכע זענען געווען פאַר אונדז. טייל פון די אַנטלאָפענע, הויפּטזעכלעך פּאָלאַקן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אין זיך אַביסל מוט פון דער צייט ווען זיי זענען אקאַרשט געווען די הערשער — האָבן גע־שטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. ס׳האָט זיך צופלאַקערט אַ שרעקלעך געשלעג. די באַנדיטן באַנדע האָבן זיך באַנוצט מיט אירע "כלים", און זיי האָבן אָנרחמנותדיק ווי די ווילדע חיות, געריסן פון די מענטשן לעבעדיקע אברים. אויפן פעלד זענען געבליבן ליגן פיל קרבנות.

די רוצחים באַנדעס זענען שפּעטער, אין לויף פון דער דייטשער הערשאַפט, געוואָרן די געהילפס־מערדער פון די ס.ס. און איינזאַץ־גרופּן, און אויך געבילדעט דעם קערן פון די טרויעריק־באַרימטע "באַנדעראָווצעס".

נאָכדעם ווי די רוצחים זענען אַוועק, האָבן די לעבן געבליבענע זיך געווענדעט יעדער אין דער ריכטונג צו זיין היים.

יעצט דאָס צווייטע נס וואָס האָט אונדז פּאַסירט.

אָפּשטעלנדיק זיך אין אַ קליין וועלדל ביי אוסטעריק

זענען פּלוצים ערשינען צוויי יידישע מיידלעך און זיך אַרומגעקוקט צווישן די אַנטלאָפענע און געזוכט מיט די בליקן. מיר האָבן גלייך דערפילט, אַז זיי זוכן יידן און מיט רמזים איז אונדז געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט זיי. די מיידלעך האָבן זיך איינגעשטעלט ס׳לעבן און געקומען אונדז וואָרענען, דאָס ביים וועג וואו מיר גרייטן זיך דורכצוגיין געפינען זיך געסטאַפּאָ צוזאַמען מיט אוקראַאינישע כוליגאַנעס, וועלכע קאָנטראָלירן אַלע פאַרבייגייענדע גרופּן, נעמען אַרויס פון צווישן זיי די יידן און וואַרפן זיי אַראָפּ פון אַ בריק אין אַ טיפן תהום אָנגעפילט מיט שטיינער. אונטן וואַרט שוין אַ צווייטע באַנדע רוצחים און רויבער און די, ערמאָרדן בעסטיאַליש די פאַרוואונדעטע.

די מיידלעך האָבן אונדז פאָרגעשלאָגן אונדז דורכצופירן דורך אַ זייטן־וועג איבער פעלדער. מיר האָבן זיך נישט געקענט דעצידירן. אויך דער זייטן וועג איז געווען פיל מיט סכנות — די באַנדיטן האָבן געלויערט אין יעדן ווינקל און מיר וואָלטן אויך געשטעלט אין אַ געפאַר די מיידלעך. אונדזער לאַגע איז געווען אַ שרעקליכע. טויט־מידע און פאַרצווייפלטע מיט קליידער צוגעקלעפּטע צום קערפּער האָבן מיר זיך דאָך געלאָזט פאַרזיכטיק גיין אין שטעטל, און געפּרואווט זיך אַרומקוקן אפשר וועט דאָך זיין אַ מעגליכקייט זיך אַריבערצוכאַפּן די בריק. דערנענטערנדיק זיך צום אָרט איז אונדז געשעהן ס׳צווייטע נס און מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. מיט איינמאָל האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, וואָסאַמאָל שטאַרקער, אַ געוואַלדיקער שלאַקס־רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ס׳איז געוואָרן פינצטער.

דער שטורם האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט — עס האָט זי אויסגעדאַכט אַז הימל און ערד מישן זיך אויס און עס קומט אַ וועלט חורבן. דער וואָלקן־בראָך האָט פאַרפלייצט די גאַנצע געגנט און די דערשראָקענע געסטאַפּאָ פאַטראָלן האָבן פאַרלאָזט דעם קאָנטראָל־פּונקט און געלאָפן זוכן שוץ. מיר האָבן אויסגענוצט די בהלה און אין דעם שרעקליכן מבול זענען מיר מיט די לעצטע כוחות דורכגעלאָפן די טויט־בריק.

די יידישע מיידלעך, וועלכע זענען געקומען אונדז וואָרענען, האָבן אונדז געפונען אויסערן שטעטל און זיי האָבן אונדז באַזאָרגט אַ יידישע שטוב וואו מיר האָבן געקענט זיך אַביסל אָפּטרוקענען, אַוועקלייגן די ביינער און זיך דורכשלאָפן די נאַכט. גאַנץ פרי האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג כדי אָנצוקומען אַ היים. מיר האָבן געוואָלט אָנקומען פאַר יום כיפור.

אויפן וועג האָבן אונדז נאָך געוואַרט פאַרשידענע סכנות און כ׳וועל נישט אויסרעכענען וואָס מיר זענען נאָך אַלץ דורכגעגאַנגען ביז מיר האָבן ענדלעך דערזעהן די אויסגעבענקטע היים.


אָנגעקומען זענען מיר שוין ערב יום כיפור אָוונט, פאַר ״כל נדרי״. אונדזער אויסזעהן און אונדזער מצב האָבן געענוי געפּאַסט צו דער שווערער דערדרוקענדער שטימונג וואָס האָט געהערשט אין אונדזער שטעטל און צוזאַמען מיט דעם גאַנצן דערשלאָגענעם ״עולם״ זענען מיר, מיט אַ ביטער האַרץ און צובראָכן געמיט, געגאַנגען מקבל זיין דעם זיך דערנענטערנדן ״יום הדין״.

א פאסט קארטל פון שטעטל

דאָס פּאָסט קאַרטל, וואָס די פאטא־קאָפּיע דערפון ברענגען מיר אויבן, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ברעזיוו, דינסטיג דעם 29־טן אוגוסט 1939, צוויי טעג פאַרן קריגס־אויסברוך, דורך ר׳ יעקב יצחק זאַלץ און זיין פרוי שרה, הי״ד, צו דער טאָכטער גיטאַלע און משפּחה אין ניו־יורק. דאָס איז אַ געזעגנונגס קאַרטל פון עלטערן מיט זייער טאָכטער, ווי זיי וואָלטן פאָרגעפילט, אַז דאָס איז זייער לעצט שרייבן צו זיי. די עלטערן באַמיען זיך נישט אַרויסצווייזן זייערע דאגות און פחד פאַר די באַפאַרשטייענדע קריגס־געפאַר, כדי נישט צו באַאומרויעקן די קינדער. גלייכצייטיק געפינט זיך אין דעם קאַרטל אַ קורצער באַריכט איבער דער לאַגע און די שטימונג אין שטעטל אין יענע גורלדיקע טעג. ר׳ י. י. שרייבט:

״מילא ווי אַזוי די לאַגע איז היינט ביי אונדז אין פּוילן, ווייסט איר בעסער פון אונדז. דעם לעצטן זונטיג איז געווען זעהר ״היימליך״ אַ גאַנצע נאַכט. מען איז אַרומגעלאָפן מיט איינבערופס קאַרטן גלייך צום איינרוקן. דערינטער: חיים שלמה פיינגאָלד (חיים באנק), רפאל לאַנער, שמואל רפאלס זון, טרינטשער ישראל בעדערס אייניקל, בונעק זיילער און זעהר פיל פּאָלאַקן. אין סאָניקער כּאָוויאַט האָט מען גערופן פיל יידן. עס זעט אויס, אַז אין די ריין פּוילישע שטעט רופט מען ווייניקער יידן, ווי אין די שטעט וואָס זענען געמישט מיט אוקראַאינער. השי״ת זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן מען זאָל אונדז לאָזן אין דער היים אַלע צוזאַמען, און עס זאָל קיין מלחמה נישט זיין.

דער ״עולם״ גרייט זיך אָן צוביסלעך, פּראוויאַנט. מיר האָבן נישט וואָס אָנצוגרייטן, נישט חלילה ווייל



TELEFON ZAOSZCZĘDZA CZAS I PIENIĄDZE

KARTKA POCZTOWA


POCZTA POLSKA

NADAWCA

1212 Grant Ave Bronx

New York City

Ameryka



מיר האָבן קיין געלט נישט, נאָר מיר האָבן נישט קיין פּלאַץ וואו צו שטעלן קיין מעל, און נישט וואו צו באַקן קיין ברויט; האָבן מיר "יוצא געווען" מיט 5 קילאָ זאַלץ און איין קילאָ צוקער... מילא אַנדערע זאַכן, ווי קאַרטאָפל, פּוטער, אייער א.ז.וו. מאַנגלען נישט אין אונדזער געגענט.

היינט האָט יוטה, שיינדל חאַראַז, מיין ג־טזועליקע שוועסטערס טאָכטער — חתונה. פּאַריקע וואָך האָב איך געקלערט ווי אַזוי צו פאָרן אויף די חתונה... היינט בין איך די דאָגה פּטור געוואָרן. עס איז היינט נישט אַרויסצופאָרן פּאָר אַ ייד. פיל מיליטער אומעטום, און אויך ציוויליסטן שוינען נישט קיין יידן. האָב איך יוצא געווען מיט אַ "מזל טוב". אויף אַן־אמת ווייס איך נישט זיכער, צי די חתונה וועט בכלל פאָרקומען היינט, צי מען קען פאָרן פון לאַנצוט קיין קראָסנאָ. די באַנען זענען פול מיט מיליטער. השי"ת זאָל העלפן שמחות ביי אונדז אַלע. היינט איז ביי אונדז, ווי עס שטייט אין דער תוכחה: "בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בוקר" — מען שרעקט זיך פאָר יעדער מינוט. מען קוקט איינער דעם אַנדערן אין מויל אַריין צי ער האָט עפּעס אַ ליגנט צו דערציילן...

פונדעסטוועגן האָף איך אַז עס וועט אַלץ דורכגיין אָהן אַ מלחמה. השי"ת זאָל רחמנות האָבן אויפן כלל ישראל און אויף אונדז צווישן כלל ישראל.

פאַרבלייבט געזונט און שטאַרק און געגרוסט און מיר וואונטשן אייך אַלע אַ גוט געבענטשט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה".

אביכם הדורש בשלומכם וטובכם כל הימים,

יעקב יצחק זאַלץ

די מוטער זעצט פאָר אין יידיש מיט לאַטייניש‏ע אותיות. זי שרייבט מיט פיל בענקשאַפט און איר שווער פאַרגעפיל דרוקט זיך אויס אין דער פיל צערטליכקייט צו די קינדער און וואונטש, אַז מען זאָל אָפּקומען מיט די שרעק ביז היינט... דאָס קאַרטל ענדיקט דער זון יוסף (אומגעקומען אין אוישוויץ), וועלכער באַרויאיקט זיי אַז זיי "האָבן נישט וואָס צו שרעקן זיך פאַר קיין קריג, ווייל עס וועט זיך אויסלאָזן גוט"...

ווי עס איז צו זעען פון דעם שרייבן און ווי עס געדענקט זיך אויך פון יענע שפּאַנונגס־פולע טעג — איז די שרעק געווען פאַר דער דראָענדער מלחמה מיט די אויפטרייסלונגען און בלוט פאַרגיסן וואָס די מלחמה ברענגט מיט זיך. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג איבער די כוחות פאַרהעלטעניסן צווישן פוילן און דייטשלאַנד. מען האָט גענומען אין באַטראַכט געגנזייטיקע באָמבאַרדירונגען אפילו גאַז אַטאַקן און אויך, אַז אין די גרעניץ געביטן וועלן זיין שווערע קאַמפן, באַשיסונגען און געוויסע איינדרינגען פון שונא — אָבער אַז גאַנץ פוילן וועט אין געציילטע טעג אַריינפאַלן אין די דייטשע לאַפּעס, האָט קיינער נישט פאַרגעזעען.

דער המשך איז באַקאַנט. די צרות זענען דערנאָך געקומען שטופּנווייז, זיך כסדר פאַרשטאַרקט ביז צו דער כמעט טאָטאַלער פאַרניכטונג פון פוילישן יידנטום אין אונדזער שטעטל ברעזשוו דערינטער.

שרה לעוויטע ז"ל — א בריוו

דער בריוו וואָס ווערט דאָ געבראַנגט, איז געשריבן דורך מיין שוועסטער, שרה לעוויטע הי"ד, צו אונדזער קוזינע אסתר העניג תבל"א, און זי שילדערט אין אים די לעצטע טעג פון דער מומע שרה גיטל ז"ל, אסתרס מוטער.

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן זומער 1941 און איז געשיקט געוואָרן צו דעם אָקופּירטן פראַנקרייך, וואו אסתר האָט דעמלט געוואוינט.

די שווערע ליידן פון דער מומע פון איר קראַנקהייט, זענען געשילדערט אין דעם בריוו מיט פילבאַרקייט און זיין אינהאַלט, רעדט פאַר זיך אַליין.

צווישן די שורות פילט זיך אַרויס די אַלגעמיינע שווערע אַטמאָספערע אין וועלכע אַלע האָבן דעמלט געלעבט, הגם די צייט איז נאָך דעמלט געווען פאַרהעלטעניסמעסיק אַ "רואיקע", אין פאַרגלייך מיט די ליידן און צרות, וואָס אונדזערע נאָענטע האָבן שפּעטער דורכגעמאַכט ביז צו דעם ביטערן סוף.

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך. צוליב דער צענזור.

א. ל.

טייערע אסתר

איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין בריוו אויף וועלכן איך קען זאָגן ווי דו — דאָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט פרייד און טרויער, גלייכצייטיק.

אַ האַרציקן דאַנק פאַר דעם פּעקל, די דערהאַלטענע זאַכן זענען זייער נוצלעך, אַלץ — ס'קלייד, העמד און זאָקן.

יעצט, ליבע קוזינע, דו בעטסט מיך, כ'זאָל דיר שרייבן וועגן דיין טייערע מוטער, ווייל, ווי דו דרוקסט זיך אויס,

מיט אַזויפיל ווייטאָג, דו ווילסט וויסן, טראָץ דעם שווערן פרייז פון שמערץ.

ובכן, זייט די קינדער האָבן פאַרלאָזט די היים, האָט דיין מאמע שטאַרק געליטן. איר בענקשאַפט איז געווען אַנ־אונגעהויערע. עס האָט איר געפעלט באַשעפטיקונג, ווייל כמעט אין דער זעלבער צייט איז לעקווידירט געוואָרן ס׳געשעפט אין וועלכן זי האָט געאַרבעט ס׳גאַנצע לעבן און אַריינגעלייגט דערין איר גאַנצע ענערגיע.

אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז זי פילט זיך נישט גוט. מען האָט גערופן אַ דאָקטאר, אָבער ער האָט אויך נישט צופיל געוואוסט, און מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס נעסטעט אין איר אַ שרעקליכע קראַנקהייט.

דער ערשטער ווינטער איז ווי עס איז אַדורך. זי האָט געפירט איר הויז־ווירטשאַפט און פלעגט אָפט קומען צו אונדז און צו דער מומע חוה.

אין פרילינג האָט זיך איר געזונט־צושטאַנד פאַרערגערט און אין לויף פון נעכסטן יאָר, ביזן קומענדן פרילינג, איז איר געוואָרן וואָסאַמאָל ערגער און ערגער.

מיר האָבן געטון אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט. זי האָט פאַרבראַכט דריי וואָכן אין איוואַניטש, דערנאָך איז זי געפאָרן (צו דאָקטוירים) קיין סאָניק און קראָקע. מיר האָבן אויף זיך גענומען די זאָרג פאַר איר און אויפגעפאַסט ווי ווייט ס׳איז מעגליך געווען. מיר האָבן נישט געוואָלט אינגאַנצן צונעמען איר די באַשעפטיקונג מיט דער הויז־ווירטשאַפט. איין מאָל אין דער וואָך האָבן מיר געבאַקן און געהאָלפן ביים קאָכן.

מען האָט נישט געשפּאָרט און נישט גערעכנט זיך מיט געלט ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן איר געזונט. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט געלט האָט מען זיך אויסגעבאָרגט.

מיר זענען געקומען צו איר יעדן טאָג, כדי אַביסל צו פאַרלייכטערן איר איינזאַמקייטס־געפיל. נישט איינמאָל האָב איך געקלערט דאַוועגן, דאָס איך בין נישט אומשטאַנד צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון אירע קינדער, וועלכע זענען ווייט פון איר. איך בין בלויז אַנ״ערזאַץ״.

כ׳האָב פיל געקלערט דאַוועגן, ווי אַזוי אַריינצוברענגען אַביסל פרייד אין איר הויז, באַזונדערס האָט זי זיך גענויטיקט דערין, פרייטיג צונאַכטס.

די פיזישע ליידן, ווי גרויס און שווער זיי זענען געווען, האָט זי פאַרטראָגן מיט אויסערגעוויינליכע איינגעהאַלטנקייט; מיט פאַרהאַקטע ציין, אָהן אַ וואָרט צו רעדן דאַוועגן. אירע שמערצן האָבן מיר בלויז געזעהן אָבער נישט געהערט פון איר קיין פּיפּס. נאָר איר בענקעניש איז געווען אומדערטרעגליך. אויף קיין אָרט און אין קיין מינוט האָט זי נישט געפונען קיין רו פון איר און נישט פאַרגעסן, אויסער דעמאָלט ווען זי האָט באַקומען אַ בריוו פון איינעם פון אייך — די איינציקע זאַך וואָס האָט איר פאַרשאַפט פרייד.

זי האָט שטענדיק געוואַרט אויפן בריוו־טרעגער. איינמאָל האָט זי געוואָלט שרייבן צו אייך, איבער איר לאַגע — פאַרוואָס זאָלן מיינע קינדער נישט וויסן ווי קראַנק איך בין? — האָט זי געפרעגט.

איר איינציקע האָפענונג איז געווען זוכה צו זיין און זעהן, כאָטש איינמאָל, די קינדער. קיין שום ליידן האָבן איר נישט אויסגעוויזן גענוג שווער, אַבי צו קומען צו דער מינוט, זי זאָל זיך קענען באַקלאָגן פאַר זיי און דערציילן וואָס זי גייט אַדורך.

ליידער, צום אומגליק, האָט זי געמוזט שטאַרבן אָהן טרייסט. קיינמאָל האָט זי נישט געוואָלט בלייבן אין בעט, כדי אויף קיינעם נישט צו פאַלן צו לאַסט.

אין די לעצטע טעג האָבן מיר זי נישט געלאָזט אַליין אפילו איין טריט. אירע געדאַנקען זענען געווען קלאָר ביז דער לעצטער מינוט. אונדז האָט זי געבעטן מיר זאָלן שוין אַוועקגיין, ווייל מיר קענען איר מער נישט העלפן.

זי פלעגט איבערחזרן ווידער און ווידער, ווי זי וואָלט געוואָלט דערלעבן צו זעהן דאָס צוריקומען פון די קינדער, אָבער זי ווייסט אַז דאָס איז מער נישט מעגליך. אירע ליידן זענען אָהן אַ גרעניץ. יעצט האָט זי איין בקשה צו ג־ט, ער זאָל זי נישט פייניקן אַזאַ לאַנגע צייט.

אין לויף פון דער צייט וואָס כ׳בין געווען מיט דיין מוטער, בין איך געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן צו איר, כ׳האָב געליטן מיט איר צוזאַמען און זיך באַטייליקט אין אירע געפילן. זי איז געשטאַנען אין צענטער פון מיינע זאָרגן און מיין פילן זיך איז געווען אָפּהענגיק דערפון ווי זי האָט זיך געפילט.

וועגן דעם טאַטן — זיי נישט באַזאָרגט. ער זעט צוואַר אויס עלטער, זייט ער האָט זיך אַראָפּגענומען די באָרד, אָבער איז ג־ט זיי דאַנק, געזונט. ער איז זייער זויבער, און היט אויך אָפּ די ריינקייט אין הויז. מיר קומען יעדעסמאָל מאַכן ריין אין דער וואוינונג. גרינטלעכע אָרדנונג. מיטאָג עסט ער מיט אונדז. ער טוישט וועש ווי געוועגליך. ווען ער באַשטעלט אַ וועשין, קומען מיר העלפן און נאָך דעם, ביגלען מיר.

מזל טוב צו אברהמס פאַרלאָבונג, ס׳זאָל זיין מיט גליק אים און די גאַנצע משפחה. האַרציקע גרוסן דיר, דיין מאַן און קינדער.

אויך מיינע עלטערן, ברודער און שוועסטער ווי אויך די גאַנצע פאַמיליע גרוסן אייך האַרציק.

ש ר ה

אברהם לעוויטע

טעג פון גרויל אין אומקום

ווען מען מאַכט אַ פּרואוו צו דערציילן איבערן לעבן אין שטעטל אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט מלחמות, איז לייכט אַריינצופאַלן אין אַ נאָסטאַלגיע־שטימונג, און שילדערן די דעמאָלטדיקע שווערע ווירקלעכקייט, ווי אַ פּעריאָד פון פּאַסטאָראַלע רואיקייט. באַזונדערס, ווען מען גייט אַדורך אין זכרון צוריקוועגס איבער דער שואה וואָס איז געקומען דערנאָך — זעט די צייט ווירקלעך אויס ווי אַן־אידיליע. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט עס אַנדערש אויסגעזען.

די שנאה צו יידן איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין פּוילן. די פּוילישע זעלבסטשטענדיקייט נאָך דער ענדע פון ערשטן וועלט־קריג. איז באַגלייט געוואָרן מיט פּאָגראָמען אויף יידן און רויב פון זייער פּאַרמעגן. עס זענען גוט באַקאַנט די אָנפאַלן פון די ווילדע סאָלדאַטן־באַנדעס פון דעם טרויעריק באַרימטן גענעראַל האַלער — די א. ג. „האַלער־טשיקעס״.

נאָך איניקע יאָר פון פאַרהעלטניסמעסיקער רואיקייט אין דער צייט פון פּילסודסקיס הערשאַפט, האָט דער אַנטי־סעמיטיזם אין פּוילן צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און איז געוואָרן וואָסאַמאָל אַגרעסיווער און ברוטאַלער. דאָס אַלץ איז צוואַר שוין גענוג באַקאַנט, אָבער צוליב די אויבן דער־מאַנטע סיבות, דאַרף עס מען ווידער איבערחזרן.

די דרייסיקער יאָרן, זענען געווען יאָרן פון שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און אומרו אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, און פאַר די שונאי ישראל איז געווען גאַנץ לייכט צו לענקען די פאַרביטערונג פון דער באַפעלקערונג, אין דער יידישער ריכטונג.

הגם די מדינות, וועלכע האָבן באַקומען זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט נאָך דעם ווערסייַלער שלום טראַקטאַט, צווישן זיי אויך פּוילן, האָבן זיך פאַרפליכטעט פאַרן פעלקער־בונד אָפּצוהיטן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — האָבן זיי זיך אָבער גאַנץ שנעל איבערצייגט, אַז מען מוז זיך נישט באַציען צו ערנסט צו די געגעבענע גאַראַנטיעס. (פּוילן האָט אָפיציעל צוריקגעצויגן איר פאַרפליכטונג אין יאָר 1934).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז ווערט צו דערמאַנען איין אויסנאַמס־פאַל. אין יענער צייט האָבן געבושעוועט אין רומעניע, כוליגאַנעס באַנדעס א. נ. „אייזערנער קרייץ״, וועלכע האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. ס׳איז אויך אַנטשטאַנען אַן־אָפיציעל אַנטיסעמיטישע רעגירונג מיט גאָגאַ אין דער שפּיץ, און אין דער רעגירונג האָט זיך באַטייליקט אַ באַקאַנ־טער שונא־ישראל און כוליגאַן, פּראָפ׳ קוזאַ. דאָס האָט אַרויס־גערופן אַ ציטערניש אין דער יידישער וועלט אין אייראָפּע.

אין רעזולטאַט פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן דרוק, וואָס די מערבדיקע גרויס־מאַכטן האָבן אויסגעאיבט אויף רומעניע, איז די רשעים רעגירונג געפאַלן נאָך אַ מאָנאַט צייט. די דאָזיקע מפּלה האָט אַביסל אָפּגעקילט די אַנטיסעמיטן, אויך אין פּוילן, אָבער נישט אויף אַ לאַנגער צייט.

אין צווישן זענען די הויפּט צרות געקומען פון אַן־אַנדערער ריכטונג — דער נאַצישער אַשמדאי האָט אָנגע־הויבן צו וואַרפן זיין שאָטן אויף גאַנץ אייראָפּע. זיין הצלחה, און דאָס שנעלע אונטערגעבן זיך פאַר אים פון די מערב־מאַכטן, האָבן באַוויזן די יידישע מאַכטלאָזיקייט און זייער נישטיקע השפּעה אין דער וועלט. די שונאי ישראל האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, און פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט אין די שפּורן פון די נאַציס און אונטער זייער אינסטרוקציע.

דער פאָן־טרעגער פון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, איז גע־ווען הויפּטזעכטליך די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי „ען. דע.״ — אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „ענדעקים״.

כוליגאַנעס זענען אָנגעפאַלן אויף יידן אין דער גאַס און זיי שיקאַנירט אומעטום. אין די אוניווערסיטעטן איז איינ־געפירט געוואָרן אַן־אָפיציעלער „נומערוס קלאַוזוס״ פאַר יידן, און פּאַקטיש איז זייער צאָל באַגרעניצט געוואָרן ביז אַ מינימום. פאַר די ווייניקע יידישע סטודענטן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן — האָבן די פּוילישע „שול קאָלעגן״ שוין געזאָרגט צו פאַר־ביטערן זיי ס׳לעבן און האָבן געטון אַלץ זיי צו באַזייטיקן פון די הויכשולן. מען האָט פאַר זיי פאַרשלאָסן דעם וועג צו די לאַבאָראַטאָריעס און ביבליאָטעקן און זיי געצוואונגען צו זיצן אויף באַזונדערע בענק אָדער אויסצוהערן די לעק־ציעס שטייענדיקערהייט. נישט איינמאָל איז מען זיי באַפאַלן מיט שטעקנס און אייזן־שטאַנגען און זיי אַרויסגעוואָרפן פון די אוידיטאָריומס דורך די פענצטער.

די פּאָליציי, וועלכע מען האָט נישט געקענט חושד זיין אין צופיל סימפּאַטיע פאַר די באַפאַלענע, האָט זיך נישט געקענט אַריינמישן, ווייל די קאַמפּוסן זענען געווען עקס־טריטאָריאַל.

די רעגירונגס פּאָליטיק איז געווען — עקאָנאָמישער קאַמף געגן די יידן און ווירטשאַפטלעכע באַגרעניצונגען, אין איינ־קלאַנג מיט דער דעקלאַראַציע פון דאַמאָלסדיקן פּרעמיער־מיניסטער, סקלאַדקאָווסקי: „עקאָנאָמישער קאַמף קעגן די יידן — אדרבה, אָבער עוולהס נישט!״ דער ערשטער טייל פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע איז קאָנסעקווענט אויסגע־פירט געוואָרן, און מיט אַלע מיטלען. דער עקאָנאָמישער בויקאָט אויף די יידן, און די פּיקעטן אַרום זייערע געשעפטן

האָבן באַגרעניצט זייערע עגזיסטענץ מעגליכקייטן, וועלכע זענען אַזוי אויך נישט געווען פילע, ווייל אַ סך ווירטשאַפטס־צווייגן אין פוילן זענען געווען פאַרשלאָסן פאַר יידן. גרויסע טיילן פון דער אונטערוואַקסענדער יוגנט איז געבליבן אָהן אויסזיכט אויף אַרבעט און פרנסה.

די אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע איז געקומען צו איר קולמינאַציאָנס־פונקט, ווען היטלער האָט באַשלאָסן אָפּצורייסן פון דער דעמאָקראַטישע טשעכאָסלאָוואַקיי, דאָס סודעטן־געביט, וועלכעס איז געווען באַוואוינט פון דייטשן, און עס אַנעקסירן צו דייטשלאַנד.

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף די מערב גרויסמאַכטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָבן גאַראַנטירט די טשעכישע טעריטאָריאַלע גאַנצקייט, איז די דייטשן געלונגען איינצושפּאַנען אין זייער וואָגן, די רעגירונגען פון פוילן און אונגאַרן.

היות ווי אין קליינע שטחים אין טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס האָבן זיך געגרעניצט מיט די דערמאנטע לענדער, האָט געוואוינט אַ באַפעלקערונג, וואָס איז טיילווייז געווען פון פוילישע אָדער אונגאַרישער אָפּשטאַמונג — האָבן די דאָזיקע לענדער זיך אָנגעשלאָסן צו דעם דייטשן אולטימאַטום, און האָבן אויך געפאָדערט טיילן פון דער טשעכישער טעריטאָריע, וואָס האָט געהאַלטן ביים צוטיילט ווערן.

די פוילישע רעגירונג איז באַשטאַנען פון קורצזיכטיקע און קליינקעפּלדיקע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן נישט באַמערקט די נעץ וואָס די דייטשן פאַרשפּרייטן פאַר זייערע פיס. זיי האָבן אָרגאַניזירט "ספּאָנטאַנישע" דעמאָנסטראַציעס באַגלייט מיט היסטערישן פּאַטריאָטיזם און מאָביליזירט ס'מיליטער, כדי צוזאַמען מיט זייערע "פאַרבונדעטע" — דייטשלאַנד און אונגאַרן — צו דריקן אויף דער שכנהסדיקער מדינה, און זי צווינגען נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען.

די יידן זענען נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון די דעמאַגאָגישע העצעס און האָבן זיך אָפּגעגרעניצט פון דעם נאַרישן שריט פון די פוילישע הערשער, וואָס צוליב אַן־איינגערעטע "דערגרייכונג" זענען זיי גרייט געווען זיך אָנצושליסן צו זייער גרעסטן און געפערלעכסטן שונא, און אים העלפן ליקווידירן אַ לאַנד, וועלכעס איז געווען זייער נאַטירליכער פאַרבונדעטער, געגן דעם געמיינזאַמען פיינט.

די יידישע סימפּאַטיע צום דעמאָקראַטישן טשעכאָסלאָוואַקיי, פון איין זייט, און זייער געגנערישקייט צו די היטלעריסטישע "אלירטע" פון דער אַנדערער זייט, האָבן אויסגעשטעלט דעם יידישן ציבור אויף אַ שווערער געפאַר פון פּאָגראָמען און פון פּראָקלאַמירן זיי אַלס "פאַרעטער", מיט אַלע קאָנסעקווענצן דערפון.

דאָס "אינטערעסן־שותפות" און פריינטשאַפט צווישן פוילן און דייטשלאַנד, האָט זיך שנעל געענדיקט. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן קאַפּיטולירט פיל שנעלער ווי מען האָט גערעכנט. היטלער האָט דערגרייכט זיין פאַרלאַנג, אין דעם "מינכען הסכם", און טשעכאָסלאָוואקיי איז אויסגעליפערט געוואָרן אין זיינע הענט. די נאַציס האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם "סודעטן־געביט" און האָבן נאָך אַ קורצער צייט אָקופּירט גאַנץ טשעכן. יעצט האָבן זיי געווענדעט זייער מעכטיקע אַטאַקע געגן דעם נעכסטן קרבן — זייער געוועזענעם "פאַרבונדעטן" — פוילן. די פאָדערונג איז געווען דאַנציג (גדאַנסק) און דעם "קאָרידאָר" (פון פוילן צום באַלטישן ים). דער מעכטיקער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע אַפּאַראַט איז געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג, און די דייטשע פּרעסע און ראַדיאָ האָבן אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע ווילדע העצע געגן פוילן לויט זייערע באַקאַנטע מעטאָדן. די פוילישע רעגירונג איז געוואָרן דערשטוינט און געפּלעפּט און פאַרלוירן דעם קאָפּ. פון אָנפאַנג האָבן זיי געפּרואווט אָנהאַלטן אַ נידריקן פּראָפיל און נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן, כדי נישט צו געבן די דייטשן אַ פּרעטעקסט זיי צו אַטאַקירן. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, האָבן זיי אָנגעפאַנגען צו מאָביליזירן ס'מיליטער און געפּרואווט צוגרייטן ס'פאָלק צו דער בעפארשטייענדער פאַרמעסטונג איבער וועלכער זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָספאַרען פאַרנעם זי וועט אָנעמען. די שפּאַנונג איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. אַ דערדריקענדער פחד האָט באַהערשט ס'לאַנד. די לופט איז געווען אנגעלאדנט מיט שרעק. די שוואַכע האָפנונג, אַז דאָס שטעלן זיך פון די גרויסמאַכטן אויף פוילנס זייט — וועט צוריקהאַלטן דעם אַגרעסאָר — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט. דער קריג איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

אויגוסט 1939. די דייטש־רוסישע פאַרבינדונג מיט דעם באַקאַנטן ריבערנטראָפּ—מאָלאָטאָוו פּאַקט, האָט דערשטוינט די וועלט. דייטשלאַנד האָט זיך איצט פאַרזיכערט דעם רוקן, און נישט פיל געוואַרט אַרויפצושפּרינגען מיט די לאַפּעס אויפן קרבן.

די יידישע נויט אין פוילן פאַר דער דראָענדער מלחמה — איז אויבן שוין געשילדערט געוואָרן. צענדליקער טויזנטער יוגנטליכע, מיטגלידער פון ציוניסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געענדיקט "הכשרות" און געהאָפט צו באַקומען סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל — זענען געבליבן שטעקן אויף זייערע פּלעצער, ווייל די ענגלישע מאַנדאַטאָרישע מאַכט האָט מיט ציניש אַכזריות פאַרשפּאַרט פאַר זיי די טויערן פון לאַנד. די ציוניסטישע פאַראיינען און יוגנט קלובן וואָס האָבן תמיד געפירט אַן־אינטענסיווע קולטורעלע און אידעאָלאָגישע טעטיקייט זענען געוואָרן אויסגעלערט פון אינהאַלט. פאַרצווייפלונג און פרוסטראַציע האָבן באַהערשט די יוגנט. די ראַמען האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוברעכן.

יעצט איז צוגעקומען די דערנענטערנדיקע היטלעריסטישע סכנה. דאָס גרויליכע ברומען פון דער נאַצישער בעסטיע האָט זיך דערהערט מיט דער גאַנצער פאַרכטבארקייט. די יידישע יוגנט האָט געזוכט יעדע שפּארע זיך אַרויסצורייסן פון די אַרומנעמענדע פלאַמען, אָבער אַלע לענדער האָבן פאַרשלאָסן די טירן פאַר זיי. די קאַמער פון די אומשולדיק צום טויט פאַראורטיילטע איז ענדגילטיק פאַרהאַקט געוואָרן. די קרבנות זענען אויסגעליפערט געוואָרן צום תליון.

פרייטיק דעם ערשטן סעפטעמבער 1939 האָט זיך די פּוילישע באַפעלקערונג אויפגעוועקט מיט דער שרעקליכער ידיעה, אַז דער צווייטער וועלט־קריג האָט זיך אָנגעפאַנגען. אין די גאַסן זענען אויפגעקלעבט געוואָרן אַפישן מיט דער ווענדונג פון מלוכה־פּרעזידענט, וועלכער האָט גערופן דאָס פאָלק זיך צו מאָביליזירן און זיך אַנטקעגנשטעלן דעם ברוטאַלן אַגרעסאָר. דערנעבן האָבן זיך געפונען פּלאַקאַטן וואָס האָבן מודיע געווען, אַז עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד און האָבן אַנטהאַלטן אייניקע אָנווייזונגען וועגן מיטלען קעגן לופט אָנגריפן. מער האָט מען נישט געהערט פון דער צענטראַלער מאַכט.

קיינער האָט נאָך ביז דאַמאָלט נישט געקענט די מעכטיקע דייטשע קריגס מאַשין, און מען האָט אויך נישט געוואוסט איבער דעם נעבעכדיקן צושטאַנד פון דער פּוילישער אַרמיי, איר אָרימע און פּרימיטיווע אויסשטאַטונג און דעם נידריקן ניוואָ פון אירע אָפיצירן און קאָמאַנדירן.

אַלע האָבן געהאָפט, אַז דאָס מיליטער וועט קענען האַלטן דעם פראָנט ביז די מערב גרויסמאַכטן וועלן דערפילן זייער צוזאָג און קומען צוהילף דעם באַפאַלענעם פּוילן און דאַן וועט קומען די דייטשע מפּלה.

ביינאַכט האָבן זיך אויסגעליידיקט די גאַסן אין שטעטל און ס'האָט געהערשט פולע פאַרטונקלונג. די אויפזעער פון דער ציווילער לופט־שוץ זענען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און געהיטן עס זאָל זיך נישט אנזען קיין ליכט, און זאָגאַר פאַרבאָטן צו רויכערן אין די גאַסן. די בירגער זענען געוואָרנט געוואָרן צו זיין גרייט אויף גאַז אַטאַקעס און היות ווי עס זענען נישט געווען קיין גאַז־מאַסקעס, האָט מען פאָרגעשלאָגן איינצוטונקען אַ שטיקל לייוונט אין וואַסער מיט טרונק־סאָדע און עס צולייגן צו דער נאָז. ווען מען האָט נאָר דערהערט אַ רויש פון אַ מאָטאָר האָבן אָנגעפאַנגען היסטערישע געשרייען: "אַנ־עראָפּלאַן! אַנ־עראָפּלאַן!" און מענטשן האָבן גלייך "דערפילט" אַ ריח פון גאַז און שנעל איינגעטונקען די טיכלעך און צוגעלייגט צו דער נאָז...

וואָס עס פאַסירט אויפן פראָנט האָט קיינער נישט געוואוסט. די איינציקע אינפאָרמאַציע־קוועלן, די צייטונגען, וועלכע פלעגן אין נאָרמאַלע צייטן קומען פון וואַרשע, ערשט צומאָרגנס נאָכן דערשיינען, האָבן גלייך מיטן קריגס־אויסברוך אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען אין שטעטל, ווייל די דייטשע אַוויאַציע האָט באַלד אין ערשטן קריגס־טאָג איבערגעריסן די קאָמוניקאַציע מיט זייערע מאַסיווע באָמבאַרדירונגען. די איינציקע ראַדיאָ אַפּאַראַטן, וואָס יידן פלעגן הערן, האָבן זיך געפונען אין ציוניסטישן פאַראיין, "בית יהודה" און אין "פּרץ" קלוב, און די וועלכע זענען געגאַנגען הערן די נייעס זענען צוריקגעקומען צומישט פון די שטאַמלדיקע אָפיציעלע קאָמוניקאַטן. די איבעראַשענדע ידיעות פון די דייטשע סטאַציעס, איבער זייערע אויסערגעוויינלעכע נצחונות — איז שווער געווען צו גלויבן און מען האָט זיך באַצויגן צו זיי ווי צו פּראָפּאַגאַנדע. פאַרשידענע שמועות האָבן זיך פאַרשפּרייט און אַרויסגערופן צוטומלונג.

די יידישע אינטעליגענץ אין שטעטל, די עסקנים און מנהיגים האָבן שנעל אויפגעכאַפּט די ידיעות פון פאַרשידענע אויסלענדישע ראַדיאָ־סטאַציעס און האָבן די ערשטע דערפילט די סכנה, נאָך איידער די צעחישטע מאַסן האָבן תופס געווען, וואָס עס קומט פאָר. די דאָזיקע שפּחות זענען די ערשטע אַנטלאָפן פון שטעטל — צו זייער מזל — ווייל זיי זענען באַשטימט געווען צו זיין אויך די ערשטע קרבנות.

אַזוי צ.ב.ש. איז גלייך נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן אין שטעטל, ערשינען אַ נאַצישער אָפיציר, אַנ־אנגעשטעלטער אין דער "סימענס" געזעלשאַפט און געזוכט דעם ראש הקהל ד"ר זעלנפּרוינד ז"ל, מיט וועלכן די געזעלשאַפט האָט געהאַט חשבונות נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט אַלס אַדוואָקאַט, רעפּרעזענטירט דעם מאַגיסטראַט אין ברעזיוו אין דעם סכסוך מיט דער "סימענס" פירמע, וועלכע האָט אינסטאַלירט דעם עלעקטרישן שטראָם, אַ היבשע פּאָר יאָר פאַר דעם קריג.

זונטיק דעם דריטן טאָג פון דעם קריג האָט מען געהערט די בשורה, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע זענען דאַן גערעכנט געוואָרן אַלס אַ מעכטיקער מיליטערישער כוח, האָבן ערקלערט קריג דייטשלאַנד; דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם ביי דער באַפעלקערונג און אַלע האָבן געגלויבט, אַז דער סוף פון די דייטשן דערנענטערט זיך. די שמחה האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

צומאָרגנס אין דער פרי, זענען אַלע אין שטעטל דערשטוינט געוואָרן, דערזעענדיק הונדערטער יונגעלייט אין ציווילע קליידונג מיט רוקן־זעק אויף די פּלייצעס, גייען דורך איבערן שטעטל און ווענדן זיך צו "מזרח". קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט, וואו דער "מזרח" הייבט זיך אָן און וואָס זיי וועלן טון, ווען זיי וועלן אַהין אָנקומען. זיי האָבן אויסגעפירט די אָנווייזונגען פון די מאַכט אָרגאַנען אין די ערשטע טעג פון קריג ווען עס האָט זיך נאָך אויסגעדאַכט, אַז עס איז פאַרהאַן אַנ־אויסזיכט נאָך עפּעס מציל צו זיין; ביז עס איז געקומען צום אויספירן — האָט דער פּלאַן שוין פאַרלוירן יעדער באַדייטונג.

ווייזט אויס, אַז עס האָט עגזיסטירט אַ פּלאַן — אין אַ אויסנאַמס־צושטאַנד אַריבערצופירן רעזערוויסטן אין די געביטן ווייט פון פראָנט און דאָרט זיי מאָביליזירן. דער פּלאַן האָט אפשר געהאַט אַ זין אין די היפּאָטעטישע באַדינגונגען וואָס די פּלאַנירער האָבן אויפגעצייכנט. די ווירקליכקייט האָט אָבער אַנדערש אויסגעזען. שוין אין דעם ערשטן טאָג פון קריג האָט די דייטשע "לופט־וואַפע" באָמבאַרדירט אַלע וויכטיקע אייזן־באַן פּונקטן און די קאָמוניקאַציע איז גלייך פּאַראַליזירט געוואָרן. עס זענען צעשטערט און פאַרניכטעט געוואָרן אויף אַ סיסטעמאַטישן און גרינדלעכן אופן, אַלע מאַגאַזינען, לופט־פּלעצער און מיליטער לאַגערן. די טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן. די מאָביליזאַציע צענטערן און רעזערווע קאָמאַנדאַטורן זענען פאַרלאָזט געוואָרן דורך די צוטומלטע בעאַמטע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די אַנטלויפענדע. די רעגירונג, וואָס האָט מער נישט געקענט באַהערשן די לאַגע, איז נעלם געוואָרן. דאָס אומגליק איז געווען קלאָר פאַר אַלע וואָס

האָבן איבער דעם געוואוסט. אָבער ווער האָט געוואוסט? מענטשן האָבן געגלויבט, אַז דאָרט אין זיכערן "מזרח" וועלן זיי מאָביליזירט ווערן כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם פֿיינט. יידן, זאגאַר עלטערע, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די רעזערוויסטן און געהאָפט, אַז עס וועט זיי געלונגען צו אַנטרינען פאַר דעם נאַצישן אָקופּאַנט. פרויען און קינדער זענען געבליבן אין דער היים. אַנעמענדיק, אַז די דייטשן וועלן זיי נישט טשעפּען. דער כלומרשטער "מיליטערישער" פּלאַן פון אַריבערפירן יונגעלייט כדי זיי צו מאָביליזירן צו מיליטער — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסן בהלה און אין אַ סטיכיש אַנטלויפן.

דער מאַרש האָט זיך אָנגעפאַנגען ווי אַ דינער שטראָם און אומעטום וואו די מאַסן זענען אַ דורך, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זיי נייע מאַרשירער. די רייען זענען געוואַקסן. דער שטראָם האָט זיך פאַרברייטערט, דיקער געוואָרן און פאַרגאָסן וואָסאַמאָל נייע שטחים און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער פאַרפלייצונג וואָס האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אויפן וועג. אַ גאַנץ לאַנד האָט זיך אויסגעלערט פון זיינע איינוואוינער וואָס זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ פּאַניק און אַנטלאָפן פאַר דעם אכזריותדיקן מערדערליכן אַריינדרינגלער, וואָס איז געקומען זיי פאַרניכטן. די פעלדער און די וועגן זענען געווען פול מיט מידע מענטשן, וואָס האָבן אַ ווײַלע זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען, איידער זיי זעצן פאָר דעם ווייטערדיקן מאַרש. ביי יעדן טייכל האָבן זיך אָנגעזאַמלט הונדערטער וואַנדערער כדי צו וואַשן און אויפפרישן אַביסל די געשוואָלענע מידע פיס.

די אָרטיקע מענטשן זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און געקוקט געפלעפּטע אויף די אומענדליכע רייען פון דער מאַרשירענדער מענטשן מאַסע, וואָס האָט געשטראָמט אָן אויפהער טאָג און נאַכט.

ווי פאַרכישופטע, האָבן זיי נאָכגעפאָלגט די וועלכע גייען ווי עפּעס נאָך אַ "פאַטא מרגאַנאַ" און זיי פאַרשוואונדן אין ווייטן האָריזאָנט ווי זיי וואָלטן איינגעזונקען אין אַ תהום, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זייערע פיס. די קומענדע נאָך זיי, זעצן פאָר דעם מאַרש, נישט וויסנדיק וואָס פאַסירט מיט זייערע פאָרגייער. אַלץ איז שוין געווען פאַרלוירן, אָבער דער שטראָם פון דער מענטשן מאַסע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן, ווי אין די מעשה מיט דעם סאָלדאַט וואָס זיין קאָפּ איז אָפּגעהאַקט געוואָרן און דער קערפּער איז נאָך ווייטער געגאַנגען.

די געבליבענע האָבן געפילט דעם אַבסורד דערפון און געפּרואווט זיך אָנכאַפּן מיט די לעצטע כוחות אין זייער הויז, כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דער אַלגעמיינער פּסיכאָזע, אָבער דער שטראָם האָט זיי מיטגעשלעפּט און זיי זענען פאַרשוואונדן צווישן דעם פלייצענדן המון.

די ערשטע גרופּע פון שטעטל איז אַרויס דינסטיק דעם פינפטן קריגס־טאָג. מיטוואָך און דאָנערשטיק איז געשטיגן די צאָל פון די פאַרלאָזנדע. פרייטיק אין דער פרי ווען נאָך גרופּן האָבן זיך געקליבן גיין אין וועג אַריין, האָט דער בירגערמייסטער פאָרגעלייענט אין דער גאַס ביי דעם געמיינדע בנין, עטלעכע באַרואיגענדע "טעלעגראַמען", וועגן דער "לאַגע פאַרבעסערונג", "סטאַביליזירונג פון פראָנט", "צוריקשטויסן די אַטאַקעס פון שונא", א.ז.וו. אויף אַ ווײַל איז אויפגעוועקט געוואָרן אַ שוואַכע האָפנונג אין די דערשלאָגענע הערצער. נאָכמיטאָג האָבן די "בשורות" אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן ווי אַ זייפן־בלאָז און אַ בהלה האָט אַרומגענומען די פאַרבליבענע.

איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיט איינע פון די לעצטע גרופּעס און מיט די צוגעגרייטע פּעקלעך האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין דער ריכטונג פונם שטעטל בערטש. דעם וועג — 50 ק"מ — האָבן מיר געמאַכט אין משך פון שבתדיקן טאָג און מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל, אָוונט צייט, נישט וויסנדיק וואָס מיר זוכן און וואוהין מיר זאָלן זיך ווענדן. צומאָרגנס זענען מיר געגאַנגען ווייטער און אָנגעקומען ביז קיין דאבראמיל. דאָרט האָט געוואוינט מיין גוטער חבר פון ברעזיוו, אפרים גליקסמאַן הי"ד. כ'בין אַריינגעקומען אין זיין הויז אַ פאַרמאַטערטער און זיך געוואונדערט אים צו געפינען אין דער היים צוזאַמען מיט דער משפחה.

אפרים האָט מיר דערציילט, דאָס ער, צוזאַמען מיטן שוואָגער זענען שוין אויך געווען "איינגעפּאַקט" און זיך געגרייט אין וועג אַריין, און נאָכדעם ווי זיי האָבן נאָכאַמאָל די זאַך איבערגעטראַכט האָבן זיי איינגעזען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, און די מענטשן דרייען זיך נאָר אין אַ קרייז פון איין אָרט צום אַנדערן, זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז דער שונא וועט אָנקומען אומעטום און ס'איז בעסער שוין צו בלייבן אין דער היים, וואו מען וועט אפשר דאָך זיך קענען אויסבאַהאַלטן בשעת אַ סכנה. אין אַ פרעמד אָרט איז אפילו קיין אויסזיכטן דערויף נישטאָ. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו בלייבן ביי אים און וואַרטן ביז מען וועט זען ווי אַזוי די זאַך אַנטוויקלט זיך. מיר האָבן נישט געברויכט לאַנג וואַרטן — אין צוויי טעג אַרום האָבן די דייטשע טרופּן אַריינמאַרשירט קיין דאבראמיל.

דאָנערשטיק דעם 14־טן סעפּטעמבער, דעם ערשטן טאָג ראש השנה, ווען מיר זענען געזעסן אין שטוב ביי פאַרהאַקטע טירן, האָבן זיך געהערט קלעפּ אין טיר פון ביקסן־קאָלבעס און שטיוול. דייטשע סאָלדאַטן זענען געקומען אַרויסנעמען די מענער מיט קלעפּ צו קערן די גאַסן. פאַרנאַכט זענען מיר בשלום צוריקגעקומען. דאָס איז בלויז געווען אַ פאַרשפּיל. כ'האָב באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך אַהיים צו כאַפּן. מיר האָבן געדונגען, עטלעכע פּערזאָן צוזאַמען, אַ וואָגן ביי איינעם פון די פויערן, ער זאָל אונדז פירן, איבער אוסטריק און לינסק, קיין סאָניק. דורכפאָרנדיק דעם רינק אין אוסטריק איז שוין דאָרט געווען "פריילעך". דייטשן און אוקראַאינער האָבן פאַרהאַלטן די וועגן פון די צוריקקערענדע, אַראָפּגענומען די יידן, געריסן די בערד און געשלאָגן מכות רצח. איך האָב נאָך באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פון וואָגן, אויסגעמיטן דעם "פאַרוויילונגס־צענטער" און דורך זייטיקע גאַסן בין איך אַריבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט פון רינק. דאָרט ביים שטאָט־אויסגאַנג האָב איך געפונען

דעם פּורמאַן, וואָס האָט געוואַרט צו זען וואָס עס פּאַסירט מיט זיינע פּאַסאַזשירן. אַ שעה שפּעטער זענען אָנגעקומען צעשלאָגענע, די רעשט מיטפּאָרער. מיט נסים זענען מיר אַרויס פון דאָרט און אָנגעקומען אַהיים.

די צעווילדעוועטע אוקראַאינישע באַנדעס אונטער דייטשער אָנפירונג, האָבן זיך צעיושעט וואָס אַמאָל מער, און די צוריקקומענדע נאָך אונדז, זענען אַריין אין אַ גיהנום. ווייניקע איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון די פּאַגראַמטשיקעס הענט. צענדליקער יידן זענען דורך זיי בעסטיאַליש ערמאָרדעט געוואָרן און די צאָל פאַרוואונדעטע איז דערגאַנגען ביז אייניקע הונדערט.

די געשעענישן אין אוסטריק זענען נישט געווען קיין איינצל־פאַל. אין דינאוו, האָבן די דייטשן געכאַפּט ראש־השנה, איבער 200 יידן, צווישן זיי פיל אַנטלאָפענע, וועלכע זענען דאָרט געבליבן שטעקן, און זיי ערמאָרדעט אין דערנעבנדיקן וואַלד. צווישן די קרבנות זענען געווען צוויי ברעזיווער: בן ציון טראַכטמאַן, דער געוועזענער ראש הקהל, און נטע ווילנער — הי״ד. איבער רציחות און פּאָגראָמען אין אַנדערע פלעצער אין אונדזער געגנט — דובעצק פּשע־מישל א.א. זענען מיר ערשט שפּעטער געוואויר געוואָרן. יידן האָבן אָנגעהויבן פילן אויף זייערע פּלייצעס אַ נייעם סאָרט רדיפות — בלוטיקע און מערדערישע.

ס׳איז כדאי צו באַצייכענען, אַז די חסרונות פון אונדזער שטעטל אין נאָרמאַלע צייטן, ווי צ.ב.ש. פאַרוואָרפן אין אַ זייט, אָהן אַ באַן ליניע, אָהן אינדוסטרי א.ז.וו. — די אַלע חסרונות זענען אין קריג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעלות. קודם כל איז נישט געווען ביי אונדז וואָס צו באָמבאַרדירן. בעת דער אינוואַזיע, ווען די דייטשע אַרמיי איז פאַרגעגאַנגען אין פולן שוואונג, איז ברעזיוו געבליבן אין דער זייט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן פיל צרות. אין לויף פון דער אָקופּאַציע ביז צו דער פאַרניכטונג איז די לאַגע געווען פאַרהעלטניסמעסיק לייכטער ווי אין גרעסערע ארטשאַפטן, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען קאָמענדאַטורן און געסטאַפּאָ אָפּטיילונגען. אויסער קלעפּ, דערנידערונגען, שלעפּן צו איבעריקע אַרבעט, קאָפּיסקאַציע פון פאַרמעגן, רויבן די געשעפטן און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן — האָט מען אין ברעזיוו געקענט דורכקומען ווי עס איז — ביז דאָס אומגליק איז אויך אַהין אָנגעקומען.

דערווייל האָט אַ גרויסער טייל פון די אַנטלאָפענע באַוויזן זיך צוריק צוקערן אַהיים. די, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די לעצטע, זענען נישט ווייט דערגאַנגען, און זיי זענען צוריקגעקומען די ערשטע. אין אייניקע טעג אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פלינקע, וועלכע זענען אַרויס פון שטעטל באַלד פון אָנפאַנג, מיט דער ערשטער כוואַליע — האָבן דאָך פאַרדינט. אַנגלויבליכע ידיעות זענען דערציילט געוואָרן פון מויל צו אויער און אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג: די סאָוויעטן זענען אַריבער די פּוילישע גרעניץ און לויט אַ געהיימען אָפּמאַך מיט די נאַצישע פאַרבונדעטע, האָט די רויטע אַרמיי אַריינמאַרשירט אין די מזרח געביטן אין וועלכע עס איז געווען אַ גרויסע אוקראַאינישע און רוטענישע באַפעלקערונג. די רוסן האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ווידערשטאַנד, ווייל די פּוילישע אַרמיי האָט מער נישט עקזיסטירט.

די רוסישע ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן געמאָלדן די בשורה בקיצור, און זיי האָבן דערציילט איבער דעם זיגרייכן מאַרש פון דער באַרימטער רויטער אַרמיי, וועלכע גייט פּאָראויס אין "מערב אוקראַינע", ס׳הייסט אין מזרח גאַליציע, און ווערט אויפגענומען מיט געוואַלדיקן ענטוזיאַזם דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער "באַפרייאונג".

אַזוי ווי די אוקראַינער האָבן איבערהויפּט נישט געוואַרט אויף דעם סאָרט "באַפרייער", און די פּאָלאַקן האָבן געזען אין די סאָוויעטן אַ פאַרעטערישן אָקופּאַנט, וועלכער איז געקומען זיי אַריינשטעקן אַ מעסער אין רוקן, ווען זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות מיט דעם נאַצישן פיינט — זענען די יידן געבליבן די איינציקע וועלכע האָבן זיך דרינגענד געגנויטיקט מען זאָל זיי באַפרייען פון די רוצחים און זיי האָבן זיך באַצויגן צו די באַפרייאונגס־פּראָקלאַמאַציע — ווי זי וואָלט געווען געווענדעט צו זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע פליטים פון מערב־פּוילן, וואָס זענען שטעקן־געבליבן אין די געביטן וואָס די סאָוויעטן האָבן באַזעצט — האָבן זיך געפילט בר־מזלים און זענען געבליבן אויף זייערע פלעצער און נישט געפּרוווט צוריקצוקערן אַהיים אין דער דייטשער זאָנע, ווי עס האָבן געטון די פּוילישע אַנטלאָפענע. די וואָס זענען צוריקגעקומען אַהיים פון די שטחים, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוויעטן, האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט פאַראויסזען וואָס עס וועט פּאַסירן, און יעצט האָבן זיי זיך געערגערט אויף זייער געאיילטן שריט. מען האָט אָנגעהויבן נאָכפּאָלגן די ידיעות וועגן דעם פאַרגיין פון דער רויטער אַרמיי. נאָך אייניקע טעג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די רוסן זענען געבליבן שטיין ביים "סאַן" — אַ 20 ק״מ בערך פון ברעזיוו.

די יידישע יוגנטליכע זענען געשטאַנען נאָכאַמאָל פאַר אַן־אַנטלויפן. דאָסמאָל האָבן זיי געפּרוווט מאַכן דעם שריט מער אויסגערעכנט און מיט פאָרזיכטיקייט. די וועגן האָבן געווימלט מיט דייטשן. מיט דער אַרומיקער געגנט איז נישט געווען קיין שום קאָמוניקאַציע. די דייטשע טרופּן זענען אין זייער עראָבערונגס מאַרש פאַרויסגעגאַנגען מיט אימפּעט, פיל שנעלער ווי דאָס צעקראָכענע רוסישע מיליטער, און זיי זענען געווען אויפן וועג צוריק פון די מזרח געביטן, וועלכע זענען לויטן אָפּמאַך באַשטימט געווען פאַר די סאָוויעטן. (די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען סאַמבור, סטרי דראָהוביטש, באָריסלאַוו, פּשעמישל און זענען צוגעקומען ביז די טויערן פון לעמבערג).

ביז מען האָט זיך צוגעגרייט צו פאַרלאָזן ס׳שטעטל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט זייער קוועלע, אַז די רוסן קלויבן זיך אַריבערצוציען דעם טייך "סאַן" און וועלן פאַרנעמען ווייטערדיקע געביטן אין מערב. מענטשן האָבן אָפּגעשטעלט זייערע צוגרייטונגען צו

שווערצן די גרעניץ, כדי אויסצומיידן איבעריקע סכנות, און גענומען וואַרטן צו זען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען.

אין דעם וואַקום פון אינפאָרמאַציע מאַנגל, אין אַן אַטמאָספערע פון אומקלאָרקייט און שפּאַנונג, האָבן אַלע שמועות און סברות — אפילו די אַבסורדאַלסטע — זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט, און מענטשן האָבן געגלויבט אין זיי. צוליב דעם, וואָס די שמועות זענען געקומען פון פאַרשידענע ריכטונגען, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען פאַרלעסלעך און דאָס האָט צעמישט און צעטומלט די מענטשן.

איינע פון די ״בויך סברות״, איז געווען אַז די רוסן וועלן גיין ביז גאָרליץ, וואָס איז פיל וועסטליכער פון ברעזיוו. פאַרוואָס דווקא ביז גאָרליץ? ווייל אין דעם ערשטן וועלט קריג, ווען דאָס צאַרישע מיליטער האָט דורכגעבראָכן דעם עסטרייכישן פראָנט, זענען זיי דערגאַנגען ביז גאָרליץ... אַ צווייטע ״סברה״ האָט געזאָגט אַז די רוסן וועלן נעמען די גאַנצע לעמבערגער וואָיעוואָדסטווע, אין וועלכער ברעזיוו איז אויך אַריינגערעכנט.

די קוועלע פון וואַנען די קלאַנגען, אַז די רוסן גייען פאַראויס איז געווען אויף דער ״צווייטער זייט״ פון ״סאַן״. היות ווי די שמועות האָבן געשטאַמט פון אַ ״פרייער״ מדינה, וואו מען ווייסט מסתמא וואָס עס טוט זיך, זענען זיי געווען ביי יעדן באַגלייבט.

דער יסוד פון די אַלע שמועות, זענען געווען די געשפּרעכן אין פויליש און אין אַ צעבראָכענעם רוסיש מיט די סאָוויעטישע סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן האָבן באַקומען גענויע אינסטרוקציעס איידער זיי זענען אַריין קיין פּוילן, און נישט, ווי עס פירט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָבן זיי זיך גערן אַריינגעלאָזט אין שמועסן און זיך באַצויגן פריינדליך צו די בירגער מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטראָפן, דערציילנדיק וועגן דעם גליקליכן לעבן אין זייער פאָטערלאַנד, געשילדערט דעם וואוילשטאַנד, וואָס הערשט דאָרט, ווי אַלץ איז דאָרט בשפע א.ז.וו. ספּעציעל האָבן זיי באַטאָנט: ״ביי אונדז זענען אַלע גלייך״ — נישטאָ קיין אונטערשייד פון מענטש צו מענטש — ווערטער, וואָס נאָך דעם נאַצישן קאַשמאַר וואָס אַלע האָבן איבערגעלעבט, האָבן זיי געקלונגען ווי אַ זיסע מעלאָדיע.

די באַצויבערטע צוהערער, וואָס האָבן געשלונגען די פּראָפּאַגאַנדע לאָזונגען, האָבן געפּרואווט ״באַאיינפלוסן״ די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן גיין פאַראויס, צו די נעכסטע שטעטלעך, וואו מען וואַרט אויף זיי מיט אָפענע אָרעמס. די סאָלדאַטן וועלנדיק פאַרשאַפן פאַרגנוגן די באַגייסטערטע צוהערער וואָס האָבן פון זיי געבעטן בלויז אַזאַ קליינע געפעליקייט — האָבן פייערלעך צוגעזאָגט צו ערפילן זייער וואונטש און אין קורצן פאַרגיין, ווי מען האָט זיי געבעטן. נאַאיווע האָבן אָנגענומען זייערע רייד אויף אַן־אמת. — ״זיי רעדן דאָך נישט סתם״ — ״ביי מיליטער ווייסט מען באַשטימט וואָס עס וועט פּאַסירן״ — א.ז.וו. די ״ידיעות״ זענען באַלד אַריבערגעשיקט געוואָרן אין דער ״אַנדערער זייט״ וואו מענטשן האָבן געלעכצט נאָך אַ גוטער בשורה — ״די רוסן קומען!״ ״די רוסן קומען!״.

די פּוסטע דיבורים און דברים בטלים אין דער רוסישער זייט — זענען געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר פיל יידן אויף דער מערב־זייט פון דער גרעניץ. ווער ווייסט וויפל קרבנות עס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן צוליב דעם ווייל די וועלכע האָבן געגלייבט אין די שמועות, האָבן געוואַרט ביז די גרעניץ איז פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר זיי און זיי האָבן פאַרשפּילט דעם לעצטן שאַנס צו פּרואוון ראַטעווען זייער לעבן.

דאָס אַריבערגיין דעם סאַן צו דער רוסישער זייט איז געווען פאַרהעלטעניסמעסיק לייכט אין די ערשטע וואָכן. יעדעס צובריקעווען זיך פון די נאַצישע באַנדיטן אין שטעטל האָט געבערענגט דערצו אַז צענדליקער זענען אַנטלאָפן צו דער גרעניץ. לויט דעם באַפעל פון דער דייטשער מאַכט איז אַנטשטאַנען אין סאַנאָק אַ ״יודענראַט״ מיט לייב ווערנער אין דער שפּיץ (פון די באַקאַנטע ווערנער פאַמיליע אין אונדזער געגנט) און מיט דער הסכמה פון דער דייטשער אַדמיניסטראַציע און אייניקע אונטערגעקויפטע אָפיצירן — זענען יעדן טאָג אַריבערגעפירט געוואָרן גרופּעס יידן אויף דער צווייטער זייט סאַן. עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ פּריוואַטע שמוגלעריי דורך פויערן, וואָס האָבן געוואוינט ביי די ברעגן פון טייך, האָבן גוט געקענט די געגנט און האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פאַרדינען לייכט געלט.

מיין קוזינע, פייגע העניג (היינט — ראָט, וואוינט אין חולון) איז געלונגען צו שאַפן פאַרבינדונג מיט איינעם פון די פויערן, וואָס זיין הויז איז געשטאַנען ביים ברעג פון סאַן אויף דער דייטשער זייט און טייל פון זיין משפּחה האָט געוואוינט אין דער אַנדערער זייט — ביי די רוסן. דער פויער האָט געהאַט אַן־אייגען שיפל און פייגע האָט מיט אים אַדורכגעפירט די שטוב זאַכן פון איר שוועסטער עטל ווערנער פון סאַניק, נאָכדעם ווי די גאַנצע פאַמיליע איז אַנטלאָפן אין דער בהלה, איבערלאָזנדיק אַלץ. פייגע איז נאָכהער נאָכאַמאָל צוריק קיין ברעזיוו, איינגעפּאַקט איר אייגענע זאַכן, מיטגענומען מיט זיך איר שוועסטער רייזל, און אויך מיר פראָפּאָנירט זיך אַנצושליסן.

דער פויער איז געקומען מיט זיין וואָגן קיין ברעזיוו, אונדז נעמען. מיר זענען אַ דורך דעם מסוכנדיקן וועג מיט נסים און געבליבן ביי אים נעכטיקן. ביינאַכט האָט דער מאַן נאָכגעפאָלגט דורך דעם פענצטער אין דער טונקל נאָך די דייטשע וואַך, וועלכע האָט פּאַטראָלירט לענגאויס דעם טייך. אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט ווען ער האָט געזען אַז די סאָלדאַטן זענען צוריק אין דער וואַך־שטוב — זענען מיר אַלע שנעל אַראָפּגעלאָפן מיט אונדזערע זאַכן צום ברעג, אַריינגעשפּרונגען אין דעם שיפל און אָנגעהויבן שנעל אַריבערשיפן זיך אין דער רוסישער ריכטונג. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום צווייטן ברעג האָבן זיך דערהערט געשרייען אין רוסיש: ״האַלט!״ דער מאַן האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט פון שיפל אַראָפּגעוואָרפן אונדזערע זאַכן און אַנטלאָפן צוריק. די רוסן האָבן אויף אים געשאָסן, אָבער זיי האָבן נישט געטראָפן. אונדז האָט מען גענומען צו דער קאָמאַנדאַטור, וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם, דורכן

פוילישן מיליטער פאַרלאָזטן לאַגער, — אולכאוויץ. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעפּאָרשט און נאָך צוויי טעג זענען מיר באַפרייט געוואָרן. מיר זענען גלייך אַוועק קיין לינסק, וואו מיר האָבן געהאַט פאַמיליע.

אין אייניקע טעג אַרום איז אָנגעקומען אויך מיין ג־טזעליקע שוועסטער פרידע, וועלכע איז דאַן אַלט געוועזן 17 יאָר. זי האָט דערציילט אַז די עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע האָבן אויף איר אויסגעאיבט אַ דרוק זי זאָל וואָס שנעלער פאַרלאָזן ברעזיוו, וואו זי איז מיט נסים אַרויס פון די מערדערס הענט, נאָך עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט זיי.

דאָס מיידל האָט פּשוט נישט פאַרשטאַנען מיט וועמען זי האָט צו טאָן. זי האָט ווייזט אויס געמיינט, אַז עס שטייען פאָר צוזאַמענשטויסן פון דעם סאָרט וואָס פלעגן פאָרקומען מיט פוילישע כוליגאַנעס, וועלכע פלעגן זיך טשעפּען צו יידישע מיידלעך, שפּעטן פון זיי און זיי פּרוּוון אָפּשרעקן. אָבער זיי האָבן זיך צום סוף צוריקגעצויגן ווען די מיידלעך האָבן זיך מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט און זיי שאַרף צוריקגעענטפערט (צום ״לויב״ פון די פוילישע כוליגאַנעס דאַרף מען צוגעבן, אַז זיי זענען געוועזן גוטע שילער פון די נאַצישע לערער און נאָך דעם קריג האָבן זיי געמאָרדעט יידן, דערינטער פרויען און קינדער, וואו זיי האָבן זיי געפונען — אהן שום סקרופּולן).

צו איר מזל האָט פרידע זיך אָנגעשטויסן אויף סתם סאָלדאַטן און נישט אויף ספּעציאַליזירטע און אויסגעשולטע רוצחים. די — זענען ערשינען ערשט אַביסל שפּעטער.

איר ערשטער צוזאַמענשטויס איז געוועזן אין רינק. אַן־עלטערער ייד איז אַרויס פון שטוב מיט אַן־עמער צו שעפּן וואַסער פון דעם ברונעם. ער האָט אָנגעהויבן באַוועגן דאָס גרויסע אייזערנע ראָד וואָס האָט זיך שווער געדרייט ווייל אין קריגס צייט האָט מען עס נישט געשמירט ווי געוויינליך. דער רינק איז געוועזן לער. צוויי דייטשן זענען דורכגעגאַנגען און דערזעענדיק דעם ייד ביי דעם ברונעם זענען זיי גלייך צוגעגאַנגען צו אים, אויסגעגאָסן ס׳וואַסער און אים באַפוילן דעם עמער ווידער אָנצופילן, זיי האָבן ווידער אויסגעגאָסן ס׳וואַסער און געהייסן אָנפילן, און זיך אַזוי אַ היבשע צייט ״אַמוזירט״: דער ייד האָט געדרייט דאָס שווערע אייזערנע ראָד מיט די לעצטע כוחות, דער שווייס האָט אים באַגאָסן — און די צוויי אויסוואורפן האָבן זיך אונטערהאַלטן און הנאה געהאַט פון דעם שפּיל.

פרידע איז דורכגעגאַנגען און דערזעענדיק וואָס עס קומט פאָר, איז זי צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז זי וועט מאַכן די ״אַרבעט״ אָנשטאָט דעם מאַן, און נישט וואַרטנדיק ביז זיי וועלן מסכים זיין, האָט זי געגעבן אַ ווינק דעם ייד ער זאָל פאַרשווינדן און זי האָט גענומען דרייען ס׳ראָד. די באַנדיטן זענען זי באַפאַלן, געזידלט און געדראָעט מיט די פויסטן. דער ייד האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און איז נעלם געוואָרן.

דער ענין האָט זיך ווי עס איז געענדיקט, די סאָלדאַטן זענען אַוועק און זי איז אַרויס פון דעם עסק, בשלום.

דער צווייטער פאַל האָט פּאַסירט ווען אַ דייטשער אָפיציר איז געקומען קאָנפיסקירן דאָס געשעפט פון דער מומע שרה גיטל העניג ז״ל. דער דייטש האָט אָנגעהויבן, ווי זייער שטייגער, צו געוואַלדעווען און דראָען אויף דער, צום טויט דערשראָקענע מומע. פרידע וועלכע איז געוועזן אָנוועזנט דאַביי, האָט געפרעגט דעם נאַצי פאַרוואָס ער באַגנוגנט זיך נישט מיטן צונעמען ס׳געשעפט, נאָר ער זידלט און דראָעט אַ קראַנקע אַלטע פרוי. דער מנוול האָט אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די האַנט צום רעוואָלווער, און נאָכדעם ווי ער האָט אַ וויילע זיך געוואַקלט, האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ פייערדיקן פּאַטש דעם מיידל. נאָך דעם אַלעם האָבן די עלטערן מורא געהאַט אַז נישט תמיד וועט זי אַזוי לייכט אָפּשניידן, און מען האָט זי שנעל אַוועקגעשיקט.

דאָס אַריבערשמוגלען די גרעניץ האָט ווייטער אנגעהאַלטן אָבער מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ און עס זענען אַנטשטאַנען שוועריקייטן פון דער זייט וואָס מען האָט זיך נישט געריכט. די רוסן האָבן מער נישט דערלויבט דורכצוגיין די גרעניץ־ליניע און האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף די אַריבערלויפנדע און זיי צוואונגען זיך צוריקצוקערן. אייניקע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן ביים פּרוּוון דורכגיין דעם טייך. די וואָס זענען שוין געוועזן אויף דער צווייטער זייט, זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי די גרעסטע פאַרברעכער, מיט דער באַקאַנטער רוסישער אכזריות...

אין לינסק האָבן שטעטישע בחורים געזען ווי לייביש לאַנגזאַם, פעסיל טייך׳ס מאַן, הי״ד, איז געפירט געוואָרן דורך די רוסישע גרעניץ וואַך אַ באַגאָסענער מיט בלוט. לעניניסטיש־סטאַליניסטיש געשולטע הינט, מיט פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין וואָס זענען ספּעציעל געברענגט געוואָרן פון רוסלאַנד, האָבן אים געכאַפּט ביי דער גרעניץ, נאָכדעם, ווי ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון נאַצישן גיהנום, און אים צוריסן דעם קערפּער. וואָס עס האָט מיט אים נאכהער פּאַסירט — דאָס קענען מיר זיך בלויז פאָרשטעלן. מער האָט מען נישט געהערט פון אים.

☆

פון אנפאַנג זענען די רוסן געוועזן אין פאַרלעגנהייט, אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ שטראָם פון פליטים, וואָס האָט זיך געשטאַרקט די גאַנצע צייט און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיי. כל זמן די זאַך איז געלעגן אין די הענט פון די אָרטיקע מיליטערישע מאַכט, האָט יעדער אָפיציר און קאַמענדאַנט געהאַנדלט לויט זיין איינזעהן. אויך דער פאַקט, וואָס די רוסן זענען געוועזן פרעמדע און נאָך נישט געקענט געגנוג דעם שטח און די באַפעלקערונג האָט נישט מיטגעאַרבעט מיט זיי — האָט געשאַפן שוועריקייטן פאַר דער גרעניץ וואַך און עס איז זיי געוועזן שווער צו באַהערשן די לאַגע. די פליטים וואָס זענען אַדורך דעם טייך אין אָנפאַנג, זענען גענומען געוואָרן אין דעם מיליטער־לאַגער אין אלכאוויץ, דאָרט אויסגעפּאָרשט געוואָרן און נאָך אַ טאָג־צוויי זענען זיי באַפרייט געוואָרן. די שפּעטער אָנגעקומענע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין די מיליטערישע קאַסערן ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער שטראָם פליטים און צוליב מאַנגל אין פּלאַץ זענען די פריערדיקע אַרויסגעשיקט געוואָרן. אין

דער צווישנצייט זענען אָנגעקומען נייע אינסטרוקציעס און די באַציאונג צו די אַנטלאָפענע איז ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

אַ קליינעם טייל איז נאָך געלונגען אַרויסצושמוגלען זיך פון לאַגער ווייל די וואַך איז נאָך נישט געווען גענוג אָרגאַניזירט און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. די איבריקע, דערינטער פיל פון אונדזער שטעטל, זענען געוואָרן אַרעסטירט און אוועקגעפירט אונטער אַ שטרענגער וואַך קיין לעמבערג און דער גרויסער תפיסה "בריגיטקי". איינצלנע איז געלונגען זיך אַדורכצורייסן דורך דער געדיכטער נעץ פון דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע און זענען צו אלעמענס שטוינונג באַפרייט געוואָרן. צענדליקער טויזנטער זענען געפירט געוואָרן קיין רוסלאַנד און וואָס ווייטער זיי זענען דאָרט אַריין, האָבן זיי געזונקען טיפער אין דעם געדיכטן זומפ פון דעם רשעותדיקן נ.ק.וו.ד.־אַפאַראַט, וואָס האָט זיך באַצויגן צו זיי ווי צו פאָליטישע פאַרברעכער און זיי פאַרשיקט קיין סיביר זיין לאַגערן אונטער די הרי חושך. די וואַך ביי דער גרעניץ איז געוואָרן פאַרשטאַרקט און די גרעניץ ליניע איז הערמעטיש פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר די פאַרשפעטיקטע אַנטלויפער.

די פריי געבליבענע פליטים, נאָכדעם ווי זייער אַנטוווערטעט געלט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָבן זיך גענומען גרייטן בלייבן אויפן פלאַץ, און האָבן זיך באַמיט איינצוּאָרדענען אונטער די נייע באַדינגונגען.

דער גרעסטער טייל פליטים האָט זיך קאָנצענטרירט אין לעמבערג, די גרעסטע שטאָט אין דעם אָקופירטן רוסישן געביט. זייער צאָל איז געווען גרעסער ווי די צאָל איינגעזעסענע. הונדערטער טויזנטער זענען געבליבן אָהן אַרבעט און אָהן פרנסה. די אַרבעטס־פאַרמיטלונגס־ביוראָס, וואָס האָבן געפרואווט פאַרטזעצן זייער טעטיקייט און זוכן באַשעפטיקונג פאַר די מאַסן וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביי זייערע טירן — האָבן נישט מצליח געווען. אויפן באַפעל פון די סאָוויעטישע מאַכט אָרגאַנען זענען די פאַרמיטלונגס שטעלן געשלאָסן געוואָרן, מיט דעם מאָטיוו, דאָס זיי זענען אַן־איבעריבלייבעניש פון דעם פאַרפוילטן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים און אין דעם פאָרטגעשריטענעם ראַטן־פאַרבאַנד, זענען זיי איבריג, דען אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז דאָ אַרבעט פאַר יעדן.

די וואוין פראַגע אין דעם שווערן ווינטער 1940 איז געווען נישט ווייניקער שווער. טייל פליכטלינגע האָבן געוואוינט ביי קרובים, ווענמענס וואוינונגס באַדינגונגען זענען אויך נישט געווען קיין גלענצענדע. טייל האָבן גענעכטיקט אין בתי מדרשים, מאַגאַזינען און אויסגעלערטע געשעפטן. צענדליקער פליטים, צווישן זיי אויך אייניקע ברעזיווער, האָבן געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ אין דער קלויז פון בויאַנער רבין הי"ד. די קלויז האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט זיין פריוואַטער וואוינונג אויף דער קאַזימיעזשאַווסקא גאַס. אין דער קלויז זענען זיי זיך אויך געקומען אָנוואַרעמען נאָכדעם ווי זיי זענען אויסגעפרוירן געוואָרן, שטייענדיק שעהן לאַנג אין די רייען צו קויפן אַ ביסל לעבנס־מיטל. געשלאָפן זענען זיי דאָרט אויף די בענק, טישן און אויך אויף דער בריק.

איך האָב געפונען אַ פלאַץ צו שלאָפן אין הויז פון מיין חבר נטע צוויק הי"ד, קאָפּל צוויקס אייניקל פון ברעזיוו. זיין פאָטער, איציק מענדל, איז יונגערהייט געשטאָרבן און די מוטער הי"ד, אַ קלוגע, ענערגישע פרוי האָט געפירט ס'געשעפט און אויפגעהאָדעוועט די קינדער. בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט, האָט זי פאַרוואַנדלט איר דירה אין אַ קליינעם האָטעל און רעסטאַראַציע, כשר למהדרין פאַר פאַרמעגליכע פליטים פון מערב־גאַליציע. אויך איר שוואָגער, קלמן צוויק, און דאָס יונגל לייזערל גאַלדפישער, איר שוועגערן פייגעס זון פון ברעזיוו — האָבן זיך אויך אויפגעהאַלטן אין איר הויז.

פיל האָב איך פאַרברענגט אין הויז פון עטקע (פיינגאָלד) און איר מאַן חיים אלסטער הי"ד, וועלכע האָבן מיך תמיד וואַרעם אויפגענומען און כ'האָב זיך געפילט ביי זיי ווי אַ בן־בית. צווישן די שטעטישע וואָס האָבן דאַן געוואוינט אין לעמבערג און כ'פלעג צו זיי אַריינקומען, זענען געווען די שוועסטערן, אַנדא און דאלע דילער הי"ד, מענדל און שפרינצע לויפער און זייערע קינדער יוסעק און פייגע הי"ד (זיי זענען דערנאָך צוריק קיין ברעזיוו און דאָרט אומגעקומען). גרשון (גענעק) ווילנער, דער ברודער פון זיסאַלע שערץ און זיין פרוי מאַניע פון יאטשמער — הי"ד. גרשון איז געווען אַ צאָן־טעכניקער און האָט זיך גערעכנט אַלס אַרגענטינישער בירגער. בעת דעם אייכמאַן פראָצעס, האָט די פראקוראַטור איבערגעגעבן, אַז די אַרגענטינישע רעגירונג האָט זיך באַמיט פאַר ווילנערן און דאָס דייטשע אויסערן מיניסטעריום האָט זיך געווענדעט צו הימלערן ימ"ש, זיך צו רעכנען מיט די ספעציעלע באַציאונגען מיט אַרגענטינע און אים נישט שיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. אייכמאַן ימ"ש האָט אָבער נישט געוואָלט מוותר זיין אפילו אויף איין ייד. זיין ציניש̈ער ענטפער איז געווען, (אַז "דער ייד איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ טראמבאזע טראָץ די פיל מעדיקאַמענטן וואָס מען האָט אים געגעבן"). ("דער יורידישער ראַגעבער פון דער רעגירונג — קעגן אייכמאַן" — זייט 51, ירושלים).

פון די ווייניקע ידיעות אין דער סאָוויעטישער פרעסע וועגן דעם קריג אין דעם "פאַרוואָרפענעם" מערב אייראפּא, האָט מען זיך בלויז געקענט דערוואוסן, דאָס אויסער לופט און ים צוזאַמענשטויסן, ווי אויך אויסשפיר אַקציעס וואָסביידע קעמפענדע צדדים האָבן דורכגעפירט — זענען קיין שום אַנדערע קריג אָפּעראַציעס נישט פאָרגעקומען, און קיינער האָט נישט געפרואווט דערוויייל אַרויסרייסן פון דעם נאַצישן כיסק דעם איינגעשלונגענעם פוילישן ביסן.

דער סאָוויעטישער רעזשים, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט און אָרגאַניזירט אין די פאַרנומענע פוילישע געביטן, לויט זיין סיסטעם, האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער לאַגע, דאָס עס געפונען זיך אין זיינע גרעניצן צענדליקער טויזנטער מענטשן אָהן אַ שטאַבילן אַדרעס און אָהן אויפזיכט.

זומער 1940, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן סאָוויעטישע פאַספּאָרטן פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָבן אויך די פליטים וועלכע זענען געווען פאַראינטערעסירט

דערין, געקענט באַקומען אַ פּאַספּאָרט אָהן שום שוועריקייטן. זיי האָבן בלויז געדאַרפט אָנגעבן זייער אַדרעס, וואָס קיינער האָט נישט קאָנטראָלירט אויב זי איז ריכטיק. טייל פּליטים האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און אָנגענומען דעם רוסישן פּאַספּאָרט, און דאָס האָט זיי דערמעגליכט צו געפינען אַרבעט און זיך ווי עס איז איינאָרדענען. ס'איז אָבער געווען אַ גרויסע צאָל פּליטים, וועלכע זענען נישט געווען צופיל באַגייסטערט פון די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען זיי נישט דערמעגליכן צו פאַרלאָזן די סאָוויעטישע גרגעניצן, און דעריבער האָבן זיי אויסגעוועלט צו בלייבן אין אַ סטאַטוס פון שטאַאטלאָזע, האָפנדיק אַז אַזוי אַרום וועלן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס זיי נעמען אונטער זייער שוץ.

קיינער האָט צוואַר נישט געקענט פאָראויסזאָגן ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן, אָבער אַלע זענען געווען זיכער דערין אַז דער נאַציזם, טראָץ זיין געגנווערטיקער מעכטיקייט, וועט דאָך פאַרניכטעט ווערן און ווען דער שלום וועט קומען וועלן זיי קענען צוריק צו זייערע פאַמיליעס.

אינצווישן אָבער האָט זיך דער קריג פאַרצויגן פיל לענגער ווי מען האָט גערעכנט און זיין סוף האָט זיך דערווייל נישט געוויזן. די דייטשן זענען געגאַנגען די גאַנצע צייט פאָראויס און נאָכן דעראָבערן נאָרוועגיע איז געקומען די שרעקליכע איבעראַשענדע ידיעה וועגן דעם פאַלן פון פראַנקרייך, וואָס האָט צובראָכן אונזערע געמיטער און אַ שרעקליכער יאוש איז אונדז באַפאַלן.

אין לעמבערג איז אַנטשטאַנען אַ פּליטים־קאָמיטעט, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט גענוי זיין ציל און זיין קאָמפּעטענץ, אָבער עס איז געווען קלאָר אַז זיין טעטיקייט איז געווען מיט דער הסכמה פון דער מאַכט. דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן פאַרשרייבן די מענטשן וואָס האָבן זיך דעקלאַרירט אַלס פּליטים און זייער ציל איז צוריק צוגיין אַהיים, אין די מערב געביטן, וואָס געפינען זיך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. די פאַרשריבענע זענען געווען הויפּטזעכלעך ייִדן, ווייל אַנטלאָפענע פּאָלאַקן זענען גלייך צוריק אַהיים אָהן שום שוועריקייטן. מאַנכע, בעלי משפחות, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט קינדער און זיי האָבן נישט געקענט איבערטראָגן די אָפּגעריסנקייט, האָבן ערנסט גענומען אין באַטראַכט די מעגליכקייט צוריק צוקומען אַהיים כדי זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע נאָענטע און ליידן צוזאַמען מיט זיי, ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן געדענקט, אַז די דייטשן האָבן שוין אויסגענוצט אַלע רעפּרעסיעס און גזירות אויף ייִדן און טראָץ די צרות, וועט מען קענען דורכלעבן ביז צו דער באַפרייאונג. וועגן פאַרניכטונג איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן.

די איבערוויגענדע מערהייט פון די פּליטים האָט זיך באַצויגן צו דער רעגיסטראַציע ווי צו אַ פאָרמעלן אַקט, און זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט בלויז אין דעם נעגאַטיוון רעזולטאַט דערפון, ד.ה. נישט צו בלייבן אויף שטענדיק ביי די רוסן, און דאָס איז געווען דער איינציקער וועג זיך אָפּצוזאָגן פון דער סאָוויעטישער בירגערשאַפט. זיי זענען געווען איבערצייגט אַז די דייטשן וועלן נישט מסכים זיין צוריקצונעמען די ייִדן אין זייערע געביטן און אויב אפילו זיי וועלן יאָ זיין איינפאַרשטענדיק, וועט מען שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי "חרטה" צו האָבן און זיך אַרויסדרייען דערפון. דערווייל וועט מען געוואונען צייט און ס'וועט אונטערקומען אַן־אַנדערער אויסוועג (לאחר המעשה האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מענטשן — הגם זיי האָבן עס דעמאָלט נישט געוואוסט — האָבן דאָך ריכטיק געהאַנדלט נישט אנעמענדיק די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. אין רעזולטאַט דערפון האָט מען זיי פאַרשיקט קיין סיביר און אַנדערע ווייטע מקומות, און טייל, די יונגערע און שטאַרקערע וואָס זענען געווען בכוח אויסצוהאַלטן די אַלע צרות אין די ביטערע באַדינגונגען אין די סאָוויעטישע לאַגערן — זענען ניצול געוואָרן. די געבליבענע אויף זייערע פּלעצער, די איינגעבירגערטע, זענען דערנאָך אריינגעפאַלן אין די נאַצישע לאַפּעס).

דער פּליטים קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון נאַאיווע מענטשן (דערינטער מסתמא אויך אייניקע סאָוויעטישע אַגענטן), האָבן דערווייל פאַרשריבן די פּליטים און אויפגענומען זייערע אַדרעסן; פאַרעפנטליכט אין די ביוראָס קאָמוניקאַטן וועגן דעם "פאַרשריט" פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער דייטשער מאַכט א.ז.וו. איך האָב מיך אויך פאַרשריבן צוריקצופאָרן אַהיים און פון דאַן בין איך געווען פאַרזיכטיק זיך נישט צו געפינען אין דער נאָענט פונעם פּליטים־אַמט, מורא האָבנדיק אַז אין אַ געוויסן טאָג. וועט די מיליץ אָפּשליסן דעם שטח און אַרעסטירן אַלע אין דער סביבה.

עס איז שווער פעסטצושטעלן, אויב די רוסן האָבן ווירקליך געפּרואווט צו אינטערווענירן ביי די דייטשן זיי זאָלן צוריקנעמען די ייִדישע פּליטים און אויב די דייטשן האָבן אָפּגעזאָגט. עס איז מעגלעך אַז דאָס איז געווען איינער פון די סאָוויעטישע "טריקס" בכדי צו באַקומען די אַדרעסן פון די פּליטים און זיי האָבן צוגעגרייט אַן־אייגענע לעזונג פון דעם פּליטים פּראָבלעם.

ענדע יוני 1940 זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד טויזנטער לאַסט־אויטאָס מיט נ.ק.וו.ד.־אַגענטן און זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע ישובים אין די פאַרנומענע געביטן און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן זיי געמאַכט אַן־אָבלאַווע אויף אַלע פּליטים וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פּאַספּאָרטן. די אַגענטן זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, נישט דורכלאָזנדיק אויך קיין דערפער ווי עס האָבן זיך געפונען פּליכלינגע. זיי האָבן אויפגעלאָדנט די מענטשן אויף די אויטאָס און זיי אוועקגעפירט קיין רוסלאַנד. דאָרט זענען זיי איבערגעפירט געוואָרן אויף באַנען און שיפן — און נאָך אַ רייזע וואָס האָט געדויערט פיל טעג און מאנכעסמאָל וואָכן, זענען זיי אָנגעקומען קיין סיביר און אַנדערע פּלעצער אונטער די הרי חושך. דאָס וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין לאַגערן אויפצונעמען אַזויפיל מענטשן האָט נישט פאַרשאַפט די סאָוויעטישע מאַכט קיין גרויסע זאָרגן. די פּליטים זענען

אַריינגעפירט געוואָרן אין געדיכטע וועלדער, מען האָט זיי געגעבן העק און זעגן און זיי באַפוילן אויסצושניידן ביימער און צוגרייטן פאַר זיך באַראַקן. די וואָס האָבן געהאָט מזל זענען אַריין אין שוין עקזיסטירנדע לאַגערן, וואָס פריערדיקע אַרעסטאַנטן האָבן פאַר זיי אויפגעבויט לויט דעם זעלבן סיסטעם.

איך האָב זיך געפונען צווישן די ווייניקע וואָס איז געלונגען זיך ארויסצודרייען פון דער אַבלאַווע און בין געבליבן אין לעמבערג.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז די געבליבענע וועט נישט זיין לייכט זיך אײַינצואָרדענען. אין יעדן הויז איז דער הויז וועכטער געווען פאַראַנטוואָרטליך לגבי די פּאָליציי, נישט צו דערלאָזן אַז עס זאָלן זיך דאָרט געפינען פרעמדע פּערזאָנען, וועלכע זענען נישט פאַרשריבן אַלס שטאַבילע לאָקאַטאָרן. יעדע נאַכט פאַר 9 אַ זייגער איידער מען האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון די הייזער, איז דער הויז־וועכטער אַדורכגעגאַנגען איבער אַלע וואוינונגען און געזוכט אויב ס׳געפינט זיך נישט קיין פרעמדער.

מיך האָט דער וועכטער געפונען ביי אַ פריינט אין צימער ער האָט גלייך מודיע געווען אויף דער מיליץ, וועלכע איז באַלד אָנגעקומען און מיך געפירט אין קאָמיסאַריאַט אין די ״בריגיטקיס״. נאָך ברוטאַלע אַנטיסעמיטישע זידלערייען און דראָאונגען האָט מען מיך באַפרייט, אָבער מיט אַ וואָרענונג דאָס אויב איך וועל נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אין זייערע הענט, וועל איך שוין מער פון זיי נישט אַרויס...

כ׳בין געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין דער גאַס. באַין ברירה בין איך צוגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַציע. דער וואַרטע־זאַל איז געווען פאַרמאַכט און דאָס קאַסע־פענצטערל צו פאַרקויפן בילעטן, איז געווען אין דער דרויסנדיקער וואַנט, לויט דער רוסישער שיטה.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר באַשלאָסן, מאיר באַנק, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן־ענליכע לאַגע, און איך, און מיר האָבן זיך ביידע געמאָלדן אין דער פּאָליציי, אַלס פּליטים, אָן אַ שטאַבילן וואוין־אָרט. צו אונדזער גרויסער שטוינונג האָט מען אונדז צוריקגעשיקט. אויב מיר וועלן אייך ברויכן — האָבן זיי געזאָגט — וועלן מיר שוין וויסן וואו אייך צו געפינען.

נאָך אַ קורצער צייט האָט מען צוגעטיילט די פאַרבליבענע צווייט־ראַנגיקע פּאַספּאָרטן, אַלס נישט פאַרלעסטליכע עלעמענטן. דעם פּאַספּאָרט האָבן די יידן גערופן: ״מיט אַ בלוט־טראָפּן״... און די באַזיצער פון די דאָזיקע ״טריפהנע״ פּאַספּאָרטן, האָבן געמוזט פאַרלאָזן די קרייז שטעט, און געמעגט זיך בלויז געפינען אין אַ מרחק 100 ק״מ פון דער גרעניץ און נאָך פאַרשידענע אַנדערע באַגרעניצונגען. פאַר דעם סאָרט פּליטים האָט מען באַשטימט אַ ״תחום המושב״ — אין טאַרנאָפּאָלער געגנט, אַ שטח פון עטליכע צענדליק קוואַדראַט ק״מ, וואָס האָט אַרומגענומען עטליכע קליינע שטעטלעך און דערפער און נאָר דאָרט איז זיי ערלויבט געווען צו וואוינען.

אין אַ קורצער צייט זענען אָנגעקומען אין דעם קליינעם באַגרעניצטן שטח — צענדליקער טויזנטער יידן, מיט זייער אָרעמען געפּעק, פאַרצווייפלטע, אָן מיטלען צום לעבן — קיין שום אינסטיטוציע האָט נישט געזאָרגט פאַר זיי. די מענטשן וועלכע זענען אָנגעקומען מאַסנוויז — הילפלאָזע, און פאַרצווייפלטע — זענען אויפגענומען געוואָרן דורך דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג מיט וואַרימקייט און ברידער־הילף.

דער סאָוויעטישער רעזשים האָט נישט דערלאָזט קיין שום געזעלשאַפטליכע אָדער פילאַנטראָפּישע טעטיקייט, און אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דעם סאָרט זענען אויפגעלעזט געוואָרן. די הילף איז געקומען ספּאָנטאַניש, פון הארצן. אָרטיקע יידן זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און איינקוואַטירט פּליטים וויפל עס איז געווען מעגליך און נאָך מער. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז די וואוינונגס באַדינגונגען פון די יידן אין די שטעטלעך זענען ווייט נישט געווען קיין גלענצענדע, און טראָץ דעם איז קיינער פון די געקומענע נישט געבליבן אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און מען האָט ווי ווייט מעגליך אויך געזאָרגט פאַר זייערע באַדערפענישן. אייניקע שטעטישע, משה שערץ און זיין שוועסטער שיינדל, מעכל שערץ הי״ד און, אונדז צו לאַנגע יאָרן, מאיר באַנק און איך, זענען אָנגעקומען אין שטעטל קאזאווע ביי בערעזשאַן, און דאָרטן געפונען אַ וואַרימע היים ביי די פאַמיליעס איסערליס און לעבער. אויך וויל איך דערמאָנען נאָך אייניקע משפחות מיט וועלכע מיר זענען געווען באַפריינדעט: ראהאַטינער, שיק, מאַרקאָוויטש, בלומענרייך, שמוץ, ראזמאָרין און אַנדערע. די דאָזיקע גוטע מענטשן האָבן זיך באַמיט פאַר אונדז און אויך פאַר פיל אַנדערע היימלאָזע העלפנדיק אונדז מיט אַלעם מעגליכן. און אַזוי האָבן געהאַנדלט אויך די אַנדערע יידן אין שטעטל. דאָס האַרץ, ווערט צוריסן ווען מען דערמאָנט זיך זייער רירענדע האַרציקייט און נאכהער דעם ביטערן גורל פון די וואונדערפולע טייערע יידן וואָס, אין ווייניקער ווי צוויי יאָר שפּעטער, איז די האַק פון די פאַרשאָלטענע רוצחים אַראָפּ אויף זייערע קעפּ.

איינער פון די הויפּט טוער פאַר די פּליטים אין קאזאווע איז געווען דער טייערער ייד ר׳ בן־ציון שוחט הי״ד. ער האָט נישט גערוט ביז דער לעצטער פּליט איז באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ ווינקל, וואו צו זיין. ער אַליין האָט אַריינגענומען, אין זיין קליינער דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי שטיבלעך — אַ 10 פּליטים, און ער מיט זיין ווייב זענען געשלאָפן אין קיך אויף אַן־אויסגעבעט געלעגער. עטליכע פּליטים האָט ער אַריינגעזעצט אין דער דירה פון זיין זון, אַ יונגערמאַן ס׳ערשטע יאָר נאָך דער חתונה, וועלכער האָט ווי ער, געוואוינט אין צוויי קליינע שטיבלעך.

אייניקע לאָקאַטאָרן פון זיין זונס וואוינונג האָבן זיך געוואונדעט צו ר׳ בן־ציון און אים געפרעגט אויב ס׳איז מעגליך פאַר זיי צו געפינען אַ צווייטן פּלאַץ, וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

ר׳ בן־ציון האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, דערהערנדיק די בקשה און געפרעגט די לייט: באַהאַנדלט אייך, חלילה, מיין זון, נישט ווי געהעריק? — חס ושלום — האָבן די מענטשן

אים געענטפערט — להיפך, ער און זיין פרוי באַמיען זיך און זאָרגן פאַר אונדז ווי ווייט מעגלעך, נאָר פשוט, ס׳איז אונדז נישט אַנגענעם צו שטערן אַ יינג פאָרפאָלק, וואָס איז ערשט נאָך דער חתונה.. אה, אַזוי, — איז ר׳ בן־ציונען לייכטער געוואָרן — איר מיינט צו זאָגן, אַז פאַר מיין זון איז נישט באַקוועם? דאָס אַרט מיך זעהר ווייניק. מיין זון איז נישט חלילה קיין פליט, און איך בין נישט מחויב פאַר אים צו זאָרגן. אויב עס איז אים נישט באַקוועם זאָל ער זיך זוכן אַ צווייטע וואוינונג. דער עיקר אַז איר זייט איינגעאָרדנט...

אַזעלכע טייערע יידן האָבן מיר געהאַט! זאָל די דאָזיקע אמתע דערציילונג זיין אַ זכרון ליכטל פאַר זיין הייליקע נשמה.

☆

פאַסט אַ יאָר צייט זענען די פליכטלינגע געזעסן אין זייערע פלעצער ביז פלוצים אין אַ געוויסן פרימאָרגן, דעם 22־טן יוני 1941 האָבן זיך די מענטשן אויפגעוועקט דערהערנדיק די ידיעה, אַז די נאַציס האָבן אָנגעגריפן זייער "פאַרבונדעטן און גרויסן פריינט" — רוסלאַנד. אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן האָט די היטלעריסטישע אַרמיי אויפגעבראָכן די פראָנט־ליניע און די סאָוויעטישע פאַרטיידיקונגס באַטאַליאָנען האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן און אָנגעהויבן אין גרויס בהלה צו אַנטלויפן קיין מזרח. די דייטשע פאַנצער גרופן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, אַרומגערינגלט, גענומען און געפאַנגענשאַפט גאַנצע דיוויזיעס און זיי פאַרניכטעט. די באַקאַנטע בילדער פון אָקופירן פוילן האָבן זיך איבערגעחזרט. ווייניקע יידן איז געלונגען זיך אָנצושליסן צו די רוסישע באַאַמטע וואָס זענען אויף דער שנעל עוואַקוּאירט געוואָרן, און אַ קליינער טייל פון די אַנטלאָפענע איז געלונגען אָנצוקומען אויף זיכערע פלעצער אין רוסלאַנד. אַנדערע זענען געבליבן שטעקן אויפן וועג און אַריינגעפאַלן אין דעם שונאס הענט יעדער און זיין גורל.

נאָך עטלעכע טעג זענען ערשינען די ערשטע דייטשע סאָלדאַטן אין קאָזאָווע. ס׳צווייטע מאָל האָט אונדז דערגרייכט די מערדערישע האַנט. דאָסמאָל וועט אונדז מער נישט געלונגען זיך אַרויסצודרייען.

פון אָנפאַנג, זייענדיק פאַרנומען אויפן פראָנט, האָבן די רוצחים אַביסל "פאַרנאַכלעסיקט" די פאַרוואָרפענע שטעטלעך, אָבער נישט אויף לאַנג. די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף די קעפ פון די יידישע קהילות. אין קאָזאָווע האָבן זיי צונויפגעזאַמלט אַלע יידן, דערינטער די פליטים — אויף אַ גרויסן פלאַץ, אויסגעקליבן 600 פון זיי און אַוועקגעפירט אויף איין אומבאַקאַנט אָרט און זיי דאָרט דערשאָסן.

בכלל, אין מזרח גאַליציע, האָבן די דייטשן באַקומען אַן־אָרגאַניזירטע מיטהילף פון די אָרטיקע אוקראַאינער, וועלכע אויסערדעם וואָס זיי זענען פון תמיד געווען שונאי ישראל און בעסטיאַלישע פאָגראָמטשיקעס, האָבן זיי געפונען נאָך אַ סיבה צו פייניקן די יידן: זיי האָבן זיך נוקם געווען אין זיי צוליב זייער לאָיאַליטעט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו די פאַרהאַסטע סאָוויעטן.

די סאָוויעטן האָבן נישט בלויז געענדערט דעם רעזשים אין די פאַרנומענע געביטן — זיי האָבן אויך געטוישט אַלע מאַכט־אָרגאַנען און האָבן פאַרוואַנדלט מזרח גאַליציע פון אַ פוילישע פראָווינץ — אין אַ טייל פון דער סאָוויעטישער אוקראַאינע.

די אוקראַאינישע שפּראַך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס די אָפיציעלע לאַנדס־שפּראַך, ווענדיק אַזוי אַרום געבן דעם אוקראַאינישן פאָלק דאָס געפיל, דאָס זיי זענען פון יעצט אָן די בעלי בתים פון לאַנד און זיינע הערשער.

צענדליקער טויזנטער אָרטיקע אוקראַינער זענען נאָמינירט געוואָרן אַלס הויכע בעאַמטע, זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע פּאָליטישע און הערשענדע אינסטאַנצן, געפירט די גאַנצע אַדמיניסטראַציע אין די אָקופירטע שטחים, און זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס איבערגעגעבענע קאָמוניסטן, וואָס קיינער האָט נישט געצווייפלט אין זייער טרייקייט. נאָך דער דייטשער אינוואַזיע, האָבן די זעלבע אוקראַאינישע קאָמוניסטישע פונקציאָנאַרן, גלייך "געטוישט דעם פעלץ" און מיט גרויס התלהבות גענומען זיך מיטאַרבעטן מיט די נאַציס, אַלס נאַציאָנאַלע אוקראַינישע פּאַטריאָטן און עקסטרעמע פיינט פון קאָמוניזם.

דאַגעגן די יידן, וואָס זייער ראָל אין דעם סאָוויעטישן רעזשים אין די דאָזיקע ערטער איז געווען אַ באַגרעניצטע, זייער סאָציאַלער "ייחוס" אַ פּסולער; זיי זענען עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרן, זייערע געשעפטן זענען רעקווירירט געוואָרן און זייער טעטיקייט האָט זיך באַגרעניצט אין פּשוטע ביורא־אַרבעטן און אין שאַפן פאַרשידענע "אַרטעלן" און קאָפּעראַטיוון פון בעלי מלאכות און אַרבייטער, זוכנדיק פּרנסה — אויף זיי האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג אָנגעוויזן אלס פאַראַנטוואָרטליכע פאַר די מעשים פון סאָוויעטישן רעזשים און שולדיקע אין זיינע זינט.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז פון דאָסניי די באַקאַנטע גזירות, כאַפּן צו אַרבעט, און אַלע אַנדערע צרות, וואָס מיר האָבן שוין איינמאָל מיטגעמאַכט.

נאָך עטלעכע חדשים פון צרות און נגישות האָבן מיר אָנגעהויבן פּלאַנען ווי אַזוי אַהיים צוקומען. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערע פאַמיליעס האָבן זיי פאַר אונדז אַרויסבאַקומען אַן־ערלויבעניש צוריקצופאָרן אַהיים.

מיט דער הילף פון קאָזאָווער פריינט, האָבן מיר, עטליכע שטעטישע צוזאַמען, געדונגען אַ לאַסט־אויטאָ און פאַרדעקט מיט אַ ברעזענט, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. צו אונדזער גליק האָבן מיר זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין דייטשע אָדער אוקראַאינישע וואַך. ווען דאָס וואָלט פּאַסירט — וואָלט די ערלויבעניש אונדז גאָרנישט געהאָלפן. מיר זענען אָנגעקומען פאַרנאַכט קיין סאָניק און איבערגינעכטיקט ביי באַקאַנטע. צומאָרגנס איז אָנגעקומען מיט אַ וואָגן זיסאַלע שערץ הי״ד די מוטער פון שיינדל און משה שערץ און געברענגט מיט זיך אַלע ערלויבענישן און דאָקומענטן, וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן דורכן "יודנראַט".

דאָס אַריינקומען קיין ברעזיוו איז געווען אַ דערשי־

טערענדע איבערלעבונג, וועלכע איז שווער איבערצוגעבן. מיר האָבן געזען פאַר זיך אַן־אויסגעשטאָרבן שטעטל. מענטשן דערשראָקענע און צוזאַמענגעבראָכענע מיט איינגעפאַלענע פנימער און אויסגעלאָשענע אויגן, אָנגעטאָן אין אָפגעטראָגענע מלבושים און אויף זייער אַרבל אַ ווייסן אָרים־באַנד מיט אַ מגן־דוד. זיי זענען געגאַנגען ווי אַרעסטירטע אין אַ תפיסה־הויף (קאָנצענטראַציע לאַגערן האָבן מיר נאָך נישט געקענט), און כאָטש זייערע שומרים האָט מען נישט אָנגעזען, האָבן זיי גוט געפילט אַז דאָס מאַשין־געווער איז אָנגעשטעלט אויף זיי.

די פנימער פון די פרויען האָט מען נישט אַרויסגעזען. זיי האָבן אַראָפגערוקט די טיכלעך ביז צו די אויגן און די קעפ אַראָפגעלאָזט אין די קראַגנס פון די מאַנטלען. מיט די מענער איז געווען פאַרקערט: נאָכדעם ווי זיי זענען געצוואונגען געווען אָפצושערן די בערד, זענען די פנימער געווען ווי נאַקעט און זייער גאַנצע פאַרצווייפלונג און דערנידערונג האָט זיך אָפגעשפיגלט אין די איינגעשרומפענע געזיכטער. אַלע האָבן געשלעפט די פיס און זיך גערוקט פאָרזיכטיק און וואַקלדיק, ווי אויף אַ צובראָכענער בריק, וואָס אָט־אָט ברעכט זי זיך איין אונטער זיי. זיי האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ציל האָבן זיי אינסטינקטיוו פאַרשנעלערט די טריט, אויפפאַסנדיק נישט אויסצוזען ווי אַנטלויפענדע, כדי נישט אַרויסצורופן די אויפמערקזאַמקייט פון די רוצחים, וואָס זייער אָטעם האָט געשטאָכן אין רוקן, און, ווי די ווילדע הינט, זענען זיי גרייט געווען אַרויפצושפרינגען אויף די קרבנות. די אויגן האָבן געזוכט ווי אין די פינצטער. די זון האָט נישט געשיינט פאַר זיי. צום סוף זענען זיי פאַרשוואונדן אין דעם הפקר געוואָרענעם הויז, וויסנדיק אַז עס קען נישט דינען אַלס שוץ פון די רוצחימס הענט.

דאָס אַריינקומען אין שטוב איז אוממעגליך צו איבערשרייבן. די מאַמע האָט געציטערט אינגאַנצן און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דער טאַטע האָט מיך צוגעדריקט צום האַרצן און געמאַכט אַ "שהחיינו". די שוועסטער און ברודער זענען אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט אַ געוויין. אַ תשעה באב'דיקע "שמחה" איז געוואָרן אין שטוב. זיכער האָבן זיי זיך געפרייט מיך ווידער צו זען, אָבער ווי ווייט האָט עס זיי געטון, דאָס זייער האָפנונג, אַז כאָטש איינעם פון אונדז איז געלונגען זיך צו רעטן — די האָפנונג האָט אַנטוישט.

נאָך עטלעכע טעג רו אין דער היים איז געקומען די צייט זיך צו פאַרשרייבן אין אַרבייטס־אַמט און ווערן אַ "פראָדוקטיווער עלעמענט" פאַר דער דייטשער ווירטשאַפט. דאָס פאַרשרייבן זיך איז געמאַכט געוואָרן דורכן "יודנראַט" וואָס האָט ערלעדיקט אַלע פאָרמאַליטעטן. דער "יודנראַט" איז באַשטאַנען פון משה קנעבלבאַרט, יאָסקע פאַס, חנן שערץ און פרוי ראַדולניק (אַ פאַמיליע וואָס איז געקומען אין קריג). סעקרעטאַרן איז געווען שרה ביבער. דער "יודנראַט" אין שטעטל האָט זיך באַמיט און געטון וואָס מעגליך צו פאַרגרינגערן די נויט און ביז צום ביטערן סוף איז עס אים ווי עס איז געלונגען. זיי האָבן איבערגעקויפט די רוצחים און באַצאָלט אויסלייז־געלט פאַר יעדן ייד וואָס מען האָט געכאַפט ביי אַן "עבירה" — און פאַר יעדע "עבירה" וואָס אַ ייד האָט געטון איז אים "געקומען" טויט־שטראָף.

מנוולים און רוצחים האָבן נישט געפעלט. די ערשטע מיוחסים זענען געווען די געסטאַפאָ קאָמאַנדאַטור אין קראַסנאַ און יאַסלאַ צו וועלכע ברעזיוו איז געווען אונטערלעגן — און די באַנדע פלעגט מאַכן אָפטע "פריינטשאַפטס־באַזוכן" אין שטעטל און דער "יודנראַט" האָט זיי געמוזט באַזאָרגן מיט שטיוול פון די בעסטע לעדער וואָס איז נישט געווען צום באַקומען; מען האָט זיי אָנגעשטאָפט מיט טיי, קאַווע, טואַלעט־זייף פון דער בעסטער קוואַליטעט, שאַרפע געטרענק — אַלץ פון פאַר דער קריג פראָדוקציע. אין ספעציעלע פאַלן האָבן זיי באַקומען ביזשוטעריע, גאָלדענע זייגערס און רינגען. נאָך די געסטאַפאָ איז געקומען די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע, וועלכע איז באַשטאַנען פון "פאָלקס־דויטשען" — דאָס זענען געווען פוילישע קאָלאַבאָראַטאָרן, פון די מערב געביטן, וואו צווישן דער באַפעלקערונג, האָבן פאַר דער קריג, זיך געפונען פיל דייטשן און די אָרטיקע פאָלאַקן האָבן גערעדט עטליכע דייטשע ווערטער און אין געוויסע פאַלן איז גענוג געווען צו קענען אפילו עטליכע יידישע ווערטער.

נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַראַטן זייער פאָלק, האָבן זיי באַקומען די רעכט זיך אָנצושליסן צו דער דייטשער "הערן־ראַסע", וואָס איז געוואָרן אויסגעשעפט אין דעם זיך פאַרציענדן קריג, און מען האָט געברויכט ערגענצן די רייען. אויסער די אויבן דערמאָנטע באַנדיטן, האָט דער "יודנראַט" געמוזט געבן שוחד, אויך דעם אַרבייטס־אַמט דירעקטאָר און זיינע געהילפן וואָס אין זייערע הענט איז געלעגן דער גורל פון הונדערטער יידישע יונגעלייט. מען האָט אויך געמוזט "אָנפילן דעם זאַק" פון פאַרשידענע דורכרייזענדע אָפיצירן וואָס דער רוח האָט זיי אָנגעטראָגן אין שטעטל יעדע פאָר טעג, און זיי האָבן געווילדעוועט און גערויבט וואָס ס'איז זיי אונטער דער האַנט געקומען. אויך די פוילישע פאָליציי האָט באַקומען איר חלק.

ס'איז נישט לייכט געווען דעם יודענראַט אויסצוקומען מיט די ווילדע חיות, וואָס פלעגן אָנקומען, שיכורע ווי די חזירים, אַרויסגעצויגן געלאַדענע רעוואָלווערן צו די יידן, וועלכע האָבן געוואוסט אַז די בעסטיעס קענען גאַנץ לייכט דריקן אויפן צינגל און אַזוי אַמוזירנדיק זיך, דערמאָרדן כלאחר־יד עטלעכע יידן. אַ וואונדער ווי די יידן האָבן עס אויסגעהאַלטן און ווייטער געקענט מיטמאַכן דעם געפערליכן שפיל.

אַ פאַקט איז, אַז אין דער גאַנצער צייט ווען מיר זענען נישט געווען אין דער היים און די באַדינגונגען אין שטעטל האָבן זיך דערווייל גערופן "נאָרמאַלע" — איז געווען בלויז איין קרבן — העניעק קאָרנפעלד הי"ד, דער יונגסטער זון פון אברהמאַלע קאָרנפעלד. העניעק האָט געהערט צו די לינקע קרייזן און ווייזט אויס אַז זיין נאָמען האָט פיגורירט אויף דער ליסטע פון דער פוילישער געהיים־פאָליציי, וועלכע פלעגט נאָכפאָלגן די סימפאַטיקער פון די לינקע אין פוילן

פאַרן קריג. ס׳קען אויך זיין, אַז איינער פון די פּוילישע פּאָליציי האָט אים געמסרט. יעדנפאַלס מיט צוויי אַזעלכע ״מעלות״: אַ ייד און אַ לינקער, איז זיין אורטייל געווען באַשטימט. העניעק איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ (דאַן האָט מען ס׳ערשטע מאָל געהערט דעם נאָמען), און נאָך איינִיקע וואָכן איז אָנגעקומען אַן־אָפיציעלע מעלדונג, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען אָנצינדונג — די באַקאַנטע נאַצישע שיטה, אין דער צייט ווען די רציחות זענען נאָך געווען אינדיווידועלע.

כדאי צו דערמאַנען איינעם פון די אַנטלאָפענע קיין רוסלאַנד וואָס איז נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע פון לעמבערג, צוריקגעקומען אַהיים און דערציילט אַ גרויליכע געשיכטע, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. דאָס איז געווען מענדל שיינבאַך הי״ד, דער זון פון ר׳ דודל שיינבאַך ז״ל. די רוסן האָבן אים געכאַפּט אין 1939 בעתן אַריבערגיין די גרעניץ ביים סאָן און היות ווי ער איז געווין מינדעריעריק (15 יאָר אַלט) האָבן זיי אים נישט אַריבערגעפירט קיין סיביר נאָר אים געלאָזט אין די ״בריגיטקי״ תפיסה אין לעמבערג. ווען די דייטשן זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון לעמבערג האָט די נ.ק.וו.ד. פאַרן עוואַקוּאירן די שטאָט, אַרויסגענומען אַלע אַרעסטאַנטן, אין תפיסה־הויף און מיט אויטאָמאַטיש געווער זיי אויסגעמאָרדעט. די טויטע קערפּער זענען געבליבן ליגן אין אַ בלוט־טייך אין הויף. צוויי מענטשן, וואָס זענען געפאַלן און צוגעדעקט געוואָרן דורך די טויטע — זענען געבליבן לעבן, איינער פון זיי איז געווען מענדל. ס׳איז באַצייכנסווערט דאָס טעטיקע פּאָליטישע קעגנער, אָדער ״פּאָליטישע פאַרברעכער״, לויט דער סאָוויעטישער טערמינאָלאָגיע, האָט מען נישט געהאַלטן אין לעמבערגער תפיסה, אַזעלכע זענען באַלד אַריבערגעפירט געוואָרן אין די גרויסע סיבירער לאַגערן. די דערמאָרדעטע אין לעמבערגער תפיסה הויף זענען געווען ציוניסטישע עסקנים, געוועזענע קליינע פּוילישע באַאַמטע, גאַסן פאַרקויפער, פּליטים אָן אַן־אויפהאַלטס ערלויבעניש א. ד. גל.

☆

דאָס אַריינטרעטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין קריג געגן דייטשלאַנד, האָט באַפרייט די נאַציס פון יעדע באַגרעניצונג פון רעכנען זיך מיט וועלכן ס׳איז נייטראַלן פאַקטאָר, און יידיש לעבן איז געוואָרן פולשטענדיק הפקר. די פאַרבאָטן און גזירות האָבן זיך געשיט איינס נאָך אַנדערן. ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם תחום פון די יידישע געסלעך, מען האָט נישט געטאָרט שעכטן קיין בהמות אָדער עופות. יידן איז נישט ערלויבט געווען צו קויפן קיין פלייש, אָדער האַלטן עופות. מען האָט נישט געטאָרט קויפן קיין מילך, באַקן ברויט, אָדער קויפן מעל, אויסער דער אָפיציעלער צוטיילונג פון די ראַציעס.

בכדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף, ווי גרויס די צוטיילונג פון לעבנס־מיטל איז געווען, וועל איך בלויז באַצייכענען אַז די וועכנטליכע ברויט־ראַציע וואָס מיר האָבן באַקומען האָט אונדז געקלעקט בלויז אויף איין מאָלצייט. פאַר יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאָרן מיט דער באַן, אפילו מען האָט געהאַט אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין אויף אַ צווייט אָרט.

כדי צו ״פאַראיינפאַכן״ די אַלע פאַרבאָטן — האָט מען פאַר אַלע אַרויפגעלייגט אַן־איינהייטלעכע שטראָף: ט ו י ט! די בתי תפילה האָט מען פארוואַנדלט אין מאַגאַזינען און פאַרבאָטן צו דאַווענען. יידן האָבן זיך איינגעשטעלט, געדאַוונט גאַנץ פרי און האָבן לייכט אַרומגעוויקלט אויף דער האַנט די רצועות פון די תפילין, עס זאָלן נישט בלייבן קיין סימנים. יידישע קינדער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער שולע און די חדרים זענען ליקווידירט געוואָרן. פון אָנפאַנג האָט דער יודנראַט נאָך געפּרואווט אָרגאַניזירן האַלב אָפיציעלע לעקציעס פאר די קינדער דורך חייקע זיילער הי״ד.

דער געוועזענער העברעאישער לערער, אליעזר טייכער הי״ד, דער מאַן פון גליקל בראַף, וועלכער איז פאַר דער קריג צוריקגיקומען מיט זיין פאמיליע, פון דייטשלאַנד — פלעגט צונויפזאַמלען קינדער ״אונטערן באַרג״ און זיי געבן העברעאישע לעקציעס. נאָכדעם ווי די רעפּרעסיעס האָבן זיך געשטאַרקט, האָט זיך דאָס אַלץ אויפגעהערט. יידישע קינדער זענען געבליבן אָן שום מעגליכקייט צו לערנען. עלטערן, דערוואקסענע ברידער און שוועסטער, האָבן געלערנט די יונגערע, שרייבן און לייענען, חומש, א. ז. וו.

די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי פאַרוויאַנעטע בלומען. זיי האָבן געפילט וואָס עס דערוואַרט זיי.

צוויי קליינע קינדער זענען געווען אין מיין נאָענטע פאַמיליע, ביי מיין קוזינע אסתר (קרייטשטיין) און איר מאַן הערשל פינקאס. — אברהמאַלע — פיר יאָר אַלט און יאָסאַלע, 6 יאָר אַלט, זיסע באחנטע יידישע קינדער. ס׳האַרץ איז מיר געוואָרן פאַרשניטן ווען כ׳האָב געקלערט וועגן זייער גורל, נישט האָבנדיק קיין שום מעגליכקייט זיי צו ראַטעווען.

הערשל האָט געשיקט יאָסאַלען צו מיר זיך ״פאַרהערן״ אין חומש וואָס דער פאָטער האָט מיט אים געלערנט. ס׳קינד האָט געלערנט ספר בראשית, פרשת נח, איבערן מבול. אַלץ וואָס ער האָט געלערנט האָט ער געדענקט פון אויסנווייניק. — ביז וואַנען האָסטו געלערנט, יוסאַלע? — האָב איך אים געפרעגט. ״ביז צו להחיות״ — צו בלייבן לעבן״ (שניים מכל, יבואו אליך — להחיות) האָט ער מיר געענטפערט. די טרערן האָבן מיך געשטיקט. — ווייסט, יוסאַלע, איך בין עלטער פון דיר, און איך האַלט אויך איצט ביי דער זעלבע פרשה ״להחיות — צו בלייבן לעבן״...

איך ווייס — האָט דאָס קינד געענטפערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל — אָבער איך מיין בלויז דעם פסוק אין חומש... וואָס האָט דאָס פיצל קינד געוואוסט אין זיין ״בראשית״? נישט צו ״להחיות״ איז ער צוגעקומען, נאָר צו די ווייטערדיקע פסוקים, צו ״ויגוע״ און ״וימח״ — צו אונטערגאַנג און אָפּמעקונג. דער שרעקליכער בלוט מבול האָט אים מיטגעשלעפּט צוזאַמען מיט אַלע יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די ווילדע רוצחים ימ״ש.

☆

אין יאַנואַר 1942 איז צוגעקומען אַ נייע גזירה: יידן האָבן געמוזט צושטעלן צו דער פּאָליציי יעדעס שטיקל פוטער וואָס האָט זיך געפונען אין זייער באַזיץ. די דייטשע סאָלדאַטן זענען געפּרוּווירן געוואָרן אויפן רוסישן פראָנט און זייער "אויסשטייער" איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די יידן מיט דעם געוועהנליכער צוגאָבע: "ביי וועלכן ייד מען וועט געפינען אַ שטיקל פוטער, אפילו איין סענטימעטער — וועט גלייך דערשאָסן ווערן. אַלטע פרויען ציטערנדיק פאַר קעלט, האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די שעפּסענע פעלצלעך און זיי געבּרענגט אויף דער פּאָליציי. די שטריימלעך, וואָס מען האָט נישט גענוצט, האָט מען אין געהיים פאַרבּרענט אָדער באַגראָבן כדי זיי נישט איבערצוגעבן אין די רשעימס הענט.

אין פעברואַר בין איך צוזאַמען מיט נאָך עטליכע יידן אַרעסטירט געוואָרן. עטליכע בחורים וואָס אויך זיי האָט מען געזוכט, זענען אין דער צייט געוואויער געוואָרן דערפון, און עס איז זיי געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. דאָס איז געוועזן אַ פּריוואַטע איניציאַטיוו פון די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע כדי אומצוברענגען עטליכע יידן. דער "יודענראַט", וואָס איז אַלאַרמירט געוואָרן דורך די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע, האָט אָנגעהויבן זיך משתדל צו זיין ביים געסטאַפּאָ אין קראָסנאָ, וועלכע זענען צוערשט גוט "אָנגעשטאָפּט" געוואָרן מיט מתנות. אין צווישנצייט האָט מען אַריינגעפירט צו אונדז אין תפיסה־קאַמער אַ ייד פון איינעם פון די שכנותדיקע דערפער, וועלכן מען האָט געכאַפּט ווייל ער האָט פאַרלאָזט זיין וואוין־אָרט אָן אַ דערלויבעניש. דער ייד איז אַרומגעגאַנגען איבער דער צעלע שרעקליך פאַרצווייפלט — וואָס וועט זיין מיט אים? איך האָב אים געטרייסט ווי ווייט מעגליך. איך האָב באמת געגלויבט, אַז מען וועט אונדז אַלע באַפרייען. נאָך פיל אָנשטרענגונגען איז געלונגען צו באַפרייען אַלע אַרעסטירטע, אויסער דעם דאָרפס־ייד, וואָס דער "יודנראַט" האָט בכלל איבער אים נישט געוואוסט.

אין דער זעלבער צייט איז צוריקגעקומען פון מזרח גאַליציע דער יונגסטער זון פון צדוק טאַג — מיכאל הי"ד און ער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן. צומאָרגנס זענען ביידע, מיכאל און דער דאָרפס־ייד דערשאָסן געוואָרן אין וואַלד דורך די זשאַנדאַרמעריע מערדער.

דער תליה שטריק איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף די יידנס העלדזער, די פאַרניכטונג האָט זיך דערנענטערט און די בלוט־דורשטיקע רוצחים האָבן שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, און זיי האָבן געזוכט קרבנות.

מיין פאָטער הי"ד, פלעגט יעדן אין דער פרי, נאָך אין דער פינצטער אַרויסגיין, ווי זיין שטייגער, קיין סטאַראַ־וויעש, אַ דאָרף וואָס איז אייגנטליך אַ פאָרשטאָט פון ברעזיוו, ברענגען מילך, אויף פּרנסה. אין אַ געוויסן טאָג איז ער צוריקגעקומען זייער שפּעט, ווייס ווי די וואַנט און אינגאַנצן געציטערט. ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט האָט ער דערציילט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט: ער איז אַרויס גאַנץ פרי, ווי תמיד און פון דער ווייטנס האָט ער געזעהן אין דער פינצטער צוויי "יידן" וועלכע ער האָט "דערקענט" לויטן ווייסן באַנד אויפן אַרבל. צוערשט האָט ער געדענקט צו וואַרטן ביז זיי וועלן זיך דערנענטערן, כדי צו זאָגן "גוט מאָרגן", אָבער דערנאָך האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז עס איז צו שפּעט און ער האָט באַשלאָסן צו גיין זיין וועג. צוריקצוועגס האָט ער באַמערקט אַ הייפל מענטשן. צוויי טויטע קערפּער פון דערמאָרדעטע יידן זענען געלעגן אויפן וועג אין אַ קאַלוזשע בלוט, און ביי זיי זענען געשטאַנען צוויי זשאַנדאַרמען, ווי אויך חנן שערץ פון "יודענראַט", וועלכן מען האָט געשיקט רופן, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט די דערמאָרדעטע יידן. די קרבנות זענען געוועזן יוסאַלע מאַן הי"ד, וועלכער האָט ווי מיין פאָטער, זיך געלאָזט גיין קיין סטאַראַ־וויעש און דער צווייטער איז געוועזן משה קופליק הי"ד, יהושע קופליקס זון. זייער הויז איז געשטאַנען ביים וועג ממש און ווי נאָר משה האָט געעפנט די טיר און געשטאַנען אויף דער שוועל, איז ער גלייך דערשאָסן געוואָרן.

די "יידן" וואָס מיין טאַטע האָט געזאָלט זיי זאָגן "גוט מאָרגן" זענען געוועזן די צוויי מערדער וואָס האָבן אָנגעטון ווייסע בענדער כדי זיי זאָלן אויסזען פון דער ווייטנס ווי יידן און אַזוי האָבן זיי געלויערט אויף די קרבנות. דערזעענדיק מיין פאָטער, צוריקקומען פון דאָרף, זענען די רוצחים גלייך צוגעשפּרונגען צו אים מיט די אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן. חנן שערץ האָט מיט מסירת נפש ממש זיך געשטעלט צווישן זיי און מיין פאָטער, און געבעטן אים צורו לאָזן, צוזאָגנדיק זיי פאַרשידענע מתנות. מיט גרויס מי איז אים געלונגען אָפּצוראַטעווען מיין פאָטער, פון זייערע נעגל, און אַזוי אַרום איז אונדז באַשערט געוועזן נאָך עטליכע חדשים זיין מיט אים צוזאַמען.

דער לעצטער אַקט פאַרן פאַרניכטן ס'שטעטל, איז געוועזן דער באַפעל, אַז אַלע יידן פון די אַרומיקע דערפער, מוזן פאַרלאָזן זייערע וואוין ערטער און אַריבערגיין אין שטעטל. די מערדער האָבן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן די קרבנות אויף איין פלאַץ, ס'זאָל זיי לייכטער זיין צו פאַרניכטן.

די אומגליקליכע יידן האָבן איבערגעלאָזט זייער האָב און גוטס, זייערע היימען און זענען אָנגעקומען קיין ברעזיוו מיט טאָרבעס אויפן רוקן — און זענען אויפגענומען געוואָרן דורך זייערע ברידער צו טיילן מיט זיי דעם באַפאַרשטייענדן גורל.

אין יולי 1942, זענען עטלעכע צענדליק בחורים געשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די נאַפט־גרובן אין גראַבאָווניצע און אין דעם טאַרטאַק (זעג) אין יאַשליסק (ברעזיווער געגנט) און כאָטש זיי זענען נישט געוועזן באַגייסטערט צו פאַרלאָזן די היים, איז אָבער געשטיגן זייער זאָרג און אַרויסגערופן ביי זיי אַ שווער פאָרגעפיל, ווען מען האָט נאָך עטליכע טעג שפּעטער, זיי צוריקגעשיקט פון דאָרט. אַלע האָבן געפילט אַז ס'אומגליק דערנענטערט זיך. ענדע יולי איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יונגעלייט אין אַרבייטסעלטער מוזן זיך שטעלן דעם 2־טן אויגוסט, 8 אין דער פרי, געפּאַקט מיט רוק־זעק און אין זיי אַביסל וועש און צוויי ברויט. אַלטע לייט, פרויען און קינדער זענען געוועזן "באַפרייט" פון דער גזירה.

זונטיק אין דער פרי אין דער באַשטימטער צייט, האָבן זיך צוגעשטעלט אַלע יוגנטליכע אין רינג־פּלאַץ אויסגע־שטעלט אין רייען מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, און ביי זיי די "יודנראַט" מיטגלידער, וואָס זענען געקומען זיי באַגלייטן ביז צום קליינעם פּאַרק, וואו לאַסט־מאַשינען האָבן געוואַרט אויף זיי. מיט מיין מוטער הי"ד האָב איך זיך נישט געזעגנט.

דאָ מוז איך קודם דערציילן עפּעס פון דער משפחה טראַ־דיציע. מיר האָבן געהאַט אין דער משפחה, מיט אייניקע דורות צוריק, אַ באָבע מיטן נאָמען טויבע. די באָבע טויבע מיט איר מאַן האָבן געוואוינט אין דאָרף יאַטשמיר און דאָרטן געהאַט אַ פאלוואַרק מיט אַ גרויסער ווירטשאַפט. די באָבע איז געווען אַ גרויסע "בעלת צדקה" און זי פלעגט ברענגען גאַנצע וועגענער מיט פּראָדוקטן אין שטעטל אַריין צו פאַר־טיילן צווישן נויט באַדערפטיקע.

אין אַ געוויסן יאָר איז געווען אַ טרוקעניש, ס'האָט כמעט נישט גערעגנט און אויף די פעלדער איז נישט געווען קיין גערעטעניש. די באָבע, אנשטאַט צו פאַרקלענערן די צאָל פּראָדוקטן, וואָס זי פלעגט פאַרטיילן, האָט זי זיי אהן שום חשבון — פאַרדאָפּלט און פאַרדרייפאַכט. איר מאַן האָט געזען, אַז זיי גייען ממש צו גרונט, און אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט ביי איר פּויעלן זי זאָל זיך רעכנען מיט דער לאַגע, האָט ער זי גערופן צו אַ "דין תורה" צום צדיק ר' הירש פון רימאַנאוו ז"ל (דאָס איז געווען בערך אין די 40־גער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט). דער רבי האָט געפרעגט די באָבע טויבע, פאַרוואָס זי צוטיילט מער וויפל זי קען זיך דערלויבן און ברענגט דערצו דאָס זיי וועלן זעלבסט פאַראָרימט ווערן. איר ענטפער איז געווען: איך זע, אַז דער רבונו של עולם כאַפּט (ביי איר) כאַפּ איך אויך...

נאָך דער דאָזיקער תשובה האָט דער רבי ר' הירש ז"ל געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אַ גרויסע צדקת.

פאַר איר פטירה, האָט די באָבע באַפוילן, אַז אויב עמיצער פון אירע קינדער אָדער קינדס־קינדער וועט זיך געפינען אין אַ נויט — זאָל מען קומען אויף איר קבר און איר מודיע זיין, וועט זי זיך באַמיען צו העלפן. איר קבר איז געווען אויפן אַלטן שוין פאַרלאָזטן בית עלמין אין וואַלד, וואָס איז שוין צענדליקער יאָר נישט געווען גענוצט. מיין מוטער הי"ד איז געווען די איינציקע אין דער משפחה, וואָס האָט געוואוסט דאָס אָרט פון דעם קבר און זי האָט תמיד געהיטן די טראַדיציע און פלעגט גיין אַהין יעדעסמאָל ווען עמיצער פון דער משפחה איז געווען אין אַן־עת צרה.

אין דעם ביטערן זונטיג, איז די מאַמע אויפגעשטאַנען אין מיטן דער נאַכט און מיט פאַרשידענע אומוועגן זיך אַרויס־געלאָזט אין וואַלד כדי זיך צו דערשלאָגן צו דער באָבע טויבעס קבר. צו די מאַמע איז אַהין אָנגעקומען און אויב ס'איז איר געלונגען פון דאָרט צוריקצוקומען — דאָס וועל איך שוין קיינמאָל מער נישט וויסן.

כ'האָב זיך געזעגנט מיטן טאַטן און מיט די שוועסטער. ביים געזעגנען זיך פון די פאַמיליעס האָבן זיך געהערט פון יעדן הייז האַרצרייסענדע געוויינען; דאָס געקלאָגעריי איז דערגאַנגען עד לב השמים, אָבער ווייזט אויס, אַהין איז עס נישט אָנגעקומען...

אַלע האָבן געפילט, אַז מען געזעגנט זיך אויף אייביק, הגם מען האָט געדענקט אַז די צרות וואַרטן בלויז אויף די וועלכע פאַרלאָזן ס'שטעטל. מיר זענען געשטאַנען אין די רייען און אונדזערע בליקן האָבן געגלעט ס'לעצטע מאָל די הייזער און גאַסן, וואו מיר זענען טאָג טעגליך דורכגעגאַנגען, וואו מיר זענען אויפגעוואַקסן און פאַרברענגט אונדזערע קינדער יאָרן. אויף די שוועלן פון די הייזער זענען געשטאַנען פרויען, עלטערע יידן,יונגלעך און מיידלעך און זיך געריסן די האָר פון די קעפּ, זעענדיק ווי זייערע קינדער, מענער און פאָטערס ווערן אַוועקגעריסן פון זיי און אַוועקגעפירט צו אַן־אונבאַ־קאַנטן גורל, און קיין גוטס איז זיכער נישט צו דערוואַרטן. מיר האָבן מאַרשירט אין דער ריכטונג פון סטאַראָסטע, דאָרט זענען שוין געשטאַנען די מלאכי חבלה וואָס האָבן אונדז געשלאָגן מיט די שטעקנס איבער די קעפּ און געווילדעוועט: לאָס! לאָס! אַרויף אויף די אויטאָס. אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי פון דער גרופּע אַרויסגענומען בעלי מלאכה און פאַכלייט און זיי צוריקגעשיקט אַהיים.

שווער צו וויסן אויב דאָס איבערלאָזן די פאַכלייט אין דער היים איז געווען אַ "טריק", כדי מען זאָל גלויבן אַז די געבליבענע וועלן קענען פארטזעצן זייער "נאָרמאַל" לעבן, אָדער, אויב די מיליטערישע מאַכט אָדער אַנדערע ווירט־שאַפטליכע פאַקטאָרן האָבן געפּלאַנט די פאַכלייט אויסצו־נוצן און די זאַך איז שוין מער נישט צושטאַנד געקומען.

מיין יונגערער ברודער הירשל הי"ד, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, מיט דעם רוק־זאַק אויף די פּלייצעס — איז פּלוצים צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליציאַנט און אים איבערצייגט, אַז ער איז אייגנטליך אַ פאַכמאַן (ער האָט געלערנט טישלעריי) און דער האָט "באַוויליקט" אים צו באַפרייען. הירשל האָט מיר געוואָרפן זיינע ברויט־לאַבנס און איז צוריק אַהיים. איך האָב מיך געפרייט דאָס כאָטש ער איז "ניצול" געוואָרן.

די אויטאָס זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון יאַשניצע. בעת די נסיעה זענען פיר בחורים אַראָפּגעשפּרונגען פון די אויטאָס: שלמה וועבער, דעם רבס זון, אברהם זאַלץ, וואָלף לויפער און אברהם וואלקער. מיר אַלע האָבן זיי מקנא געווען, דאָס זיי זענען צוריק אַהיים און האָבן זיך געוואונדערט אויף זייער מוט. אויסער זיי האָט קיינער נישט געפּרואווט מער שפּרינגען, נאָכן דערווייטערן זיך פון שטעטל — די שטימונג איז געווען אַ פאַטאַליסטישע: ס'איז סיי ווי סיי מער נישטאָ קיין אויסזיכט זיך צו רעטן. מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע אין איוואָניטש (אַ קור אָרט ביי רימאַנאָוו) דאָרט האָט אויף אונדז געוואַרט אַ לאַסט־צוג. מען האָט אונדז אויפגעלאָדנט ווי בהמות און מיט קלעפּ, אונדז אַריינ־געפּאַקט צו 150 מענטשן אין צוויי הערמעטיש פאַרשלאָ־סענע און שטרענג באַוואַכטע וואַגאָנען. געדאַנקען איבער דעם וואָס עס שטייט אונדז פאָר — האָבן אונדז נישט באַ־שעפטיקט. מיר האָבן געהאַט וויכטיקערע דאגות: ווי אַזוי צו כאַפּן דעם אָטעם. מיר זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער צוזאַמענגעדריקט און געפּרואווט כאַפּן אַ טראָפּן

לופט. די ענגשאַפט און די היץ זענען געווען אונערטרעגליך. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן עס קענען אויסהאַלטן. עס זענען געווען פאַלן פון היסטעריע, אָבער די מיינסטע זענען געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען און אין די הערצער האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג אַז מיר וועלן נאָך אַרויס פון דעם גיהנום. ענדליך מיט די לעצטע כוחות זענען מיר אָנגעקומען קיין פראקאצים־פלאשוב ביי קראקע אין אַ לאַגער מיט הילצערנע באַראַקן, וועלכע זענען נאָך נישט געווען באַדעקט מיט דעכער. טויט־מידע און פאַרשמאַכטע, זענען מיר אַוועקגעפאַלן אויף דער בריק מיט די רוק־זעק צוקאָפּנס. ביינאַכט האָט גערעגנט און מיר זענען אינגאַנצן נאַס געוואָרן. קיינער האָט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. פיר אַ זייגער אין דער פרי האָט מען אָנגעצונדן די ליכט, אונדז אויפגעוועקט צום אַפּעל און באַפוילן זיך צוצוגרייטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן באַקומען אַ טעפּל וואַרעם וואַסער און אַרויס אויף דער בוי־שטעלע צו דער אַרבעט.

אַ דייטשע בוי־געזעלשאַפט, "יאזעף קלאָג" פון רעגענסבורג האָט פארלייגט אַ נייע באַן־ליניע אין דער געגנט און צו דעם צוועק האָט זי באַקומען צוגעטיילט הונדערטער יידן־שקלאַפן וואָס האָבן געמאַכט אומזיסט די אַרבעט. בולדאָזערס האָבן געגראָבן די ערד און זי אויפגעלאָדנט אויף לארעטן, וואָס אַ קליינער לאקאמאָטיוו האָט זיי געפירט אויף אייזערנע גלייזן. אונדזער אַרבעט איז געווען אויסצושפּרייטן ס'מאַטעריאַל און אויסגלייכן דעם באָדן, אויפהויבן די אייזערנע רעלסן, זיי איבערשיבן און שיטן ס'מאַטעריאל פאָראויס. די פאַראַנטוואָרטליכע פאַר דעם פּראָיעקט זענען געווען דייטשע אינזשיניערן און טעכניקער. די אויפזיכט איז געווען אין פּוילישע הענט. מיר האָבן נישט געקענט די אַרבעט, דערשראָקענע און צומישטע האָבן מיר געפּרואווט פאַרשטיין וואָס מיר דאַרפן מאַכן — אָבער מען האָט עס אונדז נישט דערמעגליכט. קלעפּ מיט שפּאַדן האָבן זיך געשיט אויף אונדזערע קעפּ און די מלאכי־חבלה זענען אַרומגעלאָפן ווי די ווילדע הינט, געשריגן און געליאַרעמט כדי אונדז צוצוטומלען און צוברעכן — מיר האָבן געזען דערין איין ציל — אונדז אויסצוענדיקן. מיר האָבן זיך נאָך דאַן נישט אויסגעקענט אויף דער דייטשער לאַגער "ווײסנשאַפט", און מיר האָבן נאָך נישט געוואוסט צו אונטערשיידן צווישן אַרבעטס־לאַגער און פאַרניכטונגס־לאַגער, צווישן טויט־קלעפּ און טויט דורך קלעפּ.

כ'וויל דאָ דערמאָנען צום גוטן אַ בחור מיטן נאָמען עזרא, פון בייטש (ליידער גידענק איך נישט זיין פאַמיליע נאָמען), איינער פון 3 ברידער, וועלכע זענען געבערנגט געוואָרן צוויי וואָכן פאַר אונדז און האָט שוין געהאַט אַ סטאַזש אין לאַגער. דער בחור האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן מיר און ווען די אויפזעער האָבן זיך אביסל דערווייטערט — האָט ער מיר געוויזן ווי צו מאַכן די אַרבעט, מיך דערמוטיקט ווי ווייט מעגליך און איבערצייגט, אַז מיט אנשטרענגונג וועל איך זיין אומשטאַנד די אַרבעט אויסצופירן. מען מוז זיין וואַכזאַם — האָט ער מיך געלערנט — אַרומקוקן זיך וואו די געפאַר לויערט.

דער ערשטער אַרבעטס טאָג האָט זיך סוף סוף געענדיקט. אויסגעמאַטערטע און געשלאָגענע זענען מיר צוריק אין לאַגער. ביינאַכט האָבן מיר זיך דערמאַנט אין דער היים. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט שרייבן בריוו (דאַן איז עס נאָך מעגליך געווען). אייניקע פון די וועלכע האָבן געשריבן דעם ערשטן טאָג האָבן נאָך באַוויזן צו באַקומען תשובה פון דער היים. פאַרשטייט זיך, אַז אויסער אַ לעבנס־צייכן האָבן די בריוו נישט אַנטהאַלטן קיין שום פּרטים, דען מען האָט נישט געקענט דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס מען לעבט איבער.

נאָך צוויי טעג זיין אין לאַגער האָט משה פייגנבוים הי"ד, באַשלאָסן זיך דורכשמוגלען דורך די פּוילישע און דייטשע וואַך פּאָסטנס און צוריקגיין אַהיים צופוס, מיט טרעמפּ פון פּויערישע וועגן — ווי עס וועט זיך אים איינגעבן. ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד פון עטליכע וואָכן און ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אין לאַגער. ער האָט אַראָפּגענומען דעם אָרים באַנד, מען זאָל אים נישט דערקענען אַלס ייד, און זיך געלאָזט אין וועג. קיינער ווייסט נישט, אויב עס איז אים געלונגען דורכצופירן זיין פּלאַן און ער האָט נאָך באַוויזן צו זעהן זיינע נאָנטע און גיין מיט זיי צוזאַמען צום טויט, אָדער מען האָט אים געכאַפּט אויפן וועג.

עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך אַרויסגעלאָזט נאָך אים בונעק זיילער הי"ד, אויפן זעלבן אופן. אַ וואָך נאָך זיין אַוועקגיין איז בונעק צוריקגעקומען מיט דער ביטערער בשורה, וועגן דער פאַרניכטונג פון אַלע געבליבענע יידן אין שטעטל. ער האָט דערציילט, אַז מיטוואָך איז ער אָנגעקומען ביז צו דער פאָרשטאָט און אַריין צו אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, דאָרט האָט ער געהערט, אַז מאָנטיק דעם 10־טן אוגוסט 1942 זענען אַלע אַלטע לייט, קראַנקע און פרויען מיט קינדער אַוועקגעפירט געוואָרן אין וואַלד וואו עס איז געווען צוגעגרייט אַ גרויסער גרוב און דאָרט זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן. די יונגע זענען צוערשט אַוועקגעפירט געוואָרן "קיין מזרח" — אין דעם פאַרניכטונגס לאַגער בעלזשיץ. די פאַרניכטונג פון די יידן אין שטעטל ווערט געשילדערט דורך דער פּוילישער פרוי זופיאַ וואָויטשיק אין דעם בוך "600 יאָר בזשאזאוו":

"דעם 24־טן יוני האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן די יידן פון די דערפער אין שטאָט אַריין.

דעם 8־טן אויגוסט האָט מען אין וואַלד אויסגעגראָבן אַ ריזיקן גרוב, וואָס אַלע האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן פאַר וועלכן צוועק. דערנאָך האָבן זיי באַפוילן אַלע יידן זיך צו שטעלן אויפן סטאַדיאָן. אייניקע האָבן נאָך באַהאַלטן זייערע לעצטע ווערט זאַכן ביי פּאָליאַקן, אַנדערע האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע שכנים.

די נאַכט צווישן דעם 9־טן און 10־טן אוגוסט איז געווען פאַר די יידן אַ נאַכט פון שרעק און פאַרצווייפלונג וואָס איז אונבאשרייבאר. אויסגעמאַטערטע און דערשראָקענע זענען די יידן געזעסן ביי צאַנקענדיקע ליכטלעך געוויינט און געקלאָגט. אַלע האָבן אויסגעזען ווי געשפּענסטער.

דאָס איז געווען אַ "יום הדין". הערצער פון יידישע מאַמעס זענען צעריסן געוואָרן קוקנדיק אויף זייערע קינדער, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס דערוואַרט זיי. אין דער פרי, אנגעלאדנט מיט פעקלעך, ווייסע ווי שניי מיט האָר וואָס זענען גראָ געווארן איבער נאַכט, זענען זיי אַרויס אָן אַ וואָרט צום סטאַדיאָן. אַלטע פרויען, קינדער, קראנקע און אינוואַלידן. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם שרעקליכן גורל מיט פאַטאַליזם. אַ צווייטע סיבה צו זייער פאַסיוויטעט איז געווען דאָס די יונגע מענער וואָס וואָלטן אפשר געקענט זיך ווידערשטעלן אין די שרעקליכע מינוטן — זענען צוערשט אוועקגעפירט געוואָרן "צו אַרבעט" אין די פאַרניכטונגס לאַגערן.

אין דער צווישנצייט האָבן די ס. ס. באַנדיטן אין די שטאלהעלמען, גרייט צו מאָרד, גענומען צוטיילן די פאַרזאַמלטע אין גרופן לויט געשלעכט און עלטער און דערנאָך מיט לאַסטאויטאָס זיי געפירט, טייל אין וואַלד און טייל אין דער ריכטונג פון סטארה־וויעש.

אויף ברעטער וואָס זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויפן גרוב אין וואלד האָבן זיי געשאָסן די אַלטע לייט אָדער דערשטאָכן מיט באַגנעטן. די קינדער האָבן זיי ערמאָרדעט מיט אייזערנע שטאַנגען. אין דעם אָנגעפילטן גרוב האָבן געצאַפּלט די קערפּער פון די פאַרוואונדעטע. צום סוף האָט די ערד אַלע צוגעדעקט און באַפרייט די אומגליקליכע פון שרעק, ליידן און הונגער, וואָס איז געווען זייער גורל.

30 מערדער, זענען צוריק אין שטאָט, און באַדעקטע מיט בלוט געגאַנגען טרונקן, צו פייערן זייער זיג... די עדות פון מאָרד וואָס זיינס גלייכן איז נאָך נישט געווען אין דער מענטשליכער געשיכטע — זענען נישט געווען אומשטאַנד צו שילדערן דעם גרויל".

דאָס ארט אין וואַלד וועט דערציילן אויף אייביק, וועגן דער שרעקליכער שחיטה פון מענטשן, וואָס האָט פּאַסירט אין 20־טן יאָרהונדערט דורך ווילדע חיות פון אַ מטורפדיקן טיראַן.

☆

די אַלע פרטים האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געוואוסט. אָבער טראָץ דעם וואָס מיר זענען נישט געווען אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן די גרויל־טאַטן, האָבן מיר דאָך געוואוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזערע משפחות. כ׳וועל נישט פרואוון שילדערן וואָס עס האָט זיך געטון אין דעם דאָזיקן אָוונט ווען בונעק האָט געברענגט די ביטערע ידיעה אין לאַגער. מיר זענען אַלע אויף איינמאָל פאַריתומט געוואָרן. אונדזערע טייערע זענען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט געוואָרן. אונדזערע היימען זענען חרוב געוואָרן. מיר זענען געבליבן אליין אין די הענט פון אכזריותדיקע רוצחים, וועלכע גרייטן אויך אונדז צו דעם זעלבן גורל. אפשר מאַכן אַן־ענדע צו דעם ביטערן לעבן אהן האָפענונג און אהן אויסזיכט?

מיר האָבן זיך צוזאמענגעדרוקט ווי אַ סטאַדע שעפסן, וואָס וועלף רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטן. קיינער האָט נישט געפונען קיין טרייסט וואָרט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף די ברעטער און די נאַכט האָט זיך געצויגן אהן אַ סוף. יעדער פון אונדז האָט געפרואווט אַריינטראַכטן וועגן אומגליק וואָס האָט פּאַסירט און קיינער איז נישט פעאיק געווען עס צו באַנעמען. ביטערע געוויינען האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן — ביז מען האָט ענדליך דערהערט דעם געשריי: אויפשטיין! די שווערע אַרבעט האָט אונדז פאַרגרינגערט די טעג, אָבער אין די נעכט זענען מיר אויפגעגעסן געוואָרן פון פאַרצווייפלונג.

מאיר באנק, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט אונדז אין לאַגער, האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין ברודער, חיים, וואָס האָט זיך נאָך דאַן געפונען אין געטאָ פשעמישל. ער האָט אים געשריבן דאָס אַ באַקאַנטער פּוילישער באַן־אַרבייטער האָט אים געברענגט אַ פּאָסט־קאַרטל, וואָס זאָל געווען זיין אַרויסגעוואָרפן פון אַ וואַגאָן אויף דער סטאַציע. דאָס קאַרטל איז געווען געשריבן אין פּויליש, דורך זייער יונגערע שוועסטער סאַלטשע (שרה) און דער אינהאַלט איז געווען פּאלגענדער:

"יוסעק (דער יונגסטער ברודער) און איך זענען צוזאַמען מיט דער מאַמען און מומע. עס געפינען זיך מיט אונדז אויך מענטשן פון רימאַנאוו און נאך ערטער אויסער ברעזיוו. ווייזט אויס, אַז מען פירט אונדז "קיין מזרח" (זיי זענען געפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער — בעלזשיץ). כ׳ווייס נישט ווי לאַנג די רייזע וועט דויערן. זאָרג נישט, נאָכדעם ווי מיר וועלן אָנקומען אויפן פּלאַץ, וועלן מיר דיר באַלד שרייבן".

דיין שוועסטער סאלטשע

ווי עס איז צו זען האָט מען זיי אַרויסגעפירט פאַר דער פּאַרניכטונגס אַקציע, און זיי האָבן נאָך געהאָפט. מיר האָבן זיך שוין נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דעם גורל פון די אויסגעזידלטע.

☆

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך ביי דער אַרבעט אויסגעלענקט דעם לינקן אָרים. די אויפזעער האָבן געטענהט אַז איך מאַך אַן־אָנשטעל און וויל זיך נאָר אַרויסדרייען פון דער אַרבעט. לויט דער דאָזיקער "דיאַגנאָזע" האָט מען מיך "געהיילט": מיט מכות־רצח. נאָך דעם ווי כ׳בין דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, בין איך ענדלעך געשיקט געוואָרן אין שפיטאָל, אין קראקאָווער געטאָ. דאָס געטאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פארשטאָט פאדגורש, איז געווען קליין און איינגעשרומפּן נאָך די פילע "אַקציעס" וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען. ס׳זענען דאָרט געבליבן אינגאַנצן עטליכע טויזנט נפשות, און עס איז געווען געטיילט אויף צוויי טיילן: A און B. אין געטאָ A האָבן זיך געפונען בלויז פּראָדוקטיווע און נוצלעכע עלעמענטן פאַר די דייטשן. אין דעם קליינעם געטאָ B האָבן זיך געפונען מענטשן אהן אַ בעשטימטע באַשעפטיקונג, איבערגעבליבענע וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פאַרשידענע אַקציעס.

אין דעם קליינעם שפּיטאָל אין געטאָ, האָבן זיך געפונען דאָקטוירים פון די באַרימטסטע אין לאַנד. טייל זענען דאָרט

באַשעפּטיקט געווען אַלס סאַניטאַרן, און קראַנקען שוועסטער. אין דעם שפּיטאָל האָט מען מיר צוריקגעשטעלט די אויסגעלענקטע האַנט און רעקאָמענדירט מיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט אויף 7 טעג.

איידער איך ענדיק דאָס קאַפּיטל פּראַקאַטשים־פּלאַשאָוו וויל איך דערמאָנען איינעם פון די בחורים פון שטעטל — אַ בעל תשובה אין פולן זין פון וואָרט, וועלכער האָט זיך געפּייניקט אָן אויפהער אויף זיינע מעשים. דאָס איז געווען — יעקב וואָלפמאַן. עטליכע יאָר פאַרן קריגס־אויסברוך, איז יאַנקל עולה געווען קיין ארץ ישראל, און איז אין אַ קורצער צייט אַרום צוריקגעקומען, טענהנדיק, אַז די באַדינגונגען אין לאַנד זענען פאַר אים צו שווער איבערצוטראָגן. זיין לייכטזיניקער שריט, האָט אים נישט געגעבן קיין רו אין לאַגער, און ער האָט אויסגעדרוקט זיין שווערע חרטה יעדן טאָג, מיט דעם וואָס ער האָט באַרעכטיקט אויף זיך אַלץ וואָס ער לייד און גייט אַדורך. מיך, פלעגט ער טרייסטן ביי יעדן שמועס, און האָט מיר צוגעגעבן מוט, ווייטער זיך צו ראַנגלען: ״דו ביסט נאָך יינג — פלעגט ער מיר זאָגן — דו וועסט דאָס אַלץ דורכהאַלטן און וועסט נאָך זוכה זיין צו קומען קיין ארץ ישראל״. איך וועל עס נישט דערלעבן. איך בין עס נישט ווערט, ווייל איך בין דאָרט געווען און צוריקגעקומען. אין דער אכזריותדיקער זעלבסט־פּייניקונג, האָט ער געזען די איינציקע כפּרה פאַר זיינע זינד. הי״ד.

☆

דער זומער איז אַדורך, ס׳איז אָנגעקומען דער הערבסט מיט די רעגנס און בלאָטעס. אויך דער ווינטער מיט פראָסט און שניי איז אָנגעקומען. קיין ענדערונג האָט זיך נישט געזען אויפן האָריזאָנט. ווי לאַנג וועלן מיר קענען אויסהאַלטן? וויפל צייט האָבן זיי אונדז צוגעטיילט נאָך צו לעבן?

אין פעברואַר 1943 האָבן מיר ענדליך געהערט וועגן אַ באַדייטענדע ענדערונג אויפן פראָנט. די דייטשע מפּלה אין סטאַלינגראַד (וועגן ראָמעלס מפּלה אין אַפריקע, האָבן מיר כמעט ווי נישט געהערט און מיר האָבן אויך נישט געקענט אָפּשאַצן די באַדייטונג דערפון). צופיל זיך פרייען האָבן מיר נישט געקענט. די רוצחים האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס אויף אונדז, און אויסגעקליבן עטליכע קרבנות, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן אין שטח פון לאַגער, כדי זיך נוקם צו זיין פאַר זייער מפּלה. טייל פון די קרבנות זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך די אַרבייטס־אויפזעער דאָס זיי זענען שוואַכע אַרבייטער, אַנדערע זענען אַרויסגענומען געוואָרן דורך די רוצחים אַליין. צווישן די קרבנות פון ״סטאַלינגראַדער פראָנט״, זענען געווען צוויי שטעטישע: שמאי זעליג און איטשאַלע גאָלדפישער (קאָפּל צוויקס אייניקל) הי״ד.

דער וועג פון סטאַלינגראַד ביז פּלאַשאָוו איז געווען זעהר ווייט און אונדזערע אויסזיכטן זענען נישט געווען קיין גרויסע. עטליכע בחורים פון אונדז זענען אַריבערגעגאַנגען אין געטאָ B — דער וועג איז געווען פאַרהעלטנמעסיג לייכט. לייכט. אין געטאָ האָט דאָס לעבן אויסגעזען ווי ״נאָרמאַל״. נאָך די ערשטע זענען מיטגעקומען יעדעסמאָל אַנדערע און אַלע האָבן דאָרט געפונען גענוג עסן. אויך איך בין אַהין אַריבערגעגאַנגען, געפונען אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן און געגעסן צו דער זעט. כ׳האָב נישט געזען קיין אונטערשיד צווישן די אויסזיכטן אין געטאָ, ביזן לאַגער — דער טויט האָט געוואַרט דאָ און דאָרט. מיר זענען געווען אין געטאָ ביי 20 שטעטישע בחורים און זיך געהאַלטן צוזאַמען. די איבריקע זענען געבליבן אין לאַגער מיט דער האָפנונג, דאָס אַלס נוצלעכע אַרבייטער זענען זייערע שאַנסן צו בלייבן לעבן גרעסערע.

אין מערץ 1943 איז געקומען די רייע פון געטאָ קראָקע. צוויי טעג האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט ביידע געטאָס. די מענטשן פון געטאָ A האָבן זיי אַריבערגעפירט אין אַ לאַגער נישט, ווייט, אויף דער יעראָזאָלימסקי גאַס, אַהין זענען נאָכדעם אויך אַריבערגעפירט געוואָרן די מענטשן פון פּלאַשאָוו און פּראַקאַטשים. געטאָ B איז פאַרשלאָסן געוואָרן. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע. געסטאַפּאָ, פּאָליציי און ס. ס. סאָלדאַטן זענען אַריין אין געטאָ נישטערנדיק פון הויז צו הויז, קאָנטראָלירט אויב אַלע זענען אַרויס פון דאָרט. קראַנקע און אַלטע לייט זענען געשטעלט געוואָרן אין דער זייט. די אַקציע האָט דורכגעפירט דער געסטאַפּאָ שעף געט. הויך און דאַר, מיט אַ בלאַס געזיכט און באַגילדעטע ברילן אויף דער נאָז האָט ער אויסגעזען ווי אַ גלח אָדער מאַנאַך. עס וואָלט קיינער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אונטער דעם אויסזען פון אַן־אינטעלעקטואל, געפינט זיך אַזאַ מאַסן מערדער און סאַדיסט. אגב, דער דאָזיקער געט, איז נאָך דער קריגס ענדע, אַריינגעפאַלן אין פּוילישע הענט און איז אויפגעהאַנגען געוואָרן. פאַר די טויזנטער קרבנות וואָס ער האָט אויסגעמאָרדעט איז עס נישט געווען קיין טרייסט, אָבער נאָך גוט וואָס ער איז נישט געמשפּט געוואָרן דורך ריכטער פון זיין פאָלק וועלכע זענען באַרימט מיט זייער ״באַרימהערציקייט״. זיי וואָלטן אים באַשטימט באַפרייט צוליב געזונטהייטס סיבות (ער האָט נעבעך געהאַט אַ בלאַס געזיכט) ווי זיי האָבן עס געטון מיט טויזנטער אַנדערע רוצחים פון זיין סאָרט.

אַ בילד, אַ כמעט סורעאַליסטיש שטייט מיר פאַר די אויגן, פון די אַקציע אין קראָקאווער געטאָ, אַ בילד, וואָס כ׳קען נישט פאַרגעסן: אַן־אַלטע פרוי איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן מיט ווילדער אכזריות פון איר הויז און זי איז אַראָפּ פון זינען און נישט באַגריפן, וואָס עס פּאַסירט. זי האָט גענומען דיסקוטירן מיט די באַנדיטן און זיי געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין אַז זי מוז צוריקגיין אין שטוב, ווייל די מילך וואָס זי האָט געלאָזט אויפן פייער וועט נאָך אויסלויפן...

די בעסטיעס האָבן זיך אַמוזירט דערמיט אַ היבשע צייט און איינער דעם אַנדערן דערציילט דעם ״וויץ״ און זיך געקייקלט פאַר געלעכטער. די אומגליקליכע האָט מיט וואַנזיניקע אויגן געקוקט אויף זיי פאַרוואונדערט, און נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָ צו לאַכן...

דער פאַל וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן איז, אפשר טאַקע, צוליב זיין כלומרשטע ״טריוויאַלקייט״ — געווען ווי אַ שוועבאַלע וואָס מען צינד אָן אין דער פינצטער כדי צו זען וואו מען געפינט זיך, און אויף אַ ווײַלע דערזעט

מען אַלץ אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו — אַזוי האָט זיך אין דעם דאָזיקן בילד אָפּגעשפּיגלט אונדזער גאַנץ פינצטער לעבן און האָט פאַר אונדז אילוסטרירט דעם גרויל צושטאַנד אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. די ווירקליכקייט איז געווען אונאויספאַסבאַר, און אונדזערע חושים וואָס זענען געוואָרן אָפּגעטעמפּט דורך די ליידן אין יסורים, זענען נישט געווען אומשטאַנד צו רעאַגירן אויף אַ נאָרמאַלן מענטשליכן אופן.

כ׳האָב אָנגעהויבן צוריקצוגיין אין געדאַנג איבער אַלץ וואָס כ׳בין דורכגעגאַנגען, פון דער שטופּע ווען מיר זענען געוואָרן אויס מענטשן און מען האָט אַראָפּגעקייקלט אונדזער לעבן אין דעם תהום אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט. ס׳איז מיר אַדורך אַ געדאַנק אַז די אומגליקליכע פרוי, איז אפשר די איינציקע וואָס איז געבליבן ״נאָרמאַל״ אין דעם טייוולאַנישן וואַנזין אַרום אונדז.

מיר האָבן זיך געפּרואווט האַלטן צוזאַמען אַלע שטעטישע אין די מאָמענטן, וואָס האָבן אונדז אויסגעוויזן צו זיין די לעצטע פון אונדזער לעבן. עס האָט אונדז אַלע באַהערשט איין געדאַנק: אָט זענען מיר אַלע יעצט אין דעם צושטאַנד ווי אונדזערע נאָנטע האָבן זיך געפונען אין אוגוסט מיט אַ יאָר צוריק, ווען מיר זענען דערביי נישט געווען.

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די אַלטע און קראַנקע (קינדער זענען כמעט ווי נישט געווען) — ווייס איך נישט. עס האָבן זיך געהערט בלויז איינצלנע שאָסן. אונדז האָט מען אַרויסגעפירט ווען זיי זענען נאָך געשטאַנען אין דער זייט. מעגליך אַז מען האָט זיי נישט דערמאָרדעט אויפן פּלאַץ — ס׳האָט זיך אפשר פאַר די מערדער פּשוט נישט געלוינט אין דער נאָנטקייט פון אוישוויץ מיט אַזאַ פּערפעקטן פאַרניכטונגס אַפּאַראַט.

אונדז די יונגע מענטשן האָט מען אויפגעלאָדנט אויף לאַסט־אויטאָס און יעדער אויטאָ איז געווען באַוואַכט דורך שומרים מיט אויטאָמאַטיש געווער. צווישן די אויטאָס זענען געפאָרן סאָלדאַטן אויף מאָטאָציקלען מיט מאַשין־געווער. עמיצער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָ און אָנגעהויבן לויפן אויפן פעלד. מען האָט געהערט שיסן פון מאַשין־געווער. ווייזט אויס אַז מען האָט אים געטראָפן. עטליכע באַנדיטן זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָ אים צו כאַפּן.

פאָרנדיק האָבן מיר אָנגעהויבן איבערצולייגן די זאַך אפשר אויך פּרובירן שפּרינגען, אָבער מיר זענען געקומען צום באַשלוס, דאָס אפילו ווען עס וועט אונדז געלונגען, און די קוילן וועלן אונדז נישט טרעפן, האָבן מיר נישט מער וואו צו גיין און קיינער וועט אונדז נישט העלפן, די דאָזיקע פאָרם פון זעלבסטמאָרד האָט אונדז נישט באַזונדערס געלאָקט און מיר האָבן געהאָפט אַז די ברירה וועט נאָך בלייבן אין דער צוקונפט.

אויפן וועג האָבן אָנגעהויבן ערשיינען שילדן וואָס האָבן געוויזן אויף דער ריכטונג ״אוישוויץ״.

— ״קיין אוישוויץ — × ק״מ״ און ס׳איז אונדז קלאָר געוואָרן וואוהין מען פירט אונדז.

מיר זענען אָנגעקומען. מען האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין דעם טייוול־געווירבל. ווילדע געשרייען, קלעפּ — מיר זענען אַדורך די סעלעקציע פון מענגעלע און זיינע געהילפן.

בערל שניצלער הי״ד איז באַלד אָפּגעטיילט געוואָרן פון אונדז. אין דעם מאָמענט האָט קיינער נישט געוואוסט די באַדייטונג דערפון. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין בירקענאו לאַגער, דאָרט זענען מיר אַדורך דעם שרעקליכן שאָק, זערזעענדיק פון דער נאָנט דעם פאַרניכטונגס־אַפּאַראַט.

מיר האָבן דערפילט דאָס שוידערליכע אומגליק אין זייז פולן פאַרנעם.

דער אָנבליק פון די ברענענדע קרעמאַטאָריומס האָט ווי אַ בליץ אין אונדז געשלאָגן, פּאַראַליזירט אונדזערע חושים און אונדז וואַנזיניק געמאַכט.

נאָכדעם ווי די טויערן זענען אונטער אונדז פאַרהאַקט געוואָרן, האָט אונדז דער אשמדאי שוין געהאַלטן פעסט געקלעמט אין זיינע לאַפּעס און ער האָט זיך מער נישט גענויטיקט אין קיין מאַסקירונגס מיטלען.

☆

דער שרייבער דינור — ק. צעטניק, וועלכער איז ערשינען אַלס עדות אין דעם אייכמאַן פּראָצעס, האָט אָנגעהויבן, ווי באַוואוסט, זיין עדות זאָגן מיטן פּרואוון אויפקלערן פאַר די ריכטער, וואָס עס איז אַזוינס געווען די ״פּלאַנעטע אוישוויץ״. ער האָט געפּרואווט צוריקערן מיטן געדאַנק און מיט די געפילן צו דעם וואָס ער האָט דעמלט אַדורכגעלעבט און דאַן איז ער אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטער און מען האָט אים אַרויסגעטראָגן פון געריכטס־זאַל.

איך וועל נישט צוריקערן אין זכרון צו דעם גרויזאַמען גיהנום. איך גלויב נישט, אַז דאָס איז מעגליך צו טון און נישט זעליש און גייסטיק געשעדיקט ווערן. איך וועל זיך באַגרעניצן בלויז אויף אייניקע פאַקטן און דאָס אויך בקיצור. יעדעסמאָל ווען מיר זענען אַראָפּגעפאַלן אויף אַ נידריקערע שטופּע און עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז מיר געפינען זיך שוין אין אַ מצב וואָס ערגער קען שוין נישט זיין — האָבן מיר דערזען אַז עס געפינען זיך שטאַפּלען פון צרות, ערגערע פון די פריערדיקע, און דער תהום פון יסודים און ליידן האָט נישט קיין דנא.

מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ ריזיקן באַראַק און העפטלינגע זענען געקומען אונדז ״מקבל פנים״ זיין. אין זייערע געשטרייפטע קליידער און משונהדיקע מיצן אויף די קעפּ האָבן די מענטשן אונדז אויסגעוויזן ממש ווי באַשעפענישן פון אַן־אַנדערן פּלאַנעט. זיי האָבן טאַקע אויסגעזען פּורימדיק, אָבער אַ פאַרקערטער פּורים, אַ פּורים וואָס המן האָט געפייערט זיין נצחון איבער אונדז.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געשרייען און דראָאונגען: אויסטון זיך! צוזאַמענלייגן די קליידער! אָפּגעבן ס׳געלט און ווערט זאַכן! ווער עס לאָזט זיך עפּעס איבער פון דעם, וועט גלייך דערשאָסן ווערן! און שטילערהייט האָבן זיי צוגעגעבן: איר וועט באַקומען קליידער ווי מיר און געשיקט ווערן צו אַרבעט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך „אויסגעפּוצט״ אין די בגדים

וואָס מען האָט אונדז צוגעוואָרפן, האָט זיך אָנגעפאַנגען די קאָסמעטישע באַהאַנדלונג: אָפּשערן דעם קאָפּ און אָפּראַזירן אַלע האָר פון קערפּער. מיט אַ ספּעציעלער נאָדל האָט מען אונדז אויסטאַטואירט אויף די אָרעמס דעם נומער וואָס מיר האָבן באַקומען. מען האָט אונדז געגעבן אַ נייע אידענטיטעט. נישט מער קיין נאָמען, קיין פאַמיליען נאָמען — מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נומער. מיין נומער — 108200 האָב איך שנעל געמוזט לערנען פון אויסנווייניק. לויט דעם נומער האָט מען מיך גערופן צו דער אַרבעט, צום אַפּעל. אומעטום האָט מען זיך געווענדעט צו אונדז לויטן נומער (די סעריע 108000 איז געווען פון געטאָ קראָקע — יעדער טראַנספּאָרט האָט געהאַט זיין סעריע). נאָכן באַקומען די "בירגערשאַפט" האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין פערדשטאַלן וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אַלס אונדזער קוואַרטיר.

פאַרנאַכט, ווען מיר זענען אַרויס אייניקע טריט פון דעם בלאָק — האָבן מיר געזען אַרום זיך אין אַלע זייטן אויסגעדאַרטע טויט־בלאַסע מענטשן דרייען זיך אַרום און זוכן עסנוואַרג. שיריים, שאָלן פון קאַרטאָפל, פסולת — אַלץ זענען זיי געווען גרייט איינצושלינגען. שטענדיק אויסגעהונגערט און אויב עס איז זיי געלונגען אַמאָל אָנצופילן דעם מאָגן מיט עסן זענען זיי קיינמאָל נישט זאַט געוואָרן, ווייל אַלע רעזערוון אין זייער קערפּער זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן. צענדליקער האָבן זיי זיך אַרומגעשלייכט מיט אַ לעפל אין האַנט און ווי די בינען זענען זיי באַפאַלן די אויסגעליידיקטע קעסלען פון זופּ, איידער מען האָט זיי צוריקגעטראָגן אין קוך, פּרואוונדיק אָפּקראַצן פאַרטרוקנטע שיריים פון זופּ.

פאַר יעדן בלאָק זענען געזעסן אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט מענטשן אין אַ גסיסה צושטאַנד, וועלכע זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון באַראַק דורך דער "שטובן דינסט" — און זענען באַלד אויסגעגאַנגען. טויטערהייט האָבן זיי זיך נאָך באַטייליקט אין אַפּעל און זייערע טויטע קערפּערס האָבן ערגענצט די נויטיקע צאָל העפטלינגע — די צאָל האָט געמוזט שטימען!

☆

צוויי אָפיציעלע שפּראַכן האָבן געהערשט אין אוישוויץ: פּויליש און יידיש. די דייטשע העפטלינגע האָבן פאַרנומען די בעסטע "פּאָסטנס" אין לאַגער אַלס אָנגעהעריקע צום הערן־פאָלק, וואָס הגם זיי האָבן געזינדיקט האָט מען זיי דאָך באַפאָרצוגט איבער אַנדערע. זיי זענען געווען "בלאָק עלטעסטע" "קאַפּאָס", סעקרעטאַרן א.ז.וו. ס'צווייטע אָרט נאָך די דייטשן זענען די פּאָליאַקן, וועלכע, צוליב זייער גרויסער צאָל אין לאַגער, האָבן זיי גענאָסן פון פאַרשידענע קליינע פאַרלייכטערונגען וואָס האָבן אין יענע באַדינגונגען, געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

נאָך אונדזער טראַנספּאָרט פון געטאָ קראָקע, זענען געברענגט געוואָרן קיין אוישוויץ די גריכישע יידן, הויפּטזעכליך פון סאַלאָניקי; די נומערן וואָס זיי האָבן באַקומען זענען געווען פון דער סעריע 109000. די אָרימע, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען דייטש אָדער פּויליש, האָבן נישט רעאַגירט ווען מען האָט אויסגערופן זייערע נומערן און האָבן אַלס צולאָג צו די געוויינליכע צרות אין לאַגער, באַקומען אַ באַזונדערע פּאָרציע קלעפּ, דערפאַר ווייל זיי ענטפערן נישט, ווען מען רופט זיי. אויך פאַר אונדז איז שווער געווען זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די גריכישע בחורים, ווייל מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך.

פון די וועלכע האָבן גערעדט העברעאיש, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די נאַציס האָבן מיט זייערע נעגל דערגרייכט אין יעדן ווינקל פון אייראָפּא, וואו עס האָט זיך געפונען אַ יידישע קהילה, לויט דעם באַקאַנטן סיסטעם: מערדערישער טעראָר, דראונגען, שקרים, איזאָלאַציע פון די קרבנות און קאָנצענטרירן זיי אין ספּעציעלע פּונקטן — האָבן די רוצחים פאָרטגעזעצט זייער אַרבעט סיסטעמאַטיש און גרינדלעך, און די קריגס באַדינגונגען האָבן גאָרנישט משפּיע געווען אויף זייער טעטיקייט.

☆

די ס.ס. באַנדיטן, וואָס זייער גאַנצע באַשעפטיקונג איז געווען מאָרד און רויב פון דעם פאַרמעגן פון זייערע קרבנות, פאַרמעגן וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן וואַגאָנען־ווייזע קיין דייטשלאַנד — האָבן אויסערדעם אויך געזאָרגט אָנצופילן זייערע אייגענע טאַשן, צו פרעסן און זויפן און זיך אַרויסדרייען פון פראָנט. כדי צו באַשעפטיקן וואָס מער פון זייערע לייט, האָבן זיי אויפגעשטעלט פאַרשידענע ווערק אַרום דעם לאַגער און פאַרדונגען פאַר באַצאָלט, זייערע יידישע שקלאַפן צו אַרבעטן אין די ווערק. אויסערדעם האָבן זיך אין דער סביבה געפונען פיל קוילן גראָבנס. די גאַנצע געגנט איז געווען אָנגעפילט מיט לאַגערן, וועלכע זענען געווען פיליאַלן פון אוישוויץ, און זענען געהיטן געוואָרן דורך הונדערטער באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט געשולטע הינט. הויכע וואַך טורמס האָבן געהערשט איבערן שטח, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט שטעכל דראט אָנגעלאָדן מיט עלעקטרישען שטראָם. טיף אויסגעגראָבענע און גוטמאַסקירטע פּאָזיציעס מיט שומרים באַוואָפנטע מיט מאַשין געווער, ווי אויך אונאויפהערליכע פּאַטראָלן — האָבן אוממעגליך געמאַכט ס'אַנטלויפן. די ווערק האָבן אויסגענוצט די אַרבייטס־קראַפט פון די אומגליקליכע ביז צו דער לעצטער מינוט. פון די אַרעסטירטע, וועלכע האָבן באַקומען הונגער פּאָרציעס עסן און געמוזט אַרבעטן עבודת הפרך — זענען אויסגעקוועטשט געוואָרן די לעצטע טראָפּנס כוח, ביז זיי זענען זיך צוזאַמענגעפאַלן און געוואָרן "מוזלמענער" און מער נישט געקענט ברענגען קיין נוצן, דאַן האָט מען זיי צוריקגעשיקט צו זייערע "געזעצליכע" אייגנטימער, אין הויפּט לאַגער אוישוויץ און דאָרט זענען זיי ערמאָרדעט געוואָרן. אונדז האָט מען פאַרשיקט צו דער אַרבעט אין די קוילן גראָבנס אין יאַווישאָוויץ. די גאַנצע גרופּע שטעטישע איז אַרויס צוזאַמען. מיר האָבן זיך ממש אַריינגעשטופּט אין טראַנספּאָרט כדי צו אַנטלויפן פון דעם קאַשמאַר בירקענאַו.

מיר האָבן געאַרבעט אין שיכטן אין די קוילן־גראָבנס אין דער טיף פון אייניקע הונדערט מעטער. יעדער פּוילישער

פּראָפעסיאָנעלער קוילן־גרעבער האָט באַקומען איין, אָדער צוויי, העפטלינגע געהילפן, צו אַרבעטן מיט אים. ס׳איז גע־וועזן שטרענג פאַרבאָטן צו פירן אַ שמועס מיט דעם קוילן גרעבער אָדער נעמען עפּעס פון אים.

אין דער שאַכט זענען געוועזן צוויי סאָרטן אַרבעט: גראָבן קוילן, און רעמאָנט אין דער גרובע. די רעמאָנט אַרבעט איז באַשטאַנען פון רייניקן און היטן די וועגן און צוגענג צו די גראַב־שטעלן, באַפעסטיקן דעם באַלקן מיט ברעטער און קלע־צער כדי די שטיינער זאָלן נישט אַרויפאַלן אויף די אַרבעי־טערס קעפּ, בויען נייע וועגן צו פירן די קוילן, לייגן גלייזן צו די טראַנספּאָרט־לאָרעס א. ז. וו.

היות ווי די רעמאָנט אַרבעט איז שווער צו קאָנטראָלירן, האָבן די גרובן־אַרבייטער זיך נישט צופיל אנגעשטרענגט און אויך זייערע יידישע געהילפן האָבן געקענט אָפּכאַפּן אַביסל דעם אָטעם. דאַגעגן די יעניקע וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן צו גראָבן די קוילן, האָבן געאַרבעט עבודת הפרך און זייערע שוואַכע כוחות האָבן זיך שנעל אויסגעלאָזט. אויף יעדן פּראָפעסיאָנעלן גרעבער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ נאָרמע קוילן, וואָס ער האָט געמוזט אויספירן צוזאַמען מיט זיין יידישן געהילף, און ער האָט געיאָגט דעם אויסגעהונ־גערטן העפטלינג ער זאָל זיך אנשטרענגען כדי דער קאָנ־טיגענט זאָל אויסגעפילט ווערן. די קוילן גרעבער האָבן באַ־קומען ספּעציעלע שפּייז־ראַציעס, כדי זיי זאָלן קענען אויספירן די שווערע אַרבעט. די העפטלינגע דאַגעגן, האָבן באַקומען הונגער־פּאַרציעס און האָבן נישט אויסגעהאַלטן ביי דער אַרבעט מער ווי צוויי־דריי מאָנאַטן. צו מיין מזל בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו דער רעמאָנט־אַרבעט.

די אַרבעט אין דער גרובע איז אין דריי שיכטן. נישט איינ־מאָל נאָך אַ נאַכט־שיכט אין דעם פינצטערן גרובן, ווען מיר האָבן צוריקמאַרשירט אונטער אַ שווערער וואַך, אין לאַגער אַריין, אין דרויסן איז געוועזן אַ שיינער זומערדיקער פרי־מאָרגן, די זון האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן אויפן הימל, האט מען באַגעגנט האַלב פאַרשלאָפענע מענטשן, פרי אויפגעשטאַנענע. זיי האָבן געוואָרפן אַ שנעלן בליק אין אונדזער זייט און אין איילעניש פאַרשוואונדן. וואָס איז אַדורך אין זייער האַרץ, אין דעם מאָמענט? אונדזערע געדאַנקען און געפילן בין איך נישט אומשטאַנד צו שילדערן.

פון ביידע זייטן וועג, בליענדע ביימער, פייגל פליען אַרום זיי און זעצן זיך אויף די צווייגן, גראָז אַרום. די שאַרפע ריחות פון די בליענדע געוויקסן האָבן פאַרנעפּלט די חושים און מאָמענטווייז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט גיי איך אַרויס פון דער רייע שפּרייט זיך אויס אויף דעם פייכטן גראָז, וואָס די מאָרגן־זון האָט נאָך נישט אינגאַנצן אויס־געטרוקנט די טוי־טראָפּנס און אָטעם איין דעם אראמאַט פון פרישן פעלד. די ווילדע געשרייען: לינקס! לינקס! האָבן מיך שנעל אויפגעוועקט פון חלום. צו וועל איך נאָך זוכה זיין צו אָטעמען פרישע און פרייע לופט?

נישט ווייניקער שווער צו דערטראָגן גייענדיק אין דער שאַכט, איז געוועזן ווען מיר האָבן דערפילט אין דער נאָז דעם רייצענדן געשמאַק פון פריש געבאַקן ברויט וואָס מען האָט ערשט אַרויסגענומען פון אויוון, אַ ריח וואָס איז געקומען פון אַ נאָנטער בעקעריי. דער הונגער, וואָס מיר האָבן גע־פּרואווט פאַרגעסן, מאַרשירנדיק אין שפּאַנונג און אין פּחד — האָט אָנגעהויבן ווידער צו פייניקן.

ווען כ׳האָב דערציילט דעם פּוילישן קוילן גרעבער, מיט וועלכן כ׳האָב געאַרבעט, דאָס מיר גייען פאַרביי אַ בעקעריי ביים וועג, בין איך דערשטוינט געוואָרן צו הערן פון אים, דאָס די דאָזיקע בעקעריי, געפינט זיך אייניקע ק״מ ווייט פון דער ליניע וועלכע מיר גייען אַ דורך. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען ווי אַזוי וועלף זענען אומשטאַנד צו דער־שפּירן קילאָמעטער־ווייט, דעם ריח פון שאָף און זיי לענקען זיך לויט אים. דער הונגער פאַרשאַרפט עס אַזוי זייער חוש הריח.

✡

אין דער קוילן־מינע האָבן מיר געאָטעמט אַ שווערע לופט, אָבער זי איז כאָטש געוועזן פריי. אונדזערע שומרים זענען נישט אַרונטער אונטן. די הויפּט צרות האָבן אונדז געוואַרט נאָך דער אַרבעט. די קאַפּאָס אין לאַגער זענען געוועזן דייטשן, קרימינעלע פאַרברעכער און סאַדיסטן; זייערע ברויט געבער, די ס. ס. קאָמענדאַנטן, האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן מיט פייניקן די יידישע העפטלינגע און האָבן זיי געגעבן פרייע הענט.

מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן פאַלן קרבנות. דער ערש־טער איז געוועזן יאשע זאַלץ הי״ד. בעת אַ פּלוצלינגע רעוויזיע נאָכן צוריקקומען פון דער קוילן מינע האָט מען ביי אים געפונען אַ שטיקל פון דער נאַצישער צייטונג אין קראָקע; מען האָט אים גלייך אַריינגענומען אין דער לאַגער קאָמענדאַנטור און מער האָבן מיר אים נישט געזען.

דער צווייטער קרבן איז געוועזן מאָניע פּידערער הי״ד. פאַרטאָג, מיט די ענדע פון דער נאַכט־שיכט, בעת מיר זענען אַרויף פונם גרובן און זיך געשטעלט צום אַפּעל, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מאָניע איז נישט אַרויף. די סיבה פון זיין פאַרשפּעטיקן האָבן מיר נישט געוואוסט. ווען מען האָט אים אַרויפגעבראַכט אַ בלוטיק־צעשלאָגענעם און אים צוגעשטעלט צו די צוריקקערנדע אין לאַגער, איז שוין געוועזן קלאָר אַז זיין גורל איז געחתמעט.

די רוצחים האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער לעצטער רייע און דעם גאַנצן וועג מערדערלעך געשלאָגן. זיינע האַרצ־רייסענדע געשרייען האָבן זיך געטראָגן אַרום. נאָענט צום לאַגער האָבן מיר אים שוין מער נישט געהערט.

אין דעצעמבער 1943 האָב איך געהאַט אַן־אַרבעטס פאַר־פאַל — כ׳האָב צובראָכן דעם רעכטן פוס. מיר איז געוועזן קלאָר אַז דאָס איז מיין סוף. חברים זענען צוגעקומען צום פענצטער ביים בלאָק וואו כ׳בין געלעגן און זיך מיט מיר געזעגנט. איך בין צוריקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ צו מיינע "בעלי בתים", די ס.ס. דאָרט האָט מען מיך אַריינגעגעבן אין "קראַנקן־בוי" — אין שפּיטאָל פון לאַגער, וואו דער גאַנצער מעדיצינישער סטאַף איז באַשטאַנען פון העפטלינגע. אַ פּויל־ישער כירורג פון קראָקע האָט מיר פאַרגיפּסירט דעם פוס און פאַרגעזאָגט, אַז נאָך אייניקע וואָכן וועל איך קענען גיין,

פאַרשטייט זיך, אַז אויב מען וועט עס מיר דערמעגליכן. דערווייל זענען אַריינגעטרעטן קאָפּליקאַציעס. נאָך עטליכע טעג איז דאָס געשווילעכץ אַראָפּ און דער פוס האָט זיך געוואַקלט אינם גיפּס. די געבראָכענע ביינער האָבן זיך נישט גוט צוזאַמענגעוואַקסן און כ'האָב געליטן פיל שמערצן. איך וועל דורכלאָזן די פּערזענליכע פּרטים, וואָס זענען אַ טעמאַ פאַר זיך.

יעדע וואָך איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע פון די קראַנקע און מען האָט אַרויסגענומען, די וואָס זייער געזונטהייטסצושטאַנד האָט זיך נישט גענוג שנעל פאַרבעסערט. אַ גרויסער טייל פון די קרבנות אין דעם "שפּיטאָל" זענען געווען יידישע יוגנטליכע איבער וועלכע מען האָט געמאַכט "וויסנשאַפטליכע" עקספּערימענטן פון פאַרשידענע טייוולאָנישע קאַסטעריזאַציע־סיסטעמען וואָס די נאַצישע דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט. ביי די מיינסטע אָפּערירטע האָבן זיך די וואונדן נישט פאַרהיילט. עס האָט זיך אַנטוויקלט ביי זיי אַ גאַנגרענע און זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין גרויס יסורים. אַנדערע קרבנות זענען געווען די אָפּגעשוואַכטע און אויסגעמאַטערטע פון די פאַרשידענע טראַנספּאָרטן, וועלכע מען האָט צוריקגעשיקט נאָכדעם ווי מען האָט זיי מער נישט געקענט אויסנוצן.

אין אַ געוויסן טאָג איז דערשינען לעבן מיר אין "קראַנקןבוי" איינער פון אונדזערע שטעטישע — וואַלצמאַן, דער איידעם פון אברהם מאיר־מענער הי"ד. וואַלצמאַן איז געווען אַ געזונטער הויכער מאַנספּערשוין, ער האָט געאַרבעט אין יאַווישאָוויץ ביי גראָבן די קוילן און איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט אַזוי אַז ער האָט מער נישט געקענט אַרבייטן. מען האָט אים געשיקט קיין אוישוויץ אויף "ערהאָלונג" ווי די ציניש מערדער האָבן עס גערופן. איך האָב געזען פאַר זיך אַ שבר־כלי, וואָס האָט קוים גישלעפּט די פיס. איך האָב אים געשילדערט די אויסזיכטן אין דעם "שפּיטאָל" און עס איז מיר געלונגען אים צו איבערצייגן ער זאָל וואָס שנעלער אַרויס און מעלדן זיך צו דער אַרבעט. איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג — האָב איך אים געזאָגט — איך בין אַן אינוואַליד און מוז שלום מאַכן מיט מיין גורל. אָבער ביי דיר זענען אַלע איברים גאַנץ — און דו דאַרפסט נאָר זיך אנשטרענגען און פּרובירן נעמען אַ טשאַנס.

די אַרבעט אין אוישוויץ גופא איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון רעמאָנטן און סאַניטאַציע און איז געווען פיל לייכטער ווי אין דער קוילן־מינע. וואַלצמאַן האָט מיך געפאָלגט און געפּרואווט אַרבעטן עטליכע טעג, אָבער די כוחות האָבן זיך אים שנעל אויסגעלאָזט, ער איז צוריק אין "שפּיטאָל" און ביי דער נעכסטער סעלעקציע איז ער אומגעקומען. הי"ד.

נאָך אייניקע קרבנות פון די גרופּע שטעטישע אין אוישוויץ וויל איך דערמאנען: יששכר ביילים, ראובן שערץ, משה שערץ, ראובן אייזן הי"ד.

יעדער איינער און זיין גורל. כדי צו בלייבן לעבן אין אוישוויץ האָט מען זיך גענויטיקט אין אַ טעגליכער דאָזע נסים, ווי אַ טויכער וואָס לאָזט זיך אַרונטער אונטערן וואַסער נויטיקט זיך אין אַ באַלאָן־לופט וואָס אָהן אים קען ער נישט אָטעמען אפילו קיין מינוט. די וואָס זענען אומגעקומען — האָבן אויך געהאַט צו דערציילן איבער די נסים וואָס האָבן מיט זיי פּאַסירט יעדן טאָג, יעדע שעה — אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך דער נסים באַלאָן אויסגעלאָזט און דאָס איז געווען דער סוף. פאַר די וואָס זענען געבליבן, האָט דער נסים קאָנטיגענט געגנוגט און זיי זענען געבליבן לעבן. ביז איך בין אַרויס פון שפּיטאָל מיט אַ געשוואָלענעם פוס — אויסצורעכענען די צאָל נסים וואָס כ'בין דורכגעגאַנגען — וואָלטן גיקענט פאַרנעמען גאַנצע ביכער. ס'איז מיר געלונגען, נישט אַזוי פּשוט, צו דערגרייכן אַ זיצענדע אַרבעט: כ'בין אַ גאַנצן ווינטער געזעסן ביי אַ וועג אויף אַ קופּע גרויסע שטיינער און מיט אַ האַמער זיי צוברעקלט אויף שטיקלעך, אַזוי אַרום האָב איך נישט צופיל אָנגעשטרענגט דעם פוס און ער האָט זיך לאַנגזאַם פאַרהיילט.

אין איינעם אַ זונטיג נאָכן אַפּעל ווען מיר זענען צוריק אין די באַראַקן האָב איך באַגעגנט חנינא העניג, בער העניגס זון, וועלכער איז אַוועק קיין פּאַריז אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער פּנחס, וועלכער איז געשטאָרבן אין לאַגער אויף טיפוס. (חנינא האָט אויסגעהאַלטן ביז ענדע קריג און נאָך דער באַפרייאונג איז ער געשטאָרבן, ווי פיל אַנדערע באַפרייטע וואָס די כוחות האָבן זיי מער נישט געדינט.

נאָך דעם ווי עס איז צושמעטערט געוואָרן די שלאַנג וואָס האָט אונדז געהאַלטן אונטער איר דרוק, האָט איר גיפט נאָך געווירקט אין די קערפּערס פון אירע קרבנות, און טויזנטער זענען דערנאָך אויסגעשטאָרבן).

☆

די באַפעלקערונג אין לאַגער איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשידענע סאָרטן. יעדער העפטלינג האָט געטראָגן אויף זיין מלבוש ביים נומער — אַ דרייעק פון אַ פאַרב וואָס האָט באַצייכנט זיין "פאַרברעכן". די פאַרב פון די קרימינעלע העפטלינגע (וועלכע זענען געווען בלויז דייטשן, דען אַנדערע קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן זיי שנעל ליקווידירט) — איז געווען — גרין. פּאָליטישע אַרעסטירטע, דערינטער אַלע פּאָלאַקן האָבן געטראָגן אַ רויטן דרייעק. די ציגיינער פאַר וועלכע די נאַציס האָבן באַשטימט אַן־ענליכן גורל ווי פאַר די יידן — זענען באַצייכנט געוואָרן מיט שוואַרצער פאַרב. יידן האָבן געטראָגן אויסער דעם רויטן דרייעק — נאָך אַ דרייעק אַ פאַרקערטן, פון געלער פאַרב און ביידע צוזאַמען האָבן געבילדעט אַ מגן דוד.

דער סטאַזש אין לאַגער האָט צוגעגעבן "ייחוס", לויט דער אָפּשאַצונג פון די אַרעסטירטע. אַ מאַן וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין די לאַגער באַדינגונגען איז דורך זיי רעספּעקטירט געוואָרן. דעם סטאַזש האָט מען דערקענט לויטן נומער. די נומערן ביז 100,000 זענען אַלע געווען מיוחסים, עס איז געבליבן פון זיי בלויז אייניקע פּראָצענט פון די קלענערע נומערן — ביז 30,000 — זענען געבליבן איינצלנע. די "פּראָמינענטן" האָבן געאַרבעט ביי לייכטע אַרבעט און דאָרט

וויא ס'איז געוועזן מער עסן. די אַרבעטס פּאַרטיילונג איז געמאַכט געוואָרן דורך די קאַפּאָס לויט אַלגעמיינע אָנווייזונגען פון לאַגער־פירער.

צווישן די פאַרהאַפטעטע אין לאַגער האָט זיך געפונען אַ באַדייטענדע צאָל רוסישע געפאַנגענע, ווייזט אויס אַזעלכע וואָס האָבן געפּרואווט אַנטלויפן פון געפאַנגען לאַגער. די זענען געוועזן אַ ווילדער צובריקעוועטער עלעמענט אין לאַגער. זיי זענען געוועזן אָרגאַניזירט אין באַנדעס און זיי פלעגן גנבענען און צורויבן ביי די אַנדערע העפטלינגע זייערע ברויט פּאָרציעס און אויך די שיך. זייער אויפירונג אין לאַגער און זייער העזה איז געוועזן אַ פונקציע פון דער באַציאונג פון די דייטשן צו זיי, און איז געוועזן דיאַמעטראַל אַנדערש ווי פון די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט בעת זייער גרויסע מפּלה פון אָנפאַנג קריג.

אויף די קעפּ פון די ערשטע געפאַנגענע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די גאַנצע צושמעטערענדע ברוטאַליטעט פון די נאַציס. נאָכדעם ווי זיי זענען אויסגעהונגערט געוואָרן במשך עטליכע טעג, האָט מען זיי מאַסענווייז ליקווידירט. די יידן זענען געצוואונגען געוואָרן זיי צו באַגראָבן אין מאַסן־קברים. קיינער פון די געפאַנגענע — אַלע יונגע געזונטע מענער — האָט נישט רעוואָלטירט און זיך נישט געגנגעשטעלט. פּאַסיווע, מיט צובראָכענע געמיטער זענען זיי אַנטקעגן געגאַנגען זייער ביטערן גורל.

ווען די לאַגע אויפן פראָנט האָט זיך געענדערט, און דאָס רוסישע מיליטער האָט העראָיש געקעמפט און געשלאָגן די דייטשן — האָט זיך די באַציאונג צו די רוסן מצד זייערע פיינט, פולשטענדיק געענדערט. הונדערטער טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן זענען אַריינגעפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט און זענען געוועזן אַ משכון אין זייערע הענט. דאָס האָט אַריינגעגעבן מוט דעם הייפל רוסן, וואָס איז נאָך געבליבן ביי די דייטשן און זיי האָבן זאגאַר זיך געפּרואווט בונטעווען. איך וויל באַזונדערס אונטערשטרייכן די זאַך, ווייל דאָ ליגט דער ענטפער (טיילווייז לפחות) אויף דער פראַגע, וואָס פיל שטעלן: פאַרוואָס די יידן האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד זייערע פייניקער.

☆

זומער 1944 האָבן אָנגעהויבן קומען מאַסן טראַנספּאָרטן פון אונגאַרישע יידן, פון די אַקציעס וואָס אייכמאַן ימ"ש האָט אָרגאַניזירט. אין דער זעלבער צייט בערך זענען געברענגט געוואָרן די רעשטלעך פון געטאָ לאָדזש וואָס איז דעמלט ליקווידירט געוואָרן.

די באַגעגעניש מיט די אונגאַרישע יידן, וועלכע האָבן ביז דאַן געלעבט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיגער פרייהייט — איז געוועזן ערשיטערענד. נאָך אַ צווייג פון אייראָפּעאישן יידנטום איז אָפּגעשניטן געוואָרן. די קריגס ענדע דערנענטערט זיך, די מפּלה פון די רוצחים איז שוין אַ זיכערע, אָבער יידן וועלן נישט זוכה זיין עס צו זען.

די אָנגעקומענע זענען נישט איינמאָל געוועזן אַנטוישט פון דער באַציאונג צו זיי מצד די אַלטע לאַגער מענטשן, פון זייערע גראָבע רייד און ווילדע באַנעמונג, צו וועלכן זיי זענען נאָך נישט געוועזן געוואוינט. זיי האָבן נאָך מיט זיך געברענגט מענטשליכע קריטעריאָנען, וואָס האָבן אויסגעזען אין די אויגן פון די לאַגער וועטעראַנען — נאַאיוו און אָפּגעריסן פון דער אכזריותדיקער ווירקליכקייט. איך האָב מיך באַפריינדעט מיט פיל פון זיי לעכצענדיק ממש נאָך אַ מענטשלעך געשפּרעך.

די פרויען, וועלכע זענען געברענגט געוואָרן פון אונגאַרן, האָט מען אויך סעלעקטירט און איבערגעלאָזט די יינגע אין באַזונדערע לאַגערן צו אַרבעט. באַזונדערס שווער איז געוועזן צו זען די פרויען אין דעם דערנידערונגס צושטאַנד. מיר האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו זען די מענער אין זייער השפּלה ווי אַ טייל פון דעם ביטערן מצב אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, אָבער צו זען דערין אונדזערע שוועסטער איז געוועזן אונערטרעגליך. דער גרעסטער טייל פון די פרויען איז פאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דייטשלאַנד גופא ביי די פאַבריקן פון מיליטער־אויסשטאַטונג, וועלכע זענען געלייטעט געוואָרן דורך דייטשע פרויען, דען די מענער זענען גענומען געוואָרן צו פאַרשטאָפּן דעם אויפגעבראָכענעם פראָנט.

אין דער מיט יאַנואר 1945 האָבן זיך די קאַמפן דערנענטערט צו די טויערן פון אוישוויץ. דעם 11־טן האָבן די רוסן אָנגעהויבן זייער אָנגריף ביי דער ווייסל. זיי האָבן אַטאַקירט מיט גרויסע כוחות. די דייטשע ווידערשטאַנד האָט אין לויף פון געציילטע טעג זיך אָנגעהויבן צוזאַמענברעכן. אין לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן. פיל אַרבעטס גרופּן זענען שוין נישט אַרויס צו דער אַרבעט. און די ס. ס. קאָמאַנדאַטור האָט אויף דער שנעל גענומען אָרגאַניזירן די עוואַקואַציע פון לאַגער. טייל העפטלינגע האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה אויב ס'איז כדאי אַרויסצוגיין אין וועג, אָדער אפשר אויסנוצן די מהומה און זיך באַהאַלטן כדי אַרויסצודרייען זיך פון טראַנספּאָרט. איינס זענען אַלע געוועזן זיכער, דאָס די רוצחים וועלן נישט ערמעגליכן קיינעם אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די דערנענטערענדע רוסן און ווייניקע האָבן "רעזיקירט" צו בלייבן.

די מאַגאַזינען זענען געעפנט געוואָרן, מען האָט פאַרטיילט עסן און "קליידער" אויפן וועג און גענומען יאָגן די העפטלינגע צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. די קראַנקע האָט מען דערווייל איבערגעלאָזט און זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט וואָס עס ערוואַרט זיי. ווי עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזן, זענען די געבליבענע ניצול געוואָרן. די נאַציס האָבן שוין נישט באַוויזן אויסצופירן זייער פּלאַן צו שפּרענגען דעם לאַגער מיט אַלע מענטשן, ווייל די רוסן זענען געקומען פיל פריער, ווי די רוצחים האָבן דערוואַרט, און די רוצחים זענען געוועזן געצוואונגען צו אַנטלויפן, וואָס שנעלער, כדי צו ראַטעווען זייער אייגענע הויט.

מיר זענען אַרויס צופוס אין ריזיקע קאַראוואַנען, באַגלייט דורך שומרים מיט אויטאָמאַטיש געווער וואָס האָבן אונדז געהיטן פון אַלע זייטן, ס'זאָל קיינער נישט וואַגן צו טראַכטן אפילו וועגן אַנטלויפן. אונדזער האָפנונג — אַז די רוסן וועלן

אונדז דערגרייכן אָדער לפּחות זיי וועלן אונדז באַשיסן אָדער באָמבאַרדירן און מיר וועלן אפשר קענען אויסנוצן די בהלה און זיך אַרויסדרייען פון די רוצחימס הענט — איז ליידער נישט מקוים געוואָרן. מיר זענען געגאַנגען דריי טעג אין שניי, כמעט אָהן אונטערבראַך. מענטשן זענען געשלאָפן גייענדיקערהייט און אַרויפגעפאַלן אויף זייערע חברים, וועלכע האָבן זיי דערכאַפּט איידער זיי זענען אַנידערגעפאַלן. ווער ס׳איז נישט אומשטאַנד געווען ווייטער צו גיין איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. הונדערטער טויטע קערפּערס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט ביים וועג.

מיר זענען אָנגעקומען קיין גלייוויץ און דאָרט האָט מען אונדז אויפגעלאָדנט אויף אַ לאַסט־צוג און געפירט אין לאַגער גראָסראָזן ביי ברעסלאו. דער לאַגער איז געווען צו קליין אויפצונעמען אַזויפיל מענטשן. מיר האָבן נישט באַקומען קיין עסן און נישט געהאַט קיין אָרט צו שלאָפן. נאָך עטלעכע טעג זענען מיר מיט דער באַן אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן טיף קיין דייטשלאַנד. די קעלט אין די אָפענע וואַגאָנען איז געווען אונערטרעגליך, און פיל זענען פאַרפרוירן געוואָרן. איך האָב געפילט אַז מיין קערפּער איז ווי אַ זיפּ און דער ווינט גייט אים אַדורך, דורך און דורך. די באַן האָט אונדז געפירט קיין ווייִמאַר געטהעס שטאָט, וואָס געפינט זיך נעבן בוכנוואַלד (בוכנוואַלד כאַראַקטעריזירט מער די דייטשן ווי געטע). אָנקומענדיק איף דער באַן סטאַציע האָבן מיר בייגעוואוינט אַ וואונדערבאַרע איבערלעבונג: פּלוצים פון דעם העלן הימל זענען ערשינען צענדליקער אַמעריקאַנער באָמבארדיר עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן שיטן לענגליכע געגנשטאַנדן, וועלכע האָבן פאַלנדיק אויף דער ערד עקספּלאָדירט מיט אַ געוואַלדיקן רעש און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער גאַנצער געגנט. אונדזערע וועכטער זענען אַרויסגעלאָפן מיט גרויס בהלה פון די וואַגאָנען צו זוכן שוץ. מיר זענען אויך אַרויס אין אָפענעם פעלד און געקוקט מיט גרויס הנאה אויף זייער בראָך אויף די שטראָף "פון הימל" וואָס האָט זיך געשיט אויף די קעפּ פון די מערדער, כאָטש דאָס איז געווען בלויז אַ טראָפּן פון ים, פון דעם וואָס זיי האָבן זיך פאַרדינט.

נאָך דעם באָמבאַרדאַמענט האָבן די שומרים אונדז שנעל צוזאַמענגעטריבן און אונדז אַריינגעפירט אין בוכנוואלדער לאַגער. נאָך אייניקע טעג האָט מען אונדז צושפּרייט אין בוי־שטעלן אין דער געגנט. איך בין געשיקט געוואָרן מיט נאָך עטליכע הונדערט פּערזאָן קיין בערגאַ אַם עלסטער צו גרובן טונעלן אין די באַוועלדערטע בערג פאַר דער מיליטער־אינדוסטרי וועלכע האָט מער נישט עגזיסטירט.

אין די חדשים פעברואַר—מערץ 1945, איז אונדזער לאַגע געוואָרן אַזוי שווער, דאָס טראָצדעם וואָס עס איז שוין געווען קלאָר, דאָס מיר געפינען זיך אין די לעצטע גסיסה צאַפּלענישן פון דעם היטלעריסטן געשפּענסט, זענען מיר געווען איבערצייגט אַז די בעסטיע וועט נאָך באַווייזן אונדז צו דערשטיקן מיט אירע לאַפּעס, פאַר איר פּגירה. די שפּייז ראַציעס זענען קלענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, די אקומולירטע ליידן און דער פּערמאַנענטער הונגער האָבן אנגעמאַכט אַ חורבן אין די רייען פון די געבליבענע העפטלינגע. וועלכע זענען צונויפגעדרוקט געוואָרן אין פּראָוויזאָרישע לאַגערן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין יעדן ווינקל (אין די פון פריער עקזיסטירענדע לאַגערן, מיט וועלכע די גאַנצע מדינה איז געווען אנגעפּראָפּט — איז נישט געווען קיין אָרט פאַר נייע אַרעסטאַנטן). נישט נאָר די עלטערע און שוואַכע צווישן אונדז האָבן מער נישט געקענט אויסהאַלטן, נאָר אויך די יונגע און שטאַרקערע זענען געוואָרן מיט יעדן טאָג אויסגעמאַגערטער און אָפּגעשוואַכטער, די כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט און יעדער טאָג האָט אויסגעוויזן צו זיין דער לעצטער, וואָס איז אונדז נאָך געבליבן צו לעבן.

אין אַפּריל האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי זיך דערנענטערט און אונדזערע פּייניקער האָבן אונדז געפירט פון אָרט צו אָרט נישט וויסנדיק וואָס צו מאַכן מיט אונדז. דאַן האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. נאָכדעם ווי מיר האָבן מאַרשירט אַ גאַנצן טאָג און געמאַכט קוים אייניקע ק״מ, זענען מיר פאַרנאַכט אריינגעבערענגט געוואָרן צו נעכטיקן אין אַ שייער ביי אַ פּויער, אין אַ דאָרף ביי צוויקאַאו (זאַקסן). אין דער פרי ווען מען האָט צוגעגרייט די מענטשן אַרויסצוגיין אין וועג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אייניקע פון זיי זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זיי קענען זיך מער נישט שטעלן אויף די פיס. נאָכדעם ווי די שומרים האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך, האָבן זיי באַשלאָסן די אָפּגעשטאַנענע צו לאָזן אויפן אָרט. מען האָט מער נישט געשאָסן די קראַנקע, קיינער פון זיי האָט מער נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט דערויף ווייל די אמעריקאַנער זענען שוין געווען אויף זייערע שפּורן.

איך האָב זיך פאַרשטעקט אין אַ סטויג היי וואו ס׳האָבן זיך שוין געפונען נאָך עטליכע "דעזערטערן" ווי איך. די קאַראַוואַנע האָט פאַרלאָזט ס׳דאָרף און געגאַנגען איר וועג. נאָך עטליכע שעה האָט די אַמעריקאַנישע אַרטילעריע גענומען באַשיסן דאָס דאָרף. איך בין אַרויס פון באַהעלטעניש און ווי נאָר דער פּויער האָט מיך דערזען, איז ער גלייך געלאָפן זוכן פּאָליציי. פּאָליציאַנטן זענען שוין נישט געווען אין דאָרף און ער האָט געבראַכט אַ סאָלדאַט, פון די רעשטלעך פון די צוברעקלטע איינהייטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט און נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיך. מיין לעבן איז יעצט געווען אָפּהענגיק פון דעם סאָלדאַטס באַשלוס. גייענדיק מיט אים איז געקומען צו לויפן אַ מיידל פון דאָרף און דעם סאָלדאַט געמאָלדן דאָס נאָך אַזעלכע משוגענע הינט ווי איך, דרייען זיך אַרום אין דער געגנט. ער האָט איר צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען דערמיט.

אין דער גאַנצער צייט וואָס כ׳בין געווען אין לאַגער איז מיין הויט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אַזוי, אַז די אַלע עפּיטעטן און זידל ווערטער מיט וועלכע די נאַציס האָבן אונדז באַשאַנקען האָבן איבערהויפּט נישט געווירקט, און נישט באַטראָפן. אָבער אין דעם מאָמענט, אפשר צוליב דעם ווייל כ׳האָב שוין געפילט דעם טעם פון דער באַפרייאונג, האָט זיך די עמפּפינדליכקייט צוריק אויפגעוועקט. איך בין געווען ווי געפּלעפּט: אַ סתם דאָרפס מיידל, וואָס דינט

נישט אין קיין מארד גרופּן, יעצט ווען דער מערדערישער רעזשים איז שוין צוזאַמענגעפאַלן — זאָל נישט האָבן קיין טראָפּן מענטשלעך געפיל, אויפן אנבליק פון אומגליקליכע אויסגעהונגערטע מענטשן, אַנשטאַט זיי ברענגען, אַ שטיקל ברויט רופט זי זיי: משוגענע הינט! פאַרשאָלטן זאָל זיין דאָס רוצחים פאָלק!

ווען די מרשעת איז אַוועק האָט זיך דער סאלדאט צו מיר אָנגערופן: איך ווייס אַז דו וואַרטסט אויף די אַמעריקאַנער — מיר איז דאָס אַלץ שוין אויך נמאס — גיי געפין דיר אַ באַהעלטעניש, דען עס איז בלויז אַן־ענין פון אַ טאָג, צוויי!

איך בין ארויס אַביסל פון דאָרף געפונען אַ קליין טייכל. כ׳בי׳ן צוגעגאַנגען צום וואַסער, אויסגעטון מיין קויטיג העמד און ס׳ערשטע מאָל, נאָך מאנאַטן לאַנג, האָב איך באַטראַכט מיין אויסגעדאַרטן קערפּער. אַ בינטל דאַרע ביינער, אָבער דער איינגעשרומפּענער קערפּער געהערט צו מיר. קיינער שטייט נישט אונטער מיינע פּלייצעס מיט אַ ראַפּניק אין דער האַנט און יאָגט מיך נישט. איך קען זיך אויפרישן און וואַשן וויפל איך וויל. צו צי פאַנטאַזיר איך בלויז? אַרום מיר איז קיינער נישטאָ. מען האָט מיך נישט געברענגט אַהער מיט וואַך. איך בין געקומען מיט מיין אייגענעם ווילן. וועל איך שוין פון יעצט אָן זיך קענען באַוועגן לויט מיין געפיל? ס׳איז נישט געוועזן צופיל צייט צו פילאָזאָפירן. צוואַר אונדזערע פייניקער זענען שוין פאַרשוואונדן אָבער אין דער אַטמאָספער פון שנאה אן רשעות אַרום זענען מיר נאָך אַלץ אין אַ גרויסער סכנה.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט אין פעלד אויסערן דאָרף זיבן פּערזאָן וועלכע האָבן נאָך געקענט גיין אויף די פיס; אין דאָרף זענען געלעגן נאָך זעקס קראַנקע. מיר האָבן איינגעזען, אַז דאָס ווייטער געפינען זיך אין דעם הפקר שטח, איז מסוכן און מען קען אונדז נאָך אויסמאָרדן איין מאָמענט פאַר דער גאולה. מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו דער אַמעריקאַנער ליניע. צווישן אונדז האָט זיך געפונען אַ דייטשער קאַפּאָ, אַ קאָמוניסט, וואָס זיין פאַמיליע האָט געוואוינט נישט ווייט. דעם מאַן איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון דעם דאָרף־עלטסטן, אַ שריפטליכע באַשטעטיקונג מיט אַן־אָפיציעלן סטעמפּל, אַז מיר זענען געוועזענע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געזעצלעך באַפרייט געוואָרן און מיר גייען אַהיים.

כדאי צו באַצייכענען, אַז אין לויף פון די אַלע מאַרשן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אונטערן דרוק פון די רשעימס שטיוול, ווען מיר האָבן געשלעפּט די פיס מיט פאַרקריצטע ציין און מיט די לעצטע כוחות, האָט קיינער נישט געפּרוווט העלפן דעם פאַלענדן דערנעבן־גייער און אונטערשטעלן אַן־אַקסל ער זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן אויף אים. יעדער האָט געזאָרגט בלויז פאַר זיך. אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות מיט שטורעמדע כוואַליעס און ווערט מיטגעשלעפּט דורך דעם דעם געווירבל — דערלאַנגט נישט קיין האַנט דעם טרענקענדן נעבן אים. ס׳איז יעדן קלאָר דאָס זיינע כוחות וועלן נישט גענוגן אויפצוהייבן דעם שטרויכלענדן, נאָר פאַרקערט — דער פאַלענדער וועט מיט זיך מיטשלעפּן דעם וואָס האַלט זיך נאָך אויף די פיס. יעדער האָט אינסטינקטיוו זיך אנגעשטרענגט צו האַלטן דעם קאָפּ אויסערן וואַסער, ווי ווייט ער האָט געקענט. אין דעם מאָמענט ווען דער קאשמאר איז אַראָפּ פון אונדזער קאָפּ, האָבן זיך אין אונדז אויפגעוועקט פון דאָסניי די מענטשלעכע געפילן. טראָץ דעם וואָס מיר אַליין די כלומרשטע ״געזונטע״ האָבן זיך גענויטיקט אין דרינגענדער הילף, איז עס געוועזן זעלבסטפאַרשטענדליך פאַר יעדן פון אונדז, אַז מיר טאָרן נישט הפקר לאָזן אונדזערע ברידער, וועלכע זענען נישט אומשטאַנד צו גיין אויף די פיס.

צומאָרגנס, גאַנץ פרי האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס דאָרף. מיר האָבן אַוועקגעשלעפּט פון אַ הויף אין עק דאָרף, אַ פויערישן וואָגן, אַרויפגעלייגט די זעקס קראַנקע, וועלכע מיר האָבן איבערהויפּט נישט געקענט. מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט ווי פערד צום וואָגן, און אַרויס אין וועג.

דאָס איז געוועזן אַן־אונפאַרגעסלעך בילד:

אַ מאַרש פון שקעלעטן. מענטשן־שאָטנס, אויסגעדאַרטע,
צעבראָכענע און אויסגעהונגערטע, איינגעהילט אין
פאַרפוילטע שמאַטעס — גייען איינגעשפּאַנט אין אַ
וואָגן אין וועלכן ס׳ליגן זייערע ליידענדע חברים, וואָס
די געשוואָלענע פיס טראָגן זיי נישט מער, און די
סקעלעטן, שלעפּן מיט דעם לעצטן אָטעם, דעם שווערן
וואָגן, באַרג אַרויף.
דער שווייס באַדעקט זייערע איינגעשרומפּענע פּנימער.
זיי גייען און וויינען. גייען און וויינען.
די פריילינג זון צעשפּרייט לאַנגזאַם דעם שווערן נעפּל
אין זייערע חושים. זיי גייען אַנטקעגן זייער פאַרגאַנגענהייט. די חורבות פון זייער פאַרניכטעט לעבן האָבן
אָנגעהויבן אויפטויכן פון דער ווייטנס אין באַלויכטענעם
האָריזאָנט און זיך באַוויזן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט — אַנטקעגן זייערע מיט טרערן באַגאָסענע אויגן.

זומער 1945 האָט אברהם לעוויטע פון ברעזעוו, לעבן סאַניק, פוילן, יעמאָלט אַ פליט אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד, איבערגעגעבן דעם ווייטערדיקן דאָקומענט דעם טשעפלין מאָריס דעמבאָוויץ. דורך דער פאַרמיטלונג פון די פּראָפעסאָרן אברהם יהושע העשל און מאַקס אַרצט פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק איז דער מאַנוסקריפט איבערגעגעבן געוואָרן דעם ייוו״אָ, און מיר דרוקן אים דאָ אָן שינויים אפילו אין אויסלייג, בלויז אַ און אָ, פּ און פ און אַז״וו פירן מיר דורך סיסטעמאַטיש; מערניט אין דער פאַרבאַמערקונג זיינען געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר קליינע סטיליסטישע תיקונים

רעדאַקציע פון ייוו״א בלעטער

דאס זאמלבוך אושוויץ

אין אָנפאַנג יאַנואר ה״י, קורץ פאַר דער ליקווידאַציע פון דעם טרויעריקן פאַרניכטונגס־לאַגער אושוויץ (אָשפּיצין, Oświęcim), האָבן עטלעכע ערנצטערע ייִנגלעך דאָרט פּראָיעקטירט צו שאַפן אַ מין זאַמלבוך א״נ ״אוישוויץ״ ווו עס זאָלן זיך געפינען לידער, שילדערונגען און איינדרוקן פון דעם געזעענעם און איבערגעלעבטן. די העפטן, אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן, האָט מען געזאָלט באַגראָבן אין פלעשער אין פאַרשיידענע ערטער, אויף די אַרבעטספּלעצער אויסערן לאַגער, דאָס אָנגעטרויען עטלעכע אָנשטענדיקע פּאָליאַקן, מיט וועלכע מען האָט צוזאַמען געאַרבעט און זיי בעטן, אַז ווען די קברים וועלן באַפרייט ווערן זאָלן זיי עס אַרויסנעמען פון דער ערד און עס איבערגעבן אין יידישע הענט.

די ייִנגלעך, פונקט ווי אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין אוישוויץ, זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן פון דאָרט מער נישט אַרויסקומען און דאָס געפלאַנטע זאַמלבוך האָט געזאָלט זיין אַ פּרווו אָפּצושפּיגלען זייערע ליידן, אַן אויסדרוק פון זייער פאַרביטערטקייט און אַ מין התנצלות פאַר זייער לעבן וואָס האָט זיי אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך אומווירדיק אין אָנבליק פון די שוידערלעכע און בלוט־פאַרגליווערנדיקע רציחות, וואָס מען האָט צוגעזען.

עס האָבן אויך געזאָלט זיין אין דעם בוך אַ סך מאַטעריאַלן, פאַקטן־זאַמלונגען פון געשיכטלעכער באַדייטונג, ווי אויך שילדערונגען פון געטאָ און די רציחות פון די נאַצי־באַנדיטן, נאָך איידער מען איז אין לאַגער געקומען.

עס זיינען שוין געווען אויפגעשריבן עטלעכע געלונגענע העברעישע שירים, פון אַן אונגערישן העברעישן משורר, אַ התנצלות אין ״אַ בריוו צו מיין ברודער אין ארץ־ישראל״ און אַנדערע.

דאָס אַלץ איז נישט צו שטאַנד געקומען, ווייל מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז דער לאַגער צוליב דער דערנענטערונג פון דער רוסישער אַרמיי, עוואַקואירט געוואָרן.

דאָס געשריבענע איז געבליבן ביי די וואָס האָבן עס געשריבן, און דאָס וואָס קומט דאָ ווייטער האָט געזאָלט זיין די הקדמה צו דעם זאַמלבוך.

איך ענדער איז דעם טעקסט גאָרנישט, ווייל איך באַטראַכט אים ווי אַ דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אוישוויץ אין אוישוויץ גופא, עס איז געקוקט אויף דעם טויט־לאַגער דורך די לאַגער־ברילן, ער איז אויך אַן אויסדרוק פון די געפילן פון אַ סך חברים און מיטליידנדיקע, און איך מיין, אַז ווי אַזעלכער דאַרף ער אויך האָבן אַ געוויסן ווערט.

א. ל.

רואַן, פראַנקרייך, דעם 14־טן יוני 1945

אברהם לעוויטע / **איינלייטונג צו דעם פראיעקטירטן זאמלבוך ״אוישוויץ״**

כ׳האָב אַמאָל געלייענט, וועגן מענטשן, וואָס זענען אַפן נאָרד־פּאָל געפאָרן און זייערע שיפן זענען צווישן די אייזקריעס שטעקן גיבליבן, זייערע ס. אָ. ס. רופן זענען גיבליבן אָן ענפער. די שפּייז האָט זיך זיי גיענדיקט, דער פראָסט האָט זיי אין זיין קלעם גינומין, און אָפּגעריסענע פון דער וועלט, דערפרוירינע און פאַרהונגערטע האָבן זיי גיוואַרט אַפן טויט. דאָך האָבן די מענטשן נישט אַרויסגילאָזט די בליישטיפט פון די פאַרשטאַרטע פינגער. זיי האָבן ווייטער נאָטירט אין זייערע טאָג־ביכער, פאַר זייערע אויגן האָט די אייביקייט גישוועבט.

ווי גירירט בינך דאַן גיוועזן דערפון דאָס מענטשן אין אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגין, וועלכע דאָס לעבן האָט אַזוי אָנרחמנותדיק פאַרשטויסן, דער טויט האָט שוין זיינע לאַפּיס אַף זיי אַרויפגעלייגט, און די מענטשן האָבן זיך דאָך אַזוי דערהויבן איבערן אייגינים גורל און זייער פליכט פאַר דער אייביקייט פאָרטגיזעצט.

מיר אַלע, וועלכע שטאַרבן דאָ אין דער פּאָלאַרדיקער אייז־קאַלטער גלייכגילטיקייט פון די פעלקער, פאַרגעסינע פון וועלט און לעבן, האָבן דאָך אַ באַדערפיניש עטוואָס פאַר דער אייביקייט צו לאָזן, אויב נישט קיין פאָלקאָמע דאָקומענטן, איז מינדעסטנס ברעקלעך דערפון, ווי אַזוי מיר די לעבידיקע מתים האָבן גידענקט און גיפילט, גיטראַכט און גירעט. אַף די קברים, וואו מיר ליגן לעבידיק־פאַרשיטע, טאַנצט די וועלט אַ שדים־טאַנץ און מע פאַרטופּיט מיט די פּיס אונדזערע קרעכצן און הילפס־רופן, ווען מיר וועלן שוין דעמלט נישט זיין נאָר אונדזער אַף שבעה ימים צושפּרייט אַש, דאַן וועט יעדער קולטורעלער און אַנטשטענדיקער מענטש האַלטן פאַר זיין חוב אונדז צו באַדויערן און מספּיד זיין.

ווען אונדזערע שאָטנס וועלן אַף די עקראַנען און בימהן זיך באַווייזן וועלן באַרימהערציקע דאַמען ווישן מיט די פאַרפורטע טיכלעך די אויגן און אונדז באַקלאָגן: אַך, אומגליקליכע.

מיר ווייסן: מיר וועלן לעבידיק פון דאַנין נישט אַרויס. אַף דעם טויער פון דעם אָט גיהנום האָט דער טייוול אייגנהענטיק אויפגעשריבן: ״וואַרפט אַוועק די האָפנונג, איר אַלע וואָס קומט אַהער אַריין. מיר ווילן זיך מתוודה זיין, זאָל דאָס זיין דער ״שמע ישראל״ אונדזערער פאַר די קומינדע דורות. דאָס זאָל זיין די ווידוי פון אַ טראַגישן דור, פון אַ דור וואָס איז נישט גיוועזן דערוואַקסן צו זיין אויפגאַבע, וואָס זיינע ראַכיטישע פיס האָבן זיך אונטערגיבראָכן אונטער דער שווערער לאַסט פון מאַרטירערטום וואָס די צייט האָט אַף זיינע פּלייצעס אַרויפגעלייגט.

און דעריבער: עס האַנדלט זיך אונדז דאָ נישט אין פּאַקטן און ציפערן, אין זאַמלין טרוקינע דאָקומענטן — דאָס וועט מען אָן אונדז אויך טון. מען וועט אָן אונדזער מיטהילף אויך קענין צוזאַמינשטעלן די געשיכטע פון אוישוויטץ. ווי אַזוי מע איז אין אוישוויטץ גישטאָרבן, דאָס וועלן בילדער, עדות און דאָקומענטן אויך דערציילן. מיר ווילן אָבער דאָ שאַפן אויך אַ בילד, ווי אַזוי מען האָט אין אוישוויטץ ״גילעבט״. ווי אַזוי עס האָט אויסגיזעען אַ נאָרמאַלער דורכשניטליכער אַרביטס־טאָג אין לאַגער. אַ טאָג, וואָס איז אַ פּלאָנטער פון לעבן און טויט, פון שרעק און האָפנונג, פון רעזיגנאַציע און לעבנס־ווילן. אַ טאָג, וואָס איין מינוט ווייסט נישט וואָס די נעכסטע ברענגט מיט זיך. ווי מע גראָבט און מע האַקט אָפּ מיטן קילאָף שטיקער פונים אייגינים לעבן, בלוטיקע שטיקער, יינגע יאָרן און מע לאָדנט זיי סאַפּנדיק אַף דער לאָרע (וואגאנעט) פון דער צייט, וועלכע סקריפּיט אַזוי יאָמערליך, גייט אַזוי ביטער שווער אַף די אייזערנע רעלסן פון די לאַגער־באַדינגונגין. און פאַרנאַכט קיפּט (קערט מען איבער) מען די לאָרע אַ צום טויט־פאַרמאַטערטער, אין טיפן אָפּגרונט. אַך ווער וועט דאָס אַרויסנעמען פונים תהום, אַזאַ פאַרבלוטיקטן טאָג צוזאַמין מיט זיין שוואַרצן שאָטן, אַ מיט אַנגסטן באַגאָסינע נאַכט, און עס דער וועלט ווייזן?

יאָ, עס וועלן מענטשן אַרויס פון דאַנין לעבידיקע: נישט־יידן. וואָס וועלן זיי דערציילן וועגן אונדזער לעבן? וואָס ווייסן זיי וועגן אונדזערע ליידן? וואָס האָבן זיי אין נאָרמאַלער צייט גיוואוסט וועגן יידישער נויט? זיי האָבן געוואוסט, אַז מיר זענין אַ פאָלק פון ראָטשילדס. זיי וועלן אויך יעצט פלייסיק צוזאַמענקלויבן די מאַרגאַרין־פאַפּירן און וואורשט־בלעזלעך און ווייזן: יידן האָבן זיך נישט־קשה געהאַט אין לאַגער. עס וועט זיי נישט גלוסטן צו גראַבלין אין מיסט־קאַסטן פון זכרון און אַרויסרופן דאָרט די שאָטנס די בלייכע, מיט די אויסגילאָשינע אויגן, וואָס האָבן זיך תמיד־איבערגעשראָקינע, אַזוי שטיל גישאַרט ביי די בלאָקן און מיט די לעפל אין די בלאָע פינגער גיקראַצט די פעסלעך פון זופּ. גיגראַבלט, צען מאָל מיט שטעקנס אַוועקגיטריבענע, אין די מיסט־קאַסטנס, זוכנדיק פאַרשימלטע ברויט־ברעקלעך. די אומגליקליכע, וואָס האָבן ווי די ליכטלעך גיצאַנקט און אויס־

גיגאַנגין נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פאַרווירקליכן זייער איינציקן טרוים פון כאָטש איינמאָל זיך זאַט־עסן. די טויזנטער, אַף לאַגער־לשון אַזוי גירופינע ״מאָזל־מענער״, לגבי וועלכע יעדער לאַגער־פונקציאָנער האָט גיהאַלטן פאַר זיין חוב מקיים צו זיין די אוישוויטצער מצווה פון ״עזוב תעזוב״ — מע האָט זיי געהאָלפן — שטאַרבן. דאָס זענין זיי, די שוואַכע וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס גיטראָגן דעם גאַנצן עלנט, די גאַנצע אכזריות און גרויל פונים לאַגער. די גאַנצע — ווייל אויך דעם טייל פון די פּריווילעגירטע מוזן די שלעפּן, און זיי האָבן גישלעפּט אַזוי לאַנג, ביז זיי זענין געפאַלן אין אַ פּאָר גיפּוצטע ״קאַפּאָ״־שטיוואַלעך האָבן, ווי די ווערם, זיי אַף טויט צוטרעטן.

וועגן דעם וועלן זיי נישט דערציילן, דען צו וואָס קאַליע מאַכן שטימונג און אַרויסרופן גישפּענסטער? בפרט ס׳אייגענע גיוויסן איז אויך נישט איבריק ריין... בעסער רעדן וועגן די עטליכע זאַטע, וועלכע מע האָט גיכער גיקענט. אין דעם גאַנצן ים פון עלנט און אומגליק, זענען זיי נאָר די פּאָר פון איוון־שוואומינדע אייל־טראָפּנס, וואָס זענין גיבליבן נאָך דער ציהאַקטער שיף. יאָ, זיי, ווען מיר בייסן אונדזער אייגן לייב, פאַר ווייטאָג, זאָגן זיי, אַז מיר עסן פלייש צו דער זעט, און ווען מען קעפּט אונדזערע עלטערן זענין זיי אונדז מקנא, דאָס מיר וועלן די מלבושים קענין פאַרקויפן.

מיר מוזן אַליין דערציילן וועגן זיך. מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון דאָס אַף אָפּשרייבן או שאַפן אַזעלכעס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלין און געבן אַן׳אויסדרוק אונדזער טראַגעדיע פעלט אונדז כוחות. אָבער — דאָס גישריבענע דאַרף בכלל נישט גיוואויגן ווערן אַף דער ליטעראַרישער וואָג־שאָל. דאָס מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ דאָקומענט און אַלס אַזעלכעס דאַרף גינומין ווערן אין אַכט, נישט דער קינצטלערישער ווערט פון דער זאַך, נאָר מען מוז באַריקזיכטיקן צייט און אָרט. און צייט איז: קורץ פאַרן טויט און אָרט: אַפּן עשאַפּאָט. נאָר פונים אַרטיסט אַף דער סצענע פאַרלאַנגט מין, ער זאָל שרייען וויינין און קרעכצן לויט אַלע כללים פון דער קונסט. ווייל אים טוט נישט וויי. סוף כל סוף וועט דאָך קיינער נישט פּרוואוון צו קריטיקירן דעם באַטרעפנדן קרבן, דאָס ער קרעכצט צו הויך, אָדער וויינט צו שטיל.

און צו זאָגן האָבן מיר וואָס, הגם מיר זענין ליטעראַריש גינומין שטאַמלער. מיר וועלן דערציילן ווי מיר קענין, אַף אונדזער שפּראַך. אויך גאַנץ־שטומע, ווען עס טוט זיי ווי קענין נישט שווייגן, זיי רעדן דאַן, נאָר אַף זייער שפּראַך: שטום־לשון. שווייגן, דאָס טוען נאָר די באָנטשעס*. די מאַכן אַ גיהיימניספולע מינע, ווי זיי וואָלטן מי יודע וואָס צו זאָגן גיהאַט. נאָר ערשט דאָרט אויפן עולם־אמת, וואו פּאָזע און אָנשטעל גילט נישט מער זאָגן זיי אויס דעם סוד פון זייער לעבן — אַ בולקע מיט פּוטער!

דער שפּיל איז שוין צו ענדע. עס איז אָפּגיטאָן גיוואָרן אַ גיגאַנטישע אַרביט אַן־אַרביט פון דורות. יהודה איז אַפּ־

* ״באַנטשע שווייג״ פון י. ל. פּרץ.

גיווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. מע פאַרלעשט שוין די גלאָווניעס. מע צונעמט די קוימנס, די קולטור־מאָנומענטן פונים נייעם אייראָפּאַ, דער מוסטער בוי פונים ניי־גאָטישן סטיל. מע וואַשט זיך שוין אָפּ די הענט און מע גייט מאַכן אַ ברכה "על כסוי דם", מילא מיט אַש איז דאָך אַ קנאַפּע דאגה ביי אַזעלכע פּינף ליכטיקע קרעמאַטאָריומס.

און די שחיטה איז גיווען כמעט אַ "הומאַניטאַרע":

אַ פּרעכטיקער זומער־טאָג. עס פאָרט אַ צוג "אויסגיזידלטע". פּי וואַגאָנען. די פענצטערלעך מיט שטעכל־דראָט פאַרקלאַפּט. אָף יעדן טרעפּל אַ סאָלדאַט אין פולער באַוואָפּנונג. דורכן פאַרקראַטיוויטן פענצטערל קוקט אַרויס אַ קינד. אַ ליכטיק פנימל, קלאָרע תמימותדיקע אויגן, דער בליק אַזוי נייגעריק און דרייסט. עס אַנט קיין שלעכטס, עס זעט: אַ גרויס, ברייט־צועפנט קאָלירט בילדער־בוך: פעלדער און לאָנקעס, פאַרביקע — פאָרן... וועלדער און סעדער, הייזער און בוימער, רוקן זיך, קרייזן אַרום אין אַ האַלב־ראָד און פאַרשוואונדן... פאַרבן גיסן זיך צוזאַמין אין איין שטיק, און דאָס שטיק דרייט זיך אַ ווײַלע, און באַלד גייט עס פאַרלוירן פאַרן אויג... מענטשן און פערד, קליינטשיקע ווי לעבידיק שפּילצייג, באַוועגן זיך, גייען און שטייען דאָך אַף איין פּונקט, נאָר דער פּונקט זעלבסט פאָרט אויך... — וואו פאָרט דאָס אַלעס???...

פלוצים לויפט אָן מיט רעש און אימפּעט אַ צוג ווי אַ שוואַרצער טייוול, ער פאַרשטעלט די פּאַנאָראַמע, פאַרלעשט די זון און מאַכט אָפּ אַ שטיקענדן רויך... די וואַגאָנין לויפן, איינער וויל כאַפּן דעם אַנדערן... דורכן פענצטער קוקן אַרויס מענטשן אין מונדורן, אַזעלכע משונהדיקע, שוואַרצע, אין רויך איינגיהילטע, קוקן אויס עפּיס, ווי נישט־גוטע... אַך, דער רויך... ער פאַרשטעלט אויך דאָס אפילו... ענדלעך — דער צוג איז דורך און ווידער ס'זעלבע בילד: פעלדער און וועלדער, לאָנקעס און גערטנער, בערג און טאָלן, פליסן זיך אַזוי רואיק און גימיטלעך, רוקן זיך אַף אַ ריזיקער טאַשמע, גייען פאַרביי און פאַרשוואונדן ערגיץ אין דער ווייט... הייזלעך און פּאַרקנס, בוימער און טעלעגראַפן־קלעצער שוואַרמין ווי דורך אַ גרויס גיוויסער אַוועק גישלעפּט. אַלץ גייט, אַלץ בעוועגט זיך, אַלץ לעבט, אַזוי מאָדנע ווי אין די מעשהלעך וואָס די מאַמע דערציילט... וואוהין גייט דאָס אַלץ?...

אינווייניק זיצט די מוטער. דער קאָפּ צווישן די הענט. ס'גיזיכט פינצטער. ס'האַרץ קלאַפּט עפּיס אַזוי מאָדנע. פאַר די איגן לויפן פאַרביי בילדער פונים גאַנצן לעבן: קינדהייט, יוגנט, ס'קורצע פאַמיליען־גליק: היים, מאַן, קינד, עלטערן־הויז, ס'שטעטל, פעלדער, וועלדער, גערטנער, אַלץ לויפט, מישט זיך דאָרט ווי קאָרטן, איין בילד טרייבט ס'אַנדערע, און אַף דעם אַלים אַ שוואַרצער פלעק: די הפקר־גילאָזענע חרובע וואוינונג, די צישטערטע פאַמיליען נעסט: ציפּראַלטע טירן און פענצטער, אויפגיריסענע שענק, צובראָכן גישיר, אָנגיוואָרפינע צוטרעטינע מלבושים, דאָס אַלץ גילאָזן אונטער זיך און יעצט: געוואַלט, וואו פאָרט מין?!...

דער צוג גייט פעמעליך ווי אַ לויה־צוג. ווי ער וואָלט וועלן די קרבנות זייער לעצטן כבוד אָפּגעבן. אין צען מינוט גייט ער שוין צוריק אַ ליידיקער. דער יידישער פלוטאָקראַט און באָלשעוויסטישער ייד, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן די אַרישע וועלט צו פאַרניכטן איז שוין אַף אייביק אונשעדליך. די אויפלאָדונגס־קאָמאַנדאָ פּאַקט שוין די נאָך־וואַרימע קליידער אַף די אויטאָס, לאוס! לאוס! דאָרט אין יעקע־לאַנד איז אַף דער באַשטעלונג פון דער מלוכה אַ ייִנג קין'דל גיבוירן גיוואָרן, די רייכס־קאַסע צאָלט פּרעמיען מלאָכה־געלט, קרופּ האָט שוין פאַר אים אַ ביקסל גרייט. פאַר אים פירט מין דאָס אברהמלעס ווייסע, דורך ציטריקע מאַמע־האַנט אויסגיהאָפּטיגע, העמדלעך.

און די וועלט? די וועלט טוט מסתמא אַלעס וואָס זי קען. מע אינטערפעלירט און מע פּראָטעסטירט, מע רופט צונויף קאָמיטעטן פון 5, 13 און 18, דער רויטער קרייץ קלאַפּט מיט די "צדקה תציל ממות" פּושקע, די פּרעסע און ראַדיאָ מאַכן הספדים, דער ערצבישאָף פון קענטערבורי מאַכט אַנ׳„אל מלא רחמים", אין קלויסטערס זאָגט מען "קדיש" און די וועלט בעלי־בתימלעך טרינקין "לחיים" און וואונטשן זיך "מזל־טוב", די נשמות זאָלן האָבן אַנ'עליה און מיר אַ ישועה.

☆

דער שטריק איז פאַרוואָרפן אויפן האַלדז. דער תליון איז גרויסמוטיק. ער האָט צייט. ער שפּילט זיך מיטן קרבן. ער טרונקט דערווייל אַ קופלע ביר, פאַרויכערט אַ ציגאַרעט, און שמייכלט אַ צופרידינער. לאָמיר אויסנוצן דעם מאָמענט, ווען דער הענקער איז מיטן זויפן פאַרנומין, די תליה וועלן מיר אַלס שרייב־טיש באַנוצן, און אויפצייכנין וואָס מיר האָבן צו זאָגן און דערציילן.

אַלזאָ חברים, שרייבט, צייכנט קורץ און שאַרף, קורץ ווי די טעג וואָס זענין אונדז נאָך גיבליבן צום לעבן און שאַרף ווי די מעסערס וואָס ווערן אין אונדזערע הערצער גיצילט. זאָלן בלייבן אַ פּאָר בלעטלעך פאַרן "ייוו"אָ", פאַרן יידישן וויטאָגס־אַרכיוו, זאָלן עס אונדזערע ביים לעבן גיבליבענע, פרייע ברידער, לייענין און אפשר וועלן זיי דערפון אויך עפּיס לערנען.

און מיר בעטן ביים גורל:

יהי רצון מלפניך, א י נ ו שומע קול בכיות, טו אונדז כאָטש דאָס — שתשים דמעותינו בנאדך להיות — באַהאַלט די בלעטלעך פון טרערן אינים לאָגל פון זיין, זאָלן זיי קומין אין ריכטיקע הענט און גיפינין זייער תיקון.

ק. ל. אוישוויטץ, דעם 3 טן יאַנואַר 1945

(געדרוקט אין עברית אין בוך "אנשים ואפר — ספר אוישוויץ־בירקנאו" פון דעם שואה פאָרשער פּראָפ' י. גוטמן. פראַגמענטן פון דער איינלייטונג, זענען ציטירט געוואָרן, דורך דעם בילדונגס און קולטור מיניסטער פּראָפ' בן־ציון די־נור ז"ל בעתן ברענגען דאָס געזעץ "זכרון השואה והגבורה — יד ושם" — צו דער באַשטעטיקונג פון דער כנסת. דער רעפעראַט פון פּראָפ. דינור און די פראַגמענטן ווערן געברענגט אין שול־בוך "אלומות" פון אַכטן לערן יאָר, אויסגאַבע "מסילות").

יזכור

שטיל אהן רעש האָט זיך אונדזער שטעטל געלעבט
אַלץ איז זיך געפלאָסן לויט דעם אלטן אמאָליקן שטייגער;
געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט איז די ברונע,
און דאָס ראטהויז מיט דעם גרויסן זייגער.

קליינע יידישע הייזלעך צושפרייט אַרום
אין אַלע געסלעך, איינס נידריקער, איינס העכער,
טייל שיינע און גלייכע, טייל שוין אַביסל קרום,
באדעקט מיט בלעכערנע און שינדלענע דעכער.

מען האָט אויף די "פאטשיינעס" זיך גוט געפילט
נישט געוואוסט פון אלעען און בולוואַרן שיין,
חדר יונגלעך האָבן אונטערן באַרג זיך געשפילט,
עלטערן האָבן נישט געזאָרגט ביי זייער שטראָז אריבערגיין.

דאָס בעדל־וואַסער — פון שעכט־הויז נישט ווייט,
דאָרט האָבן די יונגלעך קיין באַד־קאָסטיום נישט געדאַרפן;
מלחמות געפירט מיט די שקצים פון דער אַנדערע זייט,
און מיט שטיינער זיך באַוואָרפן.

אויפן באַרג איז ס'בית מדרש הייליק געשטאַנען,
וואו חסידישע בחורים האָבן זייער יוגנט פאַרבראַכט.
צוויי מאָל אין מעת לעת האָט מען דאָרט געדאַוונט.
און מען פלעגט לערנען ביז שפעט אין דער נאַכט.

שלמה דעם רבס, פאַרטיפט אין דעם "יורה דעה"
אָדער נאָכגעקוקט אין פאַרשידענע ספרים מיט גרויס דביקות,
תמיד ערנסט, פארחלומט, אין מויל געהאַלטן אַ פיאה
און געזוכט צו פאַרענטפערן זיינע ספיקות.

ביים בית מדרש — ס'טשארטקאווער קלייזל,
גערופן האָט מען עס "קלייזל", ווייל ס'איז געווען קליין,
דאָך האָט יעדער געהאַט דאָרט זיין אייגענע "שטאָט",
ס'האָט בלויז געפעלט פלאַץ, ביים דאווענען אַרויף און אַראָפּ צוגיין.

דערנעבן — אויך די "חברה לינה" קלויז
וועלכע איז מיר טיף איינגעקריצט אין זכרון
אויך ווייל זי איז געשטאַנען ביי אונדזער הויז
און אויך ווייל עס האָט זי געבויט מיין זיידע, אָרן.

די נאַכט איז נאָך געווען אויף די דעכער אויסגעשפרייט
ס'האָט קוים אָנגעהויבן אויפן הימל טאָגן;
יידן זענען שוין אויפגעשטאַנען, צו עבודת הבורא גרייט,
און גענומען צו "שחרית" זיך יאָגן.

קינדער האָבן מיט נעגל וואַסער די פינגער אָנגעגאָסן,
און מאַמעס האָבן פרום מיט זיי "מודה אני" זאָגן גענומען.
ראלעטן פון די געוועלבער זענען געוואָרן אַרויפגערוקט,
און טאַטעס זענען פון דאווענען צוריקגעקומען.

קינדער זענען אין די "חדרים" און "שקאלעס" געגאַנגען,
ס'האָבן זיך געאיילט צו די ארבעט — בעלי מלאכות.
גמרא־בחורים האָבן אין בית מדרש לערנען אָנגעפאַנגען,
און די טאַטעס האָבן זיך גענומען צו זייערע פרנסות.

אַזוי האָט יעדער געשלעפּט זיין שווערן וואָגן,
טאָג איין, טאָג אויס — ס'גאַנצע לעבן;
צומאָל פלעגט מען זיך אַביסל אויפן גורל באַקלאָגן,
און "נישט זינדיקן מיט די רייד", גלייך צוגעגעבן.

אויף איינמאָל איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די גאָלדענע קייט
פאַרשניטן דאָס אלץ און אַוועק מיטן ווינט;
אַ פארלאָזט ברידער־קבר אויף פרעמדער ערד שטייט,
וואו עס ליגן צוזאַמען אַלט און קינד.

יזכור! לאָמיר געדענקען די יסורים און לייד
וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען אין זייערע לעצטע טעג,
ווען זיי האָבן לעבעדיקערהייט זיך אַליין באַגלייט
צום טראַגישן טויט און צום לעצטן וועג.

יזכור! דעם טויט שרעק אין זייערע אויגן,
געגאַרט אויף הילף וואָס איז נישט געקומען
ביז די בעסטיאַלישע רוצחים האָבן
מיט ווילדע אכזריות זייער לעבן צוגענומען.

יזכור! מיט געבויגענע קעפּ דערמאָנען זיי
און יעדער פון אונדז זאָל אויף זיין נוסח "קדיש" זאָגן,
און זייער הארצרייסענדן ווי געשריי
אונדזער גאַנץ לעבן אין הארצן טראָגן.

חיים באנק (פיינגאלד) (ניו־יורק)

ביים פארשוועכטן קבר אין ברעזיוו

אין איינעם אַ זומערדיקן טאָג, דאָס איז געווען אין יוני 1979, לייענדיק די יידישע וואָכן צייטונג, "דער אַלגעמיינער זשורנאַל", האָב איך זיך אַנגעשטויסן אויף אַ מודעה, פון אַ רייזע געזעלשאַפט, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַ רייזע קיין פוילן בכדי צו באַזוכן די הייליקע קברים פון חסידישע רביים. עס זענען אויסגערעכנט געוואָרן די נעמען פון די שטעטלעך אין גאַליציע ווי סאַנץ, באָבעוו, רימאַנאוו דינאוו, לאַנצוט ליזשענסק א. א.

מיך האָט נישט געלאָזט רוען דער געדאַנק פאַרוואָס בלויז אַ טור צו די קברים פון די רביים, וועלכע זענען דאָך פאַרט נפטר געוואָרן אויף אַ נאַטירליכן אופן — פאַרוואָס נישט באַזוכן די מאַסן־קברים פון אונדזערע קדושים וועלכע זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען מיט אַלע מיתות משונות דורך די דייטשע מערדער.

כ'האָב באַשלאָסן, אַז אויב איך בין נישט בכוח צו זיין, אויף אַלע מאַסן קברים, וועל איך כאָטש גיין אויף דעם ברידער־קבר פון מיינע שוועסטער און ברידער, די קדושים פון מיין געבורט שטעטל, ברעזיוו.

אַלע מיינע גוטע פריינט און באַקאַנטע, ווי אויך די משפחה האָבן מיך געוואָרנט נישט אונטערצונעמען אַזאַ ריזיקאַלישע רייזע. די באַהויפּטונג איז געווען, אַז אפילו היינט צו טאָג איז דאָס לעבן פון אַ ייד אין פוילן נישט זיכער.

כ'האָב באַשלאָסן טראָץ אַלעם אונטערצונעמען די רייזע.

צו זיין זיכער מיט זיך אַליין און נישט לאָזן מיינע נאָנטסטע נאָכצוקלערן, האָב איך מיטגענומען מיין זון דב־ברונו, אַלס באַגלייטער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרנדיק קיין פוילן האָב איך שוין אין איינוועגס באַזוכט אויך אַנדערע אָרטשאַפטן, אויסער ברעזיוו.

שוין אויפן וועג קיין פוילן האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק אויב איך וועל פיזיש און גייסטיק זיין גענוג שטאַרק, צו קאָנען באַזוכן מיין שטעטל ברעזיוו וואָס איז איצט פאַר אונדז בלויז אַ בית־הקברות.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם ברעזיוו פון אַמאָל וואו כ'בין געבוירן און אויפגעוואַקסן; מיין משפחה, מיינע מלמדים ביי וועלכע כ'האָב געלערנט, די העברעאישע שול, די פוילישע שול, מיינע חברים, די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס די בתי מדרשים און בכלל די היימישע שטעטלשע יידן מיט וועמען כ'פלעג קומען אין קאָנטאַקט כמעט יעדן טאָג, מיט זיי מיטגעלעבט אין פריידן און ליידן. איצט זענען זיי קדושים און דער גרעסטער טייל פון זיי ליגט אין דעם מאַסן־קבר אין ברעזיווער וואַלד.

דעם ערשטן אָפּשטעל האָבן מיר געמאַכט אין וואַרשע. מיר האָבן באַזוכט "דעם יידיש היסטאָרישן אינסטיטוט", דעם "יידישן קולטור פאַרבאַנד" דעם מאָנומענט פון די יידישע געטאָ קעמפּפער, דעם דענקמאָל פון מרדכי אנילעוויטש הי"ד. אויסער דעם האָבן מיר זיך באַקענט מיט וואַרשע וואָס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן פון די מלחמה חורבות.

פון וואַרשע זענען מיר מיט דער באַן געפאָרן קיין קאַטאָ־וויץ, זיך צו טרעפן מיט ד"ר זעלנפרוינדסביידע טעכטער וועלכע וואוינען דאָרט. מיט זיי האָבן מיר פאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג אין שמועסן און זכרונות פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און פאַרשידענע רירענדיקע ערינערונגען. פון זיי האָב איך אויך באַקומען וויכטיקע אינפאָרמאַציע בנוגע אונדזער באַזוך אין פוילן.

פון קאַטאָוויץ זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין קראָקע, די שטאָט וועלכע איך געדענק נאָך פון אַמאָל. דער צענטער פון דער שטאָט איז געבליבן אַזוי ווי פריער, בלויז געוויסע פאַרשטעט און אונטערשטעטישע גאַסן האָבן געענדערט זייער אויסזען. אין קראָקע, געפינען זיך אייניקע הונדערט יידן אָבער מען זעט זיי נישט אַרויס דאָרט.

מיר האָבן באַזוכט דעם טעמפּל ווי הרב ד"ר יהושע טאָן ז"ל איז געווען גייסטיקער מנהיג; פון דאָרט זענען מיר צוגע־גאַנגען צו דער רמ"א שיהל (רבינו משה איסרליש זצ"ל) אין הויף פון דער שיהל געפינט זיך נאָך דער בית הקברות וועלכער איז שוין 500 יאָר אַלט, אויף די מצבות זענען נאָך דאָ די אויפשריפטן מיט די נעמען פון די צדיקים און גדולי־הדור. די דייטשע רוצחים האָבן דעם בית־הקברות איבער־געלאָזט, דאַגעגן דעם אַלגעמיינעם קראָקאווער בית הקברות אין פּאָדגורזש האָבן זיי צושטערט און פון די מצבות געמאַכט אַ מויער פּאַראַלעל צו דער רמ"א שיהל. פון די מצבות קען מען נאָך היינט אַראָפּלייענען די אויפשריפטן. דאָ האָבן מיר געהאַט דעם זכות צו באַגעגענען צוויי אַלטע יידן, וועלכע קומען פון צייט צו צייט אַ קוק טוען צו דער שיהל.

ביידע שיהלן ד"ר טאָנס טעמפּל און די רמ"א שיהל, זענען שטאַרק אָפּגעלאָזט און בלויז פרייטיק צונאַכטס קומען זיך צונויף אין יעדער שול בערך אַ מנין יידן.

אין אַ זייטן גאַס, פון מיין האָטעל האָט מיין זון דערזען אַ שילדל מיט אַן־אויפשריפט אין יידיש: "יידישער קולטור פאַרבאַנד קלוב" (?). מיר זענען אַריין אינווייניק און גע־טראָפן אַ פולן זאַל מיט קאָרטן שפּילער. כ'האָב מיך געפרעגט צי עס געפינען זיך דאָ יידן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז בלויז די פרוי אין ביוראָ איז אַ יידישע. מיר זענען אַריין צו דער ביוראָ לייטערן. זי האָט אונדז זייער שיין אויפ־

גענומען, אַרויסגעוויזן פּיל וואַרימקייט, און אויסגעדרוקט באַדויערן אויף די עגזיסטירענדע אומשטענדן. מיר האָבן אויך באַזוכט די פּאַרשטאָט פּלאַשאָוו, ווי עס האָט זיך געפונען אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אין וועלכן מיין ברודער מאיר און אנדערע ברזשיווער יוגנטליכע האָבן געטון שקלאַפן ארבעט. כ׳האָב אויך נישט פאַרגעסן צו באַזוכן דאָס ארטשאַפט קאָביע־זשין וואו איך בין געווען אינטערנירט אַלס קריגס־געפאַנ־גענער, במשך 6 וואָכן.

אַלע גאַסן אין קראָקע וואו ס׳פלעגן זיין קאָנצענטרירט פּיל יידישע איינוואוינער און איבערהויפּט דער אַזוי גערו־פענער ״קוזמאַרק״ מיט די אַרומיקע גאַסן אין וועלכע ס׳האָט אַמאָל פּולסירט ס׳יידישע לעבן, ס׳האָט געווימלט מיט יידישן האַנדל און קאָמערס — דאָס אַלץ געהערט שוין צו דער פאַר־גאַנגענהייט. יעצט איז אַלץ פאַרנומען דורך אַנדערע, די יורשים פון יידישן האָב און גוטס, אָבער ביי זיי איז אַלץ איינגעשלאָפן. נישטאָ מער די דינאַמיק, דער אימפּעט, דער אונטערנעמונגס־גייסט און איניציאַטיוו ווי עס איז געווען ביי יידן. קראָקע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוועגליכע פּראָווינץ שטאָט. אַזוי האָט זי אויסגעזען אין מיינע אויגן.

אין קראָקע האָב איך געדונגען אַ טעקסי און בין מיט מיין זון גאַנץ פרי אַרויסגעפאָרן קיין אוישפּיצין־אוישוויץ, דער פאַרניכטונגס לאַגער פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום.

צו שילדערן דעם געמיט צושטאַנד ווען מען באַזוכט אַזאַ דייטשע ״קולטור אינסטיטוציע״, איז נישט אויף מיינע כוחות. כ׳מיין אַז ווערטער קענען עס נישט אויסדרוקן.

דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן געזען אין אוישוויץ איז געווען דער טויער, דורך וועלכן עס זענען אַריינגעפאָרן די וואַגאָנען מיט די אומגליקליכע יידישע קרבנות, מענער, פרויען און קינדער. באַזונדערס האָט שאָקירט די ציניש אויפשריפט: ״אַרבייט מאַכט פריי״. שוין איינמאָל פריי...

מען האָט אונדז געוויזן אַ פילם וועגן דער באַפרייאונג פונעם לאַגער דורך דער סאָוויעטישער ארמע. מיר האָבן געזען די באַפרייטע מענטשליכע שקעלעטן, וואָס אפילו אַ בלינדער האָט געקענט זען אַז דאָס זענען יידישע קרבנות, אָבער אין דעם דאָזיקן פילם האָט זיך גערעט וועגן פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן דערינטער ״אויך״ יידן.

מיר האָבן באַזוכט אַלע ״איינריכטונגען״ וואָס די דייטשן האָבן אויפגעבויט אין אוישוויץ, די גאַז קאַמערן, די קרעמאַ־טאָריומס, די געלייזן אויף וועלכע ס׳פלעגן אָנקומען די באַנען מיט די קרבנות, די באַראַקן, די באַראַקן וואו ס׳זענען געווען קאָנצענטרירט די א.ג. ״העפטלינגע״ די שטראָף קאַמערן אין וועלכע מען פלעגט פייניגן די אומגליקליכע ״פאַרזינ־דיקטע״, דעם אַפּעל־פּלאַץ וואו די קרבנות האָבן זיך געמוזט שטעלן לויטן באַפעל פון די רוצחים. אַ זער דערדריקענדן איינדרוק האָבן געמאַכט די אנגעזאַמלטע בערג מיט פרויען־האָר, קינדער שיכלעך און וואַליזעס אויף וועלכע עס זענען נאָך געווען די אַדרעסן און נעמען פון די אומגליקליכע אייגנטימער.

איך אַליין האָב אָפּגעציילט איבער 200 יידישע נעמען. אַזוי האָבן זיך דאָרט געפונען יידישע נעמען און אַדרעסן פון גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע, אונגארן, דייטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואקיי, איטאַליע, האָלאַנד, פראַנקרייך. מיר האָבן אויך באַזוכט דעם באַראַק וואו עס געפינט זיך יעצט דער ״יידישער מוזעאום״, אָבער דאָרט געפינען זיך גאַנץ ווייניק יידישע עקספּאָנאַטן און איז זייער ווייניק באַזוכט דורך די טוריסטן. אויף מיין פראַגע צו דער באַאַמטין פאַרוואָס די גרופּן פירער, מיידן אויס דאָס יידישע מוזעאום, האָט זי מיר געענטפערט, דאָס אויב די טוריסטן פאַרלאַנגען עס פון די וועג־ווייזער, ווערן זיי אַהינגעפירט. אויף מיין צווייטע פראַגע צי אַ באַזוך אין די אַנדערע פלעצער ווערט געמאַכט לויט דעם פאַרלאַנג פון די טוריסטן, האָב איך באַקומען פאָלגענדן ענטפער: ״איך בין נאָר אַ באַאַמטין און בין נישט אימשטאַנד צו ענטפערן אויף אייער פראַגע״...

מיט אַ ציטער אין הארצן זענען מיר צוגעפאָרן צום דער־בייאיקן לאַגער בזשעזשינקי־בירקענוי צו דער פרויען אָפּ־טיילונג, וואו ס׳זענען אין שרעקליכע באַדינגונגען געווען פאַרשקלאַפט יידישע פרויען. ס׳איז שווער צו איבערשרייבן וואָס די דאָזיקע פרויען האָבן מיטגעמאַכט און וואָס פאַרע שווערע אַרבייטן זיי האָבן געמוזט מאַכן אונטער דער דייטשער בייטש און רעוואָלווער, און זייער אויסלייזונג איז געקומען אין די גאַז קאַמערן און קרעמאַטאָריומס.

מיר זענען נאָך אַריינגעפאָרן אין שטעטל אשפּיצין, וואָס



דער מאַסן קבר פון די ברזשיווער יידן אין וואַלד

איז אַמאָל געווען אַ טיפּיש יידיש שטעטל און יעצט איז מער דאָרט קיין ייד נישט דאָ.

מיט אַ שווער געמיט און אַ צובראָכן האַרץ זענען מיר צוריק קיין קראקע. נאָך צוויי טעג האָבן מיר זיך געלאָזט אויפן וועג צו דעם ציל פון אונדזער באַזוך — ברעזיוו.

מיטן שנעלצוג פון קראקע זענען מיר געפאָרן ביז ריישע און פון דאָרט מיט אַן־אויטאָבוס קיין ברעזיוו. זיצנדיק אין אויטאָבוס האָבן מיך אָנגעהויבן צו פּלאַגן פאַרשידינע געדאַנקען. מיר זענען דורכגעפאָרן די באַקאַנטע דערפער לעבן ברעזיוו ווי בליזנע און סטארי־וויעש. זייענדיק שוין לעבן דעם קריסטליכן צמענטער האָט מען שוין געקענט באַמערקן געוויסע ענדערונגען אין שטעטל.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין סטאַציע וואָס געפינט זיך ביי דעם אונטערן טייל פונים געריכט קעגן איבער דעם קליינעם פּאַרק. נאָכן אויסשטייגן זענען מיר צוגעגאַנגען צום האָטעל וועלכער געפינט זיך אויפן פּלאַץ פון ד״ר פילשאַקס הויז, נעבן די דראגעריע פון מענדל טרינטשער הי״ד. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אַ בליק אויף דעם שטעטל מיט זיינע פאַרענדערונגען. פון די פאַרבייגייענדיקע פּאָלאקן האָט מיך קיינער נישט דערקענט.

מיר זענען געגאַנגען מיטן טראַטואר ביי דעם געריכט און קירכע און שוין דאָ האָבן זיך געמערקט ענדערונגען. אייניקע יידישע הייזקעס קעגנאיבער די קירכע ווי די הייזקע פון הערשאלע ראטץ ז״ל, די הייזקע פון צביה פייט־לערנער צו לאַנגע יאָרן — עגזיסטירן נישט מער. זאגאר דאָס הויז פון פוילישן אַפּטייקער ד״ר זאכאַרסקי, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ, איז אויך געוואָרן אָפּגעווישט.

אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך „געזען״ ווי ר׳ יעקב יואל וואלקער הי״ד, מיטן תפילין זאק אונטערן אָרעם איילט זיך אין בית מדרש אַריין צו מנין... באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס זענען בלויז האַלוצינאַציעס, ווייל ר׳ יעקב יואל געפינט זיך אין ברידער קבר און דאָס בית מדרש איז צושטערט ביזן גרונט.

גייענדיק נעענטער צום רינק האָבן זיך נאָך אַרויסגעזען אייניקע פאַרבליבענע יידישע הייזער ווי דאָס הויז פון ר׳ חיים יעקב כץ ז״ל, פון ר׳ בן ציון לויפער הי״ד, פון ר׳ קלמן וואלף רייך הי״ד. אַ קעגנאיבער דאָס הויז פון ר׳ חיים זיילער הי״ד, פון ר׳ אברהמלע קארנפעלד הי״ד פון סימע קופּליק הי״ד פון מענדל פילער ז״ל (געשטאָרבן אין מעקסיקא) דאָס הויז פון זיין ברודער גדליה פילער הי״ד, די הייזער פון די לויפער פאמיליע, פון ר׳ דוד יונה מאַרקל ז״ל און ר׳ יוסף פענער ז״ל, אַלץ גרויסע שטאקיגע ציגעל הייזער. די אַלע אַנדערע יידישע הייזער זענען צושטערט געוואָרן און אויף זייער אָרט געפינען זיך יעצט נייע וואנונגס בלאקן מיט קריסטליכע איינוואוינער.

די דירה וואו מיר האָבן געוואוינט איז היינט פאַרנומען דורך דער טאָכטער פון הויז אייגנטימער — ריכליק.

דערוויל האָב איך אויסגעמיטן אריינצוגיין אין אונדזער אַלטער דירה און האָב באַשלאָסן דורכצושפּרייזן ס׳שטעטל כדי מעגליך אויסצוגעפינען מער איינצלהייטן וועגן די לעצטע מינוטן פון אונדזערע נאנטע.

דאָס וועטער איז גראד נישט געווען גינסטיק און ס׳איז שווער געווען אויפצונעמען מיטן פאטא־אַפּאראַט פון צייט צו צייט פלעגט זיך די זון ארויסגנבענען פון צווישן די וואלקנס און מיר האָבן עס אויסגענוצט אויפצוכאַפּן אייניקע בילדער. ביים ענד פון רינק נעבן הויז וואו ס׳האָט זיך געפונען די קאַנצליי פון ד״ר שמואל זעלנפרוינד ז״ל, זענען געשטאַנען אַ גרופּע פּאלאקן און איינער פון זיי האָט זיך דערנענטערט צו מיר און געזאָגט אַז ער דערקענט מיך, אָבער ער קען זיך נישט דערמאַנען מיין נאָמען. ווען ה׳האָב אים געוויזן אויף דער ריכטונג וואו ס׳איז געווען אונדזער געשעפט, האָט ער אויסגערופן: דו ביסט „פּאַן חיים״! זיין נאָמען איז אנטאָן, און זיין פאָטער האָט אַמאָל געברענט ציגל אין דער ציגעליי פון ר׳ בן־ציון טראכמאַן הי״ד. באַלד זענען צוגעקומען אַנדערע ברעזיווער פּאלאַקן און זיך באַטייליקט אין שמועס. איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט אַז ער איז 92 יאָר אַלט און געפרעגט צי איך געדענק אים? ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען מיין לערער פון דער עלעמענטאַר־שול — ניזיאלעק. לאַנג פארברענגען מיט זיי איז געווען זינלאז. כ׳האָב זיך געלאָזט צו דער וואוינונג פון פרוי קוז׳יא, וועלכע קען פארעכנט ווערן צווישן די חסידי אומות העולם. די דאָזיקע איידעלע פרוי האָט איינגעשטעלט איר לעבן, און פלעגט טראָגן עסן פאַר עטליכע יידישע מיידלעך וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין ברעזיווער וואַלד ביז זיי זענען ענטדעקט געוואָרן פון פּוילישע מוסרים.

די פרוי איז בעת אונדזער באַזוך אַלט געווען 87 יאָר און געוואוינט צוזאַמען מיט איר טאָכטער. די אויפנאַמע ביי די דאָזיקע פרויען איז געווען אַ רירענדע און עס זענען פארגאָסן געוואָרן פיל טרערן דאביי. פון זיי האָב איך באַקומען פאַרשידענע ידיעות וואָס האָבן אַ שייכות מיט די לעצטע טעג פון די ברעזיווער יידן און אויך וועגן דער שענדליכער אויפירונג פון טייל ברעזיווער פּאלאקן.

אַזוי למשל, האָבן מיר געהערט פון דעם באַקאַנטן ד״ר שובאַ, וועלכער איז גערופן געוואָרן צו אונטערזוכן אין באַהעלטעניש ביי פרוי גורגאַטש די קראַנקע פרוי, העניע כץ הי״ד, די אלמנה פון ר׳ חיים יעקב כץ ז״ל, וועלכע האָט זיך געגוויטיקט אין מעדיצינישע הילף. שובא האָט טאַקע פאַרשריבן מעדיצינען פאַר דער קראַנקער פרוי, אָבער גלייכצייטיק האָט ער נישט פאַרגעסן צו מעלדן וועגן איר דער געסטאַפּאָ. דעם נעכסטן טאָג זענען געקומען די פּאליציי און אַוועקגענומען די פרוי כץ מיט איר שנור חיה מארקל און אירע צוויי קינדער. אויך די פּוילישע פרוי גורגאטש איז אַרעסטירט געוואָרן.

מיר האָבן זיך געמוזט צואיילן, ווייל נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַשטימט צו באַזוכן דעם ברידער־קבר אין וואַלד. מיר האָבן געדונגען אַ טעקסי, וועלכע האָט אונדז צוגעפירט צום קבר פון די קדושים. דער צוגאַנג איז געווען אַביסל קאמפּליצירט, ווייל דער פּלאַץ איז פאַרשטעלט בכוונה

און מיר האָבן געמוזט זוכן און צוגיין עטליכע הונדערט מעטער צופוס.

צוקומענדיק צום קבר בין איך געוואָרן דערציטערט פון דעם וואָס האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט: דער קבר איז געוואָרן אין פיל פלעצער אויפגעגראָבן, די מעטאַלענע פּליטע מיט די אויפשריפטן אין פּויליש — אַראָפּגעוואָרפן, און טיילן פון מענטשליכע שאַרבנס אוןביינער זענען געלעגן אויף דער אויבער־פלאַך פון קבר. גאַנצע סקעלעטן האָבן זיך אַרויסגעזען פון די טיפע לעכער אינעם קבר. ווייזט אויס אַז אַ וואַנדאַליסטיש פּוילישע האַנט האָט געזוכט אוצרות ביי די קדושים, נאָך עטליכע דרייסיק יאָר! ס׳איז שווער איבערצוגעבן וואָס איך האָב געפילט אין די מינוטן. מיין זון, אַ באַגאַסינער מיט טרערן האָט באַוויזן אויפצונעמען דאָס שרעקליכע בילד מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט. איך בין געשטאַנען צוחישט, אויפן מאָמענט, ווי אַ שווערער וואָלקן וואָלט פאַרדעקט מיין מוח. אין דער אַרומיקער שטילקייט ווי מען קאָן בלויז הערן דאָס וואַקסן פון גראָז אויפן קבר, האָב איך ווי געהערט דעם שרעקליכן אויסגעשריי: ”פּאַרוואָס?!” פאַרוואָס איז אונדז געקומען אַזאַ שרעקליכער סוף?!

קיין ענטפער האָב איך נישט געהאַט, ווען איך בין צו זיך געקומען האָב איך נאָר געקענט מאַכן אַנ״אל מלא רחמים” און כ׳האָב געבעטן מחילה אין נאָמען פון אַלע לאַנדסלייט און כלל ישראל.

מיט צובראָכענע הערצער און שווערן געמיט האָבן מיר פאַרלאָזט דעם קבר פון די קדושים. כ׳האָב אינטערווענירט ביים ברעזיווער שטאָט־ראט וועגן דעם צושטאַנד פון קבר און דער סעקרעטאַר האָט מיר פאַרשפּראָכן גלייך אַרויסצושיקן אַרבייטער צו באַזייטיקן די וואַנדאַליסטישע פאַרשוועכונגען פון קבר, צוגעבנדיק: מיר זענען פאַראינטערעסירט, אַז דער קבר אין וועלכן עס געפינען זיך איבער 1000 מאַרטירער — מענער, פרויען און קינדער — זאָל בלייבן אַ מצבה צום שאַנד פאַר דעם דייטשן פאָלק וואָס האָט אַראָפּגענידערט צו דער מדרגה פון די ווילדעסטע חיות.

מיר זענען צוגעגאַנגען צום הויז פון אונדזער געוועזענער דינסט, אַניעלאַ רייטער. זי האָט אונדז, צווישן אַנדערע, דערציילט אַז צווישן די פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיזאַנער פון דער ”אַרמיאַ קראַיאָוואַ” האָט זיך געפונען אַ יידישער בחור מיטן נאָמען קלאָוזנער פון דאַמעראַדז און זיינע פּוילישע ”חברים”־פּאַרטיזאַנער האָבן אים ערמאָרדעט איידער די רוסן האָבן אַריינמאַרשירט.

אויך האָב איך זיך דערוואוסט אַז אין טאָג פון דער באַפרייאונג האָט מען געזען דעם אַדוואָקאַט ישראל קופּליק הי״ד און ער איז נעלם געוואָרן און מען ווייסט נישט וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט. שלמה מענער הי״ד, דער זון פון אברהם מאיר מענער, איז געווען באַהאַלטן ביי אַ פּאָלאַק נעבן צמענטער און ער איז שפּורלאָז פאַרשוואונדן און מ׳ווייסט נישט ווי זיין געביין איז אַהינגעקומען.

די פרוי גיטאַלע פאַס הי״ד איז געווען באַהאַלטן ביי דער פּוילישער פאַמיליע באַלעק. זי האָט זיך דערוואוסט אַז איר הייזקע וועט דעם נעכסטן טאָג צושטערט ווערן. ביינאַכט איז זי געגאַנגען צום הויז, וואו זי האָט געהאַט פאַרשטעקט ווערטפולע חפצים. צום אומגליק האָט זי באַמערקט דער פאָלקס־דויטש, קעסטלינג, און ער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די געסטאַפּאָ.

ר׳ הערשאַלע ראט, דער פירער פון ”אגודת ישראל” און באַקאַנטער טשאַרטקאָווער חסיד איז געווען פאַרשטעקט מיט אַ טייל פון זיין משפחה ביים בריוווטרעגער סקאַלסקי וועלכער האָט די גאַנצע משפחה דערמאָרדעט.

פון הויז פון אונדזער דינסט זענען מיר צוגעפאָרן צו דער טאָכטער פון פאַרפאָלק באַרגעל אויף דער באַרקוּבקע. איר מוטער האָט מיר נאָך דער באַפרייאונג אין 1944 געלאָזט וויסן, אַז מיין מאַמע האָט ביי איר איבערגעלאָזט פיל זאַכן און איך קען זיי ביי איר אָפּנעמען. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין דאַמאָלסט נישט געפאָרן צוליב סכנות נפשות. איך האָב געפרעגט די טאָכטער אפשר איז ביי איר פאַרבליבן עפּעס אַ געגנשטאַנד אַלס אנדענקונג. זי האָט זיך געצלמט מיט טרערן אין די אויגן אַז פון איר מוטער איז גאָרנישט פאַרבליבן...

זי האָט מיר דערציילט אַז שוין נאָך די ליקווידאַציע פונעם ברעזיווער יידנטום, זענען אין אַ צובראָכענער הייזקע געווען באַהאַלטן די צוויי שוועסטער בירנבוים מיט זייער ברודער מענדל, די קינדער פון דעם מלמד ר׳ יוסף אהרנס ז״ל. איר מוטער פלעגט באַהאַלטענערהייט אַריינוואַרפן אַ לאַבן ברויט, ביז אַ געוויסן טאָג זענען זיי אויסגעליפערט געוואָרן דורך די פּוילישע מוסרים.

ס׳איז מיר שווער געווען זיך צו דעצידירן צו באַזוכן אונדזער אַלטער דירה, וואָס איז, ווי געזאָגט, געווען פאַרנומען דורך די טאָכטער פונעם הויז בעל־הבית. נישט קוקנדיק אויף די נישט־היימליכע געפילן, האָט דאָך גובר געווען דער שטאַרקער נייגער צו זען און צו זיין אין אונדזער אַלטער דירה וואו מיר האָבן געוואוינט אַזויפיל יאָרן און פון וואַנען מיין טייערע מאַמע, שוועסטער און ברודער זענען געגאַנגען אויף זייער שרעקליכן און טראַגישן אומקום.

מיר זענען צוגעקומען צום הויז. אין דרויסן איז געשטאַנען די יינגערע שוועסטער פון דער לאָקאַטאָרן, איר נאָמען איז וואַנדאַ. מיר האָבן איר ערקלערט אַז מיר זענען אַמאָל געווען איר פאָטערס לאָקאַטאָרן. זי האָט מיך נישט דערקאַנט. זי האָט געמיינט אַז איך בין פון דער משפחה רייך, וועלכע זענען געווען אנדזערע שכנים. ווען כ׳האָב איר ערקלערט אַז איר פאָטער האָט געהאַט נאָך אַ לאָקאַטאָר, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף מיר, און מיט טרערן אין די אויגן געשעפטשעט: דו ביסט דער פאַן חיים, דער זון פון דער ציידעלער פרוי מאַשע!

די טיר האָט זיך געעפנט און די איינוואוינערן מאַריאַ, האָט אונדז אַריינגעבעטן אין דער דירה. נאָך די באַגריסונגען און איינלאַדונגען האָבן מיר זיך צושמועסט.

איך בין אָבער געווען באַהערשט פון אַנדערע געפילן און מיין געמיט איז נישט געווען צו פירן קאָנווערסאַציעס. די גאַסט־געבערן האָט דאָס וואַרשיינלעך באַמערקט און

געזאָגט: איך פֿאַרשטיי דײַנע געפֿילן אין דעם מאָמענט, און כ׳וועל דיך לאָזן מיט זיך אַליין. איך בין אומגעשטערט געגאַנגען פֿון איין צימער צום אַנדערן, אָפּגעשטעלט זיך ביים פֿענצטער מיטן אַרויסבליק צום הויף וואו ס׳האָבן אַמאָל געוואוינט פֿיל יידישע משפּחות, און אין מיין דמיון האָב איך געהערט ווי ר׳ דוד שוחט (לאַמפּין) מיט זיין שטאַרקן באַריטאָן, חזרט איבער פֿאַרשידענע תּפֿילות צו ראש השנה און יום כּיפּור — כ׳האָב אַפֿילו „געהערט" זיין מתיקותדיקן „והביאנו לציון עירך ברינה... ושם"... דאָ האָב איך זיך אויפֿגעוועקט ווי פֿון אַ חלום און פֿאַרשטאַנען אַז עס איז געווען ווי אַ פֿאטא מארגאַנאַ אינם מדבר — ווייל דער הויף איז אָפּגערוימט פֿון די יידישע הייזקעס און ס׳איז נישט געבליבן קיין אָפּצייכן פֿון דעם, אַז דאָ האָבן אַמאָל געלעבט אונדזערע היימישע יידן.

פֿאַרן פֿאַרלאָזן די דירה האָט די גאַסט־געבערן מיר דערלאַנגט אַ מעשינעם לייכטער וואָס איז געווען פֿאַרויכערט און באַקלעבט מיט שטיקלעך חלב פֿון אַ נישט דערברענטן שבת ליכט, ווי אויך אַ חנוכּה־לעמפּל אין וועלכן מיין זיידע ע״ה פֿלעגט צינדן חנוכּה ליכט פֿון וואַטענע פֿלעכטלעך איינגעטונקען אין בוימל.

די בעל הביתטע האָט מיר ערקלערט אַז זי האָט די „מתּנות" געפֿונען אויפֿן בוידים און זי וועט זיך באַמיען צו זוכן אויך אַנדערע געגנשטאנדן וואָס האָבן אַ סענטימענטאַלן ווערט פֿאַר מיר. מיר האָבן זיך געזעגנט און פֿאַרשפּראָכן צו זיין אין קאָנטאַקט.

מיר זענען אַרויס נאָכאַמאָל איבערן שטעטל צו ערגענצן דאָס בילד מיט די ענדערונגען וואָס זענען דורכגעפֿירט געוואָרן זייט דער פֿאַרניכטונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

ס׳איז מיר געלונגען פֿעסטשטעלן פֿאָלגענדעס:ביידע יידישע בתּי קבֿרות, סיי דער אַלטער בית עולם אין וואַלד, ווי אויך דער נייער בית הקבֿרות, וועלכער איז געווען אין באַנוץ ביז צו דער שואה — עגזיסטירן נישט מער.

דאָס בית מדרש און די 4 אַנדערע בתּי תּפֿילה ווי די קלויז „לינת הצדק", די „טשאָרטקאָווער קלויז", די „ביאַנער קלויז" און די „סאַדיגערער קלויז" — זענען אַלע אָפּגעווישט געוואָרן.

דאָרט ווי ס׳איז געווען די „סאַדיגורער קלויז" ווי אויך די הייזקעס פֿון ר׳ גרשון שפּינדלער הי״ד און ר׳ דוד ראט הי״ד דער א. ג. „באָריסלעווער מלמד" — אויף דעם אָרט פֿון די דערמאַנטע בנינים געפֿינט זיך היינט אַ שוך פֿאַבריק.

די הייזקעס פֿון ר׳ דוד בעזים הי״ד, די הייזקע פֿון די ברידער חיים שמואל און אלימלך שערץ, אויך די הייזקע פֿון ר׳ יאסאַלע מאַן הי״ד (איינער פֿון די ערשטע קרבנות פֿון ברעזיוו) — זענען אַלע געבליבן גאַנץ.

מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז דער זאַמל־פּונקט פֿון די קרבנות איז געווען אויף דעם פּלאַץ וואָס רופֿט זיך „רענדזינעס". פֿון דאָרט איז איין טייל געשיקט געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע אין רימאַנאָוו, וואו זיי זענען אין לאַסט וואַגאָנען געפֿירט געוואָרן צו זייער לעצטן וועג — צום טויטן לאַגער בעלזשעץ.

די זקנים און פֿרויען מיט קינדער זענען מיט אויטאָס געפֿירט געוואָרן אין וואַלד, וואו ס׳איז געווען צוגעגרייט אַ גרויסער גרוב און דאָרט האָבן זיי מיט ביטערע יסורים אויסגעהויכט זייערע נשמות.

מיר זענען אויך געוואויר געוואָרן אַז שוין נאָך דער באַפֿרייאונג איז אויף דער באַן־סטאַציע אין רימאַנאָוו ערמאָרדעט געוואָרן יאסקע טאַג הי״ד, דער זון פֿון צדוק טאַג — דורך די ברידער פּאָלאַנסקי פֿון בזשאַנקי, וועלכע האָבן פֿאַרן קריג געפֿירט פּאַסאַזשירן מיט זייער אויטאָ, קיין רימאַנאָוו. דער קדוש ר׳ מלך הערצליך הי״ד איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיין שכן מיכאל יאיקאַ, וועלכער האָט אים כּלומרשט אויסבאַהאַלטן, און אַזוי אַרום געירשנט זיין פֿאַרמעגן.

מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן נעמען פֿון פֿאַרשידענע פּוילישע מוסרים, וועלכע האָבן אויסגעליפֿערט באַהאַלטענע יידן אין די הענט פֿון געסטאַפּאָ. די מיינסטנס פֿון זיי זענען אַנטלאָפֿן מיט די דייטשן.

כ׳האָב נאָך געוואָלט באַזוכן די פֿרוי זאַכאַרסקאַ, די אלמנה פֿון אַפּטייקער ד״ר זאַכאַרסקי וועלכער איז, ווי דערמאַנט דערשאָסן געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ. נאָך מיין באַפֿרייאונג אין יאָר 1944 האָט די פֿרוי זאַכאַרסקי מיר געשריבן אַ בריוו, פֿאַרלייגנדיק מיר פֿינאַנציעלע הילף אין יעדער מאָס, כּדי מיר צו ערמעגליכן זיך צוריקצושטעלן אויף די פֿיס. כ׳האָב דעמלט נישט געקענט געניסן פֿון איר אָפּפֿערווילקייט צוליב מיין פֿאַרלאָזן פּוילן. ס׳איז מיר אָבער נישט מעגליך געווען זי פּערזענליך צו טרעפֿן ווייל ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן געפֿינט זיך די פֿרוי זאַכאַרסקי היינט צו טאָג אין יאַראָסלאַוו.

דער מוזעאום וועלכער געפֿינט זיך אין ראטהויז און אין וועלכן עס זאָלן זיך געפֿינען אויך יידישע עקספּאָנאַטן — איז צום באַדויערן געווען געשלאָסן בעת מיין זיין דאָרט.

ס׳איז געקומען דער מאָמענט ווען מיר האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן ס׳שטעטל און דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מין „ויחד יתרו": פֿון איין זייט וואָלט זיך געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפֿן פֿון דעם געשפּענסט, וואָס הייסט היינט בזשאָזאָוו, אָבער פֿון דער צווייטער זייט איז זיך שווער אָפּצורייסן פֿון דעם אָרטשאַפֿט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַזויפֿיל ערינערונגען און געפֿילן.

דו שטייסט אין צענטער פֿון שטעטל און דיין דמיון איז פֿול מיט חלומות, עס דאַכט זיך דיר, אַז דו זעסט נאָך דיינע יידן מיט זייערע טאָג־טעגליכע זאָרגן, מיט זייער פֿרייד און צער. דו זעסט די הייליקע נשמות פֿון די אומגעקומענע און דיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַרויס פֿון דעם ברידער־קבֿר אין וואַלד כּדי זיך צו געזעגענען מיט דיר, מיט אַלע לאַנדסלייט און כּלל ישׂראל. מען קען אויסדריקן דעם וואונטש, אַז מיר זאָלן מער נישט אויסגעשטעלט זיין אויף אַזעלכע פּייניקלעכע מאָמענטן.

מיט אַן־אויטאָבוס וואָס האָט אונדז געפֿירט קיין פּשעמישל האָבן מיר פֿאַרלאָזט ברעזיוו און אויפֿן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ האַלבער שעה אין דינאָוו. אין דער

קורצער צייט האָב איך נאָך געכאַפּט אַ בליק אויפן שטעטל. איך האָב באַמערקט גאַנץ קליינע ענדערונגען געוויסע הייזער און געשעפטן וועלכע האָבן אַמאָל באַלאַנגט צו יידן געפינען זיך אויפן פּלאַץ.

כ'האָב דאָרט געהערט וועגן אַ יידישן העלד און קדוש מיטן נאָמען האך (דעם ערשטן נאָמען געדענק איך נישט). בשעת די אַקציע קעגן די יידן אין דינאוו האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַ געסטאַפּאָ באַנדיט און אים געהרגעט. ער איז אומגעקומען אויפן אָרט, דורכגעלעכערט מיט די קוילן פון מאַשין געווער.

אין פשעמישל זענען מיר אוועק צום אָרט וואו עס איז געווען דאָס געטאָ. אויך דאָ האָבן מיך בעגלייט מיינע פּערזענליכע טרויעריקע איבערלעבענישן פון דער צייט ווען איך האָב דאָרט געשמאכטעט. נישט ווייט פון דאָרט האָבן מיר באַזוכט די הייזקע, וואו מיר זענען געווען פאַרשטעקט ביי אַן־אוקראַאינער, נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ. מיר זענען געווען אין דעם דאָזיקן באַהעלטעניש 16 יידן, מענער און פרויען, דערונטער מיין זון, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען 4 יאָר און איז געווען דאָרט ס'אייינציקע קינד. אויסער דעם זענען מיר געגאַנגען זען די גאַסן, וואו מיר האָבן געוואוינט און וואו ס'האָבן געוואוינט מיינע שוויגער־עלטערן, ר' אברהם און צפורה שפּערלינג הי"ד.

פון פשעמישל זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. דורכפאָרנדיק קיעלץ האָט דאָס בלוט אין מיר אויפגעברויזט, דערמאנענדיק זיך אין שרעקליכן פּאָגראָם וואָס די פּאָליאַקן האָבן דורכגעפירט אין 1946 איבער שוצלאָזע יידן — 42 נפשות, וועלכע ס'איז געלונגען צו ראטעווען זיך פון די דייטשע רוצחים און זיי זענען געפאַלן פון די הענט פון פוילישע רוצחים — אונדזערע אַמאָליקע מיטבירגער, וואָס האָבן פארטגעזעצט די נאַציס מלאכה.

נישט ווייט פון וואַרשע זענען מיר דורכגעפאָרן דאָס שטעטל גער, וואו ס'האָט אַמאָל געברויזט מיט יידיש לעבן, מיט חסידות און יראת שמיים. דאָ איז געווען דער צענטער פון גערער הויף וועמענס חסידים האָבן זיך געציילט אין די צענער טויזנטער און אפשר אויך אין הונדערטער טויזנטער. דו דערמאנט זיך אַז ערשט נישט לאַנג צוריק האָבן אין דער דאָזיקער מדינה געלעבט איבער דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער צאָל פון אייניקע טויזנט אַלטע קראַנקע צובראָכענע מענטשן וואָס זענען פאַרבליבן. אַ שרעק באַפאַלט דעם מענטש. מיינע ליפּן האָבן שטילערהייט געשעפּטשעט: פאַרשאָלטן זאָל זיין די ערד וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל יידיש בלוט.

כ'בין געזעסן אין אַן־עור'אפּלאַן וואָס האָט מיך געפירט דורך שווייץ צו אונדזער מדינת ישראל. כ'האָב שוין אונטער זיך, דאָס לאַנד מיט דעם טיף איינגעוואָרצלטן יידן־האַס. דער מוח איז איבערגעלאָדנט מיט פאַרשידענע מחשבות, איבער דעם אַלץ, וואָס כ'האָב ערשט מיט אַזויפיל פּיין און ווייטאָג געזען פאַר מיינע אויגן. עס טויכן אויף די טראַגישע איבערלעבונגען פון די מלחמה יאָרן. ס'איז שרעקליך דאָס אַלץ נאָכאַמאָל צו איבערלעבן, אפילו אין געדאַנק.

מען קומט תמיד צו דעם זעלבן אויספיר: מיר יידן זענען תמיד אַרומגערינגלט דורך ווילדע חיות וואָס ווילן אונדז פאַרצוקן. נעכטן זענען עס געווען די דייטשע רוצחים וועמענס "קולטור" האָט געזאָלט די וועלט באַזיגן, היינט האָבן זיך די נעמען געביטן: פּ. ל. א., אָדער די "שלום" פּרעדיקער — די נאָכפאָלגער פון סטאַלין ימ"ש וועמענס לאָזונג איז "וועלט באַפרייאונג" וואָס גייט ביי זיי געפּאָרט מיט יידן האַס. אויך ביי אונדז אין אַמעריקא שטייען אויף פאַרשידענע פאַרשוינען מיט די גוט באַקאַנטע נאַצישע לאָזונגען. אפילו דער גרויסער אַמעריקאַנער פּרעזידענט רוזוועלט האָט אַרויסגעוויזן זיין פּרצוף בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראטעווען יידן, נישט אַריינלאָזנדיק אַ שיף מיט יידן פון דייטשלאַנד וועלכע זענען שוין אָנגעקומען צו די אַמעריקאַנער ברעגן לעבן דער פרייהייט סטאַטוע, און זיי צוריקגעשיקט קיין אייראָפּע אין די הענט פון די נאַצישע רוצחים. פון "הייליקן פאָטער" אין רוים איז שוין אָפּגערעדט...

כ'האָב ב"ה געלאַנדעט אין פלוג־האַפן אין לוד און מיט דער "אוירא דארץ ישראל" האָט זיך מיין שטימונג אינגאַנצן געענדערט. די אַלע מוח עגבערנישן זענען ווי מיט אַ צויבער שטעקאַלע פאַרשוואונדן. דאָס באַוואוסטזיין וועגן דעם כוח פון אונדזער אייגענער מדינה האָט אַוועקגעטריבן אַלע שווערע געדאַנקען. דאָ אין דעם יידישן היימלאַנד ווערסטו באַהויכט מיט דער וויזיע פאַר דער צוקונפט פון אונדזער געפּייניקט פאָלק. דאָ פילט מען דעם "לא אלמן ישראל" און אַ הייסע תפילה שעפּטשען מיינע ליפּצן: רבונו של עולם עס זאָל זיין לעולם ועד, אמן.

ישעיה (סול) פילער

מיין באזוך אין מיין היים שטעטל און אין אוישויץ


דערציילט פון סול פילער, דער רעפּאָרטערן העלען דאוויס,
ערשינען אין ״ניו זעלאַנד העראַלד וויקענד״ אַפּריל 1976

מען האָט מיך געוואָרנט אין ישראל נישט צו פאָרן אין מיין שטעטל. צוויי יידן, וואָס זענען צוריקגעפאָרן נאָך דער מלחמה, זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת זיי האָבן פּרובירט צוריקצוקריגן זייערע צוגערויבטע פאַרמעגנס.

איך האָב אָבער באַשלאָסן צו גיין נאָך מיינע געפילן און אויספירן מיין באַגער צו זאָגן קדיש אויף מיינע עלטערנס קבר — דער ברידער־קבר פון די ברעזיווער יידן.

אָנקומענדיק קיין פּוילן צוזאַמען מיט מיין פרוי רות, האָבן מיר צוערשט געדונגען אַן־אויטאָ קיין קראָקע און פון דאָרט האָבן מיר פאָרטגעזעצט אונדזער רייזע. מיר זענען אָנגעקומען צו די פּעריפעריעס פון ברעזיוו און זיך גלייך געווענדעט צום מאַסן קבר אין וואַלד. אויפן וועג האָבן מיר געזעהן דעם מאָנומענט געווידמעט די אויסגעמאָרדעטע יידן.

דעם קבר איז אונדז שווער געווען צו געפינען, אָבער צופעליק האָבן מיר באַגעגנט אַ נאָנטע פון יתומים הויז אין וואַלד, און נאָכדעם ווי איך האָב איר אויף פּויליש ערקלערט



אַ דענקמאָל די שטעטישע יידן אויפגעשטעלט דורך די פּוילישע מאַכט, אויפן וועג צום וואַלד 1962

ווער איך בין און וואָס איך זוך — האָט זי אונדז צוגעפירט צו דעם אָרט, טיף אין וואַלד וואו די שרעקליכע רציחה איז פאָרגעקומען.

זי האָט דערציילט אַז די יידן זענען געברענגט געוואָרן אין לאַסט־אויטאָס, עטליכע הונדערט מענער, פרויען און קינדער (צווישן זיי אויך מיינע עלטערן), מען האָט זיי געצוואונגען אויסצוטוען זיך נאַקעט, און ביי דעם קאַלאָסאַלן גרוב, זענען זיי אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אויסגעמאָרדעט געוואָרן. די טויטע קערפּערס זענען באַדעקט געוואָרן מיט קאַלך און מען האָט דעם גרוב פאַרשיט.

כ׳האָב געפרעגט דער נאָנע פון וואַנען זי ווייסט דאָס אַלץ, האָט זי מיר געענטפערט, דאָס די קינדער פון יתומים־הויז האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די ביימער און האָבן זיך צו דעם אַלעם צוגעקוקט.

מיט אַ שווער געפיל און צובראָכענע הערצער זענען מיר אַריין אין שטעטל. מיר זענען געגאַנגען צום פּאָסט־אַמט צו קויפן פּאָסט קאַרטען. כ׳האָב מיך פאָרגעשטעלט פאַרן בריוו־טרעגער, וועלכער האָט מיך גלייך דערקענט און אַ דער־שטוינטער, צו מיר געזאָגט: דו ביסט דער זון פון גדליה און רוניע פילער. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ מאַן, וועלכער האָט אַמאָל געאַרבעט אין אונדזער בעקעריי — אויך ער איז געווען ערשטוינט מיך צו באַגעגענען.

זיי האָבן מיך געפרעגט אויב כ׳בין געקומען פאַרקויפן מיינע עלטערנס הויז. כ׳האָב זיי געענטפערט, אַז כ׳האָב נישט קיין שום כוונה עס צו טון, דען איך נויטיק זיך נישט אין זייער געלט. טראָץ דעם האָבן מיר דעצידירט צו פאַרקירצן דעם באַזוך, צוליב דעם פּחד פון מיין פרוי, וואָס די פראַגע איבערן הויז, האָט ביי איר אַרויסגערופן.

כ׳האָב פאַרלאָזט מיין געבורט־שטעטל מיטן געדאַנק, דאָס איך האָב מיין חוב לגבי די קדושים, מקיים געווען.

מיר האָבן באַשלאָסן, איידער מיר פאַרלאָזן פּוילן — צו באַזוכן דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער אין אוישוויץ, וואו כ׳האָב ״פאַרבראַכט״ כמעט צוויי יאָר.

כ׳בין אַלט געווען איבער 20 יאָר, ווען כ׳בין צוזאַמען מיט מיין פופצן יעריקן ברודער, בען, נאָך דער ליקווידאַציע פון קראָקאווער געטאָ, אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. פון די טויזנטער געברענגטע מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט, זענען דער גרעסטער טייל אַוועקגעפירט געוואָרן גלייך אין די גאַז־קאַמערן און בלויז אייניקע הונדערט זענען איבער־געלאָזט געוואָרן אין לאַגער.

צוליב די אונערטרעגליכע באַדינגונגען, אין דעם לאַגער,

זענען אין אַ קורצער צייט, די העפּטלינגע אויסגעשטאָרבן פון טיפוס און דיזענטעריע, פון הונגער און טויט־קלעפּ, און נאָר אַ קליינער טייל, די יונגסטע, וועלכע האָבן געקענט דאָס אַלץ דורכהאַלטן (און דערצו אויך געהאַט מזל) זענען לעבן געבליבן.

מיר האָבן געאַרבעט אין אַ קוילן־גרובן, באַקומען עסן אַ שוואַרץ שטיקל ברויט און אַ שיסל שיטערע זופּ. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און פאַרמאַטערענדע און מיר זענען אונטער אַ שווערע וואַך, געגאַנגען אַ היבשע פּאָר קילאָמעטער, צו דער קוילן גרובע און צוריק. אין לאַגער האָבן מיר געליטן צרות פון די דייטשע סאַדיסטישע קאַפּאָס — אונטערוועלט טיפּן, פאַרברעכער און מערדער, וועלכע האָבן זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין נאַצי רעזשים.

נאָר די, וואָס דער לעבנס־ווילן איז ביי זיי געווען גענוג שטאַרק, האָבן געהאַט אַ שאַנס דורכצוהאַלטן די אַלע צרות.

פיל פון די העפּטלינגע, זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן יעדן חשק זיך צו ראַנגלען איבער זייער לעבן. כ׳בין געווען אַן־עדות, ווי מענטשן האָבן זיך בכוונה צעשניטן די פינגער ביי די מאַשינען, כדי גענומען צו ווערן אין ״שפּיטאָל״, הגם אַלע האָבן געוווּסט, אַז פון דאָרט קומט מען מער נישט צוריק.

דעם 18־טן יאנואר 1945, צוליב דעם פאַרמאַרש פון דער רוסישער אַרמע, זענען די העפּטלינגע פון לאַגער עוואַקואירט געוואָרן און וואכן לאַנג האָט געדויערט דער ביטערער מאַרש, אין ווינטער, הונגעריקע און אָנגעטון בלויז אין לייכטע מלבושים. ווען עמיצער האָט נישט געקענט ווייטער גיין, איז ער גלייך דערשאָסן געוואָרן. אַנטלויפן איז נישט געווען וואוהין.

כ׳וויל דאָ באַצייכענען, דאָס די איינציקע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן מענטשליכקייט בעת אונדזער מאַרש, איז געווען די טשעכישע באַפעלקערונג — זיי האָבן אונדז צוגעוואָרפן ברויט און עפּל, און אונדז ממש דערהאַלטן ביים לעבן.

פון די טויזנטער עוואַקואירטע, זענען בערך צוויי הונדערט אָנגעקומען קיין טערעזיענשטאַט. נאָך אייניקע טעג זיין דאָרט, האָבן מיר זיך אויפגעוועקט אין אַ פרימאָרגן, הערנדיק קנאַלן פון אַרמאַטן און מיר האָבן דערזעהן רוסישע מאטאציקליסטן און נאַכהער טאַנקן. מיר האָבן זיך גענומען אַרויסלויפן פון די באַראַקן, אָבער די טשעכישע פּאָליציי האָט אונדז פאַרהאַלטן. איך בין צוגעגאַנגען צום רוסישן קאמענדאַנט וועלכער האָט אונדז בעפרייט און געפּרואווט אים אויפקלערן אין רוסיש, אונדזער באַגער אַרויסצוגיין אויף דער פריי. ער האָט מיר געענפט אין יידיש: דו ברויכסט דיר נישט צוברעכן די ציין מיט רוסיש, דו קענסט רעדן צו מיר אין ״מאַמע לשון״. ער איז געווען אַ ייד.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אונדז צו באַפרייען. מיר האָבן אויסגעזעען ווי די שקעלעטן. נישט אַלע בעפרייטע זענען געבליבן לעבן. פיל זענען אין די ערשטע טעג נאָך די בעפרייאונג, אַרויפגעפאַלן אויף דעם עסן און זייער אויסגעטרוקנטער קערפער האָט נישט געקענט פאַרנעמען די פעטע שפייזן — זיי האָבן באַקומען דיזענטעריע און געשטאָרבן. מאַנכע האָבן באַקומען אַ נערוון־צוזאַמענברוך, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן באַנעמען דאָס גרויסע אומגליק, אַז זייערע היימען און משפחות עגזיסטירן נישט מער. דאָס איז געווען שרעקליך...

איך ווייס, דאָס פיל פרעגן די פראַגע, פאַרוואָס מיר האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד די מערדער. מענטשן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען קענען עס נישט באַגרייפן. איך וויל דערמאַנען אַ פאַל בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין שטעטל, וואָס האָט פּאַסירט באַלד נאָכן איבערפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד, ווען כ׳האָב געאַרבעט צוואַנגס־אַרבעט ביי דער דייטשער פּאָליציי.

אַ דייטשער סאלדאַט האָט מיך געפרעגט, אויב איך קען רוסיש. ווען איך האָב געענטפערט אַז יאָ, האָט ער מיר באַפוילן צו דערקלערן די דריי רוסישע גפאַנגענע, וועלכע זענען געזעסן אויף אַ באַנק ביי דער פּאָליציי סטאַציע — דאָס זיי וועלן אין קורצן דערשאָסן ווערן.

איך בין געווען דערשלאָגן. ווי אַזוי קען מען אַזעלכעס אָנזאָגן אַ מענטשן, דאָס אָט גייט מען אים נעמען ס׳לעבן. איך בין אָבער געווען געצוואונגען דעם באַפעל אויסצופירן. איך האָב זיך פאַר זיי אַנטשולדיקט און זיי איבערגעגעבן די שרעקליכע בשורה.

די מענטשן האָבן איבערהויפּט נישט רעאַגירט. זיי האָבן גאַנץ אַפּאַטיש אויפגענומען די ידיעה, און האָבן געצויגן מיט די אַקסלען. דאָס זענען געווען יונגע, שטאַרקע מענער, אויסגעשולטע סאָלדאַטן. זיי זענען אַפילו נישט געווען שטאַרק באַוואַכט. איך בין געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך געגנשטעלן אָדער מינדעסטנס פּרואוון אַנטלויפן. אהן שום ווידערשטאַנד פון זייער זייט, זענען זיי געפירט געוואָרן אויף אַ וועגאַלע אין וואַלד אַריין און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. איך בין געצוואונגען געווען צוצוגרייטן אַ קבר און זיי באַגראָבן.

היינט, נאָכדעם ווי איך קלער איבער דעם אַלעם וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט, גלויב איך, אַז די יידן האָבן אַנאַנדערן בליק אויפן לעבן. מיר האָבן שוין ב״ה אַן־אייגענע מדינה און מיר זענען שוין מער נישט אַזוי שוצלאָז און אונבאַהאלפן ווי געווען.

יידיש: **פעלא ראוועט**

"איינדרוקן" פון ברעזיוו

איך בין נישט קיין געבוירענע אין ברעזיוו, כ'האָב דאָרט קיינמאָל נישט באַזוכט, און פונדעסטוועגן פיל איך זיך ווי אַ ברעזיווערן מיט אַלע ברעזיווער צוגלייך, ווי כ'וואָלט דאָרט געלעבט פיל יאָר און ווי כ'וואלט טיילגענומען אין אַלעם וואָס האָט דאָרט פּאַסירט.

אין מיינע יוגנט־יאָרן האָב איך פיל געוואַנדערט און כ'האָב ליידער נישט געהאַט די מעגלעכקייט קענען צו לערנען די אינטימע וואַרעמע פאַרבינדונג וואָס פאַרבינדעט די מענטשן, וועלכע שטאַמען פון איין שטעטל, זענען דאָרט געבוירן און אויפגעוואַקסן צוזאַמען, איבערהויפּט די ברעזיווער, מיט וועלכע כ'האָב זיך באַקענט.

אין די לעצטע דריי יאָר, געפינט זיך "ברעזיוו" אין אונדזער הויז, איר אנוועזנהייט איז אַ פּערמאַנענטע, און כ'האָב ס'געפיל, אַז "ברעזיוו" האָט מיך אויפגענומען ווי אַן־אייגענע, אַז אַך און וויי צו אַזאַ "אויפנעמען".

איך — דאכט זיך מיר — געפין זיך אויס אין די ברעזיווער געסלעך, איך ווייס ווי מען לאָזט זיך אַראָפּ פון בית מדרש באַרג. איך קען דעם וועג צום שעכט־הויז ביים "בעדל־וואַסער", און ווייס ווי צו געפינען די קינדער "אונטערן באַרג". כ'וואָלט כמעט געזאָגט, אַז כ'ווייס ווער ס'דאַוונט אין בית מדרש און ווער אין קלויז, ווער ס'האָט געלערנט אין גימנאַזיע און ווער ס'איז געזעסן אין בית־מדרש מיט אַ ליכטל אין האַנט און אַריינגעקוקט אין אַ גמרא.

וואָס איך ווייס נישט, איז דער וועג צו מיין שווערס הויז; ווי אַזוי צו קומען צו מיין שוויגער און זי דערפרייען מיט מיינע וואַקסענדע קינדער, אייניקלעך... וואו צו געפינען מיין שוואָגער, וועלכער איז געבליבן אַן־אייביק יונגל און מיין אייניקל טראָגט זיין נאָמען; און מיינע שיינע און מוטיקע שוועגערינס — וואו איז דער וועג צו זיי?... אין וואַלד?... און כ'דערמאַן זיך אַ פערז פון די קינדער־יאָרן: "אין וואַלד האָב איך מורא"...

די שרעקליכע, פּוסטע פאַריתומטקייט, אהן אַ מעגליכקייט אָנצורירן אפילו אַ טרייסטענדן מצבה־שטיין און פילן אַ שייכות און פאַרבינדונג מיט די באַהאַלטענע אונטער אים. דאָס איז די סיבה פון דער זעלישער דורשט צו אַלעם וואָס דאָס שטעטל סימבאַליזירט מיט זיך.

וואָס האָב איך דען געוואוסט איבער אַ יידיש שטעטל, איבער יידן אין אַ גאַליציש שטעטל? זכרונות פון די פריסטע קינדער יאָרן מיט אַ פאַרנעפּלט בילד פון אַ געסל אין אַ מזרח־גאַליציש שטעטל, אַ בלאָטיקער וועג און אויף אים איבערגעשפּרייט האלץ ברעטער, וואָס רופן זיך "קליאַטקעס", און אויף זיי גייען טרויעריקע יידן. דערנאָך — בלויז וואָס כ'האָב געלייענט דעריבער.

אין ברעזיוו איז, ווייזט אויס, געווען אַ מאַרק־טאָג, און ס'זענען געווען אַזעלכע, וועמענס גאַנצע פּרנסה איז געווען בלויז פון דעם דאָזיקן טאָג, און זיי דווקא האָט געפעלט ס'ביסל געלט אויף איינצוקויפן סחורה. איינער דערציילט, דער צווייטער דערמאַנט זיך, די דריטע באַשטעטיקט. די עדות נעמען זיך צוזאַמען און די ברעזעווער "פינאַנסיעלע אינסטיטוציע" פן אַ קורצן "גמילת חסד" — שטייט ווי לעבעדיק פאַר די אויגן. דער בארגט, דער קויפט, פאַרקויפט און גיט צוריק די הלוואה און אַזוי ווייטער.

די אַנדערע "אינסטיטוציע" — דאָס "נעכטיקן", דאָס פאַרברענגען פון צוויי יונגע יונגלעך, וועלכע זיצן אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג ווערן, ביי אַ קראַנקנס בעט, כדי די פאַמיליע זיינע זאָל זיך אַביסל אויסרוען און קענען זיך צומאָרגנס פאַרנעמען מיטן קראַנקן.

לעבנס פאָרמען, וואָס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט במשך דורות — וואוהין זענען זיי פאַרשוואונדן? ווי אַזוי איז דאָס אַלץ אָפּגעמעקט געוואָרן ווי ס'וואָלט קיינמאָל נישט געווען?...

☆

איך בין געשטאַנען ביים בוך, ווי ס'האָט זיך געשאַפן, כ'האָב באגלייט די שפּראַצונגס־טריט, נאָכגעפאלגט די בלעטער וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט. כ'האָב זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן איבערן שטעטל און איבער די מענטשן דאָרט און כ'האָב צוגעזעהן דאָס צונויפקלייבן די זכרונות־שערבלעך און ס'צוזאַמענקלעבן און רעקאָנסטרואירן זיי. פיל איבערגעבנהייט און ליבשאפט איז אַריינגעלייגט געוואָרן דערין.

פיל קאשמאַר נעכט מיט געשפּענסטפולע חלומות בין איך דורכגעגאַנגען במשך דער דאָזיקער צייט און כ'בין צופיל אידענטיפיצירט מיט דעם טעמאַט, כ'זאָל קענען אַרויסזאָגן אַן־אָביעקטיווע מיינונג דאַוועגן.

איך גלויב אַז פון דעם געשילדערטן מאַטעריאַל, טויכט אויף פאַר אונדזערע אויגן אַ בילד פון אַן־אַמאָליק יידיש שטעטל אין גלות, וועלכעס איז פאַרזונקען אין אָפּגרונט. עס ווערט געמאַכט אַ פּרואוו אַרויסצוראַטעווען דעם שאָטן פון אַ ברויזנד לעבעדיק שטעטל, אויס דעם תהום פון פאַרגעסנהייט. אפשר וועט דאָס זיין אַ באַשיידענע מצבה אויפן קבר פון די, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו קיין קבר.

אין אַ מאָמענט פון אומעט און בענקעניש, ווען מיר, אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, קענען צוגיין צום ביכער־שאַנק ארויסנעמען דעם ספר־זכרון, בלעטערן אין אים, און דאָס וועט זיין פאַר אונדז אַ מין גיין אויף "קבר אבות" און זיך פאַראייניקן מיטן אָנדענק פון אונדזערע נאָענטע וואָס זייער לעבן איז אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן.

פאַמיליעס אין שטעטל

מרים שינבאַך־בראַף, ז״ל

אונדזער הויז

מ.רים ז״ל איז שוין געווען שווער קראַנק, ווען מיר האָבן זיך צו איר געווענדעט זי זאָל זיך באַטייליקן אין יזכור־בוך. זי האָט צוגעזאָגט זיך אנצושטרענגען און פּרוּוון שרייבן. מרים האָט מקיים געווען איר הבטחה, טראָץ אירע שווערע ליידן, וואָס האָבן איר נישט ערמעגליכט זיך צו קאָנצענטרירן אין שרייבן.

לײדער איז איר טויט געקומען פיל שנעלער ווי מיר האָבן זיך געשראָקן דערפאַר, און זי האָט נישט באַוויזן צ: ענדיקן איר שרייבן. זי איז נפטר געוואָרן כ׳ תשרי תשמ״ג. די נאָטיץ איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך אירע זין.

י ה י   ז כ ר ה   ב ר ו ך !

מיר זענען געווען אַ גרויסע פאַמיליע פון 10 נפשות. איך בין געווען די יונגסטע אין דער היים און, פאַרשטייט זיך די אמיינסטן געצערטלסטע.

דער טאַטע איז געווען אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער חסיד מיט אַ הדרת פּנים און אַ ווייסע באָרד (דער זאַץ איז נישט קלאָר).. אונדזער הויז, ווי מייניסטנס יידישע הייזער אין יענער צייט, איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַליש הויז. דער טאַטע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע שטול, וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן ביים טיש און ער איז געזעסן דאָרט בשעת די מאָלצייטן. מיר, די קינדער האָבן נישט גענומען אויפן געדאַנק אפילו, אַז ווער פון אונדז זאָל וואַגן זיך צו זעצן אויף זיין שטול דאָס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך פאַר אַלע, און מען האָט נישט געדאַרפט באַמערקן דאַוועגן.

איך געדענק די פרייטיג צונאַכטסן, ווען דער טאַטע ז״ל איז צוריקגעקומען פון שיהל מיט אַנ״אורח״. דער טיש מיט די שבת ליכט איז געווען צוגעגרייט כיד המלך. טראָץ דעם וואָס אונדזער עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט תמיד געווען קיין גלענצענדע, האָבן מיר געפירט אַ בעל הבתיש הויז. נאָך היינט צו טאָג הער איך פון שטעטישע באַקאַנטע, וועלכע האָבן געוואוינט נעבן אונדז, דערציילן ווי זיי פלעגן שטיין אין הויף אונטער אונדזערע פענצטער, צו הערן דאָס זינגען פון די שבתדיקע זמירות. אַלע האָבן מיר זיך באַטייליקט טראָץ דעם וואָס מען פלעגט נישט ערלויבן די מיידלעך צו זינגען צוזאַמען מיט די בחורים, האָט דער טאַטע עס אונדז נישט פאַרבאָטן.

דער טאַטע ז״ל האָט געהאַט אַ מנהג, ערב יום־כיפור צו בענטשן די זין, אַרויפלייגנדיק די הענט אויף זייערע קעפּ, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט אין דער ריכטונג פון די טעכטער און זיי אויך געבענטשט. דאָס דאָזיקע בילד, ווען דער טאַטע מיט דער ווייסער באָרד, אָנגעטון אין אַ קיטל און ווייסע שטעק־שיך האָט אונדז געבענטשט מיט אַ פאַר־זאָרגט פּנים, האָט מיך שטענדיק אָפּגעשראָקן. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יאָר ביי יאָר. איין יאָר האָט דער טאַטע געענדערט זיין מנהג און אויך אונדז טעכטער געבענטשט ווי די זין, אַרויפלייגנדיק די הענט אויף אונדזערע קעפּ, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ טרער. דאָס איז געווען נישט ווי געווענליך. לײדער איז דאָס געווען ס׳לעצטע יאָר פון זיין לעבן. ער איז געפאָרן אויף קוראַציע קיין שטשאַווניץ און איז דאָרט נפטר געוואָרן.

דער טויט פון טאַטן האָט פאַרשטייט זיך משפּיע געווען אויף אונדזער גאַנצן לעבן. די מאַמע איז געווען גאַנץ צובראָכן און אַ לאַנגע צייט נישט געקענט קומען צו זיך. זי האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון דער פּרנסה און מיר קינדער האָבן איר געהאָלפן, באַזונדערס אין מאַרק טעג. פאַרטזעצן לערנען נאָך דער עלעמענטאַר־שול, איז אונדז פאַרבאָטן געוואָרן, ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט חילול שבת.

איך בין געווען די איינציקע וואָס האָט אויפגעבראָכן דעם צוים, אָבער דאָס איז שוין געווען נאָכן טאַטנס טויט.

די מאַמע איז געווען אַ נישט געווענליכע פּערזענליכ־קייט. אַ פילבאַרע פרוי, אַ גוטהערציקע, געזאָרגט תמיד פאַר אַנדערע.

איך געדענק ווי פורים פלעג איך אַרומגיין מיט מיין עלטערע שוועסטער מיט ״משלוח מנות״, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט פאַר נויטבאַדערפטיקע און אונטער דעם געבעקטס איז געלעגן אַ גרעסערע מטבע איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר קיינער זאָל עס נישט באַמערקן... תמיד איז זי גרייט געווען

צו באַרגן אַ גמילות חסד און קיינמאָל נישט געפרעגט ווען מען וועט עס איר צוריקגעבן, אויב מען האָט עס איר בכלל צוריקגעגעבן.

ווען כ׳האָב מיך געקליבן צו פאַרלאָזן די היים און פאָרן קיין ארץ ישראל אַלס ״חלוצה״, האָט זיך די מאַמע נישט קעגנגעשטעלט, ווייל כ׳בין געפאָרן צו מיין שוועסטער שושנה, וועלכע האָט זיך געפונען אין לאַנד 10 יאָר פאַר מיר.

איך בין געווען זעהר צוגעבונדן צו מיין מוטער און ווען כ׳האָב מיך מיט איר געזעגנט פאַר דער רייזע, בין איך שנעל געלאָפן צום וואָגן, כדי צו פאַרקירצן די שמערץ פון צושיידן זיך. כ׳האָב מורא געהאַט צו קוקן אונטער זיך און זעהן נאָכ־אַמאָל די מאַמעס געזיכט, ווייל כ׳האָב געפילט ווי שווער עס איז איר אויפן האַרצן (און נישט ווייניקער מיר).

מיין שוועסטער שושנה און אונדזערס אַ קרובה אין איר עלטער, האָבן עולה געווען אין יאָר 1925, אין יאָר ווען די העברעאישע אוניברסיטעט אין ירושלים איז געעפנט געוואָרן. זיי זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן עולה געווען פון ברעזיוו. כמעט ס׳גאַנצע שטעטל איז אַרויס זיי באַגלייטן.

פאַרן וועלט־קריג איז מיין ברודער מענדל, קראַנק געוואָרן און איז געפאָרן קיין בעלגיע זיך היילן. אין דער שואה איז אים געלונגען זיך דאָרט אויסצובעהאַלטן און זיך צו רעטן. מיין ברודער דודס טאָכטער — פייגע, האָט זיך גערעטעט אין פראַנקרייך, און יעצט געפינט זי זיך מיט איר פאַמיליע אין ישראל. די אַלע אַנדערע פון מיין משפחה זענען אומגעקומען.

צו מיין חתונה אין יאָר 1939 האָב איך נאָך באַקומען מזל־טוב וואונטשן פון מיין משפחה און דאָס איז געווען די לעצטע פאַרבינדונג מיט זיי.

משה עמית (זעלנפרוינד)

מיין פאטערס הויז

אין שטעטל רימאַנאָוו, וואָס געפינט זיך קנאַפּע 20 ק״מ פון ברעזיוו, איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען שלמה זעלנפרוינד. זיין פאַמיליע איז געקומען קיין פוילן פון מאַראוויע, און לויט ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אין דער משפחה, האָבן זיי געשטאַמט פון שפּאַניען, וויזט אויף פון די אנוסים.

אויף דעם רימאַנאָווער בית־עלמין, זענען געווען קברים פון דער פאַמיליע ״חילו״. דעם נאָמען זעלנפרוינד האָבן זיי באַקומען פון דער עסטרייכישער מאַכט בשעת זי האָט געגעבן פאַמיליען־נעמען דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע, מיט 200 יאָר צוריק.

שלמה זעלנפרוינד איז געווען אַ זון פון אַ רייכער יידי־שער משפחה, וואָס אירע הכנסות זענען געווען פון ״ראגאטקע״ — ס׳הייסט אַ דורכגאַנגס־שטייער אויף די וועגן און בריקן. ער האָט געלערנט אין ״חדר״ און באַקומען סמיכות אַלס רב, אָבער ער האָט קיינמאָל קיין רבנות שטעלע נישט פאַרנומען. ער איז געווען פון די גרינדער פון דער ״מזרחי״ באַוועגונג אין פוילן, אַ דעלעגאַט צו דעם 3־טן און 5־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און איז אויך געווען אַ דעפּוטאַט פון עסטרייכיש־אונגאַרישן פּאַ־לאַמענט, ווי אויך בירגער־מייסטער אין שטעטל.

שלמה זעלנפרוינד האָט געהאַט צוויי זין: דער עלצטער זון — שמואל (מיין פאָטער ז״ל) איז געבוירן אין יאָר 1882. ער האָט געלערנט אין ״חדר״ ביז 15 יאָר, דערנאָך איז ער אַריבער קיין סאַניק לערנען אין מיטל־שול, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט אויסצייכנונג. שפּעטער איז ער אַריבער קיין לעמבערג לערנען יורי. נאָך צוויי יאָר איז ער אַוועק קיין ווין און דאָרט געענדיקט דעם שטודיום.

אַ געוויסע צייט האָט ער זיך פאַרנומען אין ווין, מיט ציוניסטישער טעטיקייט צווישן די יידישע סטודענטן אונטער דער השפעה פון ערשיינען פון ד״ר הערצל, וועלכער איז דאַן געווען באַקאַנט אַלס מיטארבייטער פון דער באַרימטער ווינער צייטונג, ״נייע פרייע פּרעסע״.

שמואל זעלנפרוינד האָט געענדיקט זיין שטודיום מיט ״באַזונדערע אויסצייכנונג״, באַקומענדיק דעם דאָקטאָר טיטול.

אין 1910 האָט ער חתונה געהאַט מיט מיין מוטער ז״ל — פראַנציסקא שיפּער פון טאַרנאָוו, וועלכע האָט דעמלט גע־ענדיקט דעם לערער סעמינאַר. די פאַמיליע שיפּער איז געווען אַ בעגאַבטע פאַמיליע. צווישן זייערע קינדער: ד״ר יצחק שיפּער. ער האָט געענדיקט די יורי פאַקולטעט אין ווין, פון די גרינדער פון פועלי ציון, אַ דעפּוטאַט פון פוילישן סיים. באַקאַנטער היסטאָריקער און פאָרשער פון יודאַאיזם, איינער פון די פירענדע פערזענליכקייטן פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין פוילן. גענעק שיפּער — אַ מעדיצינער פון די באַקאַנטעסטע כירורגן אין פוילן. הענעק שיפּער — פון די פירער פון ״שוצבונד״ אין ווין. ניצול געוואָרן נאָך דעם אויפשטאַנד קעגן דאלפוס אין ווין, אין 1933. דער יונגסטער ברודער איז געווען אַ לערער פון לאַטיין און אַלט־גריכיש אין גימנאַזיום.

פאַר דעם אויסברוך פון קריג, זענען געבוירן געוואָרן אין ווין, מיין עלצטער ברודער און שוועסטער. צוליב דער שווע־רער לאַגע אין ווין נאָכן קריגס אויסברוך, איז אונדזער משפחה אַריבער קיין פּשעמישל — אַ פעסטונגס־שטאָט, וועלכע איז עטליכע מאָל געשטאַנען קעגן דער רוסישער בעלאַגערונג.



ד״ר זעלנפרוינד, וועלכער איז געווען מאָביליזירט אין דער יוסטיץ אָפּטיילונג פון דער עסטרייכישער אַרמיע, איז אַריבער קיין ברעזיוו, נישט ווייט פון זיין געבורטס שטאָט, רימאַנאָוו. אין ברעזיוו בין איך געבוירן און מיין יונגערע שוועסטער.

דאָס אַנטשטיין פון דער פוילישער מדינה, די אינוואַזיע פון טראַצקיס אַרמיע קיין פוילן, כאַראַקטעריזירן די ערשטע יאָר נאָכן ערשטן וועלט־קריג, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט אומסטאַבילקייט. די געריכטן זענען געווען פאַרנומען מיט פיל פּראָצעסן, ווי מאָנען אַנטשעדיקונג, פאַרטיילן ירושות, באַקומען רעכט (פון דער ניי־אַנטשטאַנענער מאַכט) רעכט פון אינוואַלידן און יתומים — די אַלע ענינים האָבן געגעבן פיל באַשעפטיקונג דעם יונגען אַדוואָקאַט, וועלכער האָט ערשט געענדיקט דעם מיליטער־דינסט.

ביי דער דאָזיקער יורידישער אַרבעט, האָט זיך ד״ר זעלנפרוינד אויך פאַרנומען מיט ציוניסטישער און געזעל־שאַפטליכער טעטיקייט. ער האָט געגרינדעט די יידישע קהילה אין ברעזיוו און האָט אויך פיל געווירקט אין די ראַמען פון שטאָט־ראַט. די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אַרבעט איז געווען אַ וואָלאָנטאַריע.

אין יאָר 1929, איז מיט דער איניציאַטיוו פון מיין פאָטער, געמאַכט געוואָרן אַ קאָנטראַקט מיט דער פירמע "סימענס" און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַן־עלעקטריע־נעץ און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מאָטאָר־גענעראַטאָר צוצושטעלן עלעקטרישן שטראָם אין שטעטל.

מיר האָבן געהאַט דעם טעלעפאָן נומער 7 אין ברעזיוו (אין גאַנצן שטעטל זענען דעמלט געווען 50—60 טעלעפאָנען). אין יענע יאָרן האָט זיך ס'שטעטל אָנגעהויבן אַנטוויקלען. מען האָט אויפגעשטעלט אַ סטאַדיאָן, עס האָבן זיך אָרגאַניזירט פרייוויליקע פייער־לעשער מיט לעש־מאַשינען מיט האַנט־פּאָמפּעס, וועלכע זענען געווען איינגעאָרדנט צו שלעפּן מיט פערד, אָבער בעת אַ שריפה, האָבן מענטשן זיי געמוזט שלעפּן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין צייט צו ברענגען קיין פערד.

די הילצערנע טראָטואַרן זענען געטוישט געוואָרן אויף טראָטואַרן אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער. מען האָט אויסגעבויט נייע הילצערנע בריקן און פאַראַכטן די וועגן (קיין אַספאַלט־שאָסעען זענען נישט געווען אין דער גאַנצער געגנט). קאַנאַליזאַציע און וואַסער־לייטונג זענען נישט געווען. ס'וואַסער איז געשעפּט געוואָרן פון די ברונעמס און ס'איז געווען אַ ספּעציעלע פּראָפעסיע — "וואַסער טראָגן".

די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט פון מיין פאָטער איז געווען הויפּטזעכליך אויפן געביט פון ציוויל רעכט. ער האָט זיך כמעט ווי נישט פאַרנומען מיט קרימינעלע פאַלן און ער האָט זיי נישט געוואָלט אָנעמען, אויסער אין ספּעציעלע פאַלן וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט קריסטלעכע פריינט.

צוליב די נאַפט־פעלדער אין דער געגנט און די קאָנטראַקטן אויף רעכט צו זוכן נאַפט, איז ער אין לויף פון די יאָרן געוואָרן איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט צווישן די אַדוואָקאַטן אין פּוילן. צוליב זיינע אויפטריטן אין קרייז־געריכט אין סאַנאָק און טיילמאָל אין העכסטן געריכט אין וואַרשע, האָט ער פיל פאַרברענגט אויסער דער היים. צוליב די פאַרשידענע פּראָצעסן און ערד סכסוכים איז ער אויך פיל אַרומגעפאָרן אין דער געגנט צוזאַמען מיטן געריכט, אדוואָקאַטן און אויסמעסטער. אַזאַ רייזע האָט זיך גערופן "קאָמיסיע" און האָט זיך געצויגן עטליכע וואָכן.

איינער פון די גרויסע פּראָצעסן וואָס איך געדענק, איז געווען דער פּראָצעס איבער דעם דורכגאַנגס־רעכט אויף אַ וועג אין וואַלד צווישן אַ גאַנץ פּויליש דאָרף און דעם פּשעמישלער בישאָף. דער וועג וואָס זיין לענג איז געווען 4 ק"מ האָט געדינט דעם דאָרף אין לויף פון 100 יאָר. קיין קריסטליכער אַדוואָקאַט האָט נישט געוואָלט פאַרטיידיקן ס'דאָרף, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט זיך איינצורייסן מיטן בישאָף און מיט דער קירך.

דער פּראָצעס האָט געדויערט 4 יאָר און איז אַדורך אַלע געריכטס־אינסטאַנצן און צום סוף איז דער פּסק־דין געווען לטובת די דאָרפס־איינוואוינער. פאַרשטייט זיך אַז טייל פון די גלחים האָבן געטראָגן צוליב דעם אַ האַס קעגן דעם יידישן אַדוואָקאַט.

אונדזער הויז איז תמיד געווען פיל מיט לעבן. צום טיש ביי די מאָלצייטן זענען תמיד געזעסן אויסער די שטוב־מענטשן, אונדזער הויז איז תמיד געווען פיל מיט לעבן. צום טיש ביי די מאָלצייטן זענען תמיד געזעסן אויסער די שטוב־מענטשן, פאַרשידענע געסט. עס האָבן זיך געפירט דיסקוסיעס, לעבהאַפטע, אָבער אויף אַ קולטורעלן אופן, מיט טאָלעראַנץ לגבי יעדן פון די דיסקוטירנדע צדדים.

אין יאָר 1929 האָט אונדזער עלצטער ברודער געענדיקט די גימנאַזיום אין שטעטל און איז אַוועק קיין וואַרשע לערנען יורי. שפּעטער איז אויך די עלטערע שוועסטער אַריבער קיין וואַרשע אין דער זעלבער אוניווערזיטעט און אין דער זעלבער פאַקולטעט. מיין יונגערע שוועסטער און איך, האָבן געלערנט אין דער מיטל־שול אין דער היים. אין די ימים טובים און וואַקאַציעס האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע צוזאַמענגעטראָפן.

אין 1933 האָט אונדזער ברודער געענדיקט זיין שטודיום, חתונה געהאַט און אין אַ יאָר שפּעטער עולה געווען קיין ארץ ישראל. נאָך עטליכע מאָנאַטן איז געשען אַן־אומגליק און ער איז אומגעקומען בעת אַן־אַרבעטס־פאַרפאַל אין דער "שמן" פאַבריק אין חיפה.

ער איז געווען איינער פון די בולטסטע געשטאַלטן אין אַקאַדעמישן און פּאָליטישן לעבן אין ישוב, און פיל האָבן אין אים געזעהן אַ צוקונפטיקן מנהיג.

מיין שוועסטער האָט נאָכן ענדיקן דעם שטודיום, געמאַכט דעם סטאַזש אין דער קאַנצליי פון אונדזער פאָטער. אין יאָר 1936 האָב איך געענדיקט די מיטל־שול און אין אַ יאָר שפּעטער, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די יונגסטע שוועסטער איז נאָכן ענדיקן די גימנאַזיום, אַריבער קיין לעמבערג און דאָרט געלערנט מוזיקאָלאָגיע.

מוזיק איז געווען פון די הויפּט פאַרגנוגנס אין דער היים. אונדזער הויז האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט מיט אַ הויכע קולטור און ווי כ'האָב עס שוין באַצייכנט, מיט אַ רייך געזעלשאַפטליך לעבן.

אין יאָר 1939 מיטן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז אונדזער פאַמיליע אַנטלאָפן פון ברעזיוו קיין סטרי אין דער סאָוויעטישער זאָנע. די עלצטע שוועסטער מיט איר מאַן זענען געווען אין וואַרשע. אַ דאַנק דער טיכטיקייט פון מיין מוטער, איר ענערגיע און איניציאַטיוו — איז אונדזער פאַמיליע געלונגען דורכצוהאַלטן די שווערע באַדינגונגען פון סיביר, וואוהין זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן, און זענען דאָרט ניצול געוואָרן. נאָך דער קריגס ענדע זענען מיינע עלטערן און שוועסטער, צוריק קיין פּוילן און האָבן זיך באַזעצט אין קאַטאָוויץ.

מיין פאָטער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס יוסטיץ ראַטגעבער אין אינדוסטרי מיניסטעריום. מיין מוטער איז נפטר געוואָרן אין 1964 און מיין פאָטער **אין** 1961.

אויפן קאַטאָוויצער בית הקברות געפינען זיך די קברים פון מיינע עלטערן און זיי ווערן געפלעגט דורך מיינע שוועסטער, וועלכע באַזוכן זיי יעדע וואָך.

מיין פאַמיליע

מיין פאָטער ז״ל איז געבוירן אין דעצעמבער 1882, און איז נפטר געוואָרן אין 1963. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַטריאַרכאַלישער משפחה און האָט באַקומען אַ נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע ערציאונג.

דער נאָמען פון מיין זיידן ר׳ שלמה זעלנפרוינד איז געווען בעקאַנט אין דער גאַנצער סביבה, און איז געווען געשעצט דורך אַלע וועלכע האָבן אים געקענט. מיין זיידע האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל.

אַנ־אינטערעסאַנטע איבערלעבונג פון מיין זיידנס הויז, געדענק איך פון מיינע קינדער יאָרן: פרייטיק נאָכמיטאָג, פאַר שבת האָט מען געעפנט אַ זייטן פענצטער פון זיידענס הויז, אין רימאַנאוו און ס׳זענען אָנגעקומען פאַרשידענע מענטשן, און יעדער פון זיי האָט באַקומען אַ צוגעגרייט פעקל און דערין פיש, חלה און ראַזשענקע קוכן. די נויטבאַדערפיקע, וועלכע האָבן זיך געשעמט צו שטיין ביים פענצטער צוזאַמען מיט די איבריקע — זענען צוגעגאַנגען צו דער ווערע אַנדע און דאָרט איז פאַר זיי צוגעגרייט געווען ענליכע פעקלעך.

אונדזער פאָטער איז געווען אַ נישט געוויינלעכע פערזענליכקייט, און העלפן מענטשן אין נויט, איז געווען ביי אים ממש אַ זעלישע באַדערפעניש. ער האָט פאַרנומען פאַרשידענע וויכטיקע פאָזיציעס אַ דאַנק וועלכע ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אין אונדזער פראווינציאנעל שטעטל. ער איז געווען וויצע־בירגערמייסטער, ראש הקהל און מיטגליד אין פאַרשידענע קאָמיטעטן און וויכטיקע אינסטיטוציעס. ער האָט אויסגענוצט זיין השפעה און זיינע ברייטע פאַרבינדונגען צו העלפן מענטשן אהן אונטערשיד פון רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט אָדער פּאָליטישער אַנשויאונג. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע. ער האָט עס געטון מיט פשטות, באַשיידן, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, נישט ערוואַרטנדיק קיין שום דאַנק דערפאַר. מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט איבער פיל מענטשן, וועלכע ער האָט ממש געהאָלפן שטעלן זיך אויף די פיס.

כ׳געדענק ווי איינמאָל איז געקומען אין מיין פאָטערס קאַנצעליי די הויפּט אויפזעערן פון דעם קלויסטער אין סטאַרא־וויעש, בעטן יורידישע הילף אין צוזאַמענהאַנג מיט די יתומים, וועלכע האָבן זיך דאָרט דערצויגן. מיין פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט דעם ענין מיט איבערגעגעבנהייט און ערפאָלג, און זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען האנאראַר פאַר זיין אַרבעט. שפּעטער, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט די איבערגעגעבענע סעקרעטאַרן פון מיין פאָטער, שרה ביבער הי״ד, זיך געווענדעט צו די דאָזיקע נאָנעס, וועלכע האָבן זי געקענט פון איר אַרבעט ביי מיין פאָטער און ביי זיי געבעטן הילף. די נאָנעס האָבן איר געפּרוּווט העלפן, דען זיי האָבן געזוכט דערין אַן־אָבצאָל פון אַן־ערן חוב פאַר מיין פאָטער. ליידער האָט זיך שרה נישט געראַטעוועט.

מיין מוטער פראַנציסקה, איז געווען אַ טאָכטער פון דער באַרימטער שיפער פאַמיליע, און זי איז געווען די שוועסטער פון דעם היסטאָריקער און פאָרשער ד״ר יצחק שיפער ז״ל, וועלכער האָט פאַרעפנטליכט פיל ביכער איבער דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן אין משך פון דורות. אונדזער פעטער גענעק שיפער איז אַ באַרימטער כירורג.

מען קען נישט דערציילן איבער אונדזער פאַמיליע און נישט דערמאַנען דעם טראַגישן פאַל מיט אונדזער ברודער. אין דעם טאָג ווען מיר האָבן באַקומען די שרעקליכע בשורה איבערן טויט פון אונדזער עלצטן ברודער לעאָן־לאשעק בעת אַנ־אַרבעטס־פאַרפאַל אין חיפה, זענען ביי דער מאַמען אויף איינמאָל ווייס געוואָרן די האָר און זי איז מער נישט געקומען צו זיך, נאָך דעם קלאַפּ פון גורל.

לאשעק איז געווען דער שטאָלץ פון דער משפחה. פילזייטיק טאַלענטירט, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מילדן כאַראַקטער און אַלע האָבן אים פאָרגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט. ער האָט געענדיקט זיין שטודיום אין וואַרשע מיט אַ גאָלדדיפּלאָמע. ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער. ער איז אויפגעטרעטן אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין ערשטן מאַי אין וואַרשע נאָך דעם סאָציאַליסטישן לידער, ניעזשאַלקאָווסקי. נאָך לאשעקס רעדע איז אויסגעבראָכן אַ ספּאָנטאַניש מאַסן אויסרוף: ״זאָל לעבן דאָס אַרבייטענדע פּאַלעסטינאַ!״

דאָס איז געווען אַ צייט פון ברוטאַלן עקסטרעמען אַנטיסעמיטיזם און ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע ווידערשטאַנדס־גרופּע פון די סאָציאַליסטישע רייען כדי צו היטן דעם ״גאָלדענעם בחור״, ווי מען האָט אים גערופן.

מיר, די דריי יונגערע קינדער, זענען אויפגעוואַקסן אונטערן שאָטן פון דעם דאָזיקן טראַגישן געשעעניש.

☆

מיר צוויי שוועסטער האָבן דורכגעמאַכט אַלע גרויל געשעענישן אין דער מלחמה. מיין עלטערע שוועסטער הענריקא (רישאַ) האָט געלערנט יורי פאָרן קריג. זי האָט דורכגעלעבט דאָס פאַרברענען פון וואַרשעווער געטאָ און איר מאַן איז אומגעקומען אין מאַידאַנעק.

איך גאולה, האָב דורכגעלעבט די קריג צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און כ׳האָב זיך געשידן פון זיי מיט זייער טויט.

אונדזער ברודער משה אהרן, וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל פאַר דעם קריגס־אויסברוך — האָט געדינט אין ענגלישן מיליטער און זיך באַטייליקט אין קאַמף געגן די נאַצישע חיות.

פאמיליע עסטרייכער

דער ראש המשפחה פון די פאמיליע עסטערייכער אין ברעזיוו, איז געווען ר׳ אהרן ז״ל און פון דער דאָזיקער משפחה האָבן זיך אָפּגעצווייגט אייניקע גרויסע משפחות אין ברעזיוו, הגם דער נאָמען ״עסטערייכער״ איז פאַר־שוואונדן נאָכדעם ווי דער זון אברהם האָט פאַרלאָזט ס׳שטעטל.

ר׳ אהרן עסטערייכער ז״ל איז געווען אַ בעל מלאכה — אַ בלעכער און דאביי גלייכצייטיק געפירט אַ געשעפט פון געשיר, דערינטער פון זיין אייגענער אַרבעט. ר׳ אהרן איז געווען אַן־איידלער ייד, שטרענג רעליגיעז און אין דעם וועג האָט ער אויך ערצויגן זיינע קינדער. ער איז נפטר געוואָרן באַלד נאכן ערשטן וועלט־קריג.

די משפחות פון דער פאמיליע עסטערייכער, אויסער דעם זון, אברהם, זענען געווען די איידעמס ר׳ חיים לייב דילער, ר׳ נפתלי פייט, מאיר ברוכע, אשר דאפלט, חיים דיק און די שנור געלע וויעלאפאלסקי. אַלע גרויסע משפחות, וועמענס דערוואַקסענע קינדער האָבן אָנגעהויבן בויען זייערע אייגענע משפחות אין שטעטל. די דייטשע מלאכי המוות האָבן בלוטיק פאַרשניטן די לעבנס פון דער דאָזיקער צאָלרייכער משפחה, בלויז געציילטע שרידים איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון די רוצחימס הענט.

מיר האָבן דערמאַנט די משפחה ברוכע — באַזונדערס דאַרף דערמאַנט ווערן די טאָכטער פון מאיר און עטאלע ברוכע — ביילע, וועלכע בעת די רוצחים האָבן זי געפירט צו דער שחיטה אין וואַלד איז זי מיט איר טעכטערל אין דער האַנט, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אויטאָ און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. הי״ד.

מען דאַרף דערמאַנען אויך דעם אומקום פון חיים דיק הי״ד, וועלכער איז אַנטלאָפן פאַר די נאַציס און איז דער־שאָסן געוואָרן אין לעמבערגער קרימינאַל דורך היטלערס פאַרבונדעטע — די סאָוויעטן, ווערנדיק באַשולדיקט אין שפּינאַזש לטובת... דייטשלאַנד...

פון די אויסגערעכנטע משפחות זענען געבליבן לעבן בלויז די טאָכטער פון ר׳ נפתלי פייט — חיה־העלענאַ און דער יונגסטער זון משה.

אויך צוויי זין פון ר׳ אשר דאפלט — פייוול און דוד איז געלונגען זיך צו ראטעווען.

חיים באַנק

די משפחות שערץ

די פאמיליע שערץ איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע און איינגעוואָרצלטע אין שטעטל. כדי אויסצורעכענען די אַלע אָנגעהעריקע צו דער פאמיליע און די קרובהשאַפט צווישן זיי, וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אַ גענעאלאגישע פאָר־שונגס־אַרבעט. נישט האָבנדיק קיין שריפטלעך מאַטעריאל דאוועגן, איז נישט מעגלעך צו מאַכן פון זכרון אַ גענויע רשימה פון זיי.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן דאָס עס זענען אויך געווען אייניקע משפחות מיטן זעלבן נאָמען, וואָס האָבן נישט באַ־לאַנגט צו דער גרויסער שערץ משפחה, הגם ס׳איז מעגלעך אַז זיי זענען ווייט פאַרוואַנדעט און זיי האָבן אפשר אַליין נישט געוואוסט די פאמיליען פאַרבינדונג צווישן זיך.

איך וועל זיך באַמיען צו דערמאַנען, פאַרשטייט זיך, די משפחות שערץ, וועלכע איך געדענק.

ר׳ חיים אליעזר שערץ, זיין פרוי עטל, זייער זון שלמה מיט דער פרוי, און זייערע צוויי איידעמס — ר׳ נפתלי קופליק הי״ד און ר׳ יוסאַלע באבקער ז״ל (געשטאָרבן אין ישראל) מיט זייערע משפחות.

ר׳ מענדל שערץ, זיין פרוי דינה און זייערע קינדער. זיינע זין: **אליעזר שערץ** ז״ל (געשטאָרבן אין רוסלאַנד) זיין פרוי זיסאַלע די טאָכטער פון ר׳ קלמן ווילנער ז״ל פון יאטשמיר, זייער זון משה (אומגעקומען אין אוישוויץ), די טעכטער שיינדל און שבע — זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט דער מוטער אין ברעזיוו. אַ צווייטער זון שמערל שערץ, געלעבט מיט זיין משפחה ביזן קריגס־אויסברוך — אין יאַסלאָ, נאכהער, בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט, געווען אַ פּליט אין קאזאווע און דאָרט אומגעקומען נאָך דער דייטשער אקו־פּאַציע. דער יונגסטער זון — הערש איז אומגעקומען אין פשעמישלער געטאָ. די טאָכטער, מינדל האָט חתונה געהאַט מיטן חזן ר׳ קלמן צוקערמאַן ז״ל (זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד, געשטאָרבן נאכהער אין קאַנאַדע). זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער — דער זון, לייביש, איז אומגעקומען אין רוסלאַנד און די טאָכטער שיינדל איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער מוטער אין ברעזיוו.

ר׳ יצחק שערץ מיט זיין פרוי מלכה. געווען אַ משפּחה פון אַכט קינדער, פון וועלכע פינף זענען אומגעקומען. ראובן — אין אוישוויץ, שמעון איז געשטאָרבן אין די רוסישע לאַגערן. אהרן, נאָכדעם ווי עס איז אים געלונגען זיך אויס־צובאַהאַלטן ביז נאָך דער באַפרייאונג און איז נאכהער ערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּאָלאקן. דער יונגסטער זון, יאסל, און די עלטסטע טאכטער, זענען אומגעקומען מיט די עלטערן אין ברעזיוו.

יאנקל שערץ מיט זיין פרוי מרים. זיי האָבן דריי זין און צוויי טעכטער. די יונגסטע מינה, די אלמנה נאָך משה פרנס ז״ל, געפינט זיך אין ישראל. דער עלטסטער זון מעכאַלע איז געשטאָרבן יונגערהייט, און האָט איבערגעלאָזט אַן־אלמנה, בריינטשע מיט פינף קינדער, פון וועלכע בלויז דער עלצטער זון — יודל, איז געבליבן און ער געפינט זיך אין ישראל.

אין שכנות פון בריינטשען, האָט געוואוינט — אברהם

שערץ מיט זיין ווייב מרים און אַ טאָכטער. עס איז געווען נאָך אַ משפחה אברהם שערץ, וועלכן מען האָט גערופן "דער אלטער אברהם" (געשטאָרבן אין די צוואַנציקער יאָרן).

די אַלע אויסגערעכנטע שערץ משפחות זענען געווען פאַרבונדן מיט משפחה פעדים. עס זענען געווען פאַמיליעס שערץ, וואָס ווי דערמאָנט האָבן זיי נישט אָנגעהערט צו דער גרויסער שערץ משפחה.

געווען אין ברעזיוו ר' שלמה עזרא שערץ ז"ל — אַ היטל־מאַכער און היטל־סוחר.

ר' שלמה עזרא איז געווען אַ תלמיד חכם און אנגעזע־ענער בעל הבית. נאָך די פּאָגראָמען אין שטעטל, האָט שלמה עזרא, צוזאַמען מיט זיין בני בית, אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא, און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט זיין משפחה פון דער שפּעטערדיקער פאַרניכטונג.

עס איז געווען אַ משפחה מלך שערץ מיט עטלעכע קינדער, ווס זענען אומגעקומען אין ברעזיוו, אויסער דעם עלצטן זון מיכאל, וואָס האָט זיך געפונען אַלס פּליט אין טאַרנאָפּאָלער געגנט, דאָרט חתונה געהאַט, און נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע דאָרט אומגעקומען מיט דער משפחה.

עס זענען געווען דריי ברידער שערץ: מרדכי (מען האָט אים גערופן "לובלינער") מעניע און שלמה. אויף די "לאָווקעס" האָט געוואוינט אַ פאַמיליע שערץ און איין זון, חנן שערטץ איז געווען טעטיק אין "יודנראַט".

עס זענען געווען צוויי ברידער שערץ — חיים־שמואל און מלך (אַ שוועסטער איטה האָט עמיגרירט קיין קאַנאַדע). די ברידער האָבן אַ געוויסע צייט געפירט אין ברעזיוו אַ בשותפותדיקן מסחר פון אייער־עקספּאָרט. דער יונגערער ברודער, מלך, איז געווען איינער פון די ערשטע מאָדערנע בחורים אין שטעטל. ער האָט שפּעטער געוואוינט אין קאַטאָ־וויץ און פון דאָרט איז ער אַוועק קיין איטאַליען, דאָרט חתונה געהאַט און זיין זון ברונא — היינט אַ דאָקטאָר אין מאַסאַ־טשוסעטס — איז געבוירן דאָרט.

אין קריג, ווען די איטאַליענישע פאַשיסטן האָבן מיט־געאַרבעט מיט די נאַציס, איז מלך אינטערנירט געוואָרן אין אַ איטאַליענישן לאַגער און איז פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך די איטאַליענישע אונטערגרונט באַוועגונג.

מלך איז געשטאָרבן אין אמעריקא אין יאָר 1972.

דער עלטערער ברודער, חיים שמואל, האָט אין ערשטן וועלט־קריג געדינט אין דער עסטרייכישער ארמע. חיים שמואל האָט געהאַט אַ שיינע שטימע און איז געווען אַמאָל אַ משורר ביי ר' דוד שוחט (לאמפּין). ער איז אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע אין ברעזיוו.

חיים באַנק

די משפחה רינגל אין דאָרף האלידנע

דער פאָטער, ר' מרדכי רינגל און די מוטער בלומע, האָבן געפירט אַ דאָרפס־ווירטשאַפט, פון וועלכע זיי האָבן זיך מפרנס געווען.

די רינגלס זענען געווען שטרענג רעליגיעז און זייער שטוב איז געפירט געוואָרן בתכלית הכשרות. ר' מרדכי איז געווען אַ ייד אַ למדן און אין דעם קליינעם שולעכל, וואָס דאָס דאָרף האָט זיך געקענט ערלויבן — איז ער געווען בעל תפילה און גבאי, ווי אויך דער מוהל פון דער דאָזיקער קליינער קהילה.

די פינף קינדער פון ר' מרדכי און בלומע, האָבן באַקומען אַ רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע ערציאונג.

אין דאָרף האָבן געלעבט פונפצן יידישע משפחות, וועלכע האָבן אַלע, ווי עס איז, אַרויסגעצויגן חיונה. די יידן, זענען געווען גוט איינגעלעבט מיט זייערע נישט יידישע שכנים און זיי האָבן ווייניקער געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי די יידן אין שטאָט.

אַזוי האָבן די דאָרפס יידן געלעבט רואיק און באַשיידן, ביז צום אַריינמאַרש פון די דייטשע הארדעס. דאַן איז זייער לעבן געוואָרן פאַרביטערט און זיי האָבן זיך געפונען אין שטענדיקן פחד.

אין יולי 1942 האָבן די דייטשע באַנדיטן אַרויסגעטריבן די יידן פון אַלע דערפער און קאָנפיסקירט זייער האב און גוטס. די יידן זענען אָנגעקומען קיין ברעזיוו בעירום ובחוסר כל, כדי צו טיילן דעם גורל פון זייערע ברידער. הי"ד.

רשימה פון די אומגעקומענע יידן פון דאָרף האלידנע־וועסעלע

מאיר רינגל פרוי און צוויי קינדער — אומגעקומען אין באלעכאוו

מרים רינגל־טעפער מיטן מאַן און זון — אומגעקומען אין באלעכאוו

מרדכי רינגל, די פרוי בלומע און טאָכטער רחל

מענדל האמער און משפחה

פאמיליע ווייס

מלך טאַג און משפחה

בונים צוויק און משפחה

יצחק בוכמאַן און משפחה

פאמיליע ווערנער

משה ברעננער און משפחה

אברהם טאַג און משפחה

הערשל טאַג און משפחה

מענדל ברעננער און משפחה

משה מגיד און משפחה

דוד רובינפעלד און משפחה

מענדל ריטער און משפחה

הי"ד

חיים באַנק

די פאמיליע טראכמאן

די צוויי ברידער, הערש און בן־ציון טראַכמאַן זענען געקומען קיין ברעזיוו פון דוקלע. ר׳ הערש טראַכמאַן האָט האָט זיך פאַרנומען מיט הורט־האַנדל פון שפייז־אַרטיקלען ווי מעל, צוקער א.א.

אין אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן האָט ר׳ הערשן פּאַסירט אַ גרויס אומגליק אין דער משפחה, און אין איין וואָך כמעט, זענען פלוצים געשטאָרבן, זיין פרוי און אַ זון — פון בלוט פאַרגיפטונג. נאָך דער טראַגישער איבערלעבונג האָט ר׳ הערש פאַרלאָזט ברעזיוו און איז אַריבער קיין סאַניק.

ר׳ בן־ציון מיט זיין משפחה זענען געבליבן וואוינען אין ברעזיוו. ער האָט געפירט אַ ציגלעריי און געהאַט אַ הורט־פאַרקויף פון פוילישן מלוכה מאנאפּאָל אויף בראנפן.

ר׳ בן ציונס פרוי, רעכטשע האָט געשמט מיט איר חכמה און גוטסקייט. זי האָט געפירט אַן־אָפן הויז; יעדער אָרימאַן וואָס איז אַריינגעקומען צו זיי אין הויז הונגעריק, איז אַרויס פון דאָרט אַ זאַטער מיט צידה לדרך ווי אויך אַ שיינע מטבע דערצו.

אויסער די געשעפטן האָט ר׳ בן־ציון עוסק געווען אין געזעלשאַפטליכע טעטיקייט, פאַרנעמענדיק אויך אַ געוויסע צייט דעם אַמט פון ראש הקהל. ער האָט געהאַט אַן־אַנגענעמע שטימע און איז געווען אַ גוטער בעל תפילה. די ימים נוראימדיקע תפילות פון ב״צ טראַכמאַן זענען געווען אַ שם־דבר אין שטעטל; די מתפללים האָבן זיך געקוויקט מיט זיין ״יעלה תחנונגו״, ״כי הנה כחומר״ און אַנדערע פיוטים. אָבער ווייזט אויס אַז צום ״מזל״ דאַרף מען אויך האָבן מזל.

די פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן צווישן די פּאָלאַקן אין שטעטל — און שונאי ישראל האָט ביי אונדז נישט געפעלט — האָבן אָנגעהויבן אַ פּערמאַנענטע העצע באַגלייט מיט פאַרשידענע בלבולים געגן דער טראַכמאַן משפחה מיטן ציל אָװעקצונעמען פון זיי דעם בראנפן מאנאָ־פּאָל. זייער טעטיקייט האָט געברענגט דערצו, אַז ר׳ בן־ציון האָט פאַרלוירן די פאַרטרעטונג און פון דאַן האָט זיך אָנגע־הויבן דער באַרג אַראָפּ פון דער משפחה טראכמאַן.

ביים אַריינמאַרש פון די דייטשע הארדעס איז ר׳ בן־ציון אַנטלאָפן פון שטעטל און קוים דערגרייכט ביז דינאוו — אַ מרחק פון 40 ק״מ פון ברעזיוו, און דאָרט איז ער, אין ראש־השנה דערמאָרדעט געוואָרן דורך די רוצחים צוזאַמען מיט נאָך אַ צוויי הונדערט פּליטים און דינאַווער יידן.

זיין פרוי רעכטשע האָט געהאַט מזל — און אין יענע שרעקליכע צייטן איז עס גערעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויס מזל — זי איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט.

איר מצבה איז די איינציקע וואָס איז געבליבן גאַנץ, אויפן צעשטערטן ברעזיווער בית הקברות.

חיים באַנק

די פאמיליע קינסטלער

איינע פון די ערשטע פרויען וואָס האָט געהערט צו דעם אַוואַנגאַרד פון דעם יידישן ישוב אין ברעזיוו און מיר האָבן נאָך געהערט איבער איר אין אונדזערע קינדער יאָרן — איז געווען די באָבע לויצע, די שוועסטער פון ר׳ מנשה צוויק.

לויצע איז געווען די פרוי פון ר׳ שמואל קינסטלער. איינע פון זייערע טעכטער איז געוועןביילטשע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ אפרים שטיגליץ און די צווייטע, העניע איז געווען די פרוי פון ר׳ חיים יעקב כץ.

ביידע איידעמס, ר׳ אפרים שטיגליץ ז״ל און ר׳ חיים יעקב כץ ז״ל זענען געווען פון די פאַרמעגליכסטע און בכבר־דיקסטע משפחות אין שטעטל. ר׳ אפרים שטיגליץ האָט, ווי שוין דערציילט, פאַרלאָזט ברעזיוו און זיך באַזעצט אין ריישע. אין ברעזיוו האָבן געוואוינט צוויי פון זיינע טעכטער איינע, שרה, איז געווען די פרוי פון ר׳ יעקב פידערער און די צווייטע מינאַ, איז געווען די פרוי פון דעם באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן אין ברעזיוו — ד״ר פעט. פון דער דאָזיקער משפחה איז געבליבן בלויז די יונגסטע טאָכטער בלומע מיט איר מאַן משה בערגלאַס — אַ בן־עיר פון ברעזיוו, וועלכע געפינען זיך היינט אין ניו־יורק. בעת דער מלחמה זענען זיי געווען באַהאַלטן אין בעלגיע.

חיים יעקב און העניע כץ, וועלכע זענען געווען קינדער־לאָז, האָבן אַדאָפּטירט אַ מיידל פון זייער משפחה — חיהטשע, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט ר׳ יואל מאַרקל, דער עלצטער זון פון ר׳ דוד יונה און ברושע מאַרקל, די טאָכטער פון ר׳ אליעזר פּאַס. ר׳ יואל מאַרקל און זיין ברודער אליהו, געפינען זיך אין ישראל און זענען די איינציקע געב־ליבענע פון די כץ און מאַרקל משפחה.

ר׳ חיים יעקב כץ ע״ה האָט נאָך געהאַט דאָס גליק צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט. וועגן דעם גורל פון זיין פרוי העניע און טאָכטער חיהטשע מאַרקל ווערט דערציילט אין אַן־אַנדער קאַפּיטל.

ר ׳שמואל קינסטלער האָט געהאַט אויך צוויי זין — ר׳ לייביש, וועלכער האָט פאַרלאָזט ברעזיוו און איז אַוועק קיין קראקע און ר׳ אליעזר, וועלכער האָט געוואוינט מיט זיין פאַמיליע אין ברעזיוו. ר׳ לייבישס טאָכטער צילע האָט חתונה געהאַט מיט יהושע וואלפמאַן דער זון פון ר׳ דודל וואלפמאַן, דער איידעם פון מנשה צוויק.

ר׳ יצחק פּאַס, דער זון פון ר׳ אליעזר פּאַס ע״ה, האָט נאָך דער ערשטער וועלט־קריג אַנטוויקלט אַ גוט פּראספּע־

רירענד געשעפט. ר׳ יצחק און זיין פרוי גיטאַלע זענען געווען גרויסע בעלי צדקה. און זיי פלעגן פיל העלפן נויט־באַדערפטיקע.

ר׳ יצחק פּאַס איז געווען גבאי פון "ביקור חולים" און פיל מאָל ווען די קאַסע איז געווען ליידיק, פלעגט ער פון זיין טאַש באַצאָלן די דאָקטוירים פאַר זייערע וויזיטן און פלעגט קויפן אין אַפּטייק די רעצעפּטן. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1936.

דער איינציק געבליבענער פון דער משפחה פּאַס, איז דער זון אליעזר, וועלכער געפינט זיך מיט זיין משפחה אין ניו־יאָרק.

חיים באַנק

א בריוו

מיין נאָמען איז בעטי בערגלאַס, פריער בלומע שטיגליץ. איך בין געבוירן אין ברעזיוו און כ׳בין געווען די יונגסטע צווישן די זיבן קינדער אין אונדזער פאַמיליע.

מיין פאָטערס נאָמען איז געווען אפרים שטיגליץ און ער האָט פאַרן קריג געוואוינט אין ריישע. ער און אונדזער שטיף־מוטער, זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט מיין שוועס־טער אסתר, מיין שוועסטער חנה און איר מאַן — יצחק רעוואהאן מיט זייערע זעקס קינדער.

אין ברעזיוו זענען אומגעקומען: מיין שוועסטער שרה, איר מאַן יעקב פידערער, מיין שוועסטער מינאַ מיט איר מאַן ד״ר הענריק פעט און זייערע צוויי קינדער.

מיין מומע העניע כץ, איר טאָכטער קלאַראַ מאַרקל און אירע צוויי זין זענען געווען באַהאַלטן ביי אַן־איידעלער מוטיקער פּוילישער פרוי — זאָפיאַ גורגאַטש. אַ שטעטישער דאָקטער (שובאַ), צו וועלכן זיי האָבן זיך געווענדעט נאָך מעדיצינישע הילף, האָט זיי געמסרט און די גאַנצע פאַמיליע איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן. איך האָב אויך פאַרלוירן מיין ברודער הערש שטיגליץ און זיין פרוי, אין שטעטל קאַלבאַ־שאוו. צוזאַמען זענען אומגעקומען אין דער שואה איבער הונדערט קרבנות פון מיין פאַמיליע.

כ׳וויל אויסדרוקן אַ האַרציקן דאַנק דעם ה׳ חיים באַנק פאַר זיין געבענטשטער איניציאַטיוו צו פאַראייביקן די קדושים.

בעטי בערגלאַס

א בריוו

כ׳וואָלט געוואָלט אַריינשרייבן די נעמען פון די פאַמיליע פריינד — פון מיינע טייערע עלטערן און שוועסטער, אין דעם ספר זכרון פון ברעזיוו. מיינע עלטערן האָב איך צוואַר איינגעשריבן אין ספר זכרון פון "יד ושם", אָבער יעצט רעדט זיך וועגן אַ געדענק בוך פון אונדזער שטעטל, וואו עס זענען געבוירן און האָבן געלעבט מיינע טייערע און זייערע קינדער און דער טויט האָט זיי אַזוי פריצייטיק פאַרשניטן.

איך געדענק אונדזער גליקליכער היים, מיין פאָטער ישראל פריינד, מיין מוטער רחל און מיינע שוועסטער. איך צעליאַ, בין די עלצטע צווישן זיי און צוזאַמען מיט מיין שוועסטער נושאַ, ווי מען האָט זי גערופן אין ברעזיוו, געפונען מיר זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די דריי אַנדערע, מאַניע, מאַכטשע און שפּרינצע זענען אומגעקומען.

מיין מאַמע איז געווען שטאַרק באַזאָרגט צוליב אירע 5 טעכטער, אָבער דער טאַטע פלעגט תמיד זאָגן: "רחל, זאָרג נישט, מיר וועלן זיי פאַרצוקערן"...

כ׳האָב ליב געהאַט דעם טאַטן צוליב זיין גוטמוטיקייט און זיין אָפּטימיסטישן צוגאַנג צום לעבן. ער פלעגט זאָגן: "מען דאַרף ווייזן ג־ט ווי אַזוי מען וויל לעבן — פאַרלאַנג פון אים אַן־אינדיק — וועט ער דיר געבן, אויב דו וועסט פון אים בעטן אויף אַ ביסל קאַרטאָפל — וועסט דו נאָר קאַרטאָפל באַקומען". אַזעלכע אונצייליקע ווערטלעך האָט ער געהאַט פאַר זיין פרוי און טעכטער.

ער איז געווען אַ גוטער מענטש; ער האָט זיך געקענט מיט אַלע בעאַמטע און ריכטער פון שטעטל און ווען אַ ייד האָט געהאַט אַ פּראָבלעם, האָט ער זיך געווענדעט צו ישראל פריינד אפשר וועט ער קענען העלפן.

מיין מוטער און מיר קינדער זענען געווען שטאָלץ מיט אים. אונדזער היים איז געווען פיל מיט ליבשאַפט. איך בין שטאָלץ ביז היינט דערמיט וואָס איך בין ישראל פריינדס טאָכטער.

דאָס וואָס כ׳וויל זעהן אַריינגעשריבן אין זכרון בוך פון ברעזיוו.

איך וואונטש אייך געזונט און ערפאָלג.

צעליאַ קאַפּלאַן

אלי ווייס / **אַ פֿאַרגעסענע משפּחה**

אונדזער שטעטל ברעזיוו איז געווען געבויט לויט דעם סטיל פֿון אַלע שטעטלעך אין גאַליציע: אין צענטער איז געשטאַנען ווי אַריינגעוואַקסן ס׳ראַטהויז מיט אַ הויכן טורם און אויפֿן שפּיץ האָט זיך געפֿונען דער שטאָט־זייגער. אַרום דעם ראַטהויז איז געווען דער מאַרק־פּלאַץ און אין דערמיט איז געשטאַנען אַ ברונים מיט אַ גרויס ראָד און דאָס וואַסער פֿון ברונים האָט מען אַרויסגעפּאָמפּט דורכן דרייען דאָס ראָד.

אַלע יידישע הייזקעס, סיי די געבויטע פֿון האָלץ, און סיי די געמויערטע פֿון ציגל, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין רינק און אין די אַרומיקע געסלעך.

די געוועלבער אין די יידישע הייזער האָבן אַ גאַנצע וואָך אַרויסגעקוקט אין דעם מאַרק־פּלאַץ, זוכנדיק אַ קונה, און האָבן שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף מאָנטיק — דעם וועכנטליכן מאַרק־טאָג.

די יידן האָבן גילעבט צוזאַמען, אויף אַ קליינעם שטח און האָבן זיך אַלע גוט גיקענט, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן אין די בתי תפֿילה און להבדיל אין מרחץ, זיך אַרויסגעהאָלפֿן איינער דעם צווייטן מיט אַ גמילת חסד א. ז. וו.

איך וויל דאָ דערמאָנען איין משפּחה, וואָס האָט געהערט צום שטעטל, אָבער צוליב דעם וואָס זי האָט געוואוינט מחוץ דער יידישער געגנט, בין איך זיכער אַז ווייניקע געדענקען זיי. דאָס איז געווען די משפּחה פֿון דוד סעגאַל הי״ד. די דאָזיקע משפּחה האָט געוואוינט אין אַן־אויסגעשפּראָכן גויישע סביבה — אויף דער צווייטער זייט פֿונעם בעדל־וואַסער, אויף דער ״באַרקאַוועקע״.

די גויישע איינוואוינער פֿון דער ״באַרקאַוועקע״ האָבן געהערט צו דעם נידריקסטן קלאַס פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג אין ברעזיוו. דאָרטן האָבן געוואוינט הויפּטזעכליך אָרימע בעל־מלאכות פּאַכלאָזע אַרבייטער אָהן אַ שטאַבילער באַשעפֿטיקונג, וואָס האָבן געאַרבעט צוויי אָדער דריי טעג אין דער וואָך ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטס אַרבעטן; אייניקע האָבן געהאַט אויך אַ ציג און עטליכע עופֿות.

שווער צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי די יידישע פֿאַמיליע האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אַזאַ געגנט, ספּעציעל ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דוד סעגאַל האָט געטראָגן באָרד און פּיאות און געווען געקליידעט אין חסידישע מלבושים. מעגליך אַז די אָרימקייט פֿון דער יידישער משפּחה איז גיווען איר הויפּט ״מעלה״ וועלכע האָט איר ערמעגליכט זיך אַריינצופּאַסן אין דער דאָזיקער סביבה, דען מיט זיין דלות איז דוד סעגאַל צוגעקומען צו אַזאַ שטופֿע, אַז ער האָט אפֿילו ביים אָרימסטן באַרקאַוועקער גוי, נישט אַרויסגערופֿן קנאה געפֿיל...

די סיבה צוליב וועלכער איך האָב גיקענט דוד סעגאַל מיט זיין הויז־גיזונט איז געווען פֿאָלגענדע: אַלס קינד איז מיין אויפֿגאַבע געווען אַוועקצוטראָגן יעדן פֿרייטיק, באַשטעלטע חלות פֿון אונדזער בעקעריי צו די קונים. צו דער רשימה פֿון די חלות צו ליפֿערן האָט מיין מוטער צוגעגעבן אויך די משפּחה פֿון דוד סעגאַל און איך פֿלעג אַהין ברענגען אַ פֿאַרפּאַקט פּעקל מיט חלות און נאָך אַנדערע צוגאַבן. מיין מוטער הי״ד האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל נישט דערציילן קיינעם וועגן דער זאַך, און איך זאָל אויך נישט וואַרטן דאָרט, ווי געוויינליך, אויף געלט, נאָר איבערגעבן ס׳פּעקל, זאָגן ״אַ גוטן שבת״ און אַוועקגיין.

אויף דעם פּעקל האָבן שוין געוואַרט אַ משפּחה פֿון פֿיר נפֿשות. דער פֿאָטער, דוד מיט צוויי פֿאַרזאָרגטע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן; ס׳ווייב אַ קרענקליכע איינגעדאַרטע פֿרוי מיט אַ טיכל ביז איבערן שטערן, וואָס האָט צוגעדעקט איר אָפּגעשוירענעם קאָפּ; דאָס מיידאַלע, וואָס איז געווען אנגעטון אין אַ לאַנג קלייד נישט פֿון איר מאָס און געטראָגן אויף די פֿיס אַ פּאָר אַלטע מענערישע האַלב־שיך. אויך די בגדים פֿון דעם יונגאַלע זענען געווען פֿון דעם זעלבן סאָרט: אָפּגענוצטע, גרויסע פֿאַרלאַטעטע הויזן און אַ צוריסן העמדל. די פּיאות זענען אַרויסגעוואַקסן פֿון מיטן דעם אָפּגעשוירענעם קעפּל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַן־אויסגעריבן היטל און האָבן פֿאַרדעקט די ״טרעפּלעך״ פֿון די האָר, וועלכע זענען אָפּגעשוירן געוואָרן מיט אַ שערל דורך אַ נישט געניטער האַנט.

די גאַנצע הייזקע איז באַשטאַנען פֿון דער איינציקער שטוב, וואָס האָט אויך געהאַט אַן־אייזערנע קיך צום קאָכן און אַן־אויוון צו באַקן ברויט און נאָר איין ג־ט ווייסט וויפֿל און ווען זיי זענען באַנוצט געוואָרן.

אַריינקומענדיק פֿרייטיק פֿאַרנאַכט צו זיי אין הויז, האָב איך געזען אַז דאָס צעבראָכענע טישל וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב איז שוין געווען צוגעדעקט מיט אַ פֿאַרלאַטעט טישטוך און געוואַרט פֿאַרשעמט, מען זאָל דערויף אַרויפֿלייגן אַ פּאָר חלות ״לכבוד שבת״ ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטובן.

דוד סעגאַל איז געזעסן ביים טישל און גימורמלט פֿון סידור די תפֿילות. וואָס עס זענען געווען זיינע בקשות צו ג־ט וועלן מיר שוין נישט וויסן, אָבער וואָס ער האָט גידאַרפֿט איז נישט שווער צו טרעפֿן.

ביים הויז האָט דוד סעגאַל גיהאַט אַ קליינע ווינט מיל, און ווייזט אויס, אַז ווען עס איז געווען אַ ווינט האָט ער נישט גיהאַט וואָס צו מאָלן, און אַז ער האָט שוין גיהאַט עפּיס צו מאָלן איז מסתמא נישט געווען קיין ווינט.

פּסח צייט האָט די מיל ווי אויפֿגילעבט. עס האָבן געבלאָזן שטאַרקע ווינטן און מענטשן האָבן געברענגט ווייץ צו מאָלן אויף שמירה מצות. די עטליכע וואָכן פֿאַר פּסח, זענען געווען דוד סעגאַלס סעזאָן. ער איז אַרומגעלאָפֿן אַ פֿאַרפֿאַריטער אַרום דער מיל און געהאַט ס׳געפֿיל אַז פֿון איצט אָן הייבט זיך אָן אַ צייט פֿון אַרבעט און פּרנסה. דערנאָך האָט אַלץ ווידער איינגישלאָפֿן.

די מיל איז געווען דוד סעגאַלס מקור פֿון זיין פּרנסה און דער מקור פֿון זיין אביונות. מעגליך, אַז די דאָזיקע מיל דרייט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג, אָבער זי מאָלט נישט מער קיין שמירה מעל דען, דער וואָס האָט זי אין בעטריב גיברענגט, צוזאַמען מיט די געברויכער פֿון שמירה מצות געפֿונען זיך אין דעם גרויסן ברידער קבר אין ברעזיוו.

אלי ווייס / מיין משפחה

מיין עלטער זיידע און עלטער באבע, שרגא און מישקעט לאַכמאַן, זענען ביידע געוועזן פון ברעזיוו. זיי האָבן געהאַט זיבן קינדער וועלכע זענען באַקאַנט געוועזן מיט נאָמען "בני מישקעט". איין זון שמעון, איז אַוועק קיין אמעריקא און די איבריקע זעקס זענען געבליבן אין ברעזיוו.

איין זון איז געוועזן ר' **נפתלי לאכמאַן** הי"ד. זיין משפחה האָט געציילט 10 קינדער, פיר פון זיי זענען עולה געוועזן פאַר דער מלחמה קיין ארץ ישראל. איין זון, שמואל האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. ר' נפתלי מיט זיין פרוי אין פינף קינדער זענען אומגעברענגט געוואָרן אין ברעזיוו.

די ערשטע טאָכטער **סימע** איז געוועזן די פרוי פון ר' **גרשון שפינדלער** הי"ד. זיי האָבן געהאַט אַכט קינדער. די עלצטע טאָכטער טויבע איז עולה געוועזן פאַרן קריג קיין ארץ ישראל. איין זון, יאסל, איז אומגעקומען אין פראַנקרייך און זיינע צוויי זין זענען דאָרט געבליבן אַלס קליינע קינדער, אין אַ קריסטליכן אַנשטאַלט. זייער מומע טויבע איז געלונגען זיי צו ברענגען פון דאָרט קיין ישראל.

צוויי שוועסטער — מישקעט און סאניע געפונען זיך אין אמעריקא. די עלטערן, די זין — פייבל, הערש־מלך, מענדל און די טאָכטער מאַלע, זענען אומגעקומען אין ברעזיוו.

די צווייטע טאָכטער **הענטשע** האָט חתונה געהאַט מיט ר' **יוסף טיסער** ז"ל. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער, שמואל — אוועק קיין אמעריקע און מלכה — עולה געוועזן קיין ארץ ישראל.

די דריטע טאָכטער **פייגע**, האָט חתונה געהאַט מיט ר' **משה רובינפעלד** ז"ל פון בערטש. זייער זון פייבל מיט דער משפחה זענען אומגעקומען אין געטאָ קראַקע.

די פערטע טאָכטער, **כולע** איז געוועזן די פרוי פון ר' **נפתלי לעווי** ז"ל. ביידע זענען אומגעקומען אין ברעזיוו. זייער טאכטער אסתר לעבט מיט איר משפחה אין ישראל.

די פינפטע טאָכטער, **חיה** האָט חתונה געהאַט מיט מיין זיידן — **אורן ווייס** פון באַריסלאַוו. ער איז געוועזן איינער פון די גרינדער און בויער פון דער "חברה לינה" קלויז. דער זיידע אורן, האָט געהאַט אַ קליינע בעקעריי, און פון איר האָט ער זיך מתפרנס געוועזן.

ער האָט געהאַט פינף קינדער. די טאָכטער לאהטשע איז אַוועק קיין אַמעריקא און פיר זין זענען געבליבן אין ברעזיוו. אַלע האָבן זיך מפרנס געוועזן פון בעקעריי.

דער עלצטער זון, **אלי הערש** האָט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע, ליבע לאַכמאַן און זיי האָבן געהאַט 9 קינדער. פיר פון זיי זענען אומגעקומען אין ברעזיוו צוזאַמען מיט די עלטערן: מרים, אסתר, סוניה און חנהלע — הי"ד. דער זון יאשע איז אומגעקומען אין רוסלאַנד. דער עלצטער זון מאיר וואלף איז געשטאָרבן אין אמעריקא. מאַנעס האָט זיך געראַטעוועט אין פראנקרייך, מישקעט איז אין אמעריקאַ און דער יונגסטער פון די זין, שלמה, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אַלס פוילישער סאלדאַט אין קאַמף געגן די דייטשן — געפינט זיך מיט זיין משפחה אין ישראל.

דער צווייטער זון פון אורן ווייס איז געוועזן מיין פאָטער **בעראלע ווייס**. מיין מוטערס נאָמען איז געוועזן אסתר. מיר זענען געוועזן 10 קינדער פון וועלכע זעקס זענען געבליבן לעבן.

פינף ברידער — מאיר, יוסקע, חיים־אורי, איך, אלי און טאָטשע (נפתלי) זענען געראַטעוועט געוואָרן אין רוסלאנד, דורכמאַכנדיק די לאגערן אין סיביר. אונדזער עלצטער ברודער מאיר, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פוילישער ארמע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רוסלאַנד און האָט געקעמפט געגן די היטלעריסטן ימ"ש. מיין ברודער, נטע איז געוועזן אין ברעזיוו. פון דאָרט איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין פלאשאוו און נאָכדעם קיין אוישוויץ, און איז געבליבן לעבן. פיר פון אונדז געפונען זיך אין ישראל און צוויי אין אמעריקא.

די איבריקע פיר קינדער און אונדזערע עלטערן זענען אומגעקומען. הי"ד.

דער דריטער זון פון אורן ווייס, איז געוועזן **מאַנעס ווייס** (מאנאלע) זיין פרוי, איידאַלע, איז געוועזן פון סאָניק. נאָך דעם אַריינמאַרש פון די דייטשן, זענען זיי אַריבער דעם טייך "סאָן" צו די רוסן. זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן אויפן סיביר, און געבליבן לעבן. זיי זענען געוועזן די איינציקע משפחה אין ברעזיוו וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען און גאַנצערהייט זיך געראַטעוועט.

מאַנאַלע ז"ל איז געשטאָרבן באַלד נאָכן קריג. איידאַלע ז"ל האָט זוכה געוועזן צו אריכת ימים אין ישראל. זי פלעגט זיך באַטייליקן יעדעס יאָר אין די "הזכרות" פון שטעטל און אַלע האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס דרך ארץ און ליבשאַפט, זעענדיק אין איר די איינציקע מאַמע פון שטעטל וואָס איז געבליבן לעבן. זי איז נפטר געוואָרן אין ישראל אין טיפן עלטער.

ביידע קינדער פון מאַנאַלע און איידאַלע ווייס — איטע און יוסף — וואוינען מיט זייערע משפחות אין ישראל. איטע האָט חתונה געהאַט מיט איר קוזין — מיין ברודער, מאיר.

דער פערטער זון פון זיידע אורן — **פייבל ווייס**, זיין פרוי שרה, זייער טאָכטער אסתר־רבקה און זון אורן — זענען אַלע אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון די ברעזיווער יידן. הי"ד.

חיים באנק / **ר׳ ישראל פייט ז״ל**

שוין אין 19־טן יאָרהונדערט איז אין ברעזיוו געווען אַ באַדייטענדע יידישע באַפעלקערונג, מיט אַלע נויטיקע אינ־סטיטוציעס: בתי תפילה, ״חברה קדישא״, ״ביקור חולים״, גמילות חסדים קאַסע א. ד. גל.

ר׳ ישראל פייט, דער זון פון אלכסנדר זוסמאַן פייט איז געבוירן אין יאָר 1858. די מוטער פון ר׳ ישראל איז גע־שטאָרבן ביי זיין געבורט, און ער איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי אַן־אָרעמע מומע. ווען ער איז אויפגעוואַקסן, האָט ער געלערנט שניידעריי און דערפון האָט ער זיך מפרנס געווען.

ער איז געווען דער גבאי פון ביקור חולים און געהאָלפן קראַנקע אויף יעדן מעגליכן אופן. ר׳ ישראל האָט זיך אויס־געצייכנט מיט פיל איניציאַטיוו. ער האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם בויען די ״חברה לינה״ קלויז. ספעציעל האָט ער געזאָרגט צו באַשטעלן אַ מאָלער וועלכער האָט געמאַכט די באַרימטע מאָלערייען אויף די ווענט.

ווען דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער, איז געקומען אויף אַ באַזוך אין ברעזיוו, האָבן זיין שוואָגער און שוועסטער, ד״ר שמואל זעלנפרוינד און זיין פרוי, אים גענומען אין דער ״חברה לינה״ קלויז. ד״ר שיפּער איז געווען מלא התפעלות פון די אָרגינעלע מאָלערייען דאָרט, און באַ־מערקט, אַז זיי זענען באַשטימט געמאַכט געוואָרן דורך אַ גרויסן קינצלער. אייגנטליך זענען די מאָלערייען געמאַכט געוואָרן דורך אַ פּאָלקס מאָלער, אַ פּשוטער ייד, וועלכער האָט זיי געמאָלן אונטער דער ווירקונג פון יי״ש, וואָס ער פלעגט יעדעסמאָל אַ זופּ טאָן בעת דער אַרבעט...

ר׳ ישראל פייט און זיין ווייב שרה האָבן געהאַט פיר קינדער. צוויי זין און צוויי טעכטער. די חופה פון דער עלצטער טאָכטער, רייזל מיט איר חתן ר׳ איטשע פענצטער, איז געווען די ערשטע חופה אין דער ״חברה לינה״ קלויז און איז פאָרגעקומען צוזאַמען מיט דער חנוכת הבית פון דער קלויז.

ר׳ ישראל איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1915, זיין ווייב שרה איז געשטאָרבן ז׳ אדר 1940 און אַזוי אַרום פאַרשפּאָרט זיך אַן־אַכזריותדיקן טויט דורך די דייטשע רוצחים. אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז שרה איז געווען אַ צדקת. ערשטנס צוליב אירע מעשים טובים און צווייטנס ווייל זי איז נפטר געוואָרן אין טאָג פון משה רבינוס פטירה.

ביידע זין זענען נפטר געוואָרן אין אַמעריקע. די טאָכטער רייזל מיט איר מאַן און קינדער, זענען אומגעקומען אין דער שואה, בלויז איין זון, דוד, איז ניצול געוואָרן.

די יונגערע טאָכטער צביה, איר מאַן, זון און שנור, זענען בנס ניצול געוואָרן, און לעבן יעצט אין ניו־יורק.

חיים באנק

ברכה האן (וואלפמאן) / **מיין פאמיליע און מיין שטעטל**

כמעט 50 יאָר זייט כ׳האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל ברעזיוו, וואו כ׳בין געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָרן.

כ׳געדענקט די ״פּאַטשענעס״ — אַ לאַנגע רייע פון הייזער מיט אַרויסשטאַרצענדע שויט־דעכלעך, וואו מיר פלעגן שפּאַ־צירן אַהין און צוריק בשעת אַ רעגן.

איך געדענק דאָס דעליקאַטעסן געשעפט פון מאַשע פיינ־גאָלד, די קליינע אינטעליגענטע פרוי מיט דעם שטענדיקן שמייכל וועלכע פלעגט אויפנעמען אירע קליענטן מיט העפ־ליכקייט, באַדינט אַלע מיט געדולד און ליבלעכקייט. אַ באַ־זונדערע הנאה איז געווען אריינצוגיין אין איר געשעפט. זי איז יונגערהייט געוואָרן אַן־אלמנה, געבליבן מיט קליינע קינדער און זיי אויפגעצויגן בכבודיק. די עלצטע טאָכטער, עטקע, איז אַוועק קיין לעמבערג, וואו זי איז אומגעקומען מיט איר משפחה, די דריי גרויסע זין, צו לאַנגע יאָרן, זענען ניצול געוואָרן. איבער זיי איז איבריק צו שרייבן זיי זענען אונדז אַלעמען באַקאַנט מיט זייערע מעלות.

איך דערמאָן מיך די סליחות־טעג, ווי דער שמש פלעגט גיין שפּעט אין דער נאַכט, געקלאַפּט אין די טירן און אויפ־געוועקט די שלאָפענדע מענטשן: ״יידן, שטייט אויף צו סליחות!״ די ימים נוראים מיט דער ציטערניש און געוויין אין בית המדרש.

איך געדענק פּורים, ווי דער טאַטע איז געזעסן ביים טיש אויבן אָן, פאַרשטעלטע זענען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, געזונגען און געשפּילט און דער טאַטע האָט אַרויס־גענומען מטבעות פון אונטערן טישטוך און געטיילט פאַר זיי.

אין שטעטל איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע טעטיקייט פאַר ארץ ישראל. איך געדענק אַן־אָוונט אין זאַל ביי קרענצ־לערן, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און געזונגען סולו מיט דער באַגלייטונג פון דעם וויאָלעניסט, לאַנער — ״ארץ ישראל איז מיין פאָטערלאַנד״.

אין שטעטל איז געווען אַ העברעאישע שול. די ערשטע לערערן איז געווען מרים סובאל ז״ל, שפּעטער אַ חברה אין קיבוץ אפיקים. נאָכדעם איז געקומען קיין ברעזיוו אליעזר טייכער הי״ד, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיין שילערן גליקל בראַף הי״ד. ביידע זענען אומגעקומען אין דער שואה.

כ׳וועל דערמאַנען מיין היים און פאַמיליע. מיין טאַטע איז געווען אַ תלמיד חכם, אַ מוסטערהאַפטער פאָטער, אַ מוסטערהאַפטער מאַן און אַ מוסטערהאַפטער מענטש. ער

איז געווען אייניקע יאָר אין אַמעריקאַ. דאָרט האָבן שוין געוואוינט זיינע טעכטער קלאַראַ און גיטל. ער איז צוריק־געקומען פון דאָרט, עטליכע יאָר פאַרן קריגס־אויסברוך.

מיין ברודער יעקב איז געווען אין ארץ ישראל; ליידער האָט ער דאָ נישט געפונען זיין אָרט און איז צוריקגעפאָרן צוויי טעג פאַר מיין עליה. מיין ברודער אסקאַר, האָט גע־וואוינט אין קראָקע און אין קריג איז ער געקומען קיין ברעזיוו, האָפנדיק, אַז די דייטשן, וועלן נישט אַריינקומען אין אַזאַ קליין שטעטל. אין ברעזיוו איז ער אומגעקומען, זיינע צוויי זין, דולעק און סאַלעק, האָבן זיך געראַטעוועט. כ'האָב נאָך געהאַט

צוויי ברידער, יהושע און יוסף, ווי אויך צוויי שוועסטער, צפורה און לאה, אַלע זענען אומגעקומען.

מיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון מנשה צוויק, איינער פון די פאַרמעגליכסטע און חשובע בעלי־בתים פון שטעטל.

ס'זענען געווען צייטן. פ'זענען געווען עלטערן, משפחות, שוועסטער און ברידער — יעצט זענען זיי מער נישט דאָ.

מיין תפילה: די געבליבענע, וועלכע געפונען זיך מיט אונדז, זאָלן זוכה זיין צו לאַנגע יאָרן און שלום.

אמן ואמן.

אברהם לעוויטע / פאַמיליע העניג

איינער פון די פילפאַרביקסטע און ארגינעלסטע טיפּן אין שטעטל, איז געווען אהן ספק, ר' משה יאַנקל ז"ל. ער איז געווען אַ מלמד פון חומש און רש"י און אָנהויבן גמרא; שטאַרק טאַלענטירט אין שניצן און אין מאָלן; ער פלעגט אויסשניצן פאַרשידענע חפצים און תשמישי קדושה ווי בשמים ביקסלעך, חנוכה לעמפּלעך א. א.

די אויסגעשניצטע מזוזות און די געמאָלענע "משנכנס" (אדר) אין די בתי תפילה אין שטעטל, זענען געמאַכט געוואָרן דורך אים, און די וואָס אַנדערע האָבן געמאַכט זענען געווען נאָכגעמאַכט משה יאַנקלס שאַפונגען.

ער איז געווען באַרימט מיט זיין הומאָר און פיל פון זיינע ווערטלעך און שפּריכווערטער, וועלכע זענען געווען פול פאָלקס־חכמה און שאַרפזיניקייט, זענען געוואָרן אַ טייל פון דעם אָרטיקן פאָלקלאָר און מען פלעגט זיי נאָכזאָגן אין זיין נאָמען. מיטן פאַרשוואונדן פון דעם דור וואָס האָט גע־לעבט מיט אים איז פאַרלוירן געגאַנגען אַן־אוצר פון פאָלקס חכמה.

איך געדענק אים קוים, פון זיינע לעצטע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען קראַנק און שוואַך. האַרט פאַר דער פטירה האָט ער צעבראָכן אַ פּוס. ליגנדיק מיט דעם צעבראָכענעם פּוס, האָט ער זיך געוואונדערט: כ'ווייס נישט וואָס דער רבונו של עולם האָט פון מיר געוואָלט — ער האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל אים דעזערטירן?...

פון זיינע קינדער האָבן געוואוינט אין ברעזיוו 3 זין. דער יונגסטער, דוד ז"ל — אַ שיינער שלאַנגער מאַן, מיט אַ רויטער געפלעגטער באָרד, איז פּלוצים אַוועקגעשטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן און איבערגעלאָזט אַ פרוי, דינה מיט צוויי קינדער: אַ טאָכטער מיטן נאָמען אסתר, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אברהם קופּפער ז"ל פון סאַניק (געשטאָרבן אין ישראל) און אַ זון — מענדל ז"ל אַ שיינער געזונטער בחור אַ ספּאָרטסמאַן, וואָס איז, ווי זיין פאָטער, געשטאָרבן פּלוצים, אין עלטער פון 16 יאָר. אסתר און איר מוטער, דינה זענען אומגעקומען אין דער שואה.

די אַנדערע צוויי זין פון משה יאַנקל, זענען געווען בער, און מיין פעטער יום־טוב־ליפּא. דיביידע ברידער האָבן זיך משדך געווען: פּנחס, בערס זון, וועלכער איז אַוועק קיין פראַנקרייך, האָט חתונה געהאַט מיט דער קוזינע, יום־טובס טאָכטער — אסתר, און זיי האָבן דאָרט געלעבט ביז דער דייטשער אָקופּאַציע. פּנחס האָט אויך אַריבערגענומען קיין פראַנקרייך זיינע עלטערן און גאַנצע משפחה, און דאָרט זענען זיי שפּעטער אומגעקומען פון די דייטשע מערדערס הענט. פּנחס איז אומגעקומען אין אוישוויץ און אסתר מיט די קינדער האָבן זיך געראַטעוועט און געפינען זיך אין קאַנאַדע.

ר' בער העניג איז געווען אַ ייד אַ חכם און פיל סוחרים פלעגן קומען צו אים זיך באַראַטן אין געשעפטס ענינים. ער פלעגט דינען אַלס בורר אין קאָמפּליצירטע געשעפטליכע סכסוכים, און ביידע צדדים האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זיין ערליכקייט און יושר.

מערקווירדיק, ווי ער, וואָס פלעגט באַשליסן אין וויכטיקע געשעפטס אַנגעלעגנהייטן און געוואוסט ווי צו געבן עצות אַנדערע ווי אַזוי צו פירן זייערע געשעפטן האָט אַליין גע־לעבט אין דחקות. ווייזט אויס אַז דערויף ווערט עס געזאָגט: קיין דאָקטאָר קען זיך אַליין נישט היילן...

כ'וויל דאָ ברענגען אַ קליינעם עפּיזאָד פון ר' בער ז"ל:

אַ בחור פון אַ בעל הבתישע היים אין שטעטל, אַ בן־תורה האָט זיך געקליבן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און געגומען זיך לערנען אַ פאַך — טישלעריי, כדי זיך דערמיט מפרנס צו זיין. ווען ער האָט געענדיקט לערנען ס'פאַך, האָט ער געדאַרפט צוגיין מיט צוויי קליינע האָקערלעך פון זיין איי־גענער אַרבעט כדי עגזאַמינירט צו ווערן דורך דעם האַנט־ווערקער פאַראיין און אַרויסנעמען אַ בערופס־צייגניש.

דער בחור האָט זיך אָנגעטון געהעריק און היות ווי ס'פּאַסט נישט פאַר אַ לייטישן בחור, אַ בעל בתיש קינד צו טראָגן אין גאַס בענקלעך, האָט ער געדונגען סענדער דעם טרעגער, ער זאָל זיי ברענגען פאַר אים אין דעם האַנטווערקער ביוראָ.

דורכגייענדיק נעבן בער העניג, האָט אים דער בחור באַ־גריסט און בער האָט אים געפרעגט, ווי דער שטייגער איז געווען אין דער פאַמיליאַרער אַטמאָספערע אין שטעטל:

וואוהין גייסטו און וואָס טראָגט דאָס סענדער פאַר דיר ?

ווען דער בחור האָט אים דערציילט דעם ציל פון זיין וועג, האָט אים בער געזאָגט: הער זיך צו מיין קינד, איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז דו וועסט קיין טישלער נישט זיין !

— פאַרוואָס ? האָט דער פאַרוואונדערטער בחור געפרעגט. בער האָט אים געענטפערט: ס׳איז אַ פשוטער שכל. דער שטייגער פון אַ בעל מלאכה איז, צו זיין שטאָלץ מיט זיין אַרבעט, און דו, שעמסט זיך גאָר דורכצוגיין איבער די גאַס מיט די בענקלעך פון דיין אייגנהענטיקער אַרבעט גיסטו זיי סענדערן ער זאָל זיי טראָגן אנשטאַט דיר... ס׳איז איבריג צוצוגעבן, אַז בער איז גערעכט געווען און דער בחור קומענדיק אין לאַנד אַריין האָט זיך איבערהויפּט נישט פאַרנומען מיט טישלעריי...

מיין פעטער יום טוב (ליפּא) העניג הי״ד איז געווען אַ תלמיד חכם פון די געשעצטע בעלי בתים אין שטעטל, און איינער פון די חשובע סאַדיגורער חסידים. ער האָט זיך באַטייליגט יאָרן־לאַנג אין די גמרא שיעורים אין אָוונט אין סאַדיגורער קלויז צוזאַמען מיט ר׳ יעקב יצחק זאַלץ, ר׳ אליעזר שערטץ, ר׳ שלמה אייזן און מיין פאָטער חיים הערץ לעוויטע — הי״ד.

די שיעורים האָבן אָנגעהאַלטן אָהן איבערייס, ווינטער און זומער, ב׳יז צום קריגס אויסברוך.

ר׳ יום טוב איז געווען פיל הומאָר, זיין שאַרפזיניקייט האָט ער גערשנט פון פאָטער צוזאַמען מיט זיין קינצלערישע נייגונג, וועלכע ער האָט נישט אַנטוויקלט, ווי עס איז געווען מיט פיל טאַלענטן, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין יענער צייט.

אַלס קינד פלעג איך שטאָלצירן חנוכה מיט דעם שיינעם, פון בליי געגאָסענעם דריידל, וואָס ער האָט פאַר מיר געמאַכט, און שמחת תורה האָב איך פון אים באַקומען אַ פאָן פון זיין האנט־אַרבעט מיט אַ ספר תורה אין אַנ־אָפּענעם ארון קודש און איןביידע זייטן צוויי ״עכטע״ לייבן, וועלכע זענען געשטאַנען ווי אַנ־ערן־וואַך. די פאָן איז געווען די שענצטע פון אַלע פענער אין קלויז און אַלע קינדער האָבן מיך מקנא געווען.

ר׳ יום טוב העניג איז געווען געקליידעט תמיד, זויבער, אָהן אַ שפּרענקאַלע. ער איז געווען סענטימענטאַל, ווען ער פלעגט הערן שפּילן פידל איז ער געוואָרן גערירט ביז טרערן. ער האָט זיך פאַר מיר אַמאָל פאַרטרויט, אַז פידל־שפּילן איז געווען זיין חלום פון קינדווייז אָן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען צו פאַרווירקליכן די דאָזיקע שטרעבונג זיינע.

ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר דער מאָדערנער וועלט און נייגעריק געווען אויף אַלע טעכנישע ערפינדונגען, אָבער דאָס אַלץ, ווי זיין נייגונג צו קונסט, איז געהעמט געוואָרן דורך די האַרבע נאָרמעס, וואָס האָבן געהערשט אין די דעמלסדיקע חסידישע קרייזן. די באַגרעניצונגען זענען געווען שטרענגע אהן פשרות, און אין זיין דור האָבן נאָר גאַנץ ווייניקע געוואַגט דורכצוברעכן זייערע גרעניצן.

באַלד ביי זייער אַריינמאַרש אין שטעטל, האָבן די דייטשן פאַרשלאָסן זיין גאַלאַנטעריע געשעפט און מער איז עס נישט געעפנט געוואָרן. די מומע שרה גיטל האָט נאָך באַוויזן צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט אין יאָר 1941 און איר טויט האָט אַרויסגערופן קנאה ביי דער גאַנצער משפחה. דער פעטער, וועלכער איז געבליבן אַליין האָט געלעבט ביז צו דער שואה און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטעטל. הי״ד.

די טעכטער לאה ז״ל און קלאַראַ צו לאַנגע יאָרן, זענען געווען אין קאַנאַדע, אסתר און דער זון אברהם זענען ניצול געוואָרן אין פראַנקרייך.

די עלצטע טאָכטער, עטל ווערנער מיט דער פאַמיליע (פון סאָניק) און די צוויי יונגסטע טעכטער פייגע און רייזל (יעצט אין חולון) האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד.

רישה זעלנפּרווינד / **א טראַגישע משפחה**

אונדזער שטעטל ברעזיוו איז געווען אַ קרייז שטאָט, וואו עס האָט זיך אויך געפונען אַ געריכט פון נידריקער אינסטאַנץ (״סאָנד גראָדצקי״). צווישן די אַלגעמיינע צאָל ריכטער האָט זיך געפונען איין איינציקער ייד מיטן נאָמען ד״ר לעאָן הארַאוויץ.

דער דאָזיקער יידישער ריכטער איז געווען באַקאַנט מיט זיין ערליכקייט און פאַך־קענטעניש און ער האָט אויך גענאָסן פון כבוד און פאַרערונג ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

ד״ר הארַאוויץ׳ס משפחה איז באַשטאַנען פון זיין פרוי אַמאַליא, די טאָכטער אַננאַ און דער זון דוד־דז׳יושעק.

גלייך נאָכן אָנפאַנגען פון אַנדז׳יאַס שטודירן אויפן קראָקאָווער יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט האָט די פאַמיליע געטראָפן אַ גרויס אומגליק. ד״ר הארַאוויץ, וועלכער האָט געליטן אויף נירן־שטיינער, האָט געמוזט דורכמאַכן אַנ־אָפּעראַציע און איז באַלד דערנאָך געשטאָרבן.

די אלמנה מיט ביידע קינדער האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין קראקע, וואו ס׳איז זיי געווען לייכטער אויסצוהאַלטן די קינדער און זיי דערמעגליכן צו שטודירן.

די טאָכטער, אַנדז׳יאַ האָט אָנגענומען אַ לערער־פּאָסטן אין אַ מיטל־שול און אויף וואַקאַציע איז זי געפאָרן אין דעם באַקאַנטן קוראָרט — קרעניץ.

צום אומגליק איז זי דאָרט שווער קראַנק געוואָרן און געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַרשפעטיקטע דיאַגנאָזע פון די

דאָקטוירים און אַזוי אַרום איז אַזוי פּריציייטיק פֿאַרשניטן געוואָרן דאָס לעבן פֿון דעם יונגן מיידל. זי איז געשטאָרבן אויף בויך־טיפוס.

די דאָזיקע טרויעריקע געשעעניש האָט פּאַסירט פֿאַר דער מלחמה.

די נעכסטע ידיעה וועגן דער אומגליקליכער משפּחה האַראוויץ האָב איך דערהאַלטן אין יאָר 1942 פֿון מיין פֿאָטערס לאַנג יעריקע סעקרעטאַרן, שרה ביבער, וועלכע האָט מיר געשריבן קיין וואַרשע, אַז די פֿרוי האַראוויץ מיט איר זון און געטרייער דינסט, זענען אַנטלאָפֿן פֿאַר די דייטשן און זיך באַזעצט אין מזרחדיקן טייל פֿון פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די סאָוויעטן, און דאָרט גאַנץ רויִק געלעבט ביז צום דייטשן אָנגריף אויף דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.

דוד, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען דז׳יושעק, האָט נאָך פֿאַרן קריגס אויסברוך, געענדיקט דעם יורידישן פֿאַקולטעט, אַרבעטנדיק אין זיין פּראָפֿעסיע, און אַזוי אַרום געהאַט די מעגליכקייט אויסצוהאַלטן די משפּחה.

אין יאָר 1941, ווען די דייטשן האָבן פֿאַרנומען דעם מזרח טייל פֿון פּוילן, איז דער יונגער דוד דערמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן־אַנטיסעמיטן (לויט די ידיעות, וואָס מיר באַזיצן, איז דוד דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציס אַלס אָנגעשטעלטער אין טאַרנאָפּאָלער יודנראַט צוזאַמען מיט די איבעריגע יודנראַט מיטגלידער — רעד.).

די קראַנקע צובראָכענע פֿרוי האַראוויץ איז געקומען מיט איר דינסט קיין ברעזיוו אָהן שום מיטלען צום לעבן. די יידן אין ברעזיוו האָבן געזאַמלט געלט און איר געהאָלפֿן.

וועגן זייער שווערער לאַגע האָט מיר שרה ביבער מיטגעטיילט (שרה ביבער איז דאַן געווען סעקרעטאַרן פֿון יודנראַט). כ׳האָב איר געשיקט אַ געוויסע סומע געלט.

אין דער צווישן צייט איז די פֿרוי האַראוויץ געשטאָרבן און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דערמאָרדעט צו ווערן דורך די דייטשע היטלעריסטישע בעסטיעס.

צוזאַמען מיט דער האַראוויץ משפּחה וויל איך דערמאָנען זייער געטרייע דינסט, אַננאַ טשאַבאַן, וועלכע די פֿרוי האַראוויץ האָט מיטגעבראַנגט מיט זיך פֿון איר געבורטס שטאָט, טשאַרטקאָוו, און קען אַריינגערעכנט ווערן ווי אַ משפּחה מיטגליד.

זי איז געווען צוגעבונדן צו דער משפּחה, באַזונדערס צו די קינדער, זיי ליב געהאַט און שטאָלצירט מיט זיי ווי מיט אייגענע קינדער.

זי איז געשטאָרבן עטליכע יאָר נאָך דער מלחמה. זאָל בלייבן אויף אַן־אָנדענק פֿון אַ פּשוטער רוטענישער פֿרוי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזט די האַראוויץ פֿאַמיליע און ביז צום טויט געבליבן געטריי איר יידישע ברויט־געבערן.

אונדזער פאמיליע

אידא טראטנער (לויפער)
אברהם (רומעק) לויפער

אונדזער זיידע שלום לויפֿער ז״ל איז געקומען קיין ברעזיוו אין יאָר 1880 פֿון דער סלאָוואַקישער שטאָט מעדזשילאַבורצע (מיזשעלאַבריץ אין יידיש). ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ברעזיווער טאָכטער — מיראַלע לערנער. זיי האָבן געפֿירט פֿאַרצווייגטע געשעפֿטן, איינבאַזירט זיך און אויפֿגעשטעלט אַ גרויס הויז אין צענטער שטאָט. אין לויף פֿון די יאָרן האָבן דאָס הויז באַוואוינט זיין פֿאַרברייטערטע משפּחה און ס׳האָבן זיך געפֿונען דערין זיינע געשעפֿטן.

אונדזער זיידע איז אַלט געווען 86 יאָר ווען די דייטשע רוצחים האָבן פֿאַרניכטעט ס׳ברעזיווער יודנטום, און ער איז געווען צווישן די עלצטע יידן, וואָס זענען אומגעקומען אין שטעטל און האָט נישט זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט, ווי זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן.

אין דעם גרויסן הויז פֿון אונדזער זיידן, האָבן מיר געוואוינט צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן בן־ציון און פּעסל לויפֿער הי״ד און אין דעם הויז האָבן אונדזערע עלטערן געפֿירט זייערע הורט־געשעפֿטן. אויך האָט אין דעם הויז געוואוינט אונדזער פֿעטער מענדל לויפֿער מיט זיין פֿאַמיליע.

אונדזערע עלטערן האָבן געפֿירט אַ טראַדיציאָנעל יידיש הויז און זיי האָבן געהאַט טיפֿע געפֿילן פֿאַר ציוניזם. אונדזער פֿאָטער איז געווען טעטיק אין דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן אין שטעטל און אין דער לעצטער צייט, ביז צום קריגס אויסברוך איז ער געווען ראש הקהל.

מיר געדענקען גוט אַ וויכטיק געשעעניש אין אונדזער משפּחה, ווען אונדזערע עלטערן האָבן געשפּענדעט אַ ספר תורה פֿאַר דעם ״שטיבל״ פֿון ״מזרחי״, און דער גאַנצער עולם איז אַרויס מיט דעם ספר פֿון אונדזער הויז ביז צו דעם בית תפילה.

לכבוד דעם פֿייערליכן געשעעניש, איז געקומען צו אונדז איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער ״מזרחי״ באַוועגונג און אויף אונדזער פֿאָטערס בקשה, האָט ער באַזאָרגט פֿאַר אייניקע שטעטלישע בחורים, סערטיפֿיקאַטן, קיין ארץ ישראל, וואָס זענען דעמלט געווען אַ יקר המציאות, און די גליקליכע, וועלכע האָבן זוכה געווען זיי צו באַקומען, זענען אַ דאַנק דעם ניצול געוואָרן פֿון גיהנום.

שווער היינט אפֿילו אויפֿצונעמען די פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע און די מאַכטלאָזיקייט פֿון די פּוילישע יידן, אין יענער צייט. יידן האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגליכקייט צו באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ מלוכהשן אָדער אַנדערן עפֿנטליכן אַמט, און די פּוילישע שונאי ישראל האָבן אַנגעווענדעט אַלע מיטלען, זיי אַרויסצושטויסן אויך פֿון די געביטן, וועלכע זענען געווען זייער איינציקער פּרנסה־קוואַל — האַנדל און מלאכה; זיי

האָבן פּראָקלאַמירט אויף די יידישע סוחרים אַ בויקאָט און פאַרמיטן פון פּוילישע קונים אַריינצוגיין אין זייערע געשעפטן.

כדי צו לינדערן אַביסל די שווערע לאַגע, זענען געגרינדעט געוואָרן באַשיידענע פאנדן פאַר געגנזייטיקע הילף, אַלגעמיינע און אויך פון יחידים, כדי צו העלפן די שוואַכע און זיי נישט לאָזן פאַלן. אויך מיר האָבן געהאַט אַ פּריוואַטע גמילת חסדים קאַסע פאַר הלוואות פאַר נויטבאַדערפיקע.

איך דערמאַן זיך אַלס קינד בין איך געגאַנגען אין שליחותן אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע גמילת חסדים הלוואות. איינמאָל, גייענדיק אין גאס, איז מיר אַנטקעגן געקומען אַן עלטערער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט זיך געבוקט פאַר מיר און מיך באַגריסט. כ׳בין געווען אין שטאַרקער פאַרלעגנהייט, זיך שטאַרק פאַרשעמט און בין שנעל פאַרשוואונדן. איך האָב פאַרשטאַנען ס׳געפיל פון דעם ייד, וואָס זיין געדרוקטע לאַגע האָט אים געברענגט דערצו, דאָס ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו דערנידריקן פאַר אַ קינד, באַגריסן אים מיט הכנעה ווי זיין פרנסה וואָלט געווען פון אים אָפּהענגיק. פון דעמלט אָן, האָב איך אויפגעפּאַסט דעם ייד נישט צו באַגעגנען, און אויב כ׳האָב אים געזען פון דער ווייטנס אויפן טראָטואַר, בין איך שנעל אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, ער זאָל מיך נישט באַמערקן. כ׳מיין אַז אין דעם דאָזיקן פאַל שפּיגלט זיך אָפּ די טיפע נויט, אין וועלכע ס׳האָבן זיך דאַן געפונען פיל יידן אין דעם פאַראָרעמטן פוילן.

נאָך דער דייטשער אינוואַזיע האָט זיך דאָס לעבן אין שטעטל צוזאַמענגעבראָכן. די ערשטע טאַטן פון די דייטשן איז געווען צו רואינירן די יידן ווירטשאַפטליך, און זיי האָבן גלייך רעקווירירט אַלע יידישע געשעפטן. די יידישע משפחות זענען צובראָכן געוואָרן. פיל, הויפּטזעכליך מענער, זענען אַנטלאָפן קיין מזרח. אויך אונדזער פאַמיליע האָט זיך צעטיילט: די מאַמע און אונדזער ברודער וואלף זענען געבליבן אין דער היים. און דער טאַטע, די צוויי עלטערע ברידער, הערש און לייזער, און מיר, זענען אנטלאָפן פאַר די דייטשן און מיר זענען געבליבן אין די פאַרנומענע געביטן אויף דער סאָוויעטישער זייט פון גאַליציע. דאָרט האָבן מיר צוואַר געלעבט אין פּערזענליכע פרייהייט, אָבער מיר זענען געוואָרן פליטים און געבליבן אָהן שום מיטלען.

בעת דער אבלאַווע וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט געמאַכט אויף די פליכטלינגע, וועלכע זענען געקומען פון די מערבדיקע שטחים אין פּוילן, זענען מיר צוואַר ניצול געוואָרן פון פאַרטרייבן קיין סיביר, אָבער צוליב דעם וואָס מיר זענען געבליבן אויפן פלאַץ, זענען מיר אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט בעת זייער אָנגריף אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, אין יאָר 1941.

באַלד נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשע רוצחים קיין זלאטשעוו, וואו מיר האָבן זיך געפונען, האָבן זיי צוזאַמען מיט די אוקראַינער דורכגעפירט אַ בלוטיקן פּאגראם אויף די יידן און אין צוויי טאָג, זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן צוויי טויזנט יידן פון שטאָט — אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָרט. די טויטע קערפּער זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ ברידער־קבר. צווישן די דערמאָרדעטע זענען געווען אונדזערע צוויי ברידער, הערש און לייזער הי״ד.

יידן איז פאַרבאָטן געווען זיך צו באַוועגן פון אָרט צו אָרט אָהן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש. אַ דאַנק אונדזערע פאַרבינדונגען איז אונדז געלונגען אַרויסצובעקומען אַ פאָרשיין אַהיים און ס׳איז אונדז געלונגען מיטצונעמען אונדזער שטעטישן יעקב טראַטנער, מענדל טראַטנערס זון, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן בעת דעם פּאגראם, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טויטן גרוב — און מיט נסים איז אים געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון דאָרט.

די משפחה־פאראייניקונג האָט נישט לאַנג אנגעהאַלטן, און זומער 1942 איז געקומען ס׳אומגליק אויך אויף אונדזער שטעטל און אין איין טאָג איז פאַרניכטעט געוואָרן די יידישע קהילה אין ברעזיוו. די אַלטע לייט און קינדער זענען ערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט און די אַנדערע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער, בעלזשעץ.

אונדזערע עלטערן זענען אומגעקומען אין עלטער פון 53 יאָר צוזאַמען מיט אונדזער ברודער וואלף, הי״ד. אונדזער פעטער מענדל, זיין פרוי שפּרינצע און זייער טאכטער פייגע, זענען אומגעקומען אין ברעזיוו, זייער זון יוסף איז דערמאָרדעט געוואָרן אין קאנצענטראציע לאַגער.

דער ליידנס־וועג פון אונדז, אידא און אברהם לויפער, האָט געפירט דורך דעם לאַגער פלאשאוו־פּראקאטשים, די ״לונצקי״ תפיסה אין לעמבערג; שקלאַפן־אַרבעט, נע ונד, ארעסט, אַנטלויפן פון אונמעגליכע פלעצער, מיט דער קלענצטער אויסזיכט צו בלייבן לעבן.

אויב מיר זענען דאָך ניצול געוואָרן, איז עס ווייזט אויס צוליב זכות אבות.

רבקה לײדנער (הערצליך) / **מײן פאמיליע**

מײן געבורטס־שטעטל ברעזיװ, האָט זיך תמיד אױסגע־צײכנט מיט שנאת־ישראל. נישט װײט פון דער שטאָט האָט זיך געפונען אַ גרױס װאַלד מיט סאַנאַטאָריומס און מינעראַל־װאַסער. אין װאַלד זענען געװעזן שילדן מיט דער אױפ־שריפט: „פאַר ייִדן איז דער אײנטריט פאַרבאָטן!“

אין מײנע עלטערנס הױז איז געשטאַנען אַ געבױטע שטענ־דיקע סוכה. אין די קינדער יאָרן פלעג איך שטענדיק הנאה האָבן אָנצוהױבן באַלד אין מוצאי יום כיפור אױסצוצירן די סוכה מיט קאָלירט פּאַפּיר, פון װעלכן כ'האָב געמאַכט קײטן און קױשלעך. אין די קױשלעך האָב איך אַרײַנגעלײגט קאַס־טאַניעס אױסצוציען דאָס פּאַפּיר.

דער דאַך פון דער סוכה איז געװעזן פון צװײ טײלן: אײן טײל — דער סופיט איז געװעזן אָפן, און פאַר סוכות איז ער באַדעקט געװאָרן מיט פריש „סכך“ און איבער אים איז געװעזן דער אױסערליכער דאַך, װעלכן מען האָט געעפנט ערשט אָװנט, װען דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון שיל און די מאַמע האָט אָנגעצונדן די יום טוב ליכט.

נאָכן קידוש האָבן מיר זיך אַװעקגעזעצט אַרום דעם צוגעגרײטן טיש און װען די מאַמע האָט גענומען דערלאַנגען ס'עסן, האָבן אָנגעהױבן פליען שטײנער אין דער סוכה און זענען געפאַלן אױפן יום טוב טיש. דאָס זענען געװעזן די יום־טוב ברכות פון אונדזערע „ליבע“ שכנים.

װען די דײטשע רוצחים האָבן אַרײַנמאַרשירט קײן פױלן, האָט זיך מײן משפחה געפונען אין ברעזיװ. זומער 1942, װען מען האָט זיך דערװאוסט װעגן די דײטשנס צוגרײטונגען צו פאַרניכטן די ייִדישע באַפעלקערונג אין שטעטל, האָט מײן פאָטער הי"ד אונטערהאַנדלט מיט זײַן „גוטן“ שכן יאַיקאַ, און דער, האָט מסכים געװעזן אױסצובעהאַלטן אונדזער פאַמיליע — דעם טאַטן אלימלך, די מאַמע גיטל, די מאַמעס שװעסטער מיטן מאַן און מײן שװעסטער מיטן מאַן.

נאָך אַ קורצער צײַט, האָט יאַיקאַ געבערענגט די רוצחים פון דער דײטשער זשאַנדאַרמעריע, װעלכע האָבן אַרױס־געטריבן אונדזער משפחה פון בונקער, האָבן זײ געפירט אין װאַלד, און דאָרט זײ אױסגעמאָרדעט.

מען האָט מיר דערצײלט, דאָס װען מײן משפחה איז געפירט געװאָרן דורכן שטעטל, אין װאַלד אַרײַן, האָט מײן פאָטער געשריגן צו אַלע דורכגײער, אַז דער יאַיקאַ איז זײער מערדער; ער האָט געמאָרדעט און אױך גערשנט אונדזער פאַרמעגן.

משה עמית־זעלנפרױנד / **די ייִדישע אינטעליגענץ אין ברעזיװ**

צװישן די 300 ייִדישע פאַמיליעס אין שטעטל, איז די צאָל אַקאַדעמיקער געװעזן אַ גאָר קלײנע. מײנסטנס זענען ס'געװעזן אַדװאָקאַטן. ייִדישע דאָקטוירים זענען כמעט װי נישט געװעזן. דרײַ ייִדישע דאָקטוירים װעלכע האָבן געלעבט אין ברעזיװ אין פאַרשידענע צײַטן, האָבן פאַרלאָזט ס'שטעטל (אין די שפּעטערע דרײַסיקער יאָרן, ביזן קריג, האָט זיך געפונען אין ברעזיװ ד"ר מאַרין פון סאַמבאָר).

ריכטער: **ד"ר האַראָװיץ** איז געװעזן אַ ריכטער אין שטעטישן געריכט און האָט זיך פאַרעכנט צו די פּעאיקסטע יוריסטן אין שטעטל. געװעזן אַ שטילער באַשײדענער מענטש, איבערגעגעבן זײַן אַרבעט און זײַן משפחה. די עלצטע טאָכטער איז געװעזן אַ גימנאַזיאַל־לערערן, און דער זון, דוד, האָט שטו־דירט יורי. אַ געװיסע צײַט איז ד"ר האַראָװיץ געװעזן אַ מיט־גליד אין שטאָט־ראַט, אָבער צוליב זײַן פּאָזיציע אַלס ריכטער, האָט ער נישט גענומען קײן אַקטיװן אנטײל אין עפנטליכן לעבן. אין מיטן די דרײַסיקער יאָרן האָט ד"ר האַראָװיץ דורכגעמאַכט אַן־אָפּעראַציע און איז נפטר געװאָרן.

ד"ר ראַפּאַפּאָרט — אַ צײַטװײַליקער ריכטער אין גע־ריכט, געקומען אין שטעטל אין די דרײַסיקער יאָרן און נאָך עטליכע יאָר געשיקט געװאָרן אין אײנעם פון די מקומות אין דער אומגעבונג. געװעזן אַן־אָפּיציר אין דער פּױלישער מיליטער פּאָליצײ.

עס זענען געװעזן שמועות, דאָס אין קריג איז אים גע־לונגען צו קומען קײן ענגלאַנד.

אַדװאָקאַטן: **ד"ר שמואל זעלנפרױנד** — מײן פאָטער ז"ל — איבער אים האָב איך דערצײלט אין דעם פּרק „מײן פאָטערס הױז“.

ד"ר שעכטער — געװאױנט פיל יאָרן אין שטעטל. אַ יוריסט, זיך ספּעציאַליזירט מיט פיל ערפאָלג אין קרימינעלע פּראָצעסן. געװעזן אַ ציוניסט אָבער נישט אנטײל גענומען אין געזעלשאַפטליכע טעטיקײט. זײַן זון ד"ר יעקב (קובאַ) שעכטער איז געװעזן טעטיק אין דער רעװיזיאָניסטישער באַװעגונג נאָך פאַרן קריג. יעצט — אַן־אַדװאָקאַט אין תל־אביב.

ד"ר הערציג — אַ שװאָגער פון ד"ר שעכטער און שותף אין זײַן אַדװאָקאַטן קאַנצלײַ. געװעזן אַן־אָפּיציר אין דער עסטרײַכישער אַרמײ אין ערשטן װעלט־קריג. אײנער פון די טעטיקסטע און איבערגעגעבנסטע ציוניסטישע פירער אין שטעטל.

ד"ר אטלאס — געלעבט במשך פיל יאָרן אין שטעטל. געװעזן איבערגעגעבן זײַן פּראָפעסיע און זײַן פאַמיליע. נישט אָנטײל גענומען אין ייִדישן געזעלשאַפטליכן לעבן. פון די אײנצלנע װאָס האָבן זיך געראַטעװעט אין קריג. מיטן אַנטשטײן פון דעם נײַעם פױלן, איז ער נאָמינירט געװאָרן אַלס קרײַז

ריכטער אין קאַטאָוויץ. נפטר געוואָרן אין די 60־גער יאָרן.

ד״ר פעט — אַן־אדוואקאַט. אַן־איידעם פון ר׳ אפרים שטיגליץ, וועלכער איז שוין דערמאָנט געוואָרן. אַ שוואָגער פון ר׳ יעקב פידערער. געקומען קיין ברעזיוו אין אָנפאַנג 30־גער יאָרן. טעטיק געוועזן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע אין דער שואה.

ד״ר קופליק — אַן־אדוואקאַט. געבוירן אין ברעזיוו; גלייך נאָכן ענדיקן זיין שטודיום געעפנט אין שטעטל זיין אַדוואקאַטן־קאַנצליי.

מאגיסטער ש. ראזנער — אַ ברעזיווער געבוירענער, געענדיקט אין שטעטל די גימנאַזיום. זיין סטאַזש האָט ער געמאַכט אין דער קאַנצליי פון ד״ר זעלנפרוינד. שפּעטער געוואָרן זעלבסטשטענדיק. זיין שוועסטער, מאַגיסטער נ. ראזנער, וועלכע האָט אויך שטודירט יורי, האָט געאַרבעט ביי דעם קריסטליכן אַדוואקאַט ד״ר דאבראוואלסקי.

מאגיסטער שרה ראזנער — געענדיקט איר שטודיום אין פילאזאפיע. געוועזן אַ געוויסע צייט אַ לערערן אין דער מיטלשול. מיט ניסים ניצול געוואָרן, און באַלד נאָך דער קריגס ענדע אַריבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ד״ר לוסטהאוז — אַ זון פון אַ יידישן רעגירונגס־בעאַמטן. געענדיקט מעדיצין און געווען אַ געוויסע צייט אַ דאקטאר אין שטעטל. שפּעטער אַריבער קיין איוואָניטש. געקומען אין קריג מיטן פוילישן מיליטער אין נאָנטן מזרח, און אויך באַזוכט אין לאַנד. צוריק קיין פוילן צוזאַמען מיטן פוילישן מיליטער, נאָכן קריג.

פּראָפ. קארן — אַ באַגאַבטער לערער און דערציער אין דער פוילישער מלוכה גימנאַזיום. אויסגעצייכנטער לערער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין די העכערע קלאַסן. בעהערשט אייניקע שפּראַכן, דערינטער העברעאיש. זיין פּאָזיציע אַלס דערציער אין אַ מלוכהשן אַנשטאַלט, האָט אים נישט ערמעגליכט קיין פּאָליטישע טעטיקייט, און האָט זיך איבערגעגעבן געזעלשאַפטליכער ארבעט.

נאָכדעם ווי ד״ר זעלנפרוינד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט אַלס קהילה פאָרזיצער, איז פּראָפ. קארן געוועלט געוואָרן אַלס ראש הקהל און האָט פאַרנומען דעם אַמט אייניקע יאָר. פּראָפ. קארן און זיין פאַמיליע זענען אומגעקומען אין דער שואה.

אברהם לעוויטע / **צוריקגעשטאַנענע און גייסטיק קראַנקע**

בעתן פאַרנעמען זיך מיט ״הזכרות נשמות״ פון די מענטשן אין שטעטל, וועט אונדזער ארבעט נישט זיין גאַנץ, אויב מיר וועלן נישט דערמאָנען דאַביי די שוטים פון שטעטל און די גייסטיק קראַנקע, וואָס צוליב זייער צוריקגעשטאַנענקייט, האָבן זיי נישט אויפגעשטעלט קיין פאַמיליע און האָבן געלעבט איינזאַם נעבן קרובים, אין אַ ווינקל וואָס מען האָט פאַר זיי צוגעטיילט, ווי הויז חיות, להבדיל.

די טיפע קנייטשן, וואָס די נויט און דאגות פון טאָג־טעגליכן לעבן, האָבן איינגעקריצט אויף די פּנימער פון די שטעטל לייט — האָבן זיך נישט אָנגעזען אויף די שכל באַגרעניצטע. די פאַרשידענע שטופּן פון פאַרעלטערן, וועלכע מערקן זיך אויף יעדן נאַרמאַלן מענטש און פאַרענדערן זיין אויסזען, אויפירונג, קליידונג און שטאַנד — אויף זיי האָט דאָס אַלץ קיין שפּורן געלאָזט. היות ווי זייער לעבנס־אַרט האָט זיך נישט געענדערט האָט עס אויסגעוויזן ווי די צייט וואָלט אויף זיי קיין השפּעה געהאַט. פון דאַנען נעמט זיך ווייזט אויס דאָס פאָלקס שפּריך־וואָרט — ״אַ נאַר עלטערט זיך נישט״.

שטעטלישע מענטשן, וואָס זענען צוריקגעקומען נאָך יאָרן פון אָפּוועזנהייט, האָבן צוערשט דערקענט די שוטים. זייער אָפּגעלאָזנקייט, אָפּגעריסענער לבוש, משונהדיקער גאַנג, זייער גאַנצער ״הולך״ האָט שוין פונדערווייטנס אָנגעוויזן אויף זיי. ווי אויסגעקרומטע און צודרייטע בוימער האָבן זיי אַרויסגעשטאַרצט אין דער מענטשן־לאַנדשאַפט און געדינט אַלס קען־צייכן פון שטעטל.

די ארימע, האָבן נעבעך געהאַט אַ געוויסע ״אויפגאַבע״ — נישט ווילנדיק פאַרשטייט זיך — אַן־אויפגאַבע צו אמוזירן דעם ״עולם״. וויפל די זאַך זאָל נישט אויסזען אכזריותדיק, איז עס געווען אָנגענומען ביי אַ גרויסן טייל מענטשן, צו שפּעטן פון די שוטים, זיך ווילן פון צייט צו צייט אויף זייער חשבון — און ווייניקע זענען געווען די וואָס האָבן עס נישט פאַרטראָגן.

באַזונדערס איז עס געווען אָנגענומען אין די בתי תפילה, וועלכע, אויסער צום דאווענען און לערנען תורה, האָבן זיי אויך געדינט אַלס קלוב, וואו יידן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און פאַרברענגט דאָרט רוב פרייע צייט. דאָרט האָבן זיי דערציילט חסידישע מעשיות, געפירט פּאָליטיק, דעבאַטירט, געטרונקען ״לחיים״ און זיך אויך אַביסל אונטערהאַלטן מיט די ארימע שוטים, אויסגעפינען פאַרשידינע שפּיצלעך און אַלע האָבן דערפון הנאה געהאַט, צומאָל אַפילו אויך די שוטים זעלבסט.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די אָרעמע זענען געווען איינער פון די נוצלעכסטע עלעמענטן אין שטעטל. זיי האָבן אויסגעפירט די שווערסטע מלאכות און געמאַכט די אַלע שוואַרצע אַרבעטן, וואָס קיין אנדערער איז נישט געווען גרייט זיי צו מאַכן — און דאָס אַלץ פאַר אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ביסל זופּ וואָס איז געבליבן אין טאָפּ נאָכן מאָלצייט. זונטיק פלעגן זיי ברענגען וואַסער פון דעם ברונעם, דען די גויאישע וואַסער־טרעגערנס האָבן נישט געאַרבעט אין זייער חגא טאָג. ביים הויז איינגאַנג האָבן זיי אָוועקגעשאַרט דעם

שניי אין ווינטער און אָפּגעקראַצט די בלאָטע אין זומער. צוזאַמענגענומען צובראָכן אַלטוואַרג און שמאַטעס וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די הויפן.

פאַר יום טוב, האָבן זיי געשלעפּט צום שוחט פולע קוישן פעטע הינער און געשטאָפּטע גענדז, פון וועלכע, פאַר זיי, פלעגט מען קוים איבערלאָזן אָפּצולעקן אַ ביין.

זיי האָבן געהאָלפן אין אַ שמחה און נויט. בשעת אַ שמחה אין הויז האָבן זיי געשלעפּט טישן און בענק פון די קלויזן, ריין געמאַכט אַרום און געשטאַנען גרייט אויסצופירן יעדע שליחות.

אויב עס האָט פּאַסירט אַן־אומגליק — עמיצער פון דער משפחה איז נפטר געוואָרן און די בני־בית זענען געוועזן דערשלאָגן און פאַרלוירן דעם קאָפּ — האָבן די צוריקגעשטאַנענע געטון אַלעס נויטיקע, אויסגעגאָסן ס׳וואַסער פון אַלע כלים, צוגעדעקט ס׳בעט פון נפטר און פאַרהאנגען די שפּיגלען נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגענומען דעם טויטן פון הויז.

די קלויזן און ס׳בית מדרש זענען פאַר זיי געוועזן אַ מקום מקלט. דאָרט איז דער איינגאַנג געוועזן פריי און דאָרטן זענען זיי געוועזן גלייכבאַרעכטיקט און גלייך מיט אַלע. ווינטער האָבן זיי זיך געוואַרעמט ביים געהייצטן אויוון, און זומער האָבן זיי געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ באַנק. פון די קלויזן האָט מען זיי גערופן ווען מען האָט געברויכט זייער הילף און אַהין זענען זיי צוריק נאָכדעם ווי זיי האָבן זייער אַרבעט געענדיקט.

אויסער די אויבנדערמאַנטע צוריקגעשטאַנענע, איז געווען נאָך אַ סאָרט אומגליקליכע — די גייסטיק קראַנקע, וואָס צוליב מאַנגל אין אנשטאַלטן פאַר זיי, האָבן זיי זיך געדרייט צווישן אַנדערע מענטשן און די, האָבן זיך באַמיט נישט אָנצושטויסן אין זיי. זייער לאַגע איז געווען נאָך שווערער ווי פון די צוריקגעשטאַנענע און זיי זענען נישט מסוגל געווען צו זאָרגן פאַר זייערע נויטווענדיקסטע באַדערפענישן.

אויף די "בר־מזלים" (נעבעך) צווישן זיי, האָט די פאַמיליע געזאָרגט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרוואָרלאָזט ווערן. אַנדערע זענען געוועזן איינזאַם און פאַרלאָזן און מענטשן האָבן זיך דערווייטערט פון זיי. באַרימהערציקע פרויען האָבן זיי דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, אַ לעפל זופּ און צומאָל אויך געגעבן אַן־אַלט העמד צום טוישן.

ביידע, סיי די צוריקגעשטאַנענע און סיי די קראַנקע, האָבן זיך געפונען צווישן די מיושבדיקע און נאָרמאַלע און געלעבט ביי זייער זייט. זיי זענען געוועזן צוגעבונדן צו דער זעלבער לעבנס פארם, וועלכע איז געוועזן אנגענומען אין זייער סביבה, געהיטן די מנהגים ווי אַלע, און זייערע אָפּגעריסענע מלבושים זענען געוועזן פון דעם סאָרט ווי די אַרומיקע האָבן געטראָגן.

די אומגליקליכע זענען געוועזן דער קרומער שפּיגל פון דער געזעלשאַפט און זיי האָבן צוגעגעבן אַ געוויסע אייגנארטיקייט צו דעם לעבנס שטייגער.

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָבן די אומגליקליכע זיך גלייך איינגעקורטשיט אין טונקעלע ווינקלעך און זיך מער נישט באַוויזן אין גאַס. זיי האָבן נישט באַנומען וואָס עס האָט פּאַסירט — די געשעענישן זענען געוועזן אונפאַרשטענדלעך אויך פאַר קליגערע פון זיי. זיי האָבן נאָר געפילט אינסטינקטיוו, די אויפטרייסלונג און געאַנט די דערנענטערענדע געפאַר. דערשוידערט פון די אַלגעמיינע שרעק, פון דעם באָדן וואָס האָט זיך גענומען וואקלען אונטער די פיס, האָבן זייערע דערשראָקענע אויגן געזוכט אומזיסט אַן־אנהאַלט.

זיי האָבן רעאַגירט אויף די מאַכטלאזיקייט פון די אַרומיקע פונקט אַזוי ווי די דערשראָקענע קינדער, זיי האָבן אָבער אפילו נישט געהאַט ווער עס זאָל זיי צום האַרץ דרוקן און באַרואיקן מיט פאַלשע טרייסט־ווערטער. קיינער האָט זיך אויף זיי מער נישט אומגעקוקט און ס׳איז נישט געוועזן ווער עס זאָל ענטפערן אויף די שאלות, וואָס האָבן זיי געפּייניקט און זיי זענען נישט אומשטאַנד געוועזן צו פרעגן. דאָס חשכות און דעם חורבן האָבן זיי געזען אויף די פּנימער פון די ארומיקע און דער פּחד האָט זיי פאַראַליזירט.

די, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט, האָבן געענדיקט צוגלייך ווי אַלע, און פאַרזונקען געוואָרן אין תהום צוזאַמען מיט די מאַסן אומגעקומענע.

צוליב זייער כבוד וועלן מיר נישט דערמאַנען זייערע נעמען, נאָר ווי ג־טס ברואים, קומט זיי אויך אַ ווינקל אויף דער אַלגעמיינער מצבה פון שטעטל צו וועלכן זיי האָבן געהערט.

במעלות קדושים

אברהם לעוויטע / מיין פאָטער חיים הערץ לעוויטע הי״ד

מיין פאָטער איז געווען אַ בעשיידענער מענטש, נישט געזוכט קיין כבוד און זיך דערווייטערט פון פראַזשעקטאַרן. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין סופערלאַטיוון און וואָלט באַשטימט נישט געווען צופרידן דערפון מען זאָל אים נאָכדערציילן שבחים.

איך וויל דאָ בלויז דערציילן וועגן אים אין צוזאַמענהאַנג מיט איין פּראָבלעם, וועלכעס איז תמיד אַקטועל, און דאָס איז דער דורות אונטערשיד. אַן־אייביק פּראָבלעם וואָס עגזיסטירט אין אַלע צייטן און איז גוט בעקאַנט אויך אין אונדזער שטורמישער תקופה.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין דעם פריערדיקן דור איז צוגעקומען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו רייבונגען צווישן עלטערן און קינדער: די קינדער האָבן זיך דערווייטערט פון דעם לעבנס־שטייגער פון זייערע עלטערן, אַ לעבנס־שטייגער, וועלכער איז געווען פאַרהייליקט במשך דורות, און אין רעזולטאַט דערפון זענען אין פיל פאַמיליעס פאָרגעקומען סכסוכים, וואָס זענען דערגאַנגען ממש ביז טראַגעדיעס.

איך וויל דאָ בלויז שילדערן ווי מיין טאַטע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם פּראָבלעם, אין זיין הויז. ווען כ׳האָב אַלס יונגל אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון דעם טראַדיציאָנעלן וועג, האָט עס דער טאַטע זייער שווער אויפגענומען און די זאַך האָט אים פאַרשאַפט פיל יסורים. ער האָט אָבער פערשטאַנען אַז עס וועט אים נישט געלונגען צוריקצוקערן דאָס ראָד, דעריבער האָט ער געפּרוּווט מיך איינהאַלטן אויפן ״באַנקעט״, איידער איך ״קייקל מיך אַראָפּ אין אָפּגרונט״. ער האָט זיך באַמיט אויסצומיידן אַ פולשטענדיקן איבערייס צווישן אונדז, נישט געקומען צו מיר מיט איבערגעטריבענע פאָדערונגען, וואָס ער האָט געוואוסט פריערדויס, דאָס כ׳וועל זיי נישט אויספילן, נאָר געגאַנגען לויטן כלל: ״תפסת מרובה — לא תפסת״. ער האָט מיר געזאָגט: די פאָדערונגען וואָס דו ביסט נישט גרייט מקיים צו זיין, קען איך שוין ליידער געווג, אפשר קענסטו מיר זאָגן, וואָס דו ביסט יא גרייט מקיים צו זיין? אפילו אַ ״באַנקראָטניק״, וואָס פירט נישט אויס זיינע פאַרפליכטונגען, קען אויך נישט פטרן אַלע זיינע חובות מיט גאָרנישט, ער גלייכט זיך אויף אַ טייל פון זיינע שולדן, פופציק פּראָצענט, פירציק פּראָצענט — עפּיס. לאָמער הערן אויף וויפל פּראָצענט (מצוות) ביסטו גרייט איינצוגיין?...

זיין מעסיקן צוגאַנג, האָט ער מאָטיווירט מיט פאָלגענדע ווערטער: אייגנטליך, ווען עמיצער האָט אַזאַ זון ווי איך, וועלכער גייט נישט אין ריכטיקן וועג, וואָלט ער געדאַרפט איבערייסן מיט אים אַלע בעציאונגען און זאָגן אים: ״דו פירסט זיך נישט ווי ס׳געהער צו זיין, האָב איך נישט מיט דיר קיין שום געמיינזאַמעס״. אָבער מען טאָר זיך נישט אַזוי אויפירן מיט אַ קינד. מיר אַלע זענען קינדער ביי הקב״ה און ער איז אונדזער פאָטער. קיינער פון אונדז איז נישט פאלקאָם און אהן חטאים. אויב מיר וועלן זיך פירן שטרענג עקסטרעם און איבערייסן יעדע פאַרבינדונג מיט אונדזערע זינדיקענדע קינדער, ווי אַזוי וועלן מיר קענען בעטן ביי ג־ט ער זאָל זיך מיט אונדז נישט אויפירן אויפן זעלבן אופן? אדרבא, אַז מיר וועלן זיך אויפירן מיט פאַרשטענדעניס, מיט אונדזערע קינדער, וועלכע גייען בטעות אויף נישט ריכטיקע וועגן, וועלן מיר האָבן אַ פתחון פה צו טענהן פאַרן רבש״ע: אמת מיר האָבן געזינדיקט, אָבער מיר זענען דאָך דיינע קינדער. אויך מיר האָבן קינדער, וועמענס אויפירונג איז נישט לויט אונדזער ווילן, פונדעסטוועגן דערווייטערן מיר זיי נישט, מיר באַציען זיך צו זיי ווי צו קינדער און נעמען זיי אויף, מיט אַן־אָפּן האַרץ.

איינער פון די באַקאַנטע שטעטלישע קנאים איז אַמאָל געקומען צולויפן צו מיין טאַטן, און אַן־אויפגערעגטער אים דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען ״אונטערן באַרג״ אַ גרופּע יונגלעך און מיידלעך, דערינטער זיין זון און איך, פאַרברענגען צוזאַמען, רחמנא לצלן. דער טאַטע האָט זיך צוגעהערט און שווער אָפּגעזיפצט. ווען דער ייד האָט זיך צעפלאַמט און אָנגעהויבן זידלען און שרייען, אַז מען טאָר נישט אַזאַ זאַך פאַרשווייגן און מען דאַרף ״רודפן״, ״אויסרייסן מיטן וואָרצל״ און ענליכע אויסדרוקן, האָט דער טאַטע אים באַמערקט: וואָס דו דערציילסט איז זעער ערנסט, אָבער פאַרגעס נאָר נישט, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אונדזערע קינדער און צו די אַלע צרות, דאַרפן מיר נאָך בעטן ג־ט, זיי זאָלן זיין געזונט אויך...

דער טאַטע האָט נישט געהאַט דאַגעגן איך זאָל לערנען אויך לימודי חול. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די צייטן האָבן זיך געענדערט און מען קען נישט פאַרלאַנגען פון אַ יוגנטליכן, ער זאָל נישט לערנען אַלגעמיינע לימודים און ער זאָל נישט לייענען קיין צייטונג אָדער אַ בוך. אָבער אין זיינע אויגן האָט געהאַט אַ ווערט בלויז, בילדונג מיט תורה צוזאַמען, און ער פלעגט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ציטירן דעם מאמר חז״ל: ״מקום יש בראש — להניח בו שתי תפילין״ — ס׳איז דאָ פלאַץ אין קאָפּ אויף צוויי תפילין״. ער האָט גע־

טענהט, אַז אַלגעמיינע לימודים זענען אַ טפל צו דער תורה אין וועלכער ער האָט געזעען דאָס העכסטע פון אַלע ווערטן.

זיין מיינונג האָט ער באַגרינדעט מיט פאָלגענדע מעשה: אַ פרומער בחור, וועלכער איז אַסענטירט געוואָרן צו מיליטער איז געקומען צום רבין פרעגן אַן־עצה צו ער זאָל אין די צייט פון מיליטער־דינסט זיך אָפּזאָגן צו עסן טריפות און לעבן בלויז אויף ברויט און וואַסער, נישט זייענדיק זיכער אויב ער וועט עס קענען אויסהאַלטן, אָדער, עסן דאָס טריפהנע געקעכץ פן דער מיליטער קוך.

דער רבי האָט אים געענטפערט, אַז ער טאָר נישט איינשטעלן זיין געזונט און ער מוז עסן די מיליטער מאכלים, ווייל דאָס איז פיקוח נפש. ״נאָר איין בקשה האָב איך צו דיר מיין זון״ — האָט דער רבי געזאָגט — ״ווען דו וועסט עסן דאָרט דאָס טריפהנע פלייש, זאָג מיר בלויז צו, אַז דו וועסט נישט אָפּלעקן די ביינער״... און דער טאַטע האָט געענדיקט ס׳נמשל: מען קען נישט הײַנטיקע צייטן אויסקומען אָהן לימודי חול, אָבער נישט ״לעקן די ביינער״. הנאה האָבן דאַרף מען פון אַ בלאַט גמרא, אַ פרשה חומש, אַ מוסר ספר א.ד.גל. ער אַליין האָט גענאָסן אַ פולע הנאה פון לערנען, פון דעם ״שיעור״, וואָס ער האָט געלערנט מיט נאָך עטליכע חברים, יעדן אָוונט אין סאַדיגורער קלויז. ער פלעגט זאָגן: מענטשן מיינען אַז איך לערן גמרא כדי צו האָבן ״עולם הבא״. זיי האָבן אַ גרויסן טעות. דאָס לערנען איז מיין ״עולם הזה״, דאָס איז מיין פארגניגן און אינהאַלט פון מיין לעבן.

ער פלעגט מיר מוסר זאָגן, פאַרוואָס כ׳פאַרנאַכלעסיק ס׳לערנען, אונטערשרייכענדיק דאבײַ: דאָס ערגסטע פון אַלעם איז עם הארצות! אויב דו וועסט לערנען, האָב איך נאָך האָפנונג אַז דו וועסט צוריקקערן צום ריכטיקן וועג — ״המאור שבה מחזיר למוטב״ — ס׳ליכט פון דער תורה ברענגט צוריק צום גוטן, ווי דאָס פוילישע שפּריכוואָרט זאָגט: ״וואו עס איז אַמאָל געווען וואַסער — דאָרט וועט וואַסער זיין״...

איינמאָל האָט דער טאַטע באַמערקט אַז איך פאַרפעל צו קומען אין קלויז דאַווענען ״מנחה ומעריב״, ער האָט מיך צוגערופן און געזאָגט, בזו הלשון: אין פאַרשטיי, אַז דו קומסט נישט דאַווענען דערפאַר, ווייל דו ביסט אַ ״איש אמת, און היות ווי דיר פעלט נישט אויס דאָס דאַווענען, ווילסטו נישט גיין מיטן שקר און מאַכן דעם אָנשטעל אַז דו ביסט אינטערעסירט דערין. פונדעסטוועגן בעט איך דיך אין דעם פאַל, נישט צו גיין מיטן ״אמת״, און טראָץ דעם וואָס אין דיינע אויגן זעט עס אויס ״אונערליך״ און צביעותדיק — קום דאָך צום דאַווענען. די עבירה פון דעם דאָזיקן שקר, נעם איך אויף זיך...

ווען דער טאַטע האָט איינגעזעען, אַז איך דערווייטער זיך פון דעם פונקט, וואו ער האָט געהאָפט, אַז איך וועל זיך דאָרט אָפּשטעלן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צו אַן־ערנסטן שמועס מיט מיר. ער האָט מיר דערציילט: מען האָט אַמאָל געפרעגט אונדזער קרוב, פון די אַלטע סאַדיגורער חסידים, ר׳ ישראל דים ז״ל: דו, ר׳ ישראל, האָסט אַלס יונגערמאַן אָנגעהויבן פאָרן צום אַלטן סאַדיגורער רבין — דער זון פון רוזשינער זצ״ל; נאָך זיין פטירה ביסטו געפאָרן צו זיין זון, יעצט פאָרסטו צו זיין אייניקל. גלייבסט דו טאַקע אַז דאָס אייניקל איז אַזאַ צדיק ווי זיין גרויסער זיידע?

אמת — האָט ר׳ ישראל געענטפערט, אַז ס׳איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם זיידן און אייניקל, און איך קען נישט זאָגן אַז ער איז אַזאַ פערזענליכקייט ווי זיין זיידע. אָבער טראָץ דעם וואָס איך בין שוין נישט דעם אייניקלס חסיד בין איך דאָך אים אַ פריינט, דען איך בין געבליבן נאָענט און טריי דער דאָזיקער דינאַסטיע.

דער טאַטע האָט צוגעגעבן: איך ווייס, אַז דו וועסט זיך נישט פירן ווי איך וואָלט געוואָלט. אויך איך פיר זיך נישט ווי מיין פאָטער האָט זיך געפירט. די דורות ווערן קלענער און די צייטן בייטן זיך. איין זאַך בעט איך ביי דיר: בלייב מיר כאָטש אַ פריינט. אויב דו וועסט חלילה אַריבערגיין אין דער געגן־זייט און ווערן אַן־ ״אַנטי״ — וועט מער גאָרנישט בלייבן, וואָס זאָל פאַרבינדן צווישן אונדז.

דעם דאָזיקן וואונטש זיינעם, לכל הפחות, באַמי איך זיך מקיים צו זיין.

ר׳ הערשאלע ראט הי״ד

אברהם לעוויטע

ר׳ הערשעלע איז געוועזן איינער פון די בכבודיקסטע און חשובסטע טשאָרטקאָווער חסידים. אַ ירא שמיים און תלמיד חכם, און זיין איידעלע אויפירונג האָט אים באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען.

פון די גרינדער פון די ״אגודת ישראל״ אין שטעטל, איר פאַרזיצענדער אַלע יאָרן און טעטיק אין אַלע אירע אינסטיטוציעס. ער האָט געהערט צו דער גרופע פון ״חובבי ציון״ אין דער ״אגודה״, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען ד״ר בן־ציון פעסלער פון קאלאמיי. די דאָזיקע גרופע האָט דעמלט אויפגעשטעלט דעם ארטאדאָקסישן ישוב ״מחנה ישראל״, צפונדיק פון עפולה, נעבן קבוצת ״דברת״ היינט.

זיי האָבן אויך געקויפט מערער באָדן אין ארץ ישראל, אָבער זיי זענען אָפּגענאַרט געוואָרן דורך ספּעקולאַנטן. אַ דאַנק זיין פּאָזיטיווער שטעלונג צו ארץ ישראל זענען דריי פון זיינע קינדער: יהושע און אסתר ז״ל ווי אויך מינא צו לאַנגע יאָרן — עולה געווען קיין ארץ ישראל און ניצול געוואָרן.

ר׳ הערשאַלע איז געווען אַ שטרענג ארטאָדאָקסישער ייד אָפּגעהיטן אין מצוות, און ער האָט זיך באַצויגן מיט טאָלעראַנץ אויך צו די וועלכע זענען נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן, און זיי תמיד אויפגענומען פריינדליך און גוטמוטיק. אין דעם גייסט האָט ער אויך ערצויגן זיינע קינדער.

ספּעציעל איז כדאי צו באַצייכענען זיין פאַרשטענדעניס

פאַר דער יוגנט. זיין בעציאונג צו יינגע מענטשן איז געווען אַן־אונמיטלבאַרע, אהן דיסטאַנס, און זיי האָבן אין אים געזעען אַ חבר טראָץ דעם כבוד וואָס זיי האָבן אים צוגעטיילט.

ווען מען רעט איבער טאָלעראַנץ און שעצונג אין די געגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פרומע און וועלטליכע — דערמאנט זיך מיר שטענדיק די געשטאַלט פון הערשאַלע ראַט.

אַלס יונגל, נאָכדעם ווי כ'האָב זיך אַביסל דערווייטערט פון די קרייזן, וואָס ה.ר. איז געווען זייער בולטסטער פאָרשטייער, איז מיר אויסגעקומען צו דאַווענען אין דער טשארטקאָווער קלויז. נאָכן דאַווענען, האָב איך געכאַפּט אַ קורצן שמועס מיט בחורים, וועלכע האָבן דאָרט געלערנט. צוויי קנאים פון די מתפללים זענען מיך "באַפאַלן" און געשריגן אַז איך בין אַן־אפיקורס, גיי און קינא רחמנא ליצלן און טו נאָך אַנדערע עבירות, און מיין איינציקע כוונה פון קומען אין קלויז איז "קאַליע" צו מאַכן די גוטע בחורים און זיי אַראָפּפירן פון ריכטיקן וועג.

הערשאַלע ראַט איז אַרויסגעטרעטן קעגן די קנאים מיך צו פארטיידיקן. — וואָס ווילט איר פון דעם בחור? האָט ער געפרעגט. דענקט איר, אַז מיטן אָנזידלען אים, וועט ער אויפהערן גיין אין קינא? דאָס איינציקע וואָס איר וועט דערגרייכן דערמיט, איז דאָס ער וועט מער נישט קומען דאַווענען. דאָס איז אייך אַזוי וויכטיק?

הערשאַלע ראַטס הויז איז געווען אַן־אָפן הויז פאַר אַלעמען, שכנים, מתפללים פון זיין קלויז, מענטשן וואָס האָבן געהאַט פּראָבלעמען, סתם דורכגייער — זענען אַריינגעקומען אין אַלע שעהן פון טאָג און אָוונט צו אַ שמועס ביי אַ גלעזל טיי. דער אַריינקומענדער האָט געהאַט ס'געפיל, אַז דער טשייניק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן פייער ספּעציעל פאַר אים און ס'גאַנצע בני־בית זיצן און וואַרטן אויף זיין קומען. יעדער וועלכער איז געקומען צו הערשאַלע ראַט פרעגן אַן־עצה, איז אויסגעהערט געוואָרן דורך אים מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און דער צוזעענדער פון דער זייט האָט געהאַט דעם איינדרוק, דאָס ער זעט פאַר זיך צוויי שותפים, וועלכע בעראָטן זיך איבער זייערע געמיינזאַמע פּראָבלעמען.

אַ באַזונדערע איבערלעבונג איז געווען צו זעען די משפחה ראַט זיצן צוזאַמען מוצאי־שבת: דער זיידע ר' שלום האראוויץ ז"ל, זיצט אויבנאָן, אַרום: ר' הערשאַלע, זיין פרוי פעשיע, די זין און טעכטער, אַלע פאַרטון אין אַ האַרציקן שמועס. מיט ליבליכקייט, וואָס נאָר די פאַמיליע ראַט איז געווען פעאיק דערצו, איז יעדער וואָס האָט געעפנט די טיר, איז פאַרבעטן געוואָרן זיך צוצושליסן צו זייער געזעלשאַפט.

כ'האָב דערמאַנט ר' הערשאַלעס שווער — ר' שלום האראוויץ ז"ל, וועלכער איז ראוי מען זאָל אים ווידמענען כאָטש אַ פּאָר ווערטער. ער איז געווען אַ פּערזענליכקייט פאַר זיך, מיט זיין ליבליכקייט און האַרציקייט.

די באַציאונג צו קינדער אין יענע צייט איז געווען גאָר אַ שטרענגע. אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע האָבן קינדער נישט געוואַגט צו עפענען ס'מויל און אַרויסזאָגן אַ מיינונג ביז מען האָט זיי נישט געפרעגט. דאָס וואָלט זיך גערעכנט פאַר אַ חוצפה און עזות פנים. אַ קינד האָט געדאַרפט שטיין אין דער זייט, זיך צוהערן צום געשפּרעך און זיין גרייט אויסצופירן "שליחותן" און גיין וואו מען שיקט אים ("באַדינען תלמידי חכמים" — ווי די גמרא רופט עס).

דעריבער ווען איז נישט פאַרגעסן, ווי אַלס קינד פלעגט מיך ר' שלום רופן נאָכן ענדיקן ס'דאַווענען: "קום אברהמאַלע — גייסט אַהיים?", געקושט די מזוזה און אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיר פון קלויז, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען צוויי חברים אין איין עלטער. דאָס גוטע געפיל, וואָס ער האָט מיר געגעבן דערמ־ט, האָט מיך בעגלייט אַ גאַנצן טאָג.

☆

ווען כ'בין אַהיימגעקומען אין ענדע 1941 פון קאַזאַווע, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן איינגענומען מזרח גאַליציע, האָב איך שטאַרק געוואָלט טרעפן זיך מיט ר' הערשאַלע ראַט, שמועסן מיט אים און זיך אַביסל ערמוטיקן פון זיין שטאַרקער אמונה. כ'האָב נישט זוכה געווען דערצו, ווייל ר' הירשאַלע איז געווען באַהאַלטן די גאַנצע צייט. ווען די רוצחים האָבן באַפוילן אַלע יידן אַראָפּצונעמען די בערד און געדראָט מיט טויט יעדן ייד, וואָס וועט זיך געפונען מיט אַ באָרד — האָט הערשאַלע ראַט זיך נישט צוגעהערט צו די בקשות פון בני בית און האָט נישט מסכים געווען אָפּצושערן זיין באָרד. ער האָט זיך פאַרשטעקט אין איינעם פון די אינערליכע זייטן־צימערן און נישט אַרויסגעגאַנגען אויף דער ליכטיקער שיין.

ר' הערשאַלע ראַט איז אפשר געווען דער איינציקער צווישן די שטעטלישע יידן, וואָס ביז צום לעצטן מאָמענט פון זיין טראַגיש לעבן, איז ער געבליבן מיט דער באָרד און האָט מיט יסורים צוריקגעגעבן זיין נשמה — אַ גאַנצער און פאַלקאמער ייד, לויט זיין אמונה.

יהי זכרו ברוך!

אברהם לעוויטע / **ר׳ שלמה זיסל אדלער הי״ד**

שלמה זיסלען האָבן אַלע געקענט אין שטעטל. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן סימן: ער האָט געשלעפּט אַ הילצערנעם פוס, אַלס אינוואַליד פון ערשטן וועלט־קריג.

שלמה זיסל איז געווען אַ הויכער, ברייט־בייניקער מאַן, דער קאָפּ שטענדיק אויסגעשטרעקט און זיין הינקען האָט אויסגעזעען ווי צייטוויייליק, גלייך ווי זיין פוס וואָלט געווען אין גיפּס, וועלכן מען וועט אַראָפּנעמען, באַלד דערנאָך וועט דער פוס ווערן זיך אויסהיילן.

קריגס־אינוואַלידן האָבן באַקומען פון דער פּוילישער מאַכט אַלס פאַרגיטיקונג — אַ טיטון געשעפט אָדער אַ שענק צו פאַרקויפן בראַנפן, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין. ביידע פּראָדוקטן — טאַבאַק און וואָדקאַ, זענען געווען אַ רעגירונגס מאָנאָפּאָל און די ערלויבעניש זיי צו פאַרקויפן, איז געגעבן געוואָרן, ווי געזאָגט, בלויז פאַר ספּעציעל באַרעכטיקטע.

שלמה זיסל האָט געהאַט אַ געשעפט פון טאַבאַק און ציגאַרעטן, וואָס מען האָט גערופן ״טראַפיק״. דער איינגאַנג אין געשעפט איז געווען געפּאַרבט שיף מיט רויט־ווייסע שטרייפן — די פּוילישע נאַציאָנאַלע פאַרב.

אין שטעטל זענען געווען עטליכע אַזעלכע ״טראַפיקן״.

פון אַ געשעפט, וואו מענטשן פלעגן קויפן איינצלנע ציגאַרעטן, האָט מען נישט געקענט רייך ווערן, אָבער מען האָט געצויגן דערפון, ווי עס איז, חיונה. דאָס איז געווען אין נאָרמאַלע צייטן.

אין די לעצטע טעג פון דער ברעזיווער יידישער קהילה, ווען ס׳האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע אילוזיעס און האָפענונגען און אַלע זענען געבליבן שטיין אַנטקעגן דער גרויזאַמער ווירקליכקייט, ווען די טויט־פּאַסטקע האָט זיך פאַרהאַקט אונטער די יידן פון שטעטל, וועלכע האָבן געצאַפּלט אין איר ווי פיש אין דער נעץ, האָבן ענערגישע מענטשן פון דעם סאָרט ווי שלמה זיסל, צוזאַמענגענומען ס׳לעצטע ביסל מוט און געפּרוווט זיך אַרויסרייסן פון די תלינימס לאַפּעס. טייל פון זיי איז געלונגען אָפּצושטופּן דעם ביטערן סוף אויף אייניקע וואָכן אָדער חדשים. שלמה זיסל האָט זיכער עס נישט געקענט מאַכן, ווייל ער איז געווען אַן־אינוואַליד.

קיינער ווייסט נישט איבער די לעצטע מינוטן פון די ערמאָרדעטע און געטויטע. אין אונדזערע קאָשמאַרן אין די שלאָפלאָזע נעכט, און די געשפּענסטפולע חלומות וואָס פּייניקן אונדז, זענען די וואַריאַציעס אויף דעם געביט, פאַרשידענע.

צווישן די גויים אין שטעטל, גייט אַרום אַ מעשה איבער שלמה זיסל אַדלער, דאָס נאָכדעם ווי ער האָט זיך געגנגעשעטלט דעם נאַצישן מערדער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן און אים באַפוילן אַראָפּצונעמען פון זיך אַלץ, האָט ש. ז. געכאַפּט זיין פּראָטעזע און האָט דעם באַנדיט צעשמעטערט דעם קאָפּ. די גויים ווייסן אויך צו דערציילן דעם נאָמען פון דעם געהרגעטן נאַצי — אוטו שוואַרץ, איינער פון די געסטאַפּאָ באַנדע אין יאַסלאָ, וועלכע האָבן דורכגעפירט דעם מאָרד פון די יידן אין שטעטל.

מענטשן, וועלכע האָבן באַזוכט אין ברעזיוו נאָכן קריג און זיך געטראָפן מיט די אָרטיקע איינוואוינער, האָבן דערפון געהערט. שווער צו וואוסן עפּעס גענויעס און פאַרלעסליכס, וואָס האָט פּאַסירט אין די שרעקליכע שעהן, ווייל קיינער פון די פּוילישע איינוואוינער איז נישט געווען אַנוועזנט בעת דער אַקציע.

ס׳איז אַביסל שווער צו גלויבן אַז אַן־אינוואַליד וואָס נעמט אַראָפּ זיין פּראָטעזע און שטייט קוים אויף איין פוס — איז אומשטאַנד צו אַטאַקירן אַ באַוואָפנטן סאָלדאַט, וועלכע שטייט פעסט אויף ביידע פיס. מעגליך אַז ער האָט בלויז געפּרוווט אים אַטאַקירן, אָדער ער האָט זיך באַנוצט מיט אַן־אַנדערן געגנשטאַנד אים אָנצוגרייפן — אויב ס׳איז דאָ אַ קערן פון אמת אין דער דאָזיקער געשיכטע.

אין בוך ״600 יאָר בזשאזאוו״, ווערן דערמאָנט אייניקע יידן מיט זייערע נעמען, אָבער שלמה זיסלען איז דאָרט געווידמעט פיל אָרט. זאָפיאַ וואָיטשיק, וועלכע שילדערט די בלוטיקע אַקציע קעגן די יידן אין ברעזיוו (די שילדערונג ווערט געברענגט אין דעם קאַפּיטל ״יאָרן פון גרויל און אומקום״) ציטירט אַ געוועזענעם יידישן סאָלדאַט, אַן־אינוואַליד פון ערשטן וועלט קריג, נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען און נישט באַצייכענענדיק וועמען ער האָט עס געזאָגט, אָבער לויטן אינהאַלט זענען עס די ווערטער פון שלמה זיסל אַדלער:

״פאַר די דייטשן האָב איך פאַרגאָסן בלוט אין 1917.
איך האָב פאַרלוירן מיין פוס אויפן איטאַליענישן פראָנט און איך בין אַ פאַלשטענדיקע קאַליקע. איך בין אינגאַנצן 43 יאָר אַלט און בין שוין אַ זקן און קען זיך נישט רירן אָהן קוליעס. דאָס איז אַ גרויל. די דאָזיקע שאַנד רופט צו אַ נקמה אין דייטשן פאָלק, וואָס מאָרדעט אָהן רחמנות אונשולדיקע מענטשן״.

לויט דעם אויבן דערמאָנטן, קען מען אַרויסדרונגען, אַז שלמה זיסלס ווידערשטאַנד איז געווען אַ פּאַסיווער און בלויז אַ ווערטליכער.

אין דעם בוך געפינט זיך אויך אַ פראַגמענט פון אַן־ערציילונג פון סטאַניסלאַוו ראַגאַווסקי א. נ. ״חיות און מענטשן״. דער נאָמען פון פראַגמענט איז ״שלמה אדלער״ און ער שילדערט די שחיטה פון די יידן און דאָס פּייניקן די קרבנות.

שווער פעסטצושטעלן וואָס עס זענען געווען די פאַקטן וואָס ר. האָט געוואוסט דעריבער פון וואַנען ער האָט גענומען די פּרטים וועלכע ער שילדערט; וויפל ווירקליכקעס עס געפינט זיך אין זיי, און וואָס ער ערגענצט מיט זיין פאַנטאַזיע אַלס שרייבער. ס׳איז קלאָר אַז ער ברענגט נישט קיין דאָקומענטאַר מאַטעריאַל. ראַגאַווסקי דערמאַנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע, געוויסע נעמען, ווי ״די אַלטע (סימאַ) קופּליק, דער דראַגעריסט טרינטשער און דער סוחר רייך״, ווי אויך בן ציון טראַכמאַן. וואָס אמבעלאַנגט בן־ציון טראַכמאַן הי״ד, איז עס באַשטימט נישט גענוי, דען ער איז אומגעקומען נאָך בעת דער שחיטה אין דינאוו, אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אינוואַזיע.

זיינע ליטעראַרישע שילדערונגען זענען באַזירט אויף דער ווירקליכער לאַגע, אין וועלכער די יידן האָבן זיך דאַן געפונען און ער איבערטרייבט זיכער נישט, נאָר פאַרקערט: קיין מענטשליכע פאַנטאַזיע האָט נישט געקענט אויסטראַכטן אַזעלכע גרויל־געשעענישן ווי זיי האָבן פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט. מיר וועלן דאָ נישט ברענגען די גאַנצע דערציילונג, נאָר זיך באַגנוגן בלויז מיטן ציטירן דעם טייל, וואָס דערציילט איבער דעם העלד פון דעם דערמאַנטן פראַגמענט, שלמה אַדלער:

„דער אינוואַליד שלמה אַדלער, וועלכער איז מקנא זיין מוטער, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט. זיינע ליידן אין משך פון די יאָרן אַלס אינוואַליד, האָבן אויסגעלייטערט זיין געזיכט און פאַראיידלט זיין נשמה. גוטסקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים — אַ ים פון גוטס. פון זיינע אויגן לויכט אַרויס גרויסמוטיקייט, מעסיקייט, פאַרשטענדעניס און ברייטהערציקייט פון אַ נביא. אין זיינע באַוועגונגען איז דאָ עפּעס פון אַ פּאַטריאַרך. באַזונדערס ווען ער, אַליין אַ הונגעריקער, צעטיילט צווישן זיינע קינדער די לעצטע שטיקלעך ברויט. שלמה פילט דעם צער פון אַלע זיינע ליידנדע ברידער, פון אַלע. ער, וואָס טרעט נישט אויף קיין ווערימל, און טשעפּעט נישט קיין פליג. שלמה אַדלער, אַ ווייטער קרוב פון „שלמה פון די לאַווקעס" (שאַבסעס), בעט ג־ט פאַר אַלע פון זיין עדה, נאָר פאַר זיך אַליין בעט ער גאָרנישט. צו וואָס? ווען מיט 25 יאָר צוריק, האָט ער פאַרלוירן זיין פוס אויפן שלאַכט־פעלד, האָט ער זיך געבונטעוועט און געשריגן: וואו איז מיין פוס?! גיט מיר צוריק מיין פוס און שיקט מיך אַהיים!

ווען די דאָקטוירים האָבן אים דעם פוס נישט צוריקגעגעבן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט, און די קאָמאַנדאַטור האָט אים געגעבן דעם העלדן־קרייץ און אים געשיקט אַהיים אַ קאַליקע צו אַ הינקענדיקער צוקונפט, — האָט ער ווי עס איז שלום געמאַכט מיט זיין ביטערן גורל און געלעבט לויט די געבאָטן פון דער תורה נישט באַעולהנדיק קיינעם.

ווען ער וואָלט געקענט זיך צונויפרעדן מיט קאָמענדאַנט פון דער געסטאַפּאָ וואָלט ער אים איבערצייגט, אַז עס איז נישט ריכטיק. ער וואָלט אים געוויזן דעם דינסט־קרייץ וואָס ער האָט באַקומען פאַרן פוס, וועלכן ער האָט געאָפּפערט „פאַרן קייזער און זיין מדינה". ער וואָלט אים געהייסן אָנטאַפּן די אייזערנע פּראָטעזע און אים אויפגעוויזן, דאָס דעם קרבן, וואָס ער האָט געברענגט פאַרן קייזער, האָט ער אויך געברענגט פאַר אים, פאַר דעם נאַצי, בשעת ער זעלבסט איז געבליבן אַ קאַליקע. יעצט ווי אַזוי קען ער דאָס דער נאַצי, אַזוי אהן שום סיבה דערמאָרדן זיין, שלמהס, פאַמיליע?

ראַגאַווסקי שילדערט די אַקציע און אין צענטער זעט ער שלמהן:

„זיי ווערן געפירט אין לאַסט־אויטאָס, באַדעקט מיט ברעזענט. די מענטשן ליגן אויף דער בריק און אויף דעם אויסגעצויגענעם ברעזענט זיצן די אויסגעפּרעסטע מערדער. אויף שלמהן ליגט דער פעטעסטער און שווערסטער רוצח. די קרבנות גייען נאַקעט צום טויט, מיט שלמה אַדלער אין דער שפּיץ. דער קריגס אינוואַליד גייט מיט דעם „דינסט קרייץ" מעדאַל. אפשר וועט זיין אויסזעען רירן זייער „געוויסן". מיט אַ קערפּער געבוי ווי שמשון, דערנענטערט זיך שלמה צום גרוב, הינקענדיק מיט דער פּראָטעזע, וואָס קיינער אויסער אים האָט זי נאָך נישט געזעען קיין נאַקעטע. שלמה קוקט מוטיק אויף דעם רעוואָלווער וואָס ווערט קעגן אים געצילט. ער איז דאָך אַ סאָלדאַט וואָס האָט געקעמפט פאַרן קייזער און פאַר... דייטשלאַנדס גרויסקייט".

ס'איז נישט פאַרשטענדליך פאַרוואָס ראַגאַווסקי געפינט פאַר ריכטיק צו ענדיקן די שילדערונג דערמיט ווי שלמהס בליק, טרעפט זיך אָן מיט דעם בליק פון דעם געסטאַפּאָוויעץ אוטו שוואַרץ (וועלכער איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן און ווייזט אויס אַז ס'איז דאָך, געוויזן אַ געוויסער צוזאַמענשטויס צווישן די ביידע). דער לעצטער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט און ער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער.

דער פּרוואו צוצושרייבן אַ מענטשליך געפיל איינעם פון דער מערדער באַנדע — זעט אויס צווייפלהאַפט און איז נישט איבערצייגנד.

☆

פון דעם בוך „זעקס הונדערט יאָר בזשאַזאוו" האָבן מיר געברענגט פון די שילדערונגען פון זאָפיאַ וואָיטשיק און סטאַניסלאַוו ראַגאַווסקי, וועלכע שרייבן איבער דער טראַגעדיע פון די ברעזשעווער יידן בכלל, און שלמה זיסל אַדלער, בפרט.

קודם כל איז אונדזער פליכט אונטערצושטרייכן דעם הומאַניטאַרן צוגאַנג פון די דערמאָנטע שרייבער, וואָס איז באַזונדערס בולט צווישן די רעשט אנטיילנעמער אין דעם דאָזיקן בוך, וועלכע מאַכן זיך איבערהויפּט נישט וואוסנדיק איבער די יידן, און אויב זיי דערמאָנען זיי קוים, איז עס דרך אגב אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם טעמא, מיט וועלכן זיי פאַרנעמען זיך.

אין דעם ים פון ברוטאַלער שנאת ישראל, פון מיטאַרבעט מיט די דייטשן און נקמה און שאָדן־פרייד אין אָנבליק פון די יידישע ליידן — דאַרף מען באַגריסן יעדן פונק פון פשוטער נאַטירליכער מענטשליכקייט.

די נאַציס ימ"ש האָבן צוגערויבט דעם מענטשליכן כבוד ביי די יידישע קרבנות איידער זיי האָבן זיי דערמאָרדעט. זיי האָבן די אומגליקליכע דערנידריקט אין די אויגן פון דער נישט יידישער באַפעלקערונג צווישן וועלכער זיי האָבן געלעבט און האָבן געוויזן די יידן און זייער גאַנצער אָנמאַכט און פאַרלוירנקייט.

טייל פּאָלאַקן, וועלכע האָבן צוגעזען די שרעקליכע יסורים פון די יידן, האָבן אויף זיי רחמנות געהאַט און געפּרוּווט זיי דערלאַנגען מעגליכע הילף, אָבער זייער באַציאונג צו די יידן אין דעם דאָזיקן מצב, איז געווען ווי צו נעבעכדיקע אומגליקליכע, וואָס די נויט געפינט זיך אין זיי און נישט ווי צו מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין נויט. זיי האָבן מיטגעפילט מיט זייערע ליידן, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. זייער רחמנות געפיל האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם נידריקסטן פונקט אין וועלכן די אומגליקליכע האָבן זיך געפונען.

נאָר ווייניקע, מיט עכטע הומאַניטאַרע געפילן האָבן געווייטאָגט צוזאַמען מיט די ליידענדע יידן און האָבן געזען אין זיי מענטשן מיט זיך צוגלייך, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אויף די אכזריותדיקסטע פּייניגונגען, וואָס די מענטשליכע געשיכטע האָט נאָך נישט געקענט. די דאָזיקע יחידי סגולה האָבן געזען, אַז די יידן ליידן אהן שום שולד פון זייער זייט און די אומגליקע זענען דערהויבן געוואָרן אין זייערע אויגן, צוליב דעם.

זאָפיאַ וואָיטשיק, וועלכע שילדערט די "אַקציע" מיט אַלע פּרטים, אויך זי האָט מיטגעפילט מיט דער שרעקליכע טראַגעדיע פון די יידן און זייערע יסורים האָבן זי שטאַרק באַרירט. זייער ביטערער גורל האָט נישט געקענט איבערלאָזן גלייכגילטיק קיין מענטש וועלכער האָט אין זיך געהאַט אפילו אַ טראָפּן מענטשליכקייט.

סטאַניסלאַוו ראגאווסקי געהער צו די יחידי סגולה, וועלכע מיר האָבן דערמאַנט. זיין וואַרעמער צוגאַנג פול מיט האַרץ צו די אומגליקליקע קרבנות, קומט צום אויסדרוק אין זיין שרייבן און איז באַזונדערס בולט אין זיין אידענטיפיצירן זיך מיט זיין העלד, שלמה אַדלער.

ראגאווסקי פּרוּווט שילדערן די יידישע טראַגעדיע, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער געשטאַלט פון שלמהן. שלמה איז דער סימבאָל פון דער גאַנצער יידישער עדה, וואָס איר מאַכטלאָזיקייט קעגן דעם אומגליק וואָס איז אויף איר געקומען, איז ווי פון אַנ־אינוואַליד, וועלכער, צוליב זיינע באַגרעניצטע מעגליכקייטן, קען ער נישט אַנטרונען פון זיין ביטערן גורל.

שלמה איז צוואַר אין די בעסטע כוחות, אָבער צוליב דעם וואָס ער איז אַנ־אינוואַליד האָבן די דייטשע מאנסטרומס אים צוגעטיילט צו די קינדער און זקנים, און דערפאַר מאַכט אים ראגאווסקי פאַר דעם פארשטעער אַזוי צו זאָגן, פון די קרבנות.

פיל זאַצן און שילדערונגען זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דעם פראַגמענט וואָס מיר האָבן געברענגט. דער ליטעראַרישער ווערט פון דער דערציילונג געהער נישט צו אונדזער ענין. פאַר אונדז איז שלמה זיסל נישט קיין ליטעראַרישער העלד, נאָר אַ לעבעדיקער מענטש, איינער פון אונדזערע ברידער וואָס איז געפירט געוואָרן צום טויט, צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער.

וואָס עס האָט געגוי פּאַסירט מיט שלמה זיסל איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה — דאָס וועט אונדז קיינער נישט קענען זאָגן. אָבער פון דעם אַלעם דערציילטן איבער אים צווישן די גויים אין שטעטל, פון דער שילדערונג פון ראגאווסקי און פון דעם פאַקט, דאָס דווקא ער, דער אינוואַליד, איז געוואָרן אַ לעגענדע, וואָס שרייבט אים צו העלדישקייט און ווידערשטאַנד די רוצחים, פון דעם אַלעם קען מען אָנעמען, אַז עס איז דאָ אַ יסוד פון אמת און דעם דערציילטן, וועלכעס ווייזט אָן אויף אַ שטאָלץ און מוטיק האַלטן זיך אין די לעצטע טראַגישע מינוטן. עס איז שווער פעסטצושטעלן דעם כאַראַקטער און אופן פון דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד, און ווי ווייט עס האָט דערגרייכט, וועלן מיר, ווי געזאָגט, שוין קיינמאָל מער נישט וואוסן, אָבער די דאָזיקע ערשיינונג איז יעדנספאַלס ווערט צו באַצייכנען און דאָקומענטירן.

יהי זכרו ברוך!

אברהם לעוויטע / **יאסל פענסטער הי״ד**

יאסל פענסטער איז געווען איינער פון די פעאיקסטע בחורים אין שטעטל. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין יאָר 1932 אַן איז אַוועק קיין קאַטאָוויץ, דאָרט האָט ער געפונען אַרבעט און פרנסה און אין דער פרייער צייט איז ער געווען טעטיק אין פאַרשידענע לינקע אָרגאַניזאַציעס.

פאַרן ערשטן מאַי, ווען די לינקע פלעגן אָרגאַניזירן אונלעגאַלע דעמאָנסטראַציעס, האָט די פוילישע פּאָליציי אים אריינגעזעצט ביז איבערן "יום־טוב" אין פאַרמיידונגס־אַרעסט, ווי זי פלעגט עס טון מיט אַלע, וועלכע זענען געווען פאַרדעכטיק אין נויגונג צו קאָמוניזם.

איך דערמאַן מיך, אין יאָר 1938 קומענדיק אַהיים אויף וואַקאַנס, איז ער אויפגעטרעטן אין "בית יהודה" קלוב און רעפערירט פאַר עטליכע צענדליק יוגנטליכע איבער דער כינעזישער פראַגע.

אין די לינקע קרייזן פלעגט מען זיך פאַרנעמען מיט טעמאַטן און ענינים וואָס די פּאָליטרוקן האָבן געברענגט פאַר די אינסטרוקטאָרן דירעקט פון די גרויסע מנהיגים, כדי איבערצוגעבן די תורה ווייטער פאַר די "ברייטע מאַסן", כדי צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן זייער "קלאַסן־באַוואוסטזיין" און "פּאָליטישע וואַכזאַמקייט". די אַלע טעמאַטן האָבן זיך גוט איינגעפּאַסט אין דער אַקטועלער סאָוויעטישער פּאָליטיק, אין זייערע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס און אין זייער פּראָפּאַגאַנדע סיסטעם.

די קאָמוניסטישע "פרשה" פון דער וואָך פון דעמלט, איז

געוועזן "כינע" און יאָסל האָט רעפערירט איבער דעם פּראָבלעם וואָס איז געוועזן אַזוי שטאַרק אַקטועל פאַר די יידן אין יענער צייט — כינע. ס'איז טרויעריק, ווען מען דערמאַנט זיך, מיט וואָס עס האָבן זיך פאַרנומען נאַאיווע יידישע בחורים אין יענער טראַגישער תקופה, ווען דאָס קלאַפּן פון די נאַצישע פּאַדקאָוועס האָט שוין אָפּגעהילכט איבער גאַנץ אייראָפּאַ. נאָכן מלחמה אויסברוך איז יאָסל אַהיימגעקומען פון קאַטאָוויץ.

ווען מען האָט זיך אין שטעטל דערוואוסט, אַז די רויטע אַרמע האָט אַריינמאַרשירט קיין פּוילן און זיך אויסגעשפּרייט ביז צום טייך "סאַן", האָבן די יידן נישט געוואוסט, וואָס צו מאַכן: צי זיך איינשטעלן און אַריבער די גרעניץ, אָדער וואַרטן ביז די רוסן וועלן קומען אויך צו אונדז, לויט ווי די שמועות זענען דעמלט אַרומגעגאַנגען. יאָסל וועלכער האָט זיך געפילט אַלס הויפּט "בעל שמחה" האָט געטענהט אַז מען דאַרף אַנטקעגן גיין די "כלה" און ס'איז אַ שאָד צו פאַרלירן אַפילו איין גליקליכן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געוועזן צווישן די ערשטע, וועלכע זענען אַריבער אין די רוסישע געביטן.

נאָך עטליכע וואָכן האָבן מיר זיך געטראָפן אין דער גאַס אין "באַפרייטן" לעמבערג, און כ'האָב אים געפרעגט, וואָס עס זענען זיינע פּלענער. יאָסל האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי אין די בעפרייטע געביטן הערשט נאָך אַ "שטיקל" באַלאַגאַן, ווייל די גוטע קאָמוניסטישע אָרדנונג איז דאָרט נאָך נישט איינגעפירט, וויל ער דעריבער נישט וואַרטן ביז אַלץ וועט זיך איינאָרדענען און ער גייט אַריבער קיין רוסלאַנד גופא, וואו די אָרדנונג איז שוין אַ פאלקאמע.

איך האָב אים געוואונטשן אַ גליקליכע רייזע און זיך איינגעהאַלטן אים צו פרעגן, וואוהין ער וועט גיין, אַז ער וועט אויך דאָרט אויסגעפונען, אַז די ענינים הינקען אַביסל אונטער.

דעם ענפער אויף מיין נישט געפרעגטער פראַגע, האָב איך באַקומען פון אים ערשט אין זומער 1940, בשעת כ'האָב זיך אַרומגעדרייט ביינאַכט ביי דער באַן־סטאַציע און געקוקט אויף דער מענטשן־מאַסע, וועלכע האָט געוואַרט אויף אַ צוג און אַנשטאָט צו זיצן אין ליידיק שטייענדן וואַרטע־זאַל, האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין דרויסן אויפן נאַסן גראָז און די מיליציאַנטן האָבן זיי געטריבן אהין און צוריק, ווי אַ סטאַדע שעפּסן. פּלוצים האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף יאָסל פענסטער, און כ'האָב דערזען פאַר זיך אַ פיזיש און גייסטיק צעבראָכענעם מענטש. איך האָב אים געפרעגט וואָס איז זיין מיינונג איבער די משונהדיקע סדרים וואָס קומען פאָר, פאַר אונדזערע אויגן. — דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָט ער מיר געענטפערט. דאָ וואַלגערן זיך הונדערטער מענטשן, אין קיעוו ביי דער סטאַציע וואַלגערן זיך טויזנטער.

ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער איז אַדורך אין רוסלאַנד און וואָס ער האָט זיך דאָרט צוגעזען. ער האָט זיך אָנגעהויבן "מתוודה" צו זיין אויף זיינע זינט, ווען ער האָט אַוועקגעגעבן זיינע כוחות און אין וואָס ער האָט בלינד געגלויבט אַלע יאָרן. ער האָט "באַשולדיקט" די פּוילישע פּאָליציי דערין וואָס זי האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, בלויז אויף אייניקע טעג! פאַרוואָס האָבן זיי מיך אַזוי שנעל באַפרייט? — האָט ער געפרעגט. אַזעלכע טיפן ווי איך וואָס זענען געוועזן אַ סכנה פאַר דער געזעלשאַפט, האָבן זיי געדאַרפט פאַרשליסן אין תפיסה אויפן גאַנצן לעבן — האָט ער געזאָגט מיט אויפרעגונג.

ווי ווייטאָגדיק איז געוועזן זיין אַנטוישונג, ווען פון זיינע האָפענונגען פון חלומות־לאַנד איז ער אַראָפּגעפאַלן אין אַזאַ גרונדלאָזן ייאוש. ער האָט גערעט איבער אַ שריט וואָס זיין באַדייטונג איז געוועזן אַ באַוואוסטזיניקער זעלבסטמאָרד: "איך האָב דאָ נישט מער וואָס צו זוכן, איך וועל אַדורכשמוגלען די גרעניץ און צוריק צו די דייטשן. פון די נאַציס ערוואַרט איך גאָרנישט, אין בעצוג צו זיי האָב איך כאָטש נישט קיין אילוזיעס. אפשר וועט מיר געלונגען אויסצוהאַלטן ביז דער קריגס־ענדע. אויב נישט — וועל איך טיילן דעם גורל מיט די רעשט יידן, וועלכע געפונען זיך דאָרט".

ער איז אַוועקגעפאָרן מיטן צוג. יאָסל איז אומגעקומען ערגיץ וואו צוזאַמען מיט די מיליאָנען קרבנות וואָס זענען אומגעברענגט געוואָרן אויפן שייטערהויפן. הי"ד.

משה באנק / ר' לייב דיאמאנט הי"ד

אַ מאַן פון מיטלמעסיק געוואוקס, אַביסל דיקליך, אַ פריש ראַזירט און געשטופּלט געזיכט. געקליידעט אויפן שטייגער פון "משכילים". קורצזיכטיק, דיברילן גלאַנצן פון דער ווייטנס. מיט די פינגער אָדער דורכן דרייען מיט דעם קאָפּ אַהין און צוריק, פאַריכט ער אָפט דעם אויסקראַכמאַליעטן און געשטייפטן קאַלנער פון זיין געפרעסטן העמד, מאַכנדיק גלייכצייטיק אַ נערוועזן "טיק" מיטן פנים. מיט אַ פּעקל צייטונגען אונטערן אָרעם און אַ שפּאַציר שטאָק אין האַנט — אַזוי האָבן מיר אים באַגעגנט יעדן פרימאָרגן, שפּאַנענדיק פון פּאָסט־אַמט, אין דער ריכטונג פון רינג־פּלאַץ אין שטעטל. דאָס איז געוועזן לייב דיאַמאַנט, איינע פון די האַרציקסטע און קאָלירפולע געשטאַלטן אין שטעטל. ווייזט אויס, אַז נאָך אין זיינע יונגט־יאָרן האָט ער אויסגעטון דעם טראַדיציאָנעלן לבוש און אים אויסגעטוישט אויף מאָדערנע אייראָפּעאישע קליידונג. אין דער היינזיכט איז ער מסתמא געוועזן פון די איינצלנע דרייסטע אין שטעטל, וואָס האָבן געוואַגט אַזוי זיך צו פירן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ער איז געוועזן פון די ערשטע אָנזאָגער פן די נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע געדאַנקען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין שטעטל.

פאַנאַטיש איבערגעגעבן דעם ציוניזם און ארץ ישראל, האָט ער איבערגעגעביטן די פאַרערונג פאַר דעם "רבי", וואָס

איז געווען אָנגענומען אין חסידישע קרייזן, אויף פֿאַרערונג פון ד״ר הערצל, דעם גרויסן ציוניסטישן פירער. אהבת ארץ ישראל, ציוניזם און די העברעאישע שפּראַך האָבן געברענט אין אים ווי אַ פלאַם און ווייִ איז געווען דעם, וואָס האָט פאַרלעצט זיינע געפילן און געפּרואווט אָנגרייפן זיינע ״עיקרי האמונה״. ער האָט ליב געהאַט צו דיסקוטירן און מיט פּאַטאָס פאַרטיידיקן זיינע מיינונגען. זיינע געגנער, הויפּטזעכליך פון די ארטאדאקסישע קרייזן האָט ער אַטאַקירט אין ״ברען״ פון דער דיסקוסיע, באַנוצנדיק זיך מיט זייער געווער — מיט פסוקים פון תנ״ך און תלמוד.

ער האָט אַקטיוויזירט אַנדערע און אַליין טעטיג געווען אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישער אַרבעט: פאַרן קרן קיימת, קרן היסוד, העברעאישע קורסן און אַלע אַנדערע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ביי יעדער וואַל קאַמפּיין, צום פּוילישן ״סיים״, צו דער קהילה פאַרוואַלטונג, אָדער צום שטאָט־ראַט האָט ער אַנטייל גענומען, איבערגעבנדיק זיך בלב ונפש דער אַגיטאַציע פאַר די ציוניסטישע וואַל־ליסטעס.

זיין פרוי איז געווען פון דער פאַמיליע ווערנער — אַנ־איינגעוואָרצלטע און פאַרצווייגטע משפחה אין שטעטל און אין דער אומגעבונג. בדוחק האָט ער מפרנס געווען זיין פאַמיליע פון אונטעריכטן העברעאיש, פאַרקויפן שרייבגעצייג און ציוניסטישע צייטונגען, בעיקר דעם ״היינט״ וועלכער איז ערשינען אין וואַרשע און געווען דער הויפּט אָרגאַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

ער איז געווען ״אויסגעקאָכט״ אין דעם לעבן פון שטעטל, און האָט געדינט אַלס לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון דערציילונגען איבערן שטעטל און זיינע מענטשן, ווי אויך פון אָרטיקן פאָלקלאָר.

זאָלן די שורות זיין אַ צייכן פון אָנדענק דעם באַגייסטערטן טרוימער, וואָס אַלע זיינע געדאַנקען און טאַטן זענען געווען געווידמעט צו פאַרשפּרייטן די ציוניסטישע אידעע און אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק און אַליין נישט זוכה געווען צו זעען די פאַרווירקליכונג פון זיין חלום — דאָס אַנטשטיין פון מדינת ישראל.

חיים באנק / **מיין מאמע מאשע יהודית הי״ד**

און מיין פאטער ר׳ ישראל יצחק ז״ל

צווישן די קליינע צאָל יידישע איינוואוינער אין ברעזיוו, האָבן זיך געפונען אייניקע משפחות, וועלכע האָבן געוואוינט אין שטעטל במשך עטליכע דורות און אויך זייערע קינדער און קינדס קינדער האָבן דאָרט אויפגעבויט זייערע היימען און צוזאַמען האָבן זיי געבילדעט איין ברייט־פאַרצווייגטע משפחה — כמעט אַ שבט.

אונדזער פאַמיליע איז געווען אַנ־אינדיווידועלע און מיר האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פאַמיליעס.

מיין מאַמעס פאָטער ר׳ בעריש גרינבוים ע״ה, איז געקומען פון דינאוו. ער איז געווען אַ בעל משפחה פון פיל קינדער, אָבער ליידער איז דער גרעסטער טייל אויסגעשטאָרבן פון פאַרשידענע מגפות און געבליבן זענען בלויז צוויי קינדער: מיין פעטער לייביש גרינבוים ע״ה און מיין מאַמע מאשע יהודית.

דער טאַטע ישראל יצחק באַנק־פיינגאָלד ז״ל איז געקומען (ווִעמענס נאָמען איך טראָג) האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד, פון טארנע. זיין פאָטער, (מיין זיידע) ר׳ חיים שלמה ז״ל פון וואַנען זיין פאָטער, ס׳הייסט מיין טאַטנס זיידע, איז אַנטלאָפן בעת זיין מיליטער דינסט.

לויט מיין טאַטנס דערציילן, איז זיין זיידע אַריבער די עסטרייכישע גרעניץ מיט זיין מיליטערישן פערד, דינענדיק אַלס קאַוואַלעריסט אין דער צאַרישער אַרמע.

דער שידוך צווישן מיינע עלטערן איז צושטאַנד געקומען, ווייל די משפחות זענען שוין געשטאַנען אין שידוכים פאַרבינדונג צווישן זיך, דען מיין טאַטנס עלטערער ברודער

מאטל (מרדכי) איז געווען אַ שוואָגער פון מיין באבע סימאַלע — ר׳ בערישס פרוי.

די חתונה פון מיינע עלטערן איז פאָרגעקומען אין יאָר 1907.

מיין מוטער וועלכע איז געווען אַ געבוירענע און ערצויגענע אין ברעזיוו, האָט באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציאונג און האָט גלייכצייטיג געענדיקט 7 קלאַסן פון די פּוילישע עלעמענטאַרע שולע. אין יענער צייט, האָט אין אַזאַ שטעטל ווי ברעזיוו נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן ווייטער לערנען אָדער שטודירן אין אַ נישט יידישן לערן אַנשטאַלט אַזוי אַרום איז מיין מאַמע יונגערהייט געוואָרן אַ סוחרטע.

דאָס געשעפט איז דעמאלס באַשטאַנען פון אַ הילצערנע בודקע און פיל סחורה איז דאָרט נישט געווען — אַביסל זויסוואַרג, גרינצייג און פרוכטן, נישט מער.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט איז אין ברעזיוו אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און האָט פאַרניכטעט פיל יידישע הילצערנע הייזקעס און בודקעס.

מיט אייניקע יאָר שפּעטער האָט ר׳ קלמן וואָלף רייך הי״ד אויפגעשטעלט אייניקע געמויערטע איין־שטאָקיקע הייזער אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ גרויסע צאָל געוועלבן. אין איינעם פון זיי האָט מיין מוטער איינגעאָרדנט פונדאָסניי איר געשעפט אין אַ גרעסערן פאַרנעם.

די קונים, סיי יידישע, סיי קריסטלעכע, האָבן באַשאנקען די מאַמען מיט גרויס צוטרוי און רעספּעקט, צוליב איר ערליכקייט און פריינדליכקייט.

די פוילישע אינטעליגענץ האָט גערן געקויפט ביי מיין מאמען. די סיבה איז געווען, ווי דערמאַנט, איר ערליכקייט, ווי אויך דערפאַר ווייל זי האָט גוט באַהערשט די פוילישע שפּראַך.

דער נאָמען "מאַשע" איז געווען ברייט באַקאַנט אינם שטעטל און אין די אומגעבונג און דאָס געשעפט האָט זיך אַנטוויקלט און גוט פּראָספּערירט.

נאָך דער חתונה האָט דער טאַטע זיך מיטבאַטייליקט אין געשעפט און אויסער דעם צוהעלפן די מאַמען אין באדינען די קונים האָט ער אויך געפירט די קאָרעספּאָדענץ, די חשבונות און אַנדערע וויכטיקע געשעפטס ענינים.

נאָך דעם אויסברוך פון ערשטן וועלט קריג אין יאָר 1914, האָבן מיינע עלטערן איבערגעלאָזט זייער גאַנץ האָב און גוטס און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּליטים, אַנטלויפנדיק פאַר די אַריינדרינגענדע רוסישע ארמע. מיר זענען שוין דעמלט געווען דריי קינדער: מיין שוועסטער עטקע רייזל הי"ד, איך און מיין ברודער משה (דוד).

נאָך דעם צוריקומען פון דער פלוכט אין יאָר 1916 האָבן מיר געמוזט ווידער אָנהויבן פון "בראשית" און ביז מיר האָבן באַוויזן זיך צוריק אויפבויען, זענען נאָך דער קריגסענדע בעתן אַנטשטיין פון דער זעלבסטשטענדיקע פוילישע מלוכה, אויסגעבראָכן פּאָגראָמען און אונדזער פאַרמעגן איז צום דריטן מאָל פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס איז געווען דער יידישער גורל.

אַ דאַנק זייער פלייס, און מי, איז מיינע עלטערן געלונגען זיך ווידער צו שטעלן אויף די פיס און צוריק אויפבויען זייער געשעפט. כאָטש קיין גבירים זענען זיי נישט געוואָרן, אָבער פרנסה בריווח איז געווען.

דער טאַטע ע"ה האָט זיך שנעל איינגעבירגערט אין שטעטל, שאפנדיק זיך אַ ברייטן קרייז פון פריינד צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אויך פיל פון דער קריסטלעכע אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געהערט צו אונדזער קונים־קרייז, האָבן זיך באַצויגן צום טאַטן מיט גרויס דרך ארץ און פלעגן ליב האָבן מיט אים צו דיסקוטירן, טראָץ דעם וואָס דער טאַטע איז געווען אַ ייד מיט באָרד און פיאות, און געטראָגן די טראַדיציאָנעלע הלבשה. דער טאַטע איז געווען אַ תלמיד ביים קראסנער רב, הרב פירער ז"ל און ער האָט אין זיך פאַראייניקט לומדות מיט וועלטליכן וויסן. ער איז געווען אַן־אויטאדידאקט און האָט אַליין געלערנט די פוילישע און דייטשע שפּראַך.

דער טאַטע האָט געדאווענט אין בית מדרש, אין וועלכן דער זיידע ר' בעריש האָט געהאַט זיין "שטאט", און ער איז דאָרט געווען איינער פון די געשעצטע בעל הבתים. שבת ווען ער איז געווען פריי פון געשעפט, איז ער געזעסן און געלערנט גמרא אָדער אַריינגעקוקט אין זיינע באַליבטע ספרים.

אין אָנפאַנג צוואנציקער יאָרן, נאָך דער גרינדונג פון דער העברעאישער שול אין ברעזיוו, איז דער טאַטע אַריין אַלס מיטגליד פון דער שול פאַרוואַלטונג און האָט זיך באַטייליגט ביים פאַרהער פון די תלמידים ביים סוף שול־יאָר.

ער אַליין האָט באַהערשט גרינדלעך, די העברעאישע שפּראַך אין וואָרט און שריפט. ער האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין אונדז קינדער, דעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער ערציאונג.

דער טאַטע איז נפטר געוואָרן אין יוני 1929, נאָך אַ לענגערע קראַנקהייט, איבערלאָזנדיק די מאַמען מיט זעקס קינדער, צווישן זיי די צוויי יונגסטע, שרה און יוסף, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן בעת זיין קראנקהייט.

מיין מאַמע האָט אָנגענומען איר אלמנהשאַפט מיט גרויס ווירדע און האָט פאַרשטאַרקט איר זארגפעלטיקייט פאַר די יתומים. זי האָט אונטערדרוקט אין זיך אירע פיינפולע געפילן, אָבער נישט תמיד האָט זי זיך געקענט באַהערשן און געזוכט אַן־אָרט וואו קיינער זאָל נישט באַמערקן, כדי זיך גוט אויסצעוויינען. מערסטנס פלעגט זי געבן אַן־אָפּלויף אירע טרערן, ערב שבת ביי ליכט בענטשן און ביי די סדרים אין פסח.

אין סעפּטעמבער 1939 ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פוילן האָט די יידישע באַפעלקערונג באַלד דערפילט זייערע רוצחישע לאַפּעס.

וועגן די צרות וואָס יידן זענען זיך אויסגעשטאַנען איז שוין פיל דערציילט געוואָרן און וויפל מען דערציילט דאוועגן קען מען נישט אַלעס אויסדערציילן.

דעם 2־טן אויגוסט 1942 זענען איבער 250 יוגענטליכע פון ברעזיוו, צווישן זיי אויך מיין ברודער מאיר, פארשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער קיין פלאשאוו, צו שווערע שקלאַפן אַרבעט.

נאכהער איז געקומען דער גרויזאם טראַגישער טאָג פון 10־טן אויגוסט 1942, ווען דאָס יידישע שטעטל ברעזיוו איז מיט דער גרעסטער אכזריות ליקווידירט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער. טייל, הויפּטזעכליך אַלטע לייט, מוטערס און קינדער, אינוואַלידן זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט און זייערע קערפּערס ליגן אין ברידער קבר, אין ברעזיווער וואַלד. דער צווייטער טייל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין בעלזשעץ. צווישן די אַרויסגעשיקטע האָבן זיך געפונען מיין טייערע מאַמע, מיין שוועסטער שרהלע און מיין ברודערל יוסף, מיין מומע זעלדע גרינבוים און איר טעכטערל סימטשע.

ווען מען האָט זיי דורכגעפירט מיט דער באַן איבער פשעמישל, וואו איך האָב זיך דאַן געפונען אין געטאָ האָט נאָך מיין שוועסטער שרה באַוויזן אַרויסצוואַרפן אַ בריוול, אז מיר זאָלן נישט זיין באַזאָרגט, מען שיקט זיי קיין מזרח...

זיי זענען אַלע אומגעברענגט געוואָרן אין דעם שרעקליכן טויטן־לאַגער, בעלזשעץ. דאָרט זענען אויך אומגעקומען מיין שוועסטער עטקע מיט איר מאַן חיים אַלסטער און זייער יונגאַלע ישראל, וועלכע זענען אַהין געברענגט געוואָרן פון לעמבערג. תהי נפשם צרורה בצרור החיים.

ווען מיר דערמאַנען אונדזערע טייערע און ליבסטע, וועלכע זענען אומגעקומען פון די רוצחישע הענט, רייסט זיך אַרויס פון אונדזערע הערצער אַ קללה אויף דעם דייטשן פאָלק, וואָס איז פעאיק געווען צו פאַרגיסן אַזויפיל אונשולדיק בלוט:

פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן אויף אייביק.

מענטשן פון שטעטל

ר׳ דוד ראזנער הי״ד

ביי יידן איז אָנגעקומען, אַז די וועלט האַלט זיך מיטן כוח פון ל״ו צדיקים נסתרים. ס׳ליגט מיר נאָך אין זכרון, ווען מיר האָבן אַלס חדר יונגלעך זיך געגריבלט און אַריינגעטראַכט, וואָס עס איז אייגנטלעך אַ ״למד־וואָניק״. אונדזער קינדישע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און יעדער פון אונדז האָט אין זיין דמיון זיך פאַרגעשטעלט זיין אייגענעם ״למד־וואָניק״, פונקט ווי מיר פלעגן פּרואוון זיך פאַרשטעלן די געשטאַלט פון משיח. איך געדענק פאַרשידענע רירענדע מעשיות פון מיינע חברים אין חדר וועגן די ״למד־וואָניקעס״, וואָס זיי האָבן ״געזעהן״ אין חלום אָדער ״אַנטדעקט״ אין דערווירקליכקייט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין אַלע פאַלן זענען די דאָזיקע באַהאַלטענע צדיקים, געווען יידן מיט בערד און פּיאות, געקליידעט אין חסידישע מלבושים.

איך וויל דערציילן וועגן מיין אייגענעם ״למד־וואָניק״, וועלכן כ׳האָב אַנטדעקט מיט אַ היבשע פּאָר יאָר שפּעטער. דער דאָזיקער למד־וואָניק, האָט נישט געהאַט קיין לאַנגע באָרד, נישט געלאָזט זיך וואַקסן קיין פּיאות און אפילו נישט געטראָגן די טראַדיציאָנעלע חסידישע קליידונג. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ וואַרם יידיש האַרץ און אַרויסגעוויזן אַ סך אהבת ישראל.

דאָס איז געווען ר׳ דוד ראזנער הי״ד.

ר׳ דוד איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון שטעטל זשמיגראָד, ביי יאַסלא, און זיין משפחה איז באַשטאַנען פון עלף נפשות. ער איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און צוערשט האָט ער פאַרוואַלטעט אַ ״גוט״ (פּריציש פאַרמעגן) אין דאָרף הומניסק. ווען ער איז אַריבער קיין ברעזיוו, האָט ער פון אָנפאַנג זיך פאַרנומען מיט האָלץ מסחר, און האָט דערין נישט איבעריק מצליח געווען.

ער האָט זיך געדאַרפט געבוג אָנשטרענגען צו דערציען זיינע זיבן קינדער — 5 טעכטער און צוויי זין, פון וועלכע 4 האָבן באַקומען העכערע בילדונג.

דער דעמאָלטדיקער ברעזיווער ראש־הקהל און וויצע בירגערמייסטער, דער געשעצטער אַדוואָקאַט ד״ר שמואל זעלנפּרוינד, האָט פאַר דוד ראזנער מיט שווערע מי אויסגעפועלט אין דער שטעטישער מוניציפּאַליטעט, דעם פּאָסטן פון קאַסירער — ס׳איז נישט געווען אַזוי פּשוט צו פאַרשאַפן דאָרט אַרבעט פאַר אַ ייד אין דער אַנטיסעמיטער אַטמאָספער אין פּוילן.

זייענדיק קאַסירער פון שטאָט־ראַט, האָט דוד ראזנער געהאַט די מעגליכקייט צו דיספּאָנירן מיט די געמיינדע געלטער. פון דעם דאָזיקן געלט פלעגן געניסן פיל יידישע קרעמער אין שטעטל — דוד ראזנער פלעגט זיי געבן הלוואות. אָבער דאָס געלט האָט געמוזט צוריקגעצאָלט ווערן ביז ענדע וואָך, ווען מען האָט געוועינליך געמאַכט דעם קאַסע־שלוס.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זייער פיל יידן, צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, זענען נישט געווען ביכולת צוריקצאָלן די הלוואות אין דער צייט.

אַ פאַרצווייפלטער, פלעגט ר׳ דוד ראזנער זיך ווענדן אין דער נויט צו אייניקע יידישע פאַרמעגליכע סוחרים, זיך פאַרטרויען פאַר זיי און באָרגן געלט צו דעקן די נישט באַצאָלטע חובות. דאָס איז נישט געווען קיין איינצלנער פאַל, נאָר יעדע וואָך האָט זיך איבערגעחזרט דער ענין מיט די הלוואות און דאָס נישט צוריקצאָלן צו דער צייט. די דאָזיקע רוטין איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז צום אַריינמאַרש פון די דייטשע רוצחים.

ס׳איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, דאָס מיט זיינע מעשים האָט ראזנער געשטעלט אין סכנה, נישט נאָר זיין פּאָסטן און פּרנסה, נאָר ער האָט זיך אויך איינגעשטעלט מיט אַ משפט, וואָס די שונאי־ישראל אין שטאָט־ראַט וואָלטן גאַנץ באַשטימט אויסגענוצט זיך נוקם צו זיין אין אים.

ס׳דאַרף אויך באַמערקט ווערן, אַז וועגן זיינע טאַטן, האָט קיינער פון זיין פאַמיליע נישט געטאָרט וויסן. בלויז יחידי סגולה האָבן געהאַט דעם זכות און כבוד צו האַלטן זיין סוד.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג — און כ׳גלייב אַז פיל וועלן מיט מיר מסכים זיין — צוליב זיין אײדעלער צניעות־דיקער אויפפירונג און אהבת ישראל, קען ר׳ דוד ראזנער הי״ד פאַררעכנט ווערן צווישן די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אין זייער זכות האָט די וועלט אַ קיום.

תהיה נשמתו עדן.

ר׳ דוד לאמפין הי״ד

ר׳ דוד לאמפין — ר׳ דוד שוחט, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל — ״דער רויטער שוחט״ צוליב זיין פייערדיק רויטער באָרד — איז געווען אונדזער שכן און ער האָט געוואוינט אין הויף פון ר׳ בן־ציון לויפּערס הויז. אין דעם דאָזיקן הויף האָבן זיך געפונען עטליכע קליינע היל־צערנע הייזלעך געדיכט באַוואוינטע און מען האָט עס גערופן ״קליין יאַשניצע״.

אַ גאַנץ יאָר, זומער און ווינטער, פלעגט ר׳ דוד טראָגן שטיוול. בלויז ראש השנה און יום כיפור האָט ער אַראָפּגענומען די שטיוול און אָנגעטאָן לאַטשען.

ר׳ דוד איז געווען אַ שטאַבילער בעל תפילה אין בית מדרש, געהאַט אַ וואונדערבאַרן באַריטאָן און זיין דאַווענען האָט איבערגעלאָזט אַן־אונפאַרגעסליכן רושם אויף אַלע צו־הערער.

נישט ווי ביי די ריזשינער חסידים אין די קלויזן וועלכע פלעגן זאָגן סליחות אין ״חצות״, האָט מען אין בית מדרש זיך נוהג געווען אויפצושטיין צו די ״סליחות״ 4 אַ זייגער פאַרטאָג און דער שמש איז געגאַנגען פון הויז צו הויז אויפ־וועקן די מתפללים: ״יידן שטייטס אויף צו סליחות!״

אין דער פול געפּאַקטן בית המדרש האָט זיך שוין געפילט אַ ״ימים נוראים״ שטימונג און ווען דער שליח ציבור ר׳ דוד שוחט האָט גענומען זינגען ״הנשמה לך והגוף שלך״, איז אַ דורכגעגאַנגען אַ ציטערניש אין אַלע הערצער.

ביי די ימים נוראימדיקע תפילות האָט ער צוגעפּאַסט צו יעדער תפילה דעם געהעריקן ניגון, און אפילו פון די תפילות וואָס ער האָט בלויז ״געזאָגט״, האָט זיך געפילט אַ מין וואַרימקייט. ער פלעגט באַטאָנען יעדעס וואָרט, אַזוי, אפילו די וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען פירוש המילים, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין התלהבות און געוואָרן גערירט ביז טרערן.

אַלס קינד האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן תענוג זיך צו־צוהערן אין הויף צו זיינע ״רעפּעטיציעס״ בעת ער פלעגט זיך צוגרייטן צו די ראש השנה און יום כיפורדיקע תפילות.

ביי די פּוילישע נאציאָנאַלע פייערונגען אין 3־טן מאי און דעם 11־טן נאוועמבער, איז ר׳ דוד געשטאַנען אין בית המדרש ביים ״שולחן״ און מיט זיין שטאַרקער באַריטאָן שטימע אויסגעזונגען דעם ״מה טובו אהליך יעקב״, און אויך די פּוילישע מאַכט פאַרשטעהער האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פון זיין זינגען.

מבינים פלעגן זאָגן אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס ר׳ דוד האָט נישט אויסגעשולט זיין שטימע און נישט געלערנט נאָטן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון דאָס איז געווען געגן זיין רעליגיעזער איינשטעלונג.

וועגן זיין תמימות, ווערט דערציילט אַן־אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: זיין עלצטער זון פסח, איז קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער לונגען־קראַנקהייט און איז אַוועק קיין אויסלאַנד זיך היילן. ער איז אָנגעקומען קיין ווין און זיינע עלטערן האָבן פון אים אַ לענגערע צייט נישט געהאַט קיין ידיעה. ר׳ דוד האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו קיין ווין צו אַ געוועזענעם ברע־זיווער תושב, יוסף טייג — אַ זייגערמאַכער פון פאַך, און אים געבעטן אויפצוזוכן זיין זון און געוואויר ווערן וואָס ער מאַכט. אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט דעם אַדרעס פון דעם ייד און אפילו נישט געדענקט זיין פאַמיליען נאָמען — האָט ער געשריבן אויף דעם בריוו פאָלגענדע אַדרעס: ״הערן יוסף זייגערמאַכער ווין״. כדאי צו באַמערקן אַז אפילו דאָס פאַך ״זייגערמאַכער״ האָט ער געשריבן אין יידיש, אַזוי, אַז אויף דער ווינער פּאָסט האָבן זיי אפילו נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם וואָרט.

נאָך אייניקע וואָכן איז אָנגעקומען אַ בריוו פון יוסף זייגערמאַכער! ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער ווינער פּאָסט אַמט האָט זיך פיל פאַרנומען מיט דעם בריוו און זיי האָבן צום סוף אויסגעפונען דעם אַדרעסאַט אין אַ באַצירק באַ־וואוינט פון יידן. די יידישע איינוואוינער האָבן געהאָלפן זוכן דעם מאַן צווישן די זייגערמאַכער אין דער סביבה ביז מען האָט אים געפונען.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן די אויפירונג פון די אַמאָליקע עסטרייכישע בעאַמטע בעפאַר די נאַצי מגפה.

☆

ר׳ דודס יונגערער זון, חיים בעריש האָט נאָכגעפאָלגט דעם פאָטערס דרך און פאַרטגעזעצט זיין פאַך — ״שחיטות״, און ביידע צוזאַמען זענען אומגעקומען אין דער שרעקלעכער שחיטה פון די ברעזיווער יידן הי״ד.

חיה גיטל ראט הי״ד

חיה גיטל ראט איז געבוירן אין ברעזיוו אין יאָר 1866. איר פריערדיקער פאַמיליען־נאָמען איז געווען — רובינפעלד. זי איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ יעקב רובינפעלד ז״ל, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן: ״יאַנטשע שיעלעס״.

חיה גיטלס מאַן איז געווען ר׳ בערל ראט פון בערטש. צו 39 יאָר איז חיה גיטל געבליבן אַן־אלמנה מיט זיבן קינדער.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט חיה גיטל געעפנט אַ אַ טעקסטיל־געשעפט, און עס געפירט מיט דער הילף פון אירע קינדער. זי האָט מצליח געווען, און דאָס געשעפט איז גע־וואָרן איינס פון די גרעסטע יידישע געשעפטן.

חיה גיטל איז געווען באַקאַנט אין ברעזיוו מיט אירע גוטע מידות און מעשים טובים; זי פלעגט שטיצן אָרעמע־לייט מיט אַ ברייטער האַנט, אויך געגעבן פיל מתן בסתר. קליינהענדלער, וועלכע האָבן זיך תמיד גענויטיקט אין גמילות חסדים פלעגן באַקומען פון איר הלוואות, וואָס האָבן זיי געהאָלפן שטיין אויף זייערע פיס.

נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז די סוחרים זענען נישט געווען ביכולת צוריקצוצאָלן אין צייט די הלוואות. ח״ג האָט מיטגעפילט זייער מצב און פלעגט וואַרטן "עד שירחיב".

איר עלצטע טאָכטער שפרינצע, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ אברהם יעקב שניצלער, דער זון פון אוסטעריקער שוחט. ר׳ אברהם יעקב און זיין פרוי שפרינצע זענען אומגעקומען אין ברעזיוו און זיי געפונען זיך אין דעם ברידער קבר אין דאָרטיקן וואַלד.

דער זון, בערל איז גלייך נאָכן אָנקומען קיין אוישוויץ, אַוועקגענומען געוואָרן פון זייבע חברים ביי דער סעלעקציע פון דעם טרויעריק באַרימטן מענגעלע. ער איז געווען דער ערשטער קרבן פון די גרופע ברעזיווער יוגנטליכע, וועלכע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון קראָקאָווער געטאָ, קיין אוישוויץ.

פון דער פאַמיליע שניצלער זענען געבליבן ביים לעבן דריי טעכטער: לילי און רעגינא — אאין קאַנאַדע און מינאַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אברהם יעקב שניצלער האָט געהאַט אַ ברודער אין ניו־יורק — נפתלי חיים שניצלער ז״ל, וועלכער איז געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דעם קאָמיטעט פון דער ברעזיווער לאַנדסמאַנשאַפט.

חיה גיטלס זון יהושע ראט ווי אויך איר איידעם נחום פריינד פון דער באַקאַנטער פריינד משפחה פון דאָרף פשי־שעדניצע — האָבן געוואוינט אין ברעזיוו. ביידע, זענען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אומגעקומען אין שטעטל.

די יונגסטע טאָכטער שרה האָט זיך געראַטעוועט אין אַ בונקער אין פשעמישלער געטאָ.

פון צווישן די אַלע מיתות משונות פון וועלכע יידן זענען אומגעקומען אין די גרויל יאָרן איז חיה גיטלס טויט געווען אַ משונהדיקער. זי, איר טאָכטער אסתר מיט אירע צוויי קינדער האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייער באַהעלטעניש אין דאָרף זשמיניצע ביי ברעזיוו. לויפנדיק איבער די תבואה פעלדער איז חיה גיטל פלוצים פאַרשוואונדן צווישן די הויכע זאַנגען און אַלע באַמיאונגען פון איר טאָכטער אסתר, זי צו געפינען האָבן נישט געבראַנגט קיין רעזולטאַט.

אסתרן מיט אירע צוויי קינדער איז געלונגען אַנצוקומען אין געטאָ פשעמישל אין דעם זעלבן בונקער וואו איר שוועסטער שרה האָט זיך געראַטעוועט. בעת דער ליקווידאַציע פון פשעמישלער געטאָ איז זי געשטאָרבן. די צוויי קינדער זענען געבליבן לעבן און געפינען זיך אין ישראל.

אסתרס מאַן, פנחס בראַנדער הי״ד, איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים אין זלאָטשעוו באַלד נאָך זייער אַריינמאַרש. הי״ד.

ר׳ וואָלף פאַרשטענדיק הי״ד

ר׳ וואָלף פאַרשטענדיק איז געווען שמש אין גרויסן בית המדרש און אויך געוואוינט אין אַ קליינע ענגע דירה אין בית מדרש בנין. אויסער שמשות, האָט ר׳ וואָלף עוסק געווען אין נאָך פיל "מלאכות" וואָס האָבן אים געבראַכט ווייניק "ברכות", און זייענדיק אַ מטופל מיט צען קינדער קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז מיט פרנסה איז ער נישט געווען איבעריק פאַרזאָרגט.

ר׳ וואָלף איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און דער נאָמען "פאַרשטענדיק" האָט אים גוט געפּאַסט, דען ער איז געווען אַ קלוגער פאַרשטענדיקער ייד און טראָץ זיין מצב, האָט ער נישט פאַרלוירן זיין הומאָר און געהאַט תמיד אַ גלייכווערטל אָדער אַ קאָמישע מעשה צו דערציילן.

שבת ביי קריאת התורה האָט ר׳ וואָלף אויסגערופן די "עליות", געמאַכט די "מי שברך׳ס" און האָט זיך באַמיט דאָס די עולים לתורה זאָל בעתן "בעבור שנדר" אויך נישט פאַרגעסן דעם אויפרופער..

כ׳וויל דאָ דערמאָנען אַ פאַל אין ר׳ וואָלפס משפחה, וואָס האָט זיינערצייט אויפגערודערט ס׳שטעטל. ר׳ וואָלפס אַ קינד, אַ יינגל פון אַ יאָר פינף אָדער זעקס, איז געווען שווער קראַנק און געמוזט דורכמאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע און בלייבן אַ לאַנגע צייט אין שפּיטאָל. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען זעהר אַ קאָסטבאַרער ענין און די עלטערן האָבן זיך נישט געקענט דאָס לייסטן. היות ווי אין ברעזיוו איז נישט געווען קיין שפּיטאָל, איז דאָס קינד אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט, וואו ס׳איז געווען אַן־אַלגעמיינער צדקה שפּיטאָל, וועלכער איז געפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאַטוילישע אינסטיטוציע און די קראַנקן שוועסטער זענען דאָרט געווען קאַטוילישע נאָנעס.

אַזוי ווי ס׳קינד האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל אַ לענגערע צייט, האָבן די נאָנעס שוין געהאַלטן ס׳קינד פאַר אַן־אייגנטום פון דער קירכע און האָבן בשום אופן נישט געוואָלט עס צוריקגעבן די עלטערן.

די ברעזיווער קהילה האָט אינטערווענירט ביי די קאַטוילישע אינסטאַנצן און אויך אונטערגענומען געריכטליכע שריט דאָס קינד זאָל צוריק געגעבן ווערן די עלטערן. אויסער דעם צער פון די פאַרווייטאָגטע עלטערן האָט דער ענין פאַרשאַפט פיל עגמת נפש דעם גאַנצן יידישן ציבור אין ברעזיוו, וועלכער איז נישט געווען באַגייסטערט פון דעם קאָנפליקט מיט דער קאַטוילישער קירך.

דער ראש הקהל, ד״ר זעלנפרוינד, האָט אויסגענוצט אַלע אַלע זיינע פאַרבינדונגען און השפעה, און נאָך גרויסע מי, איז געלונגען אַרויסצונעמען דאָס קינד פון די נאָנעס הענט, און עס צוריק צו ברענגען צו זיינע עלטערן, און אַלס יידיש קינד איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן בעת דער טאָטאַלער שחיטה פון די יידן אין שטעטל. הי״ד.

ר׳ נפתלי לעווי הי״ד

ווי רוב בעלי מלאכות אין ברעזיוו, איז ר׳ נפתלי לעווי געווען אַ יודע־ספר. ער פלעגט אָפט זיין אַ שליח ציבור אין דער "לינת הצדק" קלויז, און אין בית מדרש, איז ר׳ נפתלי געווען, פון צייט צו צייט דער בעל־קורא, בפרט שבת צו מנחה.

אין דעם ערשטן וועלט־קריג איז ר׳ נפתלי, אַלס עסטרייכישער סאלדאַט, אַריינגעפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט און געווען אינטערנירט ביי דער פערסישער גרעניץ. נאָך דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז ער אַדורך איבער פערסיע, און געוואַנדערט איבער די שכנותדיקע לענדער און איז אויך אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

אַלס חדר־ייִנגל ווען כ׳בין געקומען צו אים, זיך מאַכן אַ פאָר שיך אָדער שטיוול אויף ווינטער, פלעג איך הנאה האָבן זיך צוצוהערן, ווי ר׳ נפתלי האָט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דער געפאַנגענשאַפט און זיינע וואַנדע־רונגען צווישן פאַרשידענע פעלקער.

באַזונדערס האָב איך זיך געקוויקט מט די מעשיות וואָס ער האָט דערציילט וועגן ארץ ישראל און די פאַרשידענע פירות וואָס וואַקסן דאָרט. דאָס גרעסטע וואונדער אין מיינע אויגן דעמלט, איז געווען, אַז אין ארץ ישראל, לויט ווי ער האָט דערציילט, פיטערט מען די בהמות מיט באָקסער! ביי אונדז איז באָקסער געווען אַ דעליקאַטעס, וואָס מען פלעגט קויפן בלויז איינמאָל אין יאָר — חמשה עשר בשבט.

ר׳ נפתלי איז געווען אַ שטילער פאַרשטענדליכער ייד, געפירט אַ באַשיידן לעבן ווי אַ בעל־מלאכה אין אַזאַ קליין שטעטל ווי ברעזיוו. די צייטן האָבן זיך געביטן. די שיך געשעפטן וואָס זענען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן און פאַרקויפט פאַבריקס־פראָדוקציע האָבן שטאַרק באַטראָפן די שוסטער פראָפעסיע און ר׳ נפתלי, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן, האָט שווער געקעמפט אַרויסצו־ציען חיונה דערפון.

ר׳ נפתלי מיט זיין פרוי זענען אומגעקומען צווישן די ברעזיווער יידן בעת דער אַקציע אין אויגוסט 1942. זיין זון מאיר, איז געשטאָרבן לאַנג פאַרן צווייטן וועלט־קריג און זיין איינציקע טאָכטער, אסתר האָט זיך געראַטעוועט און לעבט היינט אין ישראל.

ר׳ חיים לייב דילער הי״ד

צווישן די בעקאַנטעסטע סוחרים אין ברעזיוו, האָט זיך באַזונדערס אָנגעזעען די פערזאָן פון ר׳ חיים לייב דילער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפזיניקייט, הומאָר און ליבליכקייט.

ר׳ חיים לייב איז נישט געווען קיין געבוירענער אין ברעזיוו, ער איז געקומען פון שטעטל בוקאָווסק (נעבן סאַניק), וועלכעס איז אין דער חסידישער וועלט געווען באַקאַנט צוליב די רבישע דינאַסטיע — שפירא. דער פאָטער פון ר׳ חיים לייב, איז געווען אַ גבאי ביים אַלטן בוקאָווסקער רבין און ר׳ ח. לייב איז געבליבן אַ געטרייער בוקאָווסקער חסיד.

חיים לייב האָט חתונה געהאַט קיין ברעזיוו, זייענדיק 17 יאָר אַלט און זיין באַשערטע — 16 יאָר. אַ גרויסער טייל פון די סוחרים אין שטעטל האָבן אנגעפאַנגען דעם מסחר מיט אַ קליין שטעלכ׳ל, וואו דאָס ביסל סחורה איז געווען אויס־געשפרייט דערויף, כדי צו פערלייכטערן דאָס אויסקלויבן די נויטיקע אַרטיקלען. אין יענע צייטן זענען די מערהייט הייזער אין שטעטל געווען פון הילצערנעם געבוי און בעת דער גרויסער שריפה, זענען זיי אַלע פאַרברענט געוואָרן. ווען די פאַמיליע וואַלד, האָט אויפגעבויט נאָך דער שריפה דאָס גרויסע געמויערטע הויז, האָט חיים לייב געעפנט דאָרט אַן־עלעגאַנט גאַלאַנטעריע געשעפט און מיט זיין סוחרישן טאַלענט, האָט ער עס אַנטוויקלט און איז געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע ברעזיווער סוחרים.

חיים לייב דילערס ערשטע פרוי, איז נפטר געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־קריג, און ער האָט געהאַט מיט איר 3 זין: יאַנקל, הערש און מאיר. דער עלצטער איז מאָביליזירט געוואָרן צום עסטרייכישן מיליטער.

חיים לייב וועלכער איז געבליבן אַן־אַלמן מיט צוויי קינדער אין דער היים, האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט; זיין צווייטע פרוי, באַשע, איז געווען פון דער פאַמיליע עסטריי־כער און עס זענען זיי געבוירן געוואָרן 5 קנדער.

בעתן "רויבן" איז חיים לייבס געשעפט אויסגערויבט געוואָרן צווישן די אַנדערע יידישע געשעפטן, און ער האָט געמוזט אָנפאַנגען אַלץ פון "בראשית".

אין דער צווישנצייט זענען אויפגעשטאַנען נייע געשעפטן אין זיין בראַנזשע, אָבער עס איז אים געלונגען צו בלייבן אויף זיין פאָזיציע.

אין די 30־ער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן מיט דער מיטהילף פון דער רעגירונג, אַן־אַנטיסעמיטישער קאַמף קעגן די יידן, כדי זיי אַרויסצושטויסן פון זייערע פאָזיציעס. עס איז פראָקלאַמירט געוואָרן אַ בויקאָט אויף די יידישע געשעפטן און מען האָט אויף זיי אויפגעלייגט שווערע שטייערן, און דער גאַנצער יידישער מסחר איז אַריין אין אַ שווערן קריזיס.

ר׳ חיים לייב האָט נישט פאַרלוירן זיין הומאָר, פאַרגונען זיך אויף אַ שפאַס, דערציילט אַ וויץ אָדער סתם אַ שייז מעשהלע פון דעם לעבן אין שטעטל.

די דריי זין פון דער ערשטער פרוי האָבן פאַרלאָזט ס׳שטעטל. דער עלצטער, יאַנקל האָט חתונה געהאַט און געעפנט אַ וועש פאַבריק און אַ געשעפט אין לעמבערג, מיט דער מיטהילף פון ברודער, מאיר. הערש האָט חתונה געהאַט קיין נאווי־טאַרג און געעפנט אַ געשעפט אין דעם באַקאַנטן ערהאלונגס־אָרט, זאקאָפּאַנע.

איך דערמאַן מיך אַ קאָמישן עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט חיים לייב דילער. ווינטער 1937 האָב איך מיטגעמאַכט מיין רעזערוו־דינסט אין דער פּוילישער אַרמע, אין צווייטן פּאדהאלאַנער פּולק אין סאָניק. בעת די איבונגען, האָט אונדזער אייגנהייט, באַקומען די אויפגאַבע צו האַלטן דעם וועג גראַבאוויצע—סאָניק. פאַרטאָג, שטייענדיק אויף דער וואַך, האָב איך באַמערקט אַן־אויטאָ, וואָס קומט אָן פון ברעזיווער ריכטונג. כ׳האָב דעם אויטאָ פאַרהאַלטן און דערזעען עטליכע יידן זיצן אינווייניק אַביסל דערשראָק. כ׳האָב זיי געפרעגט אויף פּויליש וואוהין זיי פאָרן און זיי האָבן מיר געענטפערט: קיין בוקאווסק, צום רבין. ווייזט אויס אַז צוליב דער טונקלקייט און דעם מונדור וואָס כ׳האָב געטראָגן, האָבן זיי מיך נישט דערקענט. איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט אונטערגעמורמלט: אַ שוואַרץ־יאָר האָט אים דאָ געבראַנגט, ער האָט אונדז דאָ כונקט אויסגעפעלט. נאָכדעם, ווי איך האָב זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָט מיך חיים לייב דערקענט און אויסגערופן צו זיינע מיטרייזענדע: יידן, דאָס איז דאָך אונדזער חיים, מאשעס זון, און צו מיר האָט ער געזאָגט: אַ ברכה אויף דיין קאָפּ, יעצט וועלן מיר קענען ווייטער פאָרן. איך האָב זיי געוואונטשן אַ גוטע רייזע און ס׳זאָלן מקויים ווערן די ברכות פון רבין...

☆

פון דער גאַנצער דילער משפחה, זענען ניצול געוואָרן פון די דייטשע רוצחימס הענט: דער זון ישראל הערש (העברי) און מיט באַזונדערע ניסים, אַן־אייניקל פון חיים לייב — די טאָכטער פון יאקלען, האַלינא גאַרטנבערג —ביידע געפונען זיך אין ניו־יאָרק.

ר׳ חיים לייב, זיין פרוי באַשע, די טעכטער, אַנדאַ, דאלאַ און פרידאַ און די זין מלך און משה — זענען אומגעקומען.

יהושע שוועבער הי״ד

יהושע שוועבער הי״ד האָב איך געקענט אַלס קליין יונגל אין ברעזיוו, ווען איך בין שוין געוועזן אַ דערוואַקסענער בחור.

דער ביטערער גורל האָט אונדז צוזאַמענגעפירט אין געטאָ פּשעמישל, וואו ער האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט זיין מוטער און ברודער, לייביש.

זייענדיק אין געטאָ, האָט יהושע אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט, דורך אַ קריסטליכן פריינט, מיט זיינע צוויי ברידער און שוועסטער פון דער שווייץ. דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, שפּעטער האָט זיך די לאַגע אין געטאָ אַזוי פאַרערגערט אַז ס׳איז אונמעגליך געוועזן דעם קאָנטאַקט ווייטער אָנצוהאַלטן. די דייטשע רוצחים האָבן פאַרוואָרפן דעם שטריק איבערן האַלדז פון די אומגליקליכע יידן אין געטאָ און די צרות האָבן זי געמערט פון מינוט צו מינוט.

יהושעס מוטער און זיין ברודער זענען אַוועקגעפירט געוואָרן צום טויט, באַלד ביי דער ערשטער אַקציע.

יהושע איז געוועזן גאַנץ אונבאַהאָלפן. ער איז געוועזן אַן־איידלער און באַשיידענער בחור און נישט געוואוסט זיך צו באַנוצן מיט די עלנבויגנס. זיין לאַגע איז געוועזן אַ פאַרצווייפלטע. צו מיר האָט ער אַרויפגעקוקט ווי צו אַן־עלטערן ברודער און איך האָב אים געפּרואווט העלפן, אויף וויפל די דעמלסדיקע שרעקליכע אומשטענדן האָבן עס ערמעגליכט.

ער פלעגט טראָגן עסן פאַר די יידישע אַרעסטירטע און פאַר דעם האָט ער באַקומען אַ פירטל ברויט און אַ שיסל זופּ צו דערהאַלטן ס׳לעבן.

טראָץ די אונמענטשליכע באַדינגונגען אין וועלכע ער האָט זיך געפונען, פלעגט ער שטענדיק זיצן אין זיין שטיבל און לייענען און שטודירן. זיין דורשט נאָך וויסן איז געוועזן אהן אַ גרעניץ.

מיט דער ליקווידאַציע פון פשעמישלער געטאָ איז אויך פאַרשניטן געוואָרן דאָס יונגע און צוזאָגענדע לעבן פון יהושע שוועבער. הי״ד.

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אַלס באַשיידענע מצבה צו זיין אָנדענק.

ר׳ איטשע פענסטער הי״ד

ווען מען איז אַריינגעקומען אין אַ געוועגליכן וואָכן טאָג צו ר׳ איטשע פענסטער אין שטוב, וואו ער איז געשטאַנעןביים גרויסן שניידער־טיש מיט דער זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, סענטימעטער אויפן האַלדז און שער אין די האַנט — האָט מען געזעהן פאַר זיך אַ הארעפּאשנעם ייד וואָס אַרבעט שווער טאָג און נאַכט אויפן שטיקל ברויט.

אין אַזאַ קליין שטעטל, ווי ברעזיוו, וואו די פּוילישע בעלי־מלאכות האָבן זיך באַנוצט מיט אויסגעפּרואוטע אַנטי־סעמיטישע מיטלען, געגן זייערע יידישע קאָנקורענטן, האָט ר׳ איטשע זיך געמוזט שווער אָנשטרענגען, אויסצואַרבעטן פּרנסה פאַר זיין משפּחה פון זעקס נפשות.

ווען אָבער ר׳ איטשע האָט זיך באַוויזן פרייטיג צו נאַכטס אין בית מדרש צו קבלת שבת, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גאַנץ אַנדערער ר׳ איטשע. ס׳איז געשטאַנען פאַר אייך אַ שיינער חסידישער ייד מיט אַ הדרת פּנים, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן כאַלאַט, אַרומגעבונדן מיט אַ זיידענעם גאַרטל און אַ ברייטן שטריימל אויפן קאָפּ; די ברוינע באָרד שיין צוגעקעמט און און שטייט זיך ביים ארון קודש און זאָגט מיט כוונה ״לכו נרננה״.

איר וואָלט דאַן געקענט שווערן, אַז באַלד נאָכן דאַווענען, וועט ר׳ איטשע נעמען פּראַווען טיש אַלס רבי און טיילן ״שיריים״ זיינע חסידים.

דאַכט זיך, אַז אַזאַ טיפּ יידישער בעל מלאכה איז היינט צו טאָג נישט צו געפונען.

יהי זכרו ברוך!

ר׳ יעקב (יאַנקאַלע) רייך ז״ל

צווישן אַלע אונדזערע שכנים איז ר׳ יאַנקאַלע רייך געווען דער נאָנטסטער; ער האָט געוואוינט מיט זיין בני בית צוזאַמען מיט אונדז אין זעלבן הויז, טיר ביי טיר. ער איז געווען אַ גרויסער חריף און מען האָט אים פאַררעכנט צווישן די גרויסע תלמידי חכמים אין שטעטל. ער איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין פאָטער אין חסידות, און ביידע זענען געווען איבערגעגעבענע סאַדיגורער חסידים פון די חשובסטע אין שטעטל. אויך דער מקור פון ר׳ יאַנקאַלעס פּרנסה איז געווען דער זעלבער ווי פון זיין פאָטער — די אייזן בראַנזשע.

ביי אונדז אין שטוב האָט שוין דעמלט דאָמינירט דער ציוניסטישער רעיון, און ר׳ יאַנקאַלע דאַגעגן, איז געווען אַ טרייער אָנהענגער פון דער אגודה (אגודת ישראל) און איינער פון אירע טעטיקסטע מיטגלידער. מיר פלעגן אָפט פירן פריינדליכע וויכוחים איבערן ציוניזם, דער צוקונפטיקער יידישער מדינה און אַלע פראַגן וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. טראָץ אונדזערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, פלעגט ר׳ יאַנ־קאַלע זיך באַציען צו אונדז מיט טאָלעראַנץ און טאַקט, און מיר פון אונדזער זייט האָבן פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן דרך ארץ.

זיין פרוי, לאהטשע הי״ד, איז געווען אַ מוסטער פון אַנ־אמתער יידישער מאַמע. שטיל און באַשיידן האָט זי אויס־געפירט איר ראָל אַלס עקרת הבית, געזאָרגט פאַר אַלע שטוב הצטרכותן, זיך פאַרנומען מיט דער הויז־ווירטשאַפט און מ׳טגעהאָלפן אין געשעפט — ווי עס איז געווען אָנגענומען אין יענע צייטן. ספּעציעל האָט לאהטשע געזאָרגט, אַז דער חינוך פון אירע קינדער זאָל זיין לויטן פאַרלאַנג און אין גייסט פון איר באַליבטן מאַן, ר׳ יאַנקאַלע.

נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשע הארדעס, קיין ברעזיוו, איז ר׳ יאַנקאַלע מיט זיין זון, איטשאַלע, אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און דאָרט זענען זיי אומגעקומען.

לאהטשע מיט דער טאָכטער אסתר, געפונען זיך צווישן די קדושים אינם ברידער־קבר, אין ברעזיווער וואַלד.

השם ינקום את דמם השפוך.

אריה רייך

צום אנדענק פון מיין משפחה

איך בין איינער פון די ווייניקע פון אונדזער שטעטל און פון די געציילטע פון מיין פאַמיליע וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַלע עטאַפּן פון ליידן אין די לאַגערן, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן אויפגעבויט מיט דער בעקאַנטער דייטשער פּלאַנמעסיקייט, כדי אויסצופירן זייער טייוולאָנישן "ענד־לעזונג"ס פּלאַן — ס'הייסט אויסצולעשן יעדן פונק פון אַ יידיש לעבן. אין די אַלע אָקופּירטע לענדער האָבן נישט געפעלט קיין אייפערדיקע מיטהעלפער וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די רוצחים און זיי געהאָלפן אויספירן זייערע פאַרברעכנס. אין דער גאַנצער גרויסער פרייער וועלט האָט זיך נישט געפונט פאַר אונדז קיין שפּאַרע דורך וועלכע מיר זאָלן קענען אַנטרונען און זיך רעטן.

נאָר די געפאַר צו זיין דער נעכסטער קרבן פון דעם בלוט־דאָרשטיקן פעלקער־פאַרשקלאַפער, אויפן וועג צו זיין "טויזנט־יעריקן רייך", האָבן געצוואונגען די אַליערטע מדינות צו מאָביליזירן אַלע זייערעווירטשאַפטליכע און גייסטיקע כוחות, וואָס זענען געשטאַנען צו זייער פאַרפיגונג און מיט קאָלאָסאַלע אנשטרענגונגען, נאָך אַ לאַנגער בלוטיקער מלחמה, איז זיי געלונגען די פאַרשאָלטענע בעסטיע צו צעשמעטערן.

צו אונדזער אומגליק איז דער זיג געקומען פיל צו שפּעט פאַרן יידישן פאָלק. קליין איז די צאָל געבליבענע און גערעטעטע, און צווישן די שארית הפליטה געהער אויך איך, און מיין ברודער שמואל.

ווען כ'דערמאַן זיך אין אונדזערע טייערע און נאָנטע, קען איך מיך נישט באַפרייען פון דער פראַגע: מיט וואָס האָב איך זוכה געווען? איך האָב דורכגעלעבט דעם ביטערן גיהינום און זוכה געווען צו דערלעבן די פאַרווירקליכונג פון די תפילות, וואָס דורות יידן האָט מתפלל געווען און געטרוימט אין משך פון דעם גאַנצן גלות — שיבת ציון.

מיין טאַטע, יאַנקאַלע רייך ז"ל האָט אויסגעדרוקט זיין בענקשאַפט צו ארץ ישראל מיט די פאָלגענדע ווערטער: "הלוואי וואָלט איך זוכה געווען צו פאַשן שאָף אין ארץ ישראל". ליידער איז זיין וואונטש נישט ערפילט געוואָרן און ער האָט אויך נישט זוכה געווען דערצו, דאָס זיין קערפּער זאָל זיין רו געפונען אין דער הייליקער ארץ ישראל ערד.

זיין ליידנס־וועג האָט אים געפירט, נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איבער דעם טייך — "סאָן" און צוזאַמען מיט מיין ברודער איטשאַלע צו דער סאָוויעטישער גרעניץ. ביים אַריבערגיין די גרעניץ איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די סאָוויעטישע מיליץ. צוערשט האָבן זיי אים געהאַלטן אין דער "בריגיטקע" תפיסה אין לעמבערג, שפּעטער איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין די רוסישע לאַגערן אין וויטן אַזיע.

אין זיין לאַנגן ליידנס־וועג איז ער געבליבן מיט זיין אונערשיטערליכן גלויבן און אונגעבראָכענעם בטחון, געהיטן כשרות און נישט געגעסן קיין טריפות אין אַלע שווערע, ביטערע הונגער־יאָרן אין לאַגער.

אין אָנבליק פון טויט פון זיין זון יצחק, פון הונגער און אָפּגעשוואַכטקייט, וואָס איז אויסגעגאַנגען ממש אין זיינע הענט, נישט קענענדיק אים העלפן, האָט ער זיך אויך צוזאַמענגעבראָכן און צוריקגעגעבן זיין לויטערע נשמה, דעם בורא, אין וועמינס מעשים ער האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט.

אין וויטן בוכאַרע איז ער געברענגט געוואָרן צו קבר ישראל צוזאַמען מיט זיין זון אין דעם זעלבן טאָג.

מיין מוטער לאה און מיין שוועסטער אסתר הי"ד, זענען ערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע יידן אין שטעטל.

יהי זכרם ברוך!


משה שוועבער ז״ל

פון דער פערגאנגענהייט

צום אָנדענק פון מיין ליבן פּראָפעסאָר, לערער און וועג־ווייזער, פּרידל קאָרן הי״ד וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציִשע רוצחים ימ״ש.

ווען נאָר דער נאָמען פּראָפ׳ קאָרן ווערט דערמאַנט, שטייט שטייט פאַר מיינע אויגן זיין שלאַנקע הויכע פיגור מיט דעם שטרענגען בליק אין זיינע אויגן. איך דערמאַן זיך דעם לעצטן געמיינזאַמען שפּאַציר אין ברעזיוו סעפּטעמבער 1936, קורץ פאַר מיין אַוועקפאָרן קיין פראַנקרייך, וואו כ׳האָב זיך פאַרשריבן אין איינעם פון די דאָרטיקע אוניווערזיטעטן.

ערשט מיט אַ פּאָר מאנאַטן פריער האָב איך געהאַט גע־ענדיקט מאַטוראַ. כ׳בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק, אַז צו אַ לערער דאַרף מען זיך באַציִען נישט נאָר מיט דרך



ארץ נאָר אויך מיט אַ ביסל באַהאַלטענעם חשד, דאָס אַלץ וואָס מען רעט צווישן זיך קען האָבן אַ השפּעה אויף מיין שול צייגניש. ווייזט אויס אַז פּראָפ׳ קאָרן האָט דאָס געפילט לויט מיין צוריקגעהאַלטנקייט אין רעדן, און האָט מיר געזאָגט מיט די ווערטער: דו דאַרפסט שוין מער נישט זיין אינדערהיים 9 אַזייגער ביינאַכט (שילער אין גימנאַזיום איז פאַרבאָטן געווען צו זיין אין גאַס נאָך 9). פון היינט אָן, זענען מיר גלייכע, זעלבסטשטענדיקע דערוואַקסענע מענטשן און דו קענסט רעדן פריי איבער אַלץ און אַלעמען.

זיינע ווערטער האָבן פאַר מיר געבראָכן ס׳אייז און אַוועק־גענומען די פּסיכאָלאָגישע מחיצה צווישן אונדז. איך האָב מער נישט געזען פאַר זיך דעם שטרענגן פּראָפעסאָר וואָס פאָלגט נאָך ווי אַזוי איך וועל לעזן די מאַטעמאַטישע אויפ־גאַבע, נאָר אַ פריינט וועמענס אויפריכטיקע עצה קען מיר פיל געבן איידער איך פאָר קיין אויסלאַנד.

וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז געווען פּראָפ׳ קאָרן פון שטאַנדפּונקט פון אַ שילער און נאָך דערצו אַ יידישן שילער אין אַ קליין־שטעטלדיקן גימנאַזיום וואו כמעט 90% פון די תלמידים, און קרוב צו 100% לערער זענען געווען גויים?

פון אָנפאַנג האָבן מיר אין אים געזען בלויז אַ לערער פון מאַטעמאַטיק — אַ טרוקענע, קאַלטע און שטרענגע וויסנשאַפט און ווער עס קען נישט אויפנעמען די לאָגיק דערפון, העלפן נישט קיין סענטימענטן. אַזוי האָט אויך אויס־געזען ביי אונדז פּראָפ׳ קאָרן.

אין די העכערע קלאַסן ווען ער איז אויך געווען לערער פון יידישער געשיכטע און רעליגיע האָבן מיר ערשט דער־זען זיין ריכטיקע זייט: אַ שטאָלצער ייד מיט אַ וואַרם יידיש האַרץ און געפיל, און אינטערעסירט זיך מיט אַלעם וואָס פּאַסירט אין יידישן לעבן אין שטעטל.

פּראָפ׳ קאָרן פלעגט אויך העלפן יידישע אונפאַרמעגליכע שילער אין צאָלן זייער שכר לימוד און פלעגט אויך פיל מאָל באַצאָלן פאַר זיי די גאַנצע סומע וואָס דאָס האָט באַטראָפן.

ליידער האָט ער געהאַט אויסצושטיין פיל צרות פון זיינע פּוילישע ״פריינט״ און מיטאַרבייטער, הויפּטזעכלעך פון דעם אַנטיסעמיטישן דירעקטאָר, מראזאווסקי. אין די בריוו, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן פון אים קיין פראַנקרייך אין די יאָרן 1937—39 פלעגט ער זיך שטאַרק באַקלאָגן אויף די אַנטי־סעמיטישע העצע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער גימנאַזיע בכלל און געגן אים פּערזענליך בפרט. — עס איז מער נישט אויסצוהאַלטן — האָט ער מיר אַמאָל געשריבן — עס שוין נמאס דאָס לערנען צווישן שונאים.

מ׳האָט אפילו אויסגעטראַכט אויף אים אַ בילבול, אַז ער האָט באַליידיקט די קאַטוילישע רעליגיע. ווער עס האָט געלעבט אין פּוילן קען זיך פאָרשטעלן די קאָנסעקווענצן פון אַזאַ באַשולדיקונג, פאַר אַ ייד דעמלט. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט פון אינטערווענצן אין די הויכע קרייזן כדי דעם בילבול אָפּצומעקן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון פאַרלאָזן פּוילן — לויט ווי ער האָט מיר געשריבן.

די אומשטענדן זענען אָבער געלאָפן פיל שנעלער. דער קריג איז אויסגעבראָכן אין סעפּטעמבער 1939 און אַלע פּלענער זענען ווי אין וואַסער אַריין. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צרות פאַר אַלע יידן און פּראָפ׳ קאָרן איז אויך אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער בהלה. ער איז אַנטלאָפן מיט זיין משפּחה קיין פּרעמישלאַן, לעמבערגער ראַיאָן און דאָרט זענען זיי אומגעקומען.

כבוד זיין ליכטיקן אַנדענק.

אברהם לעוויטע / **פראָפ׳ פרידל קאָרן הי״ד**

אין אַ ספר זכרון פון דער ברעזיווער יידישער קהילה טאָר מען נישט אַדורכלאָזן איינע פון די וואונדערבאַרע געשטאַלטן אין שטעטל — פראָפ׳ קאָרן (כדאי צו באַצייכנען דאָס אין געוויסע אייראָפּעאישע לענדער איז אַ גימנאַזיום שילער גערופן געוואָרן סטודענט און אַ לערער אין מיטל־שול — פּראָפעסאָר — פון פראַנצויזיש — לערער — פראָפעסאָר. מוטערס, וועלכע זענען געקומען אין פאָלקס־שול פרעגן זיך אויף די נאָטן פון זייערע קינדער פלעגן זיך ווענדן צום לערער: הער פראָפעסאָר!).

אַלס דער איינציקער יידישער לערער אין דער מלוכהשער גימנאַזיע, איז ער געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די שונאי ישראל אין שטעטל. זיינע ”פאַך קאָלעגן” האָבן אים נישט איינמאָל אונטערגעשטעלט אַ פוס. זיינע פּוילישע שילער, האָבן זיך נישט תמיד באַזונדערס אויסגעצייכנט אין זייערע לימודים אָבער אויפן געביט פון אַנטיסעמיטיזם זענען זייערע דערגרייכונגען געווען באַדייטענדע, און ביי געלעגנהייטן וואָס זענען אונטערגעקומען האָבן זיי אים אָנ־געטון נישט ווייניק צרות. אַ גרופּע פּוילישע עלטערן האָבן איינמאָל איינגעגעבן אַ פּעטיציע צום קוראַטאָריום פון גימ־נאַזיע און פּראָטעסטירט דאָס אַ ייד איז אַ דערציער אין אַ פּוילישער שול און פאַרסאַמט די ריינע נשמות פון זייערע קינדער.

מיר ווילן דאָדערמאַנען פּראָפּ. קאָרן ווי מיר האָבן אים געקענט. אַ טרייער און שטאָלצער ייד, געפירט אַ טראַדיצ־יאָנעל יידיש הויז און איבערגעגעבן די יידישע ענינים מיט לייב און לעבן. אַ לערער פון מאַטעמאַטיק, אויך אין זיין טאָג־טעגליכקייט איז יעדע מינוט געווען ביי אים אויס־גערעכנט און אויסגענוצט. ענערגיש, שטענדיק זיך געאיילט כדי אויסצופירן אַלץ וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען.

אַלע פון שטעטל געדענקען אים אין זיין טונקל בלויען אַנצוג, מיט דער אייביקער טעקע אונטערן אָרעם, גייט נישט, נאָר לויפט פאַרנומען, איבער די געסלעך, זומער און ווינטער. געקליידעט כמעט פּעדאַנטיש אַביסל פאַרנאַכלעסיגט אין ”שבתדיקע” אָפּגעטראָגענע מלבושים, אין אַלטע שיך, אַביסל אויסגעדרייט, אָבער שטענדיק אויסגעגלאַנצט. דער צוויקער אויף דער נאָז איז צוגעבונדן מיט אַ קייטל, וואָס הענגט איפן האַלדז. די קליינע וואנסעס נידריק געשוירן, די פּאלעס פון זיין זשאַקעט קיילעכדיק געשניטן ווי ביי אַ פראַק, אויפן קאָפּ אַ שוואַרצער שטייפער הוט — מיט זיין ערשיינען האָט ער דערמאנט עטוואָס טשאַרלי טשאַפּלין, אָבער אונטער דעם אויסזעען איז געווען אַן־איינדרוקספּאלע געשטאַלט פון אַן־ערנסטע רעספּעקטפאלע פערזענליכקייט.

אין משך פון עטליכע יאָר איז ער אויך געווען ראש הקהילה אין ברעזיוו.

אַלס געזעלשאַפטליכער טוער, האָט ער זיך נישט פאַר־נומען מיט ”הויך פּאָליטיק” נאָר תמיד געזארגט פאַרן פּשוטן ייד און געטון אַלץ צו פאַרגרינגערן זיין נויט. אַ שתדלן אין פּאָזיטיוון זין פון וואָרט. אַרומגעלאָפן אונצעליקע מאָל צווישן די פיינטליכע בעאַמטע כדי מבטל צו מאַכן אַ שטראָף פון אַ זלאָטע־צוויי, וואָס אַ פּאָליציי האָט אַרויפגעלייגט אויף אַן־אָרעמען הענדלער.

יאָרן לאַנג האָט ער געפירט די גמילות חסדים קאַסע פון דער קהילה און, ווי אַלץ וואָס ער האָט געטון, זיך איבער־געגעבן דערמיט מיט מסירת נפש, זעענדיק דערין אַן־עבודת הקודש.

ווי נאָר ס׳איז איינגעפלאָסן אַ ביסל געלט, האָט ער נישט געוואַרט ביז די נויטבאדערפיקע זענען צו אים געקומען, נאָר געברענגט זיי די הלוואות אין שטוב אַריין. ער פלעגט אויך אַליין גיין אויפמאָנען די אָפּצאָלונגען. ער איז נישט געקומען פאַרלאַנגען ס׳געלט, נאָר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געפרעגט ביי די אויסבאָרגער, אויב זיי זענען בכוח עפּיס איינצאָלן אויפן חוב, וואוסנדיק, אַז אויב דאָס געלט וועט נישט צוריק איינפליסן אין דער קאַסע, וועט נישט זיין קיין מעגליכקייט צו העלפן די זיך ווענדענדע.

ער פלעגט אַדורכגיין ס׳גאַנצע שטעטל פון איין עק צום אַנדערן כדי צו בעטן אַ שפענדונג פון אַ ”בעל יאָרצייט” פאַר דער גמילות חסדים קאַסע. אויב ער האָט נישט געפונען דעם מאַן אין דער היים, איז ער צוריקגעקומען ס׳צווייטע מאָל כדי צו באַקומען אַ זלאָטע פאַר זיין אינסטיטוציע.

די מודעות פון דער גמילת חסדים קאַסע פלעגט ער אַליין גיין אויפהענגען אין די בתי־תפילה וואו יידן קומען זיך צונויף. נאָך עטליכע טעג איז ער דורכגעגאַנגען די בתי תפילה אַראָפּצונעמען די מודעות און האָט צוזאַמענגענומען די שפּאַן־נעגל, כדי זיי צו היטן אויף אַ צווייט מאָל און נישט אויסברענגען געזעלשאַפטליך געלט!

ווען מיר וואָלטן אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר אַן־”עוסק בצרכי ציבור באמונה” — וואָלטן מיר זי געדאַרפט ווידמענען פּראָפ׳ קאָרן, אָבער אונדזער יידיש שטעטל איז מער נישטאָ און דעם מאנומענט קענען מיר נאָר אויפשטעלן אין ”ברעזיוו של מעלה”, וואָס עגזיסטירט בלויז אין אונדזערע הערצער.

רישאַ זעלנפרוינד / די שוועסטערן ביבער

צווישן ביידע וועלט מלחמות האָט אין ברעזיוו געוואוינט אַן־אלמנה מיטן נאָמען ביבער. כ׳האָב די פרוי נישט געקענט און כ׳ווייס אויך נישט פון וואָס זי האָט געלעבט, כ׳ווייס נאָר, אַז די פרוי האָט זיך געניטיקט אין הילף. די דאָזיקע הילף האָט זי געפונען ביי מיין פאָטער ז״ל, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר אַ ספּעציעלן חוב צו שטיצן און העלפן אָרימע אלמנות.

די עלטערע טאָכטער, לאה, האָט געענדיקט די פאָלקס־שול און האָט נישט געפונען קיין אַרבעט. מיין פאָטער האָט באַשלאָסן צו באַשעפטיקן דאָס מיידל אַלס סעקרעטאַרן אין זיין אדוואָקאַטן־קאַנצליי. עס זענען אָבער געוועזן דאַביי שוועריקייטן, וואָס זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געוועזן יונג און האָט נישט געהאַט קיין שום פארבערייטונג צו דעם באַרוף.

כדי צו לעזן דאָס פּראָבלעם איז געקומען צוהילף מיין מוטער ז״ל. אין אָוונט האָט מיין מוטער געלערנט לאהן שרייבן אויף דער מאַשין, פירן ביוראָ ביכער, צוזאַמענלייגן די אַקטן לויט אַ באַשטימטער אָרדנונג, צוגרייטן די אַקטן פון די פּראָצעסן צום געריכטס פאַרהער, פירן די עווידענץ פון די פּראָצעסן, א. ז. וו.

דאָס מיידל איז געוועזן גליקליך מיט איר אַרבעט. זי האָט געהאַט אַ שנעלע אויפפאַסונג, און האָט מוסטערהאַפט אויסגעפירט אירע פליכטן. זי האָט געאַרבעט ביי מיין פאָטער אין משך פון עטליכע יאָר. איידער זי האָט פאַרלאָזט ברעזיוו און אַריבער קיין פראַנקרייך, וואו זי האָט געהאַט קרובים, האָט זי געבערנגט איר יונגערער שוועסטער שרה און אין פאַרלויף פון אייניקע מאָנאַטן, זי אויסגעלערנט די ביורא אַרבעט און די אויפגאַבן פון אַ סעקרעטאַרן. שרה איז געוועזן אין מיין עלטער און איך גדענק זי פיל בעסער ווי די עלטערע שוועסטער.

שרה האָט געאַרבעט ביי מיין פאָטער ז״ל, ביז צום קריגס־אויסברוך, ווען מיינע עלטערן האָבן פארלאָזט ברעזיוו און אַוועק קיין מזרח פוילן אין דער רוסישער זאנע.

שרה איז געוועזן דורכאויס ערליך, אויסגעפירט איר אַרבעט מיט פלייס און איבערגעגעבנהייט. האָבנדיק לאנג־יעריקע פּראַקטיק, האָט זי זיך אויסגעלערנט פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די אויפגאַבע פון אַ סעקרעטאַרן. מיין פאָטער האָט זיך באַמיט דאָס זי זאָל באַקומען פון געריכט פאַרשידענע אַרבעטן, ווי איבערשרייבן געריכטס אַקטן א. א.

צוליב דער אַרבעט פון די צוויי שוועסטערן איז די ביבער משפחה אַרויס פון דעגענערירענדע אָרימקייט און געוואָרן זעלבשטענדיק.

לאה האָט חתונה געהאַט אין פראַנקרייך און איז אומ־געקומען פון די רוצחימס הענט. שרה איז געבליבן אין ברעזיוו. אין קריג איז זי געוועזן סעקרעטאַרן פון יודנראַט און גע־האָלפן מענטשן וויפל זי האָט געקענט. זי איז אומגעקומען ביי דער מאַסן־עגזעקוציע פון די יידן אין ברעזיוו.

אין מיין זכרון זענען די צוויי שוועסטערן געבליבן אַלס מוסטער פון טראַדיציאנעלע קוואַליטעט פון ערליכע, באַשיי־דענע און הילפסבארייטע יידישע מיידלעך. הי״ד.

פון פויליש : פעלא ראוועט



הרב ר׳ יאסאַלע וועבער הי״ד (אין צענטער), זיינע זין און אַ גרופּע יידן — פאָטאָגראַפירט דורך די מערדער (זע די נאָטיץ אויף דער נעכסטער זייט).

הרב ר׳ יוסאַלע וועבער הי״ד

הרב ר׳ יוסאַלע וועבער איז געווען דער לעצטער רב אין שטעטל און מיט אים איז בלוטיק פאַרענדיקט געוואָרן דאָס טראַגישע קאַפּיטל: ״יידן אין ברעזיוו״.

ר׳ יוסאלעס פאָטער, דער ״בית מדרש רב״ ר׳ חיים וועבער ז״ל, איז געווען אַ ייד אַ תמים, אויסגעטון פון אַלע ״עולם הזה״ ענינים און געשוועבט אין די עולמות העליונים, אין די ענדע צוואַנציקער יאָרן האָט ר׳ חיים פאַרלאָזט ברעזיוו, וואו ער האָט נישט געהאַט קיין באַזונדער לייכט לעבן, און איז אַוועק קיין ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז ער נפטר געוואָרן.

אייניקע יאָר שפּעטער איז אַריבערגעקומען קיין ברעזיוו פון בויבעריק, זיין זון ר׳ יוסאַלע, אַלס ממלא מקום.

ר׳ יוסאַלע איז געווען געשעצט אין שטעטל צוליב זיין יראת שמיים, ערליכקייט און זיינע ידיעות אין תורה. ר׳ יוסאַלע האָט צוזאַמענגענומען בחורים פון שטעטל, וואָס האָבן געוואָלט לערנען און האָט פאַר זיי געגעבן אַ טעגליכן שיעור אין גמרא און פוסקים.

נאָכן מלחמה אויסברוך זענען אַ גרויסער טייל יונגע מענטשן אַנטלאָפן פאַר די דייטשע הארדעס און אַריבער דעם ״סאָן״ אויף דער רוסישער זייט. צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך דער רב, הרב שמעון גאבל שליט״א (היינט אין צפת).

ר׳ יוסאלע איז געבליבן דער איינציקער רב אין שטעטל און געטיילט דעם גורל פון דער גאַנצער קהילה אין ברעזיוו.

שווער צו וויסן אויף וויפל די ליידענדע יידן, האָבן אין יענע ביטערע יאָרן, זיך געגויטיקט אין אַ רב און בכלל אויב די רבנים, וואָס זענען די ערשטע אויסגעשטעלט געווען אויף די ערגסטע שיקאנעס און נגישות, אויב די דערנידריקטע רבנים, זענען אומשטאַנד געווען צו געפינען לעזונגען צו די צרות וואָס האָבן זיך געשיט אונאויפהערליך אויף די קעפּ פון זייער עדה. אין דעם חשכות וואָס די יידן האָבן זיך דאן געפונען, ווי אַלע האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און זיך געהיטן נישט אַרויסצעווייזן אויף דער ליכטיקער שיין — האָט יעדער איינער געמוזט לעזן מיט זיינע אייגענע כוחות זיינע אמונה פּראָבלעמען און זוכן אַליין אַ תשובה אויף די ספקות וואָס האָבן אים געפּייניקט.

דער נאמינירטער ״יודענראַט״ וועלכער איז געקומען אויפן אָרט פון קהילה אנשטאַלט, האָט זיך נישט געקענט פאַר־נעמען מיטן באַצאָלן די לוין פונעם רב און אַנדערע כלי־קודש — ער האָט געהאַט אַ ״וויכטיקערע״ אויפגאַבע: צו שטאָפּן די אויסגעפרעסענע רוצחים, און אָנפילן זייערע טאַשן יעדן טאָג פון דאָסניי.

ר׳ יוסאַלעס עלטסטער זון, שלמה, וועלכער איז דעם 2־טן אויגוסט אַראָפּגעשפּרונגען פון לאַסט־אויטאָ צוזאַמען מיט נאָך 3 בחורים פון צווישן די פארשיקטע אין לאַגער פלאַשאוו, איז אפפאטאגראַפירט צוזאַמען מיט זיין פאָטער, ברידער און נאָך אייניקע יידן — אויף דעם געגעבענעם בילד וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך די רוצחים.

לויט ווי פּאָלאַקן פון ברעזיוו גיבן איבער, איז דאָס בילד געמאַכט געוואָרן אין 9־טן אויגוסט 1942, איין טאָג פאַר דער ליקווידאַציע. אויב די דאָזיקע דאַטע איז ריכטיק, איז שלמהן געלונגען, נאָך דעם גורלדיקן אַראָפּשפּרונגען, צוריקצוקומען אין שטעטל און נאָך זיין צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און משפחה, אייניקע טעג פארן טויט.

לויט די דערמאַנטע פּוילישע קוועלן, האָבן דעם 9־טן אויגוסט די מערדער אַרויסגענומען ר׳ יוסאַלען מיט זיינע קינדער ווי אויך אייניקע שכנותדיקע יידן זיך ״אַמוזירט״ מיט זיי, זיי פאטאגראַפירט כדי צו פאַראייביקן זייער גרויסער ״גבורה״ קעגן די אומגליקליכע יידן, נאכהער זיי אַרויסגעפירט אין וואַלד, צו דעם אויסגעגראָבענעם ברידער־קבר, און זיי דאָרט דערשאָסן. זיי זענען געווען די ערשטע אין דעם קבר. צומאָרגנס זענען נאָכגעקומען די רעשט קרבנות פון שטעטל.

ר׳ יוסאלעס פרוי, די רביצין, איז געווען קראַנק און האָט נישט געקענט גיין. זי איז דערשאָסן געוואָרן אין בעט.

ד׳ ינקום דמם השפוך.



אידענט־טעטס־קאַרט פון הרב ר׳ יאסאַלע וועבער, געפונען אין זיין הויז נאָך דער ערמאָרדונגס־אַקציע.

צום אנדענק פון נפטרים

ר׳ יהושע ראט ז״ל

זיין אָפּשטאַמונג איז פון אַ פאַרצווייגטע פיל נפשותדיקע משפחה. דער פאָטער ר׳ הערשאלע ראט הי״ד האָט שווער געאַרבעט צוזאַמען מיט אַלע קינדער אויסצוהאַלטן די משפחה בכבוד.

ר׳ הערשאלע ראט איז געווען אַ פרומער אָפּגעהיטענער ייד, אַ תלמיד חכם און געשעצט דורך אַלעמען. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן נויטווענדיקן און יעדער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן ״בסבר פנים יפות״. ער איז געווען דער פאַרזיצער פון ״אגודת ישראל״ אין שטעטל און פיל געטון אויפן געביט פון ערציאונג פון יידישע קינדער אין גייסט פון דער תורה. ער איז אויך געווען טעטיק פאַר ארץ ישראל און זוכה געווען אַז זיין זון יהושע ז״ל און די טעכטער אסתר ז״ל און מינא תבלח״א, האָבן פאַרווירקליכט זיין ווילן און עולה געווען קייז ארץ ישראל.

יהושע האָט פאַרן עולה זיין געלערנט אַ פאַך — און עס איז יענע צייטן געווען אַ זעלטענע ערשיינונג, אַז אַ בן־תורה זאָל ווערן אַ בעל מלאכה. נאָך זיין עליה קיין ארץ ישראל, מיט זיין פרוי אידעל שערץ, האָבן זיי געעפנט אַ געשעפט פון געשיר און עלעקטרישע מכשירים און יהושע האָט דאַביי עוסק געווען אין זיין פאַך — עלעקטראַטעכניק.

יהושע איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער און געפירט אַ שטרענג־רעליגיעזן הויז פריינדליך צו יעדן, אָפּטימיסטיש געשטימט, אין יעדער זאַך האָט ער געזען די פּאָזיטיווע זייט און געפונען אין יעדן מענטש אַ ״צד זכות״. ער האָט זיך שנעל באַקאַנט געמאַכט אין זיין סביבה מיט זיין טאַקטפולע באַנעמונג מיט זיין יושר, גוטהאַרציקייט און גרייטקייט אַרויסצוהעלפן אַ צווייטן.

אין די ״געשעעניש״ 1936—39 און די קאַמפן מיט דער בריטישער מאַנדאַט־רעגירונג, איז ער געווען פול מיט בטחון אין זיג פון ״ישוב״ און בעת אונדזערע באַגעגנישן האָט ער מיר געעצהט צו קויפן אַ מגרש פאַר מיין משפחה, ווען זי וועט זוכה זיין עולה צו זיין.

אין לויף פון 2־טן וועלט־קריג, האָבן אָנגעהויבן קומען איוב־בשורות פון מאַסן מערדערייען און שחיטות וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די דייטשע צוררים ימ״ש און די ביטערע ידיעות האָבן באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון עדות, וואָס האָבן די גרויזאַמקייטן מיטגעמאַכט אויף זייער קערפּער.

איינצלנע און איינזאַמע, אָפּגעראַטעוועטע, וועלכע ס׳איז געלונגען דורכצוגיין דעם גיהנום און בלייבן לעבן, האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַנד ״בעירום ובחוסר כל״. יהושע האָט פאַר זיי געעפנט זיין היים און געהאָלפן ווי ווייט מעגליך.

איך האָב צו יענע צייט געדינט אין די ארץ ישראל אָפּטיילינגען פון ענגלישן מיליטער אין נאָענטן מזרח און זייער זעלטן איז מיר געלונגען אים צו באַזוכן אין דעם קורצן אורלויב וואָס כ׳פלעג באַקומען. די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק האָט געברענט ווי אַ פייער אין זיינע ביינער. ער האָט מיך ערמוטיקט אין מיין אַנטייל אין דער מלחמה געגן דייטשן



עמלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען אויף דעם יידישן פאָלק. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו זען דאָס אַנטשטיין פון אַ יידישער מדינה מיט אַ יידישע אַרמע, וואָס וועט קענען אָפּשטויסן די אָנפאַלער און צוררים. אין דער זעלבער צייט האָט ער מיטגעהאָלפן די קאָנספּיראַטיווע ארגאַניזאַציעס וואָס האָבן געקעמפט צו פאַרטרייבן די בריטישע מאַכט און פאַר יידישע זעלבסטשטענדיקייט.

נאָכן ענדע פון קריג אין אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מיט דער ״העפלה״ איינצלנע פליטים פון אונדזער שטעטל, וועלכע ס׳איז געלונגען זיך צו רעטן. קליין איז ליידער געווען זייער צאָל. זיי זענען געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן און האָבן זיך גענויטיקט אין הילף און ערמוטיגונג. יהושע ז״ל האָט אויך זיך גענומען צו העלפן זיי ״שטעלן אויף די פיס״. זיין אָפענע היים איז ביי זיי געווען ווי אַן־״אינסטיטוציע״ וואָס האָט זיי געהאָלפן אין זייערע ערשטע שריט אין לאַנד.

אַדאַנק יהושעס איניציאַטיוו איז אַנטשטאַנען אַ גמילת חסדים קאַסע פאַר אונדזערע לאַנדס־לייט, אונטער זיין לייטונג און ער האָט זי געפירט ביז צום סוף פון זיין לעבן. די הלוואות זענען געגעבן געוואָרן ״בסבר פנים יפות״ און זענען געווען אַ גרויסע הילף פאַר פיל פון אונדזערע לאַנדס־לייט.

יהושע האָט אָרגאַניזירט די יערליכע ״אזכרות״ צום אַנדענק פון די קדושים פון שטעטל, וועלכע האָבן אויך געדינט, אַלס צוזאַמענטרעף פון די לאַנדסלייט פון ברעזיוו אין דער סביבה, וואו מען האָט דערציילט זכרונות און געזאָגט אַ געמיינזאַמען ״קדיש״ בציבור, צום אַנדענק פון די אומגעקומענע. אין די אַלע טעטיקייטן האָט אים מיטגעהאָלפן זיין פרוי אדעלא ז״ל, וואָס צוגלייך מיט אים איז זי געווען איבערגעגעבן די טעטיקייט פון די שטעטטישע ענינים, בלב ובנפש. אויך זייערע קינדער צו לאַנגע יאָרן, האָבן געפּרואווט פאָרטזעצן די טראַדיציע נאָך יהושעס טויט. צום באַדויערן, מיט דעם אויסשטאַרבן פון די עלטערע און פאַרעלטערן זיך פון די איבריגע איז שווער געווען צונויפצוזאַמלען די שטעטטישע אויף אַנ־״אזכרה״ און צוליב דעם זענען ליידער די ״אזכרות״ בטל געוואָרן.

אין די לעצטע יאָר פון זיין לעבן האָט יהושע ז״ל געליטן פון אַ האַרץ קראַנקהייט און געמוזט פאַרלאַנגזאַמערן דעם טעמפּאָ פון זיינע טעטיקייטן אויף פאַרשידענע געביטן, און ער האָט געווידמעט מער צייט פאַר לימוד התורה, און פאַרטיפן זיך אין ״מחשבות ישראל״.

ווען עס איז אונדז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ שבת אין תל־אביב, פלעגן מיר באַזוכן ביי פאַמיליע ראט און הנאה האָבן פון די שבתדיקע מאכלים וואָס איידל האָט אונדז מכבד געווען. יהושע איז געזעסן אנגעלענט אויף זיין שטול און די שבתדיקע ״נשמה יתרה״ האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין פנים. ער פלעגט מיר מסביר זיין דעם אינהאַלט פון ספר אין וועלכן ער האָט מעיין געווען אָדער מפרש געווען די פרשת השבוע. אָפט פלעגן מיר דערציילן פאַרשידענע ערינערונגען פון שטעטל, פון אַמאָליקע יאָרן. ער האָט מיך דערמאַנט דאָס אַלס חדר־יונגל פלעג איך קומען שבת נאָך מיטאָג צו זיין פאָטער, ר׳ הערשאלע, זיך ״פאַרהערן״ אין דער ״סדרה״ פון דער וואָך און מען האָט מיך מכבד געווען מיט ״שבת אויבסט״ און זיסוואַרג.

פיל יאָרן האָט זיך יהושע נוהג געווען אַרויסצופאָרן אין חג העצמאות מיט דער משפחה אין פאַרשידענע ערטער איבערן לאַנד, בעאיינדרוקט זיך פון דעם אויסזעען אַרום און הנאה געהאַט פון דער אַנטוויקלונג פון אַלעם וואָס זיי האָבן געזען. זיי פלעגן באַזוכן קרובים און פריינט, און אַז זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון צפון, פלעגן זיי אויך אונדז באַזוכן. אַז איך פלעג אים דערלאַנגען אַ בינטל רויטע רעטעכלעך אָדער אַ פרישע גרינע אוגערקע, ערשט אַרויסגענומען פון גאָרטן, פלעגט ער מיך לויבן און זאָגן כאָטש דו ביסט נישט מדקדק אין מצוות, אָבער די מצווה פון ״יישוב הארץ״ ביסטו מקיים און דאָס שטייט אַנטקעגן אַלע מצוות.

אין אונדזערע שמועסן איז תמיד געקומען צום אויסדרוק זיין אָפּטימיזם און זיין טיפער גלויבן אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד.

ער האָט הנאה געהאַט פון דעם פארשריט פון זיינע קינדער, פון דער סינטעזע צווישן דעם ״היים״ און ״דרויסן״ אין זייער היטן די ווערטן פון דער יידישער טראַדיציע און מיטגיין גלייכצייטיק מיטן גייסט פון דער צייט.

זיין האַרץ וועלכעס האָט מיטגעמאַכט און בייגעשטאַנען פיל קאַמפן, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. אין ט״ו חשוון תשל״ד איז ער נפטר געוואָרן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

משה באַנק

יהושע ז״ל

אין שטעטל איז יהושע געווען אַ געטרייער און איבערגעגעבענער מיטגליד אין הסתדרות ״צעירי אגודת ישראל״. האָבנדיק אַ גוטמוטיקן כאַראַקטער און איינגעבוירענע טאלעראַנץ־אייגנשאַפטן וועלכע ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין היים, האָט ער אין זיין פאַרטיי־טעטיקייט זיך נישט פאַרנומען מיט דיסקוסיעס און פּאָליטישע וויכוחים, ווי אַנדערע יונגע פאַרטיילייט, נאָר זיך קאָנצענטרירט אין פּאָזיטיווע אַקטיוויטעט פון שיעורי תורה און קולטור טעטיקייט.

זיינע חברים, די בית המדרש בחורים, בעל הבתישע קינדער האָבן נאָך פיל יאָרן תורה לערנען — זיך גענומען העלפן זייערע עלטערן אין מסחר און שפּעטער געעפנט אייגענע געשעפטן. יהושע איז געגאַנגען אויף זיין אייגענעם אָנגעצייכנטן וועג. ער האָט אָנגעהערט, ווי געזאָגט, צו אַ נישט ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָבער ער האָט רעאַליזירט דעם ציוניזם מיט זיינע מעשים און ער האָט עולה געווען מיט זיין פרוי איידל ז״ל נאָך אין די 30־ער יאָרן. יהושע איז נישט געווען אויף ״הכשרה״ פאַר זיין עליה, ווי אַנדערע חלוצים, ער האָט זיך ״מכשיר״ געווען אויף אַ זעלבסטשטענדיקן אופן, לערנענדיק אַ פאַך — עלעקטראטעכניק, כדי צו קענען זיך מפרנס זיין אין ארץ ישראל ״מיגיע כפיו״.

